STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11439

# DI FAMILYE MUSHKAT

Isaac Bashevis Singer

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-11439-1

9780657114398T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Lief D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

יצחק
באשעוויס

# די
# פאמיליע
# מושקאט

צווייטער באנד

פארלאג
י.ל. פרץ
ישראל

תל־אביב תשנ״ב — 1992

ISAAC BASHEVIS (SINGER)

# DI FAMILIE MUSHKAT

## (The Family Moskat)

**VOLUME II**

די איצטיקע אויפלאַגע פון די פאַמיליע מושקאַט איז
אַ פאָטאָסטאַטישער איבערדרוק פון דער אָריגינעלער אויסגאַבע,
ניו־יאָרק, 1950.

© 1950 by Isaac Bashevis Singer
© renewed 1977 by Isaac Bashevis Singer

פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל־אביב, רח׳ ברנר 14
I. L. Peretz Publishing House
14, Brenner Str., Tel-Aviv, Israel

נדפס בדפוס אופסט ״ראם״, תל אביב

שער־בלאַט געצייכנט פֿון לאָלאָ

# קאַפּיטל צוויי און דרייסיק

## 1

אין אָוונט האָט דאָכע זיך פּלוצים אויפגעזעצט. דאָס פּנים איז געווען איינגעדאַרט, געל, די אויגן — גרויס און גלאַנציק. די קראַנקע האָט גענומען רופן רבקהן, די דינסט. די מויד איז געהאַט אַנדרימלט געוואָרן אין קיך אויפן בעטל. הדסה איז אַראָפּגעגאַנגען אין אַפּטייק קויפן אַ מעדיצין, וואָס דאָקטאָר מינץ האָט פאַרשריבן. דאָכע האָט גערופן מיט אַלע כּוחות, נאָר רבקה האָט נישט געהערט. די שלאָפע האָט אויפגעהויבן אַ זילבערנעם לעפל און מיט אים געקלאַפּט אויף דעם אַנלען פון דער שטול. צום סוף האָט דאָס מיידל זיך איבערגעוועקט און איז אַריינגעקומען, מיט אַן אָפּגעלעגענער באַק, צעשויבערטע האָר, די זאָקן אַראָפּגעלאָזט. דאָכע האָט זי אַנגעקוקט בייז.

— אַפילו שטאַרבן מוז יאָך אויך איינע אַליין!...

— באַלעבאָסטע, כ׳האָב געכאַפּט אַ דזשים. כ׳האָב אַ גאַנצע נאַכט נישט צוגעטאָן קאַ׳ן אויג.

— וואו איז הדסה?

— כ׳ווייס ניש׳. זי איז אַראָ׳געגאַנגען.

— טו מיר איבער אַ העמד. גיב מיר צו וואַשן די הענט!

רבקה האָט געעפנט די קאָמאָדע, גענומען זוכן צווישן דער וועש, נאָר ס׳איז דאָרט געלעגן בלויז איין ווייבעריש העמד: אַ האַלב־צעריסנס, מיט אַ סך שפּיצן. ס׳איז נאָך געבליבן פון דאָכעס אויסשטייער. ווען דאָכע האָט דערויף געטאָן אַ קוק, האָט זי זיך פאַרקרימט.

— נישטאָ קאַ׳ן אַנדערס? אַ שיינע באַלעבאַטישקייט!

רבקה האָט איר געהאָלפן אויסטאָן דאָס אַלטע העמד און אָנטאָן דאָס פרישע. דאָכע איז אין דער שלאָפקייט געוואָרן אויסגעצערט. די ריפּן האָבן אָפּגעשטאַרצט ווי רייפן. די בריסטן זיינען געווען לויז. אַ זיסליך־זויערער גערוך האָט זיך געטראָגן פון דעם לייב. דאָס העמד איז אויף איר געווען צו ברייט. די געהעפטעכצער, וואָס האָבן אַראָפּגעהאָנגען פון די אַרבל און אַרום דער ברוסט, זיינען געווען צעטעפּעט. דאָכעס פּנים איז געוואָרן אַלץ שטרענגער.

— וואַ׳נאָר ס׳שפּיגעלע!

רבקה האָט זיך אַ ווייל געקווענקלט, דערנאָך האָט זי צוגעטראָגן דאָס שפּיגעלע אין דער הילצערנער רעם. דאָכע האָט זיך לאַנג איינגעקוקט אין דעם אייגענעם געשטאַלט.

— אַ מת!

— די באַלעבאַסטע וויל אפשר עפּעס אין מויל אַריין?

— פֿאַר וועמען? פֿאַר די ווערים?

רבקה האָט צוגעבראַכט אַ קוואָרט וואַסער און אַ בעקן. זי האָט אָפּגעגאָסן דאַכעס הענט און מיט אַ האַנטוך אָפּגעווישט די ביי־ניקע פֿינגער. דאַכע האָט גענומען עפּעס מורמלען. זי האָט געוואָלט זאָגן אשר־יצר, נאָר זי האָט דער־זאָגט ביז דעם וואָרט בחכמה. ווייטער האָט זי פֿאַרגעסן. זי האָט פֿאַרלאַנגט מ'זאָל איר דערלאַנגען דעם קרבן־מנחה־סידור, אָבער ווי נאָר זי האָט אַרויס־גערעדט דאָס וואָרט, איז זי געבליבן אָן כּוחות. די אויגן האָבן זיך איר ווי איבערגעדרייט. רבקה האָט איר געהאָלפֿן זיך אָנשפּאַרן אויפֿן קישן. דאַכע איז געלעגן און געפּליסטערט אַ געמיש פֿון אַלערליי זאַגעכצער: מודה אני, שאו ידיכם, בידך אפקיד רוחי. מיט אַמאָל האָט זי זיך דערמאָנט אַ דייטשיש ליבע־ליד, וואָס די מיידלעך פֿלעגן אַמאָל זינגען. ס'האָט זיך אָנגעהויבן מיט די ווערטער:

דיינע וואַנגען ראָזע ראָט —

ס'האָט זיך איר געוואָלט ברומען דאָס ליד, זי האָט געדענקט די מעלאָדיע, אָבער די ווערטער זיינען איר אַרויס פֿון זכּרון. נאָך אַ ווייל איז זי אָנדרימלט געוואָרן. ס'האָט זיך איר געחלומט, אַז ס'איז פֿרייטאָג פֿאַר דער חופּה. דער ווינטער־טאָג איז קליין, די נאַכט פֿאַלט־צו, מ'דאַרף שוין באַלד צינדן ליכט. פֿאַר דער שול וואַרט דער חתן, די כּלי־זמר שפּילן, נאָר זי, די כּלה, האָט פֿאַרגעסן אָנצוטאָן דאָס חופּה־קלייד. דער שלייער איז ערגעץ פֿאַרוואָרפֿן. זי האָט אויף זיך איין שיכל, דער אַנדערער פֿוס איז באָרוועס. זי עפֿנט דעם קו־פֿערט, נאָר דער קאַסטן איז משונה־טיף, אָן אַ דנאָ. די טיר פּראַלט זיך אויף און ס'טוט אַ קום־אָן אַ פֿולע שטוב ידענעס, אין הויכע טשיפּקעס, ברייטע שלע־פּעס, שיך מיט לאַנגע נעז. די פּנימער זיינען געל, צוגעפּוילט, בלינד. אין די גערונצלטע הענט טראָגן זיי טאָפּלטע קוילעטשן. די זקנות גייען נישט, נאָר זיי טאַנצן. די מאַמע איז אויך צווישן זיי, אין אַ רויט קאַפּטיכל, צעריסענע שיך, מיט אַ וויעכעטש שטרוי. זי כאַפּט זי אָן ביים האַנט־געלענק, נעמט זי שלעפּן.

— מאַמע, וואוהין?

— צו דער שוואַרצער חופּה... אין פֿינסטערן גרוב!..

דאַכע האָט געעפֿנט די וויעס. פֿאַרן געלעגער איז געשטאַנען הדסה.

— הדסה, דאָס ביסט דו?

— יאָ, מאַמעשי.

— וואו ביסטו געווען?

— אין אַפּטייק.

— רוף אַריין ידן. כ'וויל זאָגן וידוי!

הדסה איז געוואָרן ווייס.

— ס'אַרא ידן?

— פֿרעג ניש' קאַ' קשיות. ס'ווערט שפּעט!

הדסה האָט זיך געלאָזט אַרויסגיין, נאָר דאַכע האָט זי צוריקגערופֿן. זי האָט גערעדט מיט אַ שטאַרק קול, וואָס פּאַסט נישט פֿאַר קיין חולה מסוכּן.

— וואו איז דיין טאַטע? וואו לויפֿט ער אַרום, דער אַכזר?
— כ׳ווייס נישט.
— וואָס ט׳זיין דיין סוף? כ׳ווייס אַלע דיינע מעשים רעים!
— מאַמעשי!
— שוייג. ביסט טמא. דיינע לעפֿצן זיינען אומריין!...
— מאַמעשי!
— אַוועק פֿון מיין פּנים. זונה!

הדסה האָט אַרויסגעפּראַלט מיט אַ געוויין. זי האָט זיך געטאָן אַ בויג, ווי אומצופֿאַלן. דורך דער האַלב־געעפֿנטער טיר האָט פֿישעלע אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ. געזען ווי הדסה וויינט, איז ער געוואָרן בלייך, זיך גענומען רוקן אויף צוריק. דאַכע האָט אונטערגעהויבן די שלאָף־קאַפּקע.

— וואָס אַנטלויפֿסטו? כ׳לעב נאָך. ביסט דען אַ כּהן?...

פֿישעלע האָט געמאַכט אַ טריט פֿאַראויס.

— וואָס מאַכט די שוויגער?

— אויף שונאי־ציון געזאָגט! באַ לייטן מענטשן לעבן גרינג און שטאַרבן גרינג. מיר קומט נעבעך אַלץ אָן שווער. כ׳האָב געהאַט אַ מאַמען אַ כּשרע יידענע, נאָר אַ ביטער מענטש. זי׳ט מיך נאָר געשטראָפֿט און געטריבן. אוי ווי, קאָ׳ מינוט האָט זי מיך ניש׳ געלאָזט איינרוען. כ׳בין געווען די עלטסטע אין הויז און מ׳האָט אויף מיר אַרויפֿגעלייגט דעם יאָך. כ׳האָב געטראָגן דעם עול פֿון פֿינף יאָר אָן. דער טאַטע איז געווען אַ הייליקער ייד, נאָר אַ בטלן. וואָס האָט ער פֿאַרשטאַנען? דאַכע — טיי. דאַכע — פֿאַררויכער מיר ליולקע־ציבוק. דאַכעלע, גיי באָרג געלט. ס׳איז נישטאָ אויף שבת. כ׳בין אין פֿרעמדע שטובן געגאַנגען, ביי דער טיר געשטאַנען. ס׳בלוט איז מיר געוואָרן פֿאַרצאַפּט. ווינד איז מיר! כ׳בין נאָך נישט אַלט געווען קאָ׳ן אַכט יאָר!...

— שוויגער, זיי האָבן, חלילה, נישט געמיינט קאָ׳ שלאַכטס. מ׳דאַרף מוחל זיין.

— כ׳בין זיי מוחל, נאָר וואָס האָט מען פֿון מיר געוואָלט? אוי! אַלע מיידלעך האָבן זיך געשפּילט אין צייכן, ראָדע דראַנע, מ׳האָט געטאַנצט, גע־שפּרונגען, און יאָך בין געלעגן אויפֿן בעטל אין געהאַקטע צרות. די מאַמע, עליה השלום, איז אַוועק צו קומעס, זיך געלאָזט וואוילגיין — —

— שוויגער, ס׳איז איצט נישט די צייט.

— כ׳ווייס. כ׳פֿאַרזינדיק מיר נעבעך די לעצטע מינוטן. אַז מ׳האָט נישט די־וועלט, האָט מען אויך נישט יענע־וועלט!...

דאַכע האָט גערעדט מיט אַ נאָגנדיקער שטים, מיט אַ נוסח פֿון מענה־לשון. ס׳האָט זיך געדוכט, אַז די עוולה, וואָס מ׳האָט איר געטאָן, לאָזט זי נישט שטאַרבן. נאָך אַ וויילע האָט זי צוגעשלאָסן די אויגן, גענומען דרימלען. אין האַלב פּנים האָט געשמייכלט. דאָס אַנדערע איז געוואָרן ערנסט און שטייף. הדסה האָט זיך געלאָזט אַריינגיין אין דער סאַלע. פֿישעלע איז נאָך אַ וואָק־לעניש איר נאָכגעגאַנגען.

— הדסה, וואָס זאָגט דער דאָקטאָר?

— כ׳ווייס נישט. לאָז מיך געמאַך.

— האָר צו. כ׳דאַרף דיר עפּעס זאָגן.

— נישט אַצינד.

— הדסה, כ׳ווייס אַלץ. מיר טאָרן נישט וואוינען!

הדסה האָט אים אָנגעקוקט דערשטוינט. די טרערן האָבן זיך געקייקלט איבער די באַקן.

— וואָס ווילסטו?

— יאַכ׳ל דיך גטן. פון מאַן זאָט ט׳ניש׳ זאָן קאָ׳ מניעה.

— אַ דאַנק.

— זיי וויסן, אַז כ׳האָב דיך שטאַרק ליב געהאַט. אהבת נפש. נאָר, אַז ס׳האַלט שוין אַזוי וואָט, מוז מען מאַכן אַן עק. על פּי דין!

— כ׳פאַרשטיי.

— מיר טאָרן נישט זאָן אונטער איין דאַך!...

פישעלעס ברילן זיינען געוואָרן פאַרהויכט. אויף די בעקלעך זיינען אַרויס־געטראָטן פלעקן. ער האָט געשמייכלט מבוייש און זיך געריכט אויף אַ גוט וואָרט, צום לעצטן מאָל. הדסה האָט אָנגעהויבן עפּעס רעדן, נאָר אין דער רגע האָט זיך דערהערט פונדרויסן אַ קלינגעניש. הדסה איז געגאַנגען עפענען. ס׳זיי־נען אַריין דריי מאַנסלייט מיט אַמאָל: דאָקטאָר מינץ, אַבראַם, ניוניע. ד״ר מינץ איז געקומען געבן אַן איינשפּריצונג. צווישן די דיקע וואָנסן האָט געגליט אַ לעצט שטיקל ציגאַר. דער קאַפּעליוש איז געווען צעקנייטשט. אויפן לאַץ האָט געהאַנגען אַ הייפל אַש. מינץ איז געקומען צו פאָרן אין אַ קאַטש, פונדעסטוועגן האָבן אויף די אומגעלומפּערטע קאַלאָשן געקלעפּט שטיקער בלאָטע. ער איז אַריין אַ האַפּרדיקער, אַ פאַנפעגדיקער און געטאָן הדסהן אַ קניפּ אין בעקל. אַבראַם איז געגאַנגען מיט שטילע טריט, פאַרלאָשן דעם ציגאַר ביי דער שוועל. ניוניע האָט געטראָגן דאָס פוקסענע פוטערל מיט די ווידלען און דאָס פּליושענע היטל מיט די לאַפּן, מעשה פריץ. זינט דאָס ווייב איז געלעגן קראַנק, האָט ער גענומען שערן דאָס בערדל. ס׳איז פון טאָג־צו־טאָג געוואָרן קירצער. ער האָט אַ ברום געטאָן צו הדסהן:

— נישט גוט, הע?

— קום אַהער, הדסה, צינד מיר אָן די מאַשינקע! — האָט דר. מינץ באַ־פוילן.

הדסה איז מיט אים אַריין אין קיך, אָנגעצונדן די גאַז־מאַשינקע. ד״ר מינץ האָט אין אַ בלעכן געפעסל געקאָכט דעם שפּריצער און די נאָדל. דאָס גאַז־לעמפּל האָט געוואָרפן אַ געלבלעכע שיין. מינץ האָט צוגעשפּאַנט צום וואַסער־קראַן, געוואַשן די הענט, אויסגעשפּיגן אין שיסל דאָס פּיצל ציגאַר. ס׳איז נישט געווען צו פאַרשטיין ווי ער פאַרבערנט נישט די וואָנסן.

— זעסט אויס שלעכט, הדסהלע!

— יאָ, טאַקיש.

— דו טאָרסט דיך נישט אָפּלאָזן, דו מוזט זיין געזונט!

— צו וואָס? כ׳וויל שטאַרבן.

— צו־פֿרי, טאָכטער. וועסט קיינעם נישט טאָן קאָ׳ טובה!...

דאָס וואַסער האָט אָנגעהויבן בלעזלען. הדסה האָט פֿאַרדרייט דעם גאַז. מינץ האָט גענומען אָנפֿילן דאָס טרייבל. ער האָט געפּרואווט מיט דאָקטאָרשער געניטשאַפֿט אַראָפּשנעלן דאָס העלדזל פֿון פֿלעשעלע, נאָר די האַנט האָט זיך אים געטרייסלט. אַ שווייס איז אים אַרויס אויפֿן שטערן.

— מ׳ווערט אַלט, הדסה. פֿע!...

מינץ האָט מיט וואַקלדיקע טריט זיך געלאָזט אַריינגיין צו דאָכען אין שלאָף־שטוב. אויפֿן וועג, אין קאָרידאָר, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און גענומען קוקן אויף אַ בילדל, וואָס ער האָט דאָ געזען צום ערשטן מאָל. איבער דעם קויש פֿון דער וועש האָט געהאַנגען אַ צייכנונג פֿון ר׳ משולם מושקאַט. ס׳איז געווען אונטערגעשריבן קאַרלסבאַד, די דאַטע און דער נאָמען פֿון צייכענער. מינץ האָט לאַנג געגאַפֿט. דו, אַלטער, ביסט שוין דאָרט — האָט ער געמורמלט. — ווייסט שוין אַלע סודות!... הדסה האָט זיך אויך אָפּגעשטעלט. עמעץ האָט זי אָנגענומען הינטן־אַרום ביים אַקסל. ס׳איז געווען אַבראַם.

— האָסט עפּעס פֿון אים געהערט? — האָט ער איר איינגערוימט אין אויער.

הדסה האָט געטאָן אַ ציטער.

— ניין, גאָרנישט.

— אויב אַזוי, האָט ער געמאַכט פּליטה!...

ניוניע איז אַריין צו זיך אין שטיבל. ער האָט ערשט נישט לאַנג געהאַט אָפּגעגעסן אַ מיטאָג פֿון געהאַקטע לעבערלעך, לאָקשן מיט יויך, גענדזנס, עפּל־קאָמפּאָט, נאָר ער איז שוין ווידער געווען הונגעריק. די מלחמה און דאָס יקרות האָבן אין אים פֿאַרשטאַרקט דעם אַפּעטיט. ס׳האָט אים כּסדר געגנאָגט אונטערן לעפּעלע. אין אַ שופֿלאָד פֿון שרייב־טיש האָט ער געהאַט ליגן אַ שטיק צוקער־לעקעך און אַ באַרנע. ער האָט זיך געשעמט מיט דעם הונגער אין אַ צייט, ווען דאָס ווייב איז נוטה למות, און ער האָט פֿאַרקייטלט די טיר. ער האָט געקייט, געשלונגען, און דאָס בערדל איז אים פֿול געוואָרן מיט קרישקעס. אוי, ווי, ביטער ווי גאַל, — האָט ער געקלערט. — ס׳איז שוין נענטער ווי ווייטער. אַ רחמנות אויף הדסהן!... ער האָט אַראָפּגעשלונגען דעם לעצטן ביסן און געעפֿנט דאָס ספֿרים־שענקל. אין אונטערשטן פֿאַך איז געשטאַנען אַ זיטן־געשיכטע. ניוניע האָט אויפֿגעמאַכט אַ באַנד, גענומען לייענען פֿון מיטן. ס׳איז דאָרט געווען באַשריבן דער מנהג פֿון אַ מיטל־אַפֿריקאַנישן שבט מל׳ע צו זיין נישט די יינגלעך, נאָר די מיידלעך. די צערעמאָניע ווערט דורכגעפֿירט נאָך אַ געצן־דינערישער פֿייערונג, ווילדע טענץ. אַנשטאָט מעסערס האָט מען דאָרט גענוצט שאַרפֿע קיזלשטיינער. ניוניע האָט גענומען ציען די האָר אויפֿן קין. די שילדערונג האָט אין אים דערוועקט תאווה. ער האָט געהאַט אָפּגעלעבט די יאָרן מיט אַ קראַנקער פֿרוי, אַ פֿרומע, אַ בייזע, אַ רבנישע טאָכטער. נישט זי האָט געקאָנט שטילן זיינע מאַנסבילשע באַדערפֿענישן, נישט זי האָט זיך געגעבן די מי. אָדער זי איז געווען שלאַף, אָדער זי האָט געהאַט אַ שאלה. ניוניען איז דורכגעלאָפֿן דורכן געדאַנק, אַז נאָך די שלשים וועט ער אַריבערגיין צו דער

פֿרוי גריצהענדלער, די אלמנה, וואָס ער קויפֿט ביי איר ביכער, און רעדן מיט איר אָפֿענע דיבורים. ער האָט זיך דערשראָקן פֿאַר דער דאָזיקער מחשבה און אויסגעשפּיגן אין טיכל אַריין.

— עט, פּע! וואָס טוט זיך מיט מיר? חס־ושלום!... זי׳ט נאָך זיין געזונט!... הלואי!...

## 2

אָנהויב טבת איז ביי דער פֿאַמיליע מושקאַט געווען אַ טאָפּלטע לוויה: יואל און דאַכע זיינען געשטאָרבן אין איין טאָג. אויפֿן גזשיבאָוו האָבן ביידע עגלהס זיך געטראָפֿן און געגאַנגען איינע נאָך דער אַנדערער. אין דרויסן האָט האַלב־געשנייט, האַלב־געהאָגלט. לויט פֿאַר די מושקאַטס איז דער עולם געווען אַ קליינער. ס׳זיינען בלויז נאָכגעפֿאָרן אַ סך דראָשקעס. הדסה איז געווען אינגאַנצן איינגעהילט אין שוואַרצן. ס׳האָבן זי געפֿירט צוויי קוזינעס, סטעפֿע און מאַשע. אויפֿן בית־עולם האָט הדסה געזען דורכן שלייער צוויי אָפֿענע גריבער, איינער אַקעגן אַנדערן. דער פֿעטער יואל איז געווען שווער. די חבֿרה־לייט, וואָס האָבן אים אַראָפּגעלאָזט אין קבֿר, האָבן זיך געבויגן אונטער דער לאַסט. די מאַמעשי האָט אויסגעזען אין די תּכריכים אויסטערליש קליין און דין. מ׳האָט זי אַריינגעלייגט אין דעם נאַסן גרוב און אינדערגיך פֿאַרשאָטן מיט ערד. דער פּעך־שוואַרצער באַגרעבער מיט די פֿייערדיקע אויגן און דער געקרויזטער באָרד האָט גיך געוואָרפֿן די לאָפּאַטעס זאַמד, געזאָגט פּסוקים. פֿישעלע האָט געהאַלטן דער שוויגערס צוואה: ער האָט געזאָגט קדיש אויפֿן קבֿר. ער האָט זיך געשאָקלט אַהין־און־צוריק און דאָס דינע קולכל האָט זיך געבראָכן פֿון טרערן.

— יתגדל ויתקדש שמה רבא בעלמא די ברא כרעותה וימליך מלכותה ויצמח פורקנה ויקרב משיחה...

די ווייבער האָבן געוויינט. די מאַנסלייט האָבן געזיפֿצט. אַבֿראַם האָט אונטערגעהאַלטן חמאָן ביים אָרעם, ווייל פֿון צער איז די יידענע געוואָרן פֿאַרשלאָפֿט. זי האָט זיך יעדעס מאָל געטאָן אַ בויג ווי אומצופֿאַלן. ניוניע האָט געטראָגן דאָס פֿוקסענע פֿוטער מיט די ווידלען און דאָס פּליושענע היטל מיט די לאַפּן. די געמזענע שטיוועלעך האָבן געשטעקט אין אַ פּאָר גלאַנציקע קאַלאָשן. צווישן די באַגלייטערינס איז געווען בראָניע גריצהענדלער, די אלמנה, אַן אייגנטימערין פֿון אַן אַנטיק־געשעפֿט אויף דער שוויענטאָ־קזשיסקע. בראָניע האָט געווישט די טרערן מיט אַ זיידן טיכעלע און ניוניע האָט איר פֿון מאָל צו מאָל צוגעוואָרפֿן אַ בליק. ניוניע האָט שוין געהאַט ביי זיך אָפּגעפּאַסט צו רעדן מיט דער פֿרוי גריצהענדלער אָפֿענע דיבורים.

צוריק פֿון דער לוויה זיינען געפֿאָרן אין איין דראָשקע ניוניע, פֿישעלע און הדסה. אין דער היים האָט מען די אַבֿלים צוגעטראָגן אַ ברייטל און האַרטע אייער מיט אַש, ווי ס׳איז דער מנהג, נאָר הדסה האָט נישט געקאָנט עסן. דער שפּיגל אין דער סאַלע איז געווען פֿאַרהאָנגען. אין שלאָף־שטוב האָט געברענט אַ נשמה־ליכט און ס׳האָט געוויקט אַ טיכעלע אין אַ גלאָז וואַסער. הדסה איז

אַוועק צו זיך אין מיידלשן צימער און זיך פֿאַרקייטלט. זי האָט אַראָפּגעלאָזט דעם ראָלעט איבערן פֿענסטער, זיך אַוועקגעלייגט אויפֿן בעטל אין די מלבושים און אַזוי אָפּגעלעגן די רעשט טאָג און די גאַנצע ווינטער־נאַכט. די דינסט האָט אַ פּאָר מאָל אָנגעקלאַפּט, נאָר הדסה האָט נישט געענטפֿערט. ניוניע איז די ערשטע האַלבע שעה געזעסן אויף אַ קליין בענקעלע, אין געוואַנטעטע שטעקשיך, און אַריינגעקוקט אין אַ פּסוק איוב. אָבער איובס טענות און די טרייסטווערטער פֿון די געזעלן זיינען אים באַלד געוואָרן איבערדריסיק און ער איז אַריין צו זיך אין קאַבינעט. דאָרט האָט ניוניע פֿאַרויכערט אַ ציגאַר און זיך אָנגעלענט אויף דער סאָפֿע. דער טעלעפֿאָן האָט געקלונגען. ס׳האָט גערעדט בראָניע גריצהענדלער.

— ניוניעלע וויל אפֿשר עפּעס האָבן? זי זאָלן שוין אָפּגעהיטן ווערן פֿון צער!...

— בראָניע־לעבן, אַ שאַינעם דאַנק. קומען זי אַריבער. זי וועלן מיך מחיה־זיין!...

ניוניע האָט אַרויסגענומען דעם באַנד פֿון דער זיטן־געשיכטע, וואָס איז געשטאַנען אין שויבן־שענקל, געבלעטערט, זיך אַריינגעקוקט אין די האַלץ־שניטן. ער האָט נישט געהאַט קיין געדולד צו דעם זיצן אין שטוב אָן די שיך, צו דעם מנין, וואָס האָט דאָ געזאָלט דאַווענען צוויי מאָל אַ טאָג, צו די לייט, וואָס וועלן קומען מנחם־אבל זיין און אָנטרעטן אויף די טעפּיכער. איצט, אַז ר׳ משולם האָט נישט געלעבט און דאָכע איז געווען טויט, האָט ער נישט געדאַרפֿט טראָגן די מאַסקע פֿון פֿרומקייט. ס׳איז מער נישט געווען קיין שום אָפּהאַלט ער זאָל אָנטאָן אייראָפּעאישע קליידער. ער האָט בלויז געהאַט עגמת־נפֿש פֿון הדסהן. ביינאַכט האָט ער זי עטלעכע מאָל געהערט הוסטן. דער מוטערס טויט און דאָס, וואָס דער עוזר־העשל איז אַוועק דינען, האָט זי נעבעך די רעשט דערהרגעט. אָבער וואָס האָט ער געקאָנט העלפֿן? זי האָט אַפֿילו נישט געלאָזט צו זיך רעדן.

די דריטע נאַכט פֿון דער שבעה האָט ניוניע זיך איבערגעוועקט אַ דערשראָקענער. הדסה האָט געהוסט און געקרעכצט. ניוניע האָט אָנגעשטעקט די שטעק־שיך, אָנגעטאָן דעם מאָרגן־ראָק, איז אַריין צו דער טאָכטער. די עלעקטרע האָט געברענט. הדסה איז האַלב־געזעסן, האַלב־געלעגן. דאָס פּנים איז געווען ווייס, די ליפּן — רויט.

— הדסה־לעבן, וואָס איז דיר? — האָט ניוניע געפֿרעגט. — אפֿשר רופֿן אַ דאָקטאָר?

— ניין, פּאַפּאַ.

— וואָס דען?

— לאָז מיך שטאַרבן.

ניוניע האָט זיך אַזש אָפּגעשאָקלט.

— משוגע מיינע שונאים? ביסט נאָך אַ יונג קינד. כ׳על גלייך אָנקלינגען מינצן!

— ניין, פּאַפּאַ. נישט אין מיטן דער נאַכט!

ניוניע האָט אויפֿגעוועקט דאָס דינסט־מיידל. מ׳האָט אויפֿגעזאָטן פֿאַר הדסהן

טיי מיט מאַלינעס. מ׳האָט איר געגעבן קאַנדל־צוקער, מילך מיט פּוטער, נאָר זי האָט נישט אויפֿגעהערט צו הוסטן ביז פֿאַרטאָג. צומאָרגנס איז געקומען דאָקטאָר מינץ. ער האָט צוגעשטעלט צו הדסהס פּלייצע אַ האָריק אויער און זיך געקרימט. ניוניע און פֿישעלע האָבן געוואַרט אין דער סאַלע. מינץ איז אַרויס מיט אַ קרומען קנייטש אין שטערן.

— ס׳ווייבל הויבט מיך נישט אָן צו געפֿעלן!

— וואָס טוט מען? — איז פֿישעלע געוואָרן בלאַס.

— מ׳דאַרף זי נעמען קאַ׳ן אָטוואָצק. צו באַראַבאַנדערן אין סאַנאַטאָריום.

ניוניע האָט געקראַצט דאָס בערדל. מיאוסע טראַכטעכצער זיינען אים געקומען אויפֿן זין: ס׳איז גוט, וואָס פֿישעלע איז אַ נגיד און ער׳ט דעקן די קאָסטן... דאָס, וואָס הדסה וועט זיין אין אָטוואָצק, איז אויך געווען גינציק פֿאַר דעם שידוך מיט דער פֿרוי גריצהענדלער. צו פֿאַרטרייבן די עגאָאיסטישע קלערעכצער, האָט ניוניע גענומען אַרויסווייזן געטריישאַפֿט.

— דאָקטאָר־לעב, ס׳איז כאָטש ניש׳ געפֿערלעך?

— מ׳דאַרף פֿאַרכאַפּן באַציייטנס!

דר. מינץ האָט אָנגעטאָן דאָס לאַנגע פּוטער, דעם פּליושענעם קאַפּעליוש, פֿאַרויכערט אַ ציגאַר, זיך געלאָזט אַוועקגיין אָן האָנאָראַר. דאָקטאָר מינץ האָט אַלץ געוואוסט וועגן דער הדסהן. ס׳זיינען דערגאַנגען צו אים אַלע פּאַטשטן. פֿישעלע איז נאָכגעלאָפֿן אויף די טרעפּ, אָן אַ פּאַלטאָ, אין דער געהאַקטער קאַפּאָטע, אים אַריינגעשטופּט אַ דרייער־קערבל.

— דאָקטאָר, ווי לאַנג ט׳מען זי דאָרט האַלטן?

— אפֿשר אַ חודש און אפֿשר אַ יאָר! — האָט מינץ געענטפֿערט שטרענג.

— ס׳אַ מקח־טעות, הע?

— חס־ושלום!

פֿישעלע איז אַראָפּ ביז צום טויער, צוגעקוקט ווי דער דאָקטאָר איז איינגעזעסן אין דער קאַטש. וואָס רעדט ער עפּעס וועגן אַ מקח־טעות? — האָט פֿישעלע געטראַכט. — די דייטשן מיינען, אַז נאָר זיי האָבן הערצער. ביי חסידים איז אַלץ מסחר... פֿישעלע איז נאָך געשטאַנען ביז די קאַרעטע האָט זיך אַריינגעדרייט אין דער וויעלקע. דערנאָך האָט ער זיך געלאָזט אַרויפֿגיין צוריק צום שווער. ער האָט געצופּט די פּיאות, געביסן די אונטערשטע ליפּ. די הדסה האָט אים אָפּגענאַרט, פֿאַרשאַפֿט בושות און חרפּות, אָבער ער האָט נישט געקאָנט אויסוואָרצלען די ליבשאַפֿט. דאָס ווייבל האָט נעבעך נישט קאַ׳ן עולם הבא, נישט קאַ׳ן עולם הזה. אַ פֿאַרלוירענע נשמה, אַ קראַנקע. נו, בכן? ס׳קאָן זיין, זי איז אָנגעלייגטער ביים רבונו של עולם פֿון אַלע וצדקתך׳ס. דער תּוך איז זייד. ווער ווייסט צוליב וועמענס זינד זי קומט אָפּ? אפֿשר איז זי אַ גלגול פֿון אַ צדיק, וואָס דאַרף זיך דאָ אויסלייטערן?...

גייענדיק אויף די טרעפּ צוריק אַרויף צו ניוניען, האָט פֿישעלע ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז ער׳ט בשום־אופֿן זיך נישט גטן מיט דער הדסהן. ער׳ט זי אויסהאַלטן בכבוד, זי היילן, שיקן אין וואַרעם־באָד, ראַטעווען ווי ווייט מ׳קאָן. זכרתי לך חסד נעוריך, איז אים געקומען אַ פּסוק אויף דער צונג, כאָטש ס׳האָט נישט

געהאַט קיין שייכות. איצט איז זי אַ יתומה אויך. מיטן אויבערשטנס הילף וועט זי ווערן געזונט און זיך אַרויסשלאָגן די נאַרישקייטן... פֿישעלע איז צוריק אַריין אין שטוב, זיך געלאָזט צו הדסהן אין צימער.

— נו, וואָס מאַכסטו?

— אַ דאַנק.

— מ׳עט דיך מוזן נעמען קיין אָטוואָצק. דאַרפֿסט לופֿט.

— כ׳דאַרף שוין גאָרנישט!

— וואָס רעדסטו? וועסט מערטשישעם זיין געזונט. איכ׳ל אויף דיר אַכטונג טאָן. ביסט ניש׳, חלילה, צ׳יישן פֿרעמדע.

— פֿאַרוואָס? כ׳בין צו דיר שלעכט.

הדסה האָט אויף אים אַ קוק געטאָן פֿאַרחידושט. די אויגן הינטער די געשליפֿענע ברילן האָבן געשמייכלט. די בעקלעך האָבן זיך גערויטלט. פֿאַרוואָס זאָל ער מיך ליב האָבן? — האָט זי זיך געוואונדערט. — ווער איז ער? קומט דאָס פֿון לערנען דעם תּלמוד? די תּלמודיסטן האַלטן דאָך, אַז אַ פֿרוי איז אייבערהויפּט ניִשט קיין מענטש...

נאָך דער שבעה האָט מען הדסהן אַריבערגעפֿירט מיט דער באַן קיין אָטוואָצק. אין וואַגאָן, צווייטע קלאַס, זיינען מיטגעפֿאָרן פֿישעלע און שפֿרה דינסט. הדסה האָט געהאַלטן אַ ביכל איינגעבונדן אין שוואַרצן סאַמעט: נאָוואַליסעס הימנען צו דער נאַכט. די לאַנקעס אויף דער ליניע זיינען געלעגן אָפּגעקראַכענע, גרין־געלע. דאָ און דאָרט באַדעקט מיט פֿלאַכטעס שניי. דורכן נעפּל האָבן זיך אָפּגעצייכנט קוימענס פֿון פֿאַבריקן. ס׳האָט אויפֿגעטויכט אַ טורעמל פֿון אַ קלויסטער, די קאָנטורן צעשוואומען, ווי אויפֿגעמאָלט אויף אַ לייוונט. קראָען האָבן געקראַקעט. הינט האָבן געבילט. טעלעגראַף־דראָטן האָבן געברומט. דר. באַראַבאַנדער, וואָס האָט באַקומען אַ ראַפּאָרט פֿון דר. מינץ, האָט שוין געהאַט צוגעגרייט פֿאַר דער פּאַציענטין אַ צימער. הדסה האָט זיך גלייך געדאַרפֿט לייגן אין בעט אַריין. דאָס שטיבל האָט געהאַט אַ ווענעציאַניש פֿענסטער, און אַ טיר, וואָס איז אַרויס צו אַ וואַרענדע. אויף די סאָסנעס האָבן זיך געוויגט שטיקער שניי. פֿון דעכל האָבן אַראָפּגעהאַנגען צעפּלעך אייז. פֿייגעלעך האָבן געצוויטשערט, ווי אין זומער. אַ האָן האָט געקרייעט. דורך דער אָפֿענער אויבערלופֿט האָט אַריינגעבלאָזן אַ שאַרף ווינטל, געמישט מיט רויך פֿון לאָקאָמאָטיוו. די ווינטערדיקע זון האָט זיך שוין געזעצט הינטערן וואַלד און אויף די טאָפּעטן האָבן געציטערט פּורפּורנע געהאַפּטעכצער. פֿישעלע און שפֿרה זיינען אָוועקגעפֿאָרן. אַ שוועסטער אין אַ ווייס פֿאַרטוך און אַ הייבל האָט אויפֿגעהאַנגען צוקאָפּנס אַ טעמפּעראַטור־ברעטל, אַריינגעשטעקט דער קראַנקער אַ טערמאָמעטער צווישן די ליפּן. קעגן נאַכט־צו האָט אָנגעהויבן צו שנייען. ווייסלעכע ווינטלעך האָבן געשטויבט. שנייעלעך האָבן געווירבלט. ס׳איז געווען גוט צו זיין ווייט פֿון וואַרשע, דער משפּחה, פֿון פֿישעלעס אייל־געוועלב, פֿון פּאַפּאַ... וואָס טוט איצט, אַ שטייגער, עוזר־העשל? טראַכט ער וועגן איר? וואו וואַלגערט ער זיך אַרום? אין וואָסערע קאַזאַרמעס, שוך־גרובנס, קעלטן, געפֿאַרן?

הדסה איז איינגעשלאָפֿן. אין מיטן דער נאַכט האָט זי זיך איבערגעוועקט.

אויף די זוימען שויבן זײַנען אויפֿגעגאַנגען פֿראָסט־ביימלעך. אינדרויסן זײַנען געפֿאַלן אײַנצלנע שופּן. די לבנה האָט זיך געשניטן צווישן העלע וואָלקנס. די שטערן האָבן געבלינצלט. וואָס האָבן זיי געאַנט וועגן די לײַדן אויף עפּעס אַ פּלאַנעטל, וואָס רופט זיך ערד? הדסה האָט פֿונדעסטוועגן געזאָגט אויף פּויליש אַ תּפֿילה: גאָט, דו אַלמעכטיקער, נעם אונטער דײַנע פֿליגל די הייליקע נשמה פֿון מײַן מאַמעשי. באַשיץ מײַן געליבטן פֿון הונגער, קראַנקייט, שונאים, טויט. דאָס האָסט דו דאָך מיר אַרײַנגעגעבן די ליבע!...

הדסה האָט אָפּגעוואַרט אַ ווײַל, אָנגעשפּיצט די אויערן.

—מאַמעשי, דו הערסט? ענטפֿער מיר!... גיב מיר אַ צייכן!...

אָנשטאָט אַן ענטפֿער פֿון דאַכען, איז אָנגעפֿלויגן פֿון וואַרשע אַ לאָסט־צוג. די לאָמפּן האָבן געוואָרפֿן אַ זײַל ליכט איבער די סאָסנעס און די שטאַמען זײַנען זיך דערפֿון צעלאָפֿן, געוואָרן שיטער, גרעל און ווי אויפֿגעמאָלט אויף אַ דעקאָראַציע.

—◆—

## קאַפּיטל דרײַ און דרײַסיק

ר׳ דן קאַצענעלענבויגן האָט ביסלעכווײַז אײַנגעזעצן, אַז ווי וואויל ס׳איז אמת, וואָס די גמרא זאָגט: ישיבת כרכים קשה, האָט וואַרשע פֿאָרט אירע מעלות. דער רב האָט דאָ געפֿונען ספֿרים, וואָס ער האָט נישט געקאָנט קריגן אין קליין־טערעשפּאָל, אין יאָנעוו און אַפֿילו אין לובלין. די שטאָט איז געווען אַ מקום תּורה: וואו מ׳איז געגאַנגען האָט מען אָנגעטראָפֿן שולן, בתּי־מדרשים, שטיבלעך, מקוות. גובהס זײַנען אַרומגעגאַנגען און געקליבן וואָכנגעלט פֿאַר ישיבות. פֿון חדרים און תּלמוד־תּורהס האָט מען געהערט די קולות פֿון קינדער, די תּינוקות של בית רבן, וואָס צוליב דעם אָטעם פֿון זייער מויל האָט די וועלט אַ באַשטאַנד. אמת, ס׳זײַנען דאָ געווען אויך אַ סך היינטיק־וועלטישע: גלוחים, ווײַבער אין די האָר, סטודענטלעך, וואָס האָבן שטודירט אין די גימנאַזיעס, אַלערליי ציוניסטן, סטרײַקערס, און גלאַט וואוילע יונגען, וואָס האָבן אָפּגעטאָן פֿון זיך דעם יאָך פֿון יידישקייט. אָבער זיי האָבן זיך אין ר׳ דנס אויגן נישט אָנגעזען. וואַרשעווער לומדים האָבן זיך ביסלעכווײַז דערוואוסט, אַז ר׳ דן קאַצענעלענבויגן איז אין וואַרשע און מ׳איז אים געקומען מקבל פּנים זײַן. אין קליין־טערעשפּאָל האָט ר׳ דן נישט געהאַט קיין צענטל כּבוד ווי אין דעם פֿרעמדן וואַרשע. ס׳איז געווען גרייַלעך. ווי ס׳שטייט ביי אברהם אָבינו: לך לך... ואגדלה שמך. ר׳ דן האָט זיך געוואונדערט. אין קליין־טערעשפּאָל האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז קיינער ווייסט נישט פֿון אים און אַז יענע, וואָס האָבן יאָ געהערט, האָבן אים שוין לאַנג פֿאַרגעסן. ווי וואויל דער רב איז נישט געשטאַנען נאָך קיין כּיבודים, האָט דאָס אים פֿאַרשאַפֿט אַביסל נחת־רוח, ווארום ס׳איז געווען אַ צייכן, אַז די תּורה איז נאָך אַלץ בחשיבות.

פּרנסה איז געווען קנאַפּ. ר׳ דן האָט געלעבט פֿון אָפּגעצערטן געלט. ער האָט געדאַרפֿט אויסהאַלטן דעם עלטערן זון, צדוק, און זײַן משפּחה, ווי אויך

די טאָכטער פֿינקל, איר טאָכטער דינהלע און דאָס ערשט־געבוירענע אור־אייניקל, אַ מיידעלע. די דירה אויף דער פֿראַנציסקאַנער גאַס איז געווען, קיין עין־הרע, פֿול. צו דער זעט האָט קיינער נישט געגעסן. אָבער ס'האָבן זיך אָנגעהויבן ווייזן פֿאַרדינסטלעך. אַמאָל איז אַריינגעפֿאַלן אַ דין־תּורה, אַ חתונה, אַ בוררות. צדוק איז געוואָרן אַ מלמד ביי עטלעכע נגידישע בחורים. לוי מאירס איידעם, לייבעלע גוטשעס, הינדעס מאַן, דער נגיד, האָט געהאָלפֿן שווער־און־שוויגער. ר' דן האָט זיך געפֿירט גלייך ווי אַמאָל אין קליין־טערעשפּאָל. ביין אין אָוונט האָט ער זיך געלייגט שלאָפֿן: אין די הויזן און אין טלית־קטן. צוויי אַזייגער ביינאַכט איז ער אויפֿגעשטאַנען. ער האָט געוואַשן די הענט, געשטעלט דעם סאַמאָוואַר און זיך געזעצט לערנען. מחמת, ס'זיינען געווען אין וואַרשע אַ סך דרוקערייען, האָט ר' דן ווידער באַקומען חשק צו שרייבן חידושים. די ביישטעטער חסידים, וואָס אין זייער שטיבל אויפֿן הויף האָט דער רב געדאַוונט, האָבן צוגעזאָגט ר' דנען, אַז זיי וועלן אים געבן פּרענומעראַנטן. די ספֿרים־הענדלער אויף דער פֿראַנציסקאַנער האָבן צוגערעדט דעם רב, ער זאָל אַרויסגעבן אַ ספֿר. ר' דן איז נישט געווען קיין מפֿורסם, אָבער למדנים האָבן פֿון אים געוואוסט און אים געהאַלטן פֿאַר אַ גאון.

מחמת ר' דן האָט פֿאַרשטאַנען, אַז די צייט איז קורץ, האָט ער זיך גענומען צו אַ דינער גמרא: חגיגה. ער האָט געשריבן, געמעקט, אָפּגעקלעקט מיט דעם אַש פֿון לולקע־ציבוק. אַכט אינדערפֿרי איז ר' דן אַוועק דאַווענען. ער איז געשטאַנען אין טלית־און־תּפֿילין אין אַ ווינקל ביי דער מזרח־וואַנט און געדאַוונט פֿון ר' יעקב עמדינס סידור. דער בעל־תּפֿילה האָט אויף אים געוואַרט מיט שמונה עשרה. ס'איז געווען גענוג אויף וואָס מתפּלל צו זיין. די וועלט איז געווען איינגעטונקען אין רציחה. יידן האָט מען געטריבן פֿון די שטעטלעך. מען האָט אויסגעטראַכט אויף רבנים אַלערליי בלבולים. ס'זיינען געווען צייכנס, אַז די איצטיקע מלחמה איז מלחמת גוג ומגוג און ס'האָבן זיך שוין אָנגעהויבן די חבלי־משיח. אַנדערע האָבן גערעדט דערוועגן, נאָר ר' דן האָט געשוויגן, ווי עס שטייט אין דניאל: און דער פֿאַרשטענדיקער וועט אין יענעם טאָג שווייגן. פֿאָרט, ביי זיך אין האַרץ האָט ר' דן גערעכנט, אַז דער קץ איז נאָענט. ווער ווייסט, אפֿשר איז אים באַשערט צו דערלעבן משיחן?...

ר' דן האָט איבערגעדעקט דאָס פּנים מיטן טלית, מכוון געווען פּירוש המלות. נאָכן דאַווענען האָט ר' דן געזאָגט אַ יום תּהלים און געלערנט אַ פּרק משניות, אויפֿן מתנגדישן שטייגער. דערנאָך איז ער אַוועק אַהיים און זיך געוואַשן צום אָנבייסן. די רביצין האָט געדעקט אַ האַלבן טיש, צוגעטראָגן אַ פּענעצל ברויט, אַ שיסעלע מילכיקע גריץ, אַ גלאָז ציקאָריע. די יידענע האָט זיך יעדעס מאָל פֿאַרענטפֿערט, פֿאַרוואָס זי קאָכט נישט אויף איבערביס קיין יאַיכל, ווי אַמאָל. ר' דן האָט זיך אויף איר אָנגעבייזערט.

— ווער דאַרף יאַיכלעך? ס'איז, ברוך השם, איבערגענוג!

די זקנה איז איבער אים געשטאַנען, געשאָקלט מיטן טשיפּיק, געווישט די טרערן, וואָס האָבן זיך געקייקלט איבערן צעקנייטשטן פּנימל. אין שטוב האָט זיך אויפֿגעהאַלטן אַ קאַץ, און ווי נאָר דער רב האָט זיך געזעצט עסן, האָט

דאָס באַשעפֿעניש זיך אָוועקגעשטעלט ביי זיינע פֿיס. ר׳ דן האָט איר יעדעס מאָל צוגעוואָרפֿן אַ ביסן און די רביצין האָט זיך געקלאָגט, אַז ער גיט איר אַלץ אַוועק. די רביצין איז פֿון טאָג צו טאָג געוואָרן געלער און איינגעדאַרטער. ביינאַכט האָבן די דאגות זי נישט געלאָזט שלאָפֿן. פֿון די פּאַסנע עסנס האָט זי אַלעמאָל גענאָגט אונטערן לעפֿעלע. זי האָט געטענהט צום רב:

— וואָס ט׳זיין דער תּכלית, האַ?

— וואָס זאָרגסטו? ס׳איז דאָ אַ בורא עולם!

— דן, ס׳איז אונדז נעבעך זייער ענג!

און די זקנה האָט מער נישט געקאָנט איינהאַלטן דאָס געוויין. זי האָט זיך צעהעשעט און גענומען שנייצן די נאָז אין פֿאַרטוך. ר׳ דנען איז געוואָרן איבער דער טבע. ער האָט געהאַט אַ באַדערפֿעניש זי אָנצונעמען ביי דער האַנט און גלעטן ווי אַ נאַריש קינד, וואָס יאָמערט אויף אַ שפּילעכל. אָבער דאָס וואָלט געווען מעשׂי־נערות. ר׳ דן האָט זיך אָנגענומען ביי דער באָרד.

— שטיא, מ׳דאַרף האָבן בטחון!

נאָכן בענטשן האָט דער רב זיך צוגעלייגט אויף אַ שעה. די אייניקלעך האָבן אַרומגעשטיפֿט. פֿון הויף זיינען דערגאַנגען געשרייען פֿון הענדלער, געזאַנגען פֿון בעטלער. ר׳ דן האָט סיי געדרימלט, סיי געטראַכט. ער האָט אָנגעהויבן קלערן עפּעס אַ מחשבה און זי איז אַריבער אין אַ חלום. ער איז געווען סיי אין קליין־טערעשפּאָל, סיי אין וואַרשע. לאַנג־געשטאָרבענע בעלי־הבתּים האָבן צו אים גערעדט און ער האָט זיי געענטפֿערט. ער האָט געזאָגט אויף אויסנווייניק שטיקער גמרא און פּוסקים, וואָס אויף דער וואָך האָט ער זיי שוין געהאַט פֿאַרגעסן. דאָ איז אים איינגעפֿאַלן אַ חידוש און דאָ האָט זיך אים געפּלאָנטערט אַ שטיק חקירה; דאָ האָט ער געפּסקנט אַ שאלה און דאָ האָט ער געפֿירט אַ וויכוח מיט דעם אייניקל, דעם עוזר־העשל. נאָכן שלאָף האָט ר׳ דן ווידער זיך אַוועקגעזעצט לערנען, נאָר ס׳איז מער נישט געווען די מנוחה, וואָס ביינאַכט. טירן האָבן געקלאַפּט. די נקבֿות האָבן גערעדט. צדוק, דער בכור, האָט געפֿירט מחלוקת מיטן ברודער, לוי־מאירן. די שנורן, זיסל און מינדל, האָבן זיך געזאָגט שטעכווערטלעך. משה־ראובן, צדוקס בחור, האָט זיך געמאַכט אַ מסחר פֿון שטאָפּן פּאַפּיראָסן. די טעכטער האָבן אַריינגענומען אין קיך אַ ניי־מאַשין. ר׳ דן האָט גענומען אַרומשפּאַנען אַהין און צוריק. ער האָט געעפֿנט אַ ספֿר און עס צוגעמאַכט. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביים פֿענסטער און אַרויסגעקוקט. יידן אין גאַס זיינען געלאָפֿן אַהין און צוריק, מיט פּעקלעך, זעקלעך, בינטלעך. אַ טרעגער האָט געטראָגן אַ קויש קוילן. אַ יונג האָט געשטופּט אַ האַנט־וועגעלע. ווייבער האָבן אויסגערופֿן עפּעלעך, צוקערלעך, קאַרטאָפֿל־קוכן. אַרימעלייט זיינען געגאַנגען פֿון קראָם צו קראָם, אויסגעשטרעקט הענט. פֿאַרשוואַרצט ווערט דאָס אויסדערוויילטע פֿאָלק, פֿאַרהונגערט, פֿאַרשעמט. ווי לאַנג־זשע וועט מען דאָס אויסהאַלטן? אוי, וויי, טאַטע זיסער, ס׳ווערט אַלץ שווערער פֿון טאָג צו טאָג!...

איינמאָל נאָכן אָנבייסן איז ר׳ דן אַוועק צו אַ דרוקער, ר׳ וועלפּקע סאָרקעס, אויף דער שוויענטאָ־יערסקע גאַס. ר׳ וועלפּקע סאָרקעס האָט אַמאָל געהאַט אַ גרויסע דרוקעריי און געהאַלטן אַ סך מענטשן, אָבער צייט ס׳האָט זיך אָנגעהויבן

די מלחמה איז דאָרט געווען האַלב־לײדיק. אַן אײנציקער זעצער איז געשטאַנען בײ אַ קאַסטן זאַץ און געקליבן שריפֿט. אויף אַן אויוועלע האָט זיך געבאַקן אַ מאַטריץ. ר׳ וועלפֿקע סאַרקעס, אַ ליטוואַק, האָט בײ אַ שטענדער געצײכנט אַ קאָרעקטע. ער איז געווען אַן אַלטער ייִד מיט אַ רונדער געל־גרויער באָרד, אין אַ פֿאַרפֿלעקטן סורדוט, אין אַ שטײפֿן קאָלנער, אין אַ האַרטן קאַפּעליוש פֿאַררוקט איבערן שטערן. אויפֿן שפּיץ נאָז זײנען געזעסן אַ פּאָר מעשענע שפּאַקולן. דער אַלטער האָט אָנגעקוקט ר׳ דנען אַ פֿאַרחידושטער.

— וואָס זאָגט איר, רבי?

— כ׳וואָלט געוואָלט דרוקן אַ ספֿר.

— נו, דרוקט...

ר׳ וועלפֿקע האָט אָנגעוויזן ר׳ דנען אַ בענקל, זיך געהײסן ווײזן דעם כּתב־יד. ר׳ דן האָט אַרויסגענומען פֿון טוזליק אַ פּאָר בויגנס פּאַפּיר. ר׳ וועלפֿקע האָט גענומען בלעטערן, צײלן די שורות, שאָקלען מיטן קאָפּ.

— וואָסער חיבור איז דאָס?

— אויף חגיגה.

— וואָס עפּעס אויף חגיגה? פֿאַרוואָס ניט אויף ביצה?

ר׳ דן האָט געשוויגן.

— זאָגט מיר, רבי, פֿאַרוואָס שטײט: אָז ירננו כּל עצי יער? וואָס וועט זײן די שמחה אויף די בוימער, אַז משיח וועט קומען?

— נו, וואָס איז דער תּירוץ?

— דער ענטפֿער איז: אַז משיח וועט קומען, וועט מען הײצן מיט ספֿרים, וועלן די בוימער האָבן רו...

ר׳ דן איז אויפֿגעשטאַנען.

— איר זענט אַ לץ, האָ? מכת לצים שאינן מקבלין פּני השכינה!

— לויפֿט ניט, רבי!

— אַ גוטן טאָג!

ר׳ דן האָט צוגענומען דאָס פּעקל כּתבים, זיך געלאָזט אַנטלויפֿן. אויפֿן וועג האָט ער זיך אָנגעשטויסן אָן אַ פּרעס און ס׳איז אַראָפּגעפֿאַלן אַ באַרשט. דער רב האָט געהאַט געדענקט דעם וועג פֿון שוויענטאָ־יערסקע צו דער פֿראַנציסקאַנער, נאָר פֿון חולשת־הדעת האָט ער געמאַכט אַ טעות און זיך פֿאַרדרײט אין דער גענשע. די פֿאַרבײגײער האָבן אים געשטופּט. פֿון אַ טויער איז אַרויסגעפֿאָרן אַ פּלאַטפֿאָרמע. מ׳האָט דעם זקן שיער נישט איבערגעפֿאָרן. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט קוקן אויף די נומערן פֿון די הײַזער, נאָר ס׳האָט אים געשווינדלט פֿאַרן בליק. ער האָט געפֿרעגט בײ אַ בחור דעם וועג, נאָר ר׳ דן האָט נישט פֿאַרשטאַנען זײן וואַרשעווער לשון. ער האָט געפּרוּווט אַריבערגײן די גאַס, אָבער פֿון אַלע זײטן זײנען אָנגעפֿאָרן טראַמווײען, וועגן, דראָשקעס. אין מיטן האַרמידער האָט זיך געשלעפּט אַ לוויה. אַן אײנציקער באַלײטער האָט אָנגעשפּאַרט דאָס פּנים אויף דעם געוואָנטענעם טירל פֿון דער עגלה. ר׳ דנען האָבן געשטרויכלט די קני.

— אַזוי איז די מעשה? הפקר אַ וועלט!...

דער זקן האָט זיך צום סוף דערפֿרעגט אַהיים. די פֿיס זיינען אים געווען שווער, ער איז אַרויף אַ טרעפּל און זיך אָפּגעשטעלט; אַרויף נאָך אַ שטיגל און זיך ווידער אָפּגערוט. ער האָט געעפֿנט די טיר פֿון דער קיך און דערבליקט די טאָכטער, פֿינקלען. זי איז געשטאַנען אַ פֿאַרוויינטע, אָן דעם שייטל, מיט אַ טיכל אַרומגעבונדן אַרום שטערן, אַ סימן פֿון קאָפּ־ווייטיק. דערזען דעם פֿאָטער — איז זי אים אַקעגנגעלאָפֿן מיט אַ געוויין. אַ בשורה רעה פֿון עוזר־העשלען!
— האָט דער רב אַ טראַכט געטאָן אַ פֿאַרציטערטער. ער האָט געפֿרעגט:
— וואָס איז?
— די מאַמע... די מאַמע...
און מער האָט פֿינקל נישט געקאָנט אַרויסברענגען.
ר׳ דן איז אַריין אין דער בית־דין שטוב. די רביצן איז געהאָט געשטאָרבן. מ׳האָט זי שוין אָפּגעהויבן. זי איז געלעגן אויף דער ערד, מיט די פֿיס צו דער טיר, איבערגעדעקט מיט אַ שאַל, און צוקאָפּנס האָבן געברענט צוויי ליכט אין מעשענע לייכטער. ביידע שנורן האָבן זי באַוויינט. ר׳ דנס פּנים איז געוואָרן געל ווי וואַקס.
— ווען? ווי אַזוי? — האָט ער געשטאַמלט.
— זי׳ט זיך אָנגעבויגן אויפֿצוהויבן דעם ווייק־טאָפּ — האָט מינדל געיאָמערט — און מער נישט אויפֿגעשטאַנען... אין איין מינוט!...
— ברוך דיין אמת.
ר׳ דן איז נאָך לאַנג געשטאַנען אָן אָנגעבויגענער. ער האָט געגאָפֿט אויף דעם מת און געציטערט. אָן איינציקער טראָפּן איז אים אַראָפּגעפֿאַלן פֿון אויג און געבליבן הענגען אין דער באָרד. ער האָט זיך אויף אַלץ געריכט, ר׳ דן; ער האָט געוואוסט, אַז עס איז נישטאָ קיין רגע אָן אַ פּגע; נאָר גראָד דאָס איז אים עפּעס נישט איינגעפֿאַלן. איצט איז געלעגן פֿאַר אים די רביצין זיינע, די מאַמע פֿון זיינע קינדער, די באָבע פֿון זיינע אייניקלעך, קליין ווי אַ הינדעלע. אַוועק איז די הייליקע נשמה, און אים, ר׳ דנען, איבערגעלאָזט אויף דעם עולם השקר. ר׳ דן איז אַריין אין שלאָף־חדר, זיך געזוימט. דערנאָך האָט ער זיך אומגעקערט צו דעם גוף פֿון זיין כּשרער אישה און איז געבליבן דאָרט וואַכן אַ קנאַפּן מעת־לעת, ביז צו דער לוויה.

## קאַפּיטל פֿיר און דרייסיק

אין איינעם אַ נאָכמיטאָג, ווען קאָפּל איז געזעסן אין דער קאַנצעלאַריע און געריכערט אַ פּאַפּיראָס, האָט זיך געעפֿנט די טיר און ס׳איז אַריינגעקומען פֿישעלע. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ לאַנג אויבער־מלבוש, אַ טוכן היטל, געמזענע שטיוועלעך מיט קאַלאָשן. דער האַלדז איז געווען אַרומגעוויקלט מיט אַ זיידענער פֿאַטשיילע. פֿישעלע האָט געזאָגט גאָט־העלף און גענומען אַרומווישן די פֿאַרהויכטע ברילן מיט אַ שטיקל זאַמש. ער האָט געפֿרעגט:
— איר זענט פֿאַרנומען, האַ?

— וואָס זאָגסטו גוטס? — האָט קאָפּל גערעדט צו אים אויף „דו". — זעץ דיך.

פֿישעלע האָט זיך צוגעזעצט אויף אַ ברעג שטול.

— ווי גייען עפּעס די מסחרים? — האָט ער געפֿרעגט.

קאָפּל האָט אים געבלאָזן דעם רויך גלייך אין פּנים אַריין.

— וואָסערע מסחרים? מיינע אָדער דיינע?

— פֿון דער גאַנצער משפּחה.

קאָפּל האָט געהאַט חשק צו פֿרעגן: וואָס איז דיין עסק? געענטפֿערט האָט ער:

— ס'איז אַלץ טויט.

— די מעשה איז אָבער וואָס עסן דאַרף מען, און אַ מלבוש אויך. כ'רעד ניש' בלויז וועגן שווער. די מומע אסתּר־מלכּה איז נעבעך אַן אלמנה און דאַרף אויסהאַלטן אַ פֿולע שטוב. ס'דערגייט דאָרט עד ככּר לחם.

— דאָס דאַרפֿסטו מיר נישט דערציילן.

— דער פֿעטער נת'לע איז אַן אָרעמאַן אין זיבן פֿאַלעס. דער פֿעטער פּיניעלע האָט ניש' קאַ' גראָשן ביי דער נשמה. דער פֿעטער אַבראַם איז אויף געהאַקטע צרות —

— אַנטדעקסט אַמעריקע.

— מ'דאַרף עפּעס טאָן.

— נו, טו.

— מ'דאַרף וויסן ווער און וואָס. דער עלטער־שווער, עליו השלום, האָט איבערגעלאָזט אַ גרויס פֿאַרמעגן.

קאָפּל האָט זיך קוים איינגעהאַלטן נישט אָנצוכאַפּן דעם יונגנמאַן ביים קאָלנער און אים אַראָפּצואוואַרפֿן פֿון אַלע טרעפּ.

— זאָג בקיצור וואָס דו ווילסט!

— מ'ברויך זיך אַרומצוקוקן. פֿאַרוואָס, אייגנטלעך, האָט מען נישט צעטיילט די ירושה?

— ווילסט כ'זאָל דיר אָפּגעבן ראַפּאָרט?

— חלילה. מער ניש', פֿאַרוואָס זאָל מען ליידן דחקות, אַז מען קאָן קראַנטער עפּעס אויפֿטאָן. כ'הער, ס'איז געבליבן פֿון עלטער־שווער אַ פּלאַץ אין וואָליע און ס'ראָט־הויז וויל דאָרט מאַכן אַ רעמיזע פֿאַר טראַמווייען. איז, צו וואָס זאָל מען אָפּלייגן? טוב חיי שעה!

— מאַנסטאַלבן.

— דער שווער איז ניש' קאַ' סוחר. פֿרעגטץ עים בחרם. דער פֿעטער פּיניעלע איז אַ בטלן. דער פֿעטער נת'לע איז, לא עלינו, נישט געזונט, אַבראַמען גייט ניש' אָן. די מומע פּערל, ווידער, וואוינט אויף יענע גאַסן און ס'ליגט איר ניש' אין קאָפּ. אָווטאָווע, קיינער טוט ניש' אַכטונג.

— נו, טו אַכטונג.

— וואָס איז מיט די ביכער? ס'איז אָפּילו נישטאָ קאַ' חשבון.

קאָפּל האָט פֿאַרלוירן דאָס געדולד.

— ביסט נאָך דערווייל נישט מיין באַלעבאָס. כ׳דאַרף דיר נישט אָפּגעבן קאַ׳ חשבון.

— כ׳האָב אַ כּתב, אַז איר דאַרפֿט יאָ.

און פֿישעלע האָט באַדעכטיק אַרויסגענומען פֿון בוזעם־קעשענע אַ צונויפֿגעלייגט בויגעלע פּאַפּיר. ס׳איז געווען געשריבן האַלב אויף לשון־קודש, האַלב אויף ידיש, מיט אַ געציקלטער שריפֿט. ס׳האָט זיך געלייענט:

אנחנו החתומים מטה גיבן כח הרשאה שאר בשרנו העלם התורני הנגיד מהור״ר ר׳ פֿישל נ״י קוטנער, ער זאָל פֿון היינט אָן זיין דער ממונה איבער אונדזערע הייזער, וועלדער, הויפֿן, פּלעצער, שפּייכלערס, שטאַלן, קאַמערן און אַנדערע נחלאות, וואָס זיינען געבליבן בירושה מאת אבינו החסיד ר׳ משולם מושקאַט ז״ל, סײַ אין וואַרשע, סײַ אין אַנדערע שטעט, ביז אַלץ וועט ווערן צעטיילט צווישן די יורשים כּדת וכדין. דהיינו: ער זאָל אָפּנעמען חשבון מהמשרת קאַפּל און זאָל האָבן די דעה איבער די חלוקה פֿון דירה־געלט און אַלע ענינים השייכים לזה. גם האָט ער רשות צו קומען במשא־מתן מיט קונים, וואָס ווילן קויפֿן אַ נחלה אָדער מטלטלין, ווי ער וואָלט אַליין געווען דער אייגנטימער. והקאַפּל הנ״ל מוז אים צו יעדער צייט צושטעלן אַ רעכענונג מכּל פּרוטה, והר׳ פֿישל הנ״ל האָט די רעכט צו דינגען נייע מענטשן און אָפּצוזאָגן וועמען ער וויל בלי שום פּקפּוק. און דערויף האָבן מיר אַלע מקבל קנין געווען מרצוננו הטוב — — —

אונטן איז געווען די דאַטע און אונטערשריפֿטן פֿון די יורשים. בלויז לאה האָט געפֿעלט.

קאַפּל האָט לאַנג אַריינגעקוקט. אַ סך ווערטער האָט ער נישט געקאָנט איבערלייענען, ווייל די האַנטשריפֿט איז געווען אַ געציקטע. אַנדערע האָט ער נישט פֿאַרשטאַנען. אָבער די הויפּט־זאַך איז געווען קלאָר: פֿישעלע איז באַלעבאָס. ער, קאַפּל, מוז אים אָפּגעבן רעכענונג... ער קאָן אים, קאַפּלען, אַרויסוואַרפֿן. דאָס אַלץ איז געטאָן געוואָרן אָן לאהס וויסן און אָן איר חתימה. מ׳האָט זיך צונויפֿגענומען שטילערהייט און פֿאַרקויפֿט די קאַץ אין זאַק. קאַפּלס פּנים איז געוואָרן אַזוי גרוי, ווי דאָס פּאַפּיר, וואָס ער האָט געהאַלטן צווישן די פֿינגער. אַ קנויל איז אים געבליבן שטעקן אין גאָרגל. אין די אויגן־ווינקלען איז אים געוואָרן פֿייכט. ער האָט אַרויסגענומען אַ טאַשנטיכל און אָפּגעווישט דעם שווייס פֿון שטערן.

— יאָ — האָט ער אַ מורמל געטאָן. — כ׳פֿאַרשטיי.

— איז וויל יאָך וויסן, ווי מ׳האַלט אין דער וועלט! — האָט פֿישעלע גערעדט מיט אַ טאָן העכער.

קאַפּל האָט זיך האַסטיק אויפֿגעשטעלט. ער האָט שיער נישט איבערגעקערט דאָס האַלבע גלאָז טיי, וואָס איז געשטאַנען פֿאַר אים.

— קאָנסט אַלץ איבערנעמען! — האָט ער געזאָגט. — איך גיי אַהיים. דרייסיק יאָר איז גענוג.

פֿישעלע האָט אַ שאָקל געטאָן דעם קאָפּ אין דער ברייט.

— מ׳טרייבט אייך, חלילה, נישט אַרויס.

— דאָ האָסטו די שליסלען.

קאָפּל האָט אַרויסגענומען פֿון שופֿלאָד אַ בונט שליסלען, געטאָן אַ וואָרף אויפֿן טיש. באַלד דערנאָך האָט ער אַ נעם געטאָן דעם קאַפּעליוש, דעם מאַנטל, דעם פּאַראַסאָל. פּישעלע האָט זיך אָפּגעשאָקלט.

— איר זענט אַ גיכער — האָט ער אים פֿאַרגעהאַלטן. — אַלץ איז ביי אייך כאַפּ־לאַפּ־צאַפּ!...

— כ'האָב פֿיינט היגטישע שטיק!

— וואָס טוט מען אייך? יאָך האָב געהאַלטן, אַז עץ זאָלט בלייבן אויף דער שטעלע. כ'האָב אַפֿילו גערעדט וועגן אַן הוספֿה.

— כ'דאַרף ניש' קאַ'ן הוספֿה. אַז דער אַלטער איז געשטאָרבן, האָב איך דאָ נישט געטאָרט בלייבן קאַ'ן איין טאָג.

— וואַרט אַ מינוט, ר' קאָפּל, לויפֿט נישט. איך בין נישט מער ווי אַ שליח.

קאָפּל האָט נישט געענטפֿערט. ער האָט זיך אַ ווייל געקווענקלט: יאָ זאָגן אַ גוטן טאָג, אָדער נישט? צום סוף איז ער אַרויס שווייגנדיקערהייט. די טיר האָט זיך פֿאַרמאַכט העכער ווי געווייגלעך. ס'איז געווען אויסטערליש: יאָרן לאַנג האָט מען אויף אים, קאָפּלען, געלויערט. מ'האָט געהעצט, געמסרט, געטריבן רכילות, נאָר קיינער האָט אים נישט געקאָנט רירן פֿון אָרט. מיטאָמאָל איז געקומען אַ פּישעלע מיט אַ כּתבֿל, און ער, קאָפּל, האָט זיך גלייך אָפּגעטראָגן. יעדע זאַך האָט, אַפּנים, איר גרענעץ. קאָפּל איז געגאַנגען טריט ביי טריט. אין טויער האָט דער סטרוזש פֿאַר אים אַראָפּגענומען דאָס היטל און קאָפּל האָט געטאָן אַ קרומען שמייכל: וואָס ווייסט דער ערל?... קאָפּל האָט צום לעצטן מאָל געכאַפּט אַ בליק אויפֿן הויף. פֿון אַ בלעכן קוימענדל איז אויפֿגעגאַנגען אַ רויכל. אַ הונט האָט געשמעקט צו אַ קופּע שניי. ס'איז קאָפּלען מיט אַמאָל געוואָרן משונה־לייכט, אַ שטייגער, ווי דער פּאָסטן וואָלט אים די גאַנצע צייט געדריקט. ער האָט געשפּאַנט לענג־אויס דער גזשיבאָווסקע און טיף איינגעאָטעמט די קאַלטע לופֿט. הייסט עס, ס'איז באַשערט כ'זאָל פֿאָרן קיין אַמעריקע — האָט ער געטראַכט. — מ'האָט שוין אָנגעשריבן אין הימל!...

קאָפּל האָט אָפּגעטרעטן ביי לאהן, נאָר זי איז נישט געווען אין שטוב. פֿאָרן גלייך אַהיים איז געווען צו־פֿרי און ער איז אַוועק צו די אַקסענבערגס. אין קיך האָט די פֿרוי אַקסענבערג זיך אָנגעשפּאַרט אויף אַ בענקעלע, געפֿליקט אַ הון. אויף אַ באַנק זיינען געזעסן צוויי פּראָווינצער דינסט־מיידלעך, מיט שאַלן אויף די קעפּ. די פֿרוי אַקסענבערג האָט מיט זיי געשמועסט וועגן שטעלעס. אין קאָרידאָר האָט קאָפּל זיך אָנגעשטויסן אויף דער עלטערער טאָכטער, צילקע. זי האָט געטראָגן אַ גרויסן טיטל מיט מעל. קאָפּל האָט זי געפֿרעגט אין שפּאַס, וואו זי האָט געגנבֿעט די סחורה, און יענע האָט געענטפֿערט: וואָס מיינען זי? מלחמה־צייט איז אַלץ כּשר... קאָפּל האָט איר געטאָן אַ קניפּ אין דער ברוסט. אין דער עס־שטוב איז איזידאָר אַקסענבערג געזעסן ביים טיש און אויסגעלייגט קאָרטן. ער האָט געמורמלט צו זיך אַליין:

— אַלץ פּיק...

— איזידאָר, דו דערקענסט שוין ניש׳ קאָ׳ מענטש? — האָט קאַפּל אים פֿאַרגעוואָרפֿן.

— זיך. ס׳קומט אונדז אַ מזל־טוב.

— וואָס איז?

— דיין פֿרוי גאָלסאָבער האָט חתונה מיטן קרופּניק.

— ס׳קאָן נישט זיין! ווען? וואו?

— דאָ הינען. מ׳עט דיר שיקן אַ בילעט.

קאַפּל האָט געטאָן אַ שמייכל, נאָר ס׳איז אים ערגעץ־וואו געוואָרן האַרב. וואָס איז דאָס פֿאַרא וועלט? וואָס זיינען דאָס פֿאַרא מענטשן? אַלץ איז פֿאַלש, חזיריש. ווען מ׳קאָן איבערלאָזן דאָס גאַנצע געהינטעצכץ און אַנטלויפֿן ערגעץ אויף אַן אינדזל... קאַפּל איז אַוועק אַן אַ גוטן־טאָג, ארויף צו זיך אין שטוב. באַשעלע איז געשטאַנען ביי דער קיך און געפּרואווט אַנשלייפֿן אַ מעסער אַן ראַנד. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף דער קלינג.

— קאַפּל, אַזוי פֿרי?

קאַפּל האָט זיך צוגעזעצט אויפֿן בעטל, וואו איפּע איז געשלאָפֿן.

— באַשעלע, כ׳דאַרף מיט דיר עפּעס רעדן.

— נו, רעד.

— באַשעלע, ס׳איז צי׳שן אונדז ניש׳ קאָ׳ לעבן.

באַשעלע האָט אַראָפּגעלאָזט דאָס מעסער.

— אַז יאָך בין צופֿרידן, וואָס ווילסט דו?

— כ׳וויל אַ גט.

— גאַי, דו טרעלסט.

— ניין, באַשעלע, כ׳מיין דאָס ערנסט.

— פֿאַרוואָס? כ׳בין דיר אַ געטריי וויב.

— כ׳וויל חתונה האָבן מיט לאָהן.

באַשעלע איז געוואָרן בלאָס, נאָר זי האָט נאָך אַלץ געשמייכלט. אין די באַקן האָבן זיך אַוועקגעשטעלט חן־גריבלעך.

— דו טשאָקעסט, אָדער וואָס?

— ניין, באַשעלע, ס׳איז אמת.

— וואָס ט׳זיין מיט די קינדער?

— די קינדער וועל איך באַזאָרגן.

באַשעלע האָט נישט אויפֿגעהערט צו שמייכלען.

— נו, פֿאַרפֿאַלן.

— וועסט חתונה האָבן מיטן קוילן־הענדלער אַקעגנאַיבער...

דערהערט די דאָזיקע ווערטער, האָט באַשעלע אַרויסגעפּראַלט מיט אַ געהויל. אַ שטראָם טרערן האָבן זיך איר אַ גאָס געטאָן פֿון די אויגן. זי האָט זיך אָנגעכאַפּט ביי דער ברוסט און איז אַנטלאָפֿן אין דער צווייטער שטוב. קאַפּל האָט זיך אָנגעלענט אויפֿן בעטל, אַרויפֿגעלייגט די שטיוול אויף דער פֿריש־איבערגעצויגענער קאַפּע. ער איז געלעגן און געקוקט ווי דער ווינטערדיקער פֿאַרנאַכט פֿאַלט־צו. שאָטנס לויפֿן איבערן סופֿיט. דאָס פֿענסטער ווערט בין־השמשותדיק

בלוי. קאָפּלס בליק איז געפֿאַלן אויפֿן מעסער. אפֿשר גאָר זיך איבערשניידן דעם האַלדז? — איז אים איינגעפֿאַלן. — ס׳איז אַלץ איין כּפּרה... ער האָט צוגעשלאָסן די וויעס און אַלץ איז אים געוואָרן פֿרעמד: די שטאָט, די היים, די פֿאַמיליע, ער אַליין. אַן אומבאַקאַנטע שטילקייט האָט זיך געטראָגן פֿון דרויסן. אַ סודותדיקע קראַפֿט האָט אים, קאָפּלען, אַרויסגעטריבן פֿון דאַנען, ליקווידירט אַלע זיינע געשעפֿטן, אים אָפּגעריסן פֿון די קרובים, די פֿריינט. ווי קומט עס? די פֿרוי אָקסענבערג האָט אפֿילו מיט אים פֿריער נישט גערעדט... קאָפּל האָט זיך אויסגעדרייט צו דער וואַנט. ער האָט געהערט ווי באַשעלע קערט זיך אום און צינדט־אָן דאָס לעמפּל. זי האָט זיך ווידער גענומען פּאָרען מיט די טעפּ. דאָס פֿייער אין קיך האָט געקנאַקט. דאָס וואַסער האָט געזאָטן, איז אויסגעלאָפֿן מיט אַ צישעניש אויף דער בלעך. איפּע איז אַריינגעקומען, געקלאַפּט מיט דעם קלאָמער אויפֿן פֿוס. זי האָט עפּעס געשעפּטשעט צו דער מוטער און יענע האָט צוריקגעפֿליסטערט. קאָפּל האָט געקלערט, אַז אַזוי מוז זיין מיט אַ טויטן, וואָס בלייבט ליגן אין שטוב ביז דער קבורה.

## קאַפּיטל פֿינף און דרייסיק

### 1

דעם רבינס בית־מדרש אין ביאַלאָדרעווגע איז געווען ליידיק. קיין עולם איז האַי־יאָר נישט געקומען אַפֿילו אויף ראש־השנה. די סטאַנציעס זיינען געשטאַנען פּוסט. אין בית־מדרש האָט אין מיטן דער וואָך געפֿעלט צו אַ מנין. ישראל־אלי גבאי, וואָס איז אויך געווען דעם רבינס קאַסירער, איז געבליבן אָן געלט. אַלע האָבן געמאָנט חובות: דער שפּייז־קרעמער, דער קצב, דער פֿישער, דער בעקער, בינע די דינסט. ישראל־אלי איז געקומען צום רבין זיך קלאָגן און דער רבי האָט אים אַריינגעפֿירט אין די צימערן פֿון דער רביצין, עליה השלום, וואָס זיינען אַ גאַנץ יאָר געשטאַנען פֿאַרשלאָסן. פֿון דער זון איז דאָס מעבל געוואָרן צעבויגן. די טאַפּעטן האָבן זיך געשיילט. אויף די טעפּיכער איז געלעגן אַ שטויב. אין די ווינקלען האָבן שפּינען אָנגעהאָנגען שפּינוועבן. פֿון די שפּאַלטן אין דער פּאָדלאָגע זיינען אַרויסגעקראָכן ווייסלעכע ווערים. דער רבי האָט געעפֿנט אַ שופֿלאָד אין אַ קאָמאָדע. ס׳זיינען דאָרט געלעגן פֿינגערלעך, גילדערנע האָר־נאָדלען, אַ צעבויגענע בראָש, אַן עלפֿאַנטביינערן הענטל, אַ סך אַנדערע שמאָכטעס. פֿון אַ שייטל האָט דער רבי אַרויסגענומען אַ שנור פּערל.

— נעם און פֿאַרקויף.

— דער רביצין, עליה השלומס, צירונג? חס־ושלום.

— וואָס דאַרף איך עס? איכ׳ל שוין מער נישט חתונה האָבן.

— אפֿשר וועט גינע־גנענדל תשובה טאָן?

— כּל באיה לא ישובון!...

ישראל־אלי איז מיט די פּערל צוגעפֿאָרן קיין וואַרשע. ער האָט זיי דאָרט

פֿאַרזעצט, ביי דעם צירונג־סוחר יעקל דריימאַן, פֿאַר טויזנט מאַרק. ישראל־אלי האָט זיך אויך געזען אין שטאָט מיט אַ פּאָר נגידים, ביאַלאַדרעווונער חסידים. אַלע האָבן געפֿרעגט דאָס אייגענע: וואָס זיצט ער, דער רבי, אין דער העק? די אַנדערע גוטע־יידן — דער אַמשינאָווער, דער ראַדזימינער, דער פּולאָווער, דער סטריקאָווער, דער נאָוואָמינסקער — האָבן זיך שוין לאַנג באַזעצט אין וואַרשע. ישראל־אלי איז צוריקגעקומען קיין ביאַלאַדרעווונע, געצאָלט די קרעדיטאָרן. דער רבי האָט, ווייזט אויס, פֿאַרגעסן אין דער גאַנצער זאַך. נישט ער האָט געפֿרעגט דעם גבאי, וואו ער איז געווען, נישט ער האָט פֿאַרלאַנגט אַ חשבון. דער רבי האָט זיך אומגעדרייט אין זיין שטיבל אַהין און צוריק. דאָס שיטערע בערדל איז געוואָרן גרוי, נאָר די אויגן זיינען געבליבן העל, ווי ביי אַ יונגנמאַן. דער זיידענער כאַלאַט האָט געפֿינקלט. אויף די האַלבע־שיך האָט מען נישט אָנגעזען קיין שפּרענקעלע. דער קאַלנער פֿון העמד האָט געבלאַנקט. דער רבי איז בטבע געווען אַ מפֿונק. ער האָט זיך אָוועקגעשטעלט ביים פֿענסטער און אַרויסגעקוקט אין הויף.

— ישראל־אלי, זיי מוחל, בעט ר׳ משה־גבריאלן, ער זאָל זיך מטריח זיין.

— יאָ, רבי, תּיכּף.

ישראל־אלי איז אַרויס. דער רבי האָט ווייטער געקוקט אינדרויסן. די אויבסט־ביימער אין גאָרטן זיינען געשטאַנען ליידיק, באַהאַנגען מיט שניי. פֿון אַ קוימען האָט זיך געהויבן אַ רויכל. קראָען האָבן געהאָפּסלט, געקראַקעט, געפּיקט מיט די שנאָבלען אין אייז. אַלץ איז געווען באַדעקט מיט שניי־קישנס: די דעכלעך, די גאַניקעס, די אַלטאַנע, די באַנק. אויפֿן לאַמטער איז געזעסן אַ שניי־מיצל. אין דער ווייסקייט האָבן זיך אָפּגעצייכנט שפּורן פֿון פֿויגלשע טריט, ווי פֿון שדים, וואָס האָבן לויט דער גמרא הינערשע פֿיס. פֿון יענער זייט פֿעלדער האָט זיך געבלויט אַ וועלדל. דורך די שפּאַלטן פֿון די צעריסענע וואָלקנס האָבן זיך דורכגעזיגן שאַרפֿן ליכט.

— דער רבי רופֿט מיך?

— יאָ, ר׳ משה־גבריאל. כ׳וויל וויסן, וואָס ט׳זיין דער תּכלית.

ר׳ משה־גבריאל האָט זיך אַ טאָפּ געטאָן ביים גאַרטל, דעם קאַפּל, די געקרייזלטע פּיאות.

— ווען איך וואָלט געוואוסט!

— וואָס טוט מען, ר׳ משה־גבריאל? לערנט מיך יידישקייט.

— איך זאָל לערנען דעם רבין?

— זייט נישט קיין ענָיו. וואו נעמט מען אמונה?

ר׳ משה־גבריאל איז געוואָרן בלאַס.

— מ׳דאַרף נישט קיין אמונה.

— וואָס־זשע דאַרף מען?

— מ׳דאַרף זאָגן אַ קאַפּיטל תּהילים.

— נו, זאָגט. כ׳הער.

— אשרי האיש אשר לא הלך —

— פֿאַרטייטשט, ר׳ משה־גבריאל. כ׳בין אַ פּראָסטער ייד!

ר׳ משה־גבריאל האט גענומען אויסטייטשן.

— וואויל דעם מענטש, וואס איז נישט געגאנגען אין דעם ראט פון די רשעים און אין דעם וועג פון די זינדיקע איז ער נישט געשטאנען און אין דעם געזיץ פון די שפעטערס איז ער נישט געזעסן, נייערט אין דער לערנונג פון גאט איז זיין באגער און אין זיין תורה טוט ער טראכטן טאג און נאכט. און ער וועט זיין ווי א בוים געפלאנצט ביי די בעכן וואסער, וואס זיין פרוכט טוט ער געבן צו דער צייט און זיינע בלעטער ווערן נישט פארוועלקט, און אלץ וואס ער וועט טאן, וועט ער באגליקן. נישט אזוי די רשעים, זיי וועלן זיין ווי דער שפריי, וואס דער ווינט בלאזט אוועק. דעריבער וועלן די רשעים נישט ביישטיין ביים משפט און די זינדיקע אין דער איינזאמלונג פון צדיקים. ווארום גאט ווייסט דעם וועג פון די צדיקים, און דער וועג פון די רשעים וועט ווערן פארלוירן.

דער רבי האט זיך צוגעהערט צו יעדן ווארט, פארצויגן די ברעמען.

— וואס מיינט ער, דער משורר?

— פשוט פשט.

— אזוי גאר? וואויל איז אייך, ר׳ משה־גבריאל.

דער רבי האט א לאנגע וויל געשוויגן. ער האט צוגעשלאסן די וויעס און געריבן דעם הויכן שטערן, די אדערלעך אין די שלייפן האבן געטאנצט און ס׳האבן צווישן זיי געצאפלט די רעיונות. דער רבי האט גענומען ארומשפאנען אהין־און־צוריק, מיט פארמאכטע אויגן.

— וואס טוט מען נאכן תהלים?

— מ׳לערנט א פרק משניות.

— און וואס טוט מען ביינאכט אויפן געלעגער?

— מ׳שלאפט.

— וואס קומט ארויס פון שלאפן?

— מ׳דארף.

— איר זענט געווארן א פשטן, ר׳ משה־גבריאל.

— נישטא קא׳ן אנדער עצה.

— גערעכט, ר׳ משה־גבריאל. דער רבונו של עולם פארלאנגט נישט קא׳ סך. א קאפיטל תהלים און א פרק משניות. מ׳דארף אים נישט לערנען פירן די וועלט. ער קאן אליין!

— יא, רבי.

— און וואס איז מיט קאצק?

— קאצק איז קאצק.

— וואס מיינט איר, ר׳ מענדעלע איז אין גן־עדן, אדער אין גיהנום?

— וואס איז אים שלעכט אין גיהנום?...

דער רבי האט געטאן א שמייכל.

— יישר כח, ר׳ משה־גבריאל.

ר׳ משה־גבריאל איז ארויס. פארן רבינס כבוד וועגן, איז ער די ערשטע פאר טריט געגאנגען אויף הינטערוויילעכץ. אויף יענער זייט שוועל איז ער גע־בליבן שטיין. ער האט גענומען ציען האר פון געל־גאלדענעם בערדל.

— דער כּוח פֿון אַ צדיק!...

מיטאַמאָל איז צוגעלאָפֿן צו אים אַ ייִנגל אין אַ צעקנעפּלט כאַלאַטל, אין צעשויבערטע פּיאות און אין אַ צעריסן פּליושן היטל.

— ר׳ משה־גבריאל, ענקער ווייב וואַרט אויף ענק.

— מײַן ווייב?

— יאָ, בײַ נפֿתּלין אויף דער סטאַנציע.

ר׳ משה גבריאל האָט אַ קוק געטאָן אַ פֿאַרבליפֿטער. דערנאָך האָט ער אָנגעטאָן דאָס אויבער־מלבוש און זיך געלאָזט גיין צו דער סטאַנציע. ער איז פֿאַרבײַ דעם ברונעם, די שורה קרעמלעך, די שענק. כאָטש מ׳האָט נישט געקראָגן קיין בראַנפֿן, האָט געשפּילט אַ האַרמאָניקע און פּויערים האָבן געזונגען מיט שיכּורע קולות. אַ הונט האָט זיך געלאָזט נאָכלויפֿן נאָך ר׳ משה־גבריאלן מיט אַ געבילערײַ. אין קיך פֿון דעם אײַנפֿאָר־הויז האָט זיך געקאָכט אַ טאָפּ וועש. אַ מויד מיט פֿאַרשאַרצטע אַרבל האָט געמישט דאָס גרעט מיט אַ שייטל האָלץ בײַ אַ באַליע האָט געוואַשן אַ באָרוועסע גויע. אין אַ זײַטיק שטיבל זײַנען געלעגן אָנגעהויפֿט אַ סך שטרוי־זעק, אָן איבערבלײַבעניש פֿון דער צײַט, ווען קיין ביאַלאָדרעוונע איז נאָך געפֿאָרן אַ גרויסער עולם און חסידים זײַנען געשלאָפֿן אויף דער ערד. אין מיטל־שטוב האָט ר׳ משה־גבריאל דערזען לאהן. זי האָט געטראָגן אַ פֿוטער און אַ הוט, מעשה פּריצה.

— גאָט העלף.

— גוט יאָר, וואו איז אַהר׳לע?

— אַהר׳לע? אין בית־מדרש.

— זעץ דיך. פֿאַרמאַך די טיר. כ׳דאַרף מיט דיר רעדן.

ר׳ משה־גבריאל האָט צוגעלענט די טיר, זיך צוגעזעצט אויף אַ שטול אַזוי, ער זאָל נישט קוקן דער אשה גלײַך אין פּנים. ס׳האָט געשמעקט פֿון איר מיט זייף און גוישע ריחות. ר׳ משה־גבריאל האָט צוגעלייגט די פֿאַטשיילע צו דער נאָז. לאה האָט געטאָן אַ הוסטל.

— יאָכ׳ל מיט דיר רעדן אָפֿענע דיבורים. יאָך וויל אַ גט.

ר׳ משה־גבריאל האָט אײַנגעבויגן דעם קאָפּ.

— מהיכי תּיתי.

— ווען?

— בתּנאי, אַז וועסט מיר געבן מאירלען.

— מאירל פֿאָרט קאָ׳ן אַמעריקע! — האָט לאה אויסגעשאָסן.

— קאָ׳ן אַמעריקע? ער זאָל ווערן אַ גוי?

— ס׳זײַנען אין אַמעריקע אויך דאָ ייִדן.

— ניין. מאירל בלײַבט בײַ מיר. די מאַשע איז טיי־ווי אַ גויע, און זלאַטעלען בין איך מפֿקיר. אַז זי גייט אין די שקאָלעס, וועט שוין פֿון איר נישט זײַן קאָ׳ לײַט.

— וואָס הייסט, ער בלײַבט בײַ דיר? זײַ מיר מוחל, דו ביסט אַ יושב, אַ שנאָרער.

— בעסער אַ שנאָרער אײדער אַ גוי.

— ניין, משה־גבריאל, יאָכ׳ל דיר ס׳קינד נישט געבן. געגנוג האָסט נעבעך געמאַכט אַ תּל פֿון אהר׳לען. ווי איז מיר, וואָס פֿאַראַ העק דאָס איז! ס׳איז נישט מיין שולד, משה־גבריאל. האָסט אַזוי געפֿירט. אַלע יאָרן. אַז דו׳סט מיך נישט גטן, וועל יאָך אַוועק אַזוי. ס׳עט זיין אויף דיר די עבֿרה.

— ביסט קאַפּאַבל דערויף אויך?

— כ׳בין קאַפּאַבל אויף אַלץ.

— נו, אַזוי!

ר׳ משה־גבריאל האָט געשוויגן. דער וואַנט־זייגער מיט די קייטן און די וואָגעס האָט זיך גענומען קרעקן און אויסגעקלונגען צוויי. די מויד אין קיך האָט אַריינגעשטעקט אַ צעקאָדעלטן קאָפּ:

— לאהלע וויל אפֿשר עפּעס איבערבייסן?

— דער קאָפּ איז מיר נישט צום עסן!

מאַן און ווײַב זיינען געבליבן אַליין. ר׳ משה־גבריאל איז אויפֿגעשטאַנען. פֿריער האָט ער געטאָן אַ קוק צו דער מזוזה אויפֿן ביישטידל. דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צום פֿענסטער און גלאָט אַזוי אויפֿגעשריבן אויף דער פֿאַר־הויכטער שויב: שלוחי מצוה אינן נזיקין. צום סוף האָט ער אַלץ אויסגעמעקט מיט דער האַנט־פֿלאַך. לאה האָט אויסגעטאָן דאָס פֿוטער און געבליבן זיצן אין אַ רויט קלייד.

— וואָס זאָגסטו?

— כ׳על דיר געבן תּשובֿה.

— ווען? כ׳קאָן דאָ נישט זיצן, אין דער וויסטעניש.

— נאָך מעריבֿ.

— דאָ וואוינסטו? וואו שלאָפֿסטו? כ׳מיין: וואו שלאָפֿט אהר׳לע?

— מיט מיר. דאָ אין שטיבל.

— כ׳וויל דער גט זאָל געשריבן ווערן דאָ, אין ביאַלאָדרעוונע! — האָט לאה געזאָגט מיט אַ האַרט קול.

— מיינסטאַלבן.

לאה האָט פֿאַרביסן די ליפּן. אַזוי איז ער געווען אַלע יאָרן: ווייט, פֿרעמד, אין אַן אַנדער וועלט. לאה האָט געהאַט אַ פֿאַרלאַנג זיך מיט אים צו קריגן, זיך צו דינגען וועגן געלט, אים אָנצוזידלען, צום לעצטן מאָל. נאָר זי האָט נישט געהאַט צו אים קיין צוגאַנג. כאָטש ער וואָלגערט זיך אין דער פֿרעמד, איז דאָס פּנים לויטער, דאָס בערדל אויסגעקעמט, די מלבושים האָבן געפֿעכלט. פֿון הינטער די גאָלד־געראַמטע ברילן האָבן די בלויע אַפּלען געקוקט ערגעץ אין דער ווייט, איבער אַלע ווענט. לאה האָט זיך דערמאָנט וואָס זי האָט אַמאָל געהערט זאָגן וועגן אַ רבין, אַז דער שם הויה איז אים געשטאַנען פֿאַר די אויגן. אַ פֿאַרגלייך, ער און קאָפּל! — איז לאהן איינגעפֿאַלן. זי האָט זיך דער־שראָקן פֿאַר דעם געדאַנק און איז געוואָרן בייז.

— גיי, שיק מיר אהר׳לען!

ר׳ משה־גבריאל איז גלייך אַרויס. אין בית־מדרש איז אהר׳לע געשטאַנען ביי אַ טיש און אָנגעגאָסן הייס וואַסער פֿון אַ טשייניק אין אַ טעפּל. דאָס

שמאַלע פּנים איז געווען ווינטערדיק בלייך, די פּאות — צעשויבערט. פֿון צעהעקלטן קאַלנער האָט אַרויסגעקוקט אַ שפּיציקער גאָרגל. אויפֿן נאַקעטן קין זיינען געהאָנגען אַ פּאָר ווייסלעכע האָר. ר׳ משה־גבריאל האָט געזען ווי דער בחור טוט אַריין אַ קלעצל צוקער און נעמט מישן מיט אַ דראָט פֿון אַ כּפּורת.

— אַהר׳לע, וואָס טוסטו? תּשמישי קדושה!

— אַלע מישן דערמיט.

— אַהר׳לע, די מאַמע איז דאָ.

אַהר׳לע איז געוואָרן ווייס ווי קאַלך.

— וואו?

— ביי נפֿתּלין אויף דער סטאַנציע. געקומען זיך גטן. זי פֿאָרט קאָ׳ן אַמעריקע.

אַהר׳לע האָט געוואָלט אָוועקלייגן די דראָט, נאָר זי האָט זיך פֿאַרטשעפּעט אין שעלעכל און די טיי האָט זיך אויסגעגאָסן. אַהר׳לע האָט אָוועקגעכאַפּט דעם יורה־דעה, וואָס איז געלעגן דערנעבן, צוגעדעקט מיט אַ גאַרטל פֿאַר אַן עירוב. באַלד דערנאָך איז אַהר׳לע אַוועק. ר׳ משה־גבריאל האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביים עמוד און פֿאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס ביים פֿלעמל פֿון אַ יאָרצייט־ליכט. ס׳זיינען, אַפּנים, דאָ זיווגים, וואָס מוזן ווערן פֿונאַנדערגעריסן — האָט ר׳ משה־גבריאל געטראַכט און געבלאָזן קייקעלעך רויך. — ס׳איז אַלץ השגחה פּרטית... ער האָט גענומען רייבן דעם שטערן, צו פֿאַרטרייבן די פֿרעמדע מחשבות. קאַפּל? ליבע?... אַ ליבשאַפֿט צווישן צוויי גופֿים. ווען ער וואָלט חלילה געוואָרן אַ סריס, וואָלט געווען אויס ליבע... ואהבת את ה׳ אלוקיך. האָב ליב דעם אויבערשטן, מיטן גאַנצן האַרץ, מיטן גאַנצן נפֿש, מיטן גאַנצן פֿאַרמעגן. יאָ, משה־גבריאל, האָט ליב השם יתברך! וויפֿל איז דער שיעור צו זיין אַ שוטה? ווי לאַנג וועסטו אַזוי זינקען אין קטנות דמוחין?... ר׳ משה־גבריאל האָט זיך מיט אַמאָל דערמאָנט דעם ענטפֿער, וואָס ער האָט פֿריער געגעבן דעם רבין, און ער האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ גמרא שבת. ער האָט אַזוי געלערנט און אונטערגעברומט ביז שטאָק נאַכט. אין הימל זיינען שוין גע־שטאַנען שטערן ווען דער רבי איז אַרויסגעקומען פֿון שטיבל און די יושבים האָבן זיך געשטעלט דאַווענען די פֿאַרשפּעטיקטע מנחה, גיך־גיך, אויפֿן ביאַלאָ־דרעוונער שטייגער. דער ביאַלאָדרעוונער פֿלעגט זאָגן, אַז מ׳דאַרף נישט דעם אויבערשטן צעלייגן די תּפֿילות אויף טעלערלעך. כּביכול פֿאַרשטייט אויפֿן וואונק...

## 2

שפּעט אין אָוונט, ווען לאה איז געזעסן אויף דער סאָפֿע און פֿאַרריכט מאירלס אַ פּאָר הויזלעך, האָט זיך דערהערט אַ קלינג אין דער דרויסנדיקער טיר. די דינסט איז נישט געווען אין דער היים און לאה איז געגאַנגען עפֿענען. זי האָט געפֿרעגט ווער ס׳איז, נאָר פֿון יענער זייט איז דערגאַנגען אַ ברומעניש,

אַ סאַפּעניש. לאה האָט געעפֿנט. אויף דער שוועל איז געשטאַנען אַבראַם, אין אַ פֿאַרשנייט פֿוטער, אין אַ פֿאַרווייסטער פּאַפּאַכע, מיט אַ פֿאַרווייעטער באָרד, מיט אַ ציגאַר אין מויל. אויף די אַקסלען האָט ער אָנגעשפּאַרט דעם שירם. לאה האָט זיך פֿאַר אים דערשראָקן. ער האָט נאָך קיינמאָל נישט אויסגעזען אין אירע אויגן אַזאַ ריז. ער האָט שווער געאָטעמט און געבלאָזן דעם ציגאַרן־רויך גלייך לאהן אין פּנים. לאה איז אָפּגעטרעטן אויף הינטערווייליכץ. נאָך אַ וויל האָט זי אַ כאַפּ געטאָן אַ באַרשט און גענומען אָפּקערן דעם שניי פֿון זיינע קאַלאָשן.

— וואָס שטייסטו ווי אַ גולם? קום אַריין!

אַבראַם איז אַריין אין קאָרידאָר. קיין לאָמפּ האָט דאָ נישט געברענט. ס'האָט בלויז דורכגעשיינט דורך אַ שפּאַלט טיר פֿון דער סאַלע. אַבראַם האָט גענומען טופּען מיט די פֿיס און הוסטן. מיט אַמאָל האָט ער צוגעשפּאַנט צו לאהן און זי אָנגענומען מיט בײדע הענט ביי די אַקסלען. לאה האָט זיך אַזש געטאָן אַ וואָרף.

— וואָס איז דיר? ביסט שוין אין גאַנצן משוגע?

— לאה ס'איז אמת? — האָט אַבראַם געפֿרעגט.

לאה האָט פֿאַרשטאַנען וואָס ער מיינט.

— יאָ, מיר'ן זיך געגט.

— און ס'אַנדערע איז אויך אמת?

— יאָ. נעם אַראָפּ די לאַפּעס.

אַבראַם האָט זיך אָפּגערוקט אויף צוריק.

— ס'קאָן נישט זיין!

— ס'איז וואָר, אַבראַם. אויב ס'געפֿעלט ענק נישט, קאָנט עך מיך אויסמעקן פֿון דער משפּחה. כ'פֿאָר אַוועק סיי־ווי־סיי.

— וואו פֿאָרסטו. וואו?

— קאַ'ן אַמעריקע.

— אין מיטן דער מלחמה? מ'קאָן דען פֿאָרן?

— אַז מ'וויל, קאָן מען. טו אויס דעם טוזליק.

— וואָס ט'זיין מיט די קינדער?

— זאָל דיר דער קאָפּ ניש' דאַרן. צווייטנס, מאירל און זלאַטעלע פֿאָרן מיט. מאַשע וויל בלייבן דאָ, זאָל זי. זי איז אַ דערוואַקסן מיידל. אַהר'לע שעמט זיך מיט זיין מאַמען!...

— משה־גבריאל לאָזט מיטנעמען מאירלען?

— כ'האָב געגעבן תּקיעת־כּף, אַז כ'על אים איבערלאָזן, נאָר כ'על ברעכן.

— לאה קאָזאַק! — האָט אַבראַם אַ זאָג געטאָן און זיך עפּעס ווי דערשראָקן פֿאַר די אייגענע ווערטער. לאה האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן שטעקן פֿון דער באַרשט.

— אויב ס'געפֿעלט דיר ניש', גיי פֿון וואַנען ביסט געקומען. כ'האָב ענק אַלע אין ד'רערד, די גאַנצע געסראַכע!

— וואס קוויטשעסט דו? כ׳על דיך נישט אויפעסן. כ׳האב אלעמאל געוואוסט, אז ביסט א סחורה, נאר אזוי ווייט איז מיר נישט איינגעפאלן.

— אבראם, גיי אהיים!

— ווארף מיך נישט ארויס. זעסט מיך צום לעצטן מאל. אויב דו ביסט פארכליאפעט אין קאפלען, ווערטך ראד געבראכן. דער הונט איז ווערט דעם שטעקן.

— וואס ביסטו געקומען? שעלטן? ווער־ווער, נאר דו דארפסט נישט זאגן קא׳ מוסר.

— ס׳האנדלט זיך נישט וועגן מוסר.

— האסט אומגליקלעך געמאכט חמאן; האסט צעבראכן א פאמיליע; שלעפסט זיך ארום מיט וויסטע נקבות, און האסט נאך די יהנדות מיך צו שטראפן. איכ׳ל חתונה האבן ווי א יידישע טאכטער, כדת משה וישראל.

— מזל טוב. ווען איז די חופה?

— מ׳עט דיר צו וויסן טאן.

— א גוטע נאכט.

— האב א גוטן שליטוועגס. עץ מעגט אלע זיין קאפלס אפלייזער. דער טאטע עליו השלום האט מיך פארקויפט. די ברידערלעך רייסן זיך איבער דער ירושה. פישעלע האט איבערגענומען דעם טאטנס שטול. כ׳על א שפיי טאן אויף ענק אלע. אמעריקע איז א פריי לאנד. מיר׳ן אנהויבן א ניי לעבן. דארט שעמט מען זיך נישט מיט קא׳ן ארבעט!

— גריס קאלומבוסן.

— היידא, טראג דיך!

אבראם האט מיט אמאל זיך צעלאכט.

— אידיאטקע, וואס ביסטו מרעיש עולמות? אויב קאפל איז דיר ליב, איז ער מיר ניחא. דו׳סט מיט אים שלאפן, נישט איך.

— כ׳בין שטאלץ דערמיט.

א ווייל זיינען זיי בײדע געשטאנען שוויגנדיקער׳הייט. אין דער טונקלקייט זיינען לאהס אויגן געווארן ליכטיק־גרין. פון אבראמס פוטער האט גענומען גיין א פארע. פון דעם גליענדיקן ציגאר זיינען געפאלן פונקען אויף דער בארד.

— וואס האסטו דיך אוועקגעשטעלט אין קארידאר? אויב ס׳פאסט דיר נאך, קום אריין.

— ניין, לאה. מ׳ווארט אויף מיר אונטן.

— ווער? די אקטריסע? דו׳סט אויף איר לענגער געווארט.

— כ׳קאן נישט, לאה. יעדער זעט דעם אנדערנס הויקער. כ׳בין אויף געהאקטע צרות. כ׳על דיר זאגן דעם אמת: כ׳בין דיך מקנא. ביסט משוגע־מטורף, אבער דו האסט מוט. איך בין צו אלע־זיבן־זאכן א שטינקער.

לאה האט א הויב געטאן מיט די אקסלען.

— כ׳לעבן, אבראם, כ׳הויב־אן טראכטן, אז ביסט נישט ביים ריינעם זין.

— נו, איז וואס? כ׳בין היינט אין אזא שטימונג, אז כ׳קאן אלץ אפטאן. כ׳בין א לעבעדיקער מת, דו הערסט, צי נישט? פאר דיר שטייט א בר־מינן!...

— קאמעדיאנט, ביסט שיכּור, אדער וואס?

— כ׳בין אלץ. אויב דו האסט דעם קוראזש אפּצוגטן משה־גבריאלן און נעמען קאפּלען, האב איך, למך, געדארפט קאנען גטן חמאן און חתונה האבן מיט אידאן. זי איז א גאט־געבענטשטע קינסטלערין. זי׳ט מיך ליב געהאט און איך זי. כ׳קאן אן איר נישט לעבן. דאס איז דער אמת!

— ס׳הויבט זיך אן די אלטע מעשה. אויף וויפל כ׳ווייס, איז אידא אין לאדזש מיטן מאן.

— יא, לאה. ס׳איז אלץ מיין שולד. כ׳בין א פּחדן, א לעקיש, א מערזאוויעץ. כ׳ווער דערשטיקט אן איר. כ׳האב זי אליין פארטריבן. ס׳איז מיר אזוי לאנג־ווייליק, אז כ׳מוז מיר שלאגן קאפּ אן דער וואנט.

— א מצווה אויף דיר!..

— ווען נישט די מלחמה, וואלט איך געוואוסט וואס מ׳טוט. אבער מיר זיינען געבליבן שטעקן, איך ביי פאניען און זי ביים דייטש. כ׳הער ביינאכט ווי זי רופט מיך. מיר האבן א סימן.

— וואס פאר א סימן? וואס האקסטו א טשייניק?

— עך, כ׳ווייס נישט, וואס כ׳רעד. כ׳האב געגומען א קאפּ ווייןֹ... גיוניע האט מיך פארשלעפּט צו פוקערן. א חתן געווארן מיט בראניע גריצהענדלער... דארפסט אנקוקן דאס פּארל. מ׳קאן צעקנאקט ווערן פון געלעכטער. זי מאכט פון אים אויסצודרייען. די נינאטשקא איז אלץ אין דער קארט און פארוקט דערצו. איי, האב איך מיך פארפלאנטערט! אוי, בין איך א יאלד. הער מיך אויס, לאה, כ׳בין אין א קלעם. כ׳דארף האבן הונדערט רובל. א־נישט, מוז איך מיך אראפּטראסקען פון פינפטן שטאק.

לאה האט ברייט צעעפנט די אויגן.

— הייסט עס, נאך דעם ביסטו געקומען?

— בהמה, ניין.

— פאר וועמען ברויכסטו? פאר א דאקטאר?

— ניש׳ פאר קא׳ רבין.

לאה האט געטאן א קרעכץ.

— אן אלטער ייד!

— ס׳איז אלץ איר שולד. פריער האט זי געליארעמט, אז זי וויל א קינד. ס׳ארט זי גארנישט. זי שטייט העכער פון די זאבאבאנעס. זי׳ט זיך אנגעלייענט מיט אלערליי פּאסקודסטווע־ביכער פון ארציבאשעוו און קאלאנטאי. איצט באגייט זי צען מאל אין טאג זעלבסטמארד. יענע היסטעריע. ס׳איז דער פינפטער חודש.

— זי׳ט נאך שטארבן אויך.

— כ׳האב מורא, זי׳ט מיך אוועקלייגן.

— כ׳האב ניש׳ קא׳ גראשן. כ׳האב געמיינט, ביסט א קלוגער, נאר דו ביסט א נאר אויך. אין דיינע יארן האלט מען פאסאן.

— יא, לאה, ביסט גערעכט. כ׳בין א געשלאגענער הונט. א גוטע נאכט.

— פלוט, לויף נישט. כ׳קאן דיר געבן א פינגערל. גיי און פארזעץ עס.

נאַר למען השם, מוזסט עס אויסלייזן איידער כ׳פֿאַר אַוועק. ברענג מיר דעם קוויט פֿון לאָמבאַרד. ס׳איז מיר געבליבן פֿון דער מאַמע עליה השלום.

לאה איז אַוועק אין דער אַנדערער שטוב, זיך לאַנג געפּאָרעט. אַבראַם איז געבליבן שטיין אַליין. ער האָט אַרויפֿגעלייגט די האַנט־פּלאַכן אויפֿן פּנים און גענומען זיך שאָקלען אין דער ברייט. אין האַרץ האָט אים געטאָן אַ שטאָך. דורכן רוקן איז אַריבערגעלאָפֿן אַ קעלט. ער איז געוועזן אַלץ צוזאַמען: הונגעריק, דורשטיק, מיד, פֿאַרשעמט, פֿול מיט בענקעניש נאָך אידאָן, פֿול מיט פּחד פֿאַרן טויט. אפֿשר איז דאָס מיין לעצטע נאַכט? — איז אים איינגעפֿאַלן. — כ׳בין מיך שוין צופֿיל מבזה. וואָס האָב איך מיך פֿאַר איר מתוודה געווען? זי איז גערעכט: כ׳ווער אַ טיפּש... לאה האָט אַריינגעבראַכט אַ רויט שקעטעלע. אינעווייניק, אויף דעם אויסגעבעטעכץ, איז געלעגן אַ סיגנעט. דער דימענט האָט געבליצט אין דער טונקלקייט מיט אַלע קאָלירן פֿון רעגנבויגן.

— אַ שיינער בריליאַנט!

— זאָלסט אים נאָר נישט פֿאַרטאַכלעווען!...

— ניין, לאה. כ׳מוז דיר טאָן אַ קוש!...

אַבראַם האָט זי אַרומגענומען און געקושט אין שטערן, אין די באַקן, אין דער נאָז. דער ציגאַר איז אַראָפּגעפֿאַלן. לאה האָט אים אָפּגעשטופּט.

— שיכּור ווי לוט!

— ניין, לאה. כ׳האָב דיך ליב. ביסט אַ גרויסער מענטש. כ׳וויל מיך א־בער־בעטן מיט קאָפּלען. כ׳וויל זיין אויף דער חתונה...

לאהן זיינען אָנגעקומען די טרערן.

— אַז יאָך האָב דאָס דערלעבט...

און מער האָט זי נישט געקאָנט אַרויסברענגען.

אינדרויסן, אונטער אַ באַלקאָן, איז געשטאַנען נינאַטשקאַ, אין אַ פֿוטערן זשאַקעטל, אין אַ ברייט־ראַנדיקן הוט, אין אַ גרין קלייד און קאַצאַפּישע שטי־ווועלעך. די הענט האָט זי געהאַלטן אין אַ מופֿע. זי האָט אונטערגעטענצלט זיך צו דערוואַרעמען. איין האַלב־פּנים איז געווען באַלויכטן, דאָס אַנדערע — פֿאַרשאָטנט. זי האָט געקוקט אויף אַבראַמען מיט אַ גרויס בייז אויג.

— כ׳האָב געמיינט, איר׳ט שוין דאָרט בלייבן שטעקן! — האָט זי אים געאירצט, ווי אַלעמאָל ווען זי איז אין כּעס.

— כ׳האָב די הונדערט רובל!

דאָס פּאָרל האָט זיך געלאָזט שפּאַנען שווייגנדיקערהייט, אָפּגערוקט איינער פֿון אַנדערן. כ׳זאָל נאָר נישט שטאַרבן פֿון דער אָפּעראַציע! — האָט נינאַטשקאַ געטראַכט. — כ׳לעבן כּדאַי... זי האָט איצט נישט געקאָנט באַנעמען ווי זי האָט זיך געלאָזט פֿאַרפֿירן פֿון דעם ייד, וואָס איז אַלט, קראַנק, אָרעם, און האָט זי דערצו נישט ליב. נישט אַנדערש, נאָר ער האָט מיך היפּנאָטיזירט... אַבראַם האָט געשאָרט מיטן שפּיץ פּאַראַסאָל אויפֿן טראָטואַר און געשאָקלט מיטן קאָפּ. קאַפּל משרת ווערט ר׳ משולם מושקאַטס איידעם; זיין, אַבראַמס, שוואָגער. וואָס פֿאַר אַ וויסטער סוף!... נינאַ האָט געוואוינט דאָ נישט ווייט, אויף דער אַגראַדאָווע. זי האָט געהאַט איר אייגנס אַ שטוב מיט אַ באַזונדערן אַריינגאַנג.

**אַבראַם איז מיט איר אַרויף. ביי דער שוועל האָט זי אים דערמאַנט מיט רוגזה, ער זאָל אָפּווישן די פּיס. דאָס יידישע טעאַטער אין וואַרשע האָט כּמעט נישט געשפּילט. ס׳איז געוועזן זיין, אַבראַמס, שולד וואָס זי, נינאַ, האָט נישט אַנגענומען אַן אַנגאַזשמאַ קיין ניו־יאָרק. זי וואָלט איצט געקאָנט אַרומשפּאַצירן אויף בראָדוויי, אין אַ ים פֿון ליכט, אָדער אַרומפֿאָרן מיט אַ מיליאָנער אין אַן אויטאָמאָביל. זי וואָלט זיכער דאָרט געוואָרן אַ סטאַר און פֿאַרדינט דריי הונדערט דאָלאַר אַ וואָך. איצט איז זי מעוברת און אָן אַ גראָשן. ביים קאַלטן אויוון איז געשטאַנען אַ קובל מיט אַ פּאָר שטיקלעך קוילן. אויף דער פּיאַנאָ זיינען געווען אָנגעשטעלט טעפּלעך, גלעזער, שעלעכלעך, און אַ שיסעלע מיט קאַלט־געוואָרענער רייז. אויף דער פּאָדלאָגע, צווישן די צעטראָטענע טעפּיכער, האָבן זיך געוואַלגערט ביכער, זשורנאַלן, נאָטן. דער גאַז־לאָמפּ האָט געשנאָרכט. דאָס בעט איז געשטאַנען אויפֿגעבעט. ס׳איז דערין געלעגן אַ שטאָרץ, האַלב־איינגעוויקלט אין אַ האַנטוך. דאָס האָט זי, נינאָטשקאַ, צוגעלייגט ביינאַכט צום בויך, וואָרים זי האָט געליטן פֿון קראַמפֿן אין אינגעווייד. זי האָט שוין געהאַט אָפּגערעדט מיטן ד״ר לעווין ער זאָל מאַכן דעם אַבאָרט מאָרגן אין אָוונט אָבער ווער גאַראַנטירט, אַז זי׳ט נישט קריגן קיין בלוט־שטורץ, קיין פֿאַרגיפֿטונג? דער דאָקטאָר האָט עטלעכע מאָל איבערגעחזרט, אַז ס׳איז צו שפּעט.**

**— נינאָטשקאַ, מאַך עפּעס עסן. כ׳פּגר פֿון הונגער!**

**— נו, פּגר!**

**זי האָט זיך, פֿונדעסטוועגן, באַלד גענומען פּאָרען ביי דער נאַפֿט־מאַשינקע. זי האָט געשנייצט די קנויט, געפּאָמפּעט, געשאָלטן. אַבראַם האָט צוגעשלאָסן די וויעס. מיט אַמאָל האָט ער אַרויסגעזעצט מיט אַ געלעכטער.**

**— ביסט פֿאַררוקט, אָדער וואָס?**

**— כ׳האָב מיך איינגעקויפֿט אין יחוס! קאָפּל משרת ווערט מיין שוואָגער! ווען דער אַלטער כּלב וואָלט דאָס דערלעבט!...**

**אַבראַמס אויגן זיינען פֿול געוואָרן מיט טרערן...**

## קאַפּיטל זעקס און דרייסיק

### 1

די ערשטע טעג אין דער קאַזאַרמע איז עוזר־העשל געווען זיכער, אַז ער וועט לאַנג נישט אויסהאַלטן די יסורים. יעדע נאַכט, ווען ער האָט זיך געלייגט שלאָפֿן אויף דער קויקע, האָט ער זיך געשראָקן, אַז ער וועט שוין נישט אויפֿשטיין מאָרגן. צוליב דער מלחמה האָט מען געפּרוּווט די רעקרוטן אויסלערנען די זעלנערשע תּורה אויף איין פֿוס. מ׳האָט זיי נישט אַוועקגעשיקט קיין טיף רוסלאַנד, ווי ס׳איז דער שטייגער, נאָר זיי געהאַלטן נישט ווייט פֿון פֿראָנט. פֿון דער מושטירונג האָבן עוזר־העשלען וויי געטאָן די ביינער. פֿון דער זעלנערשער קאַשע, קרויט, קוואַס האָט ער באַקומען בויך־ווייטאָג. אין מיטן דער

נאַכט האָט מען געקלאַפּט טרעוואָגע. עוזר־העשל האָט געמוזט אַרויסלויפֿן אין
גאַס אַ האַלב־נאַקעטער. פֿאַרטאָג, ביים סמאָטר, האָט ער געציטערט פֿון קעלט.
געזידלט האָבן אַלע: די רוסישע סאָלדאַטן, די פּוילישע, די יידישע. מ׳האָט
אים געהאַלטן אין איין וואָרענען, אַז מ׳עט אים אָפּגעבן פֿאַד־סוד. פֿון אַלע
גרויע באַראַנעס איז ער, עוזר־העשל, געווען דער גרעסטער. אָבער וואָכן
זיינען אַריבער און ער האָט נאָך אַלץ געלעבט. אין אָוונט, פֿאַר פּאָווערקע,
נאָך דעם ווי ער האָט אָפּגעפּוצט די ביקס, האָט ער זיך אָוועקגעזעצט אין דער
קאַזאַרמע אין אַ ווינקל און אַריינגעקוקט אין שפּינאָזאָס עטיק. אַ האַרמאָניקע
האָט געשפּילט. איוואַנעס האָבן געטאַנצט אַ קאַמאַרינסקע. דער בליץ־לאָמפּ
האָט געוואָרפֿן אַ גרעלע שיין. ווער ס׳האָט געטרונקען טיי, ווער ס׳האָט דער־
ציילט וויצן און ווער ס׳האָט אָנגענייט אַ קנאָפּ. די שקצים האָבן געטייטלט
אויף עוזר־העשלען מיט די פֿינגער, געלאַכט. יידישע יונגען פֿון זאַמאָשטש,
יאַנעווע, בילגאָריי האָבן זיך אַרומגעשטעלט, זיך געהייסן וויזן וואָס ער לייענט.
די סאָלדאַטן האָבן נישט געקאָנט באַנעמען ווי מ׳קאָן אין אַזאַ צייט אין זינען
האָבן די קליינע אותיות.

— וואָס שטייט דאָ, האַ? — האָבן זיי געפֿרעגט. — ס׳אַ ראָמאַן ווי?

— פֿילאָזאָפֿיע.

— הע־הע, זיך אויסגעקליבן אַן ערטעלע!...

עוזר־העשל איז נישט געוואָרן קראַנק. די ברוסט זיינע איז אין דער צייט
געוואָרן ברייטער מיט אַ פּאָר צאָל, דער רוקן גלייכער, די גלידער — פֿעסטער,
דער אַפּעטיט — שטאַרקער. נאָר די פּיין, די אומרו, דער פּחד זיינען נישט
געוואָרן אויסגעוועפּט. ער איז געזעסן און געפֿירט אַ וויכּוח מיט שפּינאָזאָן.
נו יאָ, ס׳איז נויטווענדיק. די גאַנצע מלחמה איז אַ שפּיל פֿון מאָדוסן. לעבן און
טויט זיינען בלעזלעך אין ים פֿון דער סובסטאַנץ. אָבער צו וואָס האָט די געט־
לעכע נאַטור דאָס אַלץ באַדאַרפֿט? וואָס איז דער זין? וואָס איז דער צוועק?
צו וואָס וואַלגערט ער זיך דאָ, עוזר־העשל, צווישן דעם פּעבל? פֿאַרוואָס מאַכט
ער נישט קיין עק צו דער גאַנצער קאָמעדיע? ער האָט צוגעשטעלט די האַנט
צום בוזעם און אָנגעטאַפּט הדסהס בריוו. ס׳האָט אים דאָ געהאַלטן די האָפֿע־
נונג צוריקצוקומען צו איר, צו האָבן צוזאַמען מיט איר אַ שטוב, אַ בעט, אַ
ביכער־שענקל. ווי שווער די איבונגען זיינען נישט געווען, האָבן זיי נישט איינ־
געשטילט אין אים די תּאווה. באַנאַכט איז זי אים געקומען צו חלום. ווי נאָר
ער האָט געהאַט אַ מינוט רו, האָט ער וועגן איר געקלערט. ער האָט אויפֿגעמישט
די פֿינפֿטע טייל פֿון „עטיק” וואו עס רעדט זיך וועגן דער אינטעלעקטועלער
ליבע צו גאָט. און געלייענט:

פּראָפּאָזיציע 24: וואָס מער מיר פֿאַרשטייען אינדיווידועלע זאַכן, אַלץ
מער פֿאַרשטייען מיר גאָט.

פּראָפּאָזיציע 25: די גרעסטע באַמיאונג פֿון גייסט און זיין העכסטע טוגנט
איז צו פֿאַרשטיין זאַכן דורך דער דריטער מדרגה פֿון וויסן.

פּראָפּאָזיציע 27: פֿון דער דאָזיקער מדרגה פֿון וויסן אַנשטייט די גרעסטע
גייסטיקע סאַטיספֿאַקציע.

פּראָפּאָזיציע35: גאָט האָט זיך אַליין ליב מיט אַן אומענדלעך אינטעלעק־טועלער ליבע.

פּראָפּאָזיציע 37: ס'איז גאָרנישט דאָ אין דער נאַטור, וואָס איז קעגן דער דאָזיקער אינטעלעקטועלער ליבע און וואָס קאָן זי באַזייטיקן...

עוזר־העשל האָט אויפֿגעהויבן דעם בליק. איז דאָסווירקלעך אַזוי? קאָן מען באמת ליב האָבן די אַלע יוונים? אַפֿילו יענעם מיטן געשטופּלטן פּרצוף און די חזירישע אייגעלעך? וואָס איז ער אַזוי דערשוויצט? וואָס טופּעט ער אַזוי מיט די שטיוואַלעס? און וואָס איז מיט דעם, וואָס האָט אויסגעטאָן דעם שטיוול און שמעקט צו דער אָניצע? זיי זיינען אַלע טיילן פֿון גאָט. די פּיאַטע, דער באָבע־נאָגל, דער שווייס, — באַשטייען אַלע פֿון אַטאָמען. זיי זיינען אַמאָל געווען זון. די מאָלעקולן האַלטן זיך צוזאַמען לויט די פֿאַרוויקלטסטע קאָמבי־נאַציעס. נו, און פֿאַרוואָס שרייען זיי זשידאָווסקאַיאַ מאָרדאַ? ווייל זייערע אידייען זיינען נישט־אַדעקוואַט און רופֿן אַרויס ליידנשאַפֿטן... זיי באַנעמען נישט, אַז יעדעס פֿאָלק, ווי יעדער מענטש, איז נויטווענדיק, און אַז זאַכן וואָלטן נישט געקאָנט אַרויסגעבראַכט ווערן פֿון גאָט אויף אַן אַנדער שטייגער אָדער אָרדע־נונג ווי זיי עקזיסטירן...

עוזר־העשל האָט איינגעבויגן דעם קאָפּ. ער איז געהאַט געקומען אַהער מיט דער דעה צו דינען געטריי. ער האָט זיך אַליין געוואָלט באַווייזן, אַז דאָס וואָס אַנדערע קאָנען פֿאַרטראָגן, וועט ער אויך אויסהאַלטן. ער האָט אַלעמאָל געקוקט קרום אויף די יונגעלייט, וואָס מאַכן זיך פֿעלערן, דעזערטירן, קויפֿן אונטער די דאָקטוירים. ס'שאַפֿט אַנטיסעמיטיזם. ער גיט די שונאי־ישראל אַ פּתחון־פּה צו זאָגן, אַז יידן ווילן פּריווילעגיעס. ער האָט געהאַלטן פֿון קאַנטס פּרינציפּ, אַז מיר דאַרפֿן זיך פֿירן אַזוי, דאָס אונדזערע טאַטן זאָלן דינען פֿאַר אַ מאַקסים. אָבער ער האָט בשום־אופֿן זיך נישט געקאָנט צונויפֿלעבן מיט די סאָלדאַטן. ער האָט נישט געהאַט קיין געדולד צו זייערע רייד און שפּילע־רייען. די זעלנערשע תורה האָט אים געלאַנגווייליקט. פֿון דעם ניבול־פּה, וואָס זיי האָבן גערעדט, האָט אים געאיבלט. ער האָט פֿון אַלעמען געוויכט, און אַלע האָבן אים אויסגעמיטן. וואָס האָט ער איבערהויפּט דאָ צו טאָן? ער איז אַ ייד און ס'רוב זיינען גויים. ער איז בטבע אַן אינטעלעקטואַליסט און זיי זיינען עם־הארצים. זיי האָבן אַ גלויבן — אין גאָט, אין קייסער, אין ווייבער, קינדער, לאַנד, ערד — און ער צווייפֿלט אין אַלץ. לויט דעם אייגענעם שפּינאָזאַן, וואָס ער באַוואונדערט אַזוי, לעבן זיי שכלדיקער און טוגנטהאַפֿטער ווי ער מיט זיין גאווה, זיין עניוות, זיין אינדיווידואַליזם, זיינע אומגעהייערע גייסטיקע ליידן, וואָס ברענגען קיינעם נישט קיין נוץ...

ער האָט אַריינגעלייגט די „עטיק" אין דעם טלומיקל אונטער דער נאַרע. ער איז אַ ווייל אַרויס אויפֿן הויף. סאָלדאַטן זיינען געזעסן אין אַפּטריט אָן טירן און געטאָן זייער באַדערפֿעניש. זיי האָבן דערביי צווישן זיך געשמועסט. אין קיך האָבן זעלנער געשיילט קאַרטאָפֿל אין גרויסע קעסלען. אַ כאַכלאַק האָט געזונגען מיט אַ גראָב קול, וואָס איז אַרויסגעקומען ווי פֿון אַ גרוב. אַ הונט האָט געבילט. אין מיטן הימל האָט געשוועבט אַ רויטלעכע לבנה, אַרומגעביסן

ביים ברעג. עוזר־העשל האָט ערשט געדינט איבער אַ חודש, נאָר ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער וואָלט שוין זינט יאָרן. ער איז געשטאַנען אַ נישט־אויסגעשלאָפֿענער, אַ נישט־ראַזירטער, אין צו־לויזע שטיוול, מיט מאָזאָליעס אויף די הענט, מיט אַ פּאַסעק אויף די לענדן, און ער איז זיך אַליין פֿאַרגעקומען פֿרעמד. דאָס דאָזיקע לעבן איז נישט געווען פֿאַר זיינע כּוחות. ער האָט איצט געהאַט איין פֿאַרלאַנג: מ'זאָל אים וואָס גיכער אַרויסשיקן אויפֿן פֿראָנט.

## 2

פֿאַר פּורים האָט מען עוזר־העשלס פּאָלק אַרויסגעשיקט אויפֿן פֿראָנט. גענעראַל סעליוואַנאָוו האָט באַלאַגערט פּשעמישל. דער עסטרייכישער גאַרניזאָן האָט געפּרוּווט זיך אַרויסצורייסן פֿון דער פֿעסטונג, צו מזרח־צו, אין דער רוסישער זייט, און מ'האָט אים געדאַרפֿט פֿאַרצוימען דעם וועג. דער מאַרש איז געווען אַ היימישער. לענג־אויס דעם טייך סאַן. דריי טעג איז עוזר־העשל געשטאַנען אין זיין אייגן שטעטל, קליין־טערעשפּאָל. אין זיידנס הויז האָט זיך אַריינגעצויגן אַ גוי, אַ חזיר־שלעגער. אין הייפֿל האָט מען אַרויסגעשטעלט אַ הילצערנע וואַנע, וואָס אין איר קרעלט מען אָפּ די חזירים נאָכן קיילן. אין בית־מדרש האָט מען געהאַלטן היי פֿאַר פֿערד. מ'האָט גראָד יענעם טאָג ווען עוזר־העשל איז אָנגעקומען, געהייצט דאָס באָד, און די גויים זיינען געגאַנגען אין מרחץ אַריין. ס'איז געווען אויסטערליש צו זיין אין אַ קליין־טערעשפּאָל אָן יידן.

אין בילגאָריי, וואו עוזר־העשל האָט פֿאַרבראַכט אַ טאָג, איז געווען אָן אונטערגאַנג. קינדער זיינען געשטאָרבן פֿון קאָקל־הוסט, מאָזלען, שאַרלאַך. ווייבער זיינען געלאָפֿן אין בית־מדרש איינרייסן און אָנצינדן נשמה־ליכט. גבאיטעס האָבן געמאָסטן דאָס בית־עולם. עוזר־העשל איז אַריין צום בילגאָרייער רב, אַ ווייטער קרוב פֿון זיידנס צד. די רביצין האָט אים מכבד געווען מיט אַ היימיש אָנבייסן. דער רב האָט זיך אויסגעפֿרעגט אויפֿן זיידן, די פֿעטערס. ווי וואויל דער בילגאָרייער רב האָט געהערט, אַז דער עוזר־העשל איז קאַליע, האָט ער באַלד גענומען שמועסן מיט אים אין לערנען. די ווייבער, וואָס זיינען געקומען פֿרעגן שאלות, האָבן געקוקט פֿאַרחידושטע ווי דער רב רעדט תּורה צו אַ זעלנער. דעם רבס אוראייניקלעך זיינען אַריינגעקומען, אָנגעמאָסטן דאָס זעלנערישע היטל, דעם פּאַסעק, דאָס שווערדל. עוזר־העשל זאָל נישט בלייבן אין בלויזן קאָפּ, האָט דער רב אים געגעבן זיין קאַפּל. די שטאָט איז געווען פֿול מיט זעלנער, אָבאָז, קאַוואַלעריע, נאָר דער בילגאָרייער רב האָט זיך געראַנגלט מיט אַ האַרבן רמב"ם.

ווען עוזר־העשלס פּאָלק האָט זיך געפֿונען אויפֿן וועג צווישן בילגאָריי און טאַרנאָגראָד, האָט אויסגעבראָכן אַ שלאַקס־רעגן. די וועגן זיינען געבליבן שטעקן אין בלאָטע. פֿערד זיינען געפֿאַלן, געבראָכן די פֿיס, און מ'האָט זיי געמוזט דערשיסן. בלוט איז גערונען פֿון די פֿערדישע פּגרים, זיך אויסגעמישט מיט די קאַלוזשעס רעגנוואַסער. קראָען זיינען אָנגעפֿלויגן אויסצופּיקן ביי די נבלות די אויגן. די זעלנער האָבן אויף זיי געשאָסן און זיי זיינען אַראָפּגעפֿאַלן

אין זומפּ. ערגעץ ווייט פֿאָראויס איז דער וועג, אַפּנים, געווען פֿאַרשטעלט, און מ׳האָט געמוזט וואַרטן ביז די פֿאָדערשטע רייען וועלן רירן פֿון אָרט. זעלנער זײַנען אַוועק אין די פֿעלדער אין זיך אַוועקגעזעצט מלאָכהנען. די קורכערס האָבן זיך אַוועקגעשטעלט קאָכן קאַשע מיט חזיר. מ׳האָט אָנגעצונדן אַ פֿײַער. נאָר דער רעגן האָט עס צוריק אויסגעלאָשן. די סאָלדאַטן זײַנען געוואָרן הונגעריק, געשאָלטן אין טאַטנס־מאַמען. די אָפֿיצירן האָבן געשריגן, געריטן פֿון גרופּע צו גרופּע, געזידלט, געפֿאָכעט מיט די נאַהייקעס. מ׳האָט אָבעראַמאָל און ווידער־אַמאָל געגעבן באַפֿעלן מ׳זאָל גיין ווײַטער, נאָר נאָך עטלעכע טריט האָט מען פֿונסניי געמוזט זיך אָפּשטעלן. עוזר־העשל איז געשטאַנען אין דער פֿולער באַוואָפֿענונג, באַהאָנגען מיט פּאַטראָנען, מיט אַ ביקס אויפֿן אַקסל, מיט אַ קעסעלע ביי די לענדן, און געקוקט אין נעפּל. דאָס העמד איז געווען אויף אים פֿייכט, די שטיוול האָבן געהאַט גראָבע זוילן, נאָר ס׳האָט דורכגענעצט. ער איז געווען נישט אויסגעשלאָפֿן, נישט געגאָלט, אַ קעלט איז אים געלאָפֿן דורך די ריפּן. דער זעלנער ביי דער זייט, אַ געלער יונג, אַ שוסטער פֿון זאַמאָשטש, האָט נישט אויפֿגעהערט שעלטן.

— פּאַניע גנב, אַ רוח אין זיין מאַמען אַריין! אַ מלחמהלע האָט זיך זיי פֿאַרגלוסט, די קאַפּיטאַליסטישע בעסטיעס!

— העי, דו, זשיד, וואָס באַלאַקעסט דו אין דיין פֿאַרשאָלטענעם זשאַרגאָן?

— האָט אַ געשריי געטאָן אַ פּוילישער שייגעץ, אַן איינבענדלדיקער. — שילטסט נאַטשאַלסטווע, אָדער וואָס?

— זאָל דיר דער קאָפּ נישט דאַרן!...

— וואַרט יידעלעך, איר׳ט נאָך גיין פּאָד סוד!...

אין טאַרנאָגראָד איז נישט געווען קיין קאַזאַרמע און דאָס מיליטער איז אַוועק רוען אין די יידישע שטובן. ס׳איז גראָד געווען אַ מאַרקטאָג. די זעלנער האָבן צעטראָטן די ערדענע טעפּ און שיסלען, וואָס די סוחרים האָבן אַרויסגעשטעלט, אומגעשליידערט שטעלעכלעך. די פֿערד זײַנען אַלע געהאַט געשטאַנען צום פּריזיוו. די באַפֿרייטע האָבן געהאַט סטעמפּלען אויף דער פֿעל. אָבער מ׳האָט געדאַרפֿט האָבן נאָך פֿערד, און מ׳האָט גענומען קאָנפֿיסקירן ביי די פּויערים. די גויים האָבן זיך קעגנגעשטעלט, געריסן די פֿערד ביי די ווידלען, און די אונטעראָפֿיצירן האָבן געשלאָגן די אייגנטימער מיט די קאָלבעס פֿון די ביקסן. מ׳האָט אַרויסגעגעבן די באַלעבאַטים שטיקלעך פּאַפּיר, נאָר יענע האָבן זיי אַוועקגעוואָרפֿן אין בלאָטע.

— גנבים, רויבער, מערדער! איר קאָנט זיך דערמיט אונטערווישן!...

די באַבעס האָבן געוויינט. מאַנסלייט האָבן זיך צעיאָמערט מיט הירזשנדיקע קולות. אַ הויכער פּויער אין אַ שאָפּענעם פּעלץ און אין לאַפּטשעס מיט הילצערנע זוילן האָט געכאַפּט צו אַ פֿעלדפֿעבל אַ האַק. מ׳האָט דעם בונטאָר געבונדן מיט שטריק און אָפּגעפֿירט אין אַרעסט. פֿון הינטן איז נאָכגעלאָפֿן די באָבע און געפֿאָכעט מיט די פֿויסטן. דער סאָלדאַט האָט איר געגעבן אַ שטויס מיטן שטיוול און זי איז אַריינגעפֿאַלן אין בלאָטע.

ס׳איז געווען דאָנערשטאָג. צוליב די רעגנס האָט מען געמוזט איבערוואַרטן.

דאָס מיליטער איז געבליבן אין טאַרנאָגראַד ביז איבער שבת. דער פּולקאָווניק האָט פאַרלאַנגט, די יידישע בעקערס זאָלן שבת באַקן ברויט. די בעקערס האָבן נישט געוואָלט מחלל־שבת זיין, נאָר דער פּולקאָווניק האָט געוואָרנט, אַז ער׳ט זיי אָלעמען אויפהענגען און אונטערצינדן דאָס שטעטל. דער רב האָט געפּסקנט, אַז ס׳איז פּקוח־נפש און די בעקערס האָבן פרייטאָג־צו־נאַכטס געהייצט די אויוונס און געקנאָטן טייג. אַלטע ווייבער האָבן געהאַט טענות צום רב, געוואָרנט, אַז ס׳עט זיך אויסלאָזן מיט אַ מגפה. שבת באַטאָג איז עוזר־העשל געקומען אין בית־מדרש. מ׳האָט פאַר די יידישע זעלנער געגרייט די טישן, מיידלעך האָבן געבראַכט טשאָלנט, חלה, קוגל. אַ קליין זעלנערל, וואָס איז אין דער היים געווען אַ משורר ביי אַ חזן, האָט נאָך די פיש געזונגען זמירות.

מה ידידות מנוחתך
את שבת המלכה.
בכן נרוץ לקראתך.
באי כלה נסוכה.
— — — — — —
כל המתענגים בה
יזכו לרב שמחה.
מחבלי משיח
יצלו לרוחה...

נאָך שבת האָט דאָס מיליטער אַריינמאַרשירט קיין גאַליציע. דאָ, אין שונאס לאַנד, האָבן די רוסן אָנגעטאָן אַלערליי נגישות. מ׳האָט אַרויסגענומען פון יעדן שטעטל די בכבודיקסטע באַלעבאָטים און זיי אַוועקגעשיקט פאַר זאַק־לאַדניקעס קיין סיביר. מ׳האָט זיך געמאַכט נישט זעענדיק ווי דאָס מיליטער רויבט. די רוטענישע גויים און זייערע גלחים זיינען אָקעגנגעקומען די רוסן מיט ברויט און וואַסער, מיט צלמים און בילדער, זיי אָנגערופן ברידער. ס׳רוב פּאַלאַקן האָבן געוואוינט הינטער דער שטאָט. מ׳האָט אויסגעלאָזט דעם צאָרן צו די יידן. קאָזאַקן האָבן אָנגעטאָן שטריימלען מיט דרייצן שפּיצן, אַרויפגעצויגן אויף זיך זיידענע און אַטלעסענע זשופּיצעס. די בתי־מדרשים האָט מען פאַרוואַנדלט אין שטאַלן. די ספרים האָבן זיך געוואָלגערט אין די גאַסן. מ׳האָט געכאַפּט יידישע בחורים אויף אַרבעט, זיי אַוועקגעשלעפּט פון די היימען. אַ סך רביים, רבנים און נגידים זיינען געהאַט אַנטלאָפן קיין ווין אָדער קיין אונגאַרן. די גאַליציאַנער יידן, וואָס זיינען נישט געווען געוואוינט צו קיין רדיפות און ליב געהאַט דעם קייסער פראַנץ יאָזעף, האָבן געהאַט איין טרייסט: אַז די מאָס־קאַלעס וועלן נישט לאַנג שאַלטן־און־וואַלטן. מ׳עט זיי אינגיכן אַרויסטרייבן און זיי יאָגן ביז קיין פּעטערבורג. אין אַלעשיצער בית־מדרש, וואו עוזר־העשל איז אַריינגעפאַלן צווישן מנחה־מעריב, האָט אים אַ מלמד נאָכגעזאָגט אַ תורה פון בעלזער רב.

— ואת החזיר כי מפריס פרסה והוא גרה לא יגר: דאָס רוסישע חזיר האָט טאַקע אַריינגעטרעטן קיין גאַליציע, אָבער ס׳עט דאָרט נישט בלייבן וואוינען...

## 3

דעם צוויי־און־צוואַנציקסטן מערץ האָט דער עסטרייכישער קאָמאַנדיר פֿון דעם פֿעסטונג פשעמישל זיך אונטערגעגעבן נאָך אַ באַלאַגערונג פֿון קנאַפּע פֿיר חדשים. איבער הונדערט טויזנט מאַן זיינען אַריינגעפֿאַלן צו די רוסן אין פּלען. מ׳האָט געפֿייערט דעם נצחון אין גאַנץ רוסלאַנד. עוזר־העשלס פּאָלק איז אַריין קיין פשעמישל, געהאָלפֿן היטן די געפֿאַנגענע. ס׳זיינען דאָרט געווען פֿון אַלע מינים: מאַדיאַרישע הוזאַרן אין רויטע הויזן, און פּוילישע אולאַנער אין טשאַקעס מיט באַרשטן; טשעכישע דראַגאַנער אין קאַסקעס באַשלאָגן מיט מעש, און מאַכמעדאַנישע באָשניאַקעס אין פֿעסקעס אויף די קעפּ. אַנשטאָט שטיוול, האָבן די זעלנער געטראָגן שיך מיט שטולפּן, אָדער אַרומגעוויקלט די פֿיס מיט וויקלשנורן. אַן איינבענדלדיקער האָט ביי זיי געהייסן אַ געפֿרייטער, אַ פּאָדפּאָרוטשניק — אַ פֿענריך. גערעדט האָבן זיי אַ בבל פֿון לשונות: דייטש, אונגאַריש, פּויליש, באָשניש, טשעכיש, יידיש. די רוסן האָבן געלאַכט אין די פֿויסטן.

— אַ באָסע קאָמאַנדע!... אַ באָבסקע האָלאָטע!...

פֿון פשעמישל האָט מען נאָך פּסח געשיקט עוזר־העשלס דיוויזיע קיין דרום, צו די קאַרפּאַטן. דער וועג פֿון פשעמישל קיין סאַניק איז געווען פֿול מיט מילי־טער. די רעדער פֿון די האַרמאַטן האָבן צעבראָכן די שטיינער פֿון שאָסיי. אָבאָזן זיינען געבליבן שטיין און זיך נישט געקאָנט רירן. פֿון שלאַכטפֿעלד האָט מען צוריקגעבראַכט וואַגאָנען מיט פֿאַרוואונדעטע. אויף פֿעלדער באַזייעט מיט ווינטער־תבואה האָבן שוין גענומען אויפֿגיין גרינע זאַנגען. איבער אַלעמען האָט געשיינט אַ פֿרילינגדיקע זון און ס׳האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ ספּירהדיק־בלויער הימל. שטאָרכן האָבן געקרייזט אַרום און אַרום, געמאַכט הקפֿות. בינען האָבן געזומט, פֿעלדגרילן האָבן געגרילצט. וואו דאָס אויג איז געפֿאַלן זיינען אויפֿגעגאַנגען אַלערליי בלימלעך: ווייסע און געלע, מיט פּאָסיקלעך און פּינ־טעלעך, מיט פֿעדערלעך און פֿליטערלעך. דאָס געשריי פֿון המון האָט נישט געקאָנט פֿאַרטויבן דאָס קוואַקעריי פֿון די פֿרעש אין די זומפּן. פֿון דערפֿער זיינען אַרויסגעקומען גויעס, שיקסעס, געוואָרפֿן אייגעלעך צום שונא. ביים ברעג פֿעלד האָט מען אין דער גיך צונויפֿגעקלאַפּט אַ תּליה און אויפֿגעהאַנגען אַ צערודערטן פּויער, כלומרשט אַ שפּיאָן. די באָרוועסע פֿיס האָבן זיך נאָכ־געבאָמבלט איבער דעם ריוו. אויף דער קוטשמע האָט געפֿלאַטערט אַ שמעטער־לינג...

די זעלנער האָבן מאַרשירט און געקלאַפּט מיט די שטיוול. די שורות באַיאָ־נעטן האָבן געגלאַנצט אין דער הויך ווי שטאָלענע באַרשטן. פֿאָראויס האָבן טרומייטערט טרומייטן, פּויקן האָבן געפּויקט. די כאַמעס האָבן געבלעקעכצט אַ ליד וועגן אַ מיידל, וואָס גייט אין וואַלד אַריין קלויבן שוואָמען.

דיעווקי וואליעס
יאַ זאַ נימי,
דיעווקי כאַדיאַט
יאַ סנימי.
קודאַ דיעווקי — טודאַ יאַ.

עוזר־העשל איז מיטגעגאַנגען, נאָר ער האָט נישט געזונגען. דאַנקן גאָט, ס'האָט אויפֿגעהערט די לאַנגווייל פֿון דער קאַזאַרמע. אויפֿן וועג האָט ער געקאָנט טראַכטן זיינע מחשבות. אין מיטן דעם גאַנצן געפּילדער האָט ער געפֿירט אַ חשבון מיט שפּינאָזאַן און דאַרווינען. ווי קאָן מען פֿאַראייניקן די דאָזיקע צוויי וועלט־אַנשויאונגען? וואו קומט זיך צונויף די פּאַנטעאיסטישע סטאַטיק מיט דער העראַקליטישער דינאַמיק? צו וואָס דאַרף די גאָטהייט קאַמף? אויב ס'איז אמת, אַז דאָס געראַנגל פֿאַרן דאַזיין האָט געשאַפֿן אַלע באַשעפֿענישן, הייסט עס דאָך, אַז די גאָטהייט נויטיקט זיך אין צייט און ווילן, וואָס דאָס איז צוזאַמען בחירה. ווי מאָדנע, נאָר ווי וואויל שפּינאָזאַ און דאַרווין קאָנען באַזונדער אויסגעטייטשט ווערן ריין־מאַטעריאַליסטיש, פֿירט די קאָמבינאַציע פֿון די דאָזיקע צוויי לערעס צום היפּוך פֿון מאַטעריאַליזם: צו געטלעכע צוועקן און פֿרייהייט... עוזר־העשל האָט צוגעשלאָסן די וויעס און אַ וויילע מאַרשירט בלינדערהייט. אויב גאָט האָט אומענדלעכע אַטריבוטן, איז דאָך איבערהויפּט אַלץ מעגלעך. אפֿשר איז פֿרייהייט אויך אַ געטלעכער אַטריבוט? אפֿשר איז צייט אויך איינער פֿון זיינע אַטריבוטן? אפֿשר איז גאָט אַליין אַ וועזן, וואָס אַנטוויקלט זיך אין דער אומענדלעכער צייט? אפֿשר מוז גאָט אַליין פֿירן אַ מלחמה מיט דעם שטן, וואָס איז אַ נעגאַטיווער אַטריבוט? אַלץ איז מעגלעך! אַלץ איז מעגלעך!...

— העי, דו, זשיד, וואָס טרעטסטו אויף די פּיס?

— ער האָט אַוודאי פֿולע הויזן...

עוזר־העשל האָט געוואָלט אָפּענטפֿערן, נאָר ער האָט געשוויגן. דער שייגעץ רעכטס האָט געהאַט אַ פּאָר גרויסע פֿויסטן. ער האָט נאָר געזוכט אַן אויסרייד אויף אַ קריגעריי מיט אים, עוזר־העשלען. ער האָט נישט אויפֿגעהערט נאָכשפּעטן זיין רוסיש. ער האָט אים געהאַלטן אין איין פֿאַרוואַרפֿן, אַז ער גייט נישט ריכטיק, האַלט זיך נישט גלייך, טראָגט נישט די ביקס לויט דעם זאַקאָן. ער האָט אים יעדעס מאָל געטאָן אַ שטעק אַריין די האַנט אין פּאַס, אַ סימן, אַז ס'איז לויז. ער האָט ביי יעדער געלעגנהייט געמאַכט וויצן וועגן דעם ביכל, וואָס עוזר־העשל טראָגט אין ראַניעץ. דער פּויערן־יונג, וואָס האָט געשטאַמט פֿון אַ דאָרף הינטער וולאָדאַווע, איז איצט געווען זיין, עוזר־העשלס, שונא. פֿון די וואַסערדיקע אייגעלעך, פֿון דעם פֿאַרריסענעם נעזל מיט די ברייטע נאָזלעכער, פֿון דעם מויל מיט די לאַנגע אַרויסשטאַרצנדיקע ציין ווי ביי אַ פֿערד, — פֿון אַלץ האָט אַראָפּגעקוקט אַ האַס. עוזר־העשל האָט נישט געהאַט קיין ספֿק, אַז ווען דער ערל איז מיט אים אַליין אין אַ וואַלד, וואָלט ער אים דערהרגעט. אָבער פֿאַרוואָס? וואָס פֿאַר אַ שלעכטס האָט ער אים געטאָן? וואָס פֿאַר אַן עוולה האָבן אים געטאָן די יידן, וואָס ער האַלט זיי אין איין שילטן? אויב די שנאה קען קיין מאָל נישט זיין גוט, ווי שפּינאָזאַ זאָגט, — צו וואָס האָט גאָט זי באַשאַפֿן?... אַך, וואָס קומט אַרויס פֿון קלערן! גאָט האָט צוגעדעקט זיינע סודות און ער וויל נישט מ'זאָל זיי אויפֿדעקן. ס'עט גאָרנישט העלפֿן, נישט די לאָגיק און נישט די אינטואיציע. די פֿראַגע איז נאָר: וואָס טוט מען? אויפֿ־

האַלטן דאָס לעבן? באַגיין זעלבסטמאָרד? דינען דעם קייסער? דעזערטירן? פֿאַרוואָס זאָל ער, עוזר־העשל, וועלן פֿאַרכאַפּן אונגאַרן?...

אין סאַניק האָט דאָס מיליטער געררוט. מ׳האָט שפּעטער געזאָלט אַריבערשיקן עוזר־העשלס דיוויזיע קיין ביאַלאָגראַד, אויף די פֿאָדערשטע פּאָזיציעס. נאָר אַ סך טעג זיינען אַריבער און ס׳איז נישט אָנגעקומען קיין באַפֿעל. אין שטאָט איז געווען אַ האַרמידער. ווער ס׳האָט געקויפֿט אין די קראָמען און ווער ס׳האָט ראַבירט. די באַלעבאַטעם האָבן אַרויסגעטראָגן פֿון די הייזער פּעסער וואַסער און געגעבן די יוונגים צו טרינקען. אַ קאָזאַק האָט אַרומפּאַראַדירט אין אַ רבנישן טולופּ. אין מאַרק האָט מען פֿאַרקויפֿט אָנגעגזלט האָב־און־גוטס. אין מיטן פֿייער האָבן יידן געפֿירט אַלערליי מחלוקתן. בעלזער חסידים האָבן זיך אַרומגעריסן מיט באָבעווער. אַ קולטוס־פּרעזידענט האָט זיך גע׳לדין מיט אַ שוחט. סוחרים האָבן זיך געעסקט מיט אַ פּויער, וואָס זיי האָבן אָנגערופֿן אַ שופּט. ייִנגלעך אין רבנישע קאַפּעלאַטשן און געקרויזטע פּאות האָבן געלערנט אין די קלייזלעך. יונגעלייט האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אויף די ביידעמער, ווייל די פֿאָניעס האָבן געכאַפּט אויף אַרבעט. מ׳האָט הינטער־דער־שטאָט געגראָבן גריבער, אָפּגעריייניקט שטעכיקע דראָטן, קופּעס מיסט, שקעלעטן פֿון פֿערד. די שווער פֿאַרוואונדעטע האָט מען געהאַלטן אין שטאָטישן לאַזאַרעט. די לייכט פֿאַרוואונדעטע האָט מען אָפּגעשיקט אין סאַניטאַר־וואַגאָנען קיין רוסלאַנד. מחמת ס׳זיינען אומגעגאַנגען טיפֿוסן און אין די שטעטלעך אַרום האָבן אויסגעבראָכן פֿאַלן פֿון כאָלערע, האָט מען אין דער גיך אויפֿגעשטעלט אַ באַראַק פֿאַר דעזינפֿעקציע. מ׳האָט דאָרט ביי די מאַנסלייט אָפּגעגאָלט באָרד און פּאות און ביי די מיידלעך אָפּגעשוירן די האָר. ס׳זיינען גלייך אויפֿגעקומען מאַכערס, וואָס האָבן פֿאַר כאַבאַר אַרויסבאַקומען פֿאַלשע דעזינפֿעקציע־צייגנישן. אין דער גאַנצער בהלה האָט עוזר־העשל באַקומען דריי בריוו פֿון הדסהן. די קאָנווערטן זיינען געווען אויפֿגעריסן און באַקלעפּט מיט פּאַק־פּאַפּיר. דאָ און דאָרט זיינען שורות געווען אויסגעמעקט דורך דעם צענזאָר. ס׳איז שווער געווען צו באַגרייפֿן וואָסערע מיליטערישע סודות הדסה האָט געקאָנט שרייבן. ערשט איצט, אַז עוזר־העשל האָט געהאַלטן די בייגעלעך פּאַפּיר אין דער האַנט, האָט ער באַנומען ווי ער האָט נאָך איר געבענקט. ער האָט נישט געלייענט מיט קיין סדר, נאָר אויסגעקליבן זאַצן פֿון מיטן. ס׳זיינען געווען צושריפֿטן אויף די ראַנדן און צווישן־די־שורות. אין דעם אייגענעם בריוו, וואו הדסה האָט באַשריבן דער מוטערס לוויה און איר, הדסהס, קראַנק־ווערן, זיינען געווען אַלערליי צערטלעכע אויסדרוקן, צונעמען, וואָס זי האָט אים, עוזר־העשלען, געגעבן, און אָנדייטונגען, וואָס נאָר זיי ביידע האָבן פֿאַרשטאַנען. עוזר־העשל האָט געלייענט און איז געוואָרן בלאַס. די ווערטער האָבן אָנגעצונדן אין אים אַ תּאווה. ער האָט געמוזט קלערן וועגן דעם שאַנד־הייזל אויפֿן לעמבערגער וועג, פֿון די אַלע שיקסעס און בלאַטע מיידן, וואָס מ׳האָט געקאָנט קריגן פֿאַר אַ לאַבן ברויט, אַ פּעקל טאַבאַק, אַ פֿונט צוקער. די יונגען פֿון בילגאָריי, זאַמאָשטש, שעברעשין, וואָס האָבן געדינט אין זיין ראָטע, האָבן אָן אויפֿהער גערעדט פֿון די נקבות, וואָס זיי קריגן־אָן, און פֿון די עברות וואָס זיי טוען־אָפּ —

אין קאַמערן, שייערן, אויף ביידעמער, אָדער אין פֿעלד, צווישן בייטן תּבֿואה. נישט נאָר גויעס, נאָר יידישע ווייבלעך, פֿרויען פֿון מענער, וואָס זיינען אַוועק אין מלחמה, האָבן זיך מפֿקיר געווען ווי זונות...

מ׳האָט געזאָלט שיקן עוזר־העשלס פֿאָלק קיין ביאַלאָגראָד, צו די קאַר־פּאַטן, נאָר וואָכן זיינען אַריבער און מ׳איז נאָך אַלץ געשטאַנען אין סאַניק. סאָלדאַטן זיינען אַוועק אין די דערפֿער קאָנפֿיסקירן קי, קעלבער, הינער, אייער. די יידישע זעלנער האָבן שוין באַצייטנס אונטערגעהאַנדלט. ס׳איז געווען פֿאַר־באָטן צו טרינקען שנאַפּס, פֿון דעסטוועגן האָבן די אָפֿיצירן געשיכּורט אין קלוב. עוזר־העשל האָט געהאַט אַ סך צייט. אין אַ צעראַבירט יידיש הויז האָט ער געפֿונען אַ שאַנק ביכער. די פֿאַמיליע איז געהאַט אַוועק. ס׳האָבן זיך דאָ געוואַלגערט אַלבומס, אַזוינע, וואָס ער האָט אַמאָל געזען ביי הדסהן. אויף די גאָלד־געליישטע בלעטער זיינען געווען אַריינגעשריבן פֿערזן אין פּויליש און דייטש, ציטאַטן פֿון מיצקעוויטש, סלאָוואַצקי, געטהע, שילער, היינע, האָפֿמאַנס־טהאַל. אַ מיידל האָט געהאַט איבערגעלאָזט אַ טאָגבוך. אין אַ ספֿרים־שענקל איז געשטאַנען אַ ש״ס געבונדן אין לעדער. אויף אַן אויבערשטער פּאָליצע זיינען געלעגן אָנגעהויפֿט אַ סך בענדלעך פֿון דער זאַמלונג געשען און פֿון דער „אוניווערסאַל ביבליאָטעק״. אין מיטן די שחיטהס, די עפּידעמיעס, די פּאָג־ראָמען, די קריגס־געריכטן, האָט די זון געשיינט איבער גאָלדיקע טאַפּעטן, פֿליגן האָבן זיך געפּאָרט, שפּינען האָבן געשפּינט שפּינגעוועבן, פּראָפֿעסאָרן פֿון בערלין, לייפּציג, באַן האָבן דורך גאָטישע בוכשטאָבן גערעדט צו עוזר־העשלען וועגן לוטהערס איינפֿלוס אויף דער מאָדערנער קולטור, די גייסטיקע שטרעמונגען אין אָריענט און אָקסידענט, דער גאָט־באַגריף ביי די אַלטע גער־מאַנען, דעם פֿאַטאַליזם פֿון דער גריכישער דראַמע... עוזר־העשל האָט אַרויס־געקוקט אין דרויסן. איבערן הימל איז געפֿלויגן אַ שטאָרך. ס׳איז געווען מאָדנע צו טראַכטן, אַז פֿאַר דעם דאָזיקן באַשעפֿעניש האָט נישט עקזיסטירט קיין מלחמה, קיין אייראָפּע, קיין גרענעצן, קיין פּאַסירשיינען. ס׳האָט געקאָנט פֿליען פֿון דאַנען פֿריי קיין וואַרשע...

עוזר־העשל האָט זיך אַוועקגעלייגט אויף דער סאָפֿע, וואָס איז געווען צע־לעכערט מיט באַיאָנעטן, און צוגעשלאָסן די וויעס. (ווען ער האָט פֿאַרמאַכט די אויגן, איז ער נישט געווען קיין סאָלדאַט). די זון האָט אים געבאַקן דאָס פּנים. דורך די לעדלעך האָט זיך דורכגעריסן אַ רויטלעכע שיין. צו די אויערן איז דערגאַנגען אַן אויסטערלישער רויש. אַלץ האָט זיך אויסגעמישט מיט אַמאָל: דאָס געקנאַק פֿון רעדער, די אָפּהילכן פֿון האַרמאַטן, דאָס בילן פֿון אַ הונט, דאָס געלעכטער פֿון מיידלעך. אין זיין אייגענעם בויך האָט געשאָרכט דאָס איינ־געווייד. ער האָט זיך נאָך אַלץ נישט געקאָנט צוגעוואוינען צו פּאַניעס קרויט. ער האָט געהאַט צייטן ווען ער האָט געליטן פֿון היפּאָכאָנדריע. יינגלוויז האָט ער געהאַט אַ פֿאָרגעפֿיל, אַז ער׳ט שטאַרבן אין טאָג פֿון בר־מצווה. שפּעטער האָט ער געהאַט אַן איינרעדעניש, אַז דער סוף וועט קומען אין חופּה־טאָג. ער האָט אַלעמאָל געזאָרגט, אַז ער האָט שווינדזוכט, אַ קאַטאַר אין די געדערים, אָדער גאָר אַז ער׳ט ווערן טויב צי בלינד. איצט, ווען מ׳האָט יעדע מינוט אים

געזאָלט אַוועקשיקן אין אַ שלאַכטפֿעלד, וואו מענטשן פֿאַלן ווי די פֿליגן, איז ער געווען רואיק. דער פּחד פֿאַרן טויט איז געוואָרן פֿון אים אָפּגעטאָן. דער מוח איז געווען פֿול מיט הדסהן און מיט אַלערליי פֿאַנטאַזיעס. ער איז געוואָרן אין דמיון אַ מאַהאַראַדזשאַ און געהאַט אַכצן ווייבער: שיינהייטן פֿון אינדיע, פּערסיע, אַראַביע, עגיפּטן, ווי אויך עטלעכע יידישע יפֿת־תּוארס. הדסה איז די קעניגין פֿון דעם האַרעם. יעדע פֿרוי ברענגט אים, עוזר־העשלען, איר דינסט, אַ טונקל־הויטיקע שוואַרצאויגיקע שקלאַפֿין, און ער באַשענקט זי מיט זיין גענאָד און ליגט אין איר שויס. הדסה איז אייפֿערזיכטיק, אָבער ער פֿאַרזיכערט איר ווידער־אַמאָל און אָבער־אַמאָל, אַז זיין ליבשאַפֿט געהער נאָר איר אַליין, און אַז ער באַשלאָפֿט די איבעריקע ווייל אַזוי איז דער מינהג פֿון דער מדינה...

ס'האָט אים געטאָן אַ ביס און ער האָט זיך אויפֿגעריסן. וויפֿל די אָפֿיצירן און אונטעראָפֿיצירן האָבן נישט געוואָרנט די כאַמעס מ'זאָל זיך האַלטן ריין, האָבן זיך געהאַט אַריינגעכאַפּט אין די געלעגערס לייז...

*

דער פּריקאַז צו מאַרשירן איז געקומען אַ פּאָר טעג שפּעטער, אָבער נישט פֿאָרויס, נאָר אויף צוריק. אַ מעכטיקע אַרמיי, אַ געמיש פֿון דייטשן און עסטרייכער, קאָמאַנדירט פֿון פֿעלדמאַרשאַל מאַקענזען, האָט אַטאַקירט דעם רוסישן צענטער, אין דער געגענט פֿון דונאַיעץ, זיך געריסן צום טייך סאַן. ס'איז נישט געווען קיין צוריקמאַרש, נאָר אַ געלויף. מ'האָט איבערגעלאָזט אַרטילעריע, פּראָוויאַנט, אַמוניציע. דער שונא האָט געיאָגט פֿון הינטן, פֿון די זייטן. מ'האָט געהערט, אַז גאַנצע קאָרפּוסן זיינען געוואָרן צעשאָסן, צעשמעטערט. הונדערטער טויזנטער סאָלדאַטן האָבן זיך אונטערגעגעבן. עוזר־העשל האָט געהאָפֿט, אַז ער'ט אַריינפֿאַלן אין פּלען, אָבער זיין דיוויזיע איז באַצייטנס אָפּגעטרעטן. ער איז געלאָפֿן צופֿוס דעם גאַנצן וועג: איבער פּשעמישל, יאַראָסלאַוו, בילגאָריי, זאַמאָשטש. ער איז ווידער פֿאַרביי קליין־טערעשפּאָל. ס'האָט אויפֿגעהערט די מידקייט אין די פֿיס, די ברעכעניש אין רוקן, דאָס גרימעניש אין די געדערים. טעג און נעכט האָבן זיך געביטן גיך, ווי אין אַ היץ־שלאָפֿקייט. ס'איז אַוועק יעדע מורא, יעדע זאָרג פֿאַר אַ תּכלית. ס'זיינען אײַנגעשטילט געוואָרן די טראַכטענישן און די תּאוות. רעגנס האָבן געגאָסן, ווינטן האָבן געבלאָזן, קוילן האָבן געפּייפֿט, נאָר ס'האָט אים רעכט נישט געאַרט. אַפֿילו דער פֿאַרלאַנג צו רוען און צו שלאָפֿן איז געוואָרן אויסגעוועפּט. געבליבן איז בלויז איין גרויסער חידוש: בין איך עוזר־העשל? האָב איך כּוח דאָס אַלץ דורכצומאַכן? איז דער גוף באמת אַזוי שטאַרק? בין איך ר' דן קאַצענעלענבויגנס אייניקל, דער מאַמעס זון, איידלס מאַן, הדסהס געליבטער?... ער האָט ערגעץ אין אַ פֿעלד, צוזאַמען מיט אַנדערע סאָלדאַטן, אַוועקגעשטעלט די ביקס אין אַ קאָזלע און זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד. ער איז געלעגן צווישן צעטרעטענע זאַנגען און אַ ווייל געהאַלטן די וויעס אָפֿן. אויפֿן הימל האָט געהאַנגען אַ לבנה, אַ בלוטיק־רויטע, איבערגעשניטן מיט אַ פּאַסיקל וואָלקן. פֿון טייך האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ נעפּל־דיקער זייל. עמעץ האָט געהאַט אָנגעצונדן אַ פֿייער. פֿונקען האָבן זיך געטראָגן

איבער דעם פֿלאַם. ווער בין איך? וואָס טראַכט איך? — האָט עוזר־העשל זיך געפֿרעגט. אָבער וויפֿל ער האָט אין זיך נישט געזוכט, האָט ער נישט געפֿונען קיין גאַנצע מחשבה. אַלץ איז זיך צונויפֿגעוואַקסן אין איין קנויל: די שווערקייט פֿון קערפּער, די פֿייכטקייט פֿון באָדן, די קרעכצעניש פֿון די זעלנער, דאָס קוואַקן פֿון זשאַבעס, דאָס גרילצן פֿון פֿעלדגרילן. אַ וואָרעם איז אים געקראָכן אויפֿן שטערן. ער האָט אים צעקוועטשט. ער האָט זיך, אַפּנים, אויפֿגעהערט מיאוסן. וואָס האָט זי דאָרט געהאַט? אַ ייִנגל, אָדער אַ מיידל? איז אים איינגעפֿאַלן. זיכער אַ מויד... אָבער אַפֿילו דער דאָזיקער געדאַנק האָט אים איצט נישט געערגערט. נו, וואָס איז די נפֿקא־מינה? און ער איז געוואָרן אַנטשוויגן ווי אַ שטיין.

## 4

אין מיטן זומער האָבן די רוסן גענומען עוואַקוּאירן וואַרשע. אויף דער פּראַגער בריק, וואָס אירע זיילן זיינען געווען מינירט, האָבן זיך געצויגן לאַנגע שורות וועגענער, פּלאַטפֿאָרמעס, בריקעס, לאַסט־אויטאָמאָבילן. די אָפֿיצירשעס און די ווייבער פֿון די באַאַמטע האָבן אָריבערגעפֿירט קיין רוסלאַנד שענק, פּיאַנאָס, שפּיגלען, פֿאָטעלן — אַפֿילו עמערס מיט פּאַלמען און פֿיגוס־ביימער. דענשטשיקעס האָבן געשמיסן די לאַסט־פֿערד, געשריגן מיט באַנומענע קולות. די בריק איז געווען צו־שמאָל. אַלץ האָט זיך געפּלאָנטערט צוזאַמען: טראַמווייען, וועליסאָפּעדן, פֿורלעך מיט היימלאָזע יידן, סאָלדאַטן אין פֿולער באַוואָפֿענונג. אין די קאַזאַרמעס האָבן זעלנער אויסגעפֿאַרקויפֿט שטיוול, מונדירן, לייבלעך, גאַטקעס, אַלערליי מעלן, קאַשעס, שמאַלץ. די אויפֿקויפֿער האָבן אָפֿן פֿאַר אַלעמען אַהיימגעשלעפּט די שוואַרצע סחורה. אין די פּאָליציי־קאָמיסאַריאַטן איז געווען אַ פּאַניק. די פּאָליציאַנטן זיינען געוואָרן מאָביליזירט. אויף זייער אָרט האָט מען איבערגעלאָזט אַ מיליץ, מאַנסלייט מיט באַנדן אויפֿן אָרעם און מיט גומענע שטעקעלעך אַנשטאָט שווערדן. צווישן די מיליץ־לייט זיינען געווען יונגען, וואָס האָבן גערעדט יידיש, און ס'איז געווען פֿאַר די וואַרשעווער יידן אַ סימן, אַז ס'הייבן זיך אָן בעסערע צייטן. דעם לעצטן טאָג זיינען די סטרוזשעס אומגעגאַנגען פֿון שטוב צו שטוב און געוואָרנט מ'זאָל נישט האַלטן אָפֿן די פֿענסטער, וואָרים ביינאַכט וועט מען אויפֿרייסן די בריקן. שוואַרץ־זעער האָבן פֿאָראויסגעזאָגט, אַז פּאַניע וועט אין דער לעצטער מינוט מאַכן אַ פּאָגראָם, אונטערצינדן די שטאָט, ראַבירן די קראָמען. מ'האָט זיך געסודעט, אַז די קאַנאַליזאַציע איז אָנגעפּאַקט מיט פּולווער. נאָר ס'האָט אויסגעזען, אַז די רוסן האָבן זיך נישט געזעגנט מיט וואַרשע אויף שטענדיק. די קאָמיסאַרן, די רעוויראָוועס, די סטאַקאָוועס האָבן אַלע געזאָגט ס'אייגענע:

— ניטשעוואָ. מיר'ן צוריקקומען!

און זיי האָבן צום לעצטן מאָל אויסגעשטרעקט די האַנט נאָך כאַבאַר.

די בני מושקאַט האָבן, ווי אַ סך אַנדערע וואַרשעווער משפּחות, זיך איינגעטיילט אויף צוויי צדדים: אויף אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַלטן מיטן רוס, און

יענע, וואָס האָבן אויסגעקוקט דעם דייטש. פּערל, ר׳ משולמס עלטסטע טאָכטער, האָט גערעדט, אַז די דייטשן זײַנען אַן אומגליק. מ׳האָט זיך געסודעט אין דער פֿאַמיליע, אַז די יידענע האָט ליגן פֿופֿציק טויזנט רובל אין דער פּעטערבורגער קייזערלעכער באַנק. אסתּר־מלכּה, יואלס אלמנה, האָט געוואָרנט, אַז ס׳עט נישט זײַן ביים דייטש קיין פּאַפּע. פֿישעלע, הדסהס מאַן, האָט זיך געשראָקן, אַז די אשכּנזים וועלן איינפֿירן צוואַנג־שולע. בינו־לבינו האָט ער איינגעהאַנדלט גאַנצע מאַגאַזינען סחורה: אייל, זייף, טראָן, ליכט, און אַפֿילו זעק מיט פֿעדערן און פּוך, וואָס ער האָט געקראָגן וואָלוול אויף דער גענשע גאַס. פֿישעלעס הויף אויף דער גנאַינע איז געוואָרן פֿול באַשטעלט מיט פֿעסער און קאַסטנס. פֿורן האָבן געהאַלטן אין איין אַרײַנפֿאָרן אין טויער און אַרויספֿאָרן. אין ביאַלאָדרעוונער שטיבל האָט פֿישעלע באַצייטנס גענומען זיך נאָכפֿרעגן צי קאָן מען מיט די דייטשן האַנדלען, צי זיי נעמען אין יד אַרײַן, און צי ס׳איז וואָר, אַז זיי פֿאַרשטייען יידיש. ער האָט געטענהט:

— וואָס איז מיר די נפֿקא מינה? גויים בלײַבן גויים!...

נת׳לע איז געווען אַ שטיק דייטש נאָך פֿון די אַלטע צײַטן, ווען ער פֿלעגט פֿאָרן מיט סאַלטשען קיין מאַריענבאַד און אָפּטרעטן אויפֿן וועג אין בערלין. ער האָט גערעדט דייטשמעריש און געקאָנט שרײַבן אַן אַדרעס אין די שפּיציקע גאָטישע בוכשטאַבן. אין שויבן־שענקל אין דער סאַלע האָט ער געהאַט שטיין מענדעלסאָנס תּנ״ך אין דער דייטשישער איבערזעצונג און מאַיערס לעקסיקאָן. נת׳לע איז איצט געזעסן אַ גאַנצן טאָג אויפֿן באַלקאָן, אין אַ סאַמעטענעם שלאָפֿראָק מיט בלומען, אין אַ זײַדן קאַפּעלע, די פֿיס אַנגעשטעקט אין פּליושענע שטעק־שיך, אַנגעשפּאַרט אויף אַ פֿיסנבענקעלע, און ער האָט צוגעקוקט מיט נחת ווי די איוואַנעס אַנטלויפֿן. פֿיניעלע איז אַרויפֿגעקומען שמועסן פּאָליטיק. ער האָט געשוואוירן, אַז די רוסישע אַרמיי איז אַרומגערינגלט, די צאַרינע איז אַ שפּיאָנקע, דעם קייסערס פֿעטער, ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש, וואַלגערט זיך אַ שיכּורער אין רינשטאָק. פֿיניעלע האָט פֿאַראויסגעזאָגט, אַז ווען די דייטשן וועלן פֿאַרנעמען מאָסקווע, וועלן די יאַפּאַנעזער אויסדרייען דעם דישעל, זיך אַ לאָז טאָן אויף סיביר, צערייסן דעם רוסישן בער אויף שטיקער.

— נת׳לע, ס׳איז וואויל ווי די וועלט! — האָט פֿיניעלע געשריגן. — מ׳מעג שוין זאָגן נאָך זיי רבנן־קדיש!...

ניוניע האָט ערשט נאָר חתונה געהאַט מיט בראָניע גריצהענדלער. ער איז געשטאַנען מיטן ווײַב אין געוועלב פֿון אַנטיקן און ביכער אויף דער שוויענטאָ־קזשיסקע גאַס. ניוניע האָט זיך קוים געקאָנט דערוואַרטן דער דייטש זאָל אַרײַן, אַז ער, ניוניע, זאָל אָנטאָן קורצע קליידער. ער האָט שוין געהאַט הענגען אין שאַנק אַן אַנצוג און אַ קאַפּעליוש. פֿון בערדל איז קוים געבליבן אַ קמץ. סטודענטלעך, לערער, קאַליע־געוואָרענע שטיבל־בחורים, האָבן זיך באַצײַטנס געפֿרעגט אויף דייטשע כרעסטאָמאַטיעס, גראַמאַטיקעס, ווערטערביכער. ס׳איז געווען אַ פֿאַרגעניגן צו האָבן אַ יונג ווײַב אָן אַ שייטל, צו שטיין אין אַ געשעפֿט פֿון ביכער, מאַפּעס, גלאָבוסן, פֿיגורן, צו רעדן מיט די קונדן

וועגן קלאָפּשטאָק, געטע, שילער, היינע. צייט דער דייטש האָט זיך גענומען צורוקן צו וואַרשע, האָט די שטאָט אָנגעהויבן שמעקן מיט מערב־איראָפּע.

— בראָניע־לעבן, מיר׳ן בקרוב זיין אין אויסלאַנד... מ׳עט ניש׳ דאַרפֿן פֿאָרן איבער דער גרענעץ!...

אַבראַם איז פֿון טאָג צו טאָג געוואָרן האָפֿערדיקער. אמת, קיין דירה־געלט האָט מען נישט געצאָלט. חמא איז געזעסן אין שטוב אַ פֿאַרזויערטע און געהאַלטן אין איין שיילן קאַרטאָפֿל. ביילע־איטע, די טאָכטער, האָט איצט געוואוינט ביי טאַטע־מאַמע מיטן מאַן. דאָס קינד, משולמל, האָט געמאָזלט. אַביגדור, דער איידעם, האָט נישט געהאַט וואָס צו טאָן. ער האָט ליידיק־גייעריש געוויקלט פּאַפּיראָסן, קורציזיכטיק געלייענט די יידישע צייטונגען צוזאַמען מיט די אַנאָנסן. אָבער אַבראַם איז זעלטן געווען אין דער היים. נינאָטשקאָ, די אַקטריסע, איז געהאַט דורכגעקומען בשלום דעם אַבאָרט. אין דעם צימער אויף דער אַגראַדאָווע זיינען זיך יעדן אָוונט צונויפֿגעקומען שרייבער, אַקטיאָרן, מוזיקער, סתּם אינטעליגענטן. נינאָטשקאָ האָט אָנגעצונדן צוויי ליכט, זיך אַוועק־געזעצט אויפֿן טעפּיך, אויפֿן באַהעמישן שטייגער, דעקלאַמירט פּאָעזיע, געזונגען לידער. אַ העברעאיסט און אַ יידישיסט האָבן געפֿירט אַ דיסקוסיע. ד״ר מעסינ־גער, דער טעלעפּאַט, האָט געהייסן די פֿאַרזאַמלטע זיך אַריינגעמען אין זין אַ נומער און ער האָט געטראָפֿן. פֿינלענדער האָט געהאַט ערגעץ געקראָגן אַ יאַפּאַנעזיש בוך מיט זיידענע בלעטער און אויסגעלאָסענע בילדער. איינגעבונדן איז דאָס ווערק געווען אין אַ סאָרט פּימסנהאָלץ. די געסט האָבן געהאַלטן אין איין בלעטערן און נישטערן. ברוידע, וואָס איז אויך אַהער אַריינגעקומען, האָט, ווי אַלעמאָל, גערעדט וועגן דער רעוואָלוציע.

— האָט געדולד. די מאָסן האָבן נאָך נישט געזאָגט זייער וואָרט! — האָט ער געטענהט צו דעם קליינבירגערלעכן געזינדל. — ס׳עט זיך נאָך טאָן אויף טיש און אויף בענק!...

און ער האָט קליגעריש געשמייכלט פֿון הינטער די ברילן און געבלאָזן דינע קייקעלעך רויך.

די לעצטע נאַכט איידער דער דייטש איז אַריין האָט אַבראַם פֿאַרבראַכט אין דער היים מיט דער משפּחה. סטעפֿע האָט געבראַכט דעם חתן אירן, דעם סטודענט פֿון מעדיצין. ס׳זיינען געקומען צו גאַסט מאַשע, לאהס טאָכטער, וואָס איז איצט געווען אַ לעבעדיקע יתומה, און דאָשע, פּיניעלעס מוזינקע. די מיידלעך האָבן געטאַנצט, געלאַכט, זיך איינגערוימט סודות. חמא האָט דערלאַנגט טיי, קאַרטאָפֿל־קוכן, ווישניק. משולמל האָט נישט געוואָלט איינשלאָפֿן און אַביגדור האָט אים אַריינגעבראַכט צו די געסט. צו פֿאַרשפּילן דאָס אייניקל, האָט אַבראַם זיך אַוועקגעשטעלט אויף די הענט און די פֿיס, געבילט ווי אַ הונט, געמיאַוקעט ווי אַ קאַץ, געהוילט ווי אַ וואָלף. ער האָט זיך אַזוי נאַריש געמאַכט, אַז אַפֿילו חמא, די מרה־שחורהניצע, האָט געמוזט לאַכן. זי האָט געשאָקלט מיטן באַשייטלטן קאָפּ, געשנייצט די רויטע נאָז.

— וואָס פֿעלט עים, האַ?... אַ גדולה אויף זיין קאָפּ!...

— פֿינסטערע יידענע, וואָס .זאָרגסטו אַזוי פֿיל?... מיר'ן שטאַרבן ווי די גרעסטע מיליאָנערן!... מיר'ן פֿוילן ווי די קיסריים!...

צוויי אַזייגער ביינאַכט האָט אַבראַם זיך געלייגט שלאָפֿן. אָבער פֿאַרטאָג האָט אים אויפֿגעוועקט אַ קראַך. באַלד דערנאָך האָט מען דערהערט נאָך צוויי אויפֿרייסן. די רוסן האָבן אויפֿגעריסן אַלע דריי בריקן: די פּראַגער, די מוראַ־נאָווער, די נייע בריק. אין הויף זיינען געפֿאַלן שויבן. הינט האָבן זיך צעבילט. קינדער האָבן געוויינט. אַבראַם האָט זיך אויפֿגעזעצט אויפֿן געלעגער, געטראַכט, אַז באַלד וועט מען קאָנען פֿאָרן קיין לאָדזש זיך זען מיט אידאַן. ווער ווייסט? אפֿשר האָט זי שוין אינגאַנצן פֿאַרגעסן אָן אים, אַבראַמען? פֿילייכט האָט זי זיך אָפּגעזוכט אַן אַנדערן? ער איז ווידער אַנטשלאָפֿן געוואָרן, נאָר די חלומות האָבן אים נישט געלאָזט רוען. ער האָט שוין געהאַט אַ גרויע באָרד, אָבער דאָס בלוט אין די אָדערן האָט געזאָטן ווי ביי אַ יונגנמאַן, די תאוות האָבן געזומט אין מוח. דאָ האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז ער קושט הדסהן, און דאָ איז אים פֿאָרגעקומען, אַז סטעפֿע, די טאָכטער, איז געקומען צו אים אין בעט; דאָ האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער און אידאַ שטייען אונטער אַ חופּה, און דאָ האָט ער דערזען נינאָטשקאַן אַ טויטע, מיט אַן אָפֿן מויל און פֿאַרגלאָצטע אויגן. דאָס לשון, וואָס ער האָט גערעדט אין חלום, איז געווען גרייזיק, איבער־געדרייט, אַ געמיש פֿון יידיש, פּויליש, רוסיש, דייטש, לשון־קודש. מתים זיינען געוואָרן לעבעדיק. וואַרשע און לאָדזש זיינען געווען איין שטאָט. פֿון דער מאַר־שאַלקאָווסקע האָט זיך גלייך אָנגעהויבן די פּיעטריקאָווער גאַס. אין דער פֿרי האָט אים אויפֿגעוועקט אַ קלינגעניש פֿון טעלעפֿאָן. ס'איז געווען ניוניע. ער האָט געשטאַמלט:

— אַבראַם־לעבן, מ־מזל־טוב!... די ד־ד־דייטשן זיינען דאָ!... מיר זיינען אין פּ־פּ־פּרייסן!...

— הוראַ! הידד! וויוואַט! פּאַצטאַוזענט! — האָט אַבראַם זיך צעגוואַלדעוועט

— וואו ביסטו, כאַלערע? לאָמיר גיין מקבל־פּנים זיין יעקין!...

אַבראַם האָט גענומען לויפֿן איבער די שטובן אַ באָרוועסער. חמא און די טעכטער האָבן זיך איבערגעוועקט. משולמל האָט זיך צעקוויטשעט. אַבראַם האָט אָנגעטאָן אַ ווייסן זומער־אַנצוג, אַ שטרויענעם קאַפּעליוש, אַן אָפֿן העמד מיט אַ סלאָוואַצקע קאָלנער, גענומען דעם שטעקן מיט די הירש־הערנער. ער האָט געהיפּערט איבער די טרעפּ און געזונגען. ער איז אַריינגעשפּרונגען אין אַ דראָשקע און זיך געהייסן צופֿירן צו ניוניען. פֿון דאָרט זיינען ביידע שוואָגערס צוזאַמען מיט בראַניע גריצהענדלער געפֿאָרן צו דער סענאַטאָרן־גאַס. די זון האָט געשיינט. אַ ווינטל האָט געבלאָזן פֿון דער ווייסל. די סטרוזשעס האָבן געשפּריצט מיט קישקעס. יונגע פֿרויען און מיידלעך האָבן געטראָגן בלומען. די באַלקאָנען זיינען געווען געפּאַקט, די גאַסן — פֿול מיט פֿאַרבייגייער. מ'האָט קוים זיך געקאָנט דורכשפּאַרן דורך דעם פּעבל. אויף דער סענאַטאָרן־גאַס האָט אַבראַם דערזען דאָס מיליטער. דייטשע אָפֿיצירן זיינען שטייפֿע געריטן אויף פֿערד, מיט פּיקלהויבן אויף די קעפּ, מיט שווערדן אויף די לענדן, מיט שפּאָרן אין די שטיוול. ס'איז נישט געווען קיין צייכן, אַז זיי קומען נאָר־וואָס פֿון אַ

שלאכט. ברייטע שורות סאלדאטן האבן מארשירט, ס׳רוב מיטל־יעריקע, ברייט־פלייציקע, בייכיקע, מיט ברילן אויף די נעז און מיט פארצעלייענע פייקעס צווישן די ליפן. די יעקעס האבן געקלאפט מיט די שטיוול, געזונגען א ליד מיט האלדזיקע שטימען, און אויסטערליש געבלעקעכץ, וואס האט ארויסגערופן ביים עולם געלעכטער. דער המון האט באגריסט די אקופאנטן.

— גוט מארגען! גוט מארגען!

— גוט מאיען! גוט מאיען! — האבן געמיטלעך אפגעענטפערט די זיגער.

— וווא געהטס נאך פעטערסבורג?

— האבן זי איין ציגאר! — האט אבראם דערלאנגט א יעקי א ציגאר.

— שעהן! האבען זי איינע ציגארעטע!

און יענער האט אבראמען געגעבן א פאפיראס און א מונדשטיק, מיט א שטיקל גאלד ביים ברעג.

די רייען האבן זיך געצויגן און און אויפהער. טשאטעס טויבן זיינען געפלויגן איבער די דעכער. שויבן האבן זיך געצונדן גינגאלדיק, געבליצט. איבערן שלאס האט שוין געפלאטערט די ווייס־רויט־שווארצע פאן. צום ראטהויז זיינען צוגעפארן וועגן מיט שוצלייט, אין בלויע פעלערינעס, אין שווארצע ברילן. פון פראגע האבן זיך דערהערט די ערשטע שאסן. די רוסן זיינען נאך נישט געווען קאפוט, ווי די דייטשן האבן זיך בארימט. זיי האבן נאך געוועלטיקט אויף יענער זייט ווייסל. פון יידישע הויפן האבן גענומען ארויסקריכן די דעזערטירן, אין אפגעריסענע מלבושים, מיט געלע פנימער. דא און דארט האט א פאטרול געכאפט א רוסישן סאלדאט. טייל האבן אוועקגעפירט דעם געפאנגענעם. אנדערע האבן דעם זעלנער דערשאסן אויפן ארט. דער איוואן האט זיך געוואלגערט אין מיטן גאס, אין א נעץ בלוט. נאך מיטאג־צו האט מען גענומען קלעפן אויף די ווענט באקאנטמאכונגען, אין פויליש און דייטש. רעדלעך האבן זיך צונויפגענומען און געלייענט. ס׳זיינען אויפגעפאלן די ווערטער: שטרענג פערבאטען! טאד דורך ערשיסען! פארנאכט איז אבראם אוועק אויפן ווינער וואקזאל זיך נאכפרעגן צי מ׳קאן שוין פארן קיין לאדזש. אויף דער מארשאלקאווסקע איז געווען א שטופעניש. קאוואלעריע איז געריטן אויף פערד. און ארקעסטער האט געשפילט. אין די רעסטאראנען און בארן האבן דייטשע מיליטער־לייט שוין געהוליעט מיט נקבות. פון דער כמיעלנע, זלאטע, האבן געשטראמט מחנות גאסן־פרויען, געפודערטע און גערוזשטע, מיט אונטערגעשמירטע אויגן און מיט פעפערלעך אויף די באקן. שיכורע קולות האבן אפגעהילכט, הייזעריקע, רוצחישע, פול מיט גויישער הפקרות. דער ווינער באן־הויף איז געווען פארצוימט. אבראם האט געפרואווט זיך צונויפרעדן מיט א דייטש, נאר דער שוואב מיטן פערדישן פנים און די ארויסגעבאלטע אויגן האט אים דערלאנגט א שטופ. אבראם האט זיך שיער נישט איבערגעקערט.

— מאכען זי, דאסס זי פארט קאממען! — האט ער געשריגן און אנגעשטעלט די ביקס. — זי פערפלוכטער יודע!...

—◆—

# קאַפּיטל זיבן און דרייסיק

## 1

דער פֿרילינג האָט זיך היי־יאָר געשטעלט פֿרי. סוף פֿעברואַר האָט שוין אין וואַרשע געגומען שמעקן מיט הינטער־שטאָטישע ריחות פֿון אויפֿגערודערטער ערד, מיסט, וואָרצלען. אין מיטן מערץ איז געוואָרן וואַרעם און די שטאָט־לייט האָבן אויסגעטאָן די פֿוטערס, די לייבלעך, די שפּענצערס, די פּליושענע היטלען. דאָס אייז אויף דער ווייסל האָט זיך גערירט. אונטער דער פּראַגער בריק, וואָס די רוסן האָבן אויפֿגעריסן און די דייטשן האָבן ווידער פֿאַרריכט, האָבן אָנגעהויבן לויפֿן קריעס. אויף די צווייגן זיינען אויפֿגעגאַנגען קנאָספּן. אין די יידישע גאַסן האָבן די רינשטאָקן זיך צעגאָסן ברייט, ווי טייכן. אין די בעקערייען האָט מען שוין באַצייטנס געבאַקן מצות. מ׳האָט געזען דורך די פֿענסטער ווי מ׳גיסט וואַסער אין פסחדיקן מעל, מ׳קנעט די מיירעס, מ׳וועלגערט, מ׳רעדלט, מ׳שיבט אין אויוון. נאמנים האָבן אַכט געטאָן אויף כשרות. באַלעבאָסטעס האָבן אויסגעליידיקט אויף די הייף דאָס שטרוי פֿון די שטרוי־זעק. עס זיינען דערויף אַרומגעשפּרונגען מחנות קינדער. בעל־מלאָכהס זיינען אַרומגעגאַנגען און גערופֿן: אַלץ ווערט געכּשרט! צום פֿאַרריכטן און צום פֿאַרלייטן! צום ווייסן און צום גלאַזירן! דורך וואַליע, מאַקאַטאָוו, אַכאַטע, פּאַוואָנזעק, זיינען אָנגעפֿאָרן פּויערישע פֿורן מיט עופֿות, אייער, קאַרטאָפֿל, בוראַקעס, כריין, ווי אין די אַלטע גוטע צייטן. יידן האָבן געדאַרפֿט פּראַוועון סדרים, טרינקען ארבע כּוסות. מ׳האָט געמוזט האָבן שמאַלץ אויף קניידלעך און כרעמזלעך. די קינדער זיינען אַרומגעגאַנגען אָפּגעריסן און פֿאַרלאָנגט שיכלעך, כאַלאַטלעך, הייזלעך, סאַקלעך, קליידלעך, היטעלעך. מ׳איז געבליבן אָן איינשיטן, ציכן, ציכלעך, לייִלעכער. עס איז געווען אַ יקרות. מ׳האָט פֿאַר אַלץ געמוזט צאָלן מיט פּוילישע מאַרקן, וואָס דאָ זיינען זיי געפֿאַלן און דאָ האָבן זיי זיך געהויבן. יידן לומדים האָבן געזאָגט אַ ווערטל:

— יסורין ממרקין...

פֿון דעם מאמר אין דער גמרא: יסורין ממרקין עוונותיו של אדם.

אויף דער מאַרשאַלקאָווסקע און דער נייער־וועלט האָט זיך געוואָרפֿן אין די אויגן די גרויסע צאָל פּוילישע אָפֿיצירן. זיי האָבן אַרומגעשפּאַנט אין פֿיר־עקיקע היטלען, מיט שווערדן אויף די לענדן, אין שטיוול מיט שפּאָרן, און זיך געהאַלטן אין איין פֿאַרנויגן. וואו ס׳איז אַמאָל געשטאַנען אַ רוסישער גאָראָדאָוואָי, אָדער אַ דייטשער שוצמאַן, האָט איצט געוואַכט אַ פּוילישער פּאָליציאַנט אין אַ שוואַרצן העלם מיט אַ פּוילישן אָדלער און מיט אַ קרומער שווערד. פֿון די באַלקאָנען האָט געפֿלאַטערט די ווייס־רויטע פֿאָן. אויף די שילדן האָט מען געהאַט אויסגעמעקט די רוסישע און די דייטשע אויפֿשריפֿטן. אין די טראַמווייען האָט מען אָפּגעשאַפֿט די זיץ־ערטער פֿאַר פֿינף קאָפּיקעס. גאָר אַלע האָבן געצאָלט גלייך, ווי ס׳פּאַסט פֿאַר אַ דעמאָקראַטישער מדינה. ביים טויער פֿון זאַקסישן גאָרטן איז מער נישט געשטאַנען קיין וואַך. אַלע האָבן

איצט געמעגט אַריינגיין, אויך יידן אין לאַנגע קאַפּאָטעס און ווייבער מיט שייטלען. ס׳איז אויפֿגעפֿאַלן, אַז די צאָל פֿערד איז געוואָרן קנאַפּער. צווישן די דראָשקעס און פֿורן האָט מען איצט געזען אַ היפּש ביסל אויטאָמאָבילן, לאַסט־אויטאָמאָבילן, טאַקסיס. אין די קעפּ פֿון די צייטונגען האָט זיך גערעדט וועגן פּילסודסקין, פּאַדאַרעווסקין, שיקאָרסקין, קאָרפֿאַנטין, סקירמונטן. אין אויבער־שלעזיע האָט זיך געגרייט אַ פּלעביסציט. שטרעזעמאַן האָט שוין באַ־צייטנס פּראָטעסטירט, אַז מ׳טוט די דייטשן אַן עוולה. לאָיד דזשאָרדזש האָט קאָנפֿערירט. בריאַן האָט אויפֿגענומען טשיטשערינען. דער גלח לוטאָסלאַווסקי איז אַרויסגעטרעטן אין סיים קעגן די יידן...

די דייטשע אַרמייען האָבן פֿאַרוויסט פּוילן, גלייך ווי זיי האָבן חרוב גע־מאַכט גרויסע טיילן פֿון בעלגיע, פֿראַנקרייך, רוסלאַנד, סערביע, רומעניע. מיליאָנען זיינען געפֿאַלן אין קריג, אומגעקומען פֿון הונגער און מגפֿות, געבליבן אינוואַלידן. אין פּוילן האָט דאָס דייטשע קריגס־געריכט טאָג־איין טאָג־אויס געשאָסן פּוילישע בירגער. די באַקאַנטמאַכונגען האָבן אַלע געהאַט איין נוסח: ווייל מען האָט געפֿונען ביי די באַשולדיקטע געווער. דער דייטש האָט שוין דעמאָלט זיך פֿאַרנומען אויסצוראָטן די באַפֿעלקערונג אין די אָקופּירטע לענדער און צו באַזעצן די טעריטאָריעס מיט דייטשן. די דאָזיקע פּאָליטיק איז געפֿירט געוואָרן נישט בלויז פֿון קייסער. ס׳האָט געשטימט פֿאַר איר דער רייכסטאָג. די מאָרדן און רויבערייען זיינען באַגאַנגען געוואָרן פֿון אַלע קלאַסן. די דייטשן האָבן געמאַכט אַן אויפֿשטאַנד ערשט דעמאָלט, ווען די לעצטע אָפֿענסיווע איז געוואָרן געבראָכן.

אָבער ווען ס׳איז געקומען צום שליסן שלום זיינען די הערשער פֿון די באַפֿאַלענע לענדער געוואָרן פֿול מיט קריסטלעכער פֿאַרגעבונג. ווילהעלם איז אַנטלאָפֿן קיין האָלאַנד און האָט דאָרט געלעבט אין אַ פּאַלאַץ. הינדענבורג איז שפּעטער געוואָרן דער פּרעזידענט פֿון דער דייטשער רעפּובליק. מ׳האָט געלאָזט אומבאַשטראָפֿט אַלע יענע, וואָס האָבן אומגעבראַכט און פֿאַרקריפּלט מיליאָנען נפֿשות. די דייטשע גייסטלעכע, וואָס האָבן ערשט נאָר אָפּגעהאַלטן גאָטעס־דינסטן פֿאַר דעם זיג פֿון די דייטשע מערדער, האָבן איצט געפּרעדיקט פֿאַר די שאָף ליבשאַפֿט, הכנעה. די קירך האָט גענומען די רויבער, באַצווינגער, אונטערדריקער אונטער אירע פֿליגל. דער פּויבסט האָט געהייסן פֿאַרגעסן און פֿאַרגעבן, ווי דאָס האָבן געטאָן די פּויבסטען דור־איין דור־אויס.

די יידן אין פּוילן האָבן געליטן אַ סך מער ווי די קריסטן. זיי האָבן גע־וואוינט אין די שטעט, וואו דער מאַנגל אין שפּייז און די עפּידעמיעס זיינען געווען גרעסער ווי אין די דערפֿער. די בתּי־מדרשים זיינען געווען פֿול מיט אבלים און קדיש זאָגער. די בעל־מלאָכהס האָבן פֿאַרלוירן די אַרבעט. פֿון די פֿאַבריקן האָט דער דייטש געהאַט אַרויסגענומען די מאַשינען. דער רוסישער מאַרק, וואָס האָט פֿאַרן קריג געהאַט צוגענומען אַלערליי פּוילישע אויס־אַרבייטונגען, איז נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע געוואָרן פֿאַרשלאָסן. דער שלום האָט געבראַכט די יידן אין פּוילן נויט און קראַנקהייט. אָבער די

העצער אין די פּוילישע צייטונגען און אין פּאַרלאַמענט האָבן געהעצט נישט קעגן דעם דייטשן רוצח, נאָר קעגן דעם געשלאָגענעם ייד. די פּאָליאַקן האָבן אָנגעהויבן זייער הערשאַפֿט מיט אַ פּאָגראָם אין לעמבערג. פּעטליורע און בולאַק בולאַכאָוויטש האָבן פֿאַרוויסט די יידישע ישובים אין אוקראַינע און ווייס־רוסלאַנד. פּליטים, וואָס האָבן זיך אומגעקערט פֿון רוסלאַנד, האָבן דערציילט, אַז מ׳מאַכט חרוב שולן, מ׳צעטרייבט חדרים, מ׳זעצט איין רבנים. די באַלפֿור־דעקלעראַציע האָט דערוועקט אין יידן האָפֿענונגען אויף אַ גאולה, אָבער ס׳זיינען באַלד געווען צייכנס, אַז ענגלאַנד האָט נישט בדעה צו האַלטן דעם צוזאָג.

פֿונדעסטוועגן האָבן די פּוילישע יידן נישט אַראָפּגעלאָזט די הענט. די פּויערים, וואָס זיינען געקומען אין די יידישע קראָמען, האָבן געדאַרפֿט שניט־סחורה, לעדער, אַקעראייזנס, האַמערס, זעגן, נעגל, זאַלץ, נאַפֿט, הערינג. די פּויערטעס און שיקסעס האָבן געבענקט נאָך געבלימלטע קאָפּטיכלעך, גלאַנציקע פּאַטשערקעס. די שטאָט האָט פֿאַרלאַנגט קאָרן, ווייץ, גערשטן, האָבער, פֿלאַקס, אייל, מילך, פּוטער, אייער, פֿלייש, האָניק. צום בויען נייע הייזער האָט מען געמוזט ברענגען ציגל, גראָבן קאַלך, גיסן אייזן, צוגרייטן דאַכעווקעס, קאַכליעס, רערן, גלאָז, בלעך. אויף צו פֿאַרריכטן די באַנען און די פֿאַבריקן האָט מען געברויכט אויסלענדישע וואַליוטע, ווייל די מאַשינען און דאָס געצייג האָט מען געקריגן נאָר אין אויסלאַנד. די פּוילישע יידן האָבן זיך אַ נעם געטאָן צו מלאָכה, מסחר, אינדוסטריע. מ׳האָט ווידער אָנגעהויבן בויען, מויערן, שפּינען, וועבן, גאַרבן. די פֿאַבריקן פֿון לאָדזש, ביעלסק, זשיראַרדאָוו האָבן פֿונסניי אויסגעאַרבעט קאָרט און לייוונט. אין ביאַליסטאָק האָט מען געמאַכט לעדער, אין מעזריטש — באַרשטן. יידישע מילן האָבן געמאָלט, די טאַרטאַקעס האָבן געשניטן ברעטער, די היטעס האָבן געגאָסן גלאָז. מ׳האָט אויפֿגעהערט נוצן סאַכאַרין אָנשטאָט צוקער. די ברוי־הייזער און ברייזלעך האָבן ווידער געברויט ביר און בראָנפֿן. אויפֿן בוג, אויפֿן וויעפּזש, אויף דער ווייסל, האָבן וואַלד־סוחרים געפֿירט פּליטעס. דאָס פֿאָרן אויף דער באַן איז געווען פֿאַרן ייד אַ סכנה. האַלערס סאָלדאַטן האָבן געשוירן יידישע בערד און פֿאַר איינוועגס אַריינגעשניטן אין באַק. די קריסטלעכע פּאַסאַזשירן האָבן זיך לוסטיק געמאַכט איבער די יידן, זיי געצוואונגען צו זינגען לכה־דודי און מה־יפית. אָבער סוחרים און שפּיליטערן קאָנען נישט בלייבן זיצן אין דער היים. די אַריינפֿאָר־הויפֿן אויף די נאַלעווקיס און פֿראַנציסקאַנער זיינען פֿול געווען מיט פּראָווינצער. אין די האָטעלעכלעך זיינען די געסט געשלאָפֿן צו צוויי אין אַ בעטל. אויף דער שוואַרצער בערזע האָט מען געטוישט מאַרקן, קראָנען, דאָלאַרן, פֿונטן, נישט לויט די קאַפּריזן פֿון פֿינאַנץ־מיניסטער, נאָר לויט דעם אמתן ווערט. די קרובים אין אַמעריקע, אַרגענטינע, דרום־אַפֿריקע, וואָס האָבן אין די מלחמה־יאָרן נישט געקאָנט אונטערשטיצן זייערע נאָענטע, האָבן געשיקט געלט און אַזוי־אַרום געהאָלפֿן אויפֿשטעלן דאָס האַלב־חרובע פּוילן.

צוגלייך מיט דעם ווידערגעבורט פֿון האַנדל און מלאָכה איז געקומען אַ גייסטיקע אויפֿלעבונג. רביים, רבנים, קהל־לייט האָבן זיך צונויפֿגענומען אין אַן אגודה, אויף צו פֿאַרשטאַרקן די אמונה, צו פֿירן אַ געראַנגל מיט דער

אַפּיקורסות, אַרויסצוגעבן פֿרומע צייטונגען, צו גרינדן ישיבות, חדרים, תּלמוד־תּורהס, שולן פֿאַר מיידלעך, אַלץ על פּי רוח התּורה והמסורה.

די ציוניסטישע יונגעלייט האָבן זיך געגרייט אויפֿצוגיין קיין ארץ־ישראל, אין דעם לאַנד פֿון די אָבות. בחורים זיינען געוואָרן חלוצים, שומרים, זאבים, זיך געלערנט ערד־אַרבעט אין די דערפֿער, און די פֿאַכן וואָס מ׳דאַרף אויף צו בויען דעם ישוב. העברעאישע לערער זיינען געוואָרן באַוואָרפֿן מיט לעקציעס. אין די קליינע שטעטלעך האָבן מאַרשירט קינדער אין ווייס־בלויע היטלען, מיט מגן־דודס אויף די אַרבלען. פֿאָרויס איז געגאַנגען אַ ראש הגדוד. זיי האָבן געמאַכט גימנאַסטיק, געזונגען העברעאישע לידער, שפּאַצירט איבער די וועלדער, זיך באַגריסט מיט די ווערטער פֿון חומש: חזק ואמץ. אין די ציוניסטישע פֿאַראייניגן האָט מען ביז שפּעט ביינאַכט געפֿירט דיסקוסיעס, וואָרים ס׳זיינען אַנטשטאַנען אַלערליי פֿראַקציעס און חילוקי־דעות. די מזרחיסטן האָבן געוואָלט צונויפֿפּאָרן דעם ציוניזם מיט רעליגיע, די פּועלי ציון — מיט מאַרקסיזם. פֿון פּאַלעסטינע־אַמט אין וואַרשע זיינען אָפּגעפֿאָרן די ערשטע עולים. זיי זיינען אַוועק צו דער באַן מיט זעק אויף די פּלייצעס און געזאַנג אין די מיילער. די באַגלייטער האָבן געטאַנצט אויפֿן וואָקזאַל און זיך געוואונטשן מ׳זאָל גרונטפֿעסטיקן די היימען אויף די בערג פֿון ציון און ירושלים.

די בונדיסטן זיינען אין דער פּוילישער רעפּובליק געוואָרן לעגאַל און געגרינדעט פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראייניגן, ווי אויך שולן אין דער יידישער שפּראַך. די פֿירער האָבן געוואָרנט, אַז פּאַלעסטינע קאָן נישט לייזן דאָס יידישע פּראָבלעם. זיי האָבן פֿאַרלאַנגט פֿון דער פּוילישער מלוכה נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע. זיי האָבן באַצייטנס אָנגעהויבן אַ קאַמף קעגן די באָלשעוויקעס, וואָס האָבן צעיאָגט די גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונג און איינגעפֿירט אַ דיקטאַטור אין די רייען פֿון פּראָלעטאַריאַט. דעם ערשטן מאַי האָבן די בונדישע אַרבייטער מאַרשירט איבער די יידישע גאַסן מיט רויטע פֿענער, בלימלעך אין די לאַצן און אָפֿן פֿאַר אַלעמען געזונגען די שבועה און דעם אינטערנאַציאָנאַל. ס׳איז געווען אַ חידוש פֿאַר די וואַרשעווער יידן, וואָס זיינען געווען געוואוינט, אַז די סטרייקערס באַהאַלטן זיך אין די לעכער און וואַרפֿן אונטער פּראָקלאַמאַציעס. מ׳האָט דערין געזען אַ צייכן, אַז ס׳זיינען געקומען נייע צייטן.

די קאָמוניסטן זיינען געבליבן קאָנספּיראַטיוו. מ׳האָט אָרגאַניזירט קאַמערלעך מיט טעכניקער, סעקרעטאַרן, פֿונקציאָנאַרן. אין ערשטן מאַי האָבן זיי געפּרואווט זיך אַריינרייסן אין די קאַדרן פֿון דער פּ. פּ. ס. און בונד, און זיי האָבן געכאַפּט קלעפּ פֿון דער פּאָליציי און פֿון די געוועזענע חברים. זייערע פֿלוג־בלעטלעך און זשורנאַלעכלעך האָבן פֿאַרזיכערט, אַז די קאַפּיטאַליסטן וועלן מיטן גוטן ווילן נישט אָפּגעבן די ממשלה איבער די מאַסן, און אַז מען מוז פֿירן אַ מלחמה מיט דער בורזשואַזיע און זייערע נאָכשלעפּער, די ליבעראַלן און די סאָציאַל־דעמאָקראַטן. אין וואַרשע האָט מען טויזנטער איינגעזעצט אין ראַטהויז, אין פּאַוויאַק, אין אַרסענאַל, אין מאָקאָטאָוו. עס איז פֿול געווען מיט זיי אין די אָרעמע יידישע גאַסן און הויפֿן: אויף דער קראָכמאַלנע, סמאָטשע, וואָלאָווע, סטאַווקע, ניזקע, שמאָלע־מילע. ס׳זיינען צוגע־

שטאַנען אַביסל באַלעבאַטישע מיידלעך, גימנאַזיסטן, סטודענטן. ווי וואויל זיי האָבן פֿאַרגעשטעלט אַ קליינעם טייל פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג, האָבן די אַנטיסעמיטן נאָוואַטשינסקי, לוטאָסלאַווסקי, ניעמאָיעווסקי געדרשנט, אַז די זקני ציון זיינען געוואָרן באָלשעוויסטיש, און אַז טראָצקי, דער מנהיג, גרייט זיך צו פֿאַרכאַפּן פּוילן. די יידישע דעפּוטאַטן האָבן פּראָטעסטירט קעגן די בלבולים, געמאַכט אינטערפּעלאַציעס. די ראַטמענער אין מאַגיסטראַט האָבן באַוויזן דעם מצב מיט ציפֿערן. די יידישע בלעטער האָבן טאָג־איין, טאָג־אויס דערמאָנט, אַז דער אַנטיסעמיטיזם איז אַזוי שלעכט פֿאַר די פּאָליאַקן, ווי פֿאַר די יידן. אָבער די יידן זיינען געווען אַ מינדערהייט, שוואַך, צעוואָרפֿן, און ס׳איז גרינג געווען אויסצולאָזן צו זיי די שנאה. חדר־קינדער זיינען באַפֿאַלן געוואָרן פֿון שקצים. מ׳האָט געוואָרפֿן שטיינער, געשלאָגן מיט שטעקנס, געריסן צונעמען. נישט איינמאָל פֿלעגן זיך אַריינמישן דערוואַקסענע גויים.

— דערלאַנגט זיי, די יידעלעך. זאָלן זיי גיין קיין פּאַלעסטינע!...

— שלאָגט זיי, די טראָצקיס, ביילּיסעס, יעזוס־מערדער!...

## 2

דער עקספּרעס־צוג, וואָס איז געגאַנגען פֿון ביאַליסטאָק קיין וואַרשע, האָט זיך געהאַט פֿאַרשפּעטיקט אויף אַ פּאָר שעה. מ׳האָט געזאָלט אָנקומען קיין וואַרשע פֿיר אַזייגער נאָכמיטאָג, אָבער אין דער צייט האָט מען ערשט דער־גרייכט מאַלקין. דער צוג איז דאָ געשטאַנען לאַנג. וואַגאָנען זיינען געוואָרן צוגעטשעפּעט און אָפּגעטשעפּעט. דעם פּעראָן האָט באַלאַגערט אַן עולם, וואָס האָט געקויפֿט בילעטן, נאָר זיך נישט געקאָנט אַריינקריגן אין באַן. פּוילישע פּאַסאַזשירן האָבן פֿאַרשלאָסן די טירן און נישט אַריינגעלאָזט די יידן, וואָס זיינען אַרומגעלאָפֿן אַהין און צוריק, ווי דול, באַלאָדן מיט זעק, וואַליזעס, קוישן. אַ ווייבל מיט אַן עופֿעלע אין אַ לאַנג קישן האָט געוויינט, געבעטן רחמים. אין געדראַנג האָט זי פֿאַרלוירן דאָס שייטל און געבליבן מיט אַ טרעפּיק־געשוירענעם קאָפּ. אַ זעלנער האָט אויפֿגעכאַפּט דעם פּאַרוק אויפֿן באַיאָנעט. צווישן די ערלים האָט אויסגעבראָכן אַ געלעכטער.

— איי־איי־איי, זעט ווי דאָס שטופּט זיך! — האָט געשריגן אַ סאָלדאַט אין פֿולער באַוואָפֿענונג. — ס׳איז נישט די בוזשניצע!...

— מענטשן האַרציקע, דאָס קינד איז שלאַף! ס׳עט מיר אויסגיין אויף די הענט! — האָט געיאָמערט דאָס ווייבל. — האָט רחמנות!...

— ע־ע, וועט זיין מיט איין יידל וויניקער...

אין אַ וואַגאָן צווייטע קלאַס איז געזעסן אַ בלאַסער יונגערמאַן מיט אַ הויכן שטערן, טיפֿע ווינקלען און בלאָנדע האָר, וואָס האָבן שוין אינמיטן צוגעדעקט אַ פּליך. דער אָפּגעכוימלטער אַנצוג איז געווען צעקנייטשט פֿון דער נסיעה, דער נישט־געפּרעסטער קראַגן האָט זיך געבויגן אַרויף. דער קראַוואַט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט. דאָס בלייכע פּנים איז דאָ־און־דאָרט געווען איינגעריסט פֿון דעם רויך פֿון לאָקאָמאָטיוו. דער פּאַסאַזשיר האָט סיי געלייענט אַ פּוילישן

זשורנאַל, סיי אַרויסגעקוקט דורך דער שויב. די באַן האָט שוין דאָ געוואַרט איבער אַ שעה. אויף די ברייטע שורות רעלסן זיינען געווען אָנגעשטעלט לאַסט־וואַגאָנען, לאָקאָמאָטיוון, נאַפּט־ציסטערנעס. די מאַשינען האָבן געפּייפּט, געזאָטן, געזעצט מיט דאַמף. די פּייערן אין די אויוונס האָבן האַלב־באַלויכטן די פֿאַר־שמירטע פּנימער פֿון די הייצערס. קאָנדוקטאָרן זיינען אַרומגעלאָפֿן אַהין־און צוריק, מיט אָנגעצונדענע לאַמטערנס, פֿאַרבלאַסטע אין דער שיין פֿון טאָג. אַ באַאַמטער אין אַ רויט היטל האָט געפֿאָכעט מיט אַ פֿענדל. פֿון אַ קופּע ער־שטע קלאַס האָט אַרויסגעקוקט אַ ברייט־פּלייציקער גענעראַל מיט אַ פּירעקיקער באָרד פֿון אַ קאַצאַפּ. צווישן די גראָבע ליפּן האָט געשטעקט אַ ציגאַר. די גרויע אויגן האָבן געקוקט מיט דעם קאַלטן בליק פֿון איינעם, וואָס איז פֿריי פֿון אַלע מענטשלעכע באַדרענגענישן. פּוילן איז ערשט נאָר געוואָרן אַ מלוכה, פֿונ־דעסטוועגן איז שוין די ברייטע ברוסט געווען געדיכט באַהאָנגען מיט מעדאַלן.

אין דער קופּע צווייטע קלאַס האָבן זיך געפֿונען, אויסער דעם יונגנמאַן מיט דעם זשורנאַל: אַן אָפֿיציר; צוויי פֿרויען, וואָס זיינען געפֿאָרן מיט אים צוזאַ־מען; אַן אַלטע גויע אין שוואַרצן, אין אַ הוט, וואָס ס'האָט זיך נאָך אים נאָכגע־שלעפּט אַ ווידל פֿון קרעפּ; אַ פּריצל מיט אַ ציגן־בערדל, אין אַן אַלט־פֿרענ־קישן פּוילישן קאַפּטאַן מיט שלייפֿן און טאָפּל־קנעפּ. אויף די פּאַליצעס האָט מען אָנגעהויפּט אַ סך רענצלעך, פּעקלעך. דער פּאַרוטשניק — אַ נידעריקער, אַ בלאָנדער, מיט אַ רויט פּנים, וואַסערדיקע אייגעלעך, אַ גראָבער נאָז, פֿאַר־דרייטע וואָנסעלעך — האָט געהאַט אויפֿגעהאָנגען דעם מונדיר, דאָס פּירעקיקע היטל, די שווערד. ער האָט פֿאַרלייגט אַ פֿוס אויף אַ פֿוס, געדרויכערט אַ פּאַפּיראָס, זיך געשפּיגלט אין די נעז פֿון די געפּוצטע שטיוול.

— וואָס שטייען זיי אַזוי לאַנג, די טייוולאָנים די הינטישע? — האָט ער געפֿרעגט.

— די כאָלערע ווייסט זיי! — האָט געענטפֿערט איינע פֿון די פֿרויען.

— אַן אָרדענונג אַ חזירשע. כ'בין אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפֿן. דאָס מיליטער וואַלגערט זיך אויף די וואָקזאַלן, און אומעטום איז פֿול מיט זשידעס. אַך, אַ קאָמעדיע!

דאָס פּריצל אין דער בעקעשע האָט זיך אַ ריר געטאָן אויפֿן געזעס.

— זאָל מיר דער פּאַן פּאַרוטשניק אַנטשולדיקן. דאָרט, פֿון וואַנען איך קום, האָט מען מיט די יידן נישט געמאַכט קיין צערעמאָניעס. מ'האָט זיי אַרויס־געטריבן און באַסטאַ.

— פֿון וואַנען קומט דער פּאַן?

— נישט ווייט פֿון טאָרון. די ניעמצעס האָבן עס גערופֿן טוירן — האָט דאָס פּריצל גערעדט מיט אַ דייטשן אַקצענט.

— אַך, יאָ, אין פּויזן און אין פּאָמערן איז אַנדערש. דאָ איז פֿול מיט די פֿאַרשאָלטענע...

— מ'זאָגט, אַז אין ליטע זיינען זיי צוגעשטאַנען צו די ליטווינער און אין מזרח־גאַליציע — צו די אוקראַינישע באַנדיטן.

— מ׳האָט זיי אין לעמבערג געגעבן אַ לעקציע! — האָט דער אָפֿיציר אַ זאָג געטאָן און אויסגעשפּיגן דורכן אָפֿענעם פֿענסטער.

דער יונגערמאַן האָט זיך טיפֿער אַריינגערוקט אין ווינקל. ער האָט געפּרואווט ווייטער לייענען, נאָר ס׳האָט אים געשווינדלט פֿאַר די אויגן. ס׳איז געווען אין אָנהויב מאַי, אָבער דער הימל איבערן וואָקזאַל און די באַן־ליניעס האָט שוין געהויערט אַ מיטן־זומערדיקער, אַ טיף־בלויער. פֿייגעלעך זיינען אַרומגעפֿלויגן מיט אַ צוויטשערניש. ערגעץ ווייט האָט זיך אַרויסגעהויבן אַ פֿאַבריק־קוימען. צוזאַמען מיט דעם גערוך פֿון קאָקס און אייל האָבן זיך דערטראָגן אַהער ווינטלעך, וואָס האָבן געשמעקט מיט וואַלד און טייך. די זון האָט זיך שוין אָנגעהויבן נויגן צו מערב. זי איז געשטאַנען אין הימל אַ גרויסע, אַ רויטלעכע, אַ נישט־היגע. ערגעץ־וואו האָט מען געשפּילט אויף אַ האַרמאָניקע, אָדער אַ קאַטערינקע. דאָס פּריצל האָט אַראָפּגענומען פֿון אויבערשטן פּאַך אַ סעפּעטל מיט אַ סך לאַפּן און שלעסער, אַרויסגעקראַצט אַ טיטל קיכלעך.

— זאָל דער פּאַן פּאַרוטשניק געניסן!

— אַ הערצלעכן דאַנק.

און דער אָפֿיציר האָט מיט צוויי פֿינגער אויסגעקליבן אַ קיכל.

— די גנעדיקע דאַמען?

— אַ, מיר דאַנקען העפֿלעך.

דאָס פּריצל האָט געטאָן אַ קוק אויף דעם פּאַסאַזשיר אין ווינקל, זיך אַ ווייל געקווענקלט.

— זאָל זיך דער פּאַן באַדינען.

דער יונגערמאַן איז געוואָרן ווי איינגעשרומפּן.

— ניין, כ׳דאַנק פֿיל מאָל.

אַלע האָבן אים מיט אַמאָל אָנגעקוקט: דער אָפֿיציר, די צוויי דאַמען, אַפֿילו די זקנה אין שוואַרצן. דאָס פּריצל האָט צוריקגענומען דעם כּיבוד.

— דער פּאַן קומט פֿון וואַנען? — האָט ער געפֿרעגט מיט חשד.

— איך? כ׳בין אַ פּוילישער בירגער. כ׳האָב געדינט אין דער צאַרישער אַרמיי. ביז קערענסקין.

— און דערנאָך ביי די באָלשעוויקעס, האַ?

— ביי די באָלשעוויקעס? ניין.

— מ׳לאָזט שוין אַהיים פֿון רוסלאַנד פּוילישע בירגער?

— מיך האָט מען אַהיימגעלאָזט.

— איר האָט זיך אַריינגעשמוגלט, האַ?

דער פֿרעמדער האָט נישט געענטפֿערט. ביים אָפֿיציר זיינען זיך צונויפֿגעקומען די ברעמען.

— איר זענט אַ ייד? — האָט ער געפֿרעגט מיט כּעס.

— יאָ, אַ ייד.

— פֿאַרוואָס ענטפֿערסטו נישט, אַז מ׳פֿרעגט דיך? — האָט ער געטאָן אַ געשריי.

ס׳איז געוואָרן שטיל. די פֿרויען האָבן זיך איבערגעקוקט, האַלב מיט אַ

שמייכל, האַלב מיט באַדויערן. די אַלטע האָט גענומען שאָקלען דעם גרייז־גרויען קאָפּ און טרייסלען מיטן געמבעלע, וואָס ס'זיינען דערויף געוואַקסן ווייסע הערעלעך. ביים פּריצל האָבן אויפגעלויכטן די שוואַרצאַפּלען. דעם יונגענמאַנס פּנים איז געוואָרן ווייס ווי קאַלך.

— וואָס האָסטו געטאָן אין רוסלאַנד?

— כ'האָב דאָרט געאַרבעט.

— ביי וועמען געאַרבעט? אין דער טשעקאַ? אַ קאָמיסאַר געווען? קירכן גערויבט?

— כ'האָב ביי קיינעם נישט גערויבט. כ'בין אַ סטודענט. אַ לערער.

— אַ לערער, האַ? וואָס האָסטו דאָרט געלערנט? קאַרל מאַרקסן? לענינען, טראָצקין?

— כ'בין נישט קיין מאַרקסיסט. דעריבער בין איך פון דאָרט אַוועק. כ'האָב געלערנט מיט קינדער העברעאיש. ווי לאַנג מ'האָט געלאָזט.

— מיר ווייסן שוין. מ'קאָן זיך שוין אויף די שטיקלעך. העברעאיש האָט ער געלערנט. ווער האָט דיך געשיקט אַהער? דער קאַמעראַד לונאַטשאַרסקי?

— קיינער האָט מיך נישט געשיקט. איך בין דאָ געבוירן. מיין מוטער וואוינט אין וואַרשע.

— אין וואָס פאַר אַ טייל פון רוסלאַנד ביסטו געווען?

— אין קיעוו, אין כאַרקאָוו, אין מינסק.

— וואָס ביסטו? אַן אַגיטאַטאָר, אָדער אַ פּראָפּאַגאַנדיסט?

— כ'האָב געזאָגט דעם פּאַן, אַז איך בין איבערהויפּט נישט קיין מאַרקסיסט.

— דאָס, וואָס דו האָסט געזאָגט, הינטישער זון, איז ביי מיר נישט ווערט קיין שישקע פּולווער. איר זענט אַלע איין באַנדע ליגנערס, גנבים, פאַררעטער! ווי הייסטו?

דעם יונגנמאַנס פּנים איז געוואָרן ווייס.

— דער פּאַן איז פון דער פּאָליציי? — האָט ער געפרעגט, דערשראָקן פון די אייגענע ווערטער.

— ענטפער, ייד פאַרשאָלטענער! — האָט דער פּאַרוטשניק זיך אַ הויב געטאָן פון אָרט. — דו רעדסט מיט אַ פּוילישן אָפיציר!

און ער האָט געכאַפּט אַ בליק צו דער קרומער שווערד אויפן הענגער. דער יונגערמאַן האָט מיט ציטערנדיקע הענט פאַרמאַכט דעם זשורנאַל.

— עוזר־העשל באַנעט.

— אַ־זער הע־שעל באַ־נעט! — האָט דער אָפיציר שפּאָטיש אויסגעצויגן דעם יידישן נאָמען. איינע פון די פרויען האָט זיך מער נישט געקאָנט איינהאַלטן און זיך צעלאַכט. זי האָט אַרויסגענומען פון טאַש אַ טיכעלע מיט שפּיצן און פאַרשטעלט דאָס מויל. די אַנדערע האָט זיך פאַרקרימט.

— סטאַשו, לאָז צורו.

— אַנדערש פּאַסט זיי נישט, די טראָצקיס, נאָר צו פאָרן צווייטע קלאַס! — האָט דער אָפיציר גערעדט סיי צו איר, סיי צו זיך. — פּוילישע מענטשן

הענגען זיך אָן אויף די דעכער און די פֿאַררעטער מאַכן זיך באַקוועם. צו וועמען פֿאָרסטו? וואוהין?

עוזר־העשל האָט זיך אויפֿגעשטעלט.

— ס'איז נישט דעם פּאַנס געשעפֿט! — האָט ער אַ זאָג געטאָן, דער־שטויגט פֿון די אייגענע ווערטער. דער אָפֿיציר האָט זיך אַ רוק געטאָן אויף צוריק. דאָס בלוט האָט אים אַ זעץ געטאָן אין דיקן האַלדז, אין די אַרויס־שטאַרצנדיקע קינבאַקן, אין קורצן שטערן, אין די אָפּגעשטאַנענע אויערן מיט די צונויפֿגעוואַקסענע לעפּלעך.

— האַ? מיר'ן באַלד זען!

ער האָט אַ טאַפּ געטאָן די הויזן־קעשענעס, אַרויסגעכאַפּט אַ רעוואָלווער, אַ קליינעם ווי אַ שפּילצייג. דער זקנהס פּנים איז געוואָרן פֿון געל ווייס. די פֿרויען האָבן זיך געטאָן אַ טרייסל, געפּרואווט אים אָנכאַפּן ביי די עלנבויגנס. דער אָפֿיציר האָט זיי אָפּגעשטופּט מיט די אַקסלען.

— רעד! — האָט ער געברילט — ווייל כ'דערשיס דיך ווי אַ הונט!

— נו, דערשיסט!

— העי, קאָנדוקטאָר! פּאָליציי! — האָט זיך דער אָפֿיציר צעגוואַלדע־וועט. דער רעוואָלווער איז נישט געווען אָנגעלאָדן. דאָס פּריצל האָט זיך אויך צעשריגן. עוזר־העשל האָט אַ כאַפּ געטאָן אַ וואַליזע. ס'איז שווער געווען צו וויסן, צי גרייט ער זיך אָפּצושטייגן, אָדער צו דערלאַנגען איבערן קאָפּ. די פֿרויען האָבן גענומען רופֿן הילף. גלייך איז געוואָרן אינדרויסן אַ רעדל. פֿון וואָקזאַל איז אָנגעקומען אַ פּאָליציאַנט אין אַ העלם, אין אַ שווערד מיט אַ שוואַרצער שייד. דער אָפֿיציר האָט געעפֿנט די טיר, אַראָפּגעשפּרונגען.

— דער ייד האָט מיך באַליידיקט! ער קומט פֿון רוסלאַנד! אַ באָלשעוויק! דאָ זיינען עדות!

— דער פּאַן וועט גיין מיט מיר אויפֿן פּאָסטערונעק — האָט דער פּאָליציאַנט גלייך געפּסקנט.

— כ'האָב קיינעם נישט באַליידיקט. כ'פֿאָר קיין וואַרשע צו מיין פֿאַ־מיליע.

— דאָס וועט מען זען...

עוזר־העשל איז אָפּגעשטיגן. דער פּאָליציאַנט האָט אויסגעפֿרעגט דעם אָפֿיציר, געשריבן אויף אַ פּראָטאָקאָל־ביכל, פֿאַרצייכנט די נעמען פֿון די עדות. אין דער רגע האָט דער נאַטשאַלניק פֿון דער סטאַציע אַרויסגעלאָזט אַ הילכיקן פֿייף. דער אָפֿיציר איז צוגעלאָפֿן צו עוזר־העשלען מיט אַ צונויפֿגע־ביילטער פֿויסט, אים דערלאַנגט פֿון הינטערווייִלעכץ אַ זעץ אין קאָפּ. באַלד דער־נאָך איז ער אַרויפֿגעשפּרונגען אויפֿן טרעפּל. איינע פֿון די פֿרויען האָט נאָכגע־וואָרפֿן אַ צעקנייטשטן קאַפּעליוש. דער פּאָליציאַנט האָט אָנגענומען עוזר־העשלען ביים האַנט־געלענק.

— וואָס איז דאָ געשען? מיט וואָיסק איז אַ געפֿאַר אָנצוהויבן!...

דער גוי האָט אַ דריי געטאָן מיט דער צונג, אַ רייב געטאָן די פֿינגער, עפּעס אַריינגערוימט. עוזר־העשל האָט אַריינגעשטעקט די האַנט אין קעשענע.

דער צוג האָט שוין אָנגעהויבן רירן. אַלץ איז געשען משונה־גיך. עוזר־העשל האָט דערלאַנגט אַ באַנקנאָט. יענער האָט אַ כאַפּ געטאָן די וואַליזעס, אַרויפֿגעשטעלט אויף דער שוועל. עוזר־העשל איז אַרויפֿגעשפּרונגען, זיך געטאָן אַ קלאַפּ אין דער קני. ער האָט זיך אָנגעהאַלטן אָן עפּעס אַ שטאַנג. די באַן האָט אָנגעהויבן לויפֿן מיט אַ קלאַפּעריי, אַ געבראַזג. עמעץ האָט גענומען שרייען, וואָרנען. אַ טיר האָט זיך געעפֿנט. דער וואַגאָן, דריטע קלאַס, איז געווען אָנגעפּאַקט. אַ הויכער שוואַרצער ייִד האָט געהויבן דאָס געפּעק, געהאָלפֿן עוזר־העשלען אַריינשטייגן. ער איז געבליבן שטיין אַ צונויפֿגעדריקטער, מיט צונויפֿגעפּרעסטע פֿיס, אוממעכטיקע אָרעמס. דער ייִד האָט גערעדט איבער אַלעמענס קעפּ.

— פּקוח נפֿש, האַ? איר׳ט מעגן בענטשן גומל!...

## קאַפּיטל אַכט און דרייסיק

### 1

עוזר־העשל האָט געהאַט געשיקט הדסהן אַ טעלעגראַמע, אויף קלאַניעס אַדרעס, אָבער ער איז נישט געווען זיכער צי זי האָט זי דערהאַלטן. ער האָט געהערט, אַז די צענזור אין פּוילן האַלט־אָפּ בריוו און דעפּעשן. ער איז געשטאַנען אויפֿן באַן־הויף און געקוקט פֿאַר זיך. די באַן האָט זיך נישט געהאַט אָפּגעשטעלט אין פּראַגע, נאָר איז צוגעפֿאָרן צום ווינער וואָקזאַל. פּאָרטערס אין רויטע היטלען זיינען געלאָפֿן איבער די וואַגאָנען, זיך געריסן איבערן געפּעק. עלעקטרישע לאַמטערן האָבן געבלענדט אין דער פֿרילינג־נאַכט, געמאַכט געדיכטער די פֿינסטערניש. אַ ווינטל האָט געבלאָזן. די לופֿט האָט געשמעקט מיט פּעך, רויך, בעז, און נאָך עפּעס פֿרישס און לאַנג־פֿאַרגעסנס. אין זאַל, ביי די קאַסעפֿענסטערלעך, זיינען געשטאַנען לאַנגע רייען, באַוואַכט פֿון פּוילישע זשאַנדאַרמען. אויף די בענק אין וואַרט־זאַל האָט זיך צונויפֿגעשטופּט אַ גערזעמל מאַנסלייט, ווייבער, קינדער. סאָלדאַטן אין צעקנייטשטע שינעלן זיינען געלעגן און געכראַפּעט. די זוילן פֿון די שיך זיינען געווען באַקלאַפּט מיט פּאָדקאָוועס, באַשלאָגן מיט נעגל. אַ קליין ייִדל מיט אַ פּיצעלע בערדעלע און שוואַרצע לויפֿנדיקע אויגן האָט געפּרוּווט אויפֿהויבן אַ גרויסן זאַק. ס׳האָט אים געהאָלפֿן אַ ייִדענע אין אַ קאַפּקע. ביים בופֿעט האָבן זעלנער געטרונקען קופֿעלס ביר. ס׳האָט זיי באַדינט אַ שיקסע מיט אַ באַבקעלע אָנשטאָט אַ נאָז און מיט אַ צלם אויפֿן האַרץ־ברעטל. נאָך לאַנגע זוכענישן האָט עוזר־העשל געפֿונען דאָס באַגאַזש־צימער. ער האָט איבערגעלאָזט די וואַליזע און איז אַרויס אין דרויסן. ער האָט געוואָלט אַרויסקומען אויף דער מאַרשאַלקאָווסקע, נאָר ער איז קאַפּויר געקומען אויף אַ זייטיקן פּלאַץ. פֿייערן האָבן זיך געשפּיגלט אין אַספֿאַלט ווי אין אַ טייך. פֿון אַלע זייטן האָבן זיך אָנגעקייקלט דראָשקעס, אויטאָמאָבילן, האַנטוועגעלעך. עוזר־העשל האָט זיך אַ דריי געטאָן רעכטס,

נאָר ס'איז אויף אים אָנגעלאָפֿן אַ פֿערדישער קאַפּ. ס'האָט אַ הויך געטאָן אַ געריוך פֿון פֿעל, שווייס, פּיסק. ער האָט זיך אַ קער געטאָן לינקס, נאָר ס'האָט אים פֿאַרבלענדט אַ פּראָזשעקטאָר. דער אויטאָמאָביל איז צוגעקומען אַזוי נאָענט, אַז ס'האָט אויף אים אַ יאָג געטאָן אַ היץ און אַ האַרבער ריח פֿון בענזין, ווי שפּירט אין מויל פֿון אַ שיכּור. טרומייטערס האָבן געבלאָזן, בייטשן האָבן געקנאַקט, פֿורמאַנעס האָבן געשריגן. די מאַרשאַלקאָווסקע, וואוהין עוזר־העשל איז שפּעטער אַרויס, איז געווען פֿול מיט געדראַנג. עוזר־העשל האָט איינגעאָטעמט טיף.

— יאָ, דאָס איז עס! וואַרשע!

ער האָט אויפֿגעהויבן דעם בליק צום רויט־אָנגעגליטן הימל. ווי אויסטערליש! ער איז אַלץ געהאַט איבערגעקומען: די קאַזאַרמעס, די מלחמה, די רעוואָלוציע, דעם הונגער, די טיפֿוסן, די פּאָגראָמען, די אַרעסטן. ער איז ווידער אין וואַרשע, די שטאָט וואָס האָט אים צוגעצויגן און אָפּגעשטופּט, פֿאַרוועבט אים אין סודותדיקע נעצן פֿון ליבע, האָפֿענונג, גליק, און צוריק אַוועקגעשליידערט אויף הונדערטער מיילן, ווי אין דער מעשה מיט אַשמדאַי און שלמה המלך... ווי אַלט איז ער? איז דאָס מעגלעך, אַז ער איז נאָך נישט קיין דרייסיק יאָר? קאָן דאָס געמאָלט זיין, אַז אין די גאַסן געפֿינט זיך די מאַמע, דינהלע, אַבראַם, הערץ יאַנאָווער, גינע, ברוידע, לאַפּידעס, און זי, הדסה, וואָס איז אין די יאָרן געוואָרן ווייט און אָן אַ האַפֿט ווי אַ קינדישער חלום? לעבט זי דאָ אין בלוט־און־פֿלייש? וואו איז ערגעץ די שעננע? דאָרט וואַרט אויף אים זיין קינד, זיין, עוזר־העשלס, זון, וואָס ער האָט קיין מאָל נישט געזען פֿאַר די אויגן... גאָט אין הימל, ער האָט געשלאָגן וואָרצלען אין דעם דאָזיקן כּרך! ער איז דאָ עמעצנס אַ טאַטע, אַ זון, אַ ברודער, אַ מאַן, אַ פֿעטער, אַ געליבטער! קיין שום כּוליגאַניש אַפּיצירל קאָן נישט ענדערן דעם דאָזיקן פֿאַקט, וואָס איז אַ טייל פֿון קאָסמאָס...

ער האָט געשפּאַנט און אַליין נישט געוואוסט צי גייט ער צו דער קראָלעווסקע אָדער קיין מאַקאָטאָוו. דער המון האָט אים ווי געשלעפּט מיט זיך. פֿאַרפֿומירטע פֿרויען אין פֿאַרביקע קליידער, מיט אַ סך בלומען אויף די היטן, זיינען געגאַנגען מיט אַ טענצלדיק גייעניש. קאָרפּאָראַציע־סטודענטן מיט גאָלד געליישטע היטעלעך און מיט גראָבע שטעקנס אין די הענט, האָבן געשפּאַנט צו דריי און פֿיר, פֿאַרשפּאַרט דעם טראָטואַר. פֿריש־געבאַקענע אָפֿיצירלעך מיט לאַנגע שווערדן אויף די לענדן האָבן זיך נישט אויפֿגעהערט בויגן. פֿון די שוי־פֿענסטער האָבן אַרויסגעקוקט מאַנעקינען. אין קאַפֿע־הייזער האָט געשפּילט מוזיק. ס'איז דאָ אַלץ פֿאַראַן: קוכן און פּאָמעראַנצן, העמדער און וויינטרויבן, דאַמען־טאַשן און לאַק־שיך, בּיזשוטעריע און שפּיצן. עוזר־העשל האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביי אַ לאָמטער, געגנישטערט אין בוזעם־קעשענע צווישן האַלב־פֿאַרמעקטע אַדרעסן. ער האָט באַקומען אַ קאָפּ־ווייטאָג. ער איז געוואָרן פֿול מיט אומגעדולד. אפֿשר וועט אַמאָל הדסה דאָ פֿאַרבייגיין? איז אים איינגעפֿאַלן. לויט דער טעאָריע פֿון וואַרשיינלעכקייט איז דאָ אַ שאַנס... אַ וויל האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז ער זעט איר פּנים אין דער

שויב פֿון אַ טראַמוויי. באַלד איז אים פֿאַרגעקומען, אַז זי איז פֿאַרביי נעבן אים. ער האָט זיך געטאָן אַ ריס, גענומען נאָכלויפֿן דעם מיידל, זיך איינגעקוקט אין איר פּראָפֿיל. ער האָט זיך צעלאַכט. משוגע בין איך? זי איז דאָך אַ קליינע. כ'האָב האַלוצינאַציעס!

ביים עק קרולעווסקע, נעבן דער בערזע, האָט עוזר־העשל דערזען אַ קאַפֿע־הייזל. פֿון דער אָפֿענער טיר האָט זיך געטראָגן אַ געזשום, אַ געשריי. ביי טישלעך מיט מאַרמאָרענע פּלאַטן זיינען געזעסן סוחרים, קורץ־געקליידטע און לאַנג־געקליידטע, אין היטעלעך און אין קאַפּעליושן, גלוחים, מיט בערד, און מיט קמצלעך אויפֿן שפּיץ־קין. די יידן האָבן געקוקט דורך שפּאַקטיוולעך אויף הייפֿלעך דימענטן, וואָס זיינען משונה־גיך געלאָפֿן פֿון האַנט צו האַנט. ס'איז שווער געווען צו באַנעמען ווי די שטיינדלעך ווערן נישט צעשאָטן. אויגן האָבן האַלב־געלאַכט, האַלב־געוויינט. שטערנס האָבן געשוויצט. פֿון מיילער האָבן אַרויסגעלויכטן גאָלדענע ציין. אַהאַ, דאָס זיינען זיי, די אינטער־נאַציאָנאַלע יידעלעך, די וועלט־שפּעקולאַנטן, די אַהאַסווערס! — האָט עמעץ אין אים גערעדט, אַ ווידערשפּעניקער, אַ קינדישער, וואָס וואַרפֿט־אונטער טראַכ־טעכצער אויף צולהכעיס, צו פֿאַרמישן די יוצרות. — ווי ענלעך זיי זיינען צו די קאַריקאַטורן, וואָס ס'מאָלן פֿון זיי די אַנטיסעמיטן... ער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, ווי אָפּצוטרייסלען זיך פֿון דער צוואַנג־אידייע. ער איז אַריין און גענומען בלעטערן אין טעלעפֿאָן־בוך. ער האָט געהאַט אַלץ אויסגעפּלאַנט פֿאַר־אויס. ער'ט נישט פֿאַרפֿאָרן אַהיים צו דער מאַמען. איידל טאָר נישט וויסן, אַז ער איז אין שטאָט. ער מוז זיך פֿריער טרעפֿן מיט הדסהן. ער האָט גענומען זוכן אין טעלעפֿאָן־בוך, אָבער פֿישעלע קוטנער האָט דאָ נישט פֿיגורירט. קאָן דאָס זיין, אַז ער האָט נישט קיין טעלעפֿאָן? ער איז דאָך אַ גביר... דאָ האָט עוזר־העשל דערזען, אַז פֿישעלע האָט נישט אין טעלעפֿאָן, נאָר גאַנצע דריי: אין שטוב, אין געשעפֿט, אין קאַנטאָר. ווי האָב איך דאָס געקאָנט פֿאַרזען? ער האָט אַרויסגענומען אַ בלייפֿעדער, פֿאַרצייכנט דעם נומער. ער האָט אויפֿגעהויבן דאָס טרייבל, נאָר קיינער האָט נישט געענטפֿערט. ערגעץ ווייט האָבן זיך דורכ־געשמועסט צוויי צוגעדושעטע ווייבערשע שטימען. אַזוי רעדן מסתּמא גייסטער... די שיקסע אויף דער סטאַציע האָט זיך אָנגערופֿן. דאָס האַרץ האָט אים גענומען זעצן. אין דער קעל איז אים געוואָרן ענג. ס'האָט זיך דערהערט אַ דין מאַנס־בילש קולכל.

— פּראָשע, ביטע! ווער איז דאָרט? וואָ?

— וואוינט דאָ די פּאַני הדסה קוטנער?

— הע? וואָסווילט עץ?

— קאָן זי צוקומען צום טעלעפֿאָן?

— נישטאָ הי... ווער רעדט?

— איך... אַ באַקאַנטער.

אַ ווייל האָבן ביידע געשוויגן. דערנאָך האָט פֿישעלע איבערגעחזרט:

— נישטאָ הי.

און אָוועקגעלייגט דאָס טרייבל.

עוזר־העשלען איז ערשט איצט איינגעפֿאַלן, אַז ער וואָלט געדאַרפֿט פֿרעגן וואו זי איז, אָבער ס'איז שוין געווען צו־שפּעט. ער האָט זיך געלאָזט אַרויסגיין פֿון קאַפֿע־הייזל, זיך אָנגעשטויסן אָן די טישלעך. דער וועג צו הדסהן איז געווען און געבליבן פֿאַרצוימט. זי איז ערגעץ געזעסן אויף דאַטשע. וואָס האָט ער בכלל געוואוסט וועגן איר? דאָס לעצטע קאַרטל, וואָס ער האָט פֿון איר דער־האַלטן, איז געגאַנגען אַ קנאַפּ יאָר. ער האָט געדאַרפֿט זיין גרייט אויף אַלע אַנטוישונגען. ער האָט פֿאַרויס זיך געמוזט באַוואָפֿענען מיט אַלע אַרגומענטן וועגן הבל־הבלים פֿון לעבן און דעם כּוח פֿון שׂכל בייצוקומען די אַפֿעקטן... ביי דער טיר האָט אים אָפּגעשטעלט אַ חסידישער יונגערמאַן מיט אַ געל בערדל.

— עץ טוישט עפּעס?

עוזר־העשל האָט געהערט די ווערטער, נאָר ער האָט נישט באַנומען דעם מיין.

— וואָס זאָל איך טוישן?

— דאָלאַרן, פֿונטן, קראָנען, מאַרקן... ס'עט אייך אויסמאַכן מער ווי אין באַנק...

— כ'האָב ליידער גאָרנישט. כ'קום פֿון רוסלאַנד.

דער ייד האָט אים אָפּגעמאָסטן פֿון אויבן אַראָפּ און פֿון אונטן אַרויף.

— פֿון די באָלשעוויקעס, האָ?

— יאָ, פֿון דאָרט.

— ס'איז ביטער, הע?

— נישט גוט.

— מ'לאָזט נישט זיין קאַ' יידן, הע?

— ס'איז שווער.

— ס'איז דאָ אויך נישט גוט. זיי האָבן זיך פֿאַרנומען אויף איין זאַך: צו דערשטיקן דעם ייד...

און דער יונגערמאַן האָט אָוועקגעטשאָפּעט אין זיינע שווערע שטיוול.

## 2

אַבראַם איז נישט געווען אין דער היים. דעם טעלעפֿאָן האָט געענטפֿערט אַ קול פֿון אַ יונגער פֿרוי. זי האָט גערעדט פּויליש.

— קאָן איך פֿרעגן ווער ס'רעדט?

— אָ, די פּאַני וועט נישט געדענקען. כ'בין שוין יאָרן פֿון וואַרשע. מיין נאָמען איז עוזר־העשל באַנעט.

— אַהאָ. כ'געדענק דעם פּאַן. איך בין אַבראַמס טאָכטער, סטעפֿע.

— יאָ. מיר האָבן זיך אַמאָל באַקענט.

— פּאַפּאַ איז נישטאָ אין שטוב. אויב דער פּאַן דאַרף אים נויטיק, קאָן איך געבן אַ טעלעפֿאָן־נומער, וואו מ'קאָן אָנקלינגען. זאָל דער פּאַן פֿאַר־שרייבן. פּאַפּאַ רעדט וועגן אייך אַלעמאָל.

— אַדאַנק. ווי גייט עס דער פּאַני?

— אַ, איך האָב חתונה געהאַט. אַזוי זיך. דער פֿאַן בלייבט אין וואַרשע?
— דערווייל...
עוזר־העשל האָט פֿאַרצייכנט דעם נומער, באַדאַנקט, אַוועקגעלייגט דאָס טרייבל, באַלד עס ווידער אויפֿגעהויבן. ס׳האָט זיך ווידער דערהערט אַ פֿרויען־שטים, דאָס מאָל שוין נישט־קיין־יונגע. עוזר־העשל האָט אָפּגעוואָרט. אין דער וואוינונג האָט געמוזט פֿאַרקומען אַ פֿאַרווייִלונג אָדער אַ דיסקוסיע. ס׳האָט זיך דערטראָגן אַ גערויש, אַ גערייד, אַ געלעכטער פֿון אַ סך מענטשן. מיטאַמאָל האָט אַ דונער געטאָן אַבראַמס שטים. עוזר־העשל האָט אַוועקגעכאַפּט דאָס רערל פֿון אויער.
— וואָס? דאָס ביסט דו? האָט אַבראַם געשריגן. — געוואַלד, וועמען איך זע! מיין איך: וועמען איך הער! ברוך מחיה מתים! כ׳האָב געמיינט, כ׳על דיך שוין נישט דערלעבן אָנצוקוקן. אַ בחור הויבט זיך אויף און ווערט נעלם אויף יאָרן. אַ ווינשפֿינגערל! אַ פֿליענדער האָלענדער! וואו ביסטו? פֿון וואַנען רעדסטו? וואו האָסטו ערגעץ אָנגעשטעקט? כ׳האָב געמיינט, ביסט שוין דאָרט אַ קאָמיסאַר אָדער אַ טשעקיסט... כאָטש עפּעס האָט מען פֿון דיר יאָ געהערט... קום שוין אַריבער! איי־איי־איי, ס׳עט זיך דאָ טאָן חושך! ווען ביסטו געקומען? וואָס שווייגסטו? ביסט שטום?
— כ׳בין געקומען היינט אין אָוונט. כ׳בין אין אַ קאַפֿע־הייזל אויף דער קרולעווסקע.
— אויף דער שוואַרצער בערזע? מיט די פֿעק?
— די וואַליזע האָב איך איבערגעלאָזט אויפֿן וואָקזאַל.
— וואָס־זשע שטייסטו דאָרט און דוכנסט? כאַפּ גלייך אַ טאַקסי און קום צו לויפֿן. כ׳מיין, אויב דו האָסט צו באַצאָלן. ווען נישט, נעם אַ טראַמוויי. איך געפֿין זיך אויף שוויענטאָ־קזשיסקע נומער... ווועסט דיך פֿרעגן צו דער פּאַני אידאַ פּראַגער אין דער אַטעליע. דאַרפֿסט גאָרנישט פֿרעגן. מ׳זעט די דירה. ס׳איז מיט אַ גלעזערנעם דאַך, אויפֿן פֿינפֿטן שטאָק. ווער האָט דיר געגעבן מיין טעלעפֿאָן?
— אייער טאָכטער, סטעפֿע.
— ס׳קאָן נישט זיין. סיי־ווי, קום! וואו האָסטו ערגעץ אָנגעקראָגן סטעפֿען? כ׳זוך זי אַליין אַרום. חתונה געהאַט און האָט דעם טאַטן אין ויאמר... פּרא־אדם, האָסט אַפֿילו נישט געשריבן. כ׳מיין, פֿאַר דער רעוואָלוציע —
— ס׳איז נישט געגאַנגען קיין פּאָסט.
— ס׳איז יאָ געגאַנגען. הדסהן האָסטו וואויל געשריבן. אַ רוח אין דיין טרפֿהנעם פּופּיק. נו, וואָס? געוואָרן אַ באָלשעוויק, האַ?
— דערווייל נאָך נישט.
— נו, היידאַ! נעם פֿיס!
— כ׳קום גלייך.
— פֿלי!...
עוזר־העשל איז אַרויס. די פֿיס זיינען אים געוואָרן גרינג. ער האָט זיך נאָכגעפֿרעגט, וואו צו נעמען אַ טראַמוויי. מ׳איז געפֿאָרן לענגאויס דער קרו־

לעווסקע. די שטאכעטן פון זאקסישן גארטן האבן גענומען לויפן אויף צוריק. דער סאבאר איז געשטאנען א פינסטערער. דעם קופער פון די קופאלן האבן די דייטשן שוין לאנג געהאט אראפגענומען. (די צייטונגען האבן געשריבן, אז מ'עט אינגיכן איינווארפן די צערקווע, וואס איז דער סימבאל פון דער ביזאנטישער קולטור און פון דער רוסישער הערשאפט איבער פוילן). אויף דער קראקעווער פארשטאט און דער נייער־וועלט האבן פאליציאנטן רעגולירט די באוועגונג, אויפן מערב־אייראפעאישן שטייגער. דאס טויער אויף דער שוויענטא־קזשיסקע איז נאך נישט געווען פארמאכט. אין הויף האט עוזר־העשל דערזען א שטיק ליכטיקן דאך. ער איז ארויף מיט די טרעפ. ער האט פארשפארט אנצוקלינגען. פאר דער שוועל איז געשטאנען אבראם, — הויך, ברייט, מיט א געבויגענער פלייצע, א גרויער בארד, דאס פנים צונטער־רויט, ווי אפגעשרפעט פון דער זון. פון הינטער די געדיכטע ברעמען האבן אפערגעקוקט א פאר יונגע שווארצע אויגן.

— דו!...

אבראם האט זיך אויף אים געטאן א ווארף, אים ארומגעכאפט, זיך צעקושט. ס'האט אויף אים געטאן א הויך א גערוך פון ציגארן.

— קוקטס אים אן! דאס איז ער! פון סאמע גיהנום! דו ביסט געווארן העכער אדער איך קלענער? איך, ברודער, בין אן אלטער ייד. ס'העלפט נישט קא' חכמות. נו, וואס שטייסטו כעני בפתח? קום אריין. וואו ביסטו געווען, וואו? ער טראגט נאך א מאנטל און א קאפעליוש. כ'האב געמיינט, וועסט אראפפאלן אין א שווארצער רובאשקע... נו, וואס? ניקאלאי איז אויס פלאקן־שיסער, הא? דערלעבט נקמה, ווי? די בורזשויען קערן די גאסן, הע? משיח איז געקומען! יהודה־לייב טראצקי! מיר דא כאפן קלעפ.

— כ'ווייס.

— מ'האט דיך שוין מכבד געווען? ווי אזוי ביסטו געקומען? מיט וואסער באן? דו האסט אונדז אלעמען אין דר'ערד, נאר מיר'ן דיך נישט פארגעסן. האסט א זינדל, ביסט אים אסור נישט ווערט. כ'האב אים ערשט נישט לאנג געזען. דער טאטע אויסן אויג. א ממזר פון גאטס גענאד. זאג מיר, ברודער, הדסהן האסטו שוין געטראפן? — האט אבראם איינגערוימט א סוד.

— ניין.

— וועסט זי מערטשישעם זען. זי איז שיין ווי די זיבן זונען. א גראנד־דאמע. זי איז אין אטוואצק. א גאנץ קיילעכיק יאר. פריער איז זי געווען קראנק. דער דאקטאר האט זי געהייסן זיין אויף דער פרישער לופט. איצט זיצט זי דארט גלאט אזוי. וואס האט זי צו טאן אין ווארשע? ס'איז ניש' קא' ווילע נאר א פאלאץ. כ'כאפ מיך אמאל אראפ. דער פישעלע איז א גביר־אדיר, א מיליאנער. נישט אויף קא' וויץ. ער'ט אויפגעגעסן די בני מושקאט כלחוך־השור. ס'געלט לויפט צו אים. ער ווייסט אליין נישט וויפל ער פארמאגט. וואס קומט ארויס? זי האט אים פיינט. זי קאן אים נישט אנקוקן... איי־איי, כ'גלויב מיר אליין נישט, אז כ'שטיי דא נעבן דיר. וואו וואוינסטו? כ'מיין, וואו שטייסטו איין? האסט דא, דוכט זיך, א מאמען?

— יאָ, אויף דער פֿראַנציסקאַנער גאַס.

— ביסט נאָך דאָרט נישט געווען?

— ניין, נאָך נישט.

— האַ? דער אייגענער עוזר־העשל!... וואָס איז דער שכל? מיין נישט, כ׳גיי דיר זאָגן מוסר. כ׳האָב שוין אַלץ מפֿקיר־געווען. די גאַנצע וועלט. איך אַליין בין דער זעלבער אַבראַם. כ׳בין שוין געווען אויפֿן־פֿערד און אונטערן־פֿערד. כ׳בין שיער־שיער נישט געוואָרן אַ גביר. געבליבן אַ קבצן אין זיבן פֿאַלעס. כ׳האָב צופֿיל אמונה אין מענטשן. כ׳האָב שוין דאָ געהאַט אינפֿלוענ־ציע און לונגען־אַנצינדונג. די חברה־יידעלעך האָבן זיך שוין געגרייט אַ בייטל, נאָר אַז גאָט וויל, שיסט אַ בעזים. מ׳דאַרף מיך, אַפּנים, אויבן אויך אויף אַ כּפּרה. כ׳וויל מיך אַריבערכאַפּן קאָ׳ן ארץ־ישראל. נישט שטאַרבן, נאָר אַנ־קוקן דאָס יידישע לאַנד. וואָס זאָגסטו צו דער באַלפֿור־דעקלאַראַציע, האַ? מ׳האָט דאָ געטאַנצט אין די גאַסן. די אַטעליע געהערט צו אידאַ פּראַגער. כ׳האָב דיר אַמאָל דערציילט. אַ גרויסע קינסטלערין. נו, קום אַריין. מ׳עט דיך נישט אויפֿעסן.

— אַפּשר קאָנט איר מיט מיר אַראָפּגיין?

— האַ? פֿאַר וועמען האָסטו מורא? ס׳עט דיך דאָ קיינער נישט מסרן.

— כ׳בין אינגאַנצן כּשר. ס׳האַנדלט זיך וועגן דעם, אַז — — כ׳וויל בלייבן אַ פּאָר טעג אין וואַרשע. איידער איידל דערוויסט זיך. מיין פֿרוי — —

— אַהאַ. אַזאַ פֿייגעלע ביסטו? איצט איז מיר קלאָר. קום אַריין. ס׳זיינען דאָרט נישטאָ קיין היימישע. כ׳וויל דיך פֿאָרשטעלן פֿאַר אידאַן. קיינער קאָן דאָ נישט דיין ווייב. נישטאָ נאָך אַזאַ פֿרוי ווי אידאַ אויף דער גאַנצער וועלט. מעגסט לאַכן, נאָר ערשט איצט, אויף די אַלטע יאָרן, ווייס איך דעם אמתן טעם פֿון ליבע...

אַבראַם האָט אָנגענומען עוזר־העשלען ביים עלנבויגן, אים דורכגעפֿירט אַ קאָרידאָר, אַריינגעפֿירט אין אַ זאַל מיט אַ גלעזערנעם סופֿיט. פֿון די ווענט האָבן אַראָפּגעקוקט לייוונטן, אָנגעהאָנגען אויף הילצערנע לייסטן. אויף אַ שטעלעכל איז געשטאַנען אַ סקולפּטור איבערגעדעקט מיט אַ זאַק. ס׳איז דאָ, אַפּנים, געווען אַ מין אויסשטעלונג. ס׳האָבן געהאָנגען בילדער פֿון אַלע מינים: רעאַליסטישע, קוביסטישע, פֿוטוריסטישע, אויסטערלישע געשטאַלטן, מיט שטאַנגען, רעדער, טראַנסמיסיעס, שרויפֿן. איין בילד האָט פֿאָרגעשטעלט אַ נאַקיטע פֿרוי מיט אַ פּיצעלע קעפּעלע, ריזיקע בריסטן און היפֿטן, וואָס ס׳האָבן אויף זיי געהאָנגען שלאַנגען און שרצים. אויף אַן אַנדער לייוונט איז געלאָפֿן אַ בינטל נאַקיטע מענער מיט רויטע פּענער. אַלע האָבן געהאַט איין צורה. פֿיגורן זיינען געשטאַנען מיטן קאָפּ אַראָפּ, אָדער זיי האָבן געשוועבט אין דער לופֿטן. אויף אַ הויז, געמאָלט מיט גרעלע פֿאַרבן, אָן אַ פּערספּעקטיוו, איז געווען אָנגעשריבן אויף רוסיש אַ ציטאַט פֿון אַלעקסאַנדער בלאָקס פּאָעמע — צוועלף. אין דער אַטעליע איז געווען אַ געזעמל פֿון יונגעלייט מיט מיידלעך. פּאָרלעך האָבן זיך געסודעט אין די ווינקלען. אויף אַ צולייג־בעטל זיינען געזעסן צוויי פֿרויען איינגעהילט אין איין שאַלכל.ביידע האָבן גערויכערט פֿון איין פּאַפּיראָס.

אַ קליין מענטשל אין אַ סאַמעטן רעקל, מיט אַ גרויסן קאָפּ האָר, אָן אַ האַלדז, האָט גערעדט הויך, געטייטלט מיט אַ קורצן פֿינגער.

— פֿאַרמען זייבען ווי פֿרויען. זיי ווערן אַלט, צעקנייטשט, אויסגעדראָשן. וואָס זאָגט אונדז היינט אַ מאַטעיקאָ? וואָס רעדט צו אונדז, אין אונדזער עפּאָכע פֿון שטורם־און־דראַנג, אַ פּוסען, אַ דאַוויד, אַ לאָרען? די אַלטע קונסט איז טויט!

— ראַפּאָפּאָרט, איר קאָנט זאָגן וואָס איר ווילט, נאָר באַליידיקט נישט קיין אַלטע פֿרויען — האָט זיך אָנגערופֿן אידאַ פּראַגער. — כ׳האָף, איר פֿאַרשטייט פֿאַרוואָס...

ס׳איז געוואָרן אַ געלעכטער, אַ פּאַטשעריי. אַבראַם האָט אַ טופּע געטאָן מיט אַ פֿוס.

— העי, דו, שמענדריק, דו דברסט נאָך אַלץ? אַמאָל מאָלער האָבן געמאָלט. די היינטיקע קומען אָפּ מיט באַטשקען. מאַטעיקאָ טויג נישט און דו ביסט גוט! לעקיש איינער, דו קאָנסט דאָך אַפֿילו נישט אויפֿמאָלן אַ רעטאָך!

— ע, ע, איר באַליידיקט שוין?

— אידאַ־לעבן, כ׳וויל דיר פֿאַרשטעלן אַ יונגנמאַן. מיר האָבן אַ סך מאָל גערעדט וועגן אים. עוזר־העשל באַנעט. הדסהס באַקאַנטער.

אידאַ פּראַגער, אַ גרויסע דאַמע אין אַ שוואַרץ קלייד, מיט אַ שנירל פּערל אויפֿן האַלדז, מיט דימענטענע קעפּלעך אין די אויערן, האָט אויפֿגעהויבן אַ לאָרניאָן, וואָס האָט געהאָנגען אויף אַ קייטעלע.

— דאָס זענט איר? כ׳קאָן אייך... כ׳האָב אַזויפֿיל פֿון אייך געהערט. ווען זענט איר געקומען?

— היינט.

— פֿון רוסלאַנד?

— כ׳קום איצט פֿון ביאַליסטאָק.

—ווירקלעך אַ סענסאַציע. וואָס הערט זיך דאָרט? וואו זענט איר געוועזן? אַז מ׳קומט צוריק פֿון יענע מקומות, איז עפּעס ווי מ׳וואָלט זיך אומגעקערט פֿון יענער־וועלט — —

— מיינע ווערטער. הער מיך אויס, אידאַ־לעבן, כ׳וויל דיר עפּעס זאָגן — און אַבראַם האָט איינגערוימט אידאַן אַ סוד אין אויער.

— ער קאָן שלאָפֿן דאָ.

— נישט קיין שלעכטער פּלאַן. וואָס איז מכוח עסן? וואָלסט געמעגט צוקריגן אַ צען פֿונט.

— כ׳בין נישט הונגעריק.

— דאָרט, פֿון וואַנען איר קומט, זיינען אַלע הונגעריק. איכ׳ל מאַכן עפּעס צו עסן.

— וואָרט צו, אידעשי, מיר׳ן אָרױפֿגיין אונטן. מיר דאַרפֿן כאַפּן אַ שמועס. עפּעס אַ קלייניקייט, אַזוי פֿיל יאָרן! כ׳קוק אויף אים און כ׳גלויב נישט די אייגענע אויגן. דאָס האָב איך אים צונויפֿגעפֿירט מיט דער משפּחה... ווער האָט זיך געקאָנט ריכטן, אַז ס׳עט אַרויסקומען אַזאַ פֿאַרדרייעניש? און דו,

ראַפּאַפּאָרט — האָט אַבראַם אַ רוף געטאָן צום צווייטן עק צימער — שלאָג די מייסטערס. רייס פֿון זיי שטיקער. אַ טאָג וועט קומען און מ׳עט אַרויסוואַרפֿן פֿון לואוור לעאָנאַרדאָן, רובענסן, טיציאַנען און מ׳עט אַריינשטעלן דיינע פֿאַר־זעענישן.

אידאַ האָט זיך אַזש אָפּגעשאָקלט.

— פֿע, אַבראַם, ווי דו רעדסט. דו פֿאַרגעסט, אַז ער איז מיין גאַסט. הערט זיך צו אים נישט צו, ראַפּאַפּאָרט, ער מיינט נישט שלעכט.

ראַפּאַפּאָרט איז צוגעקומען נעענטער.

— כ׳האָב צו אים גאָרנישט. ער פֿאַרטרעט דעם שטאַנדפּונקט פֿון זיין קלאַס.

— קום עוזר־העשל, ווייל ווען כ׳בלייב דאָ נאָך אַ מינוט, רייס איך אים אויס די קודלעס. וואָס איז דיין קלאַס? כ׳בין פּונקט אַזאַ בורזשוי ווי דו.

— די פּסיכאָלאָגיע איז געבליבן.

— לאָטעק! מיינסט, אַז מ׳האָט געשאָסן ניקאָלאַיען, האָסטו דערפֿון גע־קריגן טאַלאַנט? וואָס איז? אַ פּריץ האָט פֿאַרלוירן? דאַוויד איז אַלט און ער איז ניי! וואָלסט דיר פֿריער געדאַרפֿט וואַשן די הענט, איידער דו דערמאָנסט זיין נאָמען! טויזנט מאָל להבדיל.

— אַבראַם, כ׳קאָן דאָס נישט פֿאַרטראָגן! — האָט אידאַ אַ רוף געטאָן מיט כּעס.

— נו, מיר׳ן גיין. יעדער לאַפּאַצאָן האָט זיך אָנגעהאָנגען אָן דער רעוואָלו־ציע און מיינט, אַז ר׳איז אַ כּל־וולף. קאַליקעס, שאַרלאַטאַנעס! מיין אייניקל מאָלט בעסער פֿון ענק!

אַבראַם איז אַרויס, געטאָן אַ זעץ מיט דער טיר. די שויבן אין דאַך האָבן אַזש געציטערט. עוזר־העשל האָט זיך געזעגנט מיט אידאַ׳ן. זי האָט אויסגע־שטעקט צו אים אַ שמאָלע האַנט. זי האָט צו אים געטאָן אַ שמייכל. אין די אויגן־ווינקלען זיינען געשטאַנען אַ סך קנייטשעלעך. אונטערן קיהן האָט זיך געוואַקלט אַ גוידערל. דאָ־און־דאָרט האָט די שמינקע געהאַט געפּלאַצט, ווי טינק אויף אַ וואַנט. אַ באַצערטקייט האָט אַרויסגעקוקט פֿון איר בליק, דער יאוש פֿון עמעצן, וואָס האָט געמאַכט אַ פֿאַלשן חשבון און ס׳איז צו־שפּעט צו פֿאַרריכטן. פֿון דער אַמאָליקער שיינקייט איז איר געהאַט געבליבן אַן איינציק חן־גריבל אין דער לינקער באַק.

— קומט שפּעטער אַרויף. לאָזט אים נישט אַרומלויפֿן. ער דאַרף שוין איצט ליגן אין בעט.

און אידאַ האָט געטאָן אַ שאָקל מיטן קאָפּ, אַ סימן, אַז אַבראַם איז אַ סך קראַנקער ווי־פֿל ער אַליין ווייסט...

## 3

פֿאַרן טויער איז אַבראַם געבליבן שטיין און אַ קלאַפּ געטאָן מיטן שטעקן אָן טראָטואַר.

— איצט רעד קלאָרע ווערטער. מאין באת ? לאָן אַתּה הולך ? אַ ייד הויבט זיך אויף און ווערט נעלם אויף פֿינף יאָר. וואָס איז מיט עסן ? דערפֿון האָסטו דיך אָפּגעוואוינט ?

עוזר־העשל האָט זיך ערשט איצט דערמאָנט, אַז ער האָט פֿון אינדערפֿרי אָן נישט געהאַט אין מויל. מאָדנע, נאָר ער איז נישט געווען הונגעריק.

— כ׳האָב פֿאַרלוירן דעם אַפּעטיט.

— דאָס, ברידערל, איז נישט קיין חכמה. קום ערגעץ אַריין און מיר׳ן געבן אַ קיי. ס׳איז פֿאַראַן דערנעבן אַ רעסטאָראַציע. טאַקע דאָ אַקעגנאיבער.

דער רעסטאָראַן איז געווען אַ קריסטלעכער, אַ געמיש פֿון אַ שענק און אַ גאָרקיך, מיט רויטע טאַפּעטן אויף די ווענט. אויף די טישן זיינען געשטאַנען טאָוולענע טעצעלעך מיט אַ רעקלאַמע פֿון ביר. רעכטס האָט געהאָנגען אַ פּלאַקאַט, וואָס האָט פֿאַרגעשטעלט ווי אַ באָלשעוויק מיט אַ ציגנבערדל — האַלב־יודאָס האַלב־טראָצקי — שטעכט אַריין אַ באַיאָנעט אין רוקן אַ בלאָנדער פּוילישער פּרוי מיט אַ פֿאַרריסענער נאָז און מיט אַ קינד אויף די הענט. הינטער אַ בופֿעט, וואו ס׳זיינען געלעגן געבראָטענע גענדז און אַלט־געבאַקענע קיכלעך, האָט זיך געפּאָרעט אַ דיק גויעצל מיט אַ גלאַנציקן פּליך און געדרייטע בירגעלע וואָנסן.

— דאָברי וויעטשור, פּאַניע מאַריאַניע ! — האָט אַבראַם געטאָן אַ געשריי.

— וואו איז ערגעץ יוזעף ? כ׳קראַפּיר פֿון הונגער. דער יונגערמאַן דאָ וויל אויך עסן.

— דאָברי וויעטשור. זאָלן די פּאַנעס זיך צוזעצן. איכ׳ל די הערשאַפֿטן אַליין באַדינען. מיר האָבן היינט וואורשטלעך מיט זויערקרויט, ערשטע קלאַס ! אָדער אפֿשר ווילן די הערשאַפֿטן אַ גרויפּן־זופּ ?

— איך וועל בעטן אַ זופּ — האָט עוזר־העשל געזאָגט.

— מיר וועט דער פּאַן מאַריאַן אַזוי גנעדיק זיין געבן אַ גלעזעלע בראַנפֿן און איין וואורשטל.

— יאָ, פּאַניע אַבראַמיע, איינס און אַ גוטס. מיר פֿאַרשטייען.

— איצט רעד. קאָנסט זיין מיט מיר אין גאַנצן אָפֿנהאַרציק. הדסה האָט מיר אָנפֿאַרטרויט אַלע סודות. כ׳מיין : מיט אַ צייט צוריק. איצט איז איר איטשעץ ספּאָוויעדניק הערץ יאַנאָווער. ווען דו ביסט אַוועקגעפֿאָרן, איז זי געוואָרן קראַנק. די מאַמע איז איר אָפּגעשטאָרבן, און דער פֿאָטער, דער ניוניע, האָט חתונה געהאַט מיט אַ ביטערער יידענע. אַ שמאַטע איז ער אַלעמאָל געווען. איצט איז ער אַ פּאַנטאָפֿל פֿאַר אַ צולאָג. די אייגענע טאָכטער מיידט אים אויס. נישט ער קומט צו איר, נישט זי צו אים. דער פֿישעלע ווידער איז אַ טיפּ צום באַשרייבן. ווי פֿרום ער איז, אַזוי שאַרט ער שטיקער גאָלד. די דייטשן זיינען אַריין, איז ער געוואָרן אַ חשוב ביי די דייטשן. איצט איז פּוילן געוואָרן אַ מלוכה, מאַכט ער שוין געלט ביי די פּאָליאַקן. אין וואָליוטע איז דאָס אַ גאון־עולם. אַז ער קויפֿט, ווערט אַ האָסע. אַז ער פֿאַרקויפֿט, ווערט אַ בעסע. דאָס איז ביי אונדז אַ ניי לשון. וואָס ווייסטו וואָס דאָ האָט זיך אָפּגעטאָן מיט די געלטער ! ער האָט אַזוי געדרייט, אַז ער׳ט אַלעמען פֿאַרדרייט אַ קאָפּ. קאָ׳ שלעכטער איז ער גראָד

נישט. ער האַלט אויס דעם גאַנצן ביאַלאַדרעוונער הויף. פֿאַרוואָס ער האַלט זיך מיט הדסהן איז פֿאַר אַלעמען אַ רעטעניש. ער האָט פֿון איר גאָרנישט. פֿריער איז זי געווען קראַנק און געזעסן ביי באַרבאַנדערן אין דער סאַנאַטאָריע. דאָס שייטל האָט זי שוין לאַנג אויסגעטאָן, זי האָט פֿאַרשטייסטו מיך, אויפֿגעהערט גיין אין מקווה. זי׳ט רעכט נישט אָנגעהויבן. זע נאָר, דו קענסט נאָך רויט ווערן!... דאָס צ׳ישן ענק איז אַ משוגענע זאַך. אַז מ׳פֿירט אַזאַ ליבע, לויפֿט מען נישט דינען פֿאַניען.

— כ׳האָב נישט געהאַט קיין ברירה. כ׳וואָלט איצט נאָך אַמאָל געגאַנגען אײדער זיך אָפּצוהאַקן אַ פֿינגער אָדער אַרויסנעמען די ציין.

— האָסט דיך געקאָנט אויסבאַהאַלטן. אַז דער דייטש איז אַריין, זיינען אַלע דעזערטירן אַרויסגעקראָכן, ווי מייז פֿון די לעכער.

— כ׳האָב נישט געוואָלט זיין קיין מויז.

— נו, האָסט דו באַצאָלט דעם פּרייז. צו איין־און־צוואַנציק יאָר האָט מען צייט אויף אַלעמען. וואָס ט׳זיין איצט, האַ? זי׳ט אויף דיר געוואַרט. די אַלע יאָרן, ס׳איז איינע פֿון יענע ראָמאַנען. ווי האָט ער דאָרט געהייסן? העלואיז און אַבעלאַר.

— ס׳עט זיך איצט אַלץ ענדיקן.

— ווי אַזוי? ער וויל זי נישט גטן.

— זי׳ט אַוועק פֿון אים סיי ווי סיי.

— דו פֿאַרגעסט, אַז דו האָסט אַ ווייב מיט אַ קינד...

— כ׳ווייס אַלץ.

— נאָך גוט וואָס דו ווייסט. וואו האָסטו ערגעץ אָנגעשטעקט? וואָס איז מיט דיר געשען?

— כ׳בין געווען אין דער אַרמיי ביז אַ פּאָר וואָכן פֿאַר דער באָלשעוויס־טישער רעוואָלוציע. מיר זיינען אָפּגעטרעטן דעם גאַנצן וועג, פֿון די קאַרפּאַטן ביז אוקראַיינע.

— פֿאָלג מיך אַ מהלך! וואו ביסטו געווען ווען די באָלשעוויקעס זיינען אַרויף אויפֿן פֿערדל?

— אין אַ דאָרף נישט ווייט פֿון יעקאַטערינאָסלאַוו.

— וואָס האָסטו דאָרט געטאָן?

— געווען אַ לערער ביי אַ רייכן ייד. ער׳ט דאָרט אָפּגעקויפֿט אַ טאַרטאַק. נאָך קערענסקיס רעוואָלוציע.

— וואָס ווייטער?

— כ׳געדענק שוין אַליין נישט. די באָלשעוויקעס האָבן קאָנפֿיסקירט דעם טאַרטאַק. מיר׳ן זיך דערוואוסט פֿון דער רעוואָלוציע ערשט אין מיטן נאָוועמ־בער. ס׳האָט זיך געגרינדעט אַן איספּאָלקאָם און מ׳האָט דערשאָסן אַ פּאָר אָפֿי־צירן. אין דאָרף האָט מען איבערהויפּט פֿון גאָרנישט געוואוסט. דערנאָך זיינען אָנגעקומען דראַזדאָווצעס און מ׳האָט געשאָסן דעם איספּאָלקאָם. דערנאָך זיינען אַריין די עסטרייכער. אַזוי דוכט זיך. כ׳האָב דעמאָלט געקאָנט זיך דורכרייסן קיין וואַרשע, נאָר כ׳בין קראַנק געוואָרן אויף טיפֿוס. דאָס איז שוין געווען

אונטער סקאַראָפּאַדסקין. כ׳האָב דעמאָלט דערהאַלטן אַ בריוו פֿון הדסהן —

— אַלץ אין דעם דערפֿל?

— כ׳בין שפּעטער אַריבער אין שטאָט... כ׳האָב ווידער געזאָלט פֿאָרן, נאָר כ׳האָב באַקומען אַ רעציִדיוו. דערוויַיל זיַינען אָנגעקומען די דעניקינצעס, דערנאָך די מאַכנאָווצעס. דערנאָך זיַינען ווידער אַריַין די באָלשעוויקעס. דער־נאָך ווידער דעניקין...

— וואָס האָסטו געטאָן? פֿון וואַנען האָסטו געלעבט?

— ווער זאָגט דאָס, אַז כ׳האָב געלעבט?

— פּעטליוראַס באַנדיטן האָסטו דאָרט געזען?

— כ׳האָב געזען אַלע באַנדיטן.

— מיט אונדז יידן איז גאָר אַ צרה. מ׳שעכט אונדז ווי די שאָף. אַזוינס ווי איצט אין אוקראַיִנע איז נישט געווען זינט כמעלניצקיס ציַיטן. די פּאָליאַקן האָבן זיך אויך נישט וואָס צו שעמען. מ׳האָט גליַיך אָנגעהויבן מיט אַ פּאָגראָם אין לעמבערג. וואָס ביסטו? אַ ציוניסט? אַן אַנטי־ציוניסט?

— כ׳וואָלט געווען אַ ציוניסט ווען כ׳גלויב, אַז ס׳עט עפּעס אַרויסקומען.

— אין עפּעס מוז מען דאָך פֿאָרט גלויבן.

— פֿאַרוואָס מוז מען? צוויִיטנס, אין גאָט גלויב איך נאָך אַלץ.

— אין דיַין זיַידנס גאָט צי אין שפּינאָזאַס?

— ווען כ׳גלויב אין זיַידנס גאָט, וואָלט איך איצט דאָ נישט געזעסן.

— שפּינאָזאַס גאָט איז נישט ווערט קאָ׳ן אויסגעבלאָזן איי. כ׳האָב אויך אַריַינגעקוקט אין די ביכער. ס׳איז אַ גאָט וואָס האָט דיך טיף־טיַיער־אין־דר׳ערד... האָסט כאָטש דאָרט געהאַט ציַיט צו לייענען?

— קיין ציַיט האָט זיכער נישט אויסגעפֿעלט.

— נו, צו וואָס האָסטו דיך דערגראָבן? רעד קלאָרע דיבורים. אָן די פֿילאָ־זאָפֿישע דריידלעך!

— כ׳בין דערגאַנגען דערצו, אַז מאָלטוס איז גערעכט.

— וואָס איז דאָס פֿאַר אַן אָנשיקעניש?

— מ׳דאַרף אויפֿהערן אַזוי פֿיל קינדלען...

— דאָס איז עס אינגאַנצן?

— ס׳איז זייער אַ סך. וואָס וואָלט׳מיר איצט געפֿעלט ווען כ׳ווער נישט געבוירן?

— און וואָס וואָלסטו געהאַט? הדסהן זיכער נישט.

— זי וואָלט אויך נישט געבוירן געוואָרן.

— אַ שיינער שידוך: גאָרנישט מיט נישט! דאָס זאָגט דאָך שוין די גמרא: טוב שלא נברא משנברא.

— די גמרא זאָגט און די כינעזער קינדלען.

— פֿאַרוואָס גראָד די כינעזער? אונדזער יידן קאָנען אויך די מלאָכה. געדענקסט אפֿשר יואלן, האַ? מיין חמאס עלטסטער ברודער, ר׳ משולם מושקאַטס בכור. ער האָט איבערגעלאָזט צוויי זין און דריי טעכטער: נעשע, מינע און גוטשע. זיי וואוינען אין שווערס הויז, טאַקע אין זיין דירה. דער באַלעבאָס

איז פישעלע, נאָר דאָס איז אַן אַנדערע מעשה. אַנומלט גיי איך פאַרביי, טראַכט איך, כ'על טאָן אַ קוק. כ'בין דאָך אַ לייבלעכער פעטער. כ'קום אַריין אין שווערס סאַלע, איז זי באַהאַנגען מיט שטריק און ס'טריקענען זיך ווינדעלעך. אַ ריח איז דאָרט געווען סכנת־נפשות. וואָס קאָן מען טאָן, האַ? פריה־ורביה איז די ערשטע מצווה. מייןביילע־איטע איז שוין אויך אַ מאַמע פון פינף ווערים. דער איידעם מיינער, דער אַביגדור, קאָן אַ קאָץ דעם עק נישט פאַרבינדן. וואָס כ'גיב נישט, איז נישטאָ. וואָס רעכנסטו דאָ צו טאָן? קיין געלט האָסטו מסתמא גאָרנישט.

— אַ פּאָר מאַרק.

— וויפל מיינסטו האָב איך? די מלחמה האָט פון אונדז געמאַכט אַ תל. יואל איז געשטאָרבן. די אסתר־מלכה איז אויף גרויסע צרות. פּערל, די עלטסטע טאָכטער, איז שוין אַ זקנה. זי האָט איר אייגנס אַ באַנדע כניאַקעס, ערגעץ אין יענע גאָסן. מיר האָבן נאָך אָפּגעשניטן מיט חסד. די אביונים זיינען נעבעך געפאַלן ווי די פליגן. נת'לע איז מסוכן־שלאָף, נאָר ער האַלט זיך. דאָס ווייב זיינס, סאַלטשע, לאָזט אים נישט שטאַרבן. זי שרייט אים צוריק. נו, וואָס ווייטער? פיניעלע איז פיניעלע און ניוניע האָט אַ ווייב אַ קאַזאַק. לאה האָט אונדז אָנגעטאָן דעם כבוד און חתונה געהאַט מיט קאַפּל משרת.

— כ'ווייס. הדסה האָט מיר געשריבן.

— ווען? פרעגסט דיך אַפילו נישט אויף הערץ יאַנאַוועד!

— וואָס מאַכט ער? וואָס טוט גינע?

— וואָס זאָל ער מאַכן? ביי די דייטשן איז ער ווידער געוואָרן אַ שטיקל פּראָפעסאָר. מ'האָט אונדז אַהערגעשיקט אַ פּאָר ראַבינערס און מ'האָט אונדז געוואָלט מאַכן פאַר יעקעס. דייטש יכול'ט ער, האָט מען אים איינגעשפּאַנט אין וואָגן. איצט איז ער ווידער געוואָרן אַ לידיק־גייער. מאַכט זיך נאַריש מיט גייסטער און נאָך אַזוינע שמאַנצעס. ער האָט געגרינדעט עפּעס אַ געזעלשאַפט. מיר אַלע זיינען מיטגלידער. ער פרעגט אויס ביי יעדן די חלומות און שיקט דאָס אַוועק קיין ענגלאַנד. דאָרט מאַרינירט מען עס אין זויערן. גינע האַלט סובלאָקאַטאָרן. זי'ט שוין געקאָכט מיטאָגן. געפּרואווט אַפילו ביים דייטש ווערן אַ שמוגלערין, נאָר ס'האָט נישט געאַרבעט. פאַרט דעם ביאַלאָדרעוונער רבינס טאָכטער. געדענקסט אפשר אַ מיידל מאַשע, לאהס טאָכטער? חתונה געהאַט מיט אַ גוי און זיך אָפּגעשמדט. ר' משה־גבריאלס טאָכטער!

אַבראַם האָט אַרויסגענומען אַ ציגאַר, פאַררויכערט. ער האָט געבלאָזן די בלויע קייקעלעך רויך. ער האָט געהאַט צוגעזאָגט דעם יונגן דאָקטאָר מינץ, אַז ער'ט אָוועקלייגן דאָס רויכערן, אָבער וואָס קומט אַרויס? ער קאָן זיך נישט איינהאַלטן. ער האָט געלעבט ווי אַ בעל־תאווה און ער'ט שוין שטאַרבן אַ בעל־תאווה. ער האָט זיך איינגעקוקט אין עוזר־העשלען. ער האָט אים געוואָלט אַ זאָג טאָן: אויב דו ביסט שוין יאָ צוריקגעקומען, — וואָס ביסטו אַזוי מרה שחורה־דיק?... געזאָגט האָט ער:

— הדסהס וויליע הייסט ראַזקאַש. ס'איז צווישן אַטוואַצק און שווידער. ווי וועט קומען די קאַץ איבערן וואַסער?

— קיין טעלעפֿאָן האָט זי נישט?

— אַ טעלעפֿאָן? ניין. ווערסט שוין איבערנעכטיקן היינט ביי מיר. וואו איז דיין וואַליזע?

— כ'האָב זי איבערגעלאָזט אויפֿן וואָקזאַל.

— פֿאָלג מיך: פֿאָר צו, ברענג זי. קאָנסט נאָך איצט קריגן אַ טראַמווײַ. אַז ס'טויער וועט זיין פֿאַרמאַכט, זאָג, אַז דו גייסט אין אַטעליע. דער סטרוזש איז אַ משלנו'דיקער. ער קריגט אין יד...

און אַבראַם האָט זיך געטאָן אַ הויב פֿון געזעס. ער האָט זיך פֿאַרקרימט און זיך אָנגעכאַפּט ביי דער לינקער זייט ברוסט...

## 4

אין דרויסן איז עוזר־העשל געבליבן שטיין און לאַנג געקוקט פֿאַר זיך. ער האָט נישט געדענקט וואָסער זייט ס'פֿירט צו דער נייער וועלט און וואָסער — צו דער מאַרשאַלקאָווסקע. די טויערן האָט מען שוין געהאַט צוגעמאַכט. דורך דעם פֿאַרלאָשענעם שוי־פֿענסטער פֿון אַן אַנטיק־געשעפֿט האָט אַרויס־געקוקט אַ פֿיגור פֿון אַ בודאַ מיט אַ נאַקעטן בויך. אין דער טונקלקייט האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דער געץ קייכט פֿון געלעכטער. ביי אַ טויער איז געשטאַנען אַ גאַסן־מיידל אין אַ רויט קלייד, מיט אַ שאַלעכל אויף די אַקסלען. די באַקן אירע זיינען געווען ווי אָנגעריבן מיט רויט ביבעלע־פּאַפּיר. עוזר־העשל האָט זיך געלאָזט שפּאַנען גיכער. ביים עק יאַסנע איז ער געבליבן שטיין. די האָ־פֿערדיקייט, וואָס האָט אים אָנגענומען פֿרי אין אָוונט, האָט געהאַט אויסגעוועפּט. די קני האָבן אים געבראָכן. דער קאָפּ האָט וויי געטאָן. אין דער נאָז און אין האַלדז איז געווען האַרב ווי פֿון אַ קאַטאַר. וואָס טוט זיך מיט מיר? — האָט ער געטראַכט. — כ'ווער קראַנק אָדער וואָס? דאָס האַרץ קלאַפּט מיר ווי ביי אַ גזלן. ער האָט צוגעלייגט דעם דוימען און דעם ווייזפֿינגער צום דופּק. כ'מוז האָבן היץ! ער האָט אַרויסגענומען פֿון קעשענע דאָס קוויטל פֿון באַגאַזש. וואו קריך איך? וואו וואַלגער איך מיך אַרום? וואָס וועט זיין מיין תּכלית? כ'בין שוין באַלד דרייסיק יאָר! ער האָט זיך אָנגעלענט אָן דער ריטש־טיר פֿון אַ געוועלב, געמאַכט אַ חשבון־הנפֿש. ווי מאָדנע, נאָר ער האָט נישט געהאַט קיין חשק נישט צו גיין זען די מאַמען, נישט צו באַגעגענען דאָס קינד, נישט זיך אומצוקערן צו אַבראַמען. ער האָט אַפֿילו זיך געשראָקן צו טרעפֿן הדסהן. מיט וואָס קום איך צו איר? — האָט ער זיך געפֿרעגט. — וואָס האָט איך אויפֿגעטאָן? וואָסערע רעכט האָב איך זי צוצונעמען פֿון אַ מאַן און אַ היים?... עוזר־העשל האָט זיך אַליין געזאָגט, אַז ס'ווערט שפּעט און ס'האָט נישט קיין זין צו קומען צו דער מאַדאַם פּראַגער אין מיטן דער נאַכט, נאָר די פֿיס האָבן זיך געקלאַמערט אָן דער שוועל, ווי אויף אייגענער אַחריות. כ'מוז אַלץ קלאָר מאַכן! אַהין אָדער אַהער!...

ער האָט אַריינגעשטעקט אַ האַנט אין בוזעם־קעשענע, אַנגעטאַפּט אַ נאָטיץ־ביכל, וואו ער האָט פֿאַרשריבן אַלערליי כּללים, פּראָגראַמען, אידייען. וואו גייט מען? אין וואָס גלויבט מען? וואָס מעג מען? וואָס דאַרף מען? וואָס איז דער זין פֿון אַלץ מיט אַן אַנדער? עפּעס אַ פֿליכט מוז דאָך אַ מענטש האָבן! ער האָט צום וויפֿלטן מאָל געמאַכט אַן אַנאַליז פֿון אַלע מעגלעכע אמונות. אין תּורה־מסיני גלויבט ער נישט. די עשׂרת־הדברות האַלט ער נישט. די עוואַנגעליע האָט אין צוויי טויזנט יאָר אויף קיין האָר נישט בעסער געמאַכט די אומות־העולם. אַלע אַנדערע פֿילאָזאָפֿיעס, פֿון טהאַלעס ביז הוסערל, זיינען געבויט אויף בויך־סבֿרות, פֿאַרפֿליכטן צו גאָרנישט. נישטאָ קיין טרייסט פֿאַר די יסורים נישט אין לייבניצס מאָנאַדע פֿון די מאָנאַדן און נישט אין העגעלס וועלט־גייסט; נישט אין קאַנטס קאַטעגאָרישן אימפּעראַטיוו און נישט אין שאָפּענהויערס בלינדן ווילן. די מלוכה פֿון פֿרייהייט איז אַ מליצה. דער פֿאַנטעאיזם איז צו ברייט. אַלץ פּאַסט אין אים אַריין: דער דאַרוויניזם און דער ניטשעאיזם, דער צאַריזם און דער באָלשעוויזם. צום אָמאָר דעאי אינטעלעקטואַליס וועט ער, עוזר־העשל, קיינמאָל נישט דערגרייכן. וואָס זשע בלייבט איבער? וויפֿל איז דער שיעור זיך צו ראַנגלען? ס'איז דאָ איין אמת: דער כּוח פֿון שטאַרקן. אָבער ער, עוזר־העשל, וועט צו די שטאַרקע קיינמאָל נישט געהערן. ער איז אַ ייד, אַן אָרימאַן, אַן אַ פּראָפֿעסיע, קראַנק אויף די נערוון, פֿאַרפֿייניקט פֿון איינזאַמקייט. אַבֿרהם איז גערעכט: ער'ט באַלד ווערן אַ גרויסער באַדערפֿער. ער'ט מוזן אויסהאַלטן סיי דאָווידעקן, סיי הדסהן, און נאָך די מאַמען פֿאַר אַ צולאָג. אָבער פֿון וואַנען זאָל ער נעמען? מ'עט אים נאָך מאָביליזירן פֿונסניי און שיקן קעמפֿן פֿאַר די פּוילישע פּאַנעס. ניין, ס'איז נישט פֿאַר זיינע כּוחות. ס'איז דאָ איין אויסוועג: מאַכן אַן עק! אָבער ווי אַזוי? וואָס זאָל ער טאָן? וואָס וועט זיין מיט דער מאַמען, מיט הדסהן, מיט דאָווידעקן? דערויף איז ער אָנגעקומען קיין וואַרשע, זיי זאָלן נאָכגיין נאָך זיין לוויה?...

ער האָט געעפֿנט די אויגן. פֿון דער יאַסנע איז אָנגעקומען אַ שיכּורער גוי אין פֿאַרשמירטע מלבושים. ער האָט זיך געוואַקלט אויף די פֿיס, זיך אָוועקגעשטעלט משתּין זיין איבערן רינשטאָק. פֿון דער מאַרשאַלקאָווסקע האָט זיך אַריינגעדרייט אַ פּאָליציאַנט מיט אַ קרומער שווערד און אַ שוואַרצן העלם. עוזר־העשל האָט זיך געלאָזט גיין. ער איז נאָך אין ערגעץ נישט געווען געמאָלדן. ער האָט נישט געהאַט קיין פּאַס, נאָר אַ מעטריקע, מיט אַן אָפּגעמעקטער שריפֿט, צעשפּאָלטן אויף פֿירן, אונטערגעקלעפּט מיט פּאַפּיר. מער פֿעלט מיר נישט נאָר מ'זאָל מיך אַרעסטירן!... ער איז צוגעקומען צום עק מאַרשאַלקאָווסקע. פֿון דער קרולעווסקע איז אָנגעלאָפֿן אַ טראַמוויי. אַלץ וואָס ער דאַרף איז: זיך אַ וואַרף צו טאָן אויף די רעלסן. מיטן קאָפּ גלייך אונטער די רעדער... ניין, ער'ט נאָך בלייבן אַ קאַליקע. דער טראַמוויי איז פֿאַרביי משונה־גיך, מיט אַ ברום און אַ זעץ, ווי ער וואָלט באַצייטנס באַנומען די זעלבסטמערדערישע פֿאַרמעסטעכצער... עוזר־העשל איז אַריבערגעלאָפֿן די גאַס. פֿון ערגעץ איז אָנגעקומען אַ כאַפּטע זונות, געפּודערטע און געראָזשטע, מיט פּעפּערלעך און פֿלאַסטערלעך, מיט רויטע זאָקן און פּאַפּיראָסן צווישן די ליפּן. זיי האָבן גע־

לאַכט, געקוויטשעט. ס׳איז דאָ, אַפּנים, פֿאַרגעקומען אַ סקאַנדאַל, אָדער אַ געיעג. ער האָט געהערט אַ פּאָליציייאיש פֿייפֿל. ער האָט אַריינגעשטעקט די האַנט אין דער הינטערשטער קעשענע. וואו איז דאָס קוויטל פֿון באַגאַזש? פֿאַרלוירן? ס׳קאָן נישט זיין! דאָ איז עס. ער האָט אַרויסגענומען דאָס טיכל, אָפּגעווישט דעם שווייס. זאָל זיך מיר דוכטן כ׳בין שוין טויט — האָט ער צו זיך געזאָגט. — עלעהיי, כ׳בין אַ מת, איינער פֿון יענע, וואָס וואָגלען אויפֿן עולם־התוהו... ס׳קאָן מיר שוין גאָרנישט געשען, נישט קיין גוטס, נישט קיין שלעכטס...

די דאָזיקע „אַלס אָב" אידייע פֿלעגט אים אַלעמאָל איינשטילן. אָבער ווי לאַנג האָט זי געדויערט? מ׳האָט זי יעדעס מאָל געמוזט באַנייען. זי האָט אָנגעוואוירן דעם כּוח, ווי אַ נאַרקאָטיק. דורך די שפּאַלטן און ריסן האָט זיך דורכגעגנבעט די פֿאַרצווייפֿלונג, די האָפֿענונג, די פּלענער, די תּאוות... ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און ס׳איז אים איינגעפֿאַלן אַ נייע פֿאָרמולירונג. אויב דאָס לעבן פֿון איין מענטש איז אומזין, איז דאָס לעבן פֿון אַלע מענטשן אומזין. אויב איין מין האָט נישט קיין ציל, האָט נישט קיין ציל די עקזיסטענץ פֿון אַלע מינים. אויב דאָס אָרגאַנישע איז צוועקלאָז, איז דאָס נישט־אָרגאַנישע אויך צוועקלאָז. הייסט עס, דער גאַנצער קאָסמאָס איז אומזיניק. אויב דאָס איז אַן אַבסורד, מוז מען אָננעמען, אַז אַלץ האָט אַ מיין, יעדער וואָרעם, יעדער פֿויגל, יעדע פּערזאָן, יעדע טאָט. דאָס אייגנטלעך איז רעליגיע: אַ גלויבן אין אַלע ווערטן. אָבער וואָס דאַרף ער, עוזר־העשל, טאָן קאָנקרעט? אין דער־מינוט?...

ער איז אַריין אין וואָקזאַל. דער זאַל איז איצט געווען ליידיקער און ליכטיקער. פֿון די גרויסע לאָמפּן האָבן נאָכגעהאָנגען גאָלדיקע נעצן. אַ שפּעטנאַכטיש שאָרכעניש האָט זיך געטראָגן פֿון די גרעל־באַלויכטענע ווענט, פֿון די בענק, וואו ס׳האָבן געדרימלט פּאַסאַזשירן, פֿון די קאַסע־פֿענסטערלעך, וואו ס׳זיינען נאָך אַלץ געשטאַנען רייען. זשאַנדאַרמען זיינען אַרומגעגאַנגען מיט ביקסן אויף די פּלייצעס. אין צווייטן זאַל האָבן געוואַרט סאָלדאַטן אין פֿולער באַוואָפֿענונג, גרייט, זעט אויס, אַרויסגעשיקט צו ווערן אויפֿן פֿראָנט. טייל זיינען געשטאַנען. אַנדערע האָבן זיך אויסגעזעצט אויף דעם געפֿלאַסטערטן דיל. איין סאָלדאַט האָט אַרויסגענומען פֿון צווייטנס מויל אַ פּאַפּיראָס, געטאָן אַ ציִ, אַרויסגעלאָזט דעם רויך דורך דער נאָז. אַ לאַנגער שייגעץ מיט אַ געשטיפּלט פּרצוף און גרינלעך וואַסערדיקע אייגעלעך האָט געלאַכט, געוויזן אַ מויל ברייטע שיטערע ציין. וואָס לאַכט ער? — האָט עוזר־העשל זיך געוואונדערט — ווי קאָן ער לאַכן בעת מ׳שיקט אים אַרויס ווי אַ בהמה צו דער שחיטה? וואָס פֿאַר אַ סאָרט גלויבן האָט ער? זאָל דאָס זיין פּוילישער פּאַטריאָטיזם? ניין, ס׳איז פּשוט געזונטע נערוון. ער שטאַמט אַוודאי פֿון דור דורות פּויערים. דער טאַטע און דער זיידע זיינער זיינען נישט געזעסן אין בית־מדרש און זיך געגריבלט וועגן צדיק ורע לו...

עוזר־העשל האָט זיך מיט אַמאָל דערמאָנט די צייט ווען ער איז געפֿאָרן קיין רייוויץ זיך שטעלן צום מיליטער, און ס׳איז אים איצט געווען אַ חידוש ווי ס׳האָט זיך גענומען צו אים, אַ ישיבה־בחור, אַ פּעסעמיסט, די קראַפֿט און דער ווילן אויסצוהאַלטן די אַלע צרות און בזיונות, וואָס ער איז אויסגעשטאַנען

פֿון יענעם טאָג אָן, אין די קאַזאַרמעס, אין די באַראַקן, אין די שוץ־גרובנס, צווישן באַנדעס, פּאָגראָמען, הונגער, מגפֿות. אַ שוידער איז אים דורכגעלאָפֿן דורכן רוקן. ער האָט געוואוסט, אַז ער וואָלט נאָך אַמאָל דאָס אַלץ נישט געקאָנט פֿאַרטראָגן, אַפֿילו נישט קיין צענט־חלק דערפֿון...

## 5

עוזר־העשל האָט זיך אָוועקגעשטעלט ביים בלעך־באַשלאָגענעם טיש פֿון באַגאַזש־צימער. ער האָט געהאַלטן גרייט דאָס צעטל, נאָר ס׳איז אינעווייניק קיינער נישט געווען. אויף די פּאָליצעס זיינען געשטאַנען אַלערליי וואַליזעס: גרויסע, קליינע, לעדערנע, הילצערנע, מיט שלעסער, קלאַמרעס, קעשענעס, לאַפּן. אין מיטן קאָסמאָס האָט דאָ עקזיסטירט אַ סיסטעם פֿאַר זיך, מיט זיינע אייגענע געזעצן און ווערטן. ער האָט זיך מיטגעדרייט מיט דער ערד אַרום דער אַקס, געקרייזט אַרום דער זון, געוואַנדערט אין אומענדלעכן רוים מיטן גאַנצן מילכוועג. איז דאָס נישט מאָדנע, האַ?... פֿון אַ זייטיקער טיר איז אַריינגעקומען אַ שייגעץ מיט אַ לאַנג פּנים, אין אַ זעלנערשער בלוזע (מסתּמא געווען אין מיליטער). עוזר־העשל האָט אים דערלאַנגט דאָס קוויטל. יענער האָט אַפּערגעשלעפּט די וואַליזע. עוזר־העשל האָט זי אויפֿגעהויבן. וואָס איז זי מיט אַמאָל געוואָרן אַזוי שווער? ווי מ׳וואָלט אַנגעלייגט שטיינער. וואו וועט ער איצט קריגן אַ טראַמוויי? סיידן ער זאָל נעמען אַ דראָשקע. דער גרויסער זייגער האָט געוויזן פֿינף מינוט צו צוועלף. ס׳האָט אים איצט באַנג געטאָן וואָס ער האָט פֿאַרלוירן צייט מיט די גריבלענישן. ס׳איז אים געווען אַ בושה צוריקצוקומען מיט דעם פּאַק צו דער מאַדאַם פּראַגער. אפֿשר דאָך צופֿאָרן צו דער מאַמען אַהיים? יאָ, ער׳ט אַזוי טאָן. אין דער רגע האָט ער דערהערט ווי אַ גויע פֿרעגט:

— ווען גייט אָפּ דער עקספּרעס קיין אָטוואָצק?

— צוועלף פּונקט.

ווי עוזר־העשל האָט דערהערט די דאָזיקע ווערטער, האָט ער ביי זיך אָפּגעפּאַסט צו פֿאָרן קיין אָטוואָצק, ווי ער שטייט און גייט. פֿישעלע איז אין וואַרשע. זי איז דאָרט אַליין מיט דער דינסט. ער׳ט זיך שוין ווי ס׳איז אַן עצה טאָן! ווי הייסט די ווילע? ראָזקאָש. די אידייע האָט אים אויסגעוויזן אַזוי קלוג, אַז ער האָט זיך געוואונדערט פֿאַרוואָס ס׳איז אים פֿריער נישט איינגעפֿאַלן. וואָס וועט ער זיך וואַלגערן ביי אידאַ פּראַגער? ער האָט אַ געליבטע!... ער האָט געזען ווי די גויע שטעלט זיך אין אַ רייע. ער האָט געלאָזט שטיין דאָס רענצל אויף הפֿקר (איצט איז דער באַמטער מער נישט פֿאַראַנטוואָרטלעך) און זיך אַוועקגעשטעלט הינטער איר. וועט ער באַוויזן אין די זיבעצן מינוט? וועט ער געפֿינען הדסהס ווילע? וואָס וועט זאָגן די דינסט? ט׳איז אַ משוגעת, די גאַנצע זאַך! ער האָט מיט איין אויג געקוקט אויף דער וואַליזע און מיט דעם אַנדערן אויף דעם קאַסע־פֿענסטערל. דער קאַסירער האָט זיך, אַפּנים, נישט געאיילט. אַ פֿאַרשוין מיט ברייטע פּלייצעס איז געשטאַנען אַנגעבויגן, אַוודאי גענומען

אינפֿאָרמאַציע. דער גרויסער ווייזער אויפֿן ציפֿערבלאַט האָט אַ ווייל געגליווערט, באַלד זיך געטאָן אַ רוק. די מענטשן אין דער שורה האָבן גענומען ברומען, מרוקען, זיך אומקוקן. וואָס איז געשען? ר׳איז איינגעשלאָפֿן? — האָט געפֿרעגט אַ קליין גויעצל מיט לאַנגע וואָנסן. אונדזערע פּוילישע פּאַזשאַנדקעס! — האָט נאָכגעבאָמקעט אַ דיקער גוי. העי, פּריץ, מאַך עס גיכער! — האָט עמעץ געשריגן. ער זאָל נאָר נישט זיין קיין ייד! — איז עוזר־העשלען דורכגעלאָפֿן דורכן רעיון. ווי יענער וואָלט באַנומען, אַז אַלע זיינען קעגן אים, האָט ער זיך נאָך טיפֿער אַנגעבויגן. אַלעמענס בליקן זיינען געוואָרן פֿול מיט חשד, כּעס, האַס. ער אַליין, עוזר־העשל, איז איצט געווען אַ שונא דעם דאָזיקן בעל־גוף, וואָס פֿאַרשטעלט אַלעמען מיט זיינע ברייטע אַקסלען. אַזוינע פֿאַרשוינען דאַרף מען דערהרגענען!... אין דער רגע האָט יענער זיך אויפֿגעהויבן און מ׳האָט געזען, אַז ער שפּאַרט זיך אָן אויף אַ קוליע. די רייע האָט זיך גענומען רוקן גיך. עוזר־העשל האָט צוגעגרייט געלט פֿאַר אַ בילעט. וואָס זאָל ער טאָן מיט דער וואַליזע? ער׳ט זי מוזן פֿונסניי איבערלאָזן. דער שייגעץ פֿון באַגאַזש־צימער וועט מיינען, אַז ער איז פֿאַררוקט. ווען ער וואָלט געקאָנט פֿון דאָרט אַרויסנעמען אַ העמד און אַ ציין־באַרשטל! ס׳איז אים געהאַט אַנגעוואַקסן אַ שטעכיקע באָרד.

ער האָט באַקומען דעם בילעט, איז צוגעלאָפֿן צום באַגאַזש־צימער, נאָר דער שייגעץ איז ווידער געהאַט ערגעץ אַוועק. איצט איז אַלץ קאַפּוט! ס׳זיינען בלויז געבליבן פֿינף מינוט. וואוהין קריכט ער, יעדעס מאָל? ער קאָן זיך אָפּזוימען אַ האַלבע שעה, דער מנוול... אין דער סעקונדע איז דער שייגעץ צוריקגעקומען. עוזר־העשל האָט אים דערלאַנגט די וואַליזע. יענער האָט געטאָן אַ פֿאַרחידושטן בליק, זיך געהייסן באַצאָלן צען פֿעניג. ער האָט, ווי אויף צולהכעיס, זיך לאַנג געפּלאָנטערט מיטן שטריקל. איצט זיינען געבליבן וויניקער ווי דריי מינוט. עוזר־העשל האָט געכאַפּט דאָס צעטל, גענומען לויפֿן צום אַרויסגאַנג הענדום־פֿענדום. דער קאָנדוקטאָר מיט די שפּאָקולן אַראָפּגערוקט צום שפּיץ־נאָז האָט שוין, ווייזט אויס, זיך געגרייט צו פֿאַרמאַכן די טיר. ער האָט זיך געטאָן אַ קווענקל און מיט אַ צוואַנג אויסגעבויערט אין טעוועלע צוויי לעכלעך. דער צוג איז געשטאַנען. אַ יונגערמאַן איז גע־לאָפֿן. אַ מיידל מיט פּעקלעך האָט אויך געפּרוּווט לויפֿן, קאָמיש געשאָקלט מיט די היפֿטן. זי האָט עוזר־העשלען דערמאָנט אָן אַ קו. ער האָט זי איבערגעיאָגט, איז איינגעשטיגן. ער האָט געהאַלטן פֿאַר איר אָפֿן די טיר. דער יצר־טוב און דער יצר־הרע האָבן זיך אין אים געראַנגלט. ער האָט סיי געוואָלט זי זאָל איינשטייגן, סיי געהאַט אַ קינדיש פֿאַרלאַנג, אַז די רגע זאָל די באַן רירן און די נקבה זאָל בלייבן אָן אומבאַהאָלפֿענע... ער האָט זיך געשעמט מיט דעם דאָזיקן רשעות און איז געווען גרייט איר צו העלפֿן. ס׳איז געווען איבעריק. דער צוג איז נאָך געשטאַנען קנאַפּע צוויי מינוט. ער האָט זיך ערשט איצט אומגעקוקט איבערן וואַגאָן. די באַן האָט זיך, אַפּנים, געלאָזט אויף אַ ווייטער שטרעקע. אויף די פּאָליצעס זיינען געלעגן פּעק, קוישן, זעק. די פּאַסאַזשירן האָבן שוין באַצייטנס געפּרוּווט כאַפּן אַ דרימל. די בענק זיינען געווען פֿול באַזעצט. ס׳האָט זיך שוין דאָ געשפּירט

מיט דעם זיס־זויערלעכן ריח פֿון אונטערוועגנס און נישט־אויסגעשלאָפֿנקייט. עוזר־העשל האָט זיך אָוועקגעשטעלט ביים פֿענסטער. ווי מאָדנע ס׳אַרבעט די קייט פֿון קויזאַליטעט! ער איז ערשט געקומען קיין וואַרשע און ער פֿאָרט שוין ווייטער. ווער ווייסט? אפֿשר וועט ווידער דויערן פֿינף יאָר? אַלץ איז מעגלעך. אַשטייגער ווען ער קריגט אין אָטוואָצק אַ בלוט־שטורץ און מ׳נעמט אים אַריין אין אַ סאַנאַטאָריום... וואָסערע אומזיניקע געדאַנקען! וואָס וואָלט געווען ווען ער גייט אין וואַלד און טרעפֿט דאָס אַפּיצירל, וואָס האָט אים היינט געשלאָגן? יענער איז אומבאַוואָפֿנט און ער, עוזר־העשל, האָט ביי זיך אַ רע־וואָלווער. וואָלט ער אים דערשאָסן? דאַרף מען אָנווענדן דעם לא תרצח אין אַזוינע פֿאַלן? די עשרת־הדברות זיינען בכלל נישט דעפֿינירט. פֿאַרוואָס מעג מען הרגענען אין אַ מלחמה? פֿאַרוואָס האָבן די יידן געמעגט אומברענגען די זיבן אומות? ווי לאַנג ס׳איז נישטאָ קיין אינטערנאַציאָנאַלע געבורט־קאָנטראָל, איז דער לא תרצח אַן אוטאָפּיע. דער וואָס האָט געזאָגט לא תרצח, האָט אויך געדאַרפֿט זאָגן: לא תוליד...

דער צוג האָט גענומען גיין. עוזר־העשל האָט אַרויסגעקוקט אין דרויסן. אַ שפּעט־נאַכטישע שטאָט, פֿאַרשלאָפֿענע פֿאַבריקן, הייזער, פּלעצער. וואָס וועט אַבראַם זאָגן, אַז ער׳ט נישט צוריקקומען? אָט איז די ווייסל. ווי מאָדנע די לאַמטערן שפּיגלען זיך אין וואַסער: ווי יאַרצייט־ליכט. די ווייסל טוט דאָס אייביקע. זי פֿליסט פֿון קראָקע קיין דאַנציק. ס׳איז איר אַלץ איינס: קאַפּיטאַליזם, באָלשעוויזם, רוסן, דייטשן, פּאַדאַרעווסקי, פּילסודסקי, קריסטן, יידן... וואָס טוט איצט הדסה? אָנט זי, אַז ער קומט צו איר? אפֿשר האָט זי גראָד היינט באַשלאָסן אים אַרויסצורייסן פֿון זכרון? אפֿשר האָט זי געסט? אפֿשר האָט זי אַ געליבטן? אַלץ איז מעגלעך, אַלץ איז מעגלעך. אויב צייט איז נישט מער ווי אַן אָנשויאונגס־פֿאָרעם, באַשטייט די געשיכטע אין מישן די בלעטער פֿון אַ בוך, וואָס איז שוין לאַנג אָנגעשריבן... ווען כ׳וואָלט אַמווייניקסטן געהאַט אַ ריין נאָז־טיכל! ווען כ׳וואָלט מיך כאָטש געהאַט אָפּראַזירט! זיי האָבן פֿיינט צו קושן אַ שטעכיקע מאָרדע...

דער לאָקאָמאָטיוו האָט געריטשעט ווי אַן אָקס, געשפּיגן מיט רויך. קנוילן פּאַרע זיינען געלאָפֿן. מחנות פֿונקען האָבן זיך געוויגט, ווי פֿאַלנדיקע שטערן. אַ גוי האָט זיך געבייזערט, געמרוקעט, געשאָלטן יידן. זשידי! זשידי! — די ווערטער האָבן זיך געשאָטן פֿון אַלע מיילער. וואָס זיינען זיי אַזוי בייז, די פּאָליאַקן? וואָס האָבן די יידן זיי געטאָן? אין אַלץ זיינען זיי שולדיק: וואָס דאָס געפּעק וואַקלט זיך, וואָס דאָס גאָז־לעמפּל צאַנקט, וואָס דאָס אַפּטריט איז פֿאַרנומען. שוויג שטיל, דו ממזר פֿאַרשאָלטענער! — האָט אַ גויע געשריגן צו אַן עופֿלע אין אַ לאַנג קישן. — נאַ זויג! פּראָשען פּאַני, אפֿשר טוט אים ווי ס׳ביי־כעלע? אפֿשר פֿוילט אים צווישן די פֿיסלעך? מ׳דאַרף אָנשיטן קראָכמאַל. די מאַמע האָט נישט געענטפֿערט. זי האָט געהאַלטן די אָנגעקוואָלענע ברוסט און געגעבן. ער בייסט די ציצקע, דער הינטישער זון...

ווי גיך דער צוג פֿליט! ער היפּערט אַלץ אַדורך: מיעדזעשין, פֿאַלעניץ, מיכאַלין שווידער אָט איז שוין אָטוואָצק. דאָס גס פֿון קפֿיצת־הדרך... עוזר־

העשל וויל אויסשטייגן, נאָר די טיר עפֿנט זיך נישט. העי, שטופּ אַביסל שטאַרקער! יידישע הענט!... די טיר האָט זיך געעפֿנט. ער איז אַפּגעשטיגן. האָט ער עפּעס פֿאַרגעסן? גאָרנישט פֿאַרגעסן. אין דער פֿינסטער האָבן געגלימערט לאַמטערן. זיי האָבן געוואָרפֿן געלע נעצן אויפֿן זאַמד. די לופֿט האָט געשמעקט מיט סאָסנע, רויך, שווינדזוכט. וויפֿל מענטשן שטאַרבן דאָ יעדן טאָג! יעדע כאַנאַטאַריע האָט איר מתים־שטיבל. עוזר־העשל האָט זיך געפֿרעגט אויפֿן וועג קיין שווידער. מ'האָט אים געהייסן זיך פֿאַרנעמען לינקס, צו דער וואַרשעווער גאַס. פֿאַרוואָס הייסט עפּעס פֿישעלעס ווילע ראַזקאָש? ער גלויבט אויך אין פֿאַרגעניגן?... ער האָט עמעצן אָפּגעשטעלט. וואו געפֿינט זיך דאָ די ווילע ראַזקאָש? קיין ענטפֿער. טויב, אָדער שטום? הדסה שלאָפֿט שוין אוודאי. וואָס פֿאַר אַן אַוואַנטורע! כ'זאָל נאָר נישט זיין אימפּאָטענט. וואָס פֿאַר אַ טראַגיקאָמעדיע: אַן אימפּאָטענטער ליבהאָבער. כ'טאָר וועגן דעם נישט טראַכטן. די מחשבה אַליין איז געפֿערלעך. פֿאַרוואָס זאָל דער געדאַנק וועלן זיך אַליין סאַבאָטירן? וואָס איז דער גרונד פֿון דעם דאָזיקן דואַליזם? פֿאַרוואָס שיינט נישט די לבנה? ס'איז דאָך, דוכט זיך, אין מיטן חודש? איז דאָס נאָך אַטוואָצק? איז דאָס שוין שווידער? וואו איז די גרענעץ? פֿאַרוואָס הענגען זיי נישט אַרויס קיין לאָמפּן פֿאַרן איינגאַנג?

ער איז געבליבן שטיין פֿאַר אַ טירל. אויבן האָט געהאָנגען אַן אויפֿשריפֿט. זאָל דאָס זיין ראַזקאָש? דער ערשטער בוכשטאַב איז זיכער אַן R אָדער אפֿשר איז עס אַ K. ווען כ'וואָלט אַמווייניקסטן געהאַט שוועבעלעך. ס'לויכט זיך אויבן. ס'מוז זיין הדסהס שלאָפֿצימער. איז די פֿורטקע אָפֿן? יאָ, אָפֿן. וואו בילט דאָס דער הונט? נישט דאָ. מ'קאָן מיך נאָך אָננעמען פֿאַר אַ גנב. מ'וועט מיך נאָך אַרעסטירן פֿאַר וועלן באַגנבענען פֿישעלעס ווילע... ס'האָט זיך אים מיט אַמאָל דערמאָנט די נאַכט ווען ער האָט זיך אַריבערגעשוואַרצט איבער דער עסטרייכישער גרענעץ. ער האָט האַלב געעפֿנט די פֿורטקע און געטאָן אַ רוף:

— הדסה!

אין דעם צימער אויפֿן גאָרן האָט דאָס ליכט זיך געטאָן ווי אַ שאָקל. ס'איז דאָ! ס'איז זי! מיר'ן באַלד זען צי כ'האָב אינטואיציע. ער האָט אָפּגעוואַרט אַ ווייל און נאָך אַמאָל גערופֿן:

— הדסה!

ער האָט דערהערט אַ ברומעניש, אַ קלאַפּעניש, און פֿון ערגעץ איז אָנגעלאָפֿן אַ באָן. די פּראָזשעקטאָרן פֿון לאָקאָמאָטיוו האָבן געוואָרפֿן זיילן ליכט אויף דער ווילע. ער האָט אַ ווייל דערזען אַלץ ווי אויף אַן עקראַן: דאָס הויז, די וועראַנדע, די וועגלעך און שטעגלעך, וואָס האָבן געפֿירט צווישן בלומענבייטן, די נידעריקע סאָסנעס באַצייכנט מיט ווייסע נומערן. ער האָט דערזען די באַלויכטענע שילד. יאָ, ס'איז ראַזקאָש. דער צוג איז אַוועק. ס'האָט געטאָן אַ קנאַק און ס'איז געוואָרן חושך. פֿודערוויטנס האָט זיך דורכגעריסן אַ קוויטש, ווי פֿון אַ משחית, וואָס האָט אָפּגעטאָן אַ שמד־שטיקל און איז נעלם געוואָרן אין דער נאַכט.

# קאַפּיטל ניין און דרייסיק

רויזע פֿרומעטל האָט יעדן טאָג פֿאַרגאָסן טרערן אויף די בלעטער פֿון קרבן־מנחה־סידור, געבעטן דעם אַלמעכטיקן גאָט, ער זאָל צוריק ברענגען דעם אײדעם אירן, דעם שאַרלאַטאַן, וואָס האָט געלאָזט די טאָכטער אַן עגונה, דער הולטײַ זאָל זי גטן, און זי זאָל אָנקריגן דעם רעכטן זיווג. אײדל איז שוין געווען אַ ווײַבל נאָך די דרייסיק. זי האָט נאָך רעכט נישט געהאַט געלעבט. רויזע־פֿרומעטל האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ פּחד, די טאָכטער זאָל, חלילה, נישט קראַנק ווערן פֿון האַרץ־דריקעניש און פֿון דעם יאָך, וואָס איז געלעגן אויף איר האַלדז. צו פֿאַרדינען פֿאַר זיך און פֿאַרן קינד, האָט זי געפֿירט ביים פֿעטער, ר׳ וואָלף־הענדעלס, די ביכער, אַכטונג געטאָן אויפֿן באַלעבאַטישקייט. יעדן פֿרימאָרגן האָט זי דאַווידעקן געפֿירט אין קינדער־היים. נאָכמיטאָג איז זי געקומען אים אָפּנעמען. אַזאַ געטרייע מאַמע האָט רויזע־פֿרומעטל נאָך נישט באַגעגנט. אַז ער האָט געטאָן אַ הוסט, איז אײדל גלייך געלאָפֿן צום דאָקטאָר. זי האָט אין אים אַרייַנגעשטופּט דאָס עסן און ס׳זיינען צוליב דעם אַרויסגעקומען געשרייען. רויזע־פֿרומעטל האָט נישט געקאָנט ליידן די היינטיק־מאָדישע געגנג.

— וואָס איז דאָס פֿאַר אַ שטאָפּעניש, צו מיינע שונאימס קעפּ? — האָט זי געטענהט. — וואָס איז ער? להבדיל אַ קאַפּהאָן?

— אַז מ׳וועט אים נישט שטאָפּן, וועט ער אויסוואַקסן אַזאַ העלד ווי זיין פּאַפּאַ — האָט אײדל געענטפֿערט.

— זיין טאַטע איז געזונט אײזן.

— אַז מ׳איז געזונט, קאָן מען נישט זיין אַזוי פֿאַרקריפּלט...

אײדל האָט זיך כסדר געשראָקן, אַז דאַווידעק איז געבוירן אַ שלאָפֿער. פֿאַר זיינע פֿינפֿטהאַלבן יאָר, איז ער געווען הויך, אָבער הויט און ביין. אַ העלדזועלע האָט ער געהאַט אַ שמאָלס, אַ קאָפּ — אַ גרויסן. געגעסן האָט דאָס ווי אַ פֿליג, אָבער קשיות האָט ער געפֿרעגט פֿון אַ גאון. די גרויסע בלויע אויגן האָבן שטענדיק געגאָפֿט ערגעץ ווייט אַוועק, אויף יענער זייט פֿענסטער, איבער די דעכער. יעדעס צווייטע וואָרט איז געווען: דלאַטשעגאָ, פֿאַרוואָס.

— דלאַטשעגאָ וואָוינט דער טאַטוש אין רוסלאַנד? פֿאַרוואָס קומט ער נישט קיין וואַרשע?

— דלאַטשעגאָ זינגען בעטלערס אין הויף? פֿאַרוואָס גייען זיי נישט אַרבייטן?

— דלאַטשעגאָ טראָגט די באָבע אַ שייטל און די מאַמושאַ די אייגענע האָר?

אײדל האָט אים אַלץ פֿאַרענטפֿערט, נאָר ער האָט געהאַט אַלץ נייע פֿרעגענישן. ווען אַ פֿויגל זאָל פֿליען אייביק אין איין זייט, וואוהין וואָלט ער פֿאַרפֿליגן? ווען מען זאָל גראָבן אין דער ערד הונדערט יאָר, וואָס וואָלט מען געפֿינען? גאָט האָט באַשאַפֿן די וועלט, אָבער ווער האָט באַשאַפֿן גאָט? פֿאַרוואָס טאָר מען נישט הרגענען אַ מענטש און מ׳מעג צעשניידן אַ פֿיש?... דער שטיף־זיידע, ר׳ וואָלף־הענדעלס, האָט געפּרוווט פֿאַרענטפֿערן דעם ייִנגלס

שאלות על־פי תורה. ער האָט אים געלערנט דאַווענען, אים געקויפט אַ לייב־סערדאַקל, אים דערציילט די מעשיות פון חומש. די באָבעשי האָט אים אָנגע־זאָגט, אַז ס'איז נישט געזונט צופיל אַריינצוקלערן. מ'קאָן נאָך אַראָפּ פון זינען. אײדל האָט אים באַצייטנס געגעבן וויסנשאַפטלעכע ענטפערס. אַלץ האָט זיך אַנטוויקלט: די זון, די ערד, די חיות, די מענטשן. דער פעטער לעאָן, דער דאָקטאָר, האָט מיט אים געשמועסט ווי מיט אַ דערוואַקסענעם. ער פלעגט אים יעדעס מאָל ברענגען אַ פּאַק מיט שפּילעכצער און אים דערציילט וועגן באַנען, עראָפּלאַנען, לאַבאָראַטאָריעס. אָבער כאָטש אַלע האָבן צו אים גערעדט, איז געווען קלאָר, אַז די דערוואַקסענע האַלטן פאַר אים סודות. וויפל מאָל ער פלעגט רעדן מיט דער באָבען וועגן זיין טאַטוש, האָט זי באַקומען רויטע אויגן און גענומען שנייצן די נאָז. דער הויף, ווידער, איז געווען פול מיט שלעגער, שנאָרער, גנבים, אונטערלעקער, וואָס האָבן אַרויסגענומען געלט פון די קע־שענעס, צוגעלקחנט שפּילצייג. די יידישע ייִנגלעך האָבן זיך געשלאָגן מיט שקצימלעך. ער, דאַווידעק, האָט אויסגעמיטן די מלחמות. ער איז באַלד געוואָרן פלאַמיק־רויט און דערשוויצט. דאָס היטל איז אים אַראָפּגעפאַלן. די טרערן זיינען אים אָנגעלאָפן אין די אויגן. ער האָט געזאָגט דעם זיידן, אַז ווען ער וועט אויפוואַקסן און ווערן אַ זעלנער, וועט ער מיט דער ביקס דערשיסן אַלע שקצים. ר' וואָלף הענדעלס האָט זיך צעלאַכט.

— נאַרעלע, ביז דו'סט אויפוואַקסן, וועט קומען משיח.

— וואָס וועט טאָן משיח?

— אַלע יידן וועלן אַוועקפליען אויף אַ וואָלקן קיין ארץ־ישראל. די רשעים וועלן איינגעמען אַ מיתה משונה.

— זאָל ער שוין קומען!

— ער וואָלט געקומען, נאָר יידן זיינען זינדיק. מ'דאַוונט נישט. דו אַליין פאַרגעסט אָנצוטאָן דעם טלית־קטן.

— די ייִנגלעך לאַכן.

— זאָלן זיי לאַכן. אַ ייד דאַרף זיך נישט שעמען.

— דער פעטער הויבט שוין אָן מיטן טלית־קטן? — האָט אײדל זיך אַריינגעמישט. — מ'קאָן זיין אַ ייד אָן אַ טלית־קטן!...

אײדל האָט גענומען דאַווידעקן און אַוועקגעפירט צו זיך אין שטיבל. מ'האָט דעם קינד צופיל געדרייט אַ מוח. דער שטיף־זיידע האָט אים געוואָלט מאַכן פאַר אַן אָרטאָדאָקס. די בֶאָבע האָט אים דערציילט מעשיות פון שבט מוסר. די דינסט, יאַדזשאַ, האָט אים געפּאַשעט מיט געשיכטעס פון יעזוסן און אַלער־ליי הייליקע. דער פעטער לעאָן האָט אין אים געפּרואווט איינפלאַנצן סקעפּטי־ציזם. פון צופיל גריבלען זיך האָט ער געליטן פון שלעכטע חלומות. וויפל אײדל האָט אים נישט איינגעגעבן מעדיצינען מיט אייזן, סטריכנין, איז ער געבליבן בלאַס. ער האָט זיך געהאַלטן אין איין פאַרקילן. ער האָט צו־אָפּט באַקומען היץ. ער האָט צו־פרי אָנגעהויבן זיך שעמען פאַר מיידלעך. דאָס אַלץ האָט געוויזן, אַז מען האָט אים שלעכט אויפגעצויגן. אָבער ווי האָט זי, אײדל, אים געקאָנט אויסהיטן? די שטוב איז אַ רשות־הרבים.

— קום אַהער, דאַווידעק, אוצר מיינער, לאָמיר זיך שפּילן.

— אין וואָס? ס'איז מיר לאַנגווייליק.

— אין אַ באַן.

— אַך, ס'איז נישט קיין אמתע באַן.

— כ'על דיר לייענען אַ מעשהלע.

— די מעשהלעך זיינען ליגן.

— וואָס־זשע ווילסטו?

— כ'וואָלט שוין געוואָלט זיין אַ דערוואַקסענער. כ'וויל פֿאָרן צום טאַטוש...

דאַווידעק האָט אַרויסגענומען פֿון שויבן־שענקל אַ באַנד פֿון אָרגעלבראַנדס ענציקלאָפּעדיע, גענומען בלעטערן. ער האָט ליב געהאַט צו זען די מענטשעלעך. דערנאָך האָט ער אַרויסגענומען פֿון שופֿלאַד פֿאַרבן און זיך אַוועקגעזעצט מאָלן. ער האָט אויפֿגעמאָלט הייזלעך, פֿערד און וועגעלעך, פֿעלדער און וועלדער, וואָס ער האָט געזען פֿאַראַיאָרן פֿון וואַגאָן, אויפֿן וועג קיין שווידער. איבער אַלעמען איז געשטאַנען אַ צונטער־רויטע זון און געוואָרפֿן שפּיזיקע שטראַלן. איידל האָט זיך נישט געקאָנט אויסוואונדערן פֿון זיין טאַלאַנט. די פֿערד און די מענטשן זיינען איר פֿאָרגעקומען לעבעדיק. אויף די צווייגן פֿון דיביימער זיינען געשטאַנען פֿייגעלעך. פֿון קוימען האָט זיך געקרייזלט אַ רויך. פֿון וואַנען האָט אַזאַ שוואַלב געוואוסט אַזוינע זאַכן?...

איידל איז געשטאַנען און געקוקט ווי ער טיגקט דעם פּענזל, מישט די קאָלירן. דאָס הענטעלע האָט זיך געפּאָרעט מיט אַרטיסטישער געניטשאַפֿט. ער האָט אָנגעהויבן עפּעס, וואָס האָט איידלען אויסגעוויזן ווי אַ שמירעריי, נאָר מיט אַמאָל זיינען די ליניעס און פּלעקן פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין פֿערד, חזירים, פּויערן, כאַטעס. איידל האָט געהאַט אַ פֿאַרלאַנג אים אויסצוקושן יעדעס גליד. זי וואָלט קיינמאָל נישט געוואָרן מיד פֿון צערטלען אים, סמאַטשקען, לעקן, קיצלען. זי האָט אָבער געוואוסט פֿון די פּעדאַגאָגישע ביכער, אַז ס'איז נישט גוט אַרויסצואווייזן צופֿיל ליבשאַפֿט. ס'שוואַכט אָפּ. ס'נעמט־צו די אַמביציע. זי האָט געוואָלט, ער זאָל אויסוואַקסן הויך, ברייט־פּלייציק, געזונט, אָן נערוון. זי האָט איצט געפֿליסטערט די אייגענע ווערטער, וואָס די מאַמע אירע פֿלעגט צו זאָגן, ווען זי, איידל, איז געווען אַ קליין מיידעלע.

— זאָלסט מייגע ביינער איבערלעבן!

— כ'זאָל זיין אַן אַפּלייזער פֿאַר דיין מיגדסט נעגעלע!...

— מאַ, וואָס זאָגסטו? — האָט דאַווידעק געפֿרעגט אַ נייגעריקער — דו רעדסט צו זיך אַליין!...

ער האָט זיך צעלאַכט און צעהוסט. די פֿאַרבן זיינען אַראָפּגעפֿאַלן, דאָס וואַסער אין שעלכל האָט זיך אויסגעגאָסן. ער זאָל נישט וויינען, האָט איידל זיך אַוועקגעשטעלט אויף אַלע פֿיר.

— ווילסט אפֿשר רייטן אויף מיר ווי אויף אַ פֿערד?

— כ'בין נישט צו שווער?

— ניין, טייבעלע, נישט פֿאַר מיר!...

—◆—

# קאַפּיטל פֿערציק

## 1

אין פֿינקלס דירה אויף דער פֿראַנצישקאַנער גאַס האָט מען געמאַכט שבת. דינהלע האָט אָוועקגעטראָגן דאָס טשאָלנט צום בעקער, אויסגעצוואָגן מיט אַ געדיכט קעמל די עלטערע קינדער, טעמערלען און ירחמיאלן. פֿינקל האָט אין מיטל־שטוב געדעקט דעם טיש, אָנגעטריפֿט ליכט אין זיבן לייכטער, זילבערנע און מעשענע. פֿינקעל האָט געבענטשט צוויי ליכט, פֿאַר זיך און פֿאַר עוזר־העשלען, דינהלען — פֿינף: פֿאַר זיך, מנשה־דודלען, טעמערלען, ירחמיאלן און דעם פּיצעלע, וואָס האָט געהייסן נאָכן זיידן, עליו השלום: דנ׳לע. אויף דער קיך איז שוין געשטאַנען גרייט די יויך מיט רייז און צוקער־באָבעס, דאָס שטיקל רינדערנס, דאָס מייערן־צימעס. אין אַ לאַנגן טעלער האָבן זיך געקילט די פֿיש, אַרומגענומען מיט ציבעלע און פּעטרושקע. אַקעגן די ליכט האָט מען אַוועקגעלייגט צוויי חלות, איבערגעדעקט מיט אַן אויסגעהאַפֿטן טישטוכל. דערנעבן איז געלעגן אַ מוציא־מעסער מיט אַ פּערלמוטערנער שטיל. אויף דער קלינג איז געווען אויסגעגראַווירט: שבת קודש. אין מיטן איז געשטאַנען אַ קאַראַפֿינקע ראָזשינקע־ווײַן און אַ קידוש־בעכערל. ס׳איז דערויף געווען אויסגעקריצט די כּותל־מערבֿי. פֿינקל און דינהלע האָבן געלעבט בצמצום. מ׳האָט זיך אויסגעהאַלטן דערפֿון, וואָס דינהלע האָט גענייט אויף אַ מאַשין און פֿון דעם אײַדעמס, מנשה־דודלס, אַ מלמדות. אָבער דעם שבת האָט מען נישט פֿאַרשעמט. אַ שטיק פֿאַר ליכט־צינדן האָט פֿינקל אָנגעטאָן דאָס זײַדענע קאַפּטיכל, די בלוזע מיט די ברייטע אַרבל, אַ קלייד מיט בלומען, וואָס איז איר געבליבן פֿון דער חתונה. דינהלע האָט אַרומגעבונדן דאָס שייטל מיט אַ סאַמעטל. ביידע ווייבער האָבן אָנגעצונדן די קנויטן, געמאַכט די ברכה, פֿאַרשטעלט די אויגן און געזאָגט אַ תּחינה, וואָס איז איבערגעגאַנגען פֿון מאַמע צו טאָכטער, דור־איין, דור־אויס: גאָט געאַכפּערטער, באַשיץ דיין דינסטמויד, מיין מאַן, די קינדערלעך פֿון אַלדאָס בייז. אין זכות פֿון די שבת־ליכט, וואָס איך טו צינדן פֿאַר דיין כּבוד וועגן, באַלויכט אונדז מיט דיין הייליק ליכט, לייטזעליק אונדזער שבת און די וואָכן־טעג, גיב אונדז אַלעמען געזונט און פּרנסה, עושר און כּבוד, כּוח צו האַלטן דיינע געבאָטן. שיק אײַנגיכן משיח בן דוד, ער זאָל אונדז אויסלייזן במהרה בימינו אמן סלה.

אין דער צייט, וואָס די ווייבער האָבן געבענטשט ליכט האָט מנשה דודל זיך אָנגעקליידט אין די שבתדיקע מלבושים. אַ העמד, גאַטקעס און אַ טלית־קטן האָט ער געהאַט איבערגעטאָן אין מקווה. איצט האָט ער אַרויפֿגעצויגן די צעריסענע אַטלאַסענע קאַפּאָטע, דאָס אויסגעקראָכענע שטריימל, אַרומגעגאַרטלט די לענדן מיט אַ גראָבן גאַרטל. פֿון יוצא־וועגן האָט ער נאָך פֿריער געהאַט אָפּגעפּוצט די יאַכטענע שטיוול מיט שוואַוואַקס. מנשה־דודל — אַ קליינער, אַ ברייט־ביי־ניקער, מיט אַ רויטע באָרד, געלע פּיאות, צו־גרויסע הענט און פֿיס

פאַר זיין נידעריקער וואוקס — האָט בחורוויז געלערנט יורה דעה, געוואָלט ווערן רב. צוליב דער מלחמה האָט ער נישט באַקומען קיין היתר־הוראה. דערצו איז ער אין וואַרשע געוואָרן אַן אומאַנער חסיד און אומאַנער חסידים האָט מען נישט אויפגענומען פאַר קיין רבנים. ער האָט זיך געפּאָרעט מיט די בגדים און אונטערגעטענצלט. ער האָט געמורמלט, געשמייכלט און מיט אַמאָל געטאָן אַ רוף:

— מ׳טאָר זיך נישט מייאש זיין! קאָ׳ יאוש איז גאָרנישט פאַראַנדען!...

— טאַטעליו, וואָס שרייסטו? — האָט געפרעגט מיט אַ שטומפּיק קולכל ירחמיאלכל, אַ יינגעלע פון דריי יאָר, אין אַ געל קאַפּעלע, מיט אַ פּאָר צע־לאָזטע פאות איבער אַ שמאָל פּנימל.

— כ׳זאָג, מ׳דאַרף זיין בשמחה! טאַנץ, יינגעלע, האָפּסע! פּאַטש מיט די הענטעלעך! שמחה איז גובר אַלע קליפּות!

— וואָס פּלאַפּלט ער צום קינד? — האָט דינהלע אַ רוף־געטאָן פון שלאָף־שטיבל. — ווילסט אים שוין אויך מאַכן פאַר אַ טויטן חסיד?

— נו, איז וואָס? אַלע נשמות זיינען געשטאַנען אויפן באַרג סיני. קטן וגדול שם הוא. קום אַהער, ירחמיאלכל, זינג דעם רבינס ניגון:

לאָמיר ניש׳ פרעגן נאָכן אַלטן,
לאָמיר טאַנצן ביז צום באַלקן!...

פינקל איז אַריין אין קיך.

— כ׳לעבן, מנשה־דודל, מאַכסט דיך נאַריש. ס׳איז דאָך אַ שוואַלב. ער׳ט נאָך האָבן צייט צו פּראַווען חסידות.

— שוויגער, ס׳איז נישטאָ קאָ׳ צייט. ס׳איז עיקבתא דמשיחא. זאָג, קינ־דעלע:

אדם שחטא,
זאָל ער האָבן חרטה!...

פינקל האָט געקוקט אויף דעם איידעם האַלב־מיט־חוזק, האַלב־פאַרחי־דושט, געלאַכט מיט אַן אָן־ציינעך מויל. אין די פאָר יאָר האָט זי זיך איינגע־בויגן, געוואָרן איינגעשרומפּן ווי אַ זקנה. די נאָז איז געוואָרן שפּיציק, דאָס מויל — איינגעפאַלן, די באַקן — פול מיט נעצן קנייטשלעך. צו קבלת־שבת האָט זי אָנגעטאָן אַ פּאָר מעשענע שפּאַקולן, אַ ירושה נאָך דער מאַמען, עליה השלום. דינהלע איז אַריינגעקומען פון שלאָף־שטיבל מיט אַן עופעלע אויפן אָרעם און מיט אַ באַנד צו פאַרפלעכטן אין טעמערלס צעפּעלעך. טעמערל, אַ מיידעלע פון אַ יאָר פינף, האָט געהאַט אַ קאָפּ געלע האָר, אַ ברייט נעזל, אַ פול פּנים זומער־שפּרענקעלעך. אין רעכטן הענטל האָט זי געהאַלטן אַ שטיקל אייער־קיכל. זי האָט געשריגן:

— יאָך וויל ניש׳ די שוואַרצע באַנד! יאָך וויל די רויטע!...

און גענומען אונטערשפּרינגען און זיך רוקן אויף הינטערוויילעכץ.

מיט אַמאָל האָט זיך געעפֿנט די טיר און עמעץ האָט אַריינגעשטעלט אַ וואַליזע. דינהלע איז געוואָרן ווייס.

— מאַמע, טו נאָר אַ קוק!

פֿינקעל האָט געטאָן אַ קוק, געוואָרן מבולבל. עוזר־העשל איז אויך גע־בליבן שטיין אַ צעמישטער. די ערשטע רגע האָט ער געמיינט ס׳איז די באָבע. ער האָט זיך אָבער באַלד דערמאָנט, אַז די באָבע איז טויט.

— קינד מיינס! געוואַלד!...

— מאַמע!...

— דינהלע!

— עוזר־העשל!

— שלום עליכם! ברוך הבא! איך בין מנשה־דודל! עד־עד, אַריינגע־פֿאַלן גלייך אין שבת!

— טעמערל, דאָס איז פֿעטער עוזר־העשל! דאָס איז ירחמיאלכל, נאָכן יאַנעוואָער זיידן. דאָס איז דנ׳לע!...

עוזר־העשלען האָט זיך אָוועקגעשטעלט אַ נעפּל פֿאַרן בליק. ער האָט גע־קושט די מאַמען, די שוועסטער, די קינדער, דאָס פּיצעלע. דינהלע האָט אָנגע־נומען די וואַליזע, נאָר פֿינקעל האָט אויף איר אָנגעשריגן:

— וואָס טוט זיך מיט דיר? ס׳איז מוקצה!

— ווי איז מיר, כ׳ווייס שוין גאָרניש׳ וואו כ׳בין אין דער וועלט! אַזוי אומגערעכט!...

— ווייסטו וואָס? קום מיט דאַוונען — האָט מנשה־דודל זיך אָנגערופֿן.

— ס׳שטיבל איז דאָ אויפֿן הויף. דיין זיידע, זכרונו לברכה, פֿלעגט דאָ דאַ־ווענען...

מנשה־דודל האָט געשמייכלט, געוויזן אַ מויל שיטערע, שוואַרצלעכע ציין, אַ בטלנות, וואָס עוזר־העשל האָט שוין געהאַט פֿאַרגעסן, איז אים גע־לעגן אויסגעגאָסן אויפֿן דיקלעכן פּנים. אין דער צעפֿליקטער זשופּיצע, אומ־געלומפּערטע שטיוול, אויסגעצופּטן שטריימל, האָט ער אויסגעזען ווי אַ פֿאַר־שטעלטער. דינהלע האָט זיך פֿאַרקרימט.

— הויבסט שוין אָן? ער׳ט דאַוונען אין דערהיים.

— וואָס טו איך אים? כ׳וויל אים מיטנעמען אין אַ מקום־קודש. מ׳דאַרף ניש׳ ביי זיך אַראָפּפֿאַלן. איין מצווה איז שקול קעגן מילי־מיליאָסן עברות!...

— ער איז פֿון די טויטע חסידים — האָט דינהלע אַ זאָג געטאָן נאָך אַ קווענקלעניש. — האָסט אפֿשר געהערט פֿון זיי?

— יאָ, די בראַצלאַווער.

— נו, זעסטו! דער רבי איז מפֿורסם אויף דער גאַנצער וועלט. פֿאָלג מיך, קום דאַוונען. ווייסטו וואָס? לאָמיר כאַפּן אַ טענצל.

— ביזט חסר־דעה? — האָט דינהלע זיך צעשריגן. — ער׳ט מיינען ביסט משוגע.

— וואָס איז ס׳משוגעת? מ׳טאָר נישט זיין בעצבות. מרה שחורה איז עבודה־זרה!...

מנשה דודל האָט אויפֿגעהויבן דעם דוימען און דעם ווייז־פֿינגער, געטאָן אַ קנאַק. ער האָט אויסגעשטרעקט אַ פֿוס, זיך געזומען וויגן אין דער ברייט. דינהלע האָט אים קוים אַרויסגעפּטרט פֿון שטוב. פֿינקעלס פּנים האָט סיי געלאַכט, סיי געוויינט.

— אַז איך האָב דאָס דערלעבט! געלויבט השם יתברך!...

— מאַמע, וויין נישט, ס׳איז שבת! — האָט דינהלע זי געוואָרנט.

— נו, נו, ס׳איז פֿון פֿרייד.

— קינדערלעך, כ׳האָב אייך געבראַכט מתנות. דינהלען אויך. דיר, מאַמע, אויך.

— חלילה, נישט איצט. נאָך שבת.

טעמערל האָט אַריינגעשטעקט אַ פֿינגער אין מויל, זיך פֿאַרשעמט, זיך אָנגעהאַלטן אין אַ פֿאַלע פֿון דער מוטערס קלייד. ירחמיאלכל איז צוגעלאָפֿן צום קיך־שענקל, אַרויסגעגראַבלט אַ לעפֿל. דאָס קינפעט־קינד, וואָס האָט די גאַנצע צייט געשוויגן און געקוקט מיט אַ פּאָר תמימותדיק־העלע אויגן, האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן צו־גרויסן קאָפּ, זיך צעוויינט. דינהלע האָט אים איינגעשטילט.

— נו, שאַ, דנ׳לע, שאַ! דער פֿעטער ט׳דיר געבערענגט אַ בייגעלע! שאַין, שאַין, בייגעלע, ליו־ליו־ליו!

— ס׳איז נעבעך הונגעריק. גיב אים די ברוסט.

דינהלע האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דעם ראַנד אייזערנעם בעטל, נעבן דער צוגעדעקטער ניי־מאַשין, זיך געפּאָרעט מיט דער בלוזע. פֿינקל האָט אָנגענומען עוזר־העשלען ביים האַנט־געלענק.

— קום אַריין, לאָמיך דיר נאָר אָנקוקן!

זי האָט אים אַריינגעפֿירט אין מיטל־שטוב, פֿאַרמאַכט די קיך־טיר. זי איז געשטאַנען נעבן אים אַ קליינע, אַן איינגעשרומפּענע, אַרויפֿגעקוקט ווי צו אַ ריז. זי האָט אים געוואָלט אָפּשפּייען פֿאַר אַן עין־הרע, נאָר זי האָט זיך צוריקגעהאַלטן. טרערן זיינען גערונען פֿון די אויסגעוויינטע אויגן.

— וואָס עפּעס אַזוי שפּעט? ס׳אַ בושה פֿאַר די שכנים.

— די באַן איז ערשט אָנגעקומען.

— נו, נו, זעץ דיך אַנידער. דאָ־אָ, אויף דער קאַנאַפּע. דיין מאַמע איז געוואָרן אַן אַלטע יידענע.

— אין מיינע אויגן ביסטו יונג.

— כ׳בין אַלט געוואָרן פֿאַר דער צייט. וואָס ווייסטו וואָס דאָ האָט זיך אָפּגעטאָן? אַז מיר זיינען געבליבן לעבן, איז נסים ונפֿלאות. מיר׳ן שוין דאָ געהאַט דייטשן, פּאָליאַקן, פֿון אַלע מינים. הונגער מיט שלאָפֿקייטן. מ׳האָט געשלעפּט מענטשן אין באָד אַריין. מ׳האָט נישט געקריגן קאָ׳ שטיקל ברויט. נאָר אַז ס׳איז באַשערט, איז גאָרניש׳ פֿאַראַן.

די מאַמע האָט אַרויסגעקריגן פֿון ערגעץ אַ טיכל, אויסגעשנייצט די נאָז. עוזר־העשל האָט ערשט איצט אָנגעקוקט די שטוב. די ווענט זיינען געוועזן אָפּגעריסן פֿון טינק. פֿון דעסאָן האָבן אַרויסגעקוקט די רויר־שטעקלעך. אויף דער קליידער־שאַנק זיינען געלעגן אָנגעהויפּט אַ סך פֿאַרשטויבטע שאַכטלען. די טאָפּל־פֿענסטער זיינען נאָך אַלץ געווען פֿאַרשפּאַרט, ווי אין ווינטער, פֿאַרשטופּט אין די זוימען מיט וואַטע. ס'האָט געשמעקט מיט סאָדע, זייף, ווינדעלעך. די מאַמע האָט געעפֿנט דעם קרבן־מנחה־סידור, צוריק צוגעמאַכט.

— קינד מיינס, ס'איז שבת און ביסט ערשט געקומען. מיין שמחה איז אין לשער. כ'וויל דיך, חלילה, נישט מצער זיין. נאָר כ'קאָן פֿאָרט נישט שווייגן.

— וואָס האָב איך געטאָן?

— עוזר־העשל, מ'טאָר נישט אַזוי. אַז מ'האָט אין שטאָט אַ ווייב־און־קינד, קומט מען פֿריער צו זיי! וויי איז מיר, קאָנסט נאָך אַפֿילו נישט דיין זינדעלע. ס'איז, קיין עין־הרע, אַ חכם, אַן אוצר!

— מאַמע, דו ווייסט, אַז — — — ס'איז צ'ישן אונדז אויס.

— דערווייל איז זי דיין ווייב!

די מאַמע איז געבליבן זיצן אַ פֿאַרשוויגענע. האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אין דער לענג און אין דער ברייט.

— וואָס האָסטו צו איר? זי איז אַ וואויל ווייבל. געטריי — סכנות נפֿשות! זי'ט זיך נעבעך געגוג אָנגעליטן! ווען דו וואָלסט געוואוסט וואָס זי האָט פֿאַר אונדז געטאָן, וואָלסטו פֿאַרשטאַנען די עוולה וואָס דו באַגייסט קעגן איר!

— מאַמע, כ'האָב זי נישט ליב.

— ס'קינד איז אוודאי נישט שולדיק! ווען זי זאָל וויסן, אַז ביסט דאָ, וואָלט זי זיך, חס ושלום, געעקט!...

די מאַמע האָט געעפֿנט דעם טאָוול, אויפֿגעמישט לכו נרננה. זי האָט געשעפּטשעט, געמורמלט, געטרייסלט מיטן געמבעלע. פֿון מאָל צו מאָל האָט זי איבערגעמישט אַ בלעטל. צום סוף איז זי צוגעגאַנגען צו דער מזרח־וואַנט. זי האָט זיך געבויגן איבער אַ באַנק, זיך געשאָקלט, געבוקט. ווי קליין זי איז געווען, אַזוי גרויס האָט זיך אויפֿגעהויבן איר שאָטן. דער קאָפּ איז פֿאַרקראָכן צום סופֿיט. די פֿלעמלעך פֿון די ליכט האָבן געקנאַקט. דער חלב האָט געטריפֿט. לינקס האָט עוזר־העשל דערזען אַ ספֿרים־שענקל. דורך די שויבן האָבן אַרויסגעקוקט גמרות, משניותן, טורים, זוהרס. פֿון דער נאָענט האָט ער איבערגעלייענט אויף די רוקנס: ליקוטי מהר"ן, ליקוטי הלכות, ליקוטי תּפֿילות, נועם אלימלך, קדושת לוי, תּולדות יעקב יוסף. אויפֿן אויבערשטן פּאַך איז געשטאַנען אַ בשמים־ביקסל, אַן אתרוג־פּושקע מיט פֿלאַקס, אַ חנוכּל־לעמפּל. די מאַמע האָט זיך אויסגערוקט שמונה־עשרה.

— עוזר־העשעלע, אַז ביסט דאָ, זיי מקבל שבת. אויף מיר די עבֿירה!

און זי האָט אים צוגעטראָגן דעם סידור, וואָס זי האָט געקריגן אַ מתּנה פֿון דער שוויגער, עוזר־העשלס באָבע, די פֿרומע טעמערל.

## 2

פֿישעלע האָט געהאַט אַ מנהג, אַז פֿרייטאָג צוועלף אַזייגער בייטאָג האָט ער אָפּגעשטעלט די מסחרים. מ'האָט פֿאַרשלאָסן דאָס אייל־געוועלב, דעם מאַגאַזין, דאָס קאַנטאָר אויף דער פּשעכאַדניע. פֿישעלע איז פֿרי געגאַנגען אין מקווה. דערנאָך איז ער אַוועק אין ביאַלאָדרעוונער שטיבל און שוין געבליבן ביז נאָך קבלת שבת. ער האָט מעביר־געווען די סדרה, געלערנט חומש מיט רש"י מיטן מזרחי, אַריינגעקוקט אין רבינס ספֿר. אין הויף, אויף דער גזשיבאָווסקע נומער פֿינף, איז נאָך געווען אינדערוואָכן. שאַכערס האָבן אויסגערופֿן אַלטוואַרג, מוידן האָבן געטראָגן טשאָלנטער. אָבער פֿישעלע האָט שוין געהאַט אויף זיך די אַטלאַסענע קאַפּאָטע און דאָס סאַמעטענע היטל. מחמת די וואַליוטע האָט זיך געהאַלטן אין איין בייטן, ס'איז געוואָרן דאָ אַ האָסע און דאָ אַ בעסע, פֿלעגט טרעפֿן, אַז איטשעלע אַנשלס, פֿישעלעס לייב־מענטש, איז געקומען צו אים אין שטיבל אַריין פֿרעגן וואָס מ'זאָל טאָן: קויפֿן אָדער פֿאַרקויפֿן? נאָר פֿישעלע האָט אים נישט געענטפֿערט.

— נו־אָ, נו, — האָט ער געמורמלט. — עט!...

און פֿון דעם דאָזיקן שטום־לשון האָט איטשעלע אַנשלס פֿאַרשטאַנען וואָס צו טאָן.

נאָך קבלת שבת איז פֿישעלע געגאַנגען אַהיים און איטשעלע אַנשלס איז געוויינלעך מיט אים מיטגעגאַנגען. יסכה די דינסט, אַן עלטערע יידענע, פֿישעלעס אַ ווייטע קרובה, האָט צוגעגרייט שבתדיקע מאַלצייטן פֿאַר ביידע מאַנסלייט. איטשעלע אַנשלס, אַ נידעריקער, אַ שוואַרצער, אַ קורצזיכטיקער, מיט אַ בערדל, וואָס איז פֿאַרקראָכן פֿון האַלדז איבער די באַקן־קישעלעך ביז די פּעד־שוואַרצע אויגן, איז שוין יאָרן געווען אַן אַלמן. פֿישעלע איז געווען געגליכן צו אַ גרוש. ביידע מאַנסלייט האָבן געמאַכט קידוש, געגעסן די סעודה, געשמועסט חסידות. פֿישעלע האָט געזונגען זמירות מיט אַ טריליק קולכל און איטשעלע אַנשלס האָט אים אונטערגעהאָלפֿן. געוויינלעך איז איטשעלע אַנשלס געבליבן נעכטיקן ביי פֿישעלען. ער איז געשלאָפֿן אין הדסהס בעט.

דאָסמאָל, ווען פֿישעלע און איטשעלע אַנשלס זיינען געקומען פֿון דאַווענען, האָט יסכה זיי אָנגעזאָגט אין קאָרידאָר, אַז די באַלעבאָסטע איז אין וואַרשע. איטשעלע אַנשלס האָט זיך אַ רוק געטאָן צוריק צו דער שוועל. ער האָט נישט געהאַט קיין חשק צו זיצן מיט דער נקבה ביי איין טיש. פֿישעלע איז געוואָרן צעמישט. ער האָט נישט געקאָנט באַנעמען וואָס זי איז עפּעס פּלוצלינג אַריינגעפֿאַלן און נאָך אויף שבת דערצו. אָבער באַלד איז ער געקומען צו זיך. ער האָט אַ צי געטאָן איטשעלע אַנשלסביים אַרבל, אים נישט געלאָזט אַוועק.

— שוטה, וואָס אַנטלויפֿסטו? — האָט ער זיך אָנגעבייזערט. — ס'עט קלעקן פֿאַר דיר אויך!...

ווען הדסה האָט דערהערט, אַז איטשעלע אַנשלס איז דאָ, האָט זי געוואָלט עסן באַזונדער, נאָר יסכה האָט נישט דערלאָזט. ווער ווייסט? אפֿשר וועט ס'פֿאַר־פֿאַלק זיך איבערבעטן? פֿישעלע און איטשעלע האָבן געזאָגט גוט־שבת.

דערנאָך האָבן זיי גענומען אַרומשפּאַנען אַהין און צוריק, איינער אַקעגן דעם אַנדערן, און געמורמלט שלום־עליכם און אשת־חיל. ביים טיש איז פּישעלע געזעסן אויבן־אָן, איטשעלע אַנשלס רעכטס, הדסה — אַביסל אָפּגערוקט, לינקס. פּישעלע האָט געמאַכט קידוש און געגעבן הדסהן צו פאַרזוכן פון כוס. דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן דעם קוילעטש און אָפּגעשניטן דעם ווייב אַ מוציא. נאָך די פיש האָבן ביידע מאַנסלייט גענומען ברומען זמירות. פּישעלע האָט אָנ־געגאָסן איטשעלען אַ ביסל בראָנפן אין אַ בעכערל, אַליין אויך גענומען אַ קאַפּ.

— לחיים.

— לחיים טובים ולשלום.

— עט, נו? — האָט פּישעלע געגעבן אַ וואונק הדסהן, אַ סימן צו זי וויל אויך טרינקען. הדסה האָט געשאָקלט דעם קאָפּ אויף ניין.

באַלד נאָכן בענטשן איז איטשעלע אַנשלס אַוועק. הדסה איז אַריין צו זיך אין שטיבל. יסכה האָט לכבוד דעם גאַסט איבערגעצויגן אין שלאָף־חדר דאָס בעטגעוואַנט. פּישעלע האָט זיך אַרומגעדרייט אַהין און צוריק, געבּיסן די ליפּן. אַ ווייל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט ביים פענסטער און אַרויסגעקוקט אינ־דרויסן. אין הימל האָבן געציטערט שטערן. דאָס פינסטערע הייפל איז געווען פול מיט פּעסער און קאַסטנס. אַלץ זיין, פּישעלעס, סחורה. דערנאָך האָט פּישעלע געעפנט דאָס ספרים־שענקל און אַרויסגעצויגן אַ ספר. ס׳איז דאָרט געווען געשריבן, אַז ס׳זיינען פאַראַן פיר־מדרגות: נפש, חיה, נשמה, יחידה, אַקעגן די פיר עולמות: אצילות, בריאה, יצירה, עשייה. געוויינלעך פּלעגן פּישעלע און איטשעלע אַנשלס בלייבן זיצן פרייטאָג־צו־נאַכטס ביז שפּעט. מ׳האָט נאָכ־געזאָגט ביאַלאַדרעווונער תורהס, גערעדט פון דער אגודת ישראל, אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט וועגן מסחר. איצט האָט פּישעלע רעכט נישט געוואוסט וואָס מ׳טוט. די רעיונות האָבן געעגבערט דעם מוח. וואָס איז זי עפּעס געקומען? — האָט ער זיך געפרעגט. — די מעשה איז נישט פשוט. ווער ווייסט? אפשר האָט זי חרטה? אפשר האָט זי איינגעזען, אַז ס׳איז אַ פאַלשער וועג? איכ׳ל איר אַלץ מוחל זיין! — האָט ער ביי זיך אָפּגעפּאַסט. — זכרתי לך חסד נעוריך... מ׳קאָן נישט אַלעמאָל פירן על־פי מידת הדין...

פּישעלע האָט אַרויסגענומען אַ מדרש רבה, זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש. דעם גאַז־לאָמפּ האָט מען דאָ שבת נישט אָנגעצונדן. ס׳האָבן געברענט צוויי ליכט, וואָס יסכה האָט געבענטשט, און אַ נאַפט־לאָמפּ. די בלעטער פון מדרש זיינען געווען געל, געקנייטשט, פאַרטריפט מיט חלב. דאָ און דאָרט האָט פּישעלע געפונען אַ האָר, אויסגעריסן פון זיידנס באָרד. פּישעלען איז דורכגעלאָפן אַ שוידער דורך די ריפּן.

— ר׳איז אַוודאי שוין לאַנג אין די עולמות העליונים — האָט ער געטראַכט.

— ווער ווייסט ווי הויך ער שפּאַרט אָן?...

פּישעלע האָט זיך אָנגענומען ביים בערדל, געקרייזלט די שטיקלעך פאה. אין מדרש האָט זיך גערעדט, אַז די צדיקים ווילן זיצן בשלווה, נאָר דער רבונו של עולם שיקט־אָן אויף זיי נסיונות: אַזוי האָט געטראָפן מיט די אבות, יוסף הצדיק, משה רבנו, און אַזוי פירט זיך מיט די בני־ישראל. את אשר יאהב ד׳

יוכיח. אַ משל צו אַ מלך, וואָס האָט געהאַט אַ בן־יחיד. אַז ר׳איז געוואָרן שלאַף אין אינגעווייד, האָבן אים די רופאים געגעבן ביטערע קרייטעכצער. האָט דער מלך געענטפערט: טפש, כ׳מיין דיין גוטס...

ווי פישעלע האָט אַזוי געברומט און געצופּט דאָס בערדל, האָט זיך גע־עפנט די טיר און ס׳איז אַריינגעקומען הדסה. פריער, ביים טיש, האָט זי גע־האַט איינגעהילט דעם קאָפּ מיט אַ טיכל. איצט איז זי געווען אין די בלויזע האָר, אַרויפגעקעמט מיט אַ קאַם. דאָס קורצע קלייד איז געווען איינגענומען אין די לענדן, די בלוזע האָט געהאַט אַ ווייס שלייפל. זי איז געוואָרן דינער, אָפּגעברענט, און האָט אויסגעקוקט משונה־יונג, מעשה שיקסל. פישעלע האָט אַ כאַפּ געטאָן די קעשענע־פאַטשיילע, ווי אַרויפצולייגן אַן עירוב אויפן ספר.

— כ׳דאַרף מיט דיר עפּעס רעדן.

— האַ? נו־נו, זיץ.

— כ׳וויל דיר זאָגן, אַז — — ס׳קאָן ווייטער אַזוי נישט זיין! — האָט הדסה זיך דערשראָקן פאַר די אייגענע ווערטער. פישעלע האָט צוגעמאַכט דעם מדרש.

— וואָס ווילסטו? טוסט סיי־ווי וואָס דו ווילסט.

— איך... ס׳איז ניש׳ קאָ׳ לעבן! — האָט הדסה געזאָגט מיט אַ ציטערניש אין קול.

— עט, ס׳איז שבת. מיר׳ן שמועסן נאָך הבדלה!

— וואָס איז די נפקא מינה? כ׳וויל אַ גט. ס׳עט זיי בעסער פאַר דיר אויך.

פישעלען איז געוואָרן טרוקן אין האַלדז.

— מה יום מיומים? ס׳איז פרייטאָג־צו־נאַכטס!

— ער איז דאָ! — האָט הדסה אַרויסגעצוואָונגען די ווערטער פון קעל, גרייט איינמאָל פאַר אַלעמאָל צו מאַכן אַ סוף.

פישעלעס פנים איז געוואָרן אַזוי בלאַס ווי דאָס טישטוך אויפן טיש.

— ווען איז ער געקומען?

— אין מיטן דער וואָך.

— אַהאַ. נו, וואָס?

— האָסט מיר צוגעזאָגט, אַז ווען ער׳ט קומען, וועסטו מיך גטן. איצט איז ער דאָ.

פישעלע האָט אָנגעקוקט הדסהס פנים. ס׳איז אים איינגעפאַלן, אַז זי ווערט אַלץ ענלעכער צו אַן ערלית. די יחסנישע ווייכקייט, וואָס פלעגט אַמאָל אַרויסקוקן פון אירע אויגן, איז מער נישטאָ. אַ נישט־יידישע פאַרביסנקייט איז געלעגן אין איר גאַנצער צורה.

— נו, וואָס? ער איז מרוצה דיך צו נעמען? — האָט ער געפרעגט און ס׳איז אים געוואָרן הויל אונטערן לעפעלע.

— מיר זיינען מאַן און ווייב סיי־ווי־סיי.

— וואָע? ער האָט אַ ווייב און אַ קינד... ער׳ט זי נישט געגט!

— כ׳ווייס אַלץ. מיר וואוינען שוין צוזאַמען. ביי קלאַניעס שוויגער...

— נו, נו. אַנדערע ווערטער! אַנדערע ווערטער! — האָט פישעלע גע־

מורמלט, און די באקן־קישעלעך זיינען אים געווארן רויט. אין האלדז האט געטאן א קרעל. ער האט געהאט א פארלאנג א געשריי צו טאן: זונה! נפקה! ארויס פון מיין שטוב!... צו אכט־און־אכציק שווארץ־יאר!... נאר ער האט זיך איינגעהאלטן. ערשטנס, איז שבת. צווייטנס, וואס קומט ארויס פון שרייען? יענע איז שוין אינגאנצן א מופקרת. ערגער ווי געשמדט. דער בלאטער האט געמוזט פלאצן. פישעלע האט זיך גענומען שאקלען אהין און צוריק. ער האט א ווייל פארשטעלט דאס פנים מיט בײדע הענט. ס׳האט אים געטאן א ברי אין די ווארצלען פאות.

— וואס ביסטו גראד געקומען היינט? — האט ער געפרעגט נאך א קווענק־לעניש. — האסט מיר געוואלט פארשטערן דעם שבת?

— ער איז אויך דא. ער איז געקומען צו דער מוטער. — האט הדסה גע־ענטפערט, אליין נישט וויסנדיק פארוואס זי זאגט דאס אים. פישעלע האט איבערגעטראכט, געריבן דעם שטערן. די רייד אירע האבן אים דערמאנט אין דעם גבית־עדות וואס מ׳טרעפט צומאל אין שאלות־ותשובות: אפענע דיבורים פון ווייבער, וואס זיינען מזנה מיט גויים און פריצים.

— נו, כ׳זע. כ׳על דיר געבן א תשובה. שבת צו נאכטס.

— א שיינעם דאנק. כ׳בלייב דא...

— עט־עט...

הדסה האט נאך א ווייל אפגעווארט. דערנאך האט זי זיך שארף אויס־געדרייט און איז ארויס. פישעלע האט איר נאכגעקוקט. די ערשטע טריט האט זי געטאן האסטיק, ווי צו אנטלויפן. דערנאך האט זי איינגעהאלטן דעם אימפעט און איז געגאנגען ווי אין דער קרום. געעפנט די קליאמקע האט זי מיט דער לינקער האנט און זיך אליין פארשטעלט דעם ארויסגאנג. פישעלע האט זיך געטאן א הויב פון געזעס, ווי גרייט זי צוריקצורופן.

נו, אזוי — האט ער געטראכט. — כל באיה לא ישובון...

ער האט געפרואווט זיך ווייטער אריינטאן אין מדרש, נאר ס׳האט אים געשווינדלט פארן בליק. דער שטערן איז אים געווארן הייס. כ׳על זי גטן און שלאגן כפרה! — האט ער געזאגט צו זיך אליין. — ס׳איז שוין לאנג צייט... פישעלע איז אוועק אין שלאף־שטוב. די בעטן, אויסגעשטעלט ווי א דלד, זיינען געווען געבעט. פון די פרישע ציכן, ציכלעך און יילעכער האט געשמעקט מיט לעוואנדער. פישעלע איז נאך נישט געווען שלעפעריק. פונדעסטוועגן האט ער געלייענט קריאת־שמע. ביי שמע־ישראל האט ער פארשטעלט די אויגן, אויסגעצויגן דעם אחד. דערנאך האט ער געזאגט: בידך אפקיד רוחי. ער האט זיך געשאקלט אין דער פינסטערניש, מכוון געווען פירוש המילות. ער האט זיך אויסגעטאן און זיך אריינגעלייגט אין דעם קילן בעט־געצייג. ער האט זיך דערמאנט, אז ער האט נישט געשטעלט קיין נעגל־וואסער. אווא, אזוי! פשוט־פשט מזנה געווען! — האט אין אים גערעדט. — לית דין ולית דיין! הפקר א וועלט!...

פישעלע האט געמיינט, ס׳עט אים נישט נעמען דער שלאף, אבער ווי נאר ער האט אנגעלענט דעם קאפ אויפן קישן, האט ער גענומען איינדרימלען.

פֿריער האָט זיך אים געחלומט, אַז ער לערנט אין דער ביאַלאַדרעוונער ישיבה ביי ר׳ משה־גבריאלן, די סוגיה פֿון ר׳ חנינה סגן הכּהנים. דערנאָך האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז דער דאָלאַר איז געפֿאַלן. אויף דער בערזע איז אַ געפּילדער. מ׳צאָלט צען דאָלאַר פֿאַר איין פּוילישן מאַרק. וואָס איז דער שכל? — האָט ער געפֿרעגט איטשעלע אַנשלס. — אַמעריקע איז דאָך אַ רייכע מדינה. ס׳איז אַלץ שפּעקולאַציע. דאָ האָט ער דערזען, אַז איטשעלע אַנשלס איז אַנגעטאָן הינטער דער קאַפּאָטע אין אַ פּאָר ווייבערשע מייטקעס מיט שפּיצעלעך. וואָס טוט זיך דאָ? — האָט ער זיך געחידושט. — קען דאָס געמאָלט זיין, אַז ר׳איז גאָר אַן אשה? ווי־זשע קאָן ער לערנען? צו וואָס האָט ער זיך פֿאַרשטעלט פֿאַר אַ מאַנסביל? ס׳מוז זיין אַ חלום!...

פּלוצלינג האָט ער זיך איבערגעוועקט. ס׳האָט אים אויסגעדוכט, ווי עמעץ וואָלט אים געטאָן אַ בלאָז אין אויער. ער איז אויפֿגעקומען מיט אַ שווערקייט אין האַרץ. אָדער ס׳האָט אים געדריקט אין מאָגן? ער האָט גאָרנישט געדענקט. וואָס איז מיר? — האָט ער זיך געחידושט. — כ׳האָב געמוזט נעמען אַן איבעריקן ביסן. פּלוצלינג האָט ער זיך דערמאָנט אין אַלץ. הדסה איז דאָ. זי שלאָפֿט אין אַלקאָווע... אויסטערליש, הדסה האָט יאָרן לאַנג מיט אים נישט געפֿירט דעם שטייגער פֿון מאַן־און־ווייב, אָבער ער האָט זיך קיינמאָל פֿון איר נישט מיאש געווען. זי איז על־פּי־דין געווען זיין ווייב, ער האָט איר געגעבן פּרנסה. פֿישעלע איז געווען בטוח, אַז זי׳ט פֿריער אָדער שפּעטער תּשובה־טאָן און ווערן אַ כּשרע יידישע טאָכטער. איצט איז אַלץ פֿאַרפֿאַלן. „מיר זיינען מאַן און ווייב סיי־ווי־סיי״. —האָבן אים זיך די ווערטער ווי איבערגעחזרט אין די אויערן. ער האָט זיך אויפֿגעזעצט און געקוקט אין חשכות. ער האָט געוואוסט, אַז ער איז מחוייב זי פֿיינט צו האָבן. זי איז אַן עובר־על־דעת. אָבער ס׳איז נישט אין זיין טבע. ס׳איז אים איינגעפֿאַלן, אַז ס׳מוז זיין דאָס, וואָס די ביכער רופֿן ליבע... ער האָט געהאַט אַ פֿאַרלאַנג זיך אַנצוטאָן, אַריינצוגיין צו איר אין שטיבל, וויינען און זיך בעטן ביי איר, זי זאָל האָבן אויף אים רחמנות און נישט פֿאַרשעמען די מאַמען אין גן־עדן. ער איז צוגעגאַנגען ביז צו דער טיר. אָבער דאָרט איז ער געבליבן שטיין. ניין, זאָל זיך מיר דוכטן, אַז זי איז, חלילה, געשטאָרבן... ער האָט אַ מורמל געטאָן:

— ברוך דיין אמת...

## 3

שבת צו נאַכטס איז עוזר־העשל אַוועק צו אײדלען. ער האָט פֿריער געהאַט גערעדט מיט איר אויפֿן טעלעפֿאָן. ער האָט אַנגעקויפֿט פֿאַר דאַווידעקן אַ פּאָר שפּילעכלעך און נאַשוואַרג: אַ פֿייפֿל, אַ שווערדל, בלייערנע זעלנערלעך, אַ טעוועלע שאָקאָלאַד, אַ שקאָרמיץ צוקערלעך. דינהלע האָט געקאָכט אין קיך מלווה־מלכּה. ס׳האָט געשמעקט מיט בוראַקעס, קנאָבל, ציטרין־זאַלץ. די מאַמע האָט אויסגעטאָן די אייניקלעך צום שלאָפֿן. מ׳האָט געהאַט אויפֿגעשטעלט אַן אייזערן בעטל. דאָס בעטגעוואַנט איז נישט געווען זויבער. אַרום דעם נאָפֿט־לאָמפּ

האָבן געזומט פֿליגן. ביים וואַסער־קראַן זיינען געלאָפֿן פּרייסן. אין דער מיטל־שטוב איז געזעסן מנשה־דודל אין דער אַטלאַסענער קאַפּאָטע, דאָס סאַמעטענע היטל פֿאַררוקט איבער דעם קאַפּל, און ער האָט האַלב־געזאָגט און האַלב געזונגען ויתן לך.

אמר ה׳ ליעקב
אל תירא עבדי יעקב,
בחר ה׳ ביעקב —
אל תירא עבדי יעקב.
גאל ה׳ את יעקב —
אל תירא עבדי יעקב — —

די מאַמע האָט געפֿרעגט עוזר־העשלען צי זי זאָל אים אויסבעטן אַ געלעגער, אָבער ער האָט נישט געוואָוסט אויף זיכער צי וועט ער קומען אַהיים נעכטיקן. ער האָט געהאַט צוועלף אַזייגער באַנאַכט אַ ראַנדעוואו מיט הדסהן. זיי האָבן אפֿשר געזאָלט נעמען אַ באַן קיין מיעדזעשין, צו קלאַגיען. אַלץ האָט אָפּגעהאַנגען אין פֿישעלעס ענטפֿער. עוזר־העשל האָט צוגעזאָגט, אַז אויב ער וועט נישט קומען אַהיים, וועט ער שרייבן אַ קאַרטל. איידער־וואָס־ איידער־ווען איז ער שוין געווען אויף יענער זייט טיר. אויף די נאַלעווקיס איז ער איינגעזעסן אין אַ טראַמוויי. דאָ, אין וואַרשע, האָט זיך נאָך אָנגעזען דער שבת־צו־נאַכטס. חסידים האָבן געטראָגן די סאַמעטענע היטלען. אַן אַלטער ייד איז אַרויסגעקומען פֿון אַ הויף אין אַ שטריימל. דאָ און דאָרט האָט מען געזען דורך אַ פֿענסטער אַ ליכט אין אַ לייכטער. פֿון ערגעץ איז אָנגעקומען אַ גרופּע ייִנגלעך אין ווייס־בלויע היטלען, מגן־דודס אויף די אַרבלען, רוק־זעק אויף די פּלייצעס, שטעקנס אין די הענט. שומרים, אָדער חלוצים. אויף די ווענט זיינען געווען אויסגעהאָנגען אַפֿישן פֿון ייִדישן טעאַטער, אַלערליי פּאַרטייאישע אויפֿרופֿן. די שענגע גאַס איז געלעגן אַ שמאָלע, אַ טונקעלע, אַ ליידיקע, שיטער באַלויכטן מיט גאַז־לאַמטערן. דער הימל איז געלעגן איבער די דעכער אַן אָנגערויטלטער, ברוין־און־בלוי ווי מילץ. ערגעץ ווייט האָט זיך אַריינגעשטאָכן דער קוימען פֿון אַ פֿאַבריק. אויפֿן טראָטואַר האָט געטשאָפּעט אַ באַבעלע. זי האָט געטראָגן אַ קויבער און ס׳זיינען אין אים געלעגן צוויי מאַנסבילשע שטיוול. פֿון אַן אויבערשטן שטאָק האָט זיך דערטראָגן אַ פּויקעניש אויף אַ פּיאַנאָ. אַ פּאַניענקע איז אויבן געזעסן און געשפּילט שאָפּענען. עוזר־העשל האָט זיך אַ ווייל אָפּגעשטעלט. וואָס פֿאַר אַ גרויסע וועלט! וואָסערע פֿאַרשיידענע גורלות! אָט גייט ער זיך טרעפֿן מיט אַ ווייב, וואָס ער האָט קיינמאָל נישט ליב געהאַט, און מיט אַ קינד, וואָס ער האָט קיינמאָל פֿאַר די אויגן נישט געזען...

ער איז אַריין אין טויער. ס׳איז אים געלעגן אין זין, אַז איידל וואוינט אין אַן עלעגאַנט הויז, אָבער דער טינק פֿון די ווענט איז געווען אָפּגעריסן. דער גאַז־לאָמפּ האָט מער געבלענדט ווי געלויכטן. ער האָט דערזען אין הויף אַ גלאַנציקן מיסט־קאַסטן, פֿריש־באַשמירט מיט פּעך. די פֿענסטער האָבן זיך געשפּיגלט אין אַספֿאַלט ווי אין אַ שוואַרצער אָזערע... ער האָט אָנגעקלונגען. ס׳האָבן זיך דערהערט טריט. איידל איז געשטאַנען ביי דער אָפֿענער טיר. ער

האט זי קוים דערקאנט. זי האט געהאט אפגעשוירן די האר און געטראגן א קורץ קלייד. דאס פנים איז געווען ווייס פון פודער, די ברעמען אויסגעצופט. א לאנג פארגעסענע שארפקייט האט א שלאג געטאן פון דעם געוועלבטן שטערן, דער בייניקער נאז, דעם שפיציקן קין. זי האט געמאכט א מינע ווי זיך צו צעקושן, איז אפגעטרעטן אויף הינטערוויילעכץ.

— יא, דאס ביסט דו.

זי האט אים אריינגעפירט אין דעם אייגענעם צימער וואס מיט יארן צוריק, ווען די מאמע איז געקומען קיין ווארשע. ער האט דערקאנט די טאפעטן, דעם שרייבטיש, די סאפע, אפילו די בילדלעך אויף די ווענט. ערגעץ־וואו אין די טיפענישן פון זכרון זיינען די אלע איינצלהייטן אפנים געבליבן איינגעקריצט.

— נו, וואס שטייסטו? זעץ דיך אנידער. כ'האב דאווידקן ערשט געלייגט. כ'וויל, ער זאל איינשלאפן.

— יא, כ'פארשטיי.

— זעסט נישט אויס גוט. עך בין געווארן דיק פון די קארטאפל וואס מ'האט געגעסן דריי מאל א טאג. מ'איז געווארן געשוואלן פון דעם וואסער —

— מיר האבן דארט קיין קארטאפל אויך נישט געהאט.

— ווען ביסטו אריינגעפאלן? אין מיטן שבת?

— פרייטאג פארנאכט.

— פארוואס האסטו נישט טעלעפאנירט?

— דינהלע האט געזאגט, אז מ'ענטפערט דא נישט שבת דעם טעלעפאן.

— א ליגן מיט א ווארצייכן. זי ווייסט גאנץ גוט, אז די מאמע איז אין שווידער. נו, מא, מסתמא וואלט דאס געווען צופיל כבוד פאר מיר. ווער בין איך דען? בלויז די מאמע פון דיין זון...

— קאן איך אים אנקוקן?

— נישט איצט. ער שלאפט נאך נישט. ער ליגט און רעדט צו זיך אליין. קלוג איז דאס ווי דער טאג. ער פרעגט פראגן, דארף מען האבן א פילאזאף ער זאל ענטפערן. נו, וואס הערט זיך ביי דיר? וואס האסטו דארט אויפגעטאן אין דעם רוסלאנד? עך האב געמיינט, ביסט שוין דארט א קאמיסאר.

— ניין, אידל, ווייט דערפון.

— וואס איז מיט דיר? ווערסט גארנישט עלטער? עך האב א פולן קאפ גרויע האר. עכ'ל דיר זאג דעם אמת: עך האב שוין נישט געגלויבט, אז וועסט אמאל צוריקקומען.

— ס'האט נישט געפעלט א סך.

— דער פעטער האט מיך שוין געמאכט פאר אן עגונה. ער האט אפילו געוואלט גיין צו די רבנים. גלייך דאס וואלט געווען מיין גרעסטע זארג... ער האט א זון א דאקטאר און ער רעדט אונדז א שידוך... עכ'ל מיט דיר רעדן אינגאנצן אויפריכטיק: וואס ביסטו געקומען? צו וועמען? עך האף, אז פינף יאר צייט איז גענוג צו באשליסן ווי מ'האלט —

— ס'האט זיך גארנישט געענדערט —

אידל האט אויף אים אויפגעהויבן א פאר געלע אויגן.

— עד פֿאַרשטיי. דאַרפֿסט מיר נישט לייגן קיין פֿינגער אין מויל אַריין. נו, דאָס איז די ענדע. איין זאַך וויל עד זאָלסט וויסן: ער איז דיין זון און דו האָסט פֿאַר עים פֿליכטן.

— כ'על טאָן וואָס כ'קאָן.

— עד בעט נישט ביי דיר קיין טובות. ער איז דיין געזעצלעך קינד. עד וואָלט געקאָנט ביי דיר מאָנען פֿאַר דער גאַנצער צייט, נאָר וואָס ס'איז געווען איז געווען. ער קאָסט מיך אַמווייניקסטן דרייסיק מאַרק אַ וואָך. ס'איז דאָ אַ גרויס יקרות. עד וואָלט געקאָנט זוכן אַ באַשעפֿטיקונג, נאָר ער דאַרף מעך האָבן. ער גייט שוין אין שקאָלע, נאָר עד מוז עים ברענגען אַהין און צוריק. קינדער ווערן איבערגעפֿאָרן. ס'איז אַ גרויסע שטאָט. די מאַמע איז אַן אַלט מענטש. וואָס איז מיט דיר? נאָך אַלץ דער אייגענער?

— דאָס זעלבע טינוף.

איידל האָט זיך צעלאַכט.

— דער אייגענער עוזר־העשל. ביסט נאָך אַלץ אַ פֿילאָזאָף, האַ?

— אַ פֿילאָזאָף אָן אַ פֿילאָזאָפֿיע.

— כ'האָב געמיינט וועסט צושטיין צו די רויטע.

— כ'בין נישט אַזאַ אָפּטימיסט.

זי האָט אים אָנגעקוקט קרום, אָפּמעסטנדיק. ער איז געווען דער זעלבער, אָבער עפּעס האָט זיך אויסגעלייגט אויף זיין פּנים אַ שטריך, וואָס איז איר געווען אינגאַנצן פֿרעמד. עוזר־העשל, ווידער, האָט געזען אין איר מויל עפּעס, וואָס איז געווען אַמאָל אויך, נאָר וואָס איז איצט געוואָרן שאַרפֿער. ס'האָט זיך געדוכט ווי זי וואָלט ערשט נאָר פֿאַרזוכט עפּעס ביטערס און זויערס. מיט אַמאָל האָט זי אָפּגעטרעטן אַ טריט אויף צוריק.

— האָסט אַוודאי דאָרט געהאַט געגוג נקבות — האָט זי געזאָגט און זיך עפּעס ווי דערשראָקן פֿאַר די אייגענע ווערטער.

— נו, איז וואָס?

— גלאַט אַזוי. דאָרט איז הפֿקר פּיעטרושקע.

— ס'איז הפֿקר אומעטום.

— נישט ביי מיר. איך בין נאָך אויך נישט אַלט קיין זיבעציק יאָר, און גלויב מיר, אַז כ'וואָלט געפֿינען אַ בעלן. אָבער ס'איז דאָ אַזאַ זאַך ווי מענטשלעכע ווירדע — — —

— ס'איז גוט צו וויסן.

— וואָס איז גוט? דו שפּייסט דערויף. האָסט דיך אויסגעגליטשט, מיין טייערער, און ווילסט, אַז די גאַנצע וועלט זאָל ליגן אין דער בלאָטע מיט דיר צוזאַמען. וואָס ביסטו געלאָפֿן דינען? צו ווייזן הדסהן, אַז דו ביסט אַ העלד?

— כ'בין אַנטלאָפֿן פֿון דיר.

אין איידלס געלע אויגן האָט זיך באַוויזן אַ טרויעריקער שמייכל.

— וועסט נאָך אַנטלויפֿן פֿון איר אויך.

— אפֿשר.

— דו וועסט אַזוי לויפֿן ביז צום קבר...

ער האָט זיך געטאָן אַ הויב אויף, און זיך צוריק אַוועקגעזעצט. אײדל האָט זיך אַראָפּגעבויגן און אויפגעקליבן פון טעפּיך אַ פּיצל פּאַפּיר.

— ווען ביסטו געקומען, האַ? ביסט שוין אַוודאי אין וואַרשע אַ גאַנצע וואָך.

— פאַרוואָס זאָגסטו דאָס?

— עך קאָן דיינע וועגעלעך. ביסט קודם־כּל געלאָפן צו איר. פריער ווי צו דער מאַמען. אמת, אָדער ליגן?

— אמת.

— וואָס האָסטו דאָרט אין דער לינקער זייט? אַ האַרץ צי אַ שטיין?

— אַ שטיין.

— ס׳זעט אַזוי אויס. זי׳ט דאָ אויך נישט געפאַסט קיין תעניתים.

— ביסט אַ ליגנערין!

— דער פּישעלע האָט זי נישט געוואָלט אָנקוקן. ער מיידט זי אויס ווי אַ פּעסט. דער פאָטער האָט זי אויסגעמעקט פאַר אַ טאָכטער. זי חברט זיך מיט מאַשען דער משומדת. וואָס ביסטו געקומען צו מיר? זיך רייצן?

— אײדל, מיר מוזן זיך שיידן.

— קום אַרויס מיט דער נאָדל פון זאַק. יאָ, מיר׳ן זיך גטן, נאָר דו וועסט מיר מוזן באַצאָלן.

— דו ווייסט, אַז כ׳האָב גאָרנישט.

— וואָס ווילסטו? כ׳זאָל אויף דיר רחמנות האָבן? זי האָט! ער׳ט זי באַוואָרפן מיט גאָלד, דער כניאָק. ער׳ט איר געקויפט צירונג, פאַר שפּעקולאַציע. ס׳האָט אים אַלץ געלוינט. ער׳ט צוגענומען ביי די מושקאָטס ס׳גאַנצע פאַר־מעגן. וועסט אַזוי גוט זיין מיר געבן צען טויזנט דאָלאַר און זיך אונטערשרייבן, אַז וועסט צאָלן פאַרן קינד פופציק מאַרק אַ וואָך. עך מיין, לויט דער איצטיקער וואַליוטע.

— איז דאָס אַלץ?

— יאָ, טייערער, אַלצדינג. עך האָב דעך אַמאָל ליב געהאַט. מער וויפל דו האָסט געוואוסט. עך בין איינע פון יענע, וואָס קאָנען בלויז ליב האָבן איין מאָל. דאָס איז מיין טראַגעדיע. אָבער אַלץ איז טויט. אַלץ איז טויט. וואָס ביסטו צוריקגעקומען? וועסט זי אויך מאַכן אומגליקלעך.

— כ׳האָב אַזוי מורא.

— ביסט משוגע, עוזר־העשל, משוגע צום טויט. לויפסט נישט אַרום איבער די גאַסן, אָבער ביסט משוגע. כ׳האָב בלויז איין האָפענונג: אַז דיין זון וועט נישט זיין געראָטן אין דיר.

— זאָרג נישט. דו׳סט אויף אים אַכטונג טאָן.

— איין גאָט ווייסט, אַז כ׳טו וואָס עך קאָן. ער פרעגט שוין דיינע קשיות. זע, אַז ער זאָל נישט ליידן קאָ׳ נויט פאַר אַ צולאָג.

— כ׳על טאָן וואָס כ׳על קאָנען. אַ גוטע נאַכט.

— משוגענער, וואָס לויפסטו? ביסט דאָך געקומען זען ס׳קינד.

אײדל איז אַרויס. עוזר־העשל האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביים פענסטער און אַרויסגעקוקט. ווי פינסטער! ווי חושכדיק די מויערן האָבן אויסגעזען קעגן

דעם רויט־אָנגעגליטן הימל! ווי פּוסט אַלץ איז אין אים! ער האָט אַפילו נישט געהאַט קיין באַגער צו זען דאַווידעקן. ער האָט אויסגעשטרעקט אַ שפּיץ צונג, גלאַט אַזוי אָנגערירט די שויב. אפשר נישט קומען אויפן ראַנדעוואו מיט הדסהן? איז אים אײַנגעפאַלן. אפשר קאָן זי נאָך בלײַבן בײַם מאַן? וואָס פאַר אַ משוגעת צוריקצוקומען — אָן אַ צוועק, אָן אַ פּאַך, אָן אַ גאָט... וואָס פאַר אַ מוראדיקע פאַראַנטוואָרטלעכקייט ער נעמט אויף זיך! ווי מיאוס דאָס זאָל נישט זײַן: ער האָט אין דער אײנער וואָך שוין געהאַט פאַרלוירן דאָס געדולד. ס׳איז אַלץ דאָס אײגענע: אומגעדולד, לאַנגווײל, רציחה, שעמעוודיקייט, פּוילקייט. אַלע האָבן זיי די אייגענע תאווה צום טויט: די ווייסע, די רויטע, דאָס אַפּיצירל אין באַן, אַבראַם, הדסה... ער האָט דערהערט טריט. אײדל איז אַרײַנגעקומען מיט דאַווידעקן אויפן אָרעם. זי האָט אים געהאַט אַרויסגענומען פון בעטל. ער האָט געטראָגן אַ פּיזשאַמע און איז געווען באָרוועס. ער האָט געריבן די אויגן מיט אַ פויסטל און אָנגעקוקט דעם פאָטער אַ בלאַסער, אַ דערשטוינטער.

— דאָס איז דײַן טאַטוש! — האָט אײדל געזאָגט אויף פּויליש. — דאָס איז דײַן זון.

עוזר־העשל האָט אים אָנגעקוקט. ער האָט אין דער אײנער רגע דערזען מער ווי אין אַלע פאָטאָגראַפיעס, וואָס דינהלע האָט אים געוויזן. ער איז ענלעך געווען צו אים, עוזר־העשלען, צו דער באָבען, צו דער עלטער־באָבען. ער האָט האַסטיק געקראַצט דאָס נעזל, און די קאָלירן אין די באַקן האָבן זיך געביטן, דאָ אויף רויט און דאָ אויף בלײַך. ער האָט אויסגעקרימט די ליפּן ווי אַ קלײן קינד פאַרן וויינען.

— גיב דעם טאַטוש אַ הענטעלע!

— מאַ, כ׳בין שלעפעריק!...

און דאַווידעק האָט זיך צעוויינט. עוזר־העשל האָט אויפגעפּאַקט דאָס שפּיל־צייג.

— דאָס איז אַ פייפל. דאָס איז אַ שווערד. פאַר אַ פּאָליציאַנט.

— פאַר אַן אמתן?

— ניין, אויף צו שפּילן זיך.

— כ׳וויל שלאָפן!

— וואָס איז דיר? קריך אַראָפּ. כ׳האָב נישט קיין כּוח דיך צו האַלטן.

אײדל האָט אים אַראָפּגעשטעלט אויפן טעפּיך. ער איז געשטאַנען אין אַ פּאָר האַלב אַראָפּגעלאָזטע הײזלעך, אין אַ צו־ברייט רעקל. די בלאָנדע האָר זײַנען געווען געשוירן, אָבער אויפן שפּיץ שײַדל האָבן זיך געקרײַזלט אַ פּאָר לעקעלעך. ער האָט געגענעצט, זיך געצויגן, געפּינטלט מיט די וויעס. עוזר־העשל האָט געגאַפט. ס׳איז געלעגן אויף אים סײַ אַ פרישקייט, סײַ אַן אַלטקייט. עוזר־העשל האָט דערקאַנט דעם שאַרבן, די אויערן, די שלײפן, דעם הבל־הבלים אין בליק... אַ גרויסע ליבשאַפט האָט אים אָנגענומען צו דעם דאָזיקן פאַר־קרימטן ייִנגעלע. ער האָט אין דער מינוט צום ערשטן מאָל באַנומען וואָס דאָס הייסט: זײַן אַ פאָטער. כ׳וויל נישט, כ׳טאָר מיך צו אים נישט צובינדן —

האט ער געטראַכט. — זי׳ט מיך אייביק שאַנטאַזשירן... ער האט זיך אַראָפּגע־בויגן און אים אַ קוש געטאָן אין שטערן.

— דאַווידעק, איך בין דיין טאַטוש... כ׳האָב דיך ליב!...

דאַווידעק האט אויף אים אַ קוק געטאָן שלוי, מעשה דערוואַקסענער. אין פּאַרטערטן אויג האט אויפגעלויכטן אַ שמייכל.

— בלייב דאָ...

## קאַפּיטל איין און פערציק

### 1

אין די מלחמה־יאָרן האָבן חסידים אַ סך מאָל זיך געבעטן ביים ביאַלאָדרעווונער רבין ער זאָל זיך באַזעצן אין וואַרשע. ווי ס׳רוב פּוילישע רביים. ערשטנס, איז געווען אַ סכנה צו זיצן אין אַ קליין שטעטל. צווייטנס, האָבן חסידים נישט געקאָנט פאָרן אויף די באַנען און דער רבי איז געבליבן אָן פּרנסה. דריטנס איז דער יונגער עולם אין וואַרשע אָפּגעפאַלן פון חסידות, און ס׳איז געווען בעסער דער רבי זאָל זיין נאָענט. אָבער דער ביאַלאָדרעווונער האט נישט געוואָלט איבערלאָזן דעם הויף, דאָס בית־מדרש, די מקווה, און זיך אַריינציען קיין וואַרשע. יונגעלייט האָבן געשמועסט, אַז שולדיק איז ר׳ משה־גבריאל. מ׳האָט דערציילט, אַז ווען דער רבי האט גערופן ר׳ משה־גבריאלן און אים געזאָגט, אַז מ׳רעדט אים צו ער זאָל זיך אַריבערציען קיין וואַרשע, האט ר׳ משה־גבריאל געענטפערט:

— לוט איז אַנטלאָפן פון סדום און איר, רבי, ווילט זיך דאָרט באַזעצן?...

דער רבי איז געבליבן אין ביאַלאָדרעווונע. ס׳זיינען געווען וואָכן ווען ס׳איז נישט אַרויסגעקומען קיין איין חסיד. אַ צייט איז ביאַלאָדרעווונע געוואָרן אָפּגעריסן פון וואַרשע. אין ביאַלאָדרעווונע איז שוין געווען דער דייטש און אין וואַרשע איז נאָך געווען דער רוס. ס׳זיינען אומגעגאַנגען שמועות, אַז מ׳האָט דעם רבין, חלילה, איינגעזעצט, פאַרשיקט. ס׳זיינען געווען עדות, אַז דער הויף איז אַוועק מיטן פייער. אָבער ס׳איז מיט דעם ביאַלאָדרעווונער מקויים געוואָרן דער פסוק: לא תאונה לצדיק כל רע. דער הויף איז געבליבן גאַנץ. דער רבי, ר׳ משה־גבריאל, אהר׳לע ר׳ משה־גבריאלס זון, האָבן יעדער געדינט דעם אויבערשטן אויף זיין שטייגער. דער רבי האט זיך געהאַט אָפּגעשלאָסן. ס׳זיינען אַוועק טעג און דער רבי האט זיך נישט געוויזן אין בית־מדרש.

ר׳ משה־גבריאל האט זיך אָפּגעגעבן מיט זיינע חבורים. ער האט מחבר געווען אַ פירוש אויף דעם קבלה־ספר משנת־חסידים. מחמת ר׳ משה־גבריאל האט נישט געהאַט קיין געלט צו דרוקן דאָס ספר, און נעמען פּרענומעראַנטן האט ער נישט געוואָלט, ווייל דאָס איז שנאָרעריי, איז ער געפאַלן אויף אַן המצאה. ער האט אָפּגעקויפט ביי אַ וואַרשעווער דרוקער אַ קאַסטן זאַץ, רש״י־שריפט, און האט זיך גענומען אַליין אויסזעצן דאָס ספר. ער האט אַפילו איינ־געהאַנדלט אַ פּרעס צו מאַכן מאַטריצן. ביאַלאָדרעווונער בחורים זיינען געקומען

ר׳ משה־גבריאלן אַרויסהעלפן. אהר׳לע, האָט זיך אויסגעלערנט האַלטן דעם ווינקלהאָקן. די מאַטריצן האָט ר׳ משה־גבריאל שפּעטער אָוועקגעגעבן אַ וואַרשעווער מוכר־ספרים, און יענער האָט אָפּגעגאָסן פּלאַטן און אָפּגעדרוקט אַ חיבור. בעת די דייטשן זיינען געווען אין וואַרשע האָט ר׳ משה־גבריאל געטאָן מיט אהר׳לען אַ שידוך. ר׳ זיינוועלע סראַצקער איז געווען דער שדכן. חסידים האָבן געהאַלטן, אַז דער שידוך איז אַ קרומער. דער מחותן, ר׳ קלמן כעלמער, האָט פאַר דער מלחמה געהאַט אַ שם פון אַ נגיד און אַ שווינדלער. ער איז געווען אַ שותף צו אַ פּריוואַטער לאָטעריע, וואָס איז געווען פאַרבאָטן ביי מלכות. מ׳האָט גערעדט, אַז ער האָט צו טאָן מיט אַ ברייזל, וואָס מאַכט טרפה־ווּעם בראָנפן. מ׳האָט געמורמלט, אַז ער האָט געהאַט אַ מאַשינדל, וואָס האָט אַראָפּגענומען די באַנדראָלן פון טיי, און ער האָט געמישט גוטע טיי מיט געמיינער. יעדע פאַר יאָר האָט ר׳ קלמן כעלמער באַנקראָטירט. ער האָט אַלמאָל געהאַט דין־תורהס, פּראָצעסן. יעדע פאַר וואָכן האָט די פּאָליציי געמאַכט ביי אים אַ רעוויזיע. וועגן ר׳ קלמן כעלמערס געשעפטלעך און פון זיין דריי־קאָפּ האָט מען דערציילט אין וואַרשע חידושים. אַ באַדערפער איז ער געווען אַ גרויסער. ער האָט געהאַט אַכט טעכטער און דריי זין. איידעמס האָבן ביי אים געגעסן קעסט. צוויי טעכטער האָבן זיך געגט און זיינען געקומען צום טאַטן מיט די קינדער. דערצו האָט ר׳ קלמן כעלמער געהאַט שיטערע פינגער. ער האָט געגעבן היפּשע נדבות. ער איז אַרומגעפאָרן אויף דראָשקעס. ער האָט געשיקט געלט דעם רבין. סיי דער רבי און סיי ר׳ משה־גבריאל האָבן געהאַט געהערט וועגן ר׳ קלמן כעלמערס מסחרים, נאָר ביידע האָבן געהאַלטן, אַז מ׳מאַכט דעם ייד אַ בלבול. ר׳ קלמן כעלמער איז געווען אַ ייד אַ למדן, אַ בעל צדקה, האָט געקאָנט זאָגן אַ שאַרף ווערטל, זיך איינגעקויפט שונאים. מאָלע וואָס מענטשן טראַכטן אָלץ אויס!... קיין ביאַלאָדרעוונע איז ר׳ קלמן כעלמער געקומען פיר מאָל אַ יאָר, אויף שבועות, ראש השנה, יום כיפור, חנוכה. ער האָט אַלעמאָל גענומען צו זיך אויף דער סטאַנציע אַן אָרעמען יונגנמאַן, וואָס קאָן נישט באַצאָלן. ער האָט יעדעס מאָל מיטגעבראַכט פון וואַרשע אַ קויש ווייַן, ענגלישן פּאָרטער און געשטעלט ביים טיש. ער האָט פיינט געהאַט ר׳ משולם מושקאַט, זיינע בנים, אַבראַמען. ער האָט ליב געהאַט ר׳ משה־גבריאלן און מיט אים געשמועסט חסידות. ר׳ משה־גבריאלן איז געפעלן דער שידוך גלייך פון אָנהויב. דער אהר׳לע איז שוין געווען צופיל בטלן. ער האָט געדאַרפט אַריינפאַלן אין אַ סוחריש הויז.

די כלה האָט געהאַט אַ חסרון: זי איז געווען אַ גרושה. אָבער אהר׳לע האָט נעבעך געהאַט אַ פּסול אין דער משפחה: די שוועסטער זיינע, מאַשע, איז געווען אַ משומדת. דערצו איז די מאַמע אַנטלאָפן מיט אַ משרת קיין אַמעריקע. וואָס קאָן ער זיך דאָ איבערנעמען? מ׳האָט געשריבן תנאים און אָפּגעשטעלט אַ זמן־חתונה. דאָס ווייבל האָט געהאַט אַ קינד פון ערשטן מאַן, אַ מיידעלע. זי האָט געזאָלט בלייבן ביים זיידן. ר׳ קלמן כעלמער האָט צוגעזאָגט נדן. באַלד נאָך דער חתונה האָט דאָס ווייבל געזאָלט עפענען אַ געוועלב און אַריינעמען אים, אהר׳לען, אין געשעפט.

די כלה האָט אַהר'לע רעכט נישט געזען. מ'האָט אים אָנגעוויזן אויף איר ביי די תּנאים, נאָר ס'איז אים געשטאַנען אַ נעפּל פאַר די אויגן. ס'איז זיך געהאַט אָנגעקומען אַן עולם. ווייבער האָבן געלאַכט, מיידן זיינען אומגעלאָפן אַהין־און־צוריק. אין דער טיר האָט געקלימפּערט דאָס גלעקל. אין קאָרידאָר האָט געקלונגען דער טעלעפאָן. אַחוץ מחותּנים און ביאַלאָדרעוונער חסידים, האָט ר' קלמן כעלמער געהאַט פאַרבעטן אַ סך סוחרים פון דער נאַלעווקיס און דער פראַנציסקאַנער. מ'האָט גערעדט פון שניט־סחורה, לעדער, וואַליוטע, פּאָליטיק. אַהר'לע האָט גלייך געזען, אַז די שטוב איז נישט פאַר אים. ר' משה־גבריאל האָט זיך אויך געקרימט, נאָר פון אָפּלאָזן אַ שידוך האָט ר' משה־גבריאל נישט געהאַלטן. ער האָט געהאַט אין האַרץ פאַראיבל אויף ר' זיינוועלע סראָצקער, נאָר ער האָט געזוכט אויף אים אַ זכות. וואָס טוט מען נעבעך נישט צוליב דער ביטערער פּרנסה? ר' משה־גבריאל האָט געהאָפט צו השם־יתברך, אַז דער זווג וועט עולה־יפה־זיין. דער אַהר'לע איז געווען אַ למדן, אַ ירא־שמים, אַן איש תּם וישר. אין דער היינטיקער וועלט זיינען אַזוינע יונגעלייט קנאַפּע יחסנים...

מחמת די כלה איז געווען אַ גרושה, האָט מען געמאַכט אַ שטילע חתונה, נישט אין קיין סאַלע, נאָר ביי ר' קלמן כעלמער אין דער דירה. אָבער די בהלה איז געווען גרעסער ווי אין אַ סאַלע. ר' קלמן האָט געדונגען כּלי־זמר און אַ בדחן. ס'איז זיך אָנגעלאָפן אַ המון ווייבער און מיידן. מ'האָט געגעסן, געשריגן, געלאַכט, געהאָפּסעט, זיך געקושט, געסודעט. דער מאַרשעליק, אַ קל, האָט געמאַכט גראַמען, דאָ געזאָגט ווינענדיקס, דאָ לאַכנדיקס, געשפּילט ווי אַ קאָמעדיאַנט, אַריינגעמישט אין דעם זאָגעכץ ניבול־פּה. דאָס געלעכטער פון די נקבות האָט זיך אָפּגעשלאָגן אין ר' משה־גבריאלס אויערן ווי, להבדיל, ס'בילן פון הינט... אַהר'לע איז געזעסן ביים טיש בלייך ווי קאַלך. ער האָט נישט אויפגעהערט צו ציפּן די ווייסלעכע האָר אויפן לענגליכן קין. ער האָט געמורמלט אַ תּפילה צום אויבערשטן, ער זאָל, חלילה, נישט אַריינפאַלן אין קיין עצבות, קיין כּעס, קיין קטנות־דמוחין... ר' משה־גבריאל איז אַוועק זוכן ר' קלמן כעלמער. ער האָט געוואָלט מיט אים זיך דורכשמועסן, אָבער ר' קלמן כעלמער איז געווען האַלב פאַרשנאַשקעט. דאָס גרויסע פּנים איז געווען רויט. פון אונטער די געדיכטע ברעמען האָבן אָפּגעקוקט אַ פּאָר בלוט־פאַרלאָפענע אויגן. די זיידענע קאַפּאָטע איז געווען צעקנעפּלט, דער הויכער סאַמעטענער הוט פאַררוקט. ר' משה־גבריאל האָט צום ערשטן מאָל דערזען, אַז ר' קלמן כעלמער איז אַ מגושם. ער האָט געהאַט אַ ברייטע נאָז, אַ פעטן שטערן, גראָבע ליפּן, אַ קורצן האַלדז. די באָרד, אַ געמיש פון ברוין־און־גרוי, איז געווען געקאַרבט ווי ביי אַ פּריץ. ער האָט זיך אַראָפּגעבויגן צו ר' משה־גבריאלן, אָנגעשטעלט אַ לאַנג האָריק אויער מיט אַ שווער לעפּל.

— וואָס איז, מחותּן, האַ? — האָט ער געטאָן אַ געשריי. — רעדט העכער!...

ר' משה־גבריאל האָט גערעדט, נאָר די רייד זיינען געוואָרן פאַרטויבט אין דעם האַרמידער. ר' קלמן כעלמער האָט אים געלאָזט שטיין און איז אַוועק אין דער ווייבערישער שטוב. בחורים האָבן דאָרט געטאַנצט מיט מיידן. ר'

קלמן האָט אויף זיי אָנגעשריגן, געסטראַשעט, אַז ער׳ט זיי אַרויסוואַרפֿן. די טאָכטער, די כּלה, האָט זיך אָנגענומען פֿאַר דעם יונגוואַרג. ביי דער חופּה האָט די כּלה געהאַט אָנגעטרעטן אַהר׳לען אויפֿן פֿוס, אַ סגולה, זי זאָל זיין די הערשערין. די כּלה האָט געהייסן פּעסל און איז געווען העכער פֿון אַהר׳לען מיט אַ האַלבן קאָפּ. זי האָט אויסגעזען אַ יידענע אין די דרייסיקער. זי איז געווען שוואַרץ, גרויס, דיק, מיט אַ קרומער נאָז, ענלעך צום טאַטן. זי האָט גערעדט מיט אַ הויך קול, און זיך יעדעס מאָל צעלאַכט. זי האָט געטראָגן אַ געקרייזלט שייטל, אַ סך צירונג און ס׳האָט געשמעקט פֿון איר מיט פּאַרפֿום און טרפֿהנע ריחות. אַהר׳לע האָט דערזען, אַז ער איז אַריינגעפֿאַלן.

אין דער שלאָף־שטוב, ווען זיי זיינען שפּעטער געבליבן אַליין, האָט פּעסל גערעדט צו אַהר׳לען היימיש־וואוילעריש, אים געזאָגט, ער זאָל זיך נישט שעמען און נישט זיין קיין יאָלד. זי האָט אויסגעטאָן דעם פּאַרוק און איז געבליבן שטיין מיט אַ קאָפּ האָר ווי אַ חצופֿה. זי האָט פֿאַרהויבן די גראָבע לעפֿצן און געוויזן אַ מויל גאָלדענע ציין. נאָך דעם ווי זי האָט פֿאַרלאָשן די עלעקטרע און אים אַריינגענומען אין בעט, האָט אַהר׳לע געקראָגן צו איר תּאווה. ווי ער איז געווען שוואַך און דאַר, אַזוי איז זי געווען שטאַרק און דיק. די בריסטן אירע זיינען געווען משונה־גרויס. זי האָט געכיכעט און אים געקיצלט. זי האָט געטענהט, אַז זי איז נישט קיין לייב און זי וועט אים נישט איינשלינגען...
אַהר׳לע האָט געזאָרגט, אַז מחמת חולשת־הדעת וועט ער צו איר נישט האָבן קיין שליטה, נאָר דער גוף בלייבט אַ גוף. זי האָט אים אַרומגענומען און געקושט. זי האָט אים געריסן ביי די פּאות און צו אים אַ זאָג געטאָן:

— ביסט גאָרנישט אַזאַ שמויגער!... דער מאַמעס זינדל...

— מ׳טאָר אַזוי נישט רעדן! — האָט אַהר׳לע זי געמוסרט.

— אין בעט מעג מען אַלץ!...

צומאָרגנס אין דער פֿרי, אַז אַהר׳לע האָט געעפֿנט די וויעס, איז פּעסל שוין נישט געווען אין שלאָף־חדר. מ׳האָט אים געהאַט פֿאַרגעסן צו שטעלן נעגל־וואַסער, און ער האָט נישט געקאָנט אַוועקגיין ווייטער ווי פֿיר איילן פֿון געלעגער. ער האָט געוואַרט עמעץ זאָל אַריינקומען, נאָר קיינער האָט זיך נישט געוויזן. פֿון דער קיך האָבן זיך דערטראָגן געלעכטערן. די גרושה האָט דערציילט די אויסגעגעבענע שוועסטער די סודות פֿון דער חתונה־נאַכט...

## 2

אין די יאָרן וואָס עוזר־העשל איז געווען אין דער אַרמיי און שפּעטער אין רוסלאַנד האָט הדסה זיך געהאַלטן ווייט פֿון דער משפּחה. פּאַפּאַ האָט חתונה געהאַט מיט אַן אַנדער ווייב. די מומעס אסתּר־מלכּה און סאַלטשע האָבן געהאַלטן מיט פֿישעלען. ס׳רוב קוזינעס האָבן חתונה געהאַט, געקינדלט. פֿון דער גאַנצער פֿאַמיליע זיינען הדסהן געבליבן דריי שוועסטער־קינדער, וואָס פֿלעגן אַמאָל קומען צו איר קיין אָטוואָצק, און וואָס זי, הדסה, פֿלעגט אַמאָל זיך טרעפֿן מיט זיי אין וואַרשע: מאַשע, סטעפֿע און דאָשע, פּיניעלעס מוזינקע.

מאַשע האָט זיך געהאַט געשמדט. איר טויף־פֿאָטער איז געווען דער שווער, דער פּאַן זדזשיסלאַוו זאַזשיצקי. מאַשע איז געגאַנגען יעדן זונטאָג אין קלויסטער. דער פֿאָטער, ר׳ משה־גבריאל, איז נאָך איר געזעסן שבעה. לאה, די מוטער, האָט געשריבן פֿון אַמעריקע, אַז זי מעקט זי אויס פֿאַר אַ טאָכטער. די פֿעטערס און די מומעס האָבן אויסגעשפּיגן, ווען מ׳האָט דערמאָנט איר נאָמען. אָבער הדסה האָט נישט געקאָנט פֿיינט האָבן אַ פֿרוי, וואָס האָט זיך געבראַכט אַ קרבן פֿאַר ליבע. איז זי, הדסה, דען בעסער? האָט זי דען נישט פֿאַרשוועכט די הייראַט? זאָלן יענע, וואָס זייער געוויסן איז ריין, וואַרפֿן דעם ערשטן שטיין. אויסער דעם, וואָס איז דען דער אונטערשייד צווישן איין רעליגיע און דער אַנדערער? בעטן נישט יידן און קריסטן צו איין גאָט? דעם אמת געזאָגט, איז הדסהן יעזוס געווען נעענטער ווי דער יידישער גאָט, וואָס איז אַ בייזער, אַ פֿייערדיקער, אַ נוקם־ונוטר. ווייל די יידן האָבן געזינדיקט מיט דריי טויזנט יאָר צוריק, האָט ער ביז היינט זיי געשטראָפֿט. די גאָטזעליקע מאַמעשי האָט זי, הדסהן, פֿון קינדוויַז אָן געלערנט, אַז פֿאַר דער מינדסטער עברה לייגט מען אין גיהנום אויפֿן שטעכבעטל: פֿאַר אָנרירן אַ לייכטער אין שבת, פֿאַר עסן מילכיקס נאָך פֿליישיקס, פֿאַר שטעלן זיך אויף די קני. געדאַוועט האָט מען צו דעם גאָט אין ענגע שטיבלעך און מ׳האָט דאָרט געמאַכט באַנומענע קולות און געזונגען קאָמישע ניגונים. קיין פֿרויען האָט דער גאָט נישט ליב געהאַט. פֿון די מערסטע מצוות האָט ער זיי באַפֿרייט. אַ מאַנסביל האָט נישט געטאָרט אויף זיי קוקן. זיי האָבן געמוזט אָפּגאָלן די האָר, טראָגן פּאַרוקן, גיין אין די מקוות. די יידישע רעליגיע איז געווען דורכאויס אַזיאַטיש. יעזוס האָט נישט געשטראָפֿט נאָר פֿאַרגעבן אַלעמנס זינד. געבעטן האָט מען צו אים אין רייכע שטילע טעמפּלען, פֿול מיט בילדער און סקולפּטורן ווי אַ מוזעאום. פֿאַרלאַנגט האָט דער פּאַן יעזוס בלויז איין זאַך: ליבע... הדסה האָט נישט איינמאָל געהאַט אַ באַגער אַריינצוגיין אין אַ קירך, אָנידערקניען און אויסגיסן דאָס האַרץ פֿאַר דעם צאַרטן מילד־אויגיקן ייד, וואָס די אייגענע ברידער האָבן אים צו־גענאָגלט צום קרייץ, און געשטאָרבן איז ער פֿול מיט ליבשאַפֿט און פֿאַר־געבונג... ווען עוזר־העשל איז געווען אין רוסלאַנד, האָט זי, הדסה, אָפֿט גע־טראַכט וועגן פֿאַרשליסן זיך אין אַ מאָנאַסטיר און פֿאַרברענגען די יאָרן אין הייליקער איינזאַמקייט, ווי דאָס טוען קריסטלעכע טעכטער, ווען זיי אַנטוישן זיך אין די וועלטלעכע פֿאַרלאַנגען. אויב הדסה איז געבליבן קעגן שמד, איז עס געווען צוליב איין זאַך: די יידן זיינען געווען די פֿאַרפֿאָלגטע, נישט די קריסטן. דאָס האָט מען די יידן פֿאַרבאָטן צו וואוינען אין רוסלאַנד, אַנצונעמען רעגירונגס־שטעלעס און אַפֿילו אַריינצוגיין אין זאַקסישן גאָרטן. אויב ס׳איז אמת וואָס ס׳שטייט אין דער עוואַנגעליע, אַז די שוואַכע וועלן אַרבן דאָס קעניגרייך פֿון הימל, זיינען די יידן וואָרע קריסטן...

ווען מאַשע האָט זיך געשמדט, האָט הדסה מיט איר איבערגעריסן. אָבער נישט אויף לאַנג. מאַשע האָט גענומען שרייבן הדסהן בריוו קיין אָטוואָצק. זי האָט געגעבן אָנצוגעהערן, אַז זי ליידט און איז אַליין. הדסה האָט זיך מיט איר געטראָפֿן אין וואַרשע. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז יאַנעקס פֿאַמיליע האָט

איר קיינמאָל נישט מוחל געווען דעם יידישן אָפּשטאַם. דער שווער האָט גאַנצע נעכט געהוסט, געברומט, געשאָלטן. ער האָט באַשולדיקט דעם זון, אַז ער האָט אים קראַנק געמאַכט. די שוויגער האָט אַרויסגעוויזן מאָשען האַס ביי יעדער געלעגנהייט. די שוועגערין, יאַנעקס שוועסטער, האָט זי אויסגעמיטן. יאַנעק און מאַשע האָבן זיך שפּעטער אַרויסגעצויגן פֿון די עלטערן, גענומען אַ צימער ערגעץ אין מאָקאָטאָוו. ס'איז דערפֿון נישט געוואָרן בעסער. די בילדער, וואָס יאַנעק האָט געמאָלט, האָט קיינער נישט געקויפֿט. ווער האָט אין זיינע געהאַט מלחמה־צייט קונסט? יאַנעק האָט געשיקט מאָלערייען אויף די אויסשטעלונגען, נאָר מ'האָט זיי אים צוריקגעשיקט. ער איז געזעסן אין שטוב, גאַנצע טעג געלייענט די צייטונגען, גערעדט דערפֿון, אַז ער טויג צו גאָרנישט, און אַז ער האָט נישט געהאַט די רעכט צו נעמען אַ פֿרוי. זי, מאַשע, האָט געקראָגן אַ פּאָסטן אין אַ געשעפֿט פֿון בלומען, נאָר די שטעלע האָט זי אַרייַנגעטריבן אין אַ מעלאַנכאָליע. ס'רוב קונים האָבן געקויפֿט קראַנצן פֿאַר באַגרעבענישן. דערנעבן איז געווען אַ געוועלב פֿון טרומנעס... מאַשע האָט גענומען ליידן פֿון דריקעניש און מאָגן און שלעכטע חלומות... צווישן פאַרפֿאָלק האָבן זיך אָנגעהויבן קריגערייען. ווען יאַנעק איז אַרייַנגעפֿאַלן אין גרימצאָרן האָט ער זי גערופֿן: קרעציקע יידין...

הדסה און מאַשע האָבן זיך אָנגעהויבן טרעפֿן יעדע וואָך. ביידע קוזינעס זיינען אַוועק אין אַ קריסטלעכן רעסטאָראַן, וויַיט פֿון יידישן געגנט, און צוזאַמען געגעסן מיטאָג. באַצאָלט האָט אַלעמאָל הדסה. ס'האָט געטראָפֿן, אַז מאַשע איז געקומען צו לויפֿן צו הדסהן קיין אָטוואָצק אין מיטן דער נאַכט. דאָס פּאָרל האָט זיך געהאַט געקריגט אַ גאַנצן אָוונט און שפּעט ביינאַכט האָט יאַנעק זיך געוואָרפֿן אויף מאַשען, זי גענומען שטיקן. ער האָט צו איר געכאַפּט אַ האַקמעסער... מאַשע און הדסה זיינען ביזן וויַיסן טאָג געלעגן אין בעט, און מאַשע האָט איר אויסדערציילט אירע צרות. דער יאַנעק האָט נישט געוואָלט אַרבעטן, ער האָט אויך נישט געהאַט קיין כּוח. ער האָט אויסגעזען ווי אַ ייד און איז געווען שוואַך ווי אַ ייד. ער האָט געליטן אויפֿן האַרץ און גערעדט וועגן זעלבסטמאָרד. ער האָט נישט געקאָנט טרינקען, אָבער ער האָט זיך צוגעכאַפּט צום ביטערן טראָפּן. ער האָט געוואָרפֿן אָן אומחן אויף דער מאָלערייַ און פֿאַרברענט די לייוונטן. ער האָט באַשולדיקט די יידישע קאָלעגן, מלאַטעק און רובינליכט, אַז זיי שטעלן אים אונטער פֿיסלעך, און אַז זיי נעמען אָן אים נקמה פֿאַרוואָס ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ יידישער טאָכטער. ער איז געוואָרן פֿול מיט אַלערליי חשדים. ער האָט פֿאַראויסגעזאָגט, אַז דער פֿאָטער וועט אים נישט איבערלאָזן קיין גראָשן ירושה. ער האָט פֿאַרדעכטיקט, אַז מ'האָט געמאַכט קעגן איט אַ פֿאַרשווערונג און מ'וויל אים רואינירן. מאַשע האָט אים געשיקט צו אַ נערוון־דאָקטאָר, נאָר יאַנעק האָט זי באַשולדיקט, אַז זי וויל אים איינזעצן אין אַ משוגעים־הויז...

אין דער צייט ווען די דייטשן האָבן צוגעזאָגט פוילן אומאָפּהענגיקייט און גענומען ווערבירן פֿרייוויליקע פֿאַר דער פויליש־דייטשער אַרמיי, איז יאַנעק אַוועק זיך צושטעלן, כאָטש גאַנץ פוילן איז געווען קעגן די דייטשע מאַכינאַציעס

און ס׳איז שוין געווען קלאָר, אַז די דייטשן האָבן פֿאַרלוירן דעם קריג. יאַנעקס פֿאָטער איז גראָד דעמאָלט געשטאָרבן, און די מוטער און די שוועסטער האָבן באַשולדיקט יאַנעקן, אַז ער איז געווען די אורזאַך פֿון זיין טויט. דער שוואָגער האָט געוואָרנט, אַז אויב יאַנעק וועט קומען צום באַגרעבעניש, וועט ער אים שלאָגן ביים פֿאָטערס קבר. נישט יאַנעק און נישט מאַשע האָבן זיך געוויזן אויפֿן צמענטאַר. די קריסטלעכע שכנים און פֿריינט האָבן געהאַט פֿון וואָס צו רעדן. יאַנעק האָט זיך צוגעשטעלט צו דער מוסטערונג, אָבער די קאָמיסיע האָט אים אַוועקגעשיקט אויף צוויי וואָכן אין שפּיטאָל און דערנאָך אים אָפּגעוואָרפֿן. יאַנעק איז באַלד געוואָרן אַ קעגנער פֿון דעם דייטשן פּלאַן און זיך גענומען דערנעענטערן צו פּילסודסקיס פּוילישער מיליטערישער אָרגאַניזאַציע. דאָ האָט יאַנעק צום ערשטן מאָל געהאַט מזל. ער איז גלייך פֿון אָנהויב געוואָרן אַן אָפֿיציר אין דער געהיימער גרופּע. ער האָט זיך באַקענט מיט פּילסודסקין, געמאָלט זיין פּאָרטרעט. ער האָט געמאַכט פּאָרטרעטן פֿון פּילסודסקיס לייבמענטשן, וואָס האָבן אָנגעפֿירט מיט זיין בריגאַדע אין אונגאַרן. יאַנעק האָט אָנגעהויבן אַהיימברענגען געלט און איינלאַדן געסט. זיי זיינען געווען אָנגעטאָן ציוויל, פֿונדעסטוועגן האָבן זיי זיך גערופֿן: פּאַן פּאָרוטשניק, פּאַן קאַפּיטאַן, פּאַן מאַיאָר, פּאַן פּולקאָווניק. די גויים האָבן געטרונקען, געזונגען פּאַטריאָטישע לידער, געדרייט די וואָנסן, נישט אויפֿגעהערט קושן מאַשען אין דער האַנט, וויינען מיט שיכּורע טרערן אויף דעם שיקזאַל פֿון פּוילישן פֿאָטערלאַנד, וואָס איז הונדערט יאָר געבליבן צעטיילט צווישן די חזירישע רוסן, פּרייסן און עסטרייכער. זיי האָבן געוואוסט, אַז מאַשע שטאַמט פֿון יידן, דערמאָנט דעם יידישן פּולקאָווניק בערעק יאָסעלעוויטש, דעם יידישן פּאַטריאָט שמואל זביטקאָווער, געשוואוירן, אַז דאָס נייע פּוילן וועט זיין אַ גן־עדן פֿאַר דעם פֿאַרפּייניקטן פֿאָלק ישראל, ווי דאָס האָבן צוגעזאָגט די פּאָעטן מיצקעוויטש, נאָרוויד, וויספּיאַנסקי... טיילמאָל זיינען די פֿרעמדע אָפּגעזעסן ביז דריי אַזייגער באַנאַכט, געפֿירט דיסקוסיעס, געוויקלט פּאַפּיראָסן פֿון אַ הייפֿל טאַבאַק, געצייכנט מיט בליישטיפֿטן אויף אַ מאַפּע. אַ פּאָר מאָל איז אַהער הדסה אַריינגעפֿאַלן. די אָפֿיצירן האָבן זי באַשאָטן מיט קאָמפּלימענטן, פֿאַר קיין פֿאַל נישט געוואָלט צוגלויבן, אַז זי איז אַ יידישע טאָכטער, געטרונקען פֿאַר איר געזונט, געלויבט די יידישע ראַסע...

זומער, 1917, האָבן די דייטשן אַרעסטירט פּילסודסקין. יאַנעק האָט ביז דאַמאָלט קיינמאָל נישט געשריבן קיין פּאָעזיע; אָבער דאָסמאָל האָט ער פֿאַרפֿאַסט אַ ליד דערוועגן, און ס׳איז געווען אָפּגעדרוקט אין דעם אומלעגאַלן זשורנאַל, וואָס די מיליטערישע אָרגאַניזאַציע האָט אַרויסגעגעבן. יאַנעק האָט אויך געמאָלן אַ בילד, וואָס האָט פֿאַרגעשטעלט פּילסודסקין אין שפּיץ פֿון זיין בריגאַדע. מאַשע האָט זיך נישט געהאַלטן פֿאַר קיין קענערין פֿון מאָלעריי, נאָר זי האָט פֿונדעסטוועגן באַנומען, אַז דאָס בילד איז אַ ביליקע נאָכמאַכונג פֿון מאַטעיקאָ. די יידישע מאָלער, וואָס האָבן אָנגעקוקט יאַנעקס מאָלערייען, האָבן אים אָנגערופֿן שמירער. יאַנעק האָט געזידלט סיי מאַשען, סיי די יידישע מאָלער, סיי דאָס גאַנצע יידישע פֿאָלק, וואָס איז אַ שטאַם פֿון אַנאַרכיסטן, ני־

היליסטן, דעגענעראַטן. ער האָט זיך געדונגען אַן אַטעליע און האָט אויפֿגעהערט קומען אַהיים נעכטיקן. ער האָט געהאַלטן אין איין שרייבן מאַשען בריוו אויף גאַנצע בויגנס פּאַפּיר. ער האָט גערעדט וועגן זיין ליבע צו איר, וואָס קאָן קיינמאָל נישט שטאַרבן, און פֿון זיינע אַנטוישונגען אין דער פֿרוי, אין ייד, אין דער אוניווערסאַלער גערעכטיקייט. ער האָט ציטירט די אַנטיסעמיטישע ווערק פֿון לוטאָסלאַווסקי, נאָוואַטשינסקי, ניעמאָיעווסקי. ער האָט געשאָטן מיט לויב־ווערטער אויף פּילסודסקין, אים אָנגערופֿן משיח. צומאָל איז ער געקומען ביינאַכט אַ שיכּורער. ער האָט אַנידערגעקניט נעבן מאַשעס בעט, געוויינט, גערופֿן:

— מלאך מיינער, איך בין זינדיק!... שטויס מיך נישט אָפּ!... הייליקע נשמה!...

אין 1918, ווען פּילסודסקי איז צוריקגעקומען פֿון מאַגדאַבורגער פֿעסטונג, איז יאַנעק געוואָרן אַ מאַיאָר אין דער פּוילישער אַרמיי, אַן אַריינגייער אין בעלוועדער. יאַנעקס פּאָרטרעט האָט געהאָנגען צווישן די ווערק פֿון די אַלטע פּוילישע מייסטער. יאַנעקס ליד האָט געזונגען דאָס מיליטער ביים מאַרשירן. יאַנעק האָט באַקומען אַ וואוינונג אויף די אויאַזדאָווער אַלעען. ער האָט זיך געהאַט איבערגעבעטן מיט מאַשאַן. מאַשאַ האָט איצט געהאַט אַ דינסט. צו מאַשאַן אין שטוב האָבן געגומען אַריינקומען פּולקאָווניקעס, גענעראַלן, דיפּלאָמאַטן. מאַשע איז נאָך מיטאָג געריטן אויף אַ פֿערד אין די לאַזשענקעס. זי האָט מער נישט געשריבן הדסהן קיין קאַרטלעך. זי איז נישט אַרויסגעקומען קיין אָטוואָצק. הדסה איז קיינמאָל נישט געוועזן אין מאַשאַס נייע דירה. די פּאַני מאַשאַ זאַזשיצקאַ איז איצט געוואָרן איינע פֿון די אָנגעזעענסטע דאַמען אין דעם נייעם פּוילן. מ׳האָט געדרוקט איר פֿאָטאָגראַפֿיע אין אַ אילוסטרירטן זשורנאַל. מ׳האָט זי איינגעלאַדן אין אַלערליי וויבערשע קאָמיטעטן. זי האָט באַקומען אַן ערן־אַמט אין רויטן קרייץ. הדסה איז געבליבן פֿישעלע קוטנערס ווייב און האָט אויסגעקוקט אויף עפּעס אַ ישיבה־בחור, וואָס איז געהאַט פֿאַרפֿאַלן געוואָרן ביי די באָלשעוויקעס. מאַשע האָט זיך פֿאַרגעוואָרפֿן, פֿאַרוואָס זי האָט פֿאַרגעסן אָן איר קוזינע. זי איז איר אַפֿילו געוועזן שולדיק געלט. ביינאַכט פֿלעגט מאַשע זיך אויפֿכאַפּן און זיך צושווערן מיט הייליקע שבועות, אַז גלייך מאָרגן וועט זי אַריבערפֿאָרן צו הדסהן, איר אָפּגעבן די פּאָר מאַרק, איר קויפֿן אַ מתּנה, זי פֿאַרבעטן צו זיך. אָבער יעדער טאָג האָט געבראַנגט מיט זיך אַזויפֿיל פֿליכטן, אַז מאַשע האָט פֿאַרגעסן סיי הדסהן, סיי סטעפֿען, סיי די אַנדערע מושקאַטס. וואָכן זיינען אַריבער און ס׳איז איר נישט געקומען אויפֿן זין, אַז זי איז ר׳ משולם מושקאַטס אַן אייניקל, ר׳ משה־גבריאלס אַ טאָכטער, און אַז דער ברודער אירער, אַהר׳לע, איז אַן אידעם דאָ אין וואַרשע ביי ר׳ קלמן־כעלמער. מאַשע האָט געהאַט מיטלייד מיט די יידן, אָבער ס׳האָט נישט געהאַט קיין צוועק זיך צו מישן מיט דעם דאָזיקן געזינדל. אַלץ האָט זיך דאָרט געפּלאָנטערט צוזאַמען: קאָמוניזם, שוואַרצע בערזע, אַטעאיזם, רעליגיעזער פֿאַנאַטיזם. די יידישע גאַסן האָבן מיט זיך פֿאָרגעשטעלט אַ שטיק אַזיאַטישע בהלה אין סאַמע האַרץ פֿון אייראָפּע. די פֿאַמיליע מושקאַט איז געוואָרן פֿאַראָרעמט. די מאַמע האָט

זיך געוואָלגערט אין אַמעריקע מיט אַ משרת. ניין, ס'איז נישט געווען וואָס צו באַדויערן. איצט, אַז יאַנעק האָט געמאַכט אַ קאַריערע, שווער און שוויגער זיינען געווען טויט, פּוילן איז געוואָרן אַ מלוכה, — האָט מאַשאַ געהאַט אין פֿאַרלאַנג: פֿאַרברענען הינטער זיך אַלע בריקן...

## קאַפּיטל צוויי און פֿערציק

### 1

די דריטע נאַכט חנוכּה האָט באַשעלע געפּרעגלט לאַטקעס. ס'איז נישט געווען קיין וואַרשעווער מנהג. דאָס האָט זי אויסגעלערנט אַ שכנטע, אַ שניידערין, וואָס האָט געשטאַמט פֿון דער פּראָווינץ. חיים־לייב, דער קוילנהענדלער, וואָס מיט אים האָט באַשעלע חתונה געהאַט נאָכדעם ווי קאָפּל האָט איר אָנגעהאָנגען אַ גט און איז אַוועק קיין אַמעריקע, האָט נישט ליב געהאַט צו פֿאַרברענגען מיט די שטיף־קינדער. נאָך נאַכטמאָל איז ער אַוועק צו אַ שכן, אַ קירזשנער. מ'האָט דאָרט געשפּילט אַ זעקס־און־זעכציק ביז שפּעט אין דער נאַכט. באַשעלע האָט געהאַט אָנגעגאָסן צופֿיל בוימל אין חנוכּה־לעמפּל. אָן איינציק קנייטל האָט נאָך געצאַנקט, געשפּריצט. באַשעלע האָט געריבן קאַרטאָפֿל אויף אַ ריב־אייזן, אָנגעגאָסן אויף דער פֿאַן אייל. די קיך איז פֿול געוואָרן מיט ריחות און צישעניש. באַשעלע האָט וויפֿל מאָל זיך געבעטן, מ'זאָל אַריין אין מיטל־שטוב. אָבער דאָס געזינדל האָט ליב געהאַט די היימישקייט פֿון פֿייער. מאַניעק, דער אויסגעגעבענער זון, אַ בוכהאַלטער אין אַן עסיק־פֿאַבריק, איז געזעסן אויפֿן בעטל, וואו ס'זיינען ביינאַכט געשלאָפֿן איפּע און טייבעלע. ס'האָט זיך צו אים געטוליעט ריטאַ, דאָס קליינע ווייבעלע, וואָס האָט אים נישט אָפּגעלאָזט אויף קיין איין מינוט. מאַניעק איז געבליבן אַ פֿאַצעט. די טונקעלע האָר האָט ער פֿאַרקעמט אין אַ שרונט און באַשמירט מיט פּאָמאַדע. פֿון שטייפֿן קראַגן האָט אַרויסגעשטאַרצט אַ שניפּסל מיט אַ דינעם קניפּ, מעשה שוויצער. די הויזן האָט ער פֿאַרהויבן הויך איבער די קנעכלעך, ס'זאָלן נישט קאַליע ווערן די קנייטשן. די שיך זיינען געווען אָפּגעפּוצט מיט אַ גלאַנץ. די שקאַרפּעטן האָבן געהאַט אַ רויט פּאַסיקל. אויפֿן האַנט־געלענק איז געזעסן אַ זייגערל. אויף אַ פֿינגער האָט געלויכטן אַ קידושין־רינגל. אין דער פֿאָדערשטע קעשענע האָט געשטעקט אַ זיידן טיכל. מאַניעק האָט געהאַט אַ נאָמען מיט זיין עלעגאַנץ, לייטישער אויפֿפֿירונג, פֿלייסיקייט אין געשעפֿט. אַ חוץ דעם איז ער געווען אַ טענצער, איינער אין פּראָגע. פֿרויען האָבן ליב געהאַט צו טאַנצן מיט אים טאַנגאָ, אַ שימי, אַ פֿאָקסטראָט. ער האָט נישט אָנגעטראָטן אויף די פֿיס. ער האָט געוואוסט ווען און וואו איינצורוימען אַ סוד. טאַקע דערפֿאַר האָט ריטאַ אים געהיטן. עס איז אַלעמאָל געווען אַ געפֿאַר, אַז מ'עט אים אויסכאַפּן. זי אַליין, ריטאַ, איז געווען קליין, שוואַרץ, דיקלעך, מיט גראָבלעכע ליפּן און קליינע גלאַנצ־

דיקע אייגעלעך. פראגער מיידלעך האבן ביז היינט נישט פארשטאנען, וואס מאניעק האט דערזען אין דער מעצאצע.

— וואס האט זי? — האבן די מיידלעך געטענהט. — נישט קיין פנים, נישט קיין פיגור... אן אנגעשטאפטע ליאלקע!...

שאשע, באשעלעס עלטסטע טאכטער, איז שוין געווען אין פיר־און־צוואנציקסטן יאר. שאשע איז געבליבן א שטוב־מיידל. זי האט נישט געלייענט קיין צייטונג, נישט געוואוסט דעם חילוק צווישן א בונדיסט און א ציוניסט. פון גימנאזיע איז זי ארויס באלד ווי ס'האט זיך אנגעהויבן די מלחמה. זי האט געהאלפן דער מוטער ביים באלעבאטישקייט. איצט איז שאשע געשטאנען אין א געשעפט פון שאקאלאד, אויף דער סענאטארן־גאס. מ'האט פארויסגעזאגט, אז שאשע וועט אויסוואקסן א שיינהייט, אבער עפעס האט איר געפעלט. זי האט געהאט א צו־קינדיש פנימל און א פלאכע ברוסט. זי האט נישט אויפגעהערט שמייכלען, געוויזן חן־גריבלעך. ווען שאשע האט נישט געהאט וואס צו טאן, האט זי נאך אלץ געלייענט אויפן קול די כרעסטאמאטיעס, וואס זי האט שטודירט אין שקאלע: געשיכטעס מיט קעניגן, קיעלעך, וואלד־גייסטער, בערן־טרייבער. אלע מיידלעך אין דער געגנט האבן געהאט פוילישע נעמען, אבער זי איז געבליבן ביים נאמען שאשע. אנשטאט צו וואשן פאר זיך א פאר טריקאטן, אדער אויסצופרעסן א קאפטל, פלעגט זי אויסשערן פון פאפיר אלערליי רייזעלעך, ווי א קליין מיידעלע. באשעלע פלעגט טענהן:

— קוקטץ זי אן! א קינד פון זיבן יאר!...

ס'איז געווען א נס, וואס ס'האט זיך אויסגעפונען פאר שאשען א יונגערמאן. געהייסן האט ער שמעון בענדל. געשטאמט האט ער פון דעם שטעטל דינעוו, גאליציע. שמעון, א יונג א ריז, גלייך ווי א ווירע, מיט א טשופרינע שווארצע האר, א שמאל פנים, א שארפן קין, א הויכן האלדז, האט אלעמאל געטראגן א בלוזע, א זעלנערשן פאס, וויקלשנורן ארום די פיס, א פאר גראבע שיך, די זוילן באשלאגן מיט נעגל, די קנאפלען געשמידט מיט פאדקאוועס. דער פאטער זיינער האט געהאט ערד הינטער דינעוו. שמעון האט געקאנט אקערן, זייען, מעלקן קי, רייטן אויף פערד. אין דער הכשרה־פארם, אין גראכאוו, האט מען אים געזאגט, אז ער האט זיך דארט נישט וואס צו לערנען. ער קאן גלייך עולה־זיין קיין ארץ־ישראל. ער האט בלויז געדארפט ווארטן אויף דעם סערטיפיקאט. ווען נאר ער איז געקומען קיין ווארשע, איז ער גלייך אוועק צו שאשען. ער האט זי געלערנט רעדן העברעאיש מיט דער ספרדישער הברה, זי מיטגענומען אויף חלוצישע פארזאמלונגען. שאשע פלעגט אהיימקומען שפעט ביינאכט, און באשעלע האט זי געפרעגט:

— האסט דיך גוט פארוויילט?

— טאק סאביע...

— וואס האט מען גערעדט?

— פארשידנס.

— ווילסט טאקיש פארן קא' פאלעסטינע?

— פארוואס נישט? ס'איז אונדזער לאנד.

לכּבֿוד חנוכּה האָט שמעון געבראַכט שאָשען אַ מתּנה: אַ זילבערנעם מגן־דוד מיט אַ קייטעלע, צו טראָגן אויפֿן האַלדז. ער איז געזעסן אין קיך אויף אַ ברעג בענקל, נישט אַראָפּגענומען פֿון שאָשען די גרויסע שוואַרצע אויגן, גערויכערט פּאַפּיראָסן, געשוויגן. מאַניעק האָט אויף אים געקוקט האַלב־פֿאַרשנדיק: וואָס זעט דער יונגאַטש אין שאָשען? ער האָט געהאַלטן די שוועסטער פֿאַר אַ נישט־דערבאַקענער. ס׳איז אים געווען אַ חידוש, ווי זי האָט שכל צו פֿאַרקויפֿן שאָקאָלאַד. ריטאַ, מאַניעקס ווייבעלע, האָט געוואָרפֿן אויף שמעונען אייגלעך. זי האָט אים נישט אויפֿגעהערט שטעלן פֿראַגן:

— ס׳איז אמת, אַז דאָס זאַמד אין פּאַלעסטינע איז הייס? זיינען טאַקע די אַראַבער אַזוינע שיינע מאַנסלייט? איז דאָס וואָר, אַז מ׳קויפֿט דאָרט וואַסער אויף דער קוואָרט?

שמעון האָט אויף אַלץ געענטפֿערט מיט געניטשאַפּט. ער האָט אַרויסגענומען פֿון בוזעם אַ מאַפּע, געטייטלט מיטן ווייז־פֿינגער, אָנגעוויזן ווי אַזוי מ׳קען קינסטלעך באַוואָסערן דאָס לאַנד, פֿאַרוואַנדלען מדבריות אין פֿרוכטבאַרער ערד. ער האָט אָנגערופֿן אַ סך העברעאישע נעמען פֿון קאָלאָניעס און קיבוצים. ער האָט גערעדט ווי אַ דאָרטיקער. שאָשע האָט נישט אויפֿגעהערט שמייכלען.

— שמעון, פֿאַרצייל פֿון דעם אַראַבער מיט די זעקס ווייבער!

— צו וואָס? כ׳האָב שוין דערציילט.

— פֿאַרצייל נאָכאַמאָל. מאַמעליו קרוין, ס׳איז אַזוי קאָמיש!...

איפּע, יונגער פֿון שאָשען, איז געבליבן אַ קריפּל. איין פֿוס איז געווען דין ווי אַ שטעקעלע. זי האָט ביז היינט געטראָגן אויף אים אַן אייזערנעם קלאַמער. איפּע איז געווען קליין, שוואַרץ, מיאוס, בייז. די קורצע האָר האָט זי פֿאַרפֿלאָכטן אין אַ גראָב צעפּל. זי האָט געהאַט אַ פּאָסטן אין אַ פֿאַבריק פֿון פּאַטשערקעס. איפּע האָט אַ גאַנצן טאָג אַרויפֿגעצויגן פּערל אויף פֿאָדים. איצט איז זי געזעסן אויף אַ פֿיסנבענקעלע, אויסגעקליבן קרעלן פֿון אַ הויפֿן. דאָס האָט מען איר אַרויסגעגעבן צו טאָן. דאָס שיינדל אין דער פֿאַמיליע איז געווען טייבעלע, אַ מיידל פֿון אַ יאָר פֿערצן. טייבעלע איז געגאַנגען אין פֿינפֿטן קלאַס גימנאַזיע, זיך געחברט מיט נגידישע טעכטערלעך. זי האָט שוין באַצייטנס צוגעגרייט קינדער צום עקזאַמען. טייבעלע איז געזעסן אין דער גרויסער שטוב, אין אַ ריפּסן פֿאַרטוך, געמאַכט די לעקציע. זי האָט געשריבן ציפֿערן, איקסן, איפּסילאָנען. טייבעלע האָט זיך אויסגעטויגט צו מאַטעמאַטיק. זי איז געווען געראָטן אין קאָפּלען. ווען באַשעלע האָט זיך מיט איר געקריגט, פֿלעגט זי טענהן:

— רשע מרושע... ס׳טאַטעלע אויסן אויג!...

ווי באַשעלע איז אַזוי געשטאַנען און איבערגעדרייט אַ לאַטקע אויף דער לינקער זייט, האָט זי דערהערט היימישע טריט. זי האָט אָנגעשפּיצט אַן אויער. ס׳איז נישט געווען חיים־לייב. יענער האָט געטראָטן שווער. עמעץ האָט אָנגעקלאַפּט. ווער קען דאָס זיין? — האָט באַשעלע געטראַכט אַ דערשראָקענע.

— קטאָ־טאַם? ווער איז דאָרט, הע?

מ׳האָט נישט געענטפֿערט. באַשעלע האָט אויפֿגעמאַכט דעם קלאַפּשלאָס, אויפֿגעשפּאַרט די טיר אויפֿן קייטל, געוואָרן בלייך ווי קאַלך. זי האָט שטומער־

הייט גענומען געבן די קינדער צייכנס. מאַניעק האָט זיך אויפֿגעהויבן, אַרויס־גענומען דעם האַקן. ביי דער שוועל איז געשטאַנען קאָפּל. ער איז געוואָרן אין די יאָרן סיי יונגער, סיי עלטער. ער האָט געטראָגן אַ געלן מאַנטל, אַ קאַפּע־ליוש, וואָס איז אַריינגעפֿאַלן אין ווייס, אַ פּאָר געקראַטעטע הויזן, אַ ברוין־גע־קעסטלט העמד, רויטע שיך מיט ברייטע אָפּזאַצן און לאַנגע שפּיצן. צווישן די ליפּן האָט געשטעקט אַ פּאַפּיראָס אָן אַ מונדשטוק. ער האָט געקוקט האַלב־נייגעריק, האַלב־דערשראָקן. באַשעלע האָט געטאָן אַ פּאַטש מיט די הענט.

— אוי, מאַמע!

— חלש נישט, כ׳בין נאָך נישט געשטאָרבן! — האָט קאָפּל אַ זאָג געטאָן אויף זיין קליגערישן שטייגער. — גוטן אָוונט, קינדער!

שאַשע האָט אויפֿגעהערט שמייכלען, באַקומען אַ לאַנג פּנים. איפּע האָט קרום געעפֿנט דאָס זשאַבע־מויל, געוויזן שיטערע שוואַרצע ציין. מאַניעק האָט זיך אָפּגערוקט אויף הינטערוויילעכץ.

— גוטן אָוונט, פּאַפּאַ!

— כ׳זע. דאָס ביסט דו, שאַשע. דאָס איז איפּע. וואו איז טייבעלע?

טייבעלע איז אַריינגעקומען מיט אַ בלייפֿעדער אין איין האַנט און אַ שטיקל מעק־גומע אין דער אַנדערער.

— טייבעלע, דאָס איז דער טאַטע — האָט מאַניעק געזאָגט אויף יידיש.

— טאַק, פּאַזנאַיען (יאָ, כ׳דערקאָן).

ערשט איצט האָט באַשעלע צוריקגעוואונען דאָס לשון.

— אַזוי אַריינגעפֿאַלן... האָסט אַפֿילו ניש׳ געשריבן קאַ׳ קאַרטל!

— כ׳האָב אַליין נישט געוואוסט, אַז כ׳פֿאָר. כ׳בין איינגעזעסן אויף אַ שיף. די לעצטע מינוט. וואו איז חיים־לייב?

מאָדנע, פֿון צערודערונג האָט באַשעלע פֿאַרגעסן ווער ס׳איז חיים־לייב.

— דער פֿעטער איז ביי אַ שכן — האָט מאַניעק זיך אָנגערופֿן.

— אַהאַ. כ׳בין נישט געקומען קיינעם מאַכן קאַ׳ טראָבל. כ׳וויל זען די קינדער.

— פּאַפּאַ, דאָס איז מיין פֿרוי.

ריטאַ איז געוואָרן רויט פֿון קורצן האַלדז ביז די וואָרצלען האָר.

— באַרדזאָ מי פּזשיעמניע... זייער אָנגענומען...

— דאָס ביסטו, מיין שנור? יאָ, ענלעך צו דער פּיקטשור...

— דאָס איז שאַשעס אַ באַקאַנטער!

קאָפּל האָט אָפּגעמאָסטן דעם דינעווער יונג פֿון אויבן־אַראָפּ און פֿון אונטן־אַרויף.

— אַ סאָלדאַט, צי וואָס?

— עך בין נישט קאַ׳ סאָלדאַט. עך בין אַ חלוץ.

— אַ ציוניסט, הע? איר ווילט אונדז אַלע אָפּשיקן קאַ׳ פּאַלעסטאַין?

— נישט אַלע.

באַשעלע האָט אַראָפּגענומען די פֿאַן פֿון דער פּייערקע. זי האָט זיך ערשט איצט דערמאָנט דעם דין, אַז מ׳טאָר נישט בלייבן מיט קיין געגטן מאַן אונטער

אײן דאַך. רויטע פֿלעקן זײַנען איר אַרויס אויפֿן פּנים. זי האָט געטאָן אַ קוק אויפֿן סופֿיט, זיך גענומען אָפּרוקן אין אַ ווינקל.

— אַזוי פּלוצלינג — —

— שרעק דיך נישט, באַשעלע, כ'על דאָ נישט נעכטיקן. כ'שטיי אין האָטעל בריסטאָל.

— טו אויס דעם סאַק. וועסט דיך נאָך פֿאַרקילן...

— נאָ, מ'דאַרף נישט.

קאַפּל האָט אויפֿגעקנעפּלט דעם אויבער־ראָק און ס'האָט זיך באַוויזן אַ געקראַטעטער אָנצוג, וואָס מ'זעט נאָר אין קינאָ. דער קראַגן האָט געהאַט משונה־לאַנגע ראַנדן, דער קראַוואַט האָט אין זיך געהאַט אַ געמיש פֿון רויט, געל, גאָלד.

— עסט אָפּ סאַפּער. איכ'ל ענק נישט שטערן!

— די מאַמעשי מאַכט לאַטקעס, אויף חנוכּה — האָט שאָשע געזאָגט.

— אַהאַ, לאַטקעס. כ'האָב געמיינט, מ'מאַכט דאָס בלויז אין אַמעריקע... וועל, קינדער, דאָ בין איך. אַ געגטער פֿאָטער איז נאָך אַלץ אַ פֿאָטער — — דו, טײַבעלע, האָסט שוין אַוודאי אַלץ פֿאַרגעסן?

— ניין, כ'געדענק. איר'ט געהאַט אַזוינע לאַנגע שטיוול —

— וואָסערע שטיוול? דאָ איז אַלץ ווי געווען. וואָס טוסטו? גייסט אין האַי־סקול?

— זי לערנט זיך אין גימנאַזיע — האָט געענטפֿערט מאַניעק.

— יאָ, גימנאַזיע... דער זעלבער הויף, דער זעלבער מיסט־קאַסטן, דער זעלבער סטרוזש. דער גוי האָט מיך דערקאַנט. פּאַניע קאַפּל, זאָגט ער. ר'איז געוואָרן אַ רעגיולער דזשאַד. כ'האָב אים געגעבן אַ האַלבן דאָלער — — ר'האָט מיר געוואָלט קושן די האַנט.

— ר'איז אַ גרויסער פּיאַק — האָט שאָשע אַרײַנגעוואָרפֿן.

— האָ נו, וואָס זאָל ער טאָן? ביי אונדז האָט מען אײַנגעפֿירט פּראָהיבישאַן, נאָר מ'טוט זיך אַן עצה. ניו־יאָרק איז פֿול מיט שיכּורים — —

קאַפּל האָט זיך אָפּגעהאַקט. די אייגענע רייד האָבן אים פֿאַרוואונדערט. וואָס פּלוידער איך עפּעס? — האָט ער געטראַכט. — וואָס ווייסן זיי? די איפּע זעט אויס שרעקלעך... שאָשע איז נישט געוואַקסן... באַשעלע איז אַן אַלטע ידענע. קאָן דאָס זײַן, אַז זי איז זעקס יאָר ייִנגער פֿון מיר?... אַ קנויל איז אים געבליבן שטעקן אין האַלדז. די טרערן זײַנען אים אָנגעלאָפֿן. ער האָט אינדערגיך אַרויסגעכאַפּט אַ צינד־מאַשינדל און פֿאַרוויכערט דאָס פֿאַרלאָשענע רעשטל פּאַפּיראָס. ער האָט דערביי פֿאַרשטעלט אַ האַלב פּנים...

## 2

קאַפּל איז געבליבן מיט באַשעלען און די קינדער נישט מער ווי איין שעה. ער האָט דערלאַנגט מאַניעקן דרייסיק דאָלער (באַשעלע האָט נישט געוואָלט נעמען קיין געלט) און האָט געזאָגט, אַז ער'ט קומען מאָרגן. ער האָט געגעבן

אַנצוהערעניש, אַז ער וויל זײַן אַליין מיט באַשעלען און די קינדער, אָן דער שנור און אָן שאַשעס יונג, דעם חלוץ. ער איז אַראָפּ מיט די טרעפּ און זיך געלאָזט גיין אויף דער מאַלע גאַס. איידער קאָפּל איז אַוועק קיין אַמעריקע האָט ער געהאַט צוגעזאָגט די אַקסענבערגס, אַז ער׳ט צו זיי שרײַבן בריוו, אָבער מער ווי איין קאָרטל האָבן זיי פֿון אים נישט דערהאַלטן. קאָפּל האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָלנער, אַראָפּגערוקט דעם הוט. לעבט ער נאָך, איזידאָר? און רייצעלע? וואוינען זיי נאָך אין דער אַלטער דירה? אָדער האָבן זיי זיך שוין אַרויסגעצויגן? און וואָס איז געוואָרן פֿון דער בלאָטער פֿרוי, די פֿאַני גאָלדסאָבער? קאָפּל האָט זיך יעדעס מאָל אָפּגעשטעלט, זיך אַרומגעקוקט. נאָך ניו־יאָרק, פּאַריז, בערלין, האָט פּראָגע אויסגעזען ווי אַ קליין שטעטל. ס׳איז ערשט געווען צען אַזייגער, אָבער ס׳איז שוין דאָ געשטאַנען אַ מיטן־נאַכטישע שטילקייט. ווי אויסטערליש, נאָר ער האָט אין די זעקס יאָר אַ סך פֿאַרגעסן. ס׳זײַנען אים געהאַט אַרויס פֿון זין די גאַז־לאַמטערן, די רינשטאָקן, די טעלעפֿאָן־ביידלעך, וואו מ׳האָט געקלעפּט אַפֿישן פֿון טעאַטער און דער אָפּערע. אויף אַ טיר האָט געהאַנגען אַ שילד פֿון אַ מאַנגל. ס׳האָט געדויערט אַ ווײַל ביז קאָפּל האָט זיך דערמאָנט, אַז דאָס איז אַ מאַשין אויסצוגלײַכן וועש. זע נאָר, מ׳וואוינט נאָך אַלץ אין קעלער־שטובן! אין פּאַציאַטעס! וואו האָבן זיך גענומען אַהער אַזויפֿיל פלויטען? פֿאַרוואָס שטייען עפּעס אין די פֿענסטער פֿלעשלעך מיט גלעזלעך? קאָפּל איז פֿאַרביי אַ האַלב־חרוב הויז, דער טינק אָפּגעריסן, די ציגל־רויטע ווענט אָנגעשפּאַרט אויף קלעצער. אין די באַלויכטענע פֿענסטער האָט מען געזען וועש הענגען אויף שטריק. אין ניו־יאָרק וואָלט אַזאַ געביידע געווען קאָנדעמנד...

דער סטרוזש האָט שוין געהאַלטן ביי פֿאַרמאַכן דאָס טויער פֿון דעם הויז, וואו די אַקסענבערגס האָבן אַמאָל געוואוינט. קאָפּל האָט אים דערלאַנגט אַ זילבערנע מטבע.

— וואוינען נאָך דאָ די אַקסענבערגס?

— טאַק, פּאַניע...

— זיי לעבן ביידע?

— און דער פּאַן פֿון וואַנען איז?

— איך קום פֿון אַמעריקע.

דער סטרוזש האָט אַראָפּגענומען דאָס שעפּסענע היטל, אַ קראַץ געטאָן אין פּליך־קאָפּ, צוריק אָנגעטאָן.

— טאַק, זיי לעבן. דער פּאַן איזידאָר איז קראַנק.

— וואָס איז אים?

— אָט...

און דער גוי האָט מיטן גראָבן פֿינגער אָנגעוויזן האַלב־אויפֿן האַרץ, האַלב־אויפֿן קאָפּ.

— וואוינט נאָך דאָ דער פּאַן קרופּניק?

— יאָ, פּאַניע, אַ שטאַק העכער.

דער סטרוזש האָט געהאַלטן אַ קעסטל מיט פֿאַררויכערטע נאָפּט־לעמפּלעך.

אין טויער איז געשטאַנען אַ טאַפּטשאַן. ס׳איז אויף אים געווען אויסגעשפּרייט אַ שאָפֿענער פּעלץ. נעבן אַ קודלאַטן הונט איז געלעגן אַ לאַנגער הילצערנער פֿייפֿער, אַזוינעם ווי עס נוצן פּאַסטוכער.

— וואָס הערט זיך דאָ? שלעכט?

— קעפּסקאָ (זייער שלעכט)! אַז די לאָקאַטאָרן זיינען אַלע אָרעם, וואָס האָט דער דאָזאָרצע (וועכטער)? שטייערן צאָל זיי נאָך, די פּאַנעס!

קאַפּל האָט געשאָנקען דעם ערל נאָך אַ מאַרק. ער איז פֿאַרביי דעם מיסט־קאַסטן, אַן אויסגעשפּאַנטן לייטער־וואָגן מיט אַן אויפֿגעהויבענעם דישעל, אַן אָפּטריט, וואו די טיר איז געווען באַשמירט מיט פּעך. ס׳האָט זיך פֿון דאָרט געטראָגן אַ געשטאַנק, וואָס האָט קאַפּלען פֿאַרכאַפּט ביי דער נאָז. קאַפּל האָט געדענקט, אַז די אָקסענבערגס וואוינען אויפֿן צווייטן שטאָק, נאָר ער האָט זיך נישט אָריענטירט, צי מ׳רעכנט אַריין דעם פּאַרטער. אַזאַ חשכות איז גאָר נישט געמאָלט אין אַמעריקע! — האָט קאַפּל געטראַכט. — דאָס קאָן נאָר זיין אין יוראָפּ... ער האָט אָנגעקלאַפּט, אָפּגעוואַרט. ס׳האָבן זיך דערהערט טריט. מיט אַמאָל האָט קאַפּל דערזען אַ ריזיקע מאַסע פֿלייש. ס׳איז געווען רייצעלע. די יידענע איז אין די יאָרן געוואָרן צוויי מאָל אַזוי דיק. איר קערפּער האָט פֿאַרשטעלט דעם אַריינגאַנג.

— רייצעלע!

— אַ בראָך איז צו מיאָר, קאַפּל, — האָט רייצעלע געטאָן אַ כאָרכל.

רייצעלע האָט אויסגעשטרעקט צוויי משונה־גראָבע אָרעמס, אַ צי געטאָן קאַפּלען צו זיך מיט דעם כּוח פֿון אַ ריז, אים געקושט, געבילט. דערנאָך האָט זי אים האַלב־געפֿירט, האַלב־געטראָגן לענג־אויס דעם קאָרידאָר צו דער מיטל־שטוב. קאַפּל האָט דערזען אַ טיש, קאָרטן, באַקאַנטע פּנימער: דאָוויד קרופּניק לעאָן דער גייער, איטשעלע פּעלצעוויזנער, דער געלער מאָטיע. אויבנאָן איז געזעסן די פֿרוי גאָלדסאָבער און נאָך עפּעס אַ ווייבל, וואָס קאַפּל האָט נישט געקאָנט. ס׳זיינען דאָ געווען נאָך צוויי אומבאַקאַנטע מאַנסלייט. דאָוויד קרופּניק איז געוואָרן דיק און גרוי. לעאָן דער גייער האָט געהאַט גרויע האָר און אַ געל פּנים. דער געלער מאָטיע האָט געהאַט אָפּגעגאָלט דאָס קמץ־בערדל. די פֿרוי גאָלדסאָבער איז געוואָרן פֿעטער. יאָ, ס׳איז דאָ אויך געווען צילקע, דער פּאַני אָקסענבערגס טאָכטער. רייצעלע האָט געטאָן אַ פֿליאַסק מיט די הענט.

— מענטשן! קאַפּל!

— ווי עץ זעט מיך אַ לעבעדיקן, קאַפּל! — האָט דער געלער מאָטיע געשריגן.

— אַראָפּגעפֿאַלן ווי פֿון הימל! — האָט געזאָגט דאָוויד קרופּניק אַ דער־שטוינטער.

— אַן אמתער אַמעריקאַנער! — האָט איטשעלע פּעלצעוויזנער גערופֿן.

— נו, וואָס שטייסטו ביי דער טיר? — האָט לעאָן דער גייער געפֿרעגט.

— ס׳פּאַסט דיר שוין מיט אונדז ניש׳ צו רעדן?

ער איז אָקעגנגעגאַנגען קאַפּלען, זיך מיט אים צעקושט. איטשעלע פּעל־

צעוויזנער האָט זיך אויך געוואָלט קושן, נאָר ער האָט פאַרגעסן אַרויסצונעמען דעם פּאַפּיראָס פון מויל. ער האָט קאַפּלען שיער נישט אָפּגעבריט די נאָז. צילקע האָט זיך צעקושט מיט קאַפּלען שטומערהייט. קאָפּל האָט דערזען, אַז זי איז אָנגעטאָן אין שוואַרצן.

— וואו איז ערגעץ דיין מאַן ?

צילקע האָט זיך צעוויינט.

— אויף דער גענשע גאַס.

— ווען ? ווי אַזוי ?

— שוין דריי חדשים. אַ טיפוס.

— ס'האָט זיך אויף אונדז אויסגעגאָסן יענער צאָרן ! — האָט רייצעלע געשריגן מיט אַ הייזעריק קול. — ער איז אויסגעגאַנגען, ווי אַ הינדל ! כ'האָב מיך, נעבעך, געבעטן ווי ביי אַ גזלן, שלעפּטן עים נישט אַוועק קאַ' טשיסטע. מ'סמט דאָרט מענטשן. אַזוי ווי מ'האָט אים אַריינגענומען, איז ער געוואָרן ברוין־און־בלוי. שוויגער, זאָגט ער, כ'בין פאַרביי. אַזאַ יונגער בוים ! האַלב וואַרשע איז געווען ביי דער לוויה...

— מאַמעשי, גענוג !

— וואָס זאָג יאָך ? האָסט אונדז אַפילו ניש' געשריבן קאַ' בריוו. אַוועק אין דעם אַמעריקע און אויס ! מ'וואָלט דיך געדאַרפט אַוועקלייגן, קאָפּל, און דיר אַריינפּיצקען, אַז זאָלסט האָבן צו געדענקען ! פע !...

— וואו איז איזידאָר ?

— ער ליגט, ניש'־פאַר־דיר־געדאַכט, בייזאַמען. ווערסט אים אָסור ניש' דערקאָנען. נו, וואָס שטייסטו ? זעץ דיך אַנידער. צילקע, ברענג אַריין עפּעס צו עסן.

— כ'בין נישט הונגעריק.

— ביי מיאַר מוז מען זיין הונגעריק ! דאָס איז מיין פרנסה. כ'האָב אָנגע־הויבן קאָכן מיטאָגן. ס'איז ביי מיר אַ היימישע רעסטאָראַציע. פרעגסט דיך אַפילו נישט אויף רעגינען !

— וואָס טוט זי ?

— וואָס טוט אַ מיידל ? זי'ט חתונה און ווערט אַ ווייבל. אוי, קאָפּעלע, וואָס איז דאָס פאַר אַ מדינה, דאָס אַמעריקע ? מ'פאָרט אַוועק און מ'פאַרגעסט אַלץ. זיי מוזן דאָרט האָבן קאַצענע קעפּ !

— זאָגט אונדז בעסער וואָס מאַכט איהנס פרוי ! — האָט זיך אָנגערופן די געוועזענע פרוי גאָלדסאָבער און די איצטיקע פאַני קרופּניק. קאָפּל האָט אויף איר געוואָרפן אַ זייטיקן קוק.

— לאה איז איצט אין פאַריז.

— אין פאַריז ? גאָטעניו ! וואו מענטשן שפּאַרן־אָן ! זי קומט אַהער ?

— יאָ, אין צוויי וואָכן אַרום.

— ווי לאָזט מען עפּעס איבער אַ ווייב אין פאַריז ? זי ווילן אפשר נעמען אַ קאָרט ? מיר שפּילן אין אָקע.

— וואו איז איזידאָר ? — האָט קאָפּל געפרעגט רייצעלען.

— זעטץ נאָר, ר׳האָט זיך פֿאַרבענקט! גיי אַריין דערינען. ער׳ט דיר דערציילן טויזנט מעשיות, נאָר ס׳איז אַלץ ליגנס. ער ליגט און טראַכט זיך אויס פֿאַנטאַזיעס. ר׳האָט ניש׳ וואָס צו טאָן. וואָס בין יאָך שולדיק, אַז ער איז געליימט? כ׳האָב עים אַלע יאָרן געוואָרנט. איזידאָר, זאָג יאָך, אַ מאַנסביל איז אויך ניש׳ פֿון אייזן. ער פֿלעגט אויפֿשטיין דריי אַזייגער פֿאַרטאָג און זיך גע־מען צום פֿלעשל, ניכטערערהייט. כ׳האָב מורא געהאָט, ר׳עט זיך פֿאַרברענען די קישקעס, נאָר ס׳מילעאָר איז אַריין אין די פֿיס. ווען מיר וואוינען אין דער נידער, זעצט מען אים אַריין אין אַ וועגעלע און מ׳פֿירט אים אַרויס שפּאַ־צירן, אָבער טאַשטשען אים איבער די שטיגן האָב יאָך ניש׳ קאַ׳ כּוח. ס׳האַרץ איז מיר, ניש׳ פֿאַר דיר געדאַכט, פֿאַרוואַקסן מיט שמאַלץ. יאָך בין אַ חרוב מענטש!...

— מאַמעשי, הער שוין אויף! — האָט צילקע געזאָגט שטרענג.

— זעטץ נאָר ווי זי לערנט מיך! וואָס ציטערסטו? קאַפּל קאָן מיך גאַנץ גוט, כאָטש ער וואוינט אין נעוו־יאָרק. מ׳זאָגט, ביסט דאָרט געוואָרן אַ גביר־אַדיר. אַן אַמעריקאַנער מיליאַנטשיק!

— ס׳האָט מיר דאָ אויך גאָר ניש׳ געפֿעלט.

— פֿאָרט, דאָ ביסטו געוועזן אַ משרת... ס׳איז טאַקע אמת, אַז גאָלד וואַלגערט זיך דאָרט אין די גאַסן?

— שור. מ׳שאַרט מיט לאָפּאַטעס...

— אוי, ווי מיר׳ן דיך דאָ מקנא געוועזן! ס׳איז געוועזן יענץ מלחמהלע! מענטשן זיינען אויסגעגאַנגען ווי די ליכט. די דייטשן — אַ בראַנד אין זייערע הערצער — זיינען איידעלע לייט. ביטע, קאָממען זי אויפֿן שטריקל... ביטע, קראַפּירען זי... אַלץ האָט מען צוגעטיילט אויף קאַרטן. געבאַקן האָט מען דאָס באָנע־ברויט מיט קאַשטאַנעס. שווער ווי ליים. מיר זיינען געזעסן אַ גאַנצן ווינטער און געגעסן געפֿרוירענע קאַרטאָפֿל. פּאַסנע, אָן ריישעכץ. זיס ווי צוקער. קאַ׳ צוקער איז גראָד ניש׳ געוועזן. מ׳האָט אַריינגעטאָן סאַכאַרין. נו, האָבן זיך אָנגעהויבן די קרענק. טייל זיינען געוואָרן געשוואָלן. יאָך האָב אָנ־געוואוירן דרייסיק פֿונט מיט איין קנאַק. די האַלקע איז פֿון מיר אַראָ׳געפֿאַלן. צילקע איז געוואָרן אַ שמוגלערין.

— מאַמעשי!

— אַ סוף. מ׳טאָר גאָר ניש׳ זאָגן. די אייער זיינען קליגער פֿאַר די הינער. נו, גיי אַריין צו איזידאָרן, נאָר בלייב נישט דאָרט זיצן. קאַפּעלע קרוין!...

קאַפּל איז אַריין אין שלאָף־שטוב. ס׳האָט דאָרט געברענט אַ קליין לעמפּל. איזידאָר איז געלעגן אויפֿן בעט גלייך אויסגעצויגן, מיט אַן אָפּגעצערט פּנים, געל ווי וואַקס. די וואָנסן זיינען מער נישט געוועזן פֿאַרדרייט, נאָר געוואַקסן ווילד. איין אויג האָט ער האַלב־צוגעמאַכט, דאָס אַנדערע האָט געקוקט ברייט אָפֿן, אין איין פּינטל. אויף דעם נאַכט־טישל איז געלעגן אַ טאַליע קאָרטן און ס׳איז געשטאַנען אַ סלוי אַריינצושפּייען, ווי מ׳זעט דאָס צומאָל ביי שווינד־זיכטיקע. קאַפּל האָט זיך פֿאַרהאַלטן ביי דער טיר.

— גוטן אָוונט, איזידאָר!

— גוט יאָר — האָט איזידאָר געענטפֿערט מיט אַ קול פֿון אַ געזונטן.

— דו דערקענסט מיך?

— ווי אַ בייזן שילינגער.

קאַפּל האָט זיך צעלאַכט.

— דאַנקען גאָט, דערקענסט נאָך אַ מענטש.

— וואָס מיינסטו, כ׳בין משוגע? ווען ביסטו געקומען?

— היינט.

— גלייך פֿון אַמעריקע?

— כ׳האָב אָפּגעטראָטן אין פּאַריז.

— האָסט דיך שוין געזען מיט דיין משפּחה?

— יאָ.

— ביסט ניש׳ קאָ׳ יאָלד. איך, ברודער, ליג אַ צוזאַמענגעלייגטער. מ׳גיט מיר אַפֿילו ניש׳ קאָ׳ן עסן.

— ווי איז דאָס מעגלעך?

— שוויג. שענק מיר אַ פּאָר טאָלער. יאָך בין דאָ אַ פֿרעמדער. מ׳קוקט שוין אויס, יאָך זאָל צומאַכן אָן אויג. וואו איז דעם מושקאַטס טאָכטער? כ׳מיין, דיין ווייב.

— זי איז אין פּאַריז.

— וואָס טוט זי אין פּאַריז?

— זי איז געקומען מיט די קינדער. זיי ווילן זען פּאַריז.

— אַהאָ. דיין ווייבל האָט דאָ חתונה געהאַט מיט אַ קוילן־הענדלער.

— כ׳ווייס.

— כ׳בין אַ געזונטער מענטש, נאָר כ׳האָב ניש׳ קאָ׳ פֿיס. ווען כ׳האָב צו באַצאָלן, לאָז איך זיי אָפּשניידן און קויף מיר אַ פּאָר קוליעס. וואָלט מיר געווען ווײלער. ווען ניש׳ די חברה, וואָלט יאָך שוין לאַנג געפּוילט. מ׳קומט אַריבער יעדן שבת און דינסטיק. ס׳איז ביי זיי אַזאַ תקנה. אַנומלט האָבן זיי געברענגט אַ בריסטל, נאָר רייזעלע האָט עס אונטערגע... מ׳לאָזט מיך ניש׳ טאָן קאָ׳ טרונק בראָנפֿן. כ׳ליג אַ גאַנצע טאָג און קוק אויפֿן בעליק. ס׳קומען מיר פֿאַר אַלערליי געדאַנקען. נו, ביסט כאָטש צופֿרידן, האַ?

— ניין.

— וואָס איז? זי שטייט אין גרויסן?

— אַלץ צוזאַמען.

— דאָלאַרן האָסטו?

— ווי שטרוי.

— נו, ניש׳ געפֿערלעך. גיי ברענג מיר אַ פֿלאַש שנאַפּס.

— יאָ, באַלד.

— מ׳עט פֿאַרמאַכן די שענק. אַ האַלבע חברה האָט זיך אַוועקגערוקט. ס׳איז צוגעקומען נייע מיטגלידער. איזידאָר־אַהין, איזידאָר־אַהער, נאָר כ׳קאָן ניש׳ קאָ׳ פּנים. סטאַטקעס איינס ביי איינס. פֿרייטיק־צו־נאַכטס קומט מען שוין ניש׳ דאַווענען. נישטאָ מער קאָ׳ גבאי, נאָר אַ פּרעזעס. מ׳שיקט שטיצע קאָ׳

פּאַלעסטינע. סיי־ווי, ס׳איז געפֿאַנגפֿעט. שלעפּסט זיך נאָך אַרום מיט נקבֿות?

— דאָס מין פֿעלט נישט אין אַמעריקע.

— וואָדען? דו האָסט מזל! כאַפּ אַריין, ברודער. אין מיין הייט קאָן מען שוין גאָר ניש׳ אויפֿטאָן...

## 3

ווען קאָפּל האָט זיך אומגעקערט אין דער מיטל־שטוב, האָט מען מער נישט געשפּילט קיין קאָרטן. דאָס פּעשל איז געלעגן נישט גערירט אויפֿן טעלערל מיט איינשטעל־געלט. מ׳האָט, אַפּנים, געשמועסט וועגן אים, קאָפּלען, ווייל ווען ער איז אַריין, זיינען אַלע געוואָרן שטיל. קאָפּל האָט ערשט איצט דערזען דאָס געזינדל. דאַוויד קרופּניק איז געוואָרן גראָב, מגושמדיק, קליין, אַשטייגער ווי ער וואָלט געוואַקסן אַראָפּ. ברעמען האָט ער געהאַט געדיכטע. די קאַרטאָפֿל־נאָז איז פֿול געווען מיט ווייַנפּערלעך. קאָפּל האָט געדענקט איטשעלע פּעלצע־ווייזנער פֿאַר אַ הויכן, נאָר ער איז גאָר געווען גידעריק און ברייטבייניק. די האָר זיינען אים אויסגעקראָכן פֿון פֿאָרנט און ס׳זיינען געבליבן בלויזן צווישן די פּאַסמעס, ווי ביי אַ פּאַרד. אויף דער לינקער באַק איז אָנגעוואַקסן אַ וואָרצל. דעם געלן מאַטיעס פּנים איז געווען געשטופּלט און אין מויל האָט געלויכטן אַ שורה גאָלדענע ציין. די פֿרוי קרופּניק איז געוואָרן קיילעכדיק און באַקומען אַ גוידערל און אַ צו־הויכע ברוסט. לעאָן דער גייער האָט אויסגעזען אָפּגעצערט און מסוכן־שלאַף. קאָפּל האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט נאָך מיט יאָרן צוריק געליטן אויף אַ געשוויר אין מאָגן. גלייך אַזוי פֿאַרענדערט איז קאָפּלען פֿאַרגעקומען די שטוב. די ווענט זיינען געווען אָפּגעריסן. פֿון די אָפּגעריבענע ברעטער אין דיל האָבן אַרויסגעשטאַרצט נעגל־קעפּלעך. די פֿאָרהאַנגען אויף די פֿענסטער האָבן נאָכגעהאָנגען צעריסענע און פֿאַרשטויבטע. די פֿאַני קרופּניק האָט אַרויסגענומען דאָס פּאַפּיראָסל פֿון צווישן די ליפּן.

— פֿאַניע קאָפּל, וואו גייען זי? זי אַנטלויפֿן שוין?

— כ׳גיי קויפֿן אַ טרונק בראָנפֿן פֿאַר איזידאָרן.

רייצעלע האָט זיך אַ הויב געטאָן פֿון געזעס.

— כ׳האָב באַלד געוואוסט. אַזאַ פּיאַק! ס׳קומט נאָר אַריין אַ מענטש און ער נעמט אים גלייך אויפֿן זיכער! קאָפּל, זאָלסט אַזוי לעבן מיט מיר צוזאַמען, ווי ס׳איז אַ עבֿרה... ס׳גאַנצע אומגליק קומט דאָך דערפֿון!

— ער׳ט שוין קראַנקער ניש׳ ווערן!...

— וואַרט, לויף ניש׳. כ׳האָב בראָנפֿן אין שטוב. אַזאַ אַלטער בעל עבֿרה־ניק!... זיץ אַ מינוט. עלעהיי ביסט אין שענק...

— דער פֿאָן קאָפּל שעמט זיך מיט אונדז פּענטאַקעס — האָט די פֿאַני קרופּניק אַריינגעוואָרפֿן.

— כ׳שעם זיך? גאָט באַהיט, כ׳בין געקומען זיך מיט אייך זען.

— מיט מיר?

— מיט אַלעמען.

— וואָס הערט זיך אין אַמעריקע? ס'איז אמת, אַז מ'קריכט מיטן קאָפּ אַראָפּ און די פֿיס אַרויף?

— אַז מ'וויל, קאָן מען. ס'אַ פֿרייע קאָונטרי!...

— זעטץ נאָר, ער שפּרעכט ענגליש. ס'פּאַסט איהן מער ניש' צו רעדן מאַמע־לשון?

קאָפּל האָט אויף איר געוואָרפֿן אַ בייזן בליק, נישט געענטפֿערט.

— וואָס מאַכסטו, לעאָן?

לעאָן דער גייער האָט זיך געטאָן אַ פּאַטש איבערן שטערן.

— כ'האָב געמיינט, האָסט שוין פֿאַרגעסן ווי כ'הייס. וואָס זאָל מען מאַכן? אַז פּוילן איז אַ מדינה, בין יאָך אַ קייסער. יאָך האַנדל מיט צירונג און מענטשן דאַרפֿן ברויט. ס'איז הייגט דאָ איין סחורה: דאָלאַרן. מ'רופֿט עס לאָקשן. פֿאַרן דאָלער קאָנסטו אָפּקויפֿן ס'טעלערל פֿון הימל. אַדרבא, אפֿשר ווילסטו מאַכן אַ מסחר? ס'איז געקומען אַהער אַ רביצין און פֿאַרקויפֿט טייערע אַנטיקן. דער מאַן איז אַ רבי אין גאַליציע. כ'האָב שוין פֿאַרגעסן ס'שטעטל. סיי־ווי, כ'האָב אַ העלפֿאַנטביינערן הענטל מיט בריליאַנטן אין די נעגל. איטאַ־ליענישע אַרבייט. ווער ס'איז באַהאָוונט, ווייסט. ס'האָט געמוזט אָפּקאָסטן אַן אוצר. כ'זאָל דיר זאָגן וואָס זי טוט, וואָלסטו דיך אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ.

— וואָס טוט זי?

— ס'איז מיר אַ שאַנדע פֿאַר די פֿרויען. זי איז אַ רויטע. מ'זאָגט, באשר זי איז אַ רוסישע שפּיאָנקע. אַ ווייבל פֿייער און פֿלאַם. אַ פּיסקל אויף שרויפֿן. רעדט פּויליש ווי אַ וואַסער. די פּאָליציי זאָל זיך גישט כאַפּן, אַז ס'קומען אָפֿי־צירן, האָט זי אַרויסגענומען אַ פּאַזוואָלעניע אויף אַ הייזל — —

— פֿע, לעאָן, וואָסערע מעשיות זי דערציילן! — האָט די פּאַני קרופּניק זיך אָפּגעשאָקלט.

— וואָס זאָל יאָך טאָן? אַזוי האָב יאָך עס געקויפֿט און אַזוי פֿאַרקויף יאָך עס. מ'האָט זיך, אָפּנים, געכאַפּט אויף דעם פֿאַרטל. זי באַהאַלט איצט זיך אויס. ווען מ'פּאַקט זי, גיט מען איר אַ קניידל. גראָד קאָן מען מיך און מ'האָט מיר געגעבן אויף פּראָוויזיע די גאַנצע סחורה. זי'ט זיך אַריבערפּעקלען קאַ' רוס־לאַנד. אויב דו ווילסט קויפֿן דיין ווייב אַ מתנה, קאָנסטו קריגן יענע מציאה.

— האָסט עס ביי דיר?

— כ'קאָן מערטשישעם־מאָרגן ברענגען. ווי גייט עס דיר, קאָפּל? זאָ'מיר אַזוי ביידע זיין געזונט, ווי מ'האָט גערעדט פֿון דיר יעדע נאַכט. קאָפּל שווייגט! ס'האָבן אָנגעהויבן אָנקומען בריוו און פֿון דיר — לא יזכר ולא יפקד. הערטץ מיך אויס, זאָג יאָך, מ'פֿאַרגעסט ניש'. נאָר וואָדען? אין קאָלומבוסעס מדינה האָט מען ניש' קאַ' צייט. כ'האָב געקאָנט אַ פֿרוי, האָט זי געהאָט איין זון, אַ שמוקלער. געוואוינט האָט זי אויף דער באָניפֿראַטן גאַס. טאַקע אַקעגן משו־געים־הויז. קורץ און גוט, דער יונג פֿאָרט אַוועק קאָ'ן ניו־יאָרק און ווי אין וואַסער אַריין. ס'אַוועק צען יאָר און שאַ. די מאַמע האָט עים באַוויינט ווי אַ טויטן. מיט אַמאָל קומט־אָן אַ שיפֿסקאַרטע און אַ מאַטניע מיט גאָלד. ר'האָט שפּעטער אַראָפּגענומען אַ האַלבע משפּחה.

— פֿאַרוואָס־זשע האָט ער געשוויגן צען יאָר? — האָט דער געלער מאַטיע געפֿרעגט.

— גיי פֿרעג עים.

— ס'איז אמת, מאַטיע — האָט קאַפּל געזאָגט. — אַז מ'קומט אַראָפּ קאַ'ן אַמעריקע, ווילט זיך נישט שרייבן. די האַנט לייגט זיך נישט. ס'דוכט זיך דיר: ביסט אויף אַן אַנדער וועלט.

— יאָך וואָלט געשריבן אַפֿילו פֿון יענער־וועלט.

— אַזאַ שרייבער ווי דו...

— ווייסט, קאַפּעלע, עפּעס ביסטו געוואָרן גאָר אַן אַנדערער — האָט רייצעלע אַ זאָג געטאָן נאָך אַ קווענקלעניש.

קאַפּל האָט זיך אָנגעשפּיצט.

— וואָס בין איך געוואָרן?

— כ'ווייס נישט. ניש' דער אייגענער, טאָקע ווי פֿון יענער־וועלט. עפּעס אַזוי אַלט. וואָס איז? מ'אַרבעט אַזוי שווער?

— מ'איילט זיך. וואָס איר דאָ טוט אין אַ שטונדע, טוען מיר אין אַ מינוט.

— וואָס איז ס'האָוועניש? מ'שטאַרבט דאָרט אויך.

— ענד האַו...

— זעטץ נאָר, דו רעדסט מיט דיין ווייב ענגליש?

— יאָ. ניין. וואָס האָב איך געזאָגט?

— יאָך ווייס וואָס? האַו־האַו. אַ גאַנצער טערק. פֿלעגסט זיין אַמאָל אַ לעבעדיקער יונג, כאָטשבי אַ פֿאַרביסענער ביסטו געווען אַלעמאָל. נו, וועסט דיך אויסטשוכען. וואו שטייסטו איין?

— אין האָטעל בריסטאָל.

— מאַמעלעך מיינע, האָסט געמוזט מאַכן יענע אַפּותיקי...

קאַפּל האָט געשוויגן.

— פֿון ערלעכער אַרבעט ווערט מען אין אַמעריקע אויך נישט רייך — האָט איטשעלע פעלצעוויזנער אַריינגעוואָרפֿן.

קאַפּל האָט אויף אים געטאָן אַ פֿינסטערן בליק.

— דו ביסט ערלעך?

— וועמען קאָן יאָך באַגנבענען? סיידן מיינע פֿערד!

— העי, מאַנסלייט, מ'עט זיך נאָך דאָ קריגן אויך — האָט רייצעלע זיך אַריינגעמישט. — צילקע, גיי קראַנטער אַריין מיט קאַפּלען אין קיך און קלייב אויס אַ גוטע פֿלאַש בראָנפֿן. אַז דיין טאַטן איז ליב, איז מיר ניחא —

— אפֿשר וויל דאָ עמעץ אַ שנאַפּס? — האָט קאַפּל געפֿרעגט. — איכ'ל פֿונדעווען.

דאָוויד קרופּניק, וואָס האָט ביז איצט נישט אויסגערעדט קיין וואָרט, האָט אַ הויב געטאָן די אַקסלען.

— מיר זיינען דערוויל ניש' קאַ' שיכּורים — —

— גיי צילקע. שעמען מעגט עץ ענק, ווי עץ נעמט אויף אַ גאַסט. באַליי־

דיק דיך ניש׳, קאַפּעלע. ס׳איז אַלץ פּיסק־מלאכה. מ׳פאַרגינט דיר ניש׳, וואָס דו ביסט אַן אַמעריקאַנער —

קאַפּל האָט פאַרצויגן די ברעמען. ער האָט געוואָלט זאָגן עפּעס שאַרפס, נאָר ר׳האָט זיך איינגעהאַלטן. ער איז אַרויס מיט צילקען. אין קאָרידאָר איז געווען פינסטער. ס׳האָט געשמעקט מיט גאַז און פאַרלעגן גרעט. צילקע האָט אים אָנגענומען ביים אָרעם.

— פאַוואָליע, זאָל קאַפּל נישט פאַלן... אַזוינע גרוביאַנעס! קאַפּל האָט אפשר אַ זאַפּאַלקע?

— אַ מעטש? יאָ.

— מ׳דאַרף ניש׳. כ׳זע אין דער פינסטער. זיי קריגן דאָס פלאַץ. פאַרוואָס קאַפּל וואוינט אין האָטעל בריסטאָל. קאַפּל בלייבט לאַנג אין ווארשע?

— אַ מאָנאַט.

— כ׳וואָלט געוואָלט מיט קאַפּלען עפּעס רעדן, נאָר נישט דאָ. אַלע הערן זיך אונטער.

— זאָל צילקע קומען צו מיר אין האָטעל.

— ווען?

— אַפילו היינט ביינאַכט.

קאַפּל האָט זיך דערשראָקן פאַר די אייגענע ווערטער. וואָס טוט זיך מיט מיר? — האָט ער געקלערט. — זי׳ט מיך נאָך פּאַטשן... צילקע האָט נאָך אַ קווענקלעניש אָפּגעלאָזט זיין האַנט.

— כ׳קאָן זיין ביי קאַפּלען מאָרגן. ווען קאַפּל וויל. באַטאָג, צי באַנאַכט.

— זאָל זיין באַנאַכט.

— וויפל אַזייגער?

— אַזייגער צען.

— כ׳האָב פאַרגעסן איהנס צונאָמען.

— קאַפּל בערמאַן. צוויטנס, כ׳על וואַרטן אינדרויסן, נאָר זאָל צילקע ניש׳ זיין שפּעט.

— יאָכ׳ל קומען פּינקטלעך. — — דאָ האָבן זי דעם בראַנפן. זעען זי, דער טאַטעשי זאָל זיך נישט צופיל אָנזויפן.

— ס׳עט זיין אָל־ראַיט.

קאַפּל האָט אָנגענומען מיט איין האַנט די פלאַש אָקאָוויט, מיט דער אַנדע־רער האָט ער אַרומגענומען צילקען ביי דער טאַליע, זי צוגעבויגן צו זיך, גע־טאָן איר אַ קוש אין די ליפּן. צילקע האָט צוריקגעקושט. זיינע קני האָבן זיך אָנגעשטויסן אָן אירע. יאָ, מ׳דאַרף האָבן חוצפּה! — האָט קאַפּל געטראַכט. — מ׳טאָר נישט זיין קאָ׳ פריי ער... זאָל לאה דאָרט ליגן אין פּאַריז וויפל זי וויל...

קאַפּל און צילקע האָבן זיך אומגעקערט. די פּאַני קרופּניק האָט געקוקט אַ נייגעריקע, אַ האַלב־לוסטיקע, מיט פאַרשאַרצטע ליפּלעך, ווי זי וואָלט באַ־נומען, וואָס ס׳איז פאָרלאָפן. רייצעלע האָט מיט אַ גרייצער אַרויסגעצויגן דעם קאָרק, צוגעגרייט צוויי קעלישיקלעך און קעז־קוכן צוצובייסן.

— קאַפּעלע, נעם דאָס מיט. לאָז עים ניש׳ אויסכלאַיען ס׳גאַנצע פֿלעשל.

— — קום צוריק אַראָן. מ׳מיינט ניש׳ קאָ׳ שלאַכטס. אונדז זע׳מיר אַלע ווי איין משפחה.

קאַפּל איז אַריין אין שלאָף־שטוב. איזידאָר האָט געהאַט אָנגעדרייט די וואַנסן און פֿאַרגלעט מיט שפּייעכץ. ער האָט אונטערגעהויבן דעם קאָפּ, געקוקט אויף׳ קאַפּלען מיט אַ שאַרפֿן בליק.

— ביסט דאָ ? זעץ דיך. כ׳האָב שוין געמיינט, מ׳האָט דיך פֿאַררעדט. שיין דערלעבט ! אַ באַנדע שונאים, ס׳אייגענע בלוט און פֿלייש ! גיס אָן, ברודער ! אַזוי. טרינק־מיט. אַליין האָב יאָך פֿיינט. לחיים !...

איזידאָר האָט גענומען דאָס גלעזל מיט ציטערנדיקע פֿינגער. די וואַנסעס האָבן זיך אויפֿגעהויבן ווי לעבעדיק. ס׳האָבן אַרויסגעקוקט אַ פּאָר לאַנגע שוואַרצע ציין. ער האָט מער נישט געקאָנט איבערדרייען דאָס קעלישיקל ווי אַמאָל. ער האָט אַריינגעגאָסן דעם ביטערן טראָפּן ביסלעכווייז, זיך געקרימט, פֿאַרגאָסן אויף דער קאָלדרע.

— יאָ !...

— נאָך איינס ?

— גיס־אָן. כ׳קאָן ניש׳ קומען צום טעם...

ערשט נאָכן פֿינפֿטן שנאַפּס האָט איזידאָרס פּנים זיך גענומען רויטלען.

— היינטיקער בראָנפֿן. ריין וואַסער. אַמאָל שפּירט האָט געטאָן אַ ברען. וואָס איז אין אַמעריקע ? וואָס טרינקט מען דאָרט ?

— וויסקי.

— יאָ... גיס־אָן. אַזוי. יאָך, ברודער, בין אויסגעשפּילט. כ׳ליג דאָ אין בעט און מ׳האָט אין מיר ס׳גענאַר. נישטאָ מער דער׳ אַמאָליקער איזידאָר אָק־סענבערג ! אַ גאַרקיך געוואָרן ביי מיר אין שטוב. רייצעלע איז אַ קוכטע; די טעכטער, פֿאַרשטייסטו מיך, איז... ע־ע... כ׳האָב געהאַט איין לייטישן איידעם, איז מען עים דערגאַנגען די יאָר. מ׳האָט עים אַוועקגעשיקט אויף יענער וועלט.

— כ׳הער דאָך, ר׳האָט געהאַט אַ טיפֿוס.

— נו... די אַנדערע האָט חתונה געהאַט מיט אַ וואוילן יונג, אַ פּאַסער, אַ פּרעטענסיע־גייער. מיין זונדעלעס אַ פּשיאַטשעל. מ׳האָט מיך אַפֿילו נישט אַריינגענומען צו דער חופּה. יאָך בין דאָ געלעגן אין געהאַקטע וואונדן און דאָרט האָט מען געשפּילט און געהוליעט ביז טאָג. יאָ. יאָך האָב איין פֿאַרלאַנג: צו ליגן אין וואַרשע. יאָך וויל ניש׳ ליגן מיט די פּראַגער קאַמבינאַטאָרן...

— וואָס איז דער אונטערשיד ?

— אַזוי. וואָס איז מיט דיין ווייב ? ביסט נאָך׳ אַלץ ביי איר אַ משרת ?

— וואָסער משרת ?

— אָט... געווען אָן איזידאָר אָקסענבערג און געבליבן איז אַ זעקל ביי־נער. יאָך האָב געקאָנט אויפֿהייבן אַ פֿאַס פֿון צען פּוד. יאָך האָב אַריינגעגאָסן אַ האַלבן שטאָף און פֿאַרביסן מיט אַ גענדזל. אַז יאָך בין אַריינגעקומען צו בעניען אין זאַיאַזד האָבן די שמייסערס אַראָפּגעכאַפּט די היטלען ווי פֿאַר אַ

פריץ... דער קאמיסאר וואויקאוו פלעגט מיר אפגעבן טשעסט... זאלסט אזוי זיין א טאטע צו דיינע קינדער. אז יאך האב געגעבן א קוק אויף א מויד, האט זי איינגענומען די נכפה. יא!...

— געדענקסט נאך?

איזידאר האט גענומען קלאפן מיט דער דארער פויסט איבערן הארץ־ברעטל.

— ווי לאנג איז? צוואנציק יאר! ווען דער געלער פייוול איז געשטארבן, איז האלב פראגע געווען אויפן גוטן ארט. יאך בין געפארן אין דער ערשטער דראשקע צוזאמען מיט יאסל באץ. צוריקוועגס האב יאך מיך געוועט, אז כ׳על אראפשלינגען א מאנדל הארטע אייער. יענע צייטן האט מען זיך געהאלטן אין איין געוועטן. שמואל סמעטענע האט איינגעלייגט א פאנד, אז ר׳עט ארייגיסן דרייסיק קופלעס ביייריש ביר. ביים דריי־און־צוואנציקסטן קופל איז אים געווארן נישט גוט און מ׳האט גערופן ס׳קעטשל. ס׳האט עים געפלאצט דער טרעלבוך... ע־ע... וואו האלט יאך? כ׳וויל ניש׳ ליגן אין פראגע. כ׳וויל דינגען א טייערן ייד, ער זאל נאך מיר זאגן קדיש.

— איכ׳ל דיר געבן געלט.

— הא? בלייב שוין דא. ס׳ט׳זיין אויף מיין לוויה...

און איזידאר האט צוגעשלאסן די וויעס און ארפגעלאזט די הענט. דאס פנים איז געווארן בלוילעך און שטייף. די וואנסן בלויז האבן זיך געשאקלט ארויף און אראפ. אויף די ווייסע ליפן האט זיך באוויזן א שמייכל, ווי מ׳זעט צומאל ביי א בר־מינן...

## קאפיטל דריי און פערציק

א וואך נאך חנוכה זיינען אנגעקומען קיין ווארשע לאה מיטן זון און דער טאכטער. זלאטעלע איז איצט געווען א מיידל פון נײַנצן יאר, א סטודענטין אין א קאלעדזש. געהייסן האט זי לאטי. זי האט שוין געהאט אין ניו יארק א חתן, א דאקטארס א זון, א סטודענט פון מעדיצין. מאירלען האבן די שילער אין האי־סקול גערופן מענדי. די נסיעה קיין אייראפע אין מיטן ווינטער האט איבערגעריסן ביי די קינדער דעם שטודיום. לאה האט געוואלט אפווארטן ביז דער זומערדיקער וואקאציע. אבער קאפל האט נישט געהאט קיין געדולד. לאה אליין האט זיך אויך קוים געקאנט דערווארטן ביז זי׳ט ווידער אנקוקן ווארשע. טיף ביי זיך האט לאה געהאפט, אז זי וועט אפרעדן מאשען פון דעם גוי, דעם יאנעקן, און זי אריבערברענגען קיין אמעריקע. דאס פארל האט נישט געהאט קיין קינד. אין ניו־יארק האט מאשע ווידער געקאנט ווערן א יידישע טאכטער.

די נסיעה איז געווען א טומלדיקע. אויף דער שיף האבן מאן־און־ווייב זיך ארומגעקריגט. קאפל האט פארגעהאלטן לאהן, אז זי שטייט אין גרויסן, שאפט מיט אים, ווי מיט א משרת. לאה האט געווארנט קאפלען, אז אויב ער׳ט זי נישט אויפהערן צו יאדען, וועט זי זיך ארײנווארפן אין ים. מ׳האט זיך געזידלט

און זיך איבערגעבעטן. לאה איז אַ פּאָר טעג נישט אַרויס פֿון דער קאַיוטע. קאַפּל איז געזעסן אין באַר, געשפּילט מיט פּאַסאַזשירן אין קאָרטן. אין פּאַריז האָט קאַפּל נישט געוואָלט בלייבן מער ווי דריי טעג, אָבער לאָטי און מענדי האָבן זיך נישט געאײַלט צו פֿאָרן קיין פּוילן. ס׳איז דערגאַנגען דערצו, אַז קאַפּל איז אַליין אַוועק קיין וואַרשע, איבערגעלאָזט דאָס ווײַב מיט די שטיף־קינדער אין פֿראַנקרײַך. איצט איז די משפּחה פֿאַרפֿאָרן צום האָטעל בריסטאָל. קאַפּל האָט באַצײַטנס געדונגען נאָך אַ צימער. לאה האָט געבראַכט מיט זיך אַ ריזיקן קאָפֿער, גרויס ווי אַ שאַנק, מיט מעשענע שלעסער, געדיכט באַקלעפּט מיט עטיקעטן און קוויטלעך פֿון צאָל־אַמטן. דער פּאָרטער האָט אַנגעצײַלט צוועלף וואַליזעס, סעפּעטלעך, רענצלעך. פֿאַרבײַגייער האָבן זיך אָפּגעשטעלט און נאָכגעקוקט די אַמעריקאַנער טוריסטן. לאה איז געוואָרן רונד ווי אַ פֿאַס. די בלאָנדע האָר אונטערן הוט זײַנען שוין געווען געמישט מיט גרויע פּאַסמעס. זי האָט גערעדט צו דעם יונגוואַרג מיט אַ שטאַרק קול, האַלב־יידיש, האַלב־ענגליש, געשריגן צו דעם פּאָרטיער אין אַ געבראָכענעם פּויליש. לאָטי און מענדי האָבן נישט פֿאַרטראָגן דער מוטערס קוידערוועלש, איר קאָמישן אַקצענט, און איר אָפּגעענטפֿערט אויף יידיש.

— מאַ, וואָס שרײַסטו? — האָט לאָטי געפֿרעגט. — זיי וועלן דענקען, מיר זײַנען משוגע.

— ווער ט׳דענקען? וואָס משוגע? — האָט לאה צוריק געשריגן. — יו שאַראַפּ! — נעם בעסער דאָס סעטשל מיט די שיך... מענדי, וואָס שטייסטו ווי אַ גולם?

— וואָס זאָל איך טאָן?

— טו אַכטונג אויף די שקצים. דאַנט בי אַ שמויגער!...

— ס׳הויבט זיך שוין אָן דער געקוויטש — האָט קאַפּל גערעדט האַלב־צו־זיך, האַלב־צו־די־קינדער. — קיינער דאַרף ניש׳ דײַנע שמאַטעס!

— יו׳ד בי סורפּראַיזד. מ׳רײַסט פֿון די הענט. מ׳האָט מיר אין פּאַריז צו־געלקחנט אַ קעיפּ!...

— וואָס זאָגסטו עפּעס צו וואַרשע? — האָט קאַפּל געפֿרעגט לאָטין.

לאָטי איז געווען געראָטן אין פֿאָטער, ר׳ משה־גבריאלן. זי האָט געהאַט אַ שמאָל פּנים, טונקעלע האָר, בלויע אויגן. אין ניו־יאָרק האָט מען זי געהאַלטן פֿאַר אַ שיינהייט, נאָר לאה האָט נישט באַנומען, וואָס ס׳איז דאָ פֿאַראַן זיך צו אַנטציקן. דאָס מיידל האָט געגעסן ווי אַ פֿייגעלע, רעכט נישט געהאַט קיין ביוסט. דערצו האָט זי טאָג־און־נאַכט געלייענט ביכלעך, באַקומען אַ נידעריקע ראיה. געקליידט האָט זי זיך שוין צו אײַנפֿאַך. זי איז איצט געווען אָנגעטאָן אין אַ גרין אָפּגעכוימערט זשאַקעטל, אַ שוואַרץ קליידל, אַ היטעלע אָן שום באַפּוצונגען. אונטער איין אָרעם האָט זי געהאַלטן אַ פֿראַנצויזיש ביכל, אונטערן אַנדערן — אַן ענגלישן זשורנאַל. זי האָט אַ זאָג געטאָן קאַפּלען:

— סאָ־סאָ... איז דאָס ווי ראַשע?

מענדי האָט נאָך געטראָגן קורצע הויזן, אָבער ער איז שוין געווען הויך און דיק, געראָטן אין דער מוטער. ער האָט איצט געהאַט אויף זיך אַ גרין קאַפּע־

ליושל, וואָס מ׳האָט איינגעהאַנדלט אין פּאַריז, אַ קורטקע מיט אַ פֿוטערנעם קאַלנער, גרויע אויבערזאָקן. ער האָט געהאַלטן אַ טיטל חזיר־ניסלעך, געקנאַקט און געשפּיגן די שאָלן אויפֿן טראָטואַר.

— ס׳געפֿעלט דיר דאָ, מענדי?

— כ׳בין הונגעריק.

— וואַרט, מיר׳ן באַלד עסן לאַנטש.

די בשורה פֿון לאהס קומען האָט זיך גלייך צעטראָגן איבערן גזשיבאָוו. דער פּאַנסקע, דער גנאַינע, דער טוואַרדע — אומעטום, וואו די בני־מושקאַט האָבן אַנגעשפּאַרט. סאַלטשע און אסתּר־מלכּה האָבן לאַנג גערעדט אויפֿן טעלעפֿאָן. ס׳איז נישט געווען קיין לייכטע זאַך פֿאַר ר׳ משולם מושקאַטס שנירן זיך צונויפֿצוקומען מיט קאָפּל משרת און אים צו רופֿן שוואָגער. נת׳לע האָט געטאָן אַ האַרבע שבועה, אַז ער׳ט דעם משרת־יונג נישט אַריינלאָזן אין שטוב. חמא, אַבראַמס ווייב, האָט זיך צעוויינט, ווען זי האָט דערהערט פֿון דעם נייעס. פּערל, ר׳ משולמס עלטסטע טאָכטער, איז שוין געווען אַ זקנה, אָבער זי האָט נאָך אַלץ געהאַט אויף זיך אַ שאַרפֿן קאָפּ. זי האָט באַצייטנס צו וויסן געטאָן, אַז זי וויל נישט האָבן מיט דעם פּאָר קיין מחזקות. אַלע האָבן געפֿרעגט דאָס אייגענע: וועט לאהע זיך באַגעגענען מיט מאַשען? וועט זי זיך טרעפֿן מיטן איידעם? וואָס וועט זאָגן ר׳ משה־גבריאל, ווען ער וועט דערזען די פֿאַרגוויישטע קינדער? ווי אַזוי וועט אהר׳לע רעדן צו דער מוטער? פּיניעלע איז אַריבערגעלאָפֿן זיך האַלטן אַן עצה צו ניוניען, אין אַנטיקן־געשעפֿט, אויף דער שוויענטאַ־קזשיסקע. ביי די פּאָליצעס האָבן סטודענטן, גימנאַזיסטן, גימנאַזיסטקעס גענישטערט צווישן די ביכער. הינטערן לאָדן־טיש איז געשטאַנען בראַניע, ניר־ניעס צווייטע ווייב, די געוועזענע פֿרוי גריצהענדלער. זי האָט געפּוצט מיט קרייד אַ פּאָרצעלייענעם בודאַ, געריבן אים דעם נאַקעטן בויך, געקוקט אויף די קוגים פֿון אונטערן שויבער האָר, מיט אַ פּאָר שאַרפֿע אויגן פֿון אַ רויב־פֿויגל. פּיניעלע האָט איר געזאָגט גוט־מאָרגן, נאָר בראָניע האָט זיך געמאַכט נישט הערנדיק. זי האָט פֿיינט געהאַט די מושקאַטס, נישט געליטן זייערע ניקן. ניוניע און פּיניעלע זיינען אַריין אין אַ הינטער־שטיבל. ס׳האָט דאָרט געשמעקט מיט שימל, קלייסטער און מייז.

— וואָס טוט מען, האָ? — האָט פּיניעלע געפֿרעגט. — ס׳עט זיך דאָ טאָן חושך!

— ש־ש־שריי חי וקיים, ר׳איז פּ־פּ־פֿאַרט ל־לאהס מאַן! — האָט ניוניע געשטאַמלט — בין יאָך גערעכט, צ־צי ניש׳?

פּיניעלע האָט אָנגעכאַפּט ניוניען ביי דער קלאַפּע.

— מיינע ווערטער!

— וואָס סודעט עץ ענק דאָרט? וואָס איז דאָ געשען? — האָט בראָניע אַ רוף געטאָן דורך דער אָפֿענער טיר. ניוניע האָט אַזש געטאָן אַ ציטער.

— ג־נאַרישקייטן!

— וואו איז ערגעץ דער נייער קאַטאַלאָג? — האָט בראָניע געפֿרעגט מיט געבייזער.

ניוניע האָט זיך גענומען קראַצן אין קמץ־בערדל.

— יאָך ווייס ?

— ווער זאָל וויסן ? גראַף פּאָטאָצקי ?

— בראָניעשי, ל־לאה איז דאָ פון אַמעריקע ! — האָט ניוניע אַרויסגעשאָסן.

— אַ גליק האָט מיך באַטראָסקעט. כ׳דאַרף דעם קאָטאָלאָג !

בראָניע האָט געטאָן אַ זעץ מיט דער טיר. ס׳האָט זיך דערפון אַרויפגעהויבן אַן עסנדיקער שטויב. פּיניעלע האָט זיך צעגאָסן.

— וואָס איז די רוגזה ?

— פּ־פרעג מיך עפּעס ג־גרינגערס.

ביידע ברידער האָבן אָפּגעפּאַסט צו פאַרבעטן אַהיים לאהן, קאָפּלען, נישט צו מאַכן פון זיך דאָס לייטישע געלעכטער. אַ חוץ דעם, וואָס מ׳טאָר נישט מבייש זיין קיין שוועסטער, האָט מען געקאָנט האָבן פון לאהן אַ טובה, ווארים זי איז שטיין־רייך. אין אָונט זיינען פּיניעלע און ניוניע געקומען אין האָטעל; פּי־ניעלע אין אַ צו־לאַנג פוטער, אַ זיידן היטל, פאַרבלאָטיקטע שטיוול; ניוניע — אין אַ געפּאַסט פוטערל, אַ היטל מיט לאָפּן, געמזענע שטיוועלעך מיט קאַלאָשן. די באַדינער האָבן אָנגעקוקט די פּאָר מיט חשד. דער שייגעץ, וואָס פירט די ווינדע, האָט זיי געהייסן אַרויפגיין מיט די טרעפּ. ניוניע און פּיניעלע האָבן געמאַכט מיט די הענט, זיך אָנגעשטויסן איינער אָן אַנדערן. פּיניעלע האָט זיך אַראָפּגעבויגן, אָנגעטאַפּט דעם טעפּיך.

— ס׳איז ווייך צו גיין. אַ מחיה !

— אין גן־עדן וועסטו טרעטן אויף פּ־פּ־פוטער !... — האָט געענטפערט ניוניע מיט אַ גלייכווערטל.

פּיניעלע האָט אויסגעשנייצט די נאָז, אָנגעקלאַפּט. לאה האָט געעפנט. זי האָט געטאָן אַ געשריי, זיך געוואָרפן קושן.

— פּיניעלע ! ניוניעלע !...

לאה האָט האַלב־געלאַכט, האַלב־געוויינט. לאָטי און מענדי זיינען גע־שטאַנען און געגאַפט אויף די קליינע מענטשעלעך, די פעטערס. קאָפּל איז גע־וואָרן בלאַס, האָט אויסגעשפּיגן דאָס רעשטל פּאַפּיראָס.

— קינדער, דאָס זיינען ענקערע אָנקלס !

— האַו דו יו דו, אַנקל ! — האָט מענדי געזאָגט נאָך אַ קווענקלעניש.

— לאָטי, וואָס גלאָצסטו מיט די אויגן ? קאָפּל, וואו באַהאַלטסטו דיך ? אַז יאָך האָב דאָס דערלעבט !

קאָפּל האָט זיך געלאָזט צוגיין מיט פלינקע טריטעלעך. ניוניע איז גע־וואָרן רויט. פּיניעלע האָט אַראָפּגעכאַפּט די פאַרהויכטע שפּאָקולן.

— דער אייגענער קאָפּל !

— וואָס האָסטו געדענקט ? ס׳זיינען אים אָנגעוואָקסן הערנער ? — האָט לאה געפרעגט. — טוטע אויס די פויר־קאָוטס. נעמטע אַראָפּ די קאַלאָשן. ניוניע איז אַ גאַנצער לאָרד... דו, פּיניעלע, ביסט שוין גראָ.

— כ׳בין שוין נישט קאַ׳ יונגערמאַן. כ׳בין אַ ייד אַ בן־ששים.

לאה האָט פאַרבראָכן די פינגער.

— מאַמע מיינע! ווי לאַנג איז דאָ, אַז האָסט חתונה געהאַט? אוי, ווי די יאָרן לויפֿן. נו, זעטץ ענק אַוועק. וואָס שטייט עץ? וואָס מאַכט חנה?

— זי מאַכט קולות — האָט פּיניעלע געענטפֿערט מיט אַ חכמהלע.

— פֿאַרוואָס זאָל זי מאַכן קולות? מסתמא דערגייסטו איר די יאָר. ווי גייט עס נת׳לען? וואָס טוט אַבראַם? ווען האָסטו געזען פּערלען? יאָך האָב אַלעמען געריננען, נאָר זיי זיינען קיינס נישטאָ אין דער היים. אָדער אפֿשר באַהאַלט מען זיך אויס? יאָך קאָן מיך רייסן מיט קאָפּלען פֿאַר די נעז, נאָר פֿאַר ענק איז ער מיין מאַן!...

— איר׳ט פֿילייכט נעמען אַ שנאַפּס? — האָט קאָפּל געפֿרעגט.

קיינער האָט נישט געענטפֿערט. קאָפּל איז צוגעגאַנגען צו דער קאָמאָדע, אַנגעגאָסן פֿון אַ בייכיקער פֿלאַש אַ רויטלעכע משקה, אַרויפֿגעשטעלט אויף אַ טאַץ. ער האָט צוגעטראָגן דעם קאָניאַק שווייגנדיקערהייט, מיט דער געניט־שאַפֿט פֿון אַ קעלנער. לאה האָט אויף אים געוואָרפֿן אַ שאַרפֿן בליק.

— וואָס איז ס׳איילעניש? שטעל אַוועק!

— דו קאָפּל, ביסט געבליבן אַ יונגערמאַן! — האָט פּיניעלע זיך אָנגערופֿן.

— אין אַמעריקע ווערט מען נישט אַלט — האָט קאָפּל געענטפֿערט, אומ־זיכער מיטן לשון.

— גאָר אַזוי?

— איר קאָנט טרעפֿן אין אַמעריקע אַ מאַן פֿון אַכציק יאָר שפּילן גאָלף.

— באמת? וואָס איז דאָס אַזוינס גאָלף? האָסט אפֿשר אַן אַמעריקאַנער פּאַפּיראָס?

קאָפּל האָט אַרויסגעכאַפּט אַ זילבערנע ציגאַרעטן־פּושקע. דאָס שוועבעלע מיט רויטן קעפּל האָט ער קונציק אָנגעריבן אין דער זויל. פּיניעלע האָט גע־קוקט אַ פֿאַרחידושטער.

— אַמעריקאַנער המצאות!

— אין אַמעריקע קאָסטן מעטשעס נישט קיין געלט — האָט קאָפּל גע־רעדט. — גייסט אַריין נאָך אַ פּעק סיגאַרעטס און קריגסט מעטשעס אומזיסט. נישט אַזוי, מענדי?

פּיניעלע האָט זיך אָנגעכאַפּט ביים בערדל.

דאָס איז מאירל, האַ? געדענקסט נאָך ווי כ׳האָב דיך פֿאַרהערט הגוזל עצים?

— יעס. נאָ. כ׳געדענק נאָך בבא קמא.

— וואָס געדענקסטו?

— השור והבור והמבעה וההבער —

— ע־ע, אַ גוט קעפּל. דו, זלאַטעלע, הער איך, ביסט שוין אַ כלה.

לאָטי איז געוואָרן בלאַס.

— איך ווייס זעלבסט נישט.

— ווער זשע ווייסט? ביי ענק איז דאָך אַלץ ליבע...

— היינט איז עס ליבע און מאָרגן גוד באַי...

פּיניעלע האָט צוריק אָנגעזאָטלט די ברילן. ער האָט געקנייטשט דעם שטערן,

געפינטלט מיט די וויעס, געביסן די ליפן. ער האָט אַליין נישט געוואוסט וואָס צו קלערן פֿון די אַמעריקאַנער. עפּעס האָט אויסגעוועפּט, נאָר ס'איז שווער געווען אָנצוכאַפּן וואָס. איז עס דאָס לשון? די קליידונג? די צורה? די תּנועות? זיי האָבן אויסגעזען סיי היגע, סיי פֿרעמדע; סיי יידן, סיי גויים. די שפּראַך, וואָס זיי האָבן גערעדט, איז געווען ווי אַרויסגעלייענט פֿון אַ בוך. פֿון די פּנימער האָט אַראָפּגעקוקט אַ גלאַטקייט, אַן ערנסט, אַ פּשטות, וואָס מ'זעט נאָר אין אויסלאַנד. ס'האָט געפֿעלט די היימישקייט, דער קנייטש, דער קוועטש. וואָס אַ פּאָר יאָר קענען מאַכן! — האָט פּיניעלע געטראַכט. — ס'האָט שוין ניש' קאָ' יידישן טעם. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף גיוניען.

— אַ וועלטל, האַ? אוי, ווײ, טאַטע זיסער!

## קאַפּיטל פֿיר און פֿערציק

### 1

דער סענצימינער רבי, עקיבאס פֿאָטער, גינעס געוועזענער שווער, איז געוואָרן קראַנק אויף דער בלינדער קישקע. די דאָקטוירים, וואָס מ'האָט אַראָפּגעבראַכט פֿון וואַרשע, האָבן געהייסן גלייך מאַכן אַן אָפּעראַציע. אָבער דער רבי האָט זיך נישט געלאָזט אָפּערירן. ער האָט געטענהט:

— כ'האָב פֿיינט אַ מעסער!

די דאָקטוירים האָבן געוואָרנט, אַז דער חולה וועט שטאַרבן. דער סענ־צימינער רב, ר' אַלטער, האָט אויפֿגעוויזן דעם רבין על־פּי־דין, אַז ווען אַ רופֿא זאָגט ס'איז פּקוח־נפֿש, טאָר מען אים נישט ווידערשפּעניקן. עקיבא האָט געוויינט ביים פֿאָטערס בעט בדמעות שליש. דעם רבינס מקורבים האָבן געבעטן דעם רבין רחמים. אָבער דער רבי איז, ווי זיין שטייגער, געבליבן איינגעשפּאַרט. אין מיטן דער נאַכט זיינען אָנגעקומען קיין ביאַלאָדרעוונע דריי וואַרשעווער גבירים, סענצימינער חסידים. זיי האָבן פֿאַרלאַנגט פֿון משמש, ער זאָל אויפֿ־וועקן דעם רבין. זיי האָבן געבעטן דעם ביאַלאָדרעוונער, ער זאָל מיט זיי מיט־פֿאָרן קיין סענצימין, פּועלן ביים געוועזענעם מחותן, ער זאָל זיך לאָזן שניידן.

— צו איך, רבי, וועט ער זיך צוהערן — האָבן די חסידים געטענהט. — ער האַלט פֿון איך עולם ומלואו!...

דער ביאַלאָדרעוונער האָט נישט געהאַט קיין חשק נישט צו דער נסיעה, נישט צו רעדן צו דעם סענצימינער בעל־גוף. ער'ט אים געהאַלטן פֿאַר אַן עם־הארץ, אַ קרומען קאָפּ, אַ נאַר. אָבער אָפּזאָגן די יידן האָט דער רבי אויך נישט געקאָנט. נאָך אַ וואַקלעניש האָט ער באַפֿוילן מ'זאָל איבערוועקן ר' משה־גבריאלן, און ער איז צוזאַמען מיט אים און די שליחים אַרויסגעפֿאָרן קיין סענ־צימין. אין הימל זיינען נאָך געשטאַנען שטערן ווען דער שליטן האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום ווישקעווער וועג. אין איילעניש האָט דער רבי פֿאַרגעסן אָנ־צוטאָן אַ שפּענצער און וואָוילאַקעס. ער'ט אויך נישט אַרומגעוויקלט דעם האַלדז

מיט אַ שאַל. ר׳ משה־גבריאל האָט געהאַט אויף זיך אַ דינעם איבערציער. פֿון די פֿעלדער האָט געבלאָזן אַ פּראַסטיקער ווינט, אָנגעטראָגן אַ שטויביקן שניי. דער רבי האָט זיך צוגערוקט צו ר׳ משה־גבריאלן, אַראָפּגערוקט דעם ספּאָדיק.

— מ׳לאָזט ניש׳ קאַ׳ מנוחה!...

פֿון ביאַלאַדרעוונע קיין סענצימין האָט געזאָלט דויערן צוויי שעה, נאָר דער אָנטרייבער האָט פֿאַרלוירן דעם שליאַך, אַריין צווישן די בייטן ווינטער־תּבֿואה. די פֿערד האָבן זיך דערשראָקן פֿאַר אַ סטראַשידלע, זיך אַ לאָז געטאָן גאַלאָפּ. די חסידים האָבן זיך צעשריגן. דער רבי איז שיער נישט אַרויסגע־פֿאַלן. ר׳ משה־גבריאל האָט באַקומען אַ קלאַפּ אין אַ זייט. מ׳האָט זיך צום סוף אָפּגעשטעלט און אָפּגעוואַרט ביז ס׳וועט טאָגן. זיך צו דערוואַרעמען, זיינען די יידן אָפּגעשטיגן, אַרומגעגאַנגען אַהין און צוריק, געטופּעט מיט די פֿיס, געפּאַטשט מיט די הענט. דער פֿורמאַן האָט אויסגעטאָן דעם שאָפּענעם פּעלץ, אַרויפֿגעלייגט אויף די קליאַטשעס. ר׳ משה־גבריאל האָט געעצהט דעם רבין, ער זאָל אויך אויסזיצן, נאָר דער רבי איז געבליבן אויפֿן געזעס.

— עט!...

דער בעל־עגלה האָט פֿאַראויסגעזאָגט, אַז ס׳עט באַלד שפּראָצן אויפֿן טאָג. אָבער שעהן זיינען אַריבער און ס׳איז געבליבן פֿינסטער. דער רבי האָט אין דער מחשבה פֿאַרגליכן דאָס חשכות און דאָס וואַרטן אויפֿן מאָרגנשטערן — צום גלות און קץ־משיח. ער האָט אויפֿגעשטעלט דעם קאַלנער, פֿאַרשטעקט די הענט אין די אַרבל, געזאָגט פֿון אויסנווייניק תּיקון־חצות. ערגעץ־ווייט האָבן געבילט הינט. די שטילקייט איז פֿול געווען מיט פּאַרעניש, הוילעניש, ווידער־קולות. מ׳האָט ממש פֿאַרנומען דעם געשאַרך פֿון דער זריעה אין דער צע־אַקערטער ערד. דער הימל איז געלעגן אַ נידעריקער, געדיכט באַזייעט מיט שטערן. דער רבי האָט זיך דערמאָנט וואָס די פֿלוסופֿים זאָגן: אַז ס׳דויערט טויזנטער יאָר ביז די שיין פֿון די מזלות דערגרייכט צום אויג. אויב דער עולם העשיה איז אַזוי׳ גרויס, ווי זיינען נאָך די העכערע עולמות: בריאה, יצירה, אַצילות, דער עולם הצחצחות?... ווי וואויל איז דעם בן־אָדם, וואָס ער איז אַ חלק אלוק׳ ממעל, באַשאַפֿן אין צלם אלוקים און מ׳האָט אים געגעבן אַ כּוח מתקן צו זיין פּגימות, אויפֿצובריינגען די ניצוצות־דקדושה צום מקור, צו לערנען די אותיות פֿן דער תּורה, וואָס מיט זיי האָט כּביכול באַשאַפֿן די וועלט. דער רבי האָט געוואַשן די הענט אין שניי, אָפּגעווישט אין דער פּאַטשיילע, גענומען אונטערברומען דעם זיידנס ניגון:

— שכינתּא בגלותא!...

נאָך לאַנגן וואַרטן האָט אָנגעהויבן גרויען, אָבער מ׳האָט נישט געקאָנט פֿאַרן ווייטער. פֿון אַ נאָענטן דאָרף איז אָנגעלאָפֿן אַ מחנה פּויערים מיט אַ געשריי, אַז מ׳האָט צעטרעטן דאָס פֿאַרזייעכץ. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ דינגעניש און רייד. מ׳האָט געמוזט די ערלים אָפּשוחדן מיט געלט. דער רבי האָט גענומען הוסטן. מ׳איז אַריין צו אַ גוי זיך אָפּרוען. דער רבי איז געווען האַלב־געפֿרוירן. מ׳האָט אים אַרויפֿגעלייגט אויף אַ באַנק־בעטל, אונטערגעבעט מיט שטרוי. מ׳האָט אים געפּראַוועט געבן צו טרינקען וואַרעמע ציגן־מילך, נאָר דער רבי האָט

נישט געוואָלט נוצן דעם גויס טעפּל. אַ חסיד איז אַוועק באָרגן אַ גלאָז ביי די גאַיעס, נאָר מ׳האָט נישט געקראָגן. פֿון מאַטקייט איז דער רבי איינגעשלאָפֿן. אַרום עלף אַזייגער איז דער רבי אויפֿגעקומען. ער האָט נישט געדענקט וואו ער איז, נישט דערקאָנט די חסידים. ער האָט אַ זאָג געטאָן צו ר׳ משה־גבריאלן:

— וואו בין איך ערגעץ אין דער וועלט?

— מיר פֿאָרן קיין סענציִמין.

— וואָס עפּעס? נו, נו...

דעם רבין האָט זיך געמישט אין מוח גינע־גנענדל, עקיבאַ, די רביצין, הערץ יאַנאָווער. זי׳ט זיך דאָך, דוכט זיך, געגט. זאָל זי האָבן חוזר בתשובה געווען?... מיט אַמאָל האָט דער רבי זיך אַלץ דערמאָנט.

— נו, אַזוי...

מ׳איז אָנגעקומען קיין סענציִמין איינס אַזייגער. דער סענציִמינער האָט שוין געגוססט. די אָנגעהייצטע שטוב, וואו דער רבי איז געלעגן, איז געווען אָנגעפּאַקט. מ׳האָט קוים געמאַכט אַ וואַרע פֿאַרן ביאַלאָדרעוונער. ער איז געשטאַנען ביים געלעגער און געקוקט ווי דער געוועזענער מחותן פּאַכעט מיט דער נשמה. אין דער שלאַפֿקייט איז דאָס דיקע פּנים געוואָרן אָנגעבלאָזן און פֿאַרענדערט ווי פֿון אַ צאָן־געשוויר. די באָרד איז געוואָרן איינגעשרומפּן און קרום. די ברעמען האָבן נאָכגעהאָנגען ווי שטיקער מאָך. די קנייטשן אויפֿן שטערן האָבן דערמאָנט אָן ווירעס אויף פּאַרמעט. ביים ביאַלאָדרעוונער האָבן געשטרויכלט די קני.

— מחותן, איר דערקאָנט מיך?

דער סענציִמינער האָט געעפֿנט איין אויג, צוריק צוגעשלאָסן. ער האָט געמאַכט אַ תּנועה ווי צו זאָגן:

— נו, איז מה בכך?...

מ׳האָט דעם ביאַלאָדרעוונער אַריינגעפֿירט אין אַ חדר מיוחד, אַריינגעטראָגן טיי. דער רבי האָט געלייגט טלית־ותפֿילין. ער האָט געהוסט און געוויקלט די רצועות. ער האָט אָפּגעווישט דעם שווייס און אָנגעטאָן דעם של־ראָש. דער ביאַלאָדרעוונער פֿלעגט ביים דאַווענען אַרומשפּאַנען אַהין־און צוריק, נאָר דאָס מאָל איז ער געזעסן אויף אַ שטול. ער האָט נישט געקאָנט פֿאַרגעסן דעם סענציִמינערס זיפֿצענישן, כאָרכלענישן, די שוים אויפֿן מויל, דאָס אַרבעטן מיטן האָרץ. דער גוף בלייבט אַ גוף. אַ חומר עכור. אַזוי וואַרפֿט זיך, להבדיל, אַן אָקס נאָכן שעכטן. סוף אָדם למות וסוף בהמה לשחיטה. ס׳העלפֿן נישט קיין שום חכמות...

דער רבי האָט אָנגעהויבן זאָגן אַ ברכה, נאָר ער איז געוואָרן מבולבל, פֿאַרגעסן ווי ער האַלט. ער האָט געוואָלט מכוון זיין פּירוש־המלות, נאָר די טראַכטענישן זיינען געלאָפֿן משונה־גיך. ווען דער רבי האָט געזאָגט די ברכה פֿון רפֿאינו, איז אים איינגעפֿאַלן, אַז ס׳איז געקומען דער סוף. אויף די ליפּן האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל.

— אַזוי גאָר? צוזאַמען מיטן סענציִמינער?

אויף אָנבייסן האָט דער רבי בלויז געטרונקען אַ גלאָז מילך. נאָכן בורא־

נפֿשות האָט ער זיך צוגעלייגט אויף דער סאָפֿע, נאָר מ׳האָט אים נישט געלאָזט איינרוען. ווייבער האָבן געקלאַפּט אין דער טיר, געוואָלט אָפּגעבן קוויטלעך. ר׳ משה־גבריאל האָט זיי אָפּגעטריבן. עקיבא איז אַריינגעלאָפֿן אין אַ צעקנעפּלטן כאַלאַט, אַ פֿאַררוקטן ספּאָדיק, מיט אַ צעקאָדלטער באָרד, אָן אָפּענעם קראַק. ער האָט געפֿאָכעט מיט די פֿויסטן, געוויינט מיט אַ הירזשענדיק קול:

— שווער, דער טאַטע איז פֿאַרביי!...

ווי אַלץ אין סענצימין, איז אויך דעם רבינס פּטירה פֿול געווען מיט רעש. מיט יעדער באַן פֿון וואַרשע זיינען אָנגעקומען חסידים. חדר־ייִנגלעך האָבן געזאָגט תּהילים. פֿון ווייבער־שול האָט זיך דערטראָגן אַ געוויין. דעם רבינס מוטער, אַ זקנה נאָענט צו ניינציק, איז אַוועק אין בית־מדרש איינרייסן, געלאָזט אָנצינדן נשמה־ליכט. די פּראָפֿעסאָרן האָבן ביז דער לעצטער מינוט אָפּגעהאַלטן קאָנסיליומס. אין די סטאַנציעס האָט מען אַראָפּגעשלעפּט פֿון די ביידעמער די שטרוי־זעק, געקאָכט פֿולע קעסלען גריץ און פֿלייש. דער איינציקער טעלעפֿאָן אין סענצימין האָט נישט אויפֿגעהערט צו קלינגען. דאָס האָבן די וואַרשעווער גבירים זיך נאָכגעפֿרעגט אויפֿן רבינס געזונט. די סענצימינער גבאים האָבן געקלאַפּט טעלעגראַמעס, געקלונגען די וואַרשעווער צייטונגען. ס׳האָבן זיך שוין דאָ אַרומגעדרייט אַ פּאָר קורץ־געקליידטע פּאַרשוינען, שרייבער פֿון די גאַזעטן. אויף דער לוויה איז זיך אָנגעפֿאָרן אַן עולם פֿון טויזנטער ייִדן, צווישן זיי אַ סך רביים און רבנים. אַזאַ המון האָט מען נאָך נישט געזען אין סענצימין. נאָך דער קבורה האָט די מלווים געוואונטשן עקיבאן מזל־טוב.

— מזל־טוב, רבי! — האָט מען געשריגן פֿון אַלע זייטן. — לחיים!...

דאָס האָבן חסידים געטרונקען יי״ש אויפֿן בית־הקברות, לכּבוד דעם נייעם רבין.

ר׳ משה־גבריאל וואָס האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז דער סענצימינער, ס׳זאָל אים נישט זיין צו קיין גנאי, איז געווען אַ טיפּש, אַ פּראָסטאַק, נישט ווערט דעם ביאַלאָדרעוונערס נאָגל, האָט נישט געקאָנט סובל זיין הלמאַי מ׳האָט אין די הספּדים געשאָטן אַזוינע שבחים.

— ס׳איז אַן עולם השקר — האָט ער געזאָגט צום רבין.

— מסתמא דאַרף אַזוי זיין — האָט דער ביאַלאָדרעוונער געענטפֿערט מיט אַ שטאָק־הייזעריק קול.

די נסיעה קיין סענצימין האָט אַריינגעבראַכט דעם רבין אין קטנות־דמוחין. ער האָט זיך קוים דערוואַרט ביז ער׳ט קומען אַהיים און זיך לייגן אין בעט. ער האָט ערשט איצט געזען דעם חילוק צווישן סענצימין און ביאַלאָדרעוונע. סענצימין איז געווען פֿול, ביאַלאָדרעוונע — ליידיק. קיין חסידים זיינען נישט געקומען. די ישיבה איז זיך צעפֿאַלן. די יושבים זיינען אויסגעשטאָרבן. דאָס בית־מדרש איז געווען פּוסט. אַ האַלב הויז איז געשטאַנען פֿאַרמאַכט, ווייל מ׳האָט זיך נישט פֿאַרגונען צו הייצן אין אַלע אויוונס. מ׳איז שולדיק געווען אין הויף די קצבים, די שפּייז־קרעמער, די פֿישער, דער מילך־ייִדענע. די דינסט האָט נישט געקראָגן פֿאַרן זמן. ישראל אלי שמש האָט געעפֿנט אַ געוועלבל, ווייל דאָס שמשות האָט נישט געטראָגן. אין וואַרשע האָט מען געשמועסט, אַז

דער ביאַלאָדרעוונער האָט פֿאַרטריבן דעם עולם, ווייל ער האָט נישט געוואָלט אַריין אין דער אַגודה שלומי אמוני ישראל.

— אַ פּורש מן הצבור — האָבן פֿרעמדע חסידים געזאָגט אויפֿן ביאַלאָ־דרעוונער.

— שוין צופֿיל הצנע לכת — האָבן געטענהט ביאַלאָדרעוונער חסידים.

דער רבי איז שוין געלעגן דעם דריטן טאָג צו־בעט, נאָר אין די ביאַלאָ־דרעוונער שטיבלעך אין וואַרשע האָט קיינער דערפֿון נישט געהערט. חנינא, דער ביאַלאָדרעוונער רופֿא, האָט דעם רבין אויסגעשמירט מיט טערפּענטין, גע־שטעלט באַנקעס. ר׳ משה־גבריאל איז אַ פּאָר מאָל אין טאָג געקומען מבקר־חולה זיין. דער רבי איז געזעסן אָנגעשפּאַרט אויף דריי קישנס, אַריינגעקוקט אין תולדות יעקב יוסף. דאָס בערדל איז געוועז ווייס. די פּאות האָבן גענומען אויס־קריכן. פֿון הינטערן טלית־קטן האָט אַפּערגעקוקט אַ דאַרער האַלדז מיט אַ שפּיציקן גאָרגל. דער רבי איז איינגעשלאָפֿן זיך אויפֿגעכאַפּט, ווידער גענומען דרימלען און פֿונסניי אויפֿגעקומען. דער חלום האָט זיך אויסגעמישט מיט וואָר. דער רבי האָט געהערט רייד, נישט געוואוסט צי זיי קומען פֿון יענער זייט וואַנט, אָדער ס׳דוכט זיך אים אויס. אַ פֿאַראַיאָריקע פֿליג האָט געזשומעט אויף די שויבן. אַ קראָ אינדרויסן האָט געקראָקעט. די ווינטערדיקע זון האָט זיך אויס־געלייגט אין קנוילן אויפֿן נישט־געוועקסטן דיל, די אָפּגעשיילטע טאַפּעטן, דעם אָפּגעריסענעם באַלקן, די געשפּאָלטענע רוקנס פֿון די ספֿרים. דער רבי האָט גע־פּרוּווט שרייבן אויף אַ בויגן פּאַפּיר, נאָר די פּען האָט געציטערט, געקלעקט. דער רבי האָט פֿאַרשטעלט די אויגן, געמאַכט אַ חשבון־הנפֿש. צוויי טויזנט יאָר ווי מ׳וואָלגערט זיך צווישן די אומות. דאָס יידישקייט ווערט שוואַכער, די תּורה — פֿאַרגעסן. דאָס חסידות איז געוואָרן אַ מסחר. גוטע־יידן, רבנים מאַכן שותּפֿות מיט אַפּיקורסים, רעדן־נאָך זייער לשון, פֿאָרן אַרום אויף אַסיפֿות. וואָס־זשע ט׳זיין דער תּכלית? וואָס האָט ער, ר׳ יחיאל ביאַלאָדרעוונער, אויפֿגעטאָן? מיט וואָס ט׳ער קומען אויף יענער־וועלט? ער׳ט זאָך געזאָלט זיין אַ מדריך, אַ מנהיג־ישראל. ער האָט דאָך געירשנט די שטול פֿון טאַטן, פֿון זיידן, פֿון קאָצק, פֿון פּזשיסכע, פֿון רבין פֿון לובלין...

— כ׳האָב נישט געטאָרט שווייגן! — האָט דער רבי געזאָגט ר׳ משה־גבריאלן. — שתיקה כהודאה דמיא...

ר׳ משה־גבריאל האָט פֿאַררוקט דאָס קאַפּל, זיך אָנגענומען ביים גאַרטל. ר׳ משה־גבריאל האָט שוין לאַנג געהאַלטן, אַז דער רבי איז זיך צופֿיל מתבודד. ביאַלאָדרעוונע האָט נישט געטאָרט צולאָזן, די קליינע רבילעך, די הדיוטים, זאָלן ווערן די מנהיגים. פֿון ביאַלאָדרעוונע האָט געדאַרפֿט קומען דער אמת. פֿון דאָנען האָט מען געזאָלט פֿירן אַ מלחמת ה׳ צבאות מיט די פֿאַלשע מדריכים, די עם־הארצים, די מילבן־קעפּעלעך, די שווינדלער און חונפֿים, וואָס יאָגן זיך נאָך דעם אייגענעם ביסל כבוד, האָבן נישט אין זין דעם כּלל־ישראל. אַוודאי זיינען יענע אַ סך. אָבער דער שקר האָט נישט קיין האָפֿט. ער האַלט זיך בלויז מיטן כּוח פֿון דער קדושה. איין וואָר וואָרט קאָן מער פּועל־זיין ווי טויזנט ליגנס... ס׳דאַרף נאָר זיין ריין, אָן פּניות...

ר׳ משה־גבריאל האָט געעפֿנט דאָס מויל צו רעדן, נאָר דאָ האָט זיך אויפֿגעפּראַלט די טיר. ביי דער שוועל איז געשטאַנען אַהר׳לע — דאָס פּנים בלאַס, די באָרד צעפֿלויגן, דאָס העמד צעכראַסטעט. די געקרייזלטע פּאות, וואָס זיינען אים נאָכגעהאַנגען ביז די אַקסלען, זיינען געווען נאַס פֿון שווייס. די גרויסע אויגן האָבן געקוקט דערשראָקן.

— טאַטע, די מאַמע איז דאָ!

— וועמענס מאַמע?

— מיין מאַמע... זלאַטע און מאירל זיינען אויך דאָ...

— וואו זיינען זיי?

— זיי וואַרטן אין בית־מדרש.

ר׳ משה־גבריאל איז געבליבן זיצן אַ פֿאַרווירטער. ס׳איז, אַפּנים, נישט באַשערט, די זאַך זאָל אַרויס מן הכּוח אל הפּועל. מ׳האָט אים, ווייזט אויס, געוואָלט דערמאַנען פֿון הימל, אַז ער אַליין, ר׳ משה־גבריאל, האָט אויפֿגעצויגן אַ דור משומדים, פּושעים, זונות. ווער־זשע איז ער, ער זאָל זאָגן אַנדערע מוסר? ער זאָל לערנען יידן אַ דרך? ר׳ משה־גבריאל איז אויפֿגעשטאַנען.

— נו, מאַ, פֿאַרפֿאַלן!...

## 2

אין די יאָרן, וואָס לאה איז געווען אין אַמעריקע, האָבן זלאַטע און מאירל אַ סך מאָל געשריבן בריוו צום פֿאָטער, אָבער ר׳ משה־גבריאל האָט זעלטן געענטפֿערט. ביי ר׳ משה־גבריאלן איז געווען אַ קנאַפּער חילוק צווישן דער משומדת מאַשע און די אַמעריקאַנער קינדער. ווי באַלד זיי לערנען אין די שקאָלעס, זיינען מחלל שבת, עסן טרפֿות, זיינען זיי אָפּגעשיידט פֿון כּלל־ישראל. ר׳ משה־גבריאל האָט צומאָל באַקומען פֿון לאהן געלט, אָבער ער האָט עס יעדעס מאָל אַוועקגעגעבן אהרל׳ען. אהר׳לע איז אָפּגעזעסן חדשים אין ביאַלאַדרעווונע. מה שקרה ליעקב קרה ליוסף. דאָס ווייבל האָט געמאַכט פֿון אים אויסצודרייען. דערצו זיינען אַוועק אַ פּאָר יאָר און זי איז נישט פֿאַרגאַנגען אין טראָגן. ס׳וואָלט שוין לאַנג דערגאַנגען צו אַ גט, ווען לאה וואָלט נישט געשיקט קיין דאָלאַרן פֿון אַמעריקע.

אהר׳לע האָט געלערנט הוראה, זיך אַריינגעטאָן אין חסידות. אַז ר׳ משה־גבריאל וועט איבער הונדערט יאָר ווערן ביאַלאַדרעווונער רבי, איז ער, אהר׳לע, ממלא מקומו. אינדערוואָכן איז ער געגאַנגען אין אַ סאַמעטן היטל, שבת — אַ שטריימל. ר׳ משה־גבריאל האָט יעדן פֿרימאָרגן געלערנט מיט אים אַ שיעור. דער רבי האָט מיט אים געשמועסט חסידות. אהר׳לע האָט יעדן חודש געשריבן דער מאַמען אַ קאַרטל. פֿון מאָל צו מאָל געקראָגן אַן אַנווייזונג אויף צוואַנציק דאָלער.

לאה האָט געוואוסט, אַז אהר׳לע פֿירט זיך חסידיש. פֿונדעסטוועגן, ווען זי האָט אים דערזען מיט דער צעשויבערטער באָרד, דעם צעכראַסטעטן קאָלנער, דעם לאַנגן כאַלאַט, די פּאות ביז די אַקסלען, איז זי געבליבן אַ דערשראָקענע.

מענדי האָט זיך קוים איינגעהאַלטן נישט אַרויסצופּלאַצן מיט אַ געלעכטער. לאַטי האָט אויף אים געגאַפּט. אהר'לע האָט זיך געמאַכט האָרץ.

— דאָס ביזט דו, זלאַטעלע? כ'וואָלט דיך אָסור נישט דערקאַנט!

— איך אייך געוויס נישט.

— מאירל, ביסט געוואָרן אַ גאַנצער פּריץ!

— דו זעסט אויס ווי אַ ייד — האָט מענדי געשמאָמלט.

— ווי דען זאָל איך אויסזען? ווי אַ גוי?

— ער מיינט אַ חסיד — האָט לאה אויסגעטייטשט. — וויי, ווי דו האָסט דיך אָפּגעלאָזט! וואָלסט דיך כאָטש צוגעקעמט -- האָט לאה גערעדט. — וואו איז ערגעץ דיין ווייב? — האָט זי געפּרעגט און געקוקט אויפן זון מיט אַ פּאָר ברייט־צעעפּנטע טרויעריקע אויגן.

— זי איז אין װאַרשע.

— פאַרוואָס ביסטו אויך נישט אין וואַרשע?

— אין מסחר קאָן יאָך סיי־ווי נישט צוהעלפן.

— מאַן און ווייב דאַרפן זיין צוזאַמען...

אהר'לע האָט נישט געענטפערט. ר' משה־גבריאל איז אַריינגעקומען מיט וואַקלדיקע טריט. ער האָט געוואָלט אָנקוקן זלאַטעלען און מאירלען, נאָר צו וואָס איז לאה מיטגעקומען? על־פּי־דין האָט ער אפשר געמעגט מיט איר שמועסן, אַז די קינדער זיינען דערביי, אָבער ס'איז פּאָרט אַ קרומע זאַך, ווער־שמועסט־נאָך, אַז זי איז אַן אשת־איש. ר' משה־גבריאל האָט גלייך־געמאַכט דאָס בערדל, צונויפגעדרייט די פאות. ער'ט געהאַלטן, אַז ס'איז אַלץ תחבולות פון יצר. דער בעל־דבר פּרוּווט־אויס אַלע פּאָרטלען. אויב ער קאָן נישט ביי־קומען דעם מענטש במעשה, וויל ער אים ברענגען צו מחשבות זרות... ר' משה־גבריאל איז פאַרביי דעם הויף. אויף דער שוועל פון בית־המדרש זיינען אים די ברילן געוואָרן פאַרהויכט. אַלץ האָט זיך געוויקלט ווי אין נעפּל.

— גוט מאָרגן.

— פּאַפּאַ!

לאַטי איז צוגעלאָפן, אַרומגעכאַפּט דעם פאָטער, אים באַדעקט מיט קושן. לאהן האָט זיך אָוועקגעשטעלט אַ קנויל אין האַלדז. ווי בטלניש אהר'לע האָט אויסגעקוקט, אַזוי איז משה־גבריאל געבליבן זויבער. די ריפּסענע קאַפּאָטע האָט געפּעכלט. די האַלבע־שיך האָבן געפינקלט. דאָס בערדל, וואָס האָט שוין אָנ־געהויבן ווערן גרוי, איז געווען אויסגעקעמט. אויפן קאַלנער פון העמד האָט מען נישט אָנגעזען קיין שפּרענקעלע. ער האָט זיך ר'עכט נישט געהאָט געביטן. ר' משה־גבריאל האָט האַלב־אָפּגעשטופּט לאַטין. טאַקע אַ טאָכטער, אָבער פּאָרט אַ נקבה. ס'האָט געשמעקט פון איר מיט זייף און חציפות. מענדי האָט דערלאַנגט דעם טאַטן אַ גרויסע וואַרעמע האַנט.

— העלאָ, פּאַפּ!...

— מאירל, דאָס ביזט דו?

ר' משה־גבריאל האָט אַראָפּגענומען די שפּאַקולן, אויסגעווישט די אויגן מיט אַ פאַטשיילע. ער האָט געטאָן אַ קוק און זיך פאַרקרימט. ער האָט געדענקט

מאירלען פאר א זיידן קינד. איצט איז געשטאנען פאר אים א יונג א מגושם: הויך, דיק, ברייט־פלייציק.

— א גרויסער בחור.

— פאר צוויי יאר איז ער געווארן בר־מצווה — האט לאה זיך אנגערופן.

— ער'ט געהאלטן א דרשה.

— לייגסט כאטש תפילין?

מענדי איז געווארן רויט.

— נו, כ'פארשטיי.

— אין אמעריקע איז שווער צו זיין א ייד — האט לאה זיך פארענטפערט.

— ס'איז אומעטום שווער. ווען ס'זאל זיין גרינג, וואלט ניש' געווען קא' קונץ.

— מענדי, זאג דעם טאטן, וואס דו האסט געלערנט!

— די הפטורה. שולחן־ערוך.

— דעם שולחן־ערוך דארף מען האלטן! — האט ר' משה־גבריאל אפגע־ענטפערט שארף.

— כ'האב ניש' קא' צייט.

— וואס טוסטו?

— כ'גיי אין האי־סקול.

— וואס איז דאס? א שקאלע?

— יעס, א שקאלע.

— דערויף האט שוין געזאגט דער נביא: זיי לאזן אוועק א קוואל פון מים חיים און זוכן זיך צעבראכענע גריבער. אן דער תורה קאן מען ניש' האבן קא' קיום.

— פון דער תורה מאכט מען ניש' קא' לעבן — האט לאה זיך איינגע־שטעלט פארן יינגל.

— טוב תורה עם דרך־ארץ.

— פאפא, איך האב מיך שטארק פארענדערט? — האט לאטי געפרעגט.

ר' משה־גבריאל האט אין אנהויב נישט באנומען, וואס זי מיינט. באלד האט ער זיך אנגעשטויסן. ער האט ערשט איצט זי אנגעקוקט. זי איז אים גע־פעלן. זי האט געהאט אן איידל פנים. אווא, נאך אלץ נישט פארלוירן דעם צלם אלוקים! — האט ר' משה־גבריאל געטראכט. געזאגט האט ער:

— ביסט א דערוואקסן מיידל.

— פאפא, כ'וואלט געוואלט מיט דיר רעדן אליין.

— וואס ווילסטו רעדן?

— פארשידענע זאכן.

— נו, נו... פארסט דאך נישט אוועק.

— זיי מיר מוחל, משה־גבריאל, נאר וואס איז דער שכל פון זיצן דא אין בית־מדרש? איך יאק איך, נאר די קינדער ווילן זיך מיט דיר אנפרייען. פאר אריין מיט זיי קא' ווארשע.

— וואסערע עסקים האב איך אין ווארשע?

— מ'עט דיר דינגען אַ שטוב אין אַ האָטעל.

— עט...

— נעם זיי כאַטש אַריין צו דיר.

— כ'וואוין אין הויף. ס'איז נישט אויפגערוימט.

— איך, פּאַפּאַ, וועל אויפּרוימען! — האָט לאָטי פאַרגעשלאָגן.

— חלילה, אַ גאַסט. ס'חלשט דיר מסתמא ס'האַרץ.

לאָטי האָט נישט פאַרשטאַנען.

— ס'האַרץ? ניין.

— ער מיינט, צי ביסט נישט הונגעריק — האָט לאה געגעבן צו פאַרשטיין.

— אָ! ניין, פּאַפּאַ. מיר האָבן געגעסן.

— איך בין הונגעריק — האָט מענדי געמאָלדן.

— ווייסטו וואָס? דו, מענדי, קום מיט מיר אויף דער סטאַנציע און זאָל זי בלייבן מיטן טאַטן — האָט לאה געמאַכט אַ פּשרה. — שפּעטער וועל איך זי קומען אָפּנעמען.

ר' משה־גבריאל האָט געשוויגן.

— בלייבט אַזוי?

— מהיכי תיתי.

— דו, אהר'לע, קום מיט אונדז! — האָט לאה באַפוילן.

אהר'לע האָט געטאָן אַ פרעגנדיקן קוק אויפן פאָטער. ר' משה־גבריאל האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ. ער האָט דערקאַנט אין אהר'לען, אַז ס'גלוסט זיך אים צו פאַרברענגען מיט דער מוטער. אַ מאַמע איז אַ מאַמע, האָט ר' משה־גבריאל געקלערט. אַזוי איז שוין די טבע. לאה האָט צוגערופן לאָטין, איר איינגערוימט אַ סוד. אהר'לע איז געשטאַנען אַן איינגעבויגענער, געשמייכלט האַלב־שעמעוודיק, האַלב־שולדיק. ס'איז שווער געווען זיך צוצוגלויבן, אַז די מאַמע איז אַ דאַמע מיט אַ הוט און אַז דער מאַן אירער איז קאַפּל משרת. ס'איז עפּעס ווי מ'באַשרייבט אין די בלעטער, איז אהר'לען איינגעפאַלן. ער האָט נישט גע־וואוסט, ווי אַזוי מיט איר צו רעדן. ער האָט מורא געהאַט, אַז זי'ט מיט אים טרייבן חוזק, אים אָנריידן צו שלעכטס. זי קאָן מיך נאָך וועלן מיטנעמען קאָ'ן אַמעריקע! — איז אים דורכגעלאָפן אַ רעיון. ער האָט געוואָרפן אַ זייטיקן בליק אויף לאָטין. די שוועסטער האָט צוגעלייגט צוויי פינגער צום מויל, אים צוגעוואָרפן אַ קוש. די אויערן האָבן אים גענומען פלאַמען.

— אַ גוטן טאָג!

— וואָס לויפסטו? — האָט לאה אים נאָכגעשריגן. — מיר'ן גיין בייזאַמען. אַ מאַמע איז ניש' קאַ' פרויענצימער —

— חלילה!

— וואָס ביסטו אַזוי צעטראָגן? מ'קאָן לערנען תורה און זיין אַ מענטש. ס'קומט צו אונדז אַריין אַ ראַבאַי, האָט ער היתּר־הוראה פון די גרעסטע רבנים. ער פירט זיך אויף ווי אַ לאָרד.

— מאַ, הער שוין אויף! — האָט לאָטי זיך אַריינגעמישט.

— כ׳וויל גיש׳, מיין קינד זאָל זיך מיט מיר שעמען!...

אהר׳לע איז פֿונדעסטוועגן אַרויס דער ערשטער. ער האָט געשפּרייזט עטלעכע טריט פֿאָרויס. ביי דער טיר האָט ער זיך פֿאַרטשעפּעט אַ פּאָלע, באַקומען אַ גוואַלד־ריס. אינדרויסן האָט זיך געשטעלט אַ פֿראָסט, פֿונדעסטוועגן האָט אהר׳לע געשוויצט. ער האָט געהאַט אַ פֿאַרלאַנג צו שפּאַנען גיך. ער האָט קוים איינגעהאַלטן די פֿיס נישט צו לויפֿן. אַ ווילדער מענטש, האָט לאה ביי זיך אָפּגעפּאַסט. נאָך ערגער פֿאַרן פֿאָטער. ווי פֿון וואַלד אַרויס... ס׳איז איר געוואָרן געזאָלצן אין די אויגן־ווינקלען. ס׳האָט איר גענומען קרעלן אין האַלדז. ס׳איז אַלץ זיין שולד — האָט לאה געמורמלט, אַליין נישט וויסנדיק וועמען זי מיינט, משה־גבריאלן, אָדער קאָפּלען. אין אמתן, האָט זי מיטביידע נישט געטראָפֿן. יענער איז געווען צו־איידל, האָט שוין צופֿיל געקלעטערט אין די הימלען. דער, ווידער, איז אַ גראָבער נפֿש, אַ חמור־אייזל, אַ שיקסע־קריכער... אָוועטאָווע, ס׳איז נישטאָ קאָ׳ גליק. זי׳ט פֿאַרשפּילט די יאָרן. לאה האָט אַרויסגעקראַצט פֿון טאַש אַ שניפּ־טיכל, געריבן די נאָז. אַ שיין פּנים האָט זי: נת׳לע און אַבראַם מיידן זי אויס; פּערל וויל זי נישט אָנקוקן; אסתּר־מלכּה און סאָלטשע שטייען אין גרויסן. אַפֿילו חנה די קורלענדישע מאַכט איר אַ מענטליק. און אַלץ צוליב וועמען ליידט זי? צוליב קאָפּל גנבֿ, וואָס טרינקט, שפּילט אין פֿערדלעך, רופֿט זי מיט צונעמען. ער איז שולדיק, וואָס מאַשע האָט זיך געשמדט! ער און ווייטער קיינער.

לאה איז נאָכגעלאָפֿן אהר׳לען, זיך אָנגעקלאַמערט אָן זיין אָרעם. ער האָט זיך געפּרוּווט אַרויסרייסן, נאָר זי האָט אים געהאַלטן פֿעסט. די יוגנט האָט זי פֿאַרלוירן. זי איז אַ מאַמע פֿון אַ ייד מיט אַ באָרד. דאָ, אין ביאַלאָדרעוונע, האָט זי זיך נישט וואָס צו שעמען... לאה און אהר׳לע זיינען געגאַנגען פֿאָרויס. מענדי האָט נאָכגעהאַצקעט פֿון הינטן. ער האָט זיך געהאַט געריסן צו דער רייזע קיין אייראָפּע, אָבער ס׳איז אים שוין אַלץ געוואָרן צוגעגעסן: די משפּחה, די האָטעלן, די בלאָטעס, די לאָקשן מיט יויך, דאָס מוזן רעדן און הערן כּסדר יידיש. ער האָט געבענקט צוריק קיין ניו־יאָרק, אָדער קיין סאַראַטאָגאַ ספּרינגס, וואו די מאַ פֿלעגט זומער טרינקען די וואַסערן. דער געדאַנק איז מענדין געווען פֿאַרנומען מיט בעיז־באָל, פֿוטבאָל, פֿערד־געיעגן. ער האָט געהאַט איבערגעלאָזט אין מיטן אַ העפֿטן־ראָמאַן וועגן באַפֿאַלאָ ביל. ער, צוזאַמען מיט אַ חבר, דזשעק, פֿלעגן זיך אַריינכאַפּן אין אַ בורלעסק. ס׳איז געווען „פֿאַן” צו זיצן אויף דעם באַלקאָן מיט אַ ציגאַרעט צווישן ליפּן, מיט קאַי־גומי אין מויל און צוקוקן ווי די מויד שיילט־אַראָפּ איין הילע נאָך דער אַנדערער, בלייבט אָן אַנטבלויזטע. ס׳זיינען אים איצט נישט אָנגעגאַנגען נישט דער טאַטע, נישט אהר׳לע, נישט די אָנקלס און טאַנטעס, וואָס כאַטש ער איז העכער פֿון זיי מיט אַ קאָפּ, קנייפּן זי אים אין די באַקן ווי אַ „בייבי”. מענדי האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז ווען ער׳ט צוריקקומען קיין אַמעריקע, וועט ער מער נישט אָנקוקן די אַלע גרינהאָרנס. קיינמאָל נישט פֿאָרן קיין יוראָפּ, סיידן פֿיליכט קיין ענגלאַנד...

# 3

ווען לאה, אהר׳לע און מאירל זיינען ארויס, האט לאטי זיך אנגערופן:
— נו, פא, לאמיר גיין.
— אדרבה.
ר׳ משה־גבריאל האט זיך געלאזט ארויס צום הויף. לאטי איז געגאנגען נעבן אים. כאטש א טאכטער, האט ר׳ משה־גבריאל געפרואווט זיך פון איר אפרוקן. מ׳דארף זיך היטן משום מראית־עין. א פרעמדער קאן נאך מיינען, ער שפאצירט מיט אן אישה. לפני עוור לא תתן מכשול. לאטי איז כמעט נאכגעלאפן אין די שיך מיט די הויכע קנאפלען. זי האט אנגעכאפט דעם פאטער ביים עלנבויגן.
— פא, דו איילסט דיך?
דער הויף איז געווען נישט ברוקירט. דעם שניי האט דא קיינער נישט אפגערייניקט. דערצו האט לאטי געטראגן א שמאל קלייד, געמוזט מאכן קליינע טריטעלעך. די זאקן זיינען איר געווארן נאס. ר׳ משה־גבריאל האט זיך אומגעקוקט פוןביידע זייטן. ער האט דערזען א בוים, נאך דורך די פארנעפלטע ברילן האט זיך אים אויסגעוויזן, ס׳איז א מענטש. ער האט א זאג געטאן:
— ס׳איז מיין טאכטער...
— פאפא, צו וועמען רעדסטו?
— עט... ס׳האט זיך מיר געדוכט...
דער שטאק שטיגן, וואס האט ארויפגעפירט צו ר׳ משה־גבריאלס חדר, איז געווען געדיכט באקלעפט מיט בלאטע. אויף די טרעפ האט זיך געוואלגערט מיסט. שוין חדשים ווי די דינסט האט נישט אויסגעקערט. מ׳האט דא זעלטן געהייצט דעם אויוון. אויף א טיש זיינען געווען אויסגעלייגט כתבים. די בויגנס זאלן נישט אוועקפליען, האט אויף יעדן בינטל געשווערט א שטיין. אויף א שטענדער איז געלעגן א הויפן ספרים איינס אויפן אנדערן, דאס אויבערשטע צוגעדעקט מיט א גארטל פאר אן ערוב. אין א טינטארן האט געשטעקט א פעדער. ס׳האבן זיך געוואלגערט שטאלענע פענעס, א האלטער, קלעק־פאפיר. אן א קופערט איז געווען אנגעשפארט א לולקע־ציבוק. ביי דער וואנט איז געשטאנען אן אייזערן בעטל איבערגעדעקט מיט א האריקער קאלדרע. ס׳האט ארויסגעשטארצט אן איבערדעק, אן א ציך, אין בלויזן איינשיט. ר׳ משה־גבריאל האט אוועקגעמאכט מיט דער האנט.
— א מושב!
— נישט אזוי שלעכט
— זעץ דיך. דא אויפן בענקל. ס׳איז קאלט, הא?
— נישט קאלט.
— איך האב מיך שוין צוגעוואוינט. באטאג זיץ איך ס׳רוב אין בית־מדרש. באנאכט דעקט מען זיך צו. נו, וואס מאכסטו? אין אמעריקע רעדסטו, אוודאי, ווי הייסט עס דארט, ענגליש?
— כ׳רעד יידיש אויך.

— כ׳הער ביסט א גאנצע מלומדת. גייסט אין די אוניווערסיטעטן.
— דאס צווייטע יאר.
— וואס לערנסטו דיך? אויף דאקטאר?
— וויסנשאפט.
— עלעקטרע?
— פון אלץ אביסל.
— געדענקסט כאטש, ביסט א יידישע טאכטער?
— זיי לאזן דיך נישט פארגעסן.
— ווער? די גויים?
— יעס.
— מ׳איז דארט אויך מבזה דעם ייד, כאטש ער גייט אין זייערע דרכים?
— די אנטיסעמיטן מאכן קיין אונטערשיד.
— יא, אמת. אפילו אז א ייד זינדיקט, איז ער נאך אלץ א ייד. ר׳איז פארט מזרע יעקב.
— זיי זאגן, אז צופיל פון אונדז שטודירן.
— דאס זיינען זיי גערעכט. מה לכהן בבית־הקברות? וואס האט א ייד צו טאן אין זייערע שקאלעס?
— איך קען דאך נישט לערנען אין סינאגאג.
— א יידיש מיידל דארף חתונה האבן, נישט לויפן אין די גימנאזיעס.
— וואס וועט זיין פון הייראטן? איך וויל עפעס וויסן.
— וואס אזוינס?
— איך וויל מאכן א לעבן פאר זיך.
— דער שטייגער איז, אז דער מאן גיט פרנסה און ס׳ווייב זיצט אין דער היים. כל כבודה בת מלך פנימה, ס׳איז דער כבוד פון א בת־מלך צו זיצן אין שטוב. די יידן ווערן אנגערופן בני־מלכים.
— די מענער אין אמעריקע ווילן, די פרוי זאל האבן איר ארבעט.
— צו וואס? זיי זאלן קאנען הולטאיען?
לאטי איז געווארן בלאס.
— יעס, פאפא, דאס איז ריכטיק.
— כ׳הער, ביסט שוין א כלה.
לאטי האט אנגעבויגן דעם קאפ.
— וועגן דעם וויל איך מיט דיר רעדן.
— נו, רעד.
— אך, פאפא, איך ווייס נישט ווי אנצופאנגען. מיר זיינען צוויי פארשידענע כאראקטערס. איך בין ווי דו. איך האב ליב צו לייענען. איך שטרעב צו א רואיק לעבן. ער וויל נאר ארומלויפן.
— ווער איז ער? פון וואנען שטאמט ער?
— זיין פאטער איז א דאקטאר. א רייכער מאן.
— א שיינער מחותן... וואס איז ער, דער בחור? א שארלאטאן?

— ניין. אבער... ער גלייכט צו גיין אין קאבארעטס. ער זאגט, ער האט מיך ליב, אבער ער פירט זיך ארום מיט מיידלעך —

ר׳ משה־גבריאל האט געטאן א זיפץ.

— אנטלויף ווי פון פייער!

— ער זאגט, ער האט מיך ליב.

— מאלע וואס ער זאגט. ס׳איז מן השפה ולחוץ. די־לייט זיינען שקרנים.

— יעס, פאפא, איך האב אים אבער אויך ליב.

— וואס איז דא ליב צו האבן? א בשר ודם... שנית, דו מיינסט עס ערנסט און פאר אים איז דאס א שפילעכל.

— אך, פאפא, ווי דו פארשטייסט אלץ! איך וויל אזוי, דו זאלסט קומען קיין אמעריקע!

— איך קיין אמעריקע? שטותים. כאטש, ווער ווייסט? דער קאצקער האט געזאגט: די תורה וואנדערט.

— יעס, ס׳זיינען דארט אויך פאראן שולן. איך בענק אזוי נאך דיר!... פאפא, מעג איך דיר טאן א קוש?

ר׳ משה־גבריאלן איז אנגעלאפן דאס בלוט אין שטערן.

— עס... צו וואס?

— ווייל כ׳האב דיך ליב.

— אויב דו האסט מיך ליב, גיי אין מיינע וועגן. אז דו ביסט שוין אזוי קאליע, וועלן דיינע קינדער, חלילה, זיין גוים.

— ניין, פאפא, איך וועל נישט האבן קיין קינדער.

— פארוואס ניש׳? אין פסוק שטייט: לא לתוהו בראה, כי אם לשבת יצרה — די וועלט איז נישט באשאפן געווארן צו זיין וויסט, נאר ס׳זאל זיין א ישוב.

— די מענטשהייט לײדט זייער פיל.

— אלץ קומט דורך יסורים.

— די יידן האבן א פראבלעם. מ׳רופט זיי צונעמען. מ׳לאזט זיי נישט אריין אין די האטעלן. זיי קאנען נישט באלאנגען אין די קלאבס — — מיר האבן זייער פיל ציוניסטן — —

— ס׳אן אלטע מעשה. בידוע שעשיו שונא ליעקב. וואס מער דער ייד טוט־נאך דעם גוי, אלץ מער האט ער אים פיינט.

— איז וואס זאל מען טאן?

— תשובה. ושב ורפא לו. אז מ׳קערט זיך אום, ווערט מען געהיילט. מ׳האט אונדז געגעבן א תורה, ווי זיך צו פירן. ווען נישט די תורה, וואלטן אונדז די אומות, חס ושלום, לאנג איינגעשלונגען.

— איך קאן נישט האלטן די תורה.

— פארוואס ניש׳? די תורה איז פאר יעדן איינעם. ווייבער האבן ווייניקער מצוות, אבער זיי דארפן היטן יידישקייט.

— פאפא, איך בין נישט רעליגיעז.

ר׳ משה־גבריאל האט זיך אפגעשאקלט.

— וואס הייסט דאס? האסט ניש׳ קא׳ן אמונה?

— ניין.

ר׳ משה־גבריאל האט ארויסגעכאפּט די קעשענע־פאטשיילע. די טרערן זיינען אים אנגעלאפן. ער האט אויסגעשנייצט די נאז.

— ווער האט, לויט דיין שיטה, באשאפן די וועלט?

— פאפא, זיי נישט בייז. כ׳האב דיך זייער ליב, אבער איך האב מיינע אידייעס.

— כ׳בין נישט בייז... ענטפער מיר: ווער האט באשאפן הימל און ערד? אדרבה, כ׳וויל אויך וויסן.

— די עוואליושאן.

— וואס איז דאס אזוינס?

— אלץ האט זיך אנטוויקלט. ביסלעכווייז.

— מיט וועמענס כוח?

— פון דער נאטור.

— מיינסט פשוט פשט, ס׳א דרך־הטבע?

— יעס. אויסער דעם, עס זיינען פאראן פיל רעליגיעס. ווער קאן מיך מאכן זיכער, אז אונדזערע איז די בעסטע?

ר׳ משה־גבריאל האט זיך פארקרימט.

— מיר גלויבן אין איין גאט און זיי זיינען עבודה־זרהניקעס.

— די קריסטן גלויבן אויך אין גאט.

— זיי האלטן פון שלוש. ווי קאן גאט האבן א זון, א ילוד־אשה? אז דער תנך איז ביי זיי הייליק, ווי האט ס׳יויזל געקאנט מבטל זיין תורת־משה?

— פאר מיר זיינען אלע רעליגיעס פאלש.

— וואס־זשע דארף מען טאן? פרעסן און זויפן?

— איך גלויב אין פראגרעס.

— וואס איז דאס?

— די וועלט זאל גיין פארווערטס. אלע זאלן זיין גלייך.

— אז ס׳איז, חלילה, נישטא קא־בורא־עולם, וואס גייען דיך אן אנדערע? דאמאלס איז: אכול ושתוה כי מחר נמות.

— ניין, פאפא. יעדער האט די רעכט צו לעבן.

— פון וואנען איז דאס געדרונגען? די חיות שלינגען־איין איינס ס׳אנדערע... אוי, ווי, ביסט מיר נעבעך א שאד.

— פאפא, ס׳איז מיר זייער טרויעריק. די מיידלעך אין ניו־יארק זיינען אזוי פוסט. וואס זיי דארפן, איז דרעסעס און א באי־פרענד, א געליבטן... איך וויל האבן עטוואס העכערס.

— זעסטו! ביסט דיך אליין סותר... די נשמה איז א חלק אלוק ממעל. דער גוף ציט אראפ, צו תאוות, רשעות. נאר די נשמה ציט ארויף, צום שורש. זי קומט פון אונטערן כסא הכבוד. מ׳האט זי אראפגעשיקט אויפן עולם התחתון פארריכטן, נישט, חלילה, קאליע מאכן. זי ווערט, נעבעך, געווארפן אין כף־

הקלע. זי מוז זיך לייטערן, ווייל לא ידח ממנו נדח. סיי־ווי־סיי מוז זי האָבן אַ תּיקון — צו וואָס זינקען אין דער בלאָטע?...

— אַך, פּאַפּאַ, איז דאָס קבלה?

— האַ? וואָס איז די נפקא מינה? ס'איז דער אמת.

— כ'וואָלט אַזוי געוואָלט לערנען קבלה!

ר' משה־גבריאל האָט געטאָן אַ שמייכל.

— קבלה איז ניש' פאַר קאַ' מיידלעך. שנית, אײדער מ'נעמט זיך צו קבלה, דאַרף מען זיין אַן אַפּגעהיטן יידיש קינד. אַז נישט, איז ווי מ'וואָלט זיך געטובלט און געהאַלטן אַ שרץ.

— איך טו קיין זינד.

— יעדער איינער זינדיקט. משה רבינו האָט אויך געטאָן אַן עברה.

— יעס? וואָס האָט ער געטאָן?

— גאָט האָט אים געהייסן רעדן צום שטיין און ער האָט געשלאָגן דעם שטיין. דעריבער האָט ער נישט זוכה געווען צו קומען קיין ארץ־ישראל.

— אַך... כ'וואָלט געוואָלט טרעפן הדסהן און איר פריינט. מ'זאָגט, ער איז אַזאַ אינטערעסאַנטער יונגערמאַן... פּאַפּאַ, איך וויל דיך פרעגן נאָך עפּעס, נאָר זיי נישט בייז. זעסט אַמאָל מאַשען?

ר' משה־גבריאל איז געוואָרן ווייס.

— די משומדת? ימח שמה וזכרה!

— פּאַפּאַ!

— דערמאָן נישט איר טרפהנעם נאָמען! שקץ תשקצנו ותעב תתעבנו. פע!...

ר' משה־גבריאל האָט מיט ביידע ווייזפינגער פאַרשטאָפּט די אויערן, אויסגעשפּיגן. ער האָט זיך געטאָן אַ הויב־אויף און געגומען אַרומלויפן אַהין־און־צוריק. דאָס בערדל האָט אים געציטערט. די וואָנסן האָבן זיך געשאָקלט. ער האָט געטרייסלט דעם קאָפּ אין דער ברייט, ווי אויף ניין.

— איך בין נישט איר פאָטער און זי איז נישט מיין טאָכטער! אײדער ס'זאָלן ארויסקומען פון איר שונאי־ישראל, זאָל זי איינגעמען אַ מיתה־משונה!...

לאָטי האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, פאַרשטעלט דאָס פּנים מיט אַ טיכל, זיך צעוויינט. ר' משה־גבריאלן זיינען גערונען די טרערן, געבליבן הענגען אויף דער באָרד.

— ס'איז מיין שולד! — האָט ער געטאָן אַ געשריי און געקלאַפּט מיטן דוימען אין האַרץ. — כ'האָב נישט געטאָרט שווייגן! באַלד ווי דיין מאַמע האָט ענק אָנגעהויבן שיקן אין די שקאָלעס, האָב איך געדאַרפט אייך נעמען און אַנטלויפן! ראַטעוועו, ווי לאַנג ס'איז צייט!...

ר' משה־גבריאל האָט פאַרשטעלט דאָס פּנים, איז לאַנג געשטאַנען אַ פאַרשוויגענער. ווען ער האָט אָוועקגענומען די פינגער, איז די נאָז געווען נאַקעט, וואונדיק. אונטער די אויגן זיינען געשטאַנען טאָרבעלעך. ס'האָט זיך לאָטין געדוכט, אַז אין דער קורצער ווייל איז אויף אים אַרויף די עלטער...

# קאַפּיטל פֿינף און פֿערציק

## 1

ביינאַכט האָט זיך דעם ביאַלאָדרעוונער רבין געחלומט אַן אויסטערלישער חלום. ער איז אַ ייִנגל. ער דרייט זיך אַרום אַליין אין הויף. ער געפֿינט אַ שטיק פּאַפּיר, וואָס מ׳האַלט דערין ליכט. ער וויל אָנצאַפּן וואַסער פֿון פּלומפּ און עס באַגיסן, נאָר די קאַלבע רירט זיך נישט פֿון אָרט. זאָל מען שוין האָבן אויסגעצאַפּט דעם קוואַל? די ערד שטייט דאָך אויפֿן אוקיינוס... ער קומט־צו צו אַ קופּע מיסט. ס׳ליגט דאָ אַ צעבראָכענע קרוג, אַ צעבויגן האַנט־פּאַס, אַ פּסולער לולב, איינגעפּאַסט אין רינגלעך, מיט קיישעלעך פֿאַר הדסים און הושענות. ער הויבט אים אויף און פּרוּווט פֿונאַנדערשיידן די טייטל־בלעטער. מיט אַמאָל לויפֿט־אָן אַ חזיר. דאָס דבר־אחר שפּרינגט גלייך אַקעגן אים. ער ווייסט, אַז מ׳טאָר נישט נוצן קיין תּשמישי־מצווה אויף אָפּצוטרייבן אַ בהמה־טמאה, אָבער דאָס ווילד־חזיר שטעלט זיך אויף די הינטערשטע פֿיס, פֿאַרמעסט זיך מיט די קלאָען. ס׳איז אַ זי. דער בויך איז פֿול מיט ציצן. ער נעמט זי שמייסן מיטן לולב. די חזירטע כאַפּט־אַריין דעם לולב אין דער שנויץ און שלינגט אים איין...

אַ פּחד באַפֿאַלט אים און ער אַנטלויפֿט, אָבער די חיה־רעה יאָגט אים נאָך. ער קומט צו אַ באָד. פֿון אַ לאָך אין דער וואַנט זעצט אַ רויך. ס׳איז אַ שׂרפֿה, אָדער וואָס? ער לויפֿט אַריין אין מרחץ. די ווענט זיינען שוואַרץ, די באַלקנס הענגען־אַראָפּ. מ׳זעט נישט קיין מענטשן, נאָר מ׳הערט אַ גיסעניש, אַ פּליוס־קעניש, רייד, געלעכטער. שאָטנדיקע פֿאַרשוינען וואַשן זיך אויף די בענק, גיסן שעפֿעלעך אויף שטיינער, שמייסן זיך מיט אָפּבילדער פֿון בעזימלעך. ער וויל צוריק אַרויס, נאָר דער וועג איז פֿאַרשטעלט. אַן ענגער חלל פֿירט ערגעץ אין אַ הייל. באַשירעמט צו ווערן פֿון די נישט־גוטע, שטרעקט ער זיך אויס אויף די הענט און די פֿיס, שטופּט זיך דורך אַן עפֿענונג. ער בלייבט ליגן נעבן אַ מקווה. ס׳טובלט זיך אַ באַבע, אַ פֿאַרזעעניש, האָריק און בערדיק, לייזיק און באַקאָלטנט. זי האָט נישט קיין הויט. ס׳קוקט אַרויס די לונג־און־לעבער, די קישקעס, די מילץ. זי שטרעקט אויס אַ דאַרע האַנט מיט לאַנגע נעגל.

— ייִנגעלע, קום צו מיר.

— כ׳וויל נישט!

— עכברוש, כ׳האָב דיך ליב.

— ניין.

— תּכשיט, כ׳בין דיין מאַמע!

דער רבי האָט גענומען שרייען פֿון שלאָף. איזשע שמש, וואָס איז געשלאָפֿן אין צווייטן חדר, האָט זיך איבערגעוועקט, אָנגעצונדן אַ ליכט. דער רבי איז געזעסן אויפֿן געלעגער אַ צעשויבערטער, באַגאָסן מיט אָנגסטן. דאָס קאַפּל איז אים געהאַט אַראָפּגעפֿאַלן.

— רבי, וואָס שרייט דער רבי?

דער רבי האָט זיך אָפּגעשאָקלט, אָנגעטאָן די יאַרמולקע.

— אייזשע, מיין צייט איז געקומען!

אייזשע איז געבליבן שטיין אַ פֿאַרשוויגענער. נאָך אַ ווייל איז ער אַרויס. דער רבי איז נאָך לאַנג געזעסן און נאָכגעטראַכט נאָך דעם זעעניש. ער האָט געוואַשן נעגל־וואַסער, אָנגעשטעקט די שטעק־שיך, זיך איינגעהילט אין שלאָפראָק. דער אויוון איז געווען געהייצט, נאָר אין רבינס לייב איז אַרומגעלאָפן אַ קעלט. דער רבי איז אַריין צו אייזשען.

— אייזשע, איר שלאָפט?

— וואָס זאָגט דער רבי?

— אייזשע, זייט אייך מטריח, שיקט אַריין ר׳ משה־גבריאלן.

דער רבי האָט זיך אומגעקערט צום בעט, אָנגעלענט דעם קאָפּ אויפֿן קישן. סיי ער איז געווען וואַך, סיי ער איז געשלאָפן. ר׳ משה־גבריאל איז אַריינגעקומען, גערעדט, נאָר דער רבי האָט נישט געדענקט, וואָס ער האָט געזאָגט. ער האָט געהערט ווי מ׳האָט גערופֿן דעם ביאַלאָדרעוונער דאָקטאָר, פּאַכאַלסקין, פֿאַרנומען דאָס פּוילישע לשון. דער פֿרימאָרגן איז געקומען כּהרף עין. די טיר האָט זיך אויפֿגעפּראַלט און פֿאַרקלאַפּט. מענטשן זיינען געגאַנגען אַהין און צוריק. דער רבי האָט זיך דערמאָנט, אַז מ׳דאַרף דאַווענען, נאָר ער איז געווען פֿויל צו לייגן טלית־און־תּפֿילין. די רצועות זיינען צו קאַלט... מ׳האָט אים אַרונטערגעלייגט אַ טערמאָמעטער אונטערן אָרעם, נאָר שעהן זיינען, דוכט זיך, אַריבער און מ׳האָט אים נישט אָפּגענומען. דאָס איז געווען דעם רבין אַ חידוש. וואָס איז דאָ אַזאַ גערודער? — האָט דער רבי זיך געפֿרעגט. — בין איך טאַקע מסוכּן־שלאַף?

אַלץ האָט זיך אויסגעמישט צוזאַמען: חלום, וואָר, אַ ווייטאָג אין דער לינקער זייט, אַ מידקייט אין די פֿיס. עמעץ אין אים האָט געזאָגט אַ פּורים־תּורה: לוויתן זה יצרת לשחק בו, צוליב אַ ווערטל באַשאַפֿט גאָט אַ לוויתן. מה־דאָך אַ לוויתן, מכּל־שכּן אַ מענטש. שטייט טאַקע: יושב בשמים ישחק. פֿונדעסטוועגן, אַז שרה האָט געשפּעט, האָט דער אויבערשטער געפֿרעגט: למה זה צחקה שרה. איך מעג, דו נישט. דער קאַצקער האָט יאָ צוריקגעלאַכט, האָט מען פֿון אים געריסן שטיקער... וואָס־זשע דאַרף מען טאָן, האַ? מ׳טאָר נישט זיין קיין מורד...

דער רבי האָט אויסנווייניק געלערנט שטיקער חומש און משניות, גמרא און מדרש, זוהר און עץ־החיים. לאַנג־פֿאַרגעסענע מימראס האָבן ווידער אויפֿגעטויכט אין געדעכעניש. די טראַכטענישן האָבן זיך כּסדר געדרייט אַרום יידן. וואָס וויל ער, דער רבונו של עולם? כּולו חייב? כּולו זכּאי? אפֿשר איז אַמאָל די הלכה כּרב הלל: אין להם משיח לישראל? וואָס־זשע וועט זיין מיט ישראל סבא? ער׳ט זיך אייביק וואַלגערן? אַ שיינער תּכלית!...

דער רבי האָט אויפֿגעמאַכט אַן אויג. ס׳איז געווען אָוונט. אויפֿן גלעזל פֿון נאַכט־לאָמפּ איז געזעסן אַ גרינע שיין. ר׳ משה־גבריאל האָט אַריינגעקוקט אין אַ ספֿר. אויף אַ בענקל האָבן זיך צונויפֿגעשטופּט פֿלעשלעך, גלעזלעך. ס׳איז דאָ געלעגן אַ האַלבע פּאָמעראַנץ. כ׳בין, אַפּנים, קראַנק אויף אַן אמת, האָט

דער רבי ביי זיך אָפּגעפּאַסט. ער האָט געוואָלט עפּעס פרעגן ר׳ משה־גבריאלן, נאָר ער האָט נישט באַמעכטיקט די צונג. ער האָט געמורמלט:

— ר׳ משה —

— יאָ, רבי.

— איר׳ט באַלד ווערן רבי.

— חס־ושלום, דער רבי ט׳זיין געזונט.

— נאָך וואָס?...

ר׳ משה־גבריאל האָט נאָך גערעדט, נאָר דער רבי האָט נישט געהערט. וואָס איז דער חילוק? יאָ־רבי, נישט־רבי. די פּלייצע טוט וויי, די קני ברעכן. דער קאָפּ איז פאַרהאַקט. איז ער דורשטיק? ניין, נישט דורשטיק. דאַרף ער משתין זיין? יאָ. ניין. עפּעס ברויכט ער, נאָר ער ווייסט נישט וואָס. אַ געטראַנק, אַ דערקוויקעניש. פאַרוואָס שלאָגט מען נישט קיין אָדער? וואָרום שטעלט מען נישט קיין פּיאַווקעס? הלמאי לייגט מען אים נישט אונטער נאָך אַ קישן? ס׳ליילעך איז פול מיט קרישקעס. וואו זיינען זיי, די חסידים, ידידים, מקורבים? מ׳לאָזט אים אויסגיין איינעם אַליין. עלעהיי וואָלט געקומען די גינע־גנענדל... פאַרט אַ טאָכטער...

דער רבי האָט אויפגעוואַכט, דערבליקט גינע־גנענדלען. זי איז געשטאַנען און אַריינגעטריפט טראָפּנס אין אַ קאַווע־לעפעלע. דער קאָפּ איז געווען אַרומגעוויקלט מיט אַ טיכל, נאָר ס׳האָבן אַרויסגעשטאַרצט די גרויע האָר. זאָל דאָס זיין זי? זי איז דאָך עלטער פון דער מאַמען... אַ שמייכל האָט זיך באַוויזן אויפן רבינס ליפּן, געבליבן הענגען אויפן בערדל. גינע־גנענדל האָט דעם פאָטער איינגעגעבן די רעצעפּט, זיך אַוועקגעזעצט אויפן ראַנד־געלעגער, אָנגענומען דעם טאַטן ביי דער האַנט. דער רבי האָט צוגעשלאָסן די וויעס. ס׳איז געווען אַ תענוג צו האָבן נעבן זיך דאָס אייגענע בלוט־און־פלייש. ס׳האָט געהויכט פון דער גינע־גנענדלען אַ היימישקייט, אַ וואַרעמקייט. די בת־יחידה האָט אים געטרייסט, געשטאַרקט, איינגעוויגט און איינגעשלעפערט. זי האָט מיר געפעלט, אַלע יאָרן! — האָט דער רבי צו זיך געזאָגט. — אוי לו לאָב שגלה את בניו... דער רבי האָט געטאָן אַ צאַפּל, איינגעזונקען אין אַ טיפן שלאָף.

*

אין מיטן דער נאַכט האָט דער רבי געעפנט די אויגן. די פיס זיינען אים געווען אָפּגענומען, די לינקע זייט — פאַרלייגט. ער האָט געדאַרפט הוסטן, נאָר ער האָט נישט געקאָנט אַרויפברענגען די ליחות. פון יעדן אָטעם האָט געשטאָכן אין אַקסל, געבלעזלט אין דער קעל. די צונג אין מויל איז געווען משונהדיק גרויס און טרוקן. אַווא, כ׳האָב נישט געוואוסט, אַז דער גוף קאָן אָנטאָן אַזוינע יסורים — האָט דער רבי געקלערט. ער האָט געוואָלט טאָן אַ שלוק טיי, נאָר ער האָט נישט געקאָנט אויסשטרעקן די האַנט צו דעם בענקל. אין די נאָזלעכער האָט געשפּאַרט אַן איבלדיקער ריח. וואָס טוט זיך דאָ? כ׳דאַוון נישט, כ׳לערן נישט, כ׳ווייס נישט וואו כ׳בין אין דער וועלט. כ׳טאָר נישט זאָגן קיין יידיש וואָרט...

דער רבי איז אויפֿגעקומען מיט אַ באַגער אַריינצוקוקן אין אַ ספֿר. ער האָט מיט אַ שוואַך קול גערופֿן די טאָכטער, ר׳ משה־גבריאלן, נאָר קיינער האָט זיך נישט אָנגערופֿן. וואו איז ערגעץ אייזשע, ישראל־אלי? — האָט דער רבי זיך געוואונדערט. ער האָט געפּרוווט זיך אויפֿזעצן, נאָר ער האָט נישט געהאַט קיין מאַכט אין די לענדן. דאָס אינגעוויייד איז געווען ווי פֿרעמד. דער קאָפּ איז צוריקגעפֿאַלן אַ פֿאַרחלשטער. זאָל דאָס שוין זיין די גסיסה? דער רבי האָט געוואוסט, אַז ער דאַרף באַצייטנס זאָגן ווידוי, נאָר ער האָט געהאַט חשק צו לערנען תּורה. ער האָט גענומען מורמלען די ערשטע משנה פֿון מסכת סוכה.

סוכה שהיא גבוה למעלה מעשרים אמה, אַז אַ סוכּה איז העכער פֿון צוואַנציק איילן איז זי פּסול. אַז זי האָט נישט קיין דריי ווענט און די זון איז מער ווי דער שאָטן, איז זי פּסול...

דער רבי האָט געברומט, איינגעדרימלט, אויפֿגעוואַכט, פֿונסניי אָנגעהויבן. אין קופּערנעם לייכטער האָט געברענט אַ רעשטל ליכט. דער רבי האָט אין דער מחשבה פֿאַרגליכן זיין לעבן צו דעם פֿלעמל. ס׳טליעט נאָך, ס׳רויכערט, נאָר באַלד וועט עס צאַנקען און אויסגיין. מיר׳ן, אם ירצה השם, באַלד זען דעם אמת... ס׳איז שוין נענטער ווי ווייטער... דער רבי האָט דערלערנט ביזן סוף משנה. ער איז געבליבן ליגן אַ פֿאַרשמאַכטער. ס׳האָט זיך אים געחלומט, אַז ס׳איז יציאת־נשמה. מ׳שטעלט אים צו אַ פֿעדערל צו דער נאָז. ס׳כאַרכלעניש הערט אויף. מ׳הויבט אים אָפּ, מ׳לייגט אים אַוועק מיט די פֿיס צו דער טיר. מ׳צינדט אָן ליכט צוקאָפּנס. מ׳עפֿנט דאָס פֿענסטער, מ׳זאָגט צידוק־הדין, גינע־גנענדל וויינט: טאַטע, וואו לאָזסטו מיך איבער? ווייבער נייען תּכריכים, מאַכן שבת־שטעפּ. די חברה־לייט זיינען מטהר מיט אַ לעפֿל און אַ געלעכל. מ׳קעמט, מ׳צוואַגט, מ׳וואַלגערט מיט אַ וואַלגער־האָלץ. מ׳טוט אים אָן אַ הויב, מכנסים, אַ טלית מיט דריי ציצית, אַ צייכן, אַז אַ מת איז פּטור פֿון מצוות. מ׳מאַכט מיט אים הקפֿות אַרום באַלעמער. ער הערט אַלץ: די יאָמערנישן פֿון די ווייבער, די הספּדים פֿון די גוטע־יידן. וואָסערע שטותים! מתוק מזפֿת... די נושאים טראָגן אים אַוועק אויפֿן בית־עולם. דער קברן גראָבט אַ גרוב. מ׳לייגט אים אַרויף שערבעלעך אויף די אויגן. מ׳שטעקט אַריין אַ ריטל צווישן די פֿינגער. הייסט עס, ס׳איז יאָ דאָ השארת־הנפֿש... און איך, שוטה, האָב געהאַט ספֿקות!...

מ׳דעקט צו ס׳קבר. ר׳ משה־גבריאל זאָגט קדיש. חסידים גיבן־אָפּ מזל־טוב, רופֿן אים רבי. ווען ער ווייסט וואָס איך וויים!... דער רבי ליגט אין דער ערד, נאָר ס׳טוט אים נישט וויי. ער דאַרף נישט אָטעמען. אַ וואָרם עסט דאָס לעפֿל פֿון אויער, נאָר ס׳טוט אים נישט אָרן. נו, מאַ, כ׳בין שוין ס׳מייניקע איבערגעקומען. אַ רחמנות אויף די לעבעדיקע!...

ס׳דערהערט זיך אַ פֿאַכעניש פֿון פֿליגל. אַ פֿייערדיקע רוט טוט אַ קלאַפּ איבערן קבר. ס׳איז דער מלאך־דומה. ער פֿרעגט: מה שמך? דער רבי ענטפֿערט: יחיאל, יראי ה׳ הללוהו, כל זרע יעקב יכבדוהו, יגורו ממנו כל זרע ישראל. דער מלאך הויבט אים אויף, פֿליט מיט אים איבער די זיבן הימלען: שמים, רקיע, שחקים, מעון, מרום, ערבות, זבול. אין די גלגלים דרייען זיך די

כוכבי־לכת: חמה, לבנה, כוכב, נוגה, צדק, מאַדים, שבתאי. די זון קומט ארויס פֿון פֿוטערפֿאַס. די מזלות שײַנען מיט אַ העל ליכט. וואָס העכער — אַלץ לויטערער. דער עולם־הקליפּות ליגט שוין אונטן. פֿון דער הויך קומט אַלץ פֿאַר קליין: די מדבר, דער באַרג שעיר, דער ים־הקרש, ס׳גיהנום. דער אשמדאַי האָט אַ פּנים פֿון אַ מאַלפּע. לילית איז פּשוט אַ הונט. שדים, לאַפּיטוטן, שרעטלעך טראָגן זיך אין שטויב, ווי פֿליגן. די עברות זײַנען בערגלעך מיסט. ווײ, געוואַלד, צוליב דעם דאָזיקן עיפּוש פֿאַרלירט מען עולם־הבא? וואָסערע טפּשים! ווען זיי קאָנען זען די וואָר מיט מײַנע אויגן!...

דער רבי האָט זיך געטאָן אַ וואָרף, אויפֿגעקומען. ס׳איז געווען טאָג. דער רבי איז געלעגן אָן אָפּגעדעקטער, מיטן פּנים אַראָפּ. ליפּע רופֿא האָט אים געשטעלט באַנקעס. ס׳האָט זיך געשפּירט שווייס, אָנגעברענטס. הייסע טראָפּנס האָבן געשפּריצט אויפֿן רוקן. דער פֿלאַם האָט אָפּגעבריט די הויט. דאָס פֿלייש איז געווען אויפֿגעבלאָזן, אָנגעדראָלן, שטײַף. ניין, ער איז נאָך נישט אַרויס פֿון חומר עכור. ער שטעקט נאָך אין דעם פֿינסטערן עולם, צווישן טמאים, שרצים, תאוות, שלאָפֿקייטן. אַ געפֿאַלנקייט האָט אַרומגעכאַפּט דעם רבין און אַ בושה. אַ בענקשאַפֿט האָט אים אָנגענומען נאָך די ליכטיקע הויכענישן, וואו ער האָט געשוועבט אין חלום. אויף די אויגן־דעקלעך זײַנען געבליבן שײַנען, פֿונקען, לויטערקייטן. די ליכטער האָבן געשײַנט סײַ נאָענט, סײַ ווײַט, סײַ ממשותדיק, סײַ אָן אַ האַפֿט. אין די אויערן האָט אָפּגעהילכט אַ ווידער־קול פֿון אַ ניגון. דאָס געזאַנג איז געהאָנגען דעם רבין אויפֿן שפּיץ צונג. אויפֿן גומען האָט געקלעפּט אַ טעם פֿון אַ מאַכל נישט־פֿון־דער־וועלט, אַשטייגער ווי ער וואָלט שוין אין דער צײַט פֿאַרזוכט די שפּײַזן פֿון גן־עדן... דער רבי האָט מער נישט געבעטן אויף קיין רפֿואה. ער האָט געלעכצט אַהין, צו דער זיו השכינה, וואָס ער האָט זוכה געווען צו געניסן נאָך איידער די נשמה איז אַרויס אויף דער פֿרײַ...

**2**

נאָכן ביאַלאָדרעוונער רבינס לוויה האָבן די חסידים געוואָלט מאַכן ר׳ משה־גבריאלן פֿאַרן רבין. מ׳האָט אים נאָך פֿריער געהאָט געוואונטשן מזל־טוב אויפֿן בית־עולם. אָבער ר׳ משה־גבריאל האָט נישט געוואָלט ווערן רבי. ער איז אַרומגעגאַנגען אין בית־מדרש אין אַ זײַדן־היטל, אין אַן עלעפּאַגן כאַלאַט און גערויכערט פּאַפּיראָסלעך גלײַך ווי פֿריער. יונגעלײַט האָבן אים גערופֿן רבי, נאָר ר׳ משה־גבריאל האָט געהויבן מיט די אַקסלען.

— וואָס פֿאַר אַ רבי בין איך? מאַכטץ ענק נישט נאַריש!

מקורבים האָבן געפּרוואווט ביי ר׳ משה־גבריאלן פּועלן. מ׳האָט אים געוואָרנט, אַז ער מאַכט חרוב דאָס ביאַלאָדרעוונער חסידות. אָבער ר׳ משה־גבריאל האָט זיך אײַנגעשפּאַרט. ער האָט געטענהט:

— אַז כ׳האָב נישט געקאָנט מדריך זיין די אייגענע קינדער, ווי קאָן איך זיין אַ מנהיג־ישראל ?

נאָך לאַנגע רייד האָט מען זיך גענומען צו אהר׳לען. אהר׳לע איז געוואָרן בלייך ווי קאַלך, ווען ער האָט דערהערט, אַז מ׳וויל אים מאַכן פֿאַר רבי. ער האָט געמיינט, אַז מ׳טרייבט מיט אים חוזק. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן טלית־און־תּפילין און געוואָלט אַנטלויפֿן קיין וואַרשע. ער איז געלאָפֿן צום טאַטן זיך בעטן, מ׳זאָל אים לאָזן צורו. ער איז נאָך אַ יונגערמאַן. ער האָט ערשט נאָר אָנגעהויבן טאָן אין יידישקייט. אָבער ר׳ משה־גבריאל האָט געענטפֿערט קליי־גערייש:

— וואָס איז דען אַ רבי ? אַז מ׳טוט־אָן אַ ספּאָדיק, איז מען אַ גוטער־ייד...

ווען אהר׳לע האָט געזען, אַז ער׳ט זיך נישט אַרויסדרייען, האָט ער גע־נומען פֿאַסטן, גיין אין מקווה, מתפּלל זיין, ער זאָל נישט געשטעלט ווערן פֿאַר דעם נסיון. די חסידים האָבן צו אים גערעדט און ער, אהר׳לע, האָט מיט דער פֿאַטשיילע געווישט די טרערן. ער האָט אָבער־אַמאָל און ווידער־אַמאָל גע־זאָגט, אַז ער איז נישט ווערט צו זיצן אויפֿן רבינס שטול. ער איז אַן עם־הארץ, אַ בעל־תּאווה, איינגעטונקען אין זינד. וואָס וויל מען פֿון אים ? אָבער אַהר׳לעס עניוות איז געווען פֿאַר די חסידים אַ סימן פֿון צדקות. אייזשע און ישראל־אלי, די גבאים, האָבן זיך אויך אַריינגעלייגט. מ׳האָט אָנגעטאָן אַהר׳לען אַ זיידענעם כאַלאַט און אַ סאַמעטענעם קאַפּעלאַטש. מ׳האָט אים אַוועקגעזעצט אין רבינס שטיבל און אים אָנגעהויבן רופֿן רבי. די בשורה, אַז אַהר׳לע איז געוואָרן רבי, נישט ר׳ משה־גבריאל, האָט זיך גיך פֿאַרשפּרייט איבער אַלע ביאַלאַדרעוונער שטיבלעך און אַפֿילו צווישן פֿרעמדע חסידים. דער עולם זאָל נישט אָפּפֿאַלן, האָבן נגידים, אַלטע חסידים, צונויפֿגערופֿן אסיפֿות, געשיקט בריוו. פּעסל האָט געשיקט צו זיינוועלע סראַצקער אַ שליח, אַז זי איז גרייט זיך איבערצו־בעטן. צווישן די חסידים און חסידיתטעס זיינען גלייך געוואָרן צוויי צדדים. איין צד האָט געהאַלטן, אַז אהר׳לע דאַרף שלום מאַכן מיטן ווייב. אַנדערע האָבן געהאַלטן, אַז ס׳איז אַ בזיון, קלמן כעלמערס טאָכטער זאָל זיין אַ רביצין. לאה האָט נישט געוואָלט אָנקוקן די שנור, געטענהט, אַז זי מיינט נישט די הגדה, נאָר די קניידלעך. אויפֿן צווייטן שבת, נאָכדעם ווי אהר׳לע האָט איבער־גענומען דאָס רביסטווע, איז זיך אָנגעקומען אַ היפּשער עולם. יונגעלייט, וואָס האָבן געלערנט מיט אהר׳לען אין שטיבל, האָבן געוואָלט זען ווי אהר׳לע זיצט אויף דער שטול. עלטערע יידן, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז מ׳האָט נישט געטאָרט אָפּלאָזן ר׳ משה־גבריאלן, האָבן בדעה געהאַט מיט אים צו שמועסן. אַלע זיינען געווען נייגעריק בייצוואוואוינען ווי אַהר׳לע זאָגט תּורה, טיילט שריים, דאַוונט, נעמט שלום. לצים האָבן באַצייטנס געמאַכט חוזק. גורער חסידים האָבן זיך געוויצלט, אַז ר׳ משה־גבריאל וועט זיין די מנקת, די אַנזויגערין. אהר׳לע, הייסט עס, וועט טאָן אַלץ, וואָס דער פֿאָטער וועט הייסן. ער׳ט נאָר זיין רבי לפֿנים. אַזויפֿיל פּאַסאַזשירן זיינען אָנגעקומען דאָנערשטאָג און פֿרייטאָג פֿון וואַרשע, אַז ס׳האָט גלייך אויסגעפֿעלט פֿיש און פֿלייש. פֿרייטאָג פֿאַרנאַכט

איז דאָס בית־מדרש געווען פֿול. אַחוץ חסידים זײַנען געקומען דאַווענען אויך אַ סך ביאַלאַדרעוונער בעלי־הבתים. אויפֿן דיל האָט מען געהאַט אָנגעשאָטן זאַמד. אין די קאַנדעלאַבערס האָבן געשטעקט ליכט. דער בליך־לאָמפּ איז געווען אַרויסגערוקט. ר׳ משה־גבריאל איז געזעסן אויף זײַן אָרט בײַם אויוון, אין דער אַטלעסענער קאַפּאָטע, אין סאַמעטענעם היטל, און געברומט שיר־השירים. מ׳האָט אָנגעהויבן מיט אים אײַנטענהן: ס׳טײַטש, היתכן? נאָר ר׳ משה־גבריאל האָט געענטפֿערט קלאָרע דיבורים.

— כ׳וויל נישט זײַן רבי. קושט מיך אין דער יאַרמולקע!...

ווען אהר׳לע איז אַרויסגעקומען פֿון זײַן שטיבל, איז געוואָרן אַ לויפֿעניש, אַ שטופּעניש. פֿון אַלע זײַטן האָבן זיך אויסגעשטרעקט הענט אויף שלום־עליכם. אהר׳לע איז געשטאַנען אָן אָנגעבויגענער, אַ פֿאַרשעמטער, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, און דערלאַנגט אַ ווייכע האַנט. אַ יונגערמאַן, וואָס איז אַמאָל געווען אהר׳לעס שותּף אין לערנען, האָט געפֿרעגט:

— דער רבי דערקאָנט מיך?

אויף אהר׳לעס אויסגעבלאָסט פּנים האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל.

— וואָס מיינסטו? כ׳דערקאָן שוין ניש׳ קאָ׳ מענטשן?

אין ביאַלאַדרעוונע האָט מען געוויינלעך געדאַוונט שטיל, גיך, אויפֿן קאָצקער שטייגער. אָבער דאָס מאָל איז דער בעל־תּפֿילה אַרײַנגעפֿאַלן אין התלהבות. לכה־דודי האָט מען געזונגען מיט אַ טריליקן ניגון. בײַ בואי בשלום, ווען מ׳דרייט זיך אויס צו דער מערב־וואַנט, האָבן בליקן זיך געווענדט צו ר׳ אהר׳לען. ער איז געווען משונה־בלאַס. ער האָט זיך געשאָקלט, געמורמלט, געבראָכן די פֿינגער. שפּעטער, בײַם טיש, איז געווען אַזאַ ענגשאַפֿט, וואָס מ׳האָט נישט געדענקט אין ביאַלאַדרעוונע אַפֿילו פֿון ראש־השנה. אהר׳לע איז געזעסן אויבן־אָן, ר׳ משה־גבריאל פֿון דער רעכטער האַנט, דער ביאַלאַ רעוונער רב — לינקס. אהר׳לע האָט קוים פֿאַרזוכט אַ כּזית חלה. פֿון דער יויך האָט ער אַ זופּ געטאָן אין לעפֿל. פֿון פֿלייש האָט ער אָפּגעריסן אַ פֿאָדים. מ׳האָט באַשיינפּערלעך געזען, ווי דער ביסן שטייט אים אין האַלדז. פֿאַר דעם זאָגן־תּורה איז געוואָרן אַזוי שטיל, אַז מ׳האָט געהערט ווי ס׳קנאַקן די פֿלעמלעך פֿון די שבת־ליכט. אהר׳לע האָט אָנגעהויבן מיט אַ מורמלעניש. מ׳האָט אָנגעשטעלט מויל־און־אויערן. ער האָט זיך געשטעלט אויפֿן פּסוק: וישב משה אל ה׳ ויאמר: אדוני, למה הרעות לעם הזה למה זה שלחתני. שרייען דאָך אַלע געוואַלד: ס׳טײַטש, ווי האָט משה געקאָנט אַזוי רעדן קעגן השם־יתברך? האָט דען משה נישט געוואוסט, אַז כּל מה דעביד רחמנא לטב עביד, אַלץ וואָס דער אויבערשטער טוט איז צום גוטן? דער אמת איז, אַז ווען יידן זײַנען זוכה, דאַרפֿן זיי נישט קיין שליח. זיי קריגן די שפֿע גלײַך פֿון השם יתברך. דערין טאַקע איז געלעגן קורחס טעות. קורח האָט געמיינט, אַז דער דור המדבר איז כּולו זכּאי און דעריבער האָט ער געטענהט: הנה כל העדה כולם קדושים... ולמה תתנשאו על קהל ה׳? ווי באַלד אַלע זײַנען הייליק, וואָס טויגן שליחים? פֿאַרן מעשה עגל האָט משה רבינו אויך אַזוי גערעכנט, דעריבער האָט ער געזאָגט: למה הרעות לעם הזה למה זה שלחתני — וואָסער שלעכטס האָט דאָס פֿאָלק

געטאָן, וואָס דו מאַכסט מיך פֿאַר זייער שליח? דערויף האָט דער רבונו של עולם געענטפֿערט: אַתּה תראה את אשר אעשה לפּרעה. איך שיק דיך נישט צו יידן, נאָר צו פּרעהן און צום ערב־רב, וואָס וויל נישט אַרויס פֿון מצרים, כּי ביד חזקה ישלחם, ער׳ט זיי אַרויסשיקן מיט געוואַלד, וביד חזקה יגרשם מארצו, ער׳ט זיי פּשוט מוזן אַרויסטרייבן מיט כּוח...

ר׳ משה־גבריאל האָט אַ קוק געטאָן אויפֿן זון אַ דערשטוינטער. זאָל ער האָבן די תּורה ערגעץ גענאַשט אין אַ ספֿר? ס׳איז צו־שאַרף. אַזאַ זאָג וואָלט געפּאַסט פֿאַרן קאָצקער, נישט פֿאַר אַ יונגנמאַן, וואָס קוואַקעט אויף רבנות. חסידים האָבן געוואַרט אויף נאָך, נאָר ר׳ אהר׳לע האָט שוין געהאַט אָפּגעזאָגט. מיטן בענטשן האָט ער מכבד געווען דעם פֿאָטער, ר׳ משה־גבריאלן. נאָך שבת, ווען די יונגעלייט האָבן זיך אומגעקערט קיין וואַרשע, האָט מען דערציילט אין די שטיבלעך חידושים פֿון דעם נייעם רבין. לאה און קאָפּל האָבן אויך זיך דערוואוסט, וואָס עס האָט געטראָפֿן. קאָפּל האָט זיך גענומען גרייטן צו פֿאָרן קיין ביאַלאָדרעוונע זען דעם שטיף־זון. לאה האָט אַליין נישט געוואוסט, צי זאָל זי זיך פֿרייען, אָדער זיך אָפּעסן ס׳האַרץ. ס׳האָט איר עפּעס נישט געפּאַסט צו זיין דעם רבינס מוטער. קאָפּל האָט באַצייטנס אָנגעהויבן זי רופֿן רביצין. לאָטין האָט איצט באַנג געטאָן, פֿאַרוואָס זי האָט זיך אַזוי וויניק אָפּגעגעבן מיטן ברודער. לאהס ברידער און שוועגערינס, וואָס האָבן זיך ביז איצט פֿון איר אויסבאַהאַלטן, האָבן איינגעזען, אַז מ׳קאָן די לאהן נישט אָוועקמאַכן מיט דער האַנט. זי איז אַלץ צוזאַמען: אַ נגידיתטע און אַ ווייב פֿון אַ משרת; זי האָט אַ טאָכטער אַ משומדת און איז די מאַמע פֿון אַ גוטן־ייד. סאַלטשע און אסתּר־מלכּה האָבן פֿונסניי גענומען רעדן צווישן זיך אויפֿן טעלעפֿאָן. מ׳האָט אַזוי לאַנג געמאַטלט, ביז ס׳איז געבליבן מ׳זאָל מאַכן לכּבוד לאהן אַ פֿאַרווייילונג און איינלאַדן די גאַנצע משפּחה. נת׳לע האָט זיך כּלומרשט געבלאָזן. פּערל האָט געטענהט, אַז זי׳ט די לאהן נישט אָנקוקן, זי זאָל אַפֿילו ווערן דער רבי ר׳ צץ... אָבער מ׳האָט דערקאַנט, אַז זי׳ט זיך לאָזן בויגן. נאָך אַלעמען איז ר׳ אהר׳לע געווען ר׳ משולם מושקאַטס אַ רעכט איניקל. מ׳מאַכט נישט יעדעס ייִנגל פֿאַרן ביאַלאָדרעוונער רבין. ס׳איז אַ כּבוד פֿאַר דער משפּחה. שבת, ווען נת׳לע און פּיניעלע זיינען געקומען אין ביאַלאָדרעוונער שטיבל, האָט מען זיי אָפּגעגעבן מזל־טוב. עפּעס אַ קלייניקייט: דעם ר׳בינס לייבלעכע פֿעטערס! יואלס טעכטער האָבן זיך שוין באַרימט אויפֿן הויף, אַז זיי האָבן אַ שוועסטערקינד אַ רבין. דאָס נייעס איז אַפֿילו דערגאַנגען צו הדסהן און סטעפֿען. סטעפֿע האָט אָנגעקלונגען מאַשען. מאַשע איז געוואָרן אינגאַנצן אַ צעטומלטע.

— ס׳קאָן נישט זיין! — האָט זי גערופֿן אין טרייבל אַריין. — פֿאַרוואָס נישט דער טאַטע? דאָס איז אַ פּאַטש אין פּנים!

— דער פֿעטער האָט נישט געוואָלט.

— דלאַטשעגאָ? כ׳קאָן דאָס נישט פֿאַרשטיין. באָזשע מאָי, ווען איך קאָן טאָן אויף אים אַ קוק!...

# קאַפּיטל זעקס און פֿערציק

## 1

שמעון־בענדל, שאַשעס חתן, האָט געקראָגן אַ מעלדונג פֿון „החלוץ״, אַז ס׳איז פֿאַראַן אויף זיין נאָמען אַ סערטיפֿיקאַט קיין פּאַלעסטינע. צוזאַמען מיט אים האָבן באַקומען סערטיפֿיקאַטן נאָך ניין יונגעלייט און צוויי מיידלעך. אין דער הכשרה־קאָלאָניע, אין גראָכאָוו, איז געוואָרן טומלדיק. די חלוצים האָבן גלייך געמוזט חתונה האָבן, ווייל אַ סערטיפֿיקאַט האָט געדינט פֿאַר אַ גאַנצער פֿאַמיליע און ס׳איז געווען אַ שאָד צו פֿאַרשווענדן אים פֿאַר אַן איינצלנער פּערזאָן. ס׳רוב בחורים האָבן שוין געהאַט מיידלעך. אַנדערע זיינען גרייט געווען חתונה צו האָבן פֿיקטיוו, אַראָפּצוברענגען אַ יידישע טאָכטער קיין ארץ־ישראל און צו האָבן צושטייער אויף די הוצאות. דאָס געבן סערטיפֿיקאַטן בתולות, האָט מען אין פּאַלעסטינע־אַמט געהאַלטן פֿאַר אַן אויסברענגעריי, אָבער מ׳האָט געמוזט מאַכן אַן אויסנאַם מיט אַ פּאָר געטרייע חברטעס, וואָס האָבן זיך ביז איצט נישט צוגעקליבן קיין חתן. ווינטער־צייט איז אין גראָכאָוו נישט געווען אַ סך וואָס צו טאָן. די פֿעלדער זיינען געלעגן באַדעקט מיט שניי. די חלוצים האָבן געזעגט און געהאַקט האָלץ, געפֿיטערט בהמות, צוגעהאָלפֿן אין קיך און אין שטאַל ביי דער מעלק. אַ סך זיינען אַריבערגעפֿאָרן קיין וואַרשע, וואו זיי האָבן גענומען קורסן אין בוי־אַרבעט, שלאָסעריי, אַגראַר־ווירטשאַפֿט. אַ פּאָר האָבן זיך אַפֿילו געלערנט שיסן, ווייל אַראַבער זיינען אַלץ אָפֿטער באַפֿאַלן די יידישע קאָלאָניעס. די, וואָס האָבן גערעדט שוואַך העברעאיש, אָדער זיינען נישט געוואוינט געווען צו דער ספֿרדישער הברה, האָבן געלערנט אויף די אָוונט־קורסן. די געגנט אַרום איז געלעגן ווינטערדיק־שטיל, אָבער פֿון גראָכאָוו האָבן זיך טאָג און נאַכט געטראָגן געזאַנגען. איצט האָט מען זיך גענומען צוגרייטן צו חתונות און באַנקעטן. פֿינף פּאָרלעך האָבן דאָ צוזאַמען געאַרבעט און די חלוצים זיינען געווען מחותנים פֿון חתנס צד און פֿון דער כּלהס צד.

שמעון בענדל, שאַשעס חתן, האָט אָנגעטאָן די קורטקע און איז אַוועקגעפֿאָרן מיט דער קליין־באַן קיין פּראַגע, צו באַשעלען. ער איז געקומען אָנזאָגן די בשורה, אַז ער האָט אַ סערטיפֿיקאַט און איז גרייט עולה צו זיין. ער האָט גערעדט פּשוטע ווערטער, ווי יעקב אבינו צו לבנען: כ׳בין גרייט צו דער נסיעה. גיטץ מיר שאַשען.

באַשעלע איז געוואָרן בלאַס. שאַשע האָט וויפֿל מאָל גערעדט, אַז זי׳ט פֿאָרן מיט דעם שמעונען קיין פּאַלעסטינע, נאָר באַשעלען האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דאָס איז גלאַט ריידעריי. ס׳טייטש, שאַשע וועט אַוועקפֿאָרן אויף טויזנטער מייל, איבער בערג און ימים? באַשעלע האָט זיך דאָס נישט געקאָנט אויסמאָלן. אָבער איצט איז דער יונג געזעסן אין מיטן שטוב אויף אַ בענקל, געוויזן אַ פּאַפּיר, שוואַרץ־אויף־ווייס, און באַשעלען איז דערפֿון געוואָרן קיל אין די ריפּן. פֿון די גראָבע שיך זיינען גערונען ריטשקעלעך וואַסער. דאָס פּנים איז געווען רויט פֿון קעלט. פֿון דעם געדיכטן שויבער האָר איז געגאַנגען

אַ פּאַרע. אין די וויקלשנורן, די קורצע הויזן, מיטן פּאַס אויף די לענדן, איז ער פֿאַרגעקומען באַשעלען ווי עפּעס אַ ריז, וואָס איז געקומען צורויבן איר פֿלייש־און־בלוט און אַוועקטראָגן צום עק־וועלט. ער האָט דערמאָנט אין שמועס פֿרעמדע שטעט: לעמבערג, ווין, קאָנסטאַנץ, חיפה, יפו. ער האָט גערעדט פֿון אַ ים, אַ שיף, באַראַקן. ער האָט פֿאַרלאַנגט מ׳זאָל אַרויסנעמען פֿאַר שאַשען אַ מעטריקע, אַן אויסצוג פֿון די מעלדונג־ביכער, מ׳זאָל באַצייטנס צוגרייטן דעם פּאַס. יעדעס וואָרט זיינס האָט באַשעלען געלייגט שטיינער אויפֿן האַרץ. שאַשע האָט געשמייכלט, צוגעטראָגן שמעונען ברויט מיט טיי, נאָר די פֿאַרבן האָבן זיך איר געביטן אין די באַקן. שאַשע האָט טעלעפֿאָנירט מאַניעקן, אין דער עסיג־פֿאַבריק, וואו ער איז בוכהאַלטער. מאַניעק האָט אָפּגערופֿן דעם פֿאָטער, קאָפּלען. מ׳האָט דאָך נישט געקאָנט חתונה מאַכן שאַשען אָן דעם טאַטנס וויסן. קאָפּל איז נישט געווען אין האָטעל. צום טעלעפֿאָן איז צוגעגאַנגען לאה.

— ווער איז דאָרט, האַ? נישטאָ אין דער היים.

— די פּאַני ווייסט אפֿשר ווען ער וועט צוריקקומען?

— דאָס ווייסט קיינער נישט! — האָט לאה געשריגן אין טרייבל.

ס׳איז געווען דער אמת. קאָפּל איז אַוועק אויף גאַנצע טעג, נישט אַהיים־געקומען נעכט. די גאַנצע פֿאַמיליע איז פֿול געווען מיט צעררודערונג. לאָטי האָט געהאַט דערהאַלטן אַ בריוו פֿון איר חתן אין ניו־יאָרק, אַז ער רייסט איבער די פֿאַרלאָבונג. לאָטי האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס ברילייאַנטענע פֿינגערל און ארויסגעוואָרפֿן דורכן פֿענסטער. מענדי, דער ברודער, איז באַלד אַרויסגעלאָפֿן דאָס אויפֿקלויבן, אָבער ער האָט געזאָגט, אַז ס׳איז פֿאַרשוואונדן. לאה האָט חושד געווען, אַז דער יונג האָט עס יאָ געפֿונען, נאָר ער האָט עס ערגעץ באַהאַלטן, אָדער פֿאַרקויפֿט. מענדי האָט גיך געשלאָסן אין וואַרשע קאַנטשאַפֿט, זיך אַרומגעשלעפּט מיט מיידן איבער די קינאָס. די משפּחה זאָל נישט וויסן ווי מיאוס זי, לאה, איז אַריינגעפֿאַלן, — האָט זי זיך געהאַלטן פֿונדערווייטנס. אסתּר־מלכּה און סאַלטשע האָבן זי שוין איצט פֿאַרבעטן צו זיך, נאָר לאה האָט זיך אַרויסגעדרייט מיט תּירוצים. זי האָט איינע אַליין געגעסן אין רעסטאָראַנען, שפּאַצירט לאַנגע שטרעקעס: פֿון האָטעל בריסטאָל צו דער בריק און פֿון דאָרט צוריק ביז צום פּלאַץ פֿון די דריי קרייצן. נישט זי איז איצט געווען אַ וואַרשעווערין, נישט זי האָט עמעצן געהאַט אין אַמעריקע. זי האָט זיך יעדעס מאָל אָפּגעשטעלט ביי אַ שוי־פֿענסטער, געקוקט אַ פֿאַרווירטע אויף די אויסגעשטעלטע צאַצקעס, יעדעס מאָל געמורמלט די זעלבע ווערטער:

— קאָפּעלע גנב!... כ׳בין ווערט דעם שטעקן!...

קאָפּל האָט זיך אויפֿגעהאַלטן ביי די אַקסענבערגס. רייצעלע האָט פֿאַר אים אויסגעפּוצט אַ צימער, אים געקעכלט מיט די מאַכלים, וואָס ער האָט ליב: גריישלעך, וועמפּלעך, מאַרינירטע פֿיש אין זיסן־און־זויערן, פֿאַנקוכנס געפּרעגלט מיט ציבעלעס. די פּוילישע מאַרקן האָבן געהאַלטן אין איין פֿאַלן, דער דאָלאַר — אין איין שטייגן. וויפֿל קאָפּל האָט נישט געוואָרפֿן מיט געלט, איז אים אַלץ אויסגעקומען בזיל־הזול. ער האָט געקויפֿט צילקען, דער אַלמנה,

אַ קאָסטיום, שיך, קליידער און אַ גאָלדן זייגערל פֿאַר אַ צולאָג. ער האָט געשיקט איזידאָר אָקסענבערגן אַ דאָקטאָר און באַצאָלט אַ מאַסאַזשיסטין, זי זאָל אים קומען מאַסאַזשירן די אָפּגענומענע פֿיס. ער האָט אַריינגעשטעלט אַנאָנסן אין די יידישע בלעטער, אַז רייצעלע איז ווידער געוואָרן אַ רייפֿערקע און זי באַזאָרגט דינסט־מיידלעך מיט שטעלעס. ער האָט געהאָלפֿן דער יונגערער טאָכטער, רעגינען, קויפֿן אַ דירה, ווייל צוליב דעם מאַנגל אין וואוינונגען האָט מען געמוזט געבן דעם לאָקאַטאָר אָפּטרעט־געלט. קאָפּל האָט אָפּילו גע־טאָן טובות די אַמאָליקע גוטע־ברידער זיינע, איטשעלע פּעלצעוויזנער, דעם געלן מאָטיע, לעאָן דעם גייער. דאַוויד קרופּניק האָט אויפֿגעהערט אַריינצוקומען צו די אָקסענבערגס זינט קאָפּל איז געוואָרן אַ בן־בית, אָבער דאָס ווייב זיינס, די אַמאָליקע פֿרוי גאָלדסאָבער, איז דאָ אָפּגעזעסן ביז שפּעט אין דער נאַכט. זי האָט געדרויכערט די פּאַפּיראָסלעך מיט די לאַנגע מונדשטוקן און געשפּילט מיט קאָפּלען אין אָקע. קאָפּל האָט, אָפּנים, פֿאַרגעסן אין אַמעריקע די שפּיל. ער האָט געגעבן וויזע אויף רעכטס און אויף לינקס, געפּרוואווט אַלעמען איבער־סטראַשן, נאָר מ׳האָט זיך גיך געכאַפּט אויף זיינע קונץ־שטיקלעך. ער האָט יעדן אָוונט פֿאַרלוירן אַ פּאָר הונדערט מאַרק. די פּאַני קרופּניק האָט יעדעס מאָל געזאָגט דאָס אייגענע:

— פּאַניע קאָפּל. זי מוזן האָבן אַ סך מזל אין ליבע!...

קאָפּל האָט נישט אויפֿגעהערט אויפֿצוזוכן אַלטע גוטע פֿריינט און באַ־קאַנטע. ער האָט אויסגעפֿונען, אַז נעמי, ר׳ משולמס געוועזענע דינסט, האָט אַ בעקעריי אויף ניזקע גאַס. ער האָט זי געטראָפֿן זיצן אין טויער מיט קוישן ברויט, זעמל, בייגל. נעמי איז געוואָרן דיק און אויף די באַקן־קישעלעך האָבן אויפֿגעבליט עפּעס אַזוינע ברוינע פֿלעקן, וואָס אַ שפּור דערפֿון האָט נעמי נאָך געהאַט אין די פֿריערדיקע צייטן. דער טאָג איז געווען אַ קאַלטער און נעמי האָט געהאַט אַרונטערגעשטעלט אַ פֿייער־טאָפּ אונטערן קלייד. קאָפּל איז צוגעקומען און כלומרשט געקויפֿט אַ בייגל. מיט אַמאָל האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— נעמילע, דערקענסט שוין ניש׳ קאָ׳ מענטש?

נעמי איז אויפֿגעשפּרונגען פֿון געזעס. דער פֿייער־טאָפּ האָט זיך איבער־געקערט און די קוילן האָבן זיך אויסגעשאָטן.

— אַ בראָך איז מיאָר, קאָפּל!...

נעמי האָט זיך מיט אים געקושט און אים פֿאַרגעשטעלט פֿאַרן מאַן. קאָפּל האָט געמוזט עסן ביי נעמין נאַכט־מאָל. דער געוועזענער משרת און די געוועזענע דינסט זיינען אָפּגעזעסן שעהן און געשמועסט פֿון די אַלטע צייטן. ער, קאָפּל, איז איצט געווען ר׳ משולם מושקאַטס אַן איידעם, און זי, נעמי, איז געוואָרן אַ באַלעבאַטישע פֿרוי, אַ נגידיתטע. דער בעקער, אַ ייד פֿון אַ יאָר זעכציק, אַ פּאַרשוין מיט אַ דיקן בויך און פֿיר־קאַנטיקע אָקסלען, איז געזעסן ביים טיש צוזאַמען מיט דריי זין פֿון אַ פֿריערדיק ווייב, און זיך צוגעהערט. ער האָט זיך יעדעס מאָל אַזוי צעלאַכט, אַז די זילבערנע דיוויסקע האָט זיך גע־שאָקלט.

— אוי, אַ העצע!

פֿון נעמין האָט קאַפּל זיך דערוואוסט דעם אַדרעס פֿון דער שוואַרצער מאַניע. מאַניע האָט חתונה געהאַט, נאָר זי האָט נישט געלעבט מיטן מאַן. זי איז געווען אָן אָנגעשטעלטע אין אַ פֿאַיאַנס־געשעפֿט אין די האַלעס אויף מיראָווסקע גאַס. געוואוינט האָט זי ביים באַלעבאָס ערגעץ אויף דער פּראַשקע. קיין טעלעפֿאָן איז דאָרט נישט געווען און קאַפּל איז צוגעפֿאָרן מיט אַ דראָשקע. ס׳איז שוין געווען שפּעטלעך אין אָוונט און קאַפּל האָט זיך געשלאָגן מיט דער דעה, יאָ אַריינגיין, אָדער נישט. ער איז פֿאַרביי אַ טונקעלן הויף, וואו ס׳האָט געשמעקט מיט קנאָבל, אויבסט, פּעך. אין אַ חסידים־שטיבל אין דער נידער האָבן יידן געטאַנצט. קאַפּל איז לאַנג געשטאַנען און געקוקט ווי די חסידים נעמען זיך צונויף, רייסן זיך פֿונאַנדער, טופּען מיט די שווערע שטיוול, שאָקלען מיט די בערד. ער האָט געהאַט אַ פֿאַרלאַנג אַריינצוגיין, געבן אַ נדבה, נאָר ער האָט זיך אָפּגעהאַלטן. דערנאָך איז ער געקראָכן איבער פֿינסטערע טרעפּ. ער האָט אָנגעקלונגען אין דער טיר אויפֿן דריטן שטאָק. ס׳האָבן זיך גליך דערהערט טריט און מאַניע האָט געפֿרעגט פֿון יענער זייט:

— קטאָ טאַם? ווער איז דאָרט?

— דאָס בין איך, קאַפּל.

— האַ? דער אַלטער איז נישטאָ!

— עפֿן אויף, מאַניע! דאָס בין איך, קאַפּל משרת!...

מאַניע איז געוואָרן שטיל. באַלד האָט זי אָפּגעטשעפּעט דאָס קייטל, געעפֿנט דעם קלאַפּ־שלאָס. אין דעם קאָרידאָר, באַלויכטן פֿון דער שיין, וואָס איז אַריין פֿון אַ צווייטער שטוב, האָט קאַפּל דערזען די שוואַרצע מאַניע: עלטער, אָבער נאָך אַלץ מיידלש־פֿלינק, מיט געטאָקטע פּיס, מיט גרויסע אויערינג אין די לעפּלעך און פֿאַלשע קרעלן אַרום האַלדז. דאָס פּלאַטשיקע פּנים איז געווען אָנגעפּודערט, די קאַלמיקישע אויגן — אונטערגעפֿירט. אויפֿן הויכן ביוסט האָט זיך געבאָמבלט אַ מעדאַליאָן. זי האָט געטאָן אַ געשריי:

— קאַפּל, דאָס זיינען זי?

— יאָ, איך.

— מאַמע מיינע, אַז דאָס האָט געקאָנט געשען, ווייסעך שוין אַליין ניש׳ וואָס!...

מאַניע האָט געטאָן אַ פּאַטש מיט די הענט, זיך פֿאַרגאַנגען אין אַ געלעכטער.

— כ׳האָב אַלעמאָל געוואוסט, אַז זי וועלן זיך פּאַיאַוויען!

— פֿון וואַנען האָבן זי געוואוסט?

— יאָך וויים אַלץ!

מאַניע האָט אים אַריינגעפֿירט אין קיך. די באַלעבאַטים זיינען געהאַט אָוועק־געגאַנגען. ס׳איז געווען אַ געראַמע נגידישע קיך מיט אַ אויסגעפּלאַסטערטן דיל און קופּערנע בעקנס אויף די ווענט. אויף אַ בענקל זיינען געווען אויסגעלייגט קאָרטן. אין מאַניעס בעטל איז געבליבן אַ פֿאַרטיפֿונג פֿון געזעס. מאַניע האָט זיך גענומען דרייען אַרום קאַפּלען, אים אַרומשמעקן מיט די צו־גרויסע נאָז־לעכער.

— דער אייגענער קאַפּל!

— דו, מאַניעלע, ביסט אויך געבליבן די זעלבע — האָט קאָפּל זי מיט אַמאָל געדוצט.

זי האָט געטאָן אויף אים אַ פֿאַרחידושטן קוק, פֿונסניי אַרויסגעזעצט מיט אַ געלעכטער.

— יאָך בין גאָרניש, און זי זענען ר׳ משולם מושקאַטס אײדעם. עפּעס אַ קלייניקייט!

— ס׳איז ניש׳ ווערט קיין גראָשן...

— הערטץ נאָר ווערטער! פֿון וואַנען האָבן זי זיך דערוואוסט מיין אַדרעס?

— פֿון נעמין.

— פֿון וואַנען ווייסט נעמי?

— גיי פֿרעג זי.

— קאָפּל מיט די ביינער! ס׳זאָל דאָס פֿעלן אַ האָר! ווען זענען זי גע־קומען? לאה איז אויך אין וואַרשע?

— זי איז דאָ, די מציאה.

מאַניע האָט זיך פֿאַרקרימט.

— ע, אַזוי איז די מעשה? נו, שטייען זי ניש׳ ביי דער טיר. ס׳איז נישטאָ וואָס צו געבן, זעצן זי זיך אַוועק אויפֿן בעטל.

— כ׳הער, האָסט חתונה געהאַט.

— זע נאָר, אַלץ ווייסן זי. יאָ, כ׳האָב חתונה געהאַט און געטראָפֿן ווי אַ בלינד פֿערד אין גרוב אַריין.

— וואָס, ס׳האָט נישט געטויגט? — האָט קאָפּל געפֿרעגט און פֿאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס.

— קוקטץ אים אָן, ר׳איז ערשט געקומען און גיטץ אים שוין אָפּ אַ ראַ־פּאָרט. טרינקען זי פֿריער אַ גלאָז טיי. די נאַכט איז נאָך גרויס!

און מאַניע איז מיט אַ טענצלניש צוגעגאַנגען צו דער קיך און אָנגעצונדן די גאַז־מאַשינקע. דער טיי־קעסל האָט באַלד אָנגעהויבן זידן...

## 2

האַלב צוועלף האָט זיך דערהערט אַ קלינג אין דער טיר. מאַניעס באַלעבאַטים האָבן זיך אומגעקערט פֿון די תנאים, וואו זיי זיינען אַוועק. מאַניע האָט פֿלינק אויסגעלאָשן דעם גאַז־לאָמפּ, געלאָפֿן עפֿענען. קאָפּל איז געבליבן אין דער פֿינסטער. ווען קאָפּל איז דאָ געזעסן אין דער פֿרעמדער קיך, אויפֿן ברעג פֿון מאַניעס אייזערנעם בעטל, האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער איז נאָך אַ בחור, אַ משרתל אויף דער באַגנע־גאַס, אָן איינגייער צו דינסטן. אַלץ, וואָס ס׳איז געשען דערנאָך: דאָס מיליטער־דינסט, דאָס ווערן אַ לייב־מענטש ביי ר׳ משולם מושקאַט, דאָס חתונה האָבן מיט באַשעלען, דאָס אַנטלויפֿן מיט לאהן קיין אַמע־ריקע — איז ווי אויסגערונען אין חשכות. פֿון אָפֿענעם קיך־שענקל האָט גע־שמעקט מיט לאַנג־פֿאַרגעסענע ריחות: ציקאָריע, גרינע זייף, ציטרין־זאַלץ, וואַש־סאָדע. קאָפּל האָט אָנגעשפּיצט די אויערן, קוים זיך איינגעהאַלטן נישט צו

ניסן. אין קאָרידאָר האָט מאַניעס באַלעבאָס זיך געבייזערט, געהוסט, געריבן די שיך אין שטרוי־דיוואַן. די באַלעבאָסטע האָט עפּעס דערציילט, געלאַכט. וואָס ט׳זיין, אַז זיי וועלן אַהער אַריינקומען ?... קאַפּל האָט גענומען בלינדערהייט גליידן־מאַכן די מלבושים. ער האָט פֿאַרקנעפּלט דאָס רעקל, צוגעגלעט די האָר, שטייפֿער פֿאַרצויגן דעם קראַוואַט. ער האָט אַרויסגענומען אַ פּאַפּיראָס און אַריינגעשטעקט צווישן די ליפּן, גרייט צו פֿאַררויכערן. אַ נאַרישע נקבה, די מאַניע, האָט קאַפּל געטראַכט. זיך פֿאַרדרייט מיט אַ יאָלד. גלויבט אין חלומות. לייגט די קאָרטן. אַ שאָד די פּאָר שעה! כ׳האָב געקאָנט פֿאַרברענגען דעם אָוונט מיט צילקען... קאַפּל האָט אַ ביס געטאָן די אונטערשטע ליפּ. גיי ריכט דיך, אַזאַ בלאָטע סחורה זאָל שפּילן די ראָל פֿון אַ רביצין. חתונה האָבן וויל זי, קינדער, אַ באַלעבאַטישקייט. כאָטש גט־אָפּ לאַהן און לויף מיט איר צו דער חופּה...

קאַפּל האָט זיך גענומען ציען, גענעצן. מ׳זאָל נישט דערהערן, האָט ער צוגעלייגט די האַנט־פֿלאַך צום מויל. כ׳האָב מיך נישט געטאָרט ביי איר בעטן! האָט ער אָפּגעפּאָסט. — זי׳ט נאָך מיינען מי־יודע... ער האָט איצט געהאַט איין פֿאַרלאַנג: צו קומען אַהיים און זיך לייגן שלאָפֿן. מאַניע האָט אויפֿגעלענט די טיר.

— קאַפּל, זי זענען דאָ?

— וואָס האָסטו געמיינט? כ׳בין אַרויס דורכן פֿענסטער?

— זיי זיינען שוין אָוועק שלאָפֿן. די אַלטע איז שיער נישט אַריינגעקראַכן —

און מאַניע האָט גענומען כיכען און פֿליסטערן ווערטער, וואָס קאַפּל האָט נישט דערהערט. קאַפּל האָט זיך אויסגעגלייכט, איינגעאָטעמט טיף.

— נו, איכ׳ל שוין גיין.

— וואָס איז ס׳געלויף? איכ׳ל איהן באַגלייטן.

— כ׳פֿרעג דיך צום לעצטן מאָל: יאָ, אָדער ניין?

— ניין.

— הונדערט דאָלער!

— אַפֿילו ניש׳ קאָ׳ טויזנט — האָט מאַניע געמורמלט.

— דאַרפֿסט מיך נישט באַגלייטן. כ׳על טרעפֿן אַהיים אַליין — האָט קאַפּל געזאָגט נאָך אָן איבעריים.

— ווי קאַפּל וויל.

קאַפּל האָט אָנגעטאָן דעם מאַנטל, דעם הוט. אין די פּאָר מינוט האָבן קאַפּלס אויגן זיך שוין געהאַט צוגעוואוינט צו דער פֿינסטער. ער האָט אַלץ געזען ווי ביי טאָג: דאָס קיך־טישל, דאָס לאָקשן־ברעט, דעם מערזשער, דעם דאַרשלאַק, דאָס ראָנדל. פֿון מאַניעס פּלאַטשיגן פּנים האָבן אַרויסגעגלאַנצט די קאַלמיקישע אייגעלעך. קאַפּל האָט זי אָנגענומען ביי די אַקסלען.

— לאָמיך דיר כאָטש טאָן אַ קוש.

— קושן איז פֿריי — האָט מאַניע געענטפֿערט וואוילעריש.

קאַפּל האָט זיך איינגעזויגן אין אירע ליפּן. מאַניע האָט צוריקגעקושט און

אים אפילו געטאן א ביס. קאפל האט געהאט א מאדנע געפיל: נישט ער האט דא געוואלט בלייבן, נישט ער האט געקאנט אוועקגיין. אן עקשנות איז אים באפאלן, ווי בעת מ׳פארשפילט אין קארטן: וואס מער מ׳פרואווט אפגעווינען, אלץ מער פארלירט מען.

— זאג מיר דעם אמת, אין וואס גייטס דיר? — האט ער זי געפרעגט.

— כ׳האב שוין קאפלען געזאגט: כ׳וויל פירן א מענטשלעך לעבן.

— ווער׳ט דיך נישט לאזן שפעטער האבן א מאן? איכ׳ל דיר געבן א נדן.

— כ׳האב מיין אייגענעם נדן.

— א גוטע נאכט, גבאיטע.

— א גוטע נאכט. זאל קאפל נישט זיין בייז...

קאפל איז ארויס אין פאדער־שטוב. מאניע האט געעפנט די דרויסן־טיר. קאפל איז אראפ א שטאק שטיגן און זיך אפגעשטעלט. ער האט פארדויכערט דעם ציגארעט און זיך איינגעהערט, ווי ער וואלט געהאפט, אז מאניע וועט אים נאך צוריקרופן. פון א פארמאכטער טיר האט קאפל פארנומען דאס וויינען פון א קינד און דאס סקריפען פון א וויג. אן איבערגעוועקטע מאמע האט גע־ברומט מיט א יידישלעכן ניגון: א־א־א. מיט אמאל האט זי געטאן א גע־שריי אויף פויליש:

— שפי!

אין שטיבל, וואו די חסידים האבן פריער געטאנצט, איז דער לאמפ שוין געווען פארלאשן.ביים מיסטקאסטן איז געשטאנען א הונט און געשנעפערט מיט דער לאפע אין מיסט. אין אן איינציק פאציאטע־פענסטער האט געלויכטן א רויט נאכט־לעמפעלע. קאפל איז געגאנגען מיט געמאסטענע טריט. ער האט געהאט אין בוזעם־קעשענע א שיפקארטע צוריק קיין אמעריקע, ערשטע קלאס: דריי קאיוטעס פאר זיך, לאהן און די שטיף־קינדער; אבער ער איז ווייט נישט געווען זיכער, צי ער׳ט נישט אפליגן די נסיעה. די לאה ווערט ערגער פון טאג־צו־טאג. זי שילט, זידלט, מאכט סקאנדאלן. זינט זי האט פארלוירן די צייט, איז זי האלב־משוגע. ווי קאן ער וואוינען מיט איר? וואס קומט ארויס פון דעם אפארטמענט אויף ריווערסאיד־דראיוו, אז ער האט נישט וואו זיך אהינצוטאן? אפשר, איינמאל־פאר־אלעמאל מאכן א סוף? קאפל האט גענומען מאכן חשבונות. לאמיר זאגן, ער׳ט איר געבן פינף־און־צוואנציק טויזנט דא־לער. ס׳עט אים נאך בלייבן גענוג. ער׳ט חתונה האבן מיט צילקען, אפשר נאך האבן א בייבי. ניין. ער׳ט מיט צילקען נישט חתונה האבן! ווען א פרוי פארקויפט זיך דריי חדשים נאכן מאנס טויט, איז זי א הור. לאה איז אמוויי־ניקסטן נישט אויסגעלאסן. באשעלע, ווידער, האט חתונה געהאט מיט דעם קוילן־הענדלער. ווי קאן מען פאר אזא איינעם אויסשפרייטן א קלאר ליילעך?...

אינדרויסן האט קאפל געוואלט נעמען א דראשקע, נאר ער האט אפגע־ווארט א פערטל שעה, און ס׳איז נישט פארביי נישט קיין דראשקע, נישט קיין טאקסי. א נאכט־טראמוויי איז פארבייגעפארן, נאר קאפל האט נישט געוואוסט וואוהין ער פירט. קאפל האט זיך געלאזט שפאנען צופוס צום האטעל בריסטאל. ער האט אנגעטאפט די הינטערשטע הויזן־קעשענעס. ס׳איז דארט געלעגן סיי

אַ ביכל טראַוועלערס־טשעקס, סיי אַ פּעקל הונדערטער און פֿופֿציקער דאָלערס. אָבער וואָס איז געלט? אַפֿילו מאַניע די דינסט וואַרפֿט זיך דערמיט. נישט ווייט פֿון האָטעל האָט קאַפּל דערזען אַ מיידל אַן אַ הוט, אין אַן אָפּגעקוימערטן זשאַקעט, נישט פֿאַר איר וואוקס, און אין אַ צו־לאַנג קלייד, נישט לויט דער איצטיקער מאָדע. קאַפּל איז געבליבן שטיין און איר נאָכגעקוקט. זאָל דאָס זיין איינע פֿון יענע? זיי קליידן זיך נישט אַזוי. איז עס אַ וויטיש מיידל, וואָס הויבט ערשט אָן?... קאַפּל האָט זיך געלאָזט אַריבערגיין די גאַס. אַ מאָדנער געדאַנק איז אים דורכגעלאָפֿן: ראַטעווען זי ווי לאַנג ס'איז צייט. אפֿשר אַמאָל מיט איר חתונה האָבן?... זי זעט־אויס אַן אײדל קינד... וואָס קוקט זי אַזוי אויף אים?... פּלוצים איז קאַפּל געבליבן שטיין אַ פֿאַרגליווערטער. ער האָט זי דערקאַנט, כאָטש ער האָט נישט געוואוסט ווער זי איז. זי האָט געטאָן אַ שאָקל מיטן קאָפּ און זיך געלאָזט אים אַקעגן. ס'איז געווען שאָשע. אין איין רגע איז קאַפּלען געוואָרן טרוקן אין קעהל.

— שאָשע, וואָס טוסטו דאָ? — האָט ער געשטאַמלט.

— טאַטעשי, כ'וואַרט אויף דיר...

— וואָס וואַרטסטו, וואָס? פֿאַרוואָס ביסטו נישט אַרויפֿגעגאַנגען?

— כ'האָב ניש' געוואָלט... די מומע — — — —

און שאָשע האָט זיך אָפּגעהאַקט.

— וואָס איז געשען? רעד קלאָרע ווערטער!

— טאַטעשי, ער'ט געקריגן דעם סערטיפֿיקאַט. ער וויל, מיר זאָלן חתונה האָבן און פֿאָרן קאַ' פּאַלעסטינע.

קאַפּל האָט אַ רייב געטאָן דעם שטערן.

— האַ? יאָ. וואָס שטייסטו אין גאַס?

— כ'מוז דיר זאָגן — — מיר זוכן דיך שוין אַרום דריי טעג...

— פֿאַרוואָס האָסטו ניש' געשריבן קאַ' לעטער?

שאָשע האָט אַ הויב געטאָן מיט די אַקסלען. קאַפּלען זיינען אָנגעקומען די טרערן אין די אויגן. ער האָט אָנגענומען די טאָכטער ביים אָרעם און אַ קוק געטאָן אַרויף אויבן, צו די הויכע שטאָקן. ער האָט אַפֿילו נישט געהאַט וואו אַרויפֿצונעמען זיין בלוט־און־פֿלייש. גאָט אין הימל, אין וואָסער הולך זי גייט! מער ווי דרייסיק דאָלער האָט ער זיי נישט געגעבן. ער איז טאַקע אַלץ, וואָס מ'זאָגט אויף אים: אַ מנוול, אַ גנב, וואָס־אין־דער־קאָרט.

— וואָס איז דער שכל פֿון שטיין דאָ און וואַרטן? — האָט ער געפֿרעגט.

— וואו איז ער, דער, ווי הייסט ער? דיין חתן.

— ער וואוינט ביי די חלוצים.

— וואו איז דאָס? ער שלאָפֿט שוין אַוודאי.

— ניין. ער וואַרט אויף מיר. מיר מוזן מאַכן אַקטן — —

— וואַרט אַ ווייל. כ'בין זייער מיד. העי, פֿורמאַן!

אַ דראָשקע איז צוגעפֿאָרן. קאַפּל האָט אָנגענומען שאָשען, איר געהאָלפֿן איינשטייגן.

— זאָג אים, וואו ס'איז.

שאָשע האָט געזאָגט און דער פֿורמאַן האָט אויסגעדרייט דעם דישעל צוריק צו די יידישע גאַסן. ער האָט דערלאַנגט דעם פֿערדל אַ שמיץ. קאָפל איז שיער נישט אַראָפּגעפֿאַלן פֿון געזעס. שאָשע האָט אים אָנגעכאַפּט ביים אַרבל.

— וואָס איז ס'געיעג? האָסט אים כאָטש ליב?

— דער סערטיפֿיקאַט גייט־אויס.

— וואָס טע'ך טאָן אין פּאַלעסטינע?

— אַרבעטן.

— אַרבעטן קאָן מען דאָ אויך.

— דאָרט איז אַן אייגן לאַנד.

— נו, מיך אַרט נישט. דער יונג איז עפּעס אַ ווילדער.

— ער מאַכט זיך אַזוי...

קאָפל האָט אויפֿגעשטעלט דעם קאָלנער, געשוויגן. וואָס־וואָס, נאָר ער זאָל נאָך היינט פֿאָרן מיט דער טאָכטער ערגעץ צו חלוצים, דאָס האָט ער זיך נישט אויסגעמאָלט. ער האָט האַלב געקלערט, האַלב־געדרימלט. די דראָשקע האָט זיך אָפּגעשטעלט. קאָפל האָט באַצאָלט. שאָשע האָט גענומען ציען דעם גלאָק ביים טויער. דער סטרוזש האָט געעפֿנט מיט אַ געבייזער און קאָפל האָט אים אַריינגעשטעקט אַ פּאַפּירענעם מאַרק. דאָס בית־חלוצים האָט זיך געפֿונען אין דער נידער. ס'איז דאָרט געווען ליכטיק, ווי ס'וואָלט ערשט געוואָרן אָוונט. יונגען און מיידן האָבן געפּאַקט פּעק, געקלאַפּט נעגל אין קאַסטנס, אַרומגעבונדן באַגאַזש מיט שטריק. אַ מויד האָט גענייט מיט אַ זאַק־נאָדל און שפּאַגאַט. איין יונג איז געגאַנגען באָרוועס. ביים אַנדערן איז אַ הויז געווען פֿאַרשאַרצט ביז דער קני. פֿון די ווענט האָט אַראָפּגעקוקט אַ מאַפּע פֿון ארץ־ישראל, בילדער פֿון הערצל, נאָרדוי, ביאַליק, טרומפּעלדאָר. ס'איז דאָ געשטאַנען אַ רויך און אַ שטויב. דער דיל איז געווען פֿייכט, באַשאָטן מיט זעגעכץ. אויף די נאַקעטע טישן זיינען געלעגן שטיקער ברויט, האַמערס, אַ צוואַנג, אַן עגבער, ציינערנע לעפֿל, העברעאישע ביכער און צייטונגען. קאָפל האָט גענומען פֿינטלען מיט די אויגן. ער האָט ערגעץ געלייענט אין די צייטונגען פֿון דער באַלפֿור־דעקלאַראַציע, ציוניסטן, חלוצים, שומרים, נאָר ער האָט זיך קיינמאָל נישט פֿאַרטראַכט דערוועגן. אין אַמעריקע האָט מען נישט געשלאָגן קיין יידן. פֿון דאָרט האָט מען נישט געדאַרפֿט לויפֿן קיין פּאַלעסטינע.

איצט איז שאָשע געווען איינע פֿון זיי. אַ קורץ מיידל מיט גראָבע פֿיס איז צו איר צוגעקומען, איר עפּעס איינגערוימט. שאָשע האָט אָנגעקלאַפּט אין אַ זייטיקער טיר. מיט אַמאָל איז אויסגעוואַקסן דער גאַליציאַנער יונג, שמעון בענדל, שאָשעס חתן. ער איז אַרויסגעקומען אין אַ צעכראַסטעט העמד. ס'האָט דערפֿון אַרויסגעקוקט אַ ברייטע האָריקע ברוסט. קאָפל איז געוואָרן רויט. דערזען קאָפלען, האָט דער יונג געמאַכט אַ טריט אויף הינטערוויילעכץ.

— אָט איז ער! — האָט שאָשע גערופֿן. — דאָ איז דער טאַטעשי.

דער יונג האָט אויסגעשטרעקט אַ גרויסע האַנט.

— נו, וואָס טוט זיך דאָ? — האָט קאָפל געפֿרעגט. — וואָס איז ס'איילעניש?

— מיר פֿאָרן איז צורי וואָכן צייט.
— טאָקע קאַ׳ פּאַלעסטינע?
— וואו דען?
— נו, אויב זי באַשטייט... וואָס זאָגט די מוטער?
— ס׳איז אַלץ אין אָרדענונג. מיר ווילן אייך בלויז פֿאַרבעטן אויף דער חתונה.
— האַ? ווען איז די חתונה?
— היינטיקן שבת־צו־נאַכטס. אויף דער סטאַוקע נומער זיבן.
— גיי, ער טשאַקעט! — האָט שאָשע זיך אַריינגעמישט.
—עך בין שוין געווען ביים מורה־הוראה...
קאַפּל האָט זיך גענומען קראַצן הינטערן הוט.
— איכ׳ל איר געבן נדן. ס׳עט זיין אַל־ראַיט.
— מיר דאַרפֿן נישט קאַ׳ נדן — האָט דער יונג געזאָגט נאָך אַ קווענ־קלעניש.
— פֿאַרוואָס נישט? געלט קומט צונוץ...
דער יונג האָט אָראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, געשוויגן. נאָך אַ ווייל איז ער ערגעץ אַוועק. קאַפּל האָט אָנגעקוקט שאָשען זייטיק.
— דו׳סט נישט שלאָפֿן היינט ביינאַכט?
— כ׳גיי שוין אַהיים. אַ מינוט.
שאָשע איז אויך אַוועק. קאַפּל איז געבליבן אַליין. ער האָט זיך צוגעזעצט אויף אַ ברעג באַנק, געעפֿנט אַ בוך. ס׳איז געווען אויף לשון־קודש. ער האָט באַדעכטיק געמישט די בלעטער. ס׳זיינען דאָ געווען בילדער פֿון קאָלאָניעס, מיידלעך, וואָס מעלקן קי, חלוצים, וואָס פֿירן אַן אַקער, אַ גרופּע יונגעלייט, וואָס טאַנצן אין אַ ראָד. עפּעס האָט זיך געטון ביי יידן, אַן זיין, קאַפּלס, וויסן. אַפֿילו ביי דער אייגענער טאָכטער האָט ער נישט קיין דעה. וואָס וועט ווערן פֿון איפּען און טויבעלען? אַז חיים־לייב דער קוילן־טרעגער איז דער טאַטע... אַ געפֿאַלנקייט האָט קאַפּלען אָנגענומען. ער האָט געהאַט אַלץ פֿאַרלוירן: דאָס ווייב, די קינדער, עולם־הבא. וואָס זאָל ער איצט טאָן? ער איז שוין נישט קיין יונגערמאַן, טיף אין די פֿופֿציקער. אַן אויסטערלישע מחשבה איז אים איינ־געפֿאַלן: אפֿשר אויך מיטפֿאָרן אַהין? נאָך אַלעמען, בויט מען דאָרט אַ יידישע מלוכה...

### 3

קאַפּל האָט געגעבן דער טאָכטער פֿינף הונדערט דאָלאַר נדן, געקויפֿט איר אַ בריליאַנטן רינגל און אַ גאָלדן קייטל. די חתונה איז געמאַכט געוואָרן נישט ביי אַ דיין אויף דער סטאַווקע גאַס, ווי שמעון בענדל האָט פֿאַרגעשלאָגן, נאָר ביי אַ מורה־הוראה פֿון ראַבינאַט. באַשעלען, איפּען און טויבעלען האָט קאַפּל באַשטעלט נייע קליידער. ער האָט געגעבן מתנות מאַניעקן, דעם זון, און דער שנור. באַשעלעס מאַן, חיים־לייב דער קוילנטרעגער, האָט אין אַנהויב געטענהט,

אז ער׳ט נישט קומען אויף דער חתונה. צו וואס דארף מען א שטיף־פאטער, אז טאטע־מאמע לעבן ברוך־השם? נאר קאפל האט זיך איינגעשפארט, ער זאל יא זיין. ער איז אריינגעקומען צום חיים־לייבן אין קוילן־געוועלב, אים דער־לאנגט די האנט, געזאגט:

— חיים־לייב, ביסט מער מחותן פון מיר!...

אוןביידע מאנסלייט האבן אזוי לאנג געשמועסט, ביז זיי זיינען אוועק אין שענק טרינקען בראנפן.

די חופה האט געזאלט געשטעלט ווערן ערשט ניין אזייגער אין אוונט, אבער ארום אכט האבן זיך שוין גענומען צונויפקלייבן די געסט. פון חתנס זייט זיינען געקומען יונגען אין קורצע פעלצלעך, ברייטע קאשקעטן, גראבע שיך. זיי האבן אנגעטרעטן בלאטע אויפן רבס געקעסטלטער פאדלאגע, אנגעווארפן אש און מונדשטוקן. גערעדט האבן זיי א געמיש פון יידיש און העברעאיש. דער שמש האט זיך אויף זיי געבייזערט, געהייסן זיין שטיל. די רביצין, א יידענע אין א געקארבט שייטל און מיט דימענטענע קעפלעך אין די אויערן, האט גע־עפנט א טיר, זיי אנגעקוקט. ס׳איז שווער געווען זיך צוצוגלויבן, אזוינע הא־לעדריגעס זאלן קאנען לשון־קודש. די מחותנים פון דער כלהס צד זיינען צו־געפארן צום טויער אין דראשקעס, אויסגעפוצט אין יום־טובדיקע מלבושים. באשעלעס שוועסטער פון „מקום״ האט געבראכט מיט זיך דאס דרשה־געשאנק איינגעוויקלט אין א פאטשיילע. שאשעס קוזינעס און די מיידלעך, וואס שאשע איז מיט זיי געגאנגען אין שקאלע, האבן זיך געשושקעט אויף פויליש, געווארפן אייגלעך אויף די חלוצים. דער שמש האט אנגעהויבן מורמלען, אז ס׳איז א צו־גרויסער עולם.

— וואס איז דא? — האט ער געפרעגט. — א סאלע?

שמעון בענדל האט געוואלט גיין צו דער חופה אין דער קורטקע און די יאכטענע שיך, אויפן חלוצישן שטייגער, נאר קאפל האט זיך איינגעשפארט, ער זאל אנטאן אן אנצוג, א קאפעליוש, א קראוואט. די חברה האבן יעדעס מאל אים א צי געטאן ביי דער שניפס, געטריבן שפאס פון דעם דג־מלוח, וואס שמעון האט ארומגעבונדן ארום האלדז. שאשע האט געטראגן א שווארץ־זיידן קלייד, לאקירטע שיכלעך, א טולענעם שאל איבער די האר. באשעלע האט זי געפירט ביי איין ארעם, די שוועגערין, מאניעקס ווייב,ביים אנדערן. קאפל האט זיך געהאט פארשפעטיקט. ער האט זיך אפגעשוירן פאר דער חתונה, פאר־פומירט די האר, אריין אין א סמאקינג, לאקירטע קאמאשן, א שטיף העמד. אין די מאנקעטן האבן געשטעקט גאלדענע ספינקעס. אין איין האנט האט ער געטראגן א ריזיקע פלאש שאמפאניער, אין דער אנדערער — לעקעך מיט קיכלעך. ער האט יעדן געדריקט די האנט, אריינגעמישט ענגלישע ווערטער. ווען באשעלע האט אים דערזען, האט זי זיך צעהעשעט. די שוועסטער האט זי געמוזט אריינפירן אין אן אנדערער שטוב. איצט, אז קאפל האט פארגיטיקט די עוולה, וואס ער איז קעגן איר באגאנגען, איז באשעלען אפגעגאנגען דעם כעס. ס׳האט זיך פונסניי אין איר אויפגעוועקט די אלטע ליבשאפט. חיים־לייב האט זיך געהאט א סך מאל געוואשן און געזייפט, נאר דער רוס פון די קוילן איז גע־

בליבן איינגעגעסן אין דער הויט פֿון פּנים, אין די געדיכטע ברעמען, אין דער פעך־שוואַרצער באָרד, אין ברייטן נאַקן. די נעגל פֿון די פֿינגער זיינען געווען אַרומגעראַמט מיט שוואַרצע רעמלעך. די געהאַקטע קאַפּאָטע איז געווען צו־קורץ און צו־שמאָל. ס׳האָבן געפּלאַצט די נעט. פֿון די שטיוול, וואָס ער האָט אָפּגעפּוצט מיט שואוואַקס, האָבן אַפּערגעשטאַרצט ווייסלעכע כאַלעוועס. חיים־לייב איז געשטאַנען אין ווינקל, געקוקט אַ דערשראָקענער, ווי דער מורה־הוראה מיט דער זילבער־ווייסער באָרד און מיטן הויכן שטערן שרייבט די כתובה. דער רבי האָט איינגעטונקען די פען, אָפּגעשאָקלט די טינט, געפֿרעגט:

— די כּלה איז אַ בתולה?

— יאָ, אַ בתולה — האָט קאָפּל געענטפֿערט נאָך אַ קווענקלעניש.

— טאַטע־מאַמע לעבן?

— יאָ, זיי לעבן.

— אין דער כתובה שטייט געשריבן, אַז דער חתן נעמט אויף זיך אויס־צוהאַלטן ס׳ווייב מיט מזונות, מלבושים און טאָן איר צייט. אויב ער׳ט זיך גטן, מוז ער איר צאָלן צוויי הונדערט גילדן. אויב ער׳ט, חלילה, שטאַרבן, ליגט דער חוב אויף די יורשים...

באַשעלע האָט אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ געוויין. שאָשע האָט פֿאַרשטעלט די אויגן מיט אַ טיכל. קאָפּל איז געשטאַנען אַ בלאַסער, געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— יאָ, רבי.

אַלץ איז געטאָן געוואָרן כּדת וכדין. מ׳האָט אַרויסגענומען פֿון שאַנק אַ פּרוכת מיט פֿיר שטאַנגען. מען האָט אָנגעצונדן ליכט אין די לייכטער, אָנגע־גאָסן אַ בעכערל ווין. דעם חתן האָט מען איינגעהילט אין אַ קיטל, ער זאָל גע־דענקען דעם יום־המיתה. די כּלה האָט מען זיבן מאָל אַרומגעפֿירט אַרום דעם חתן, ווי ס׳שטייט: ונקבה תסובב גבר. דער רב האָט מסדר־קידושין געווען. שמעון האָט אַרויסגענומען פֿון קעשענע אַ פֿינגערל, אָנגעטאָן שאָשען אויפֿן וויַיז־פֿינגער פֿון דער רעכטער האַנט, געזאָגט: הרי את. חתן־כּלה האָבן פֿאַר־זוכט פֿון ווין אָן אַ ברכה. חיים־לייבן האָט מען געגעבן אין דער האַנט אַריין אַן אָנגעצונדענע הבדלה. דער פֿלאַם איז געשפּרונגען, זיך געשאָקלט. די שאָטנס אויף די ווענט האָבן געציטערט, זיך געקנוילט, פֿאַרקראָכן צום באַלקן, פֿול מיט דער אויסטערלישקייט פֿון יענע, וואָס זיינען באַשאַפֿן געוואָרן נאָכצוקרימען די מענטשלעכע טועכצן... נאָך דער חופּה האָט מען זיך געוואונטשן מזל־טוב. באַשעלע האָט אַרומגעכאַפּט די טאָכטער, געוויינט, זיך געשאָקלט אַהין און אַהער, זיך נישט געקאָנט פֿונאַנדערשיידן. חיים־לייב האָט זיך גלייך אַ נעם געטאָן צום קאָניאַק. ער האָט אַראָפּגעשלונגען אַ גאַנץ גלאָז. קאָפּל האָט מיט געניטשאַפֿט געעפֿנט דעם שאַמפּאַניער. ס׳האָט געטאָן אַ שאָס און די שוים איז איבערגעלאָפֿן איבערן העלדזל. ער האָט יעדן צוגעטראָגן אַ גלעזל, קיינעם נישט פֿאַרפֿעלט. דער רב האָט זיך געוואַקלט, געפֿרעגט:

— איר׳ט עס געקויפֿט ביי אַ ייד?

— יאָ, ביי אַ ייד.

— וואו האָט ער עס געקויפֿט? ס׳אַ חשש נסך...

— לחיים, באַשעלע. מערטשישעם ביי איפּען און טויבעלען.

באַשעלע האָט געוואָלט ענטפֿערן, נאָר זי האָט זיך פֿונסניי צעכליפּעט. דער ווין האָט זיך פֿאַרגאָסן אויפֿן קלייד. זי האָט האַלב־געלאַכט, האַלב־געוויינט. שאַשע האָט זיך געקושט מיט די חברטאָרנס. די חלוצים זיינען גלייך געוואָרן אויפֿגערוימט. אַ יונג האָט אַרויפֿגעלייגט אַ האַנט אויפֿן צווייטן, גענומען זינגען:

העבודה היא חיינו,
מכל צרה תצילנו — —

— נו־אַ, שאַ! — האָט דער מורה־הוראה זיך צעבייזערט. נישט ער האָט געהאַט צייט צו פֿאַרברענגען מיט דעם המון, נישט ער האָט געוואָלט הערן די היינטיק־וועלטישע געזאַנגען, וואָס עס שמעקט פֿון זיי מיט כּפֿירה און טרפֿות. אַ הויכער דאַרער יונג מיט אַ שפּיציקן גאָרגל האָט זיך אָנגעצונדן.

— וואָס שרייט איר, רבי? די וועלט שטייט אויף אַרבעט!

— קודם דאַרף מען זיין אַ ייד.

— גויים פֿאָרן ניש' קאָ'ן ארץ־ישראל.

— ס'איז ניש' קאָ' ראיה...

— מיר'ן בויען אַ יידיש לאַנד. אייך צולהכעיס.

— אם ה' לא יבנה בית, שוא עמלו בוניו בו...

— קום, בנימין. ס'אַ שאָד די רייד.

די יונגען האָבן זיך אויסגעגלייכט, אַרויס אין איין בינטל. אַלע זיינען געווען קעגן זיי: די אָרטאָדאָקסן, די פֿאָלקיסטן, די קאָמוניסטן, די אַראַבער. אָבער חלוצים זיינען נישט קיין אָפּגעשראָקענע ייִנגלעך. זאָלן די קעגנער רעדן וואָס זיי ווילן. זיי בלייבן ביים זייערדיקן: אָן אַ לאַנד קאָן נישט זיין קיין פֿאָלק, קיין קולטור, קיין שפּראַך, קיין לייב־און־לעבן. וויפֿל איז דער שיעור זיך צו וואַלגערן? צוויי טויזנט יאָר איז גענוג. אַז משיח אויפֿן אייזל איז נישט געקומען ביז איצט, מוז מען נעמען דעם גורל אין די אייגענע הענט. טויט אָדער ברויט! זיי האָבן געקלאַפּט מיט די זוילן איבער די טרעפּ, פֿונסניי זיך צעזונגען:

שם בארץ חמדת אבות
תתקיימנה כל התקוות —

דער עולם איז זיך באַלד צעגאַנגען. באַשעלעס שוועסטער און די קוזינעס זיינען איינגעזעסן אין אַ טראַמוויי. דאָס יונגע פּאָרל איז געפֿאָרן אין אַ דראָשקע מיט באַשעלען און חיים־לייבן אַהיים. מ'האָט זיי אָפּגעגעבן דאָס שטיבל, וואו קאָפּל פֿלעגט אַמאָל זיך אָפּזונדערן און פּלאַנען זיינע פּלענער. קאָפּל האָט אַ פֿרעג געטאָן דער טאָכטער אויף זיין אַמעריקאַנער יידיש:

— נו, ווי פֿילט אַ יונג ווייבל

— אַזוי ווי אַ מענטש — האָט שאַשע געענטפֿערט.

— ווען זעען מיאַ אייַנדז? — האָט באַשעלע געפֿרעגט. — זי פֿאָרט דאָך שוין באַלד אַוועק.

— כ'על אַריינפֿאַלן מאָרגן.

— טאַטעשי, פֿאָר מיט אינדז מיט! — האָט שאָשע געדופֿן.

— מיינסט, קאָ׳ פּאַלעסטיין? פֿאָלג מיך אַ גאַנג!

— קאַפּל, אַ שאַינעם דאַנק פֿאַר אַלץ, וואָס האָסט געטין — האָט באַשעלע געשטאַמלט.

— וואָס איז דער מער? ס׳איז מיין טאָכטער...

די דראָשקע האָט זיך אַוועקגעקייקלט. קאַפּל האָט אויפֿגעשטעלט דעם קאַלנער, נאָכגעקוקט ביז די רעדער האָבן זיך פֿאַרדרייט אין אַן אַנדער גאַס. ער זאָל דאָ, אין וואַרשע, חתונה מאַכן די טאָכטער, — האָט ער זיך נישט גערעכט. ווי לאַנג איז דאָ, אַז שאָשע איז געבוירן געוואָרן? ווי די צייט לויפֿט! באַלד וועט ער, קאַפּל, מסתּמא ווערן אַ זיידע. מ׳קאָן זיך אויף אַזאַ חברה־מאַן פֿאַרלאָזן... קאַפּל האָט פֿאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס. איז דאָס נישט מאָדנע? ער האָט לאַנגע יאָרן ליב געהאַט לאהן. ער איז אויסגעגאַנגען פֿאַר איר בליק. ער האָט זיך געשעצט גליקלעך, אַז זי האָט אים געזאָגט אַ פֿריינטלעך וואָרט. איצט איז לאה זיין ווייב, אָבער ער דאַנקט גאָט, אַז ער קוקט זי נישט אָן. וואָס האָט ער צו איר? וואָס האָט זי צו אים? פֿאַרוואָס זידלט מען זיך טאָג און נאַכט? קאַפּל איז איצט געווען מיד. ער האָט זיך געדאַרפֿט לייגן שלאָפֿן, אָבער ער האָט געוואוסט, אַז לאה וועט אים נישט לאָזן איינרוען. ביינאַכט הייבט זיך אָן דאָס גיהנום. זי וויינט, שילט, הוסט, זאָגט ווערטער, וואָס דערגייען צו דער זיבעטער ריפּ. זי וועקט אים אויף אין מיטן שלאָף און פֿאַרפֿירט אַ מחלוקת. איצט איז זי אוודאי בייז, פֿאַרוואָס מ׳האָט זי נישט פֿאַרבעטן אויף דער חתונה... די יידענע איז אינגאַנצן משוגע... קאַפּל איז אַריין אין אַ וואורשטן־האַנדל, אָנגעקלונגען צו די אַקסענבערגס. צילקע איז צוגעקומען צום טעלעפֿאָן, גערעדט פּויליש.

— קאַפּל קאַכאַני, דאָס ביסטו? שוין נאָכן שלוב?

— ס׳איז נאָך אַלעמען.

— מזל־טוב! וואָס טוסטו היינט ביינאַכט? עפּעס אַ פּרוי האָט דיך דאָ געזוכט.

— וואָס פֿאַר אַ פּרוי?

— אַ שוואַרצע, מיט קרומע אייגעלעך. זי׳ט געבעטן, זאָלסט איר אָנקלינגען.

מאַניע, אַ רוח אין איר גנב אַריין! — האָט קאַפּל געטראַכט מיט נצחון. געזאָגט האָט ער:

— נו, מאַ.

קאַפּל האָט גענומען אַ טאַקסי, אַריבערגעפֿאָרן צו די אַקסענבערגס, אויף דער מאַלע גאַס. מיט צילקען האָט ער זיך געטראָפֿן אין טויער. רייצעלע האָט געוואוסט, אַז די טאָכטער האָט עסקים מיט קאַפּלען, אָבער צו וואָס אויפֿרייסן די אויגן? מ׳האָט זיך אויך געדאַרפֿט היטן פֿאַר דער פּרוי קרופּניק, די געוועזענע פּאַני גאָלדסאָבער. די יידענע קאָן ברענגען מענטשן אויפֿן פֿייער. קאַפּל האָט חושד געווען, אַז דאָס האָט זי אַוועקגעשיקט לאהן דעם פּאַשקוויל... צילקע איז געשטאַנען אין טויער אין דעם קאַראַקולענעם זשאַקעט, וואָס קאַפּל

האָט איר געקויפֿט, אַן אַ הוט, אין אַ פּאָר פֿוטערנע באָטן. פֿון ווייס־אָפּגעפּודערטן פּנים האָבן אַרויסגעקוקט אַ פּאָר גיריקע אויגן. ער, קאָפּל, האָט געלעכצט נאָך ליבע, אָבער די נקבה האָט אין זין געהאַט איין זאַך: אַרויסצוצאַפּן פֿון אים וואָס מער געלט. אין מיטן קושן זיך פֿלעגט זי אַ זאָג טאָן:

— קאָפּעלע, גיב מיר אַ דאָלער!

און אַז קאָפּל האָט איר געטאָן צוליב, האָט זי דאָס פּאַפּירל אַריינגעלייגט אין זאָק.

קאָפּל איז איצט נישט געווען הונגעריק, אָבער צילקע האָט געוואָלט ערגעץ גיין אויף קאָלאַציע. דאָס קליינע מיילעכל, וואָס זי האָט אַרומגעפּודערט אין די ברעגן, ס׳זאָל אויסזען קליין ווי אַ גראָשן, האָט געקאָנט עסן אָן אויפֿהער. קיין מאכל האָט איר נישט פֿאַרשאַדט: גענדזונס, קישקע, געגליווערטער פֿוס, וועמפּלעך. זי האָט אויך געקאָנט אַריינגיסן אין זיך בראָנפֿן, קאָניאַק, ביר, — אַבי ער, קאָפּל, זאָל דאַרפֿן צאָלן אַ גרויסן רעכענונג. איין זאַך האָט זי נישט פֿאַרטראָגן: ס׳רעכטע אויג גערעכטע. דאַ איז זי געוואָרן קאַלט ווי אַ פֿיש. זי האָט נישט געהאַט קיין געדולד צו זיין, קאָפּלס, ניבול־פּה. זי האָט געציטערט ער זאָל איר, חלילה, נישט צעררייסן די באַשפּיצלטע וועש. זי האָט געהאַלטן אין איין זיפֿצן אויפֿן געשטאָרבענעם מאַן. קאָפּל איז אַלעמאָל פֿון איר אַוועק אָן אומגעזעטיקטער. איצט, אַז מאַניע האָט אָפּגערופֿן, האָט קאָפּל בדעה געהאַט צו לערנען מיט צילקען בלק. ער איז צוגעקומען אַ שווייגנדיקער, נישט געזאָגט גוטן־אָוונט, נישט אַ קוש געטאָן אין האַנט, ווי ס׳איז לעצטנס געוואָרן די מאָדע. ער האָט אַפֿילו נישט אַרויסגענומען דעם פּאַפּיראָס פֿון צווישן די ליפּן. צילקע האָט גלייך דערשנאַפּט, אַז ער שטייט אין גרויסן. ער איז געגאַנגען און איר אָנגעטראָטן אויף די פֿיס. ער האָט אַראָפּגערוקט דעם קאַפּעליוש, געבלאָזן דעם רויך פֿון די נאָזלעכער. ער איז געווען ר׳ משולם מושקאַטס איידעם, געהאַט געלט אין די בענק, הייזער אין ניו־יאָרק, אָבער ס׳האָט געפֿעלט דאָס ביסל צופֿרידנקייט. ער האָט באַשיינפּערלעך געשפּירט, ווי ער ווערט אַלט...

יענע נאַכט איז קאָפּל נישט געקומען אַהיים שלאָפֿן. איינדערפֿרי איז ער אַוועק אין האָטעל בריסטאָל. ער איז גרייט געווען אויף לאהס קולות. ער האָט געהאַט אַ קלאָרן ענטפֿער: אויב ס׳געפֿעלט איר נישט, וועט ער איר געבן אַ גט און צאָלן אַלימענטן. אין פֿאַדער־זאַל איז קאָפּלען עמעץ אַקעגנגעקומען: אַ לייביק־נאָענטער, אַ ווילד־פֿרעמדער. ס׳איז געווען ער אַליין, קאָפּל, די אייגענע געשטאַלט אָפּגעשלאָגן אין שפּיגל. דאָס פּנים איז געווען געל, די שלייפֿן — פֿול מיט גרויע פּעדים.

# קאַפּיטל זיבן און פֿערציק

## 1

דער געדאַנק, אַז גליק און מאָראַל זיינען דאָס אייגענע, האָט נישט נאָר אַרויסגעדרונגען פֿון שפּינאָזאַס „עטיק“, וואָס עזר־העשל באַנעט האָט נאָך אַלץ גע־

לערנט אין די פֿרייע שעהן, נאָר אויך פֿון זיין אייגענעם וועלט־בליק. אַלע טראַכטענישן, צווייפֿלען, נישט־פֿאַרענטפֿערטע קשיות האָבן געבראַכט צום אויספֿיר, אַז דאָס איינציקע זיכערע אויף אונדזער וועלטל איז הנאה. האָט דען נישט די תּורה צוגעזאָגט רעגן אין צייט פֿאַר היטן גאָטס געבאָטן? איז דען נישט עולם־הבא און ביאת־המשיח אין לעצטן סך־הכּל אַ צוזאָג פֿון געניוס? האָט דען דער מאַרקסיזם אַן אַנדערן צוועק ווי וואוילזיין? יאָ, ער, עוזר־העשל, האָט געלעכצט נאָך הנאות פֿון פֿרימאָרגן ביז שפּעט אין דער נאַכט. ער האָט גע־גלוסט צו געלט, ווייבער, רום. אָבער אַ סך כּוחות האָבן זיך פֿאַרלייגט, ער זאָל נישט האָבן קיין עולם־הזה.

די אייגענע נאַטור איז געבליבן פֿאַר אים אַ רעטעניש. פֿרייד קען מען האָבן על־פּי־שפּינאָזאַן נאָר אין געזעלשאַפֿט. אָבער ער, עוזר־העשל, האָט אויס־געמיטן מענטשן. ער האָט נישט געטרונקען, נישט געטאַנצט, נישט געהערט צו קיין פֿאַראיין אָדער חברה, וואו מען קען שליסן קאַנטשאַפֿט. ער איז געזעסן אַליין אין קאַבינעט, אָפּגעזונדערט פֿון דער משפּחה, און זיך געגריבלט אין רעיונות, וואָס רופֿן־אַרויס אומלוסט. ער האָט זיך שוין לאַנג געהאַט מייאש געווען צו פֿאַרענטפֿערן די אייביקע פֿראַגן. פֿונדעסטוועגן האָבן זיי אים נישט געלאָזט צורו. ער האָט צוגעגעבן גערעכט דעם אַמסטערדאַמער פֿילאָזאָף, אַז דער חכם טראַכט אַמווייניקסטן פֿון טויט און די אידעען, וואָס פֿאַרמינערן די לוסט. אָבער ער האָט נישט געקענט ווערן לויז פֿון די עמאָציעס. ער האָט זיך אַרומגעדרייט אַהין און צוריק צווישן די ביכער־שענק, געקנייטשט דעם שטערן, געביסן די ליפּן, אונטערגעברומט אַ חסידיש ניגונדל, וואָס איז אים נאָכגע־גאַנגען פֿון קליין־טערעשפּאָל קיין וואַרשע, אין דער שווייץ, רוסלאַנד, צוריק קיין פּוילן. ער האָט זיך אויסגעטענהט מיט דעם גאָט, וואָס אין זיין השגחה האָט ער געצווייפֿלט.

— רבונו של עולם, וואָס ט׳דאָ זיין דער תּכלית? — האָט ער געמורמלט.

— וויפֿל איז דער שיעור צו ליידן?...

ער האָט געעפֿנט אַ טירל פֿון ביכער־שענקל און זיך איינגעקוקט אין די גאָלד־געליישטע רוקנס. זיי זיינען דאָ אַלע געשטאַנען: די פֿילאָזאָפֿן, די פּאָעטן, די שעפֿער פֿון דער מאָדערנער וויסנשאַפֿט. נאָר קיין טרייסט האָט מען נישט געקאָנט שעפּן פֿון זייערע רייד. ער האָט אַרויסגענומען אַ תּנ״ך און שטייענ־דיקערהייט געלייענט אַ קאַפּיטל חומש, נביאים, כּתובים. אַלץ איז דאָ געבויט געוואָרן אויף דער הנחה, אַז ס׳איז דאָ אַ פּערזענלעכער גאָט, אַ בחירה חפשית, שכר ועונש. אָבער ווער קאָווירט, אַז ס׳איז וואָרהאַפֿטיק אַזוי? אויף וויפֿל מ׳זעט, איז גערעכט דאַרווין: אין דער נאַטור איז מאַכט רעכט.

וואָס־זשע זאָלן טאָן די שוואַכע? אויף וואָס זאָלן האָפֿן די באַעוולהטע און געפּייניקטע? וואָס ט׳זיין פֿון פֿאַרוואָגלטן פֿאָלק ישראל? ווי קאָן אַרויס־שפּראָצן גערעכטיקייט פֿון אומרעכט? צו וואָס לעבן און זיך ראַנגלען?...

עמעץ האָט אָנגעקלאַפּט. הדסה האָט אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ.

— עוזר־העשל, דאַשקע איז נישט געזונט!

עוזר־העשל איז געוואָרן בלייך.

— וואָס איז שוין ווידער ?

— ס'העלדזל טוט איר ווײ. קלינג־אָן מינצן !

דאָס פּאָרל האָט זיך אַ ווײַל אָנגעקוקט. בײ עוזר־העשלען זײַנען די האָר מיט דער צײַט געוואָרן שיטערער, די ווינקלען — טיפֿער. הדסה האָט אים וויפֿל מאָל געוואָרנט, ער זאָל זיך האַלטן גלײַך, נאָר ער האָט זיך געבויגן ווי אַ ישיבה־בחור. מינץ, דער זון פֿון אַלטן דאָקטאָר מינץ, האָט פֿאַרזיכערט הדסהן, אַז עוזר־העשל איז געזונט. אָבער וואָס איז ער אַזוי בלאַס ? פֿאַרוואָס עסט ער אַזוי ווייניק ? וואָרום כאַפּט ער זיך אויף אין מיטן דער נאַכט און קען נישט אײַנשלאָפֿן ? זי, הדסה, האָט אים געהיט. זי האָט אַכטונג געגעבן, ער זאָל דרײַ מאָל אין טאָג נעמען די פּילן, וואָס גיבן־צו בלוט. זי האָט, ווי־ווײַט־מעגלעך, באַהאַלטן פֿון אים די שטוב־זאָרגן. זי'ט אים געטריבן, ער זאָל זיך לייגן עלף אַזייגער און אינדערפֿרי מאַכן די אײַנרײַבונגען מיט קאַלט וואַסער און שפּירט. אָבער ער האָט זיך נישט פֿאַרריכט. הדסה האָט זיך געשראָקן, אַז אַ פֿאַרבאָרגענע שלאַפֿקייט לויערט אין זײַן אינגעווייד. זי האָט מנדר געווען צדקה, געבעטן גאָט, ער זאָל באַשירמען איר מאַן, עוזר־העשלען, און אויב ס'איז אים באַשערט אַ קראַנקייט, זאָל זי, הדסה, זײַן דער אָפּלייזער.

הדסה איז נאָך אַלץ געווען שיין, אָבער די יאָרן האָבן געטאָן דאָס זייעריקע. אין אָנהויב האָט הדסה געהאַט אַ סך ערגערניש, ווײַל אײדל האָט זיך נישט געוואָלט גטן. הדסה האָט געוואוינט מיט עוזר־העשלען אָן חופּה וקדושין. דער פֿאָטער, מיוניע, האָט זי אויסגעמיטן. די פֿעטערס און מומעס האָבן פֿון איר געווייכט. הדסה האָט געלעבט ווי אין חרם. ווען אײדל האָט נאָך לאַנגע דינגענישן גענומען אַ גט, און דאָס פּאָרל האָט חתונה געהאַט כּדת משה וישראל, האָבן זיך אָנגעהויבן פֿרישע צרות. הדסה האָט געהאַט אַ שווער טראָגן און נאָך אַ שווערער האָבן. דאָשקע — מ'האָט איר אַ נאָמען געגעבן נאָך דער באָבע דאַכע — האָט געקרענקט. עוזר־העשל האָט געוואָלט אַ יינגל, זיך נישט געקאָנט שענקען, וואָס ס'איז געבוירן געוואָרן אַ מיידל. דערצו איז עוזר־העשל געוואָרן אַ באַדערפֿער. ער האָט פֿון דער לערערײַ געמוזט אויסהאַלטן דאָווידעקן, די מוטער, שטיצן די שוועסטער, דינהלען מיט די קינדער, וואָרים דער שוואָגער, מנשה־דודל, האָט נישט געקאָנט אויסקומען פֿון מלמדות. הדסה האָט געהאַט נאָך אַנדערע פֿאַרדרוסן. די גאָלד־בלאָנדע האָר זײַנען דאָ און דאָרט געוואָרן אָפּבלאַקירט. אין די אויגן־ווינקלען האָבן זיך באַוויזן די ערשטע קנייטשעלעך. די פֿיגור בלויז איז געבליבן אַ מיידלשע. עוזר־העשל איז צו איר צוגעקומען.

— האָסט איר אַרײַנגעקוקט אין קעהל ?

— זי לאָזט זיך נישט אַרײַנשטעקן ס'לעפֿעלע.

— נו, ציטער נישט. בהמה !...

ער האָט זי אַרומגענומען, געטאָן אַ קוש. הדסה האָט צוגעשלאָסן די וויעס. ווי שלעכט ס'איז איר נישט געווען, — ווען עוזר־העשל האָט איר געזאָגט אַ גוט וואָרט, אָדער אַרויסגעוויזן ליבשאַפֿט, איז איר גלײַך געוואָרן גרינגער. ווי וואויל זי איז שוין יאָרן־לאַנג געווען זײַן ווײַב, האָט זי זיך רעכט מיט אים

נישט אַנגעזעטיקט. בייטאָג איז ער זעלטן געווען אין דערהיים. אין אָוונט האָט ער צוגעגרייט לעקציעס, פֿאַרריכט העפֿטן, געלייענט. אָפֿט איז ער אַוועק צו הערץ יאַנאָווער, אָדער אין גאָט ווייסט, וואו ער האָט אַנגעשפּאַרט. צומאָל פֿלעגט ער צוליב דעם מינדסטן קלייניקייט ווערן שטאָק־ברוגז און אָפּשווייגן טעג. די גוטע מינוטן זיינען געווען געציילטע. גראָד איצט האָט הדסה זיך געשראָקן, אַז ער׳ט אַריינפֿאַלן אין צאָרן, וואָרים די דאָקטוירים און רעצעפּטן האָבן צוגענומען אַ האַלבע פּרנסה. אָבער מ׳קאָן קיינמאָל נישט וויסן, וואָס ס׳עט אים איינפֿאַלן. ער איז געשטאַנען מיט איר ביי דער שוועל און געקושט די אויגן, די נאָז, דעם האַלדז. ער האָט אַריינגענומען אין מויל דאָס לעפּל פֿון איר אויער. פֿון זיינע צערטלעכקייטן האָט הדסהן אַרומגענומען אַ זיסע אומעכטיקייט. זי איז געוואָרן נאָכגיביק און שלעפֿעריק. ער האָט זיך אַנגעשפּאַרט אויף דער סאָפֿע און זי אַוועקגעזעצט אויף די קני. ער האָט זי געוויגט און געגלעט ווי אַ קינד.

— נו, שאַ, הדסהלע. כ׳האָב דיך ליב!...

הדסהן זיינען אַנגעלאָפֿן די טרערן.

— אָך, עוזר־העשל!...

יאַדוויגאַ, די דינסט, האָט געעפֿנט די טיר. מ׳האָט וויפֿל מאָל אַנגעזאָגט דער שיקסע, זי זאָל פֿריער אָנקלאַפּן איידער זי קומט אַריין, נאָר מען האָט עס זי נישט געקאָנט אויסלערנען. דערזען די באַלעבאָסטע זיצן ביים פּאַן אויף דער שויס, איז יאַדוויגאַ געוואָרן אַ פֿאַרבליפֿטע. דאָס ברייטע פּנים מיט די סלאָוויש אַרויסשטאַרצנדיקע קינבאַקן איז געוואָרן רויט, און די אויגן־אַפּלען זיינען דערפֿון געוואָרן ליכטיק־בלוי.

— אָך, פּשעפּראַשאַם!

עוזר־העשל האָט זי צוריקגערופֿן.

— וואָס ווינטשט יאַדוויגאַ?

— כ׳האָב אויפֿגעזאָטן ס׳וואַסער צום שווענקען.

הדסה האָט אויף איר אַ קוק געטאָן מיט אַ שיינענדיקן בליק.

— זאָל יאַדוויגאַ אָנגיסן אין אַ גלאָז און אַריינטאָן קוואַס־באַרני. ס׳מוז זיך אָפּקילן.

— ס׳איז דאָ געווען ס׳יינגל פֿון קוילן־האַנדל.

הדסה איז געוואָרן ערנסט.

— איכ׳ל שפּעטער אַריינגיין און באַצאָלן.

יאַדוויגאַ האָט זיך נאָך אַ ווייל געקווענקלט. מ׳האָט געדאַרפֿט צוגרייטן קאָלאַציע און ס׳איז נישט געווען מיט וואָס. קיין פֿלייש האָט מען היינט נישט געקויפֿט. מילך איז געבליבן ווייניק. ס׳האָט זיך געהאַט אויסגעלאָזט דאָס מעל, די רייז, די קאַרטאָפֿל. זי׳ט געוואָלט פֿרעגן די באַלעבאָסטע וואָס צו קאָכן. דערצו איז יאַדוויגאַן געפֿעלן, וואָס דער פּאַן האַלט די פּאַני ביי דער טאַליע און וואָס ביי דער פּאַני הענגען די שטעקשיכלעך אויף די שפּיצן־פֿינגער. ס׳איז איר געוואָרן וואַרעם הינטער דער בלוזע. די פֿיס זיינען איר געוואָרן ווי צוגעשמידט צום דיל.

— די פאני קאן זיין רואיק. איכ'ל אלץ באזארגן!

יאדוויגא איז ראפטום אוועק. הדסה האט זיך געשעמט פאר דער מויד, אבער ס'האט איר הנאה געטאן, וואס יענע האט בייגעוואוינט איר טריומף. עוזר־העשל האט א בליק געטאן צום פענסטער. דורך די טאפלטע שויבן האט ארייג־געקוקט א ווינטערדיקער נאכמיטאג. דער הימל האט געהויערט א פארוואלקנ־טער, אבער אויף די קאפליעס פון אויוון האט זיך געשפיגלט א האפט זון, דורכגעזיגן דורכן נעפל און דעם געוועב פון די פארהאנגען. אין דעם גלייז האבן זיך געשפילט די זיבן קאלירן פון רעגנבויגן. ווען עוזר־העשל איז דא אזוי געזעסן מיט הדסהן, איז אים שווער געווען צוצוגלויבן, אז ער קאן זי שוין דאס פופצנטע יאר. ווי לאנג איז דא, אז ער האט זי באגעגנט ביי ניוניען, אויף דער פאנסקע גאס, און זי'ט אים געגעבן די ערשטע לעקציע? ווען עמעץ וואלט אים דאמאלט פארויסגעזאגט, אז זי'ט ווערן זיין ווייב, די מאמע פון זיין קינד! געזאגט האט עוזר־העשל:

— האסט נאך אלץ נישט באצאלט פאר די קוילן?

הדסה איז געווארן אנגעשפיצט.

— ניין.

— האסט ביי מיר גענומען צען זלאטעס.

— כ'האב אויסגעגעבן אויף עפעס אנדערש.

— וואס אזוינס?

— א מתנה פאר דיר... ס'דארף זיין א סורפריז...

— פון די אלע סורפריזן וועל איך באנקראטירן!

עוזר־העשל האט פארצויגן די ברעמען. ס'איז געווען נאריש פון איר זייט אנצוקויפן אלערליי שמאכטעס, בעת ס'קלעקט קוים אויפן אויסקומעניש. וואס־וואס, נאר קיין אויסברענגערין דארף זי נישט זיין! אבער וואס קען ער טאן? ער האט שוין וויפל מאל מיט איר גערעדט, זי'ט אים הייליק צוגעזאגט נישט צו פארשווענדן קיין געלט, נאר זי'ט נישט געהאלטן קייןווארט. אין אלע שופ־לאדן האבן זיך געוואלגערט טישטיכלעך, העפטעכצער, באנדן, צאצקעס. איין טעפיך איז געלעגן אויפן אנדערן. די שטוב איז פול געווען מיט לאמפן, וואזא־נעס, גלאזווארג, פארצעליי, וואס הדסה האט איינגעהאנדלט אין די אנטיק־קרא־מען. זי האט, אפנים, געהאט א מאניע ארומצוגיין איבער די געשעפטן כאפן מציאות.

הדסה איז אויפגעשטאנען, אוועק צום טעכטערל. עוזר־העשל האט אנגע־קלונגען דעם דאקטאר. דער פארנאכט איז צוגעפאלן. דער דרויסן איז געווארן בלוילעך. עוזר־העשל האט גראד היינט נישט געהאט קיין לעקציעס אין „חבצלת" און אין ראבינער־סעמינאר. ער האט זיך געהאט פארנומען דורכצו־קוקן זיינע פאפירן, אבער דער ווינטער־טאג איז פארביי. דער כסליודיקער בין־השמשות האט נאך לאנג געדעמערט. אין קאבינעט איז געווארן פינסטער, נאר עוזר־העשל האט נישט אנגעצונדן די עלעקטרע. ער האט זיך אוועקגע־שטעלט ביים אויוון, זיך געווארעמט. ער איז געווען פול מיט ברומעניש, ניגונים, הוריות, בענקשאפט. ער האט צום וויפלטן מאל געמאכט א חשבון־הנפש. וואס

האָט ער אויפֿגעטאָן אין די יאָרן? וואָס איז פֿון אים געוואָרן? ער איז געבליבן שטעקן אין פּוילן, צווישן די שונאי־ישראל. ער איז אַ לערער, באַוואָרפֿן מיט אַרבעט, איינגעטונקט אין חובות, אַ מטופּל מיט משפּחה. ווי לאַנג קאָן ער טראָגן די לאַסט? וואָס איז דער זין?

ער האָט זיך צוגעלענט אויף דער קאַנאַפּע, גענומען איינדרימלען. ער איז שוין געווען אין די דרייסיקער, אָבער די אומרו איז נישט געוואָרן איינגעשטילט. ס'האָבן נאָך אַלץ אין אים געדודערט די יינגלשע ספֿקות, זאָרגן, תאוות.

## 2

אין אָוונט, נאָכדעם ווי מאַן־און־ווייב האָבן אָפּגעגעסן נאָכטמאָל, האָט זיך דערהערט אַ שאַרפֿער קלינג אין דער טיר. הדסה איז געהאַט אויף אַ ווייל אַריין צום קינד אין שלאָף־שטוב. די דינסט איז, אַפּנים, ערגעץ אַוועק, ווייל קיינער האָט נישט געעפֿנט. דאָס קלינגעניש איז געוואָרן האַסטיקער. עוזר־העשל איז געגאַנגען עפֿענען. פֿאַר דער שוועל איז געשטאַנען אַבֿרהם, אין אַ פֿאַרשנייטער פּאַפּאַכע, אַ פֿאַרווייסט פֿוטער, מיט באָטן אויף די שיך, אַ ציגאַר אין מויל. עוזר־העשל האָט אים שוין לאַנג נישט געטראָפֿן. ער האָט אים רעכט נישט דערקענט. די ברייטע געשטאַלט האָט זיך איינגעבויגן. די באָרד איז געוואָרן ווייס ווי ביי אַ זקן. די טיפֿע רענדער אונטער די אויגן זיינען געוואָרן באַוואָקסן מיט בלוילעכן מאָך. ער איז אַריינגעפֿאַלן מיט אַ הוסטעניש, אַ פּראַכעניש. ער האָט געטופּעט מיט די פֿיס, אָפּצושאָקלען דעם שניי; געקלאַפּט מיטן שטעקן, וואָס די באַזילבערטע הירשן־הערנער זיינע זיינען געווען האַלב־אָפּגעבראָכן; זיך אָנגעכאַפּט מיט דער האַנט ביים האַרץ. אויפֿן דיל אין פֿאָדער־צימער איז גלייך אָנגעלאָפֿן אַ קאַלוזשע.

— וואָס שטייסטו און גלאָצסט? — האָט ער געטאָן אַ געשריי — דערקענסט מיך נישט?

— טוט־אויס ס'פֿוטער.

— ביסט אַ מבֿין? דער סטרוזש ט'מיר ניש' געגעבן דעם שליסל צו דער ווינדע. כ'האָב געמוזט קריכן מיט די טרעפּ...

עוזר־העשל איז געוואָרן ווייס.

— פֿאַרוואָס נישט?

— מ'העצט זיי אָן, די כאַמעס...

אַבֿרהם האָט אויסגעטאָן דעם טוליפּ, די קאַלאָשן, די שאַל, געבליבן שטיין אין אַ שוואַרצן זשאַקעט, געשטרייפֿטע הויזן, שיך מיט שטיוועלעטן, אין אַ הויכן שטייפֿן קאָלנער מיט אַ קינסטלער־בינדע. דער בויך איז אין די יאָרן געוואָרן אַזוי דיק, אַז דער ראָק האָט זיך מער נישט פֿאַרקנעפּלט. אויף דער וועסט האָט זיך געבאָמבלט אַ זילבערנע קייט. אַבֿרהם האָט אַרויסגענומען אַ פֿאַטשיילע און אָפּגעווישט דעם שווייס פֿון פּליך, פֿון די קודלעס האָר, וואָס זיינען

געוואַקסן אַרום, פֿון דעם רויטן שטערן מיטן קרומען העפֿט און די גרויע ברעמען־באַרשטן. ער האָט דערביי געכאַרכלט און געזיפֿצט.

— וואָס זאָגסטו צו מיר? כ׳טויג שוין אויף שמעלץ...

— מאַמע, פֿעטערל! — האָט הדסה געטאָן אַ רוף און איז צו אים צוגעפֿאַלן. זי האָט זיך אָן אים אָנגעהאַנגען, באַדעקט מיט קושן. זי האָט זיך שיער נישט אָפּגעבריט אָן דעם שפּיץ ציגאַר. אַבראַם איז אַריין אין מיטל־שטוב, אַריינגעפֿאַלן אין פֿאָטעל. ס׳האָט געטאָן אַ הילך, אַז די שפּרינג־פֿעדערס האָבן אַזש אָפּגעקלונגען. אַ לאַנגע ווייל איז ער געזעסן אַ באַנומענער. אין די אויערן האָט גערוישט. דאָס האַרץ האָט געזעצט. אין די שלייפֿן האָט געקלאַפּט. די פֿיס זיינען געוואָרן ווי אָפּגענומען. פֿאַרן בליק זיינען געלאָפֿן טונקעלע פֿלעקן, גאָלדענע פֿונקען. ער האָט געגאַפֿט אַ פֿאַרווירטער אויף הדסהן, עוזר־העשלען, אויף יעדן שטיקל מעבל. ביסלעכווייז איז ער געקומען צו זיך.

— כ׳בין אַוודאַי אַריין ווי אַ יוון אין סוכּה?...

— חס־ושלום! איר זענט ביי אונדז תּמיד אַן אָנגעלייגטער גאַסט! — האָט עוזר־העשל געענטפֿערט.

— וואָס שטייט עץ איבער מיר? כ׳בין נאָך נישט געפּגרט!... טרעף, הדסה, וואָס כ׳האָב דיר געבראַכט! מאַך־צו די אויגן, עפֿן ס׳מויל...

אַבראַם האָט מיט אַ ציטערנדיקער האַנט גענישטערט אין בוזעם־קעשענע, הינטער דער פֿאַרלאַגע, נאָר דאָס, וואָס ער האָט געזוכט, האָט ער נישט אַרויסגעקריגן. ער האָט אַרויסגעצויגן אַ פּאַק פּאַפּירן: פּראָטעסטירטע וועקסלען; אַן אויסלענדישן פּאַס, וואָס איז שוין לאַנג אויסגעגאַנגען; פֿאַרשפּילטע לאָטעריע־צעטלען; אַלערליי בריוו, רעצעפּטן, דאָקומענטן פֿון שטייער־אַמט. דער טאַש האָט, זעט אויס, געהאַט אַ לאָך: אונטן, ביים זום, צווישן הינטערשלאַק און דער זאַק־לייוונט, האָט זיך פֿאַרוואַלגערט אַ מטבע. אין דעם לאַנגן זאַמשענעם בייטל האָט אַבראַם דערטאַפּט אַ פּאָר בלויע ברילן, וואָס זיינען אים אַוועקגעקומען היינטיקן זומער. אַבראַם איז געוואָרן אומגעדולדיק.

— כ׳בין שוין אינגאַנצן עבר ובטל...

אין דער רגע האָט ער געפֿונען, וואָס ער האָט פֿאַרלוירן: אַן אויסשניט פֿון אַ יידישער צייטונג, איינגעלייגט אין פּירן. אַבראַם האָט געטאָן אַ שאָקל דאָס פּאַפּיר און ס׳זיינען אַרויסגעפֿאַלן צוויי בילעטן. ער האָט אָנגעזאָטלט אויף דער נאָז אַ פּאָר גאָלד־גערעמטע שפּאַקולן און גענומען לייענען מיט אַ שטאַרק קול:

„דער באַל פֿון די בעלער! טויזנט אַטראַקציעס! הונדערט פּריזן! וואַלן פֿון אַ שיינהייט־קעניגין און זיבן פּרינצעסינס! אַ דזשאַז־באַנד־אָרקעסטער! אַ בופֿעט מיט די באַטעמטסטע שפּייזן! אָריענטאַלישע טענץ!... די בעסטע מאָלער האָבן דעקאָרירט די זאַלן. באַליבטע אַרטיסטן וועלן אויף אַ ספּעציעל־צוגעגרייטער בינע געבן אַ רעווי־פֿאַרשטעלונג, ווי אויך רעציטאַציעס פֿון דער קלאַסישער און מאָדערנער פּאָעזיע. אַ יידישער מאַגיקער, מיסטער טריק פֿון אַמעריקע, וועט ווייזן קונצן, וואָס האָבן דערשטוינט די גרעסטע וויסנשאַפֿטסלייט. אַ באַרימטער יידישער גבור, וואָס זיין נאָמען מוז דערווייל געהאַלטן ווערן בסוד, וועט רייסן קייטן, ברעכן אייזן און מיידלשע הערצער פֿאַר אַ צולאָג.

יעדער גאַסט וועט אויטאָמאַטיש שפּילן אויף אַ לאָטעריע, וואו מ׳וועט קאָנען געווינען אַ חנוכּה־לאָמפּ, אַ וועק־זייגער, אַ לאָרנעטע, אַ יאַפּאַנעזישן פּעכער, אַ באָנבאָניערע, און דאָס שענסטע געשאַנק, וואָס אַ ייד קאָן זיך ווינטשן: די ווערק פֿון מענדעלע מוכר־ספֿרים, געבונדן אין פּראַכט־באַנד. איר שטויסט זיך שוין אָן פֿון וואָס ס׳רעדט זיך. ס׳איז דער מאַסקן־באַל פֿון דער יידישער פּרעסע, וואָס קומט פֿאַר די דריטע נאַכט חנוכּה, דינסטיק, דעם...״

אַבראַם האָט איבערגעריסן, ווידער אָנגעהויבן. ער האָט געשנייצט די נאָז, געקלאַפּט מיט דער פֿויסט אין טיש. טייל ווערטער האָט ער אין איילעניש אַראָפּגעשלונגען: ס׳האָט אים פֿאַרפֿעלט אָטעם. אַנדערע האָט ער איבערגעחזרט, אין אַ פּלאַטשיקער אויסשפּראַך, מיט אויבער־טענער און אונטער־טענער, וואָס האָבן דערמאָנט אין דייטש און גרויס־פּוילן. פֿון מאָל צו מאָל האָט זיך פֿון אים אַרויסגעריסן אַ הייזעריק געשריי, וואָס איז איבערגעגאַנגען אין אַן אַסטמאַטישן געכאָרכל. צום סוף אָנאָנס זיינען געווען אויסגערעכנט די ריכטער, וואָס וועלן אויסקלייבן די שיינהייט־קעניגין. צווישן די מאָלער, ליטעראַטן, אַקטיאָרן, וואָס זייערע נעמען זיינען געדרוקט געוואָרן מיט פֿעטער שריפֿט, איז אויך געווען דערמאָנט: דער באַקאַנטער כּלל־טוער און מעצענאַט אַבראַם שאַפּירא. שוואַרץ־אויף־ווייס. אַבראַמס פּנים איז געוואָרן אַפּאָפּלעקטיש־רויט.

— וועסט זיין ביי מיר אסתּר המלכּה! זיי זאָלן זיך אַפֿילו שטעלן אויפֿן קאָפּ!...

— כ׳ווייס נישט, וואָס דער פֿעטער רעדט.

— מאַך דיך ניש׳ תּמעוואַטע. כ׳האָב שוין געזען אַלע קאַנדידאַטקעס. מאַלפּעס איינס באַאיינס!...

אַבראַם איז געבליבן זיצן אַ פֿאַרשוויגענער. ער האָט ערשט נעכטן געהאַט צוגעזאָגט דר. מינץ, אַז ער׳ט האַלטן די דיעטע, אויפֿהערן רויכערן ציגאַרן, נישט טרינקען קיין שנאַפּס, זיך נישט אויפֿרעגן פֿון יעדן קליינִיקייט. מינץ האָט אים געוואָרנט, אַז אַ נייע אַטאַקע קאָן ברענגען דעם סוף. אָבער אַזאַ משוגענע נאַטור האָט ער שוין, אַבראַם: פֿון דער מינדסטער זאַך ווערט ער צעיאַכמערט. דער באַל האָט אים שוין די רעשט אַרויסגעבראַכט פֿון די כּלים. הדסה האָט געקוקט דאָ אויף אַבראַמען, דאָ אויף עוזר־העשלען.

— אַך, פֿעטערל, מיין דאָשקע איז מיר נישט געזונט!

אַבראַמס גרויסע שוואַרצע אויגן זיינען פֿאַרלאָפֿן מיט טרערן.

— דאָשקע? וואָס איז שוין ווידער?

— אַך, יעדן טאָג טשעפּעט זיך צו איר עפּעס אַנדערש. ס׳לעבן איז שוין נמאס.

אַבראַם האָט זיך געטאָן אַ הויב פֿון געזעס.

— שוין? אַזוי גיך? איך, אידיאָט, וויל זי מאַכן פֿאַר אַ קעניגין און דאָס איז אַ פֿאַרזאָרגטע יידענע. פּאַקראַקע! מאַלע אַ קינד ווערט ניש׳ געזונט! ביי מיין ביילע־איטען איז אַ גאַנץ שפּיטאָל. איין ממזר שטייט־אויף און דער אַנדערער לייגט זיך אַוועק. ס׳הויז גייט כּאַדאָראַם. דאָקטוירים נעמען־צו

דעם לעצטן גראָשן. נו, איז מה רעש? מיר'ן באַקן בייגל און זיי וועלן קערן אַ וועלט... וואָס מאַכסט דו, עוזר־העשל?

— אָ, מ'אַרבעט.

— עפּעס זעסטו מיר אויס נישט פֿויגלדיק.

— ס'אַ וואונדער, אַז כ'לעב.

אַבראַם האָט אַ שאָקל געטאָן דעם קאָפּ אין דער ברייט, ווי אויף ניין.

— וואָס איז מיט דיר דער מער? ס'טרעפֿט ביי די שענסטע משפחות.

— כ'האָב עס גענוג. ס'גאַנצע געזינדל!...

די ווערטער האָבן אים גלייך באַנג געטאָן. אַבער ס'איז שוין געווען פֿאַרפֿאַלן. הדסה האָט אויף אים אַ קוק געטאָן אַ דערשטוינטע.

— איך בין נישט שולדיק, אַז דאַשקע איז קראַנק.

— ס'אַן אייביקע געשיכטע...

הדסהס פּנים איז געוואָרן פֿול מיט פֿלעקן. די ליפּן האָבן געציטערט. זי האָט אַ באַוועג געטאָן מיטן האַלדז, ווי זי וואָלט עפּעס אַראָפּגעשלונגען.

— כ'קען דיך באַפֿרייען. צו יעדער צייט!

אַבראַם האָט זיך אומגעקוקט אַ געפּלעפּטער. ער האָט געפּרוּווט מאַכן אַ וויץ.

— אַז מ'האָט זיך ליב, פּיקט מען זיך.

— ניין, פֿעטערל. ער מיינט עס אינגאַנצן ערנסט.

הדסהס האָר זיינען אין איין רגע געוואָרן ווי צעשויבערט. זי האָט זיך גענומען פֿאַרען ביים טיש, אויפֿגעהויבן אַ גלאָז, צוריק אַוועקגעשטעלט, זיך געדרייט רעכטס, לינקס, געפּלאָנטערט מיט די פֿינגער. מיט אַמאָל איז זי אַרויס. אַבראַם האָט זיך אָפּגעשאָקלט.

— וואָס פייניקסטו זי? האָסט זי דאָך ליב... אַי, צוציקעס!

— די שטוב האָט מיך דערהרגעט...

עוזר־העשל איז אויך אַרויס. אַבראַם איז געבליבן זיצן אַליין. ער האָט צוגענומען דעם אַנאַנס, וואָס איז געלעגן אויסגעשפּרייט אויפֿן טישטוך, צוריק אַריינגעלייגט אין קעשענע. אויף די בילעטן האָט ער באַדעכטיק אַוועקגעשטעלט אַ זאַלץ־מעסטל, זיי זאָלן נישט אַוועקפֿליען. אַבראַם האָט דורכגעלעבט אויסטערלישע טעג. וואו ער איז געקומען האָט ער אָנגעטראָפֿן מחלוקת, כּעס, ביטערניש. איינזיצן אין שטוב האָט ער נישט געקאָנט. צייט חמא איז געשטאָרבן, איז אין דער דירה געשטאַנען אַ קעלט. אַפֿילו די מייז זיינען אַנטלאָפֿן. סטעפֿע, די יינגערע טאָכטער, האָט זיך געקריגט מיטן מאַן, דעם דאָקטאָר. ס'האָט שוין צ'ישן די עקשנים געהאַלטן ביי אַ גט.ביילע־איטע, די עלטערע, האָט אַליין געטראָגן דעם יאָך פֿון פּרנסה. אַביגדור, דער שמויגער, איז געוואָרן אַ מעקלער אויפֿן גזשיבאָוו, פֿאַרדינט וואַסער אויף קאַשע. נת'לע מושקאַט, אַבראַמס שוואָגער, איז געלעגן אַ געשוואָלענער פֿון דער צוקער־קראַנקייט. פּיניעלע איז געוואָרן אַן אביון. ס'ווייב, חנה, די קורלענדישע, איז געקומען צו אַבראַמען וויינען, אַז מ'האָט איר אָפּגעשריבן די בעבעכעס פֿאַר שטייערן און אַז היינט־מאָרגן וועט קומען די „עגלה". איצט ווייזט זיך אַרויס, אַז הדסה האָט אויך

נישט קיין שלום־בית. אַבראַם האָט זיך פֿאַרטראַכט. וואָס ווילן זיי, די מענטשעלעך? וואָס רייסן זיי איינער פֿון אַנדערן שטיקער?...

אַבראַם האָט זיך אויפֿגעשטעלט, זיך געלאָזט אַריין אין שלאָף־שטיבל. הדסה איז דאָרט נישט געווען. דער לאָמפּ האָט געברענט. אין אַ געפֿלאָכטן בעטל איז געלעגן דאָשקע און געשלאָפֿן. אַבראַם האָט זיך לאַנג אין איר איינגעקוקט. דאָס לענגלעכע פּנימל האָט געהאַט אַ דורכזיכטיקע ווייסקייט, ווי פּאָרצעלאַן. די בלאָנדע לעקעלעך, דער קיילעכיקער שטערן, די צו־רויטע ליפּעלעך, די געשלאָסענע וויעס, דאָס בלאַסע נעזל, — אַלץ האָט דערמאָנט אָן אַ פּופּע. אַבראַם האָט געדענקט וואָס מינץ האָט אים איינגערוימט: אַז דאָס נפֿשל וועט לאַנג נישט אָנטרייבן...

אַבראַם האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף אַ בענקל, אויפֿגעהויבן דאָשקעס אַ שפּילצייג. דער געדאַנק האָט זיך אומגעקערט צום פּרעסע־באַל. ער, אַבראַם, האָט געברויכט אַ סמאָקינג, אַ העמד, אַ פּאָר לאַק־שיך. אידאַ האָט געשוואוירן, אַז זי׳ט נישט קומען אויפֿן באַל אָן אַ ניי קלייד. ער האָט געהאַט צוגעזאָגט ביילע־איטען הונדערט זלאָטעס. אָבער וואו זאָל ער׳ נעמען? דאָס האַלבע הויז, וואָס איז אים געבליבן פֿון שווערס נחלאות, איז געווען האַלב־חרוב. היינטמאָרגן האָט געזאָלט קומען אַ קאָמיסיע און אַרויסטרייבן די לאָקאַטאָרן. מ׳דאַרף האָבן אַ האַרץ פֿון אַ גזלן צו פֿאַרלאַנגען פֿון אַזוינע קבצנים דירה־געלט.

ניין, ס׳איז נישט דאָס אייגענע וואַרשע. ער איז נישט דער זעלבער אַבראַם. אַלץ צעפֿאַלט זיך ווי אַ קאָרטן־שטיבל. אָבער דערווייל לעבט מען פֿאָרט און ער דאַרף צונויפֿקראַצן אַ פּאָר הונדערט זלאָטעס. ער מוז האָבן די ממתקים שפּעטסטנס איפֿדערוואָך. ווען נישט, איז ער אַן אָפּגעקאָכטער.

אַבראַם האָט זיך אָנגענומען ביי דער באָרד, געצויגן איינצלנע האָר. ער האָט געוואוסט, אַז הדסהן איז געבליבן אַ שנירל פּערל, אַ ירושה פֿון דער מוטער. ער וואָלט עס געקאָנט פֿאַרזעצן אין לאָמבאַרד פֿאַר פֿינף הונדערט גילדן, פֿאַראויס איינצאָלן פֿאַר דריי חדשים פּראָצענט. אין משך פֿון דער צייט וועט ער עס געוויס אויסלייזן. ער, אַבראַם, האַלט ביים אויספֿירן אַ געשעפֿט. אויב דער משא־ומתן זאָל געראָטן, וועט ער אַריינכאַפּן אַ היפּשע אַפּותיקי... די הויפּט־זאַך איז: האַלטן פֿאַסאָן!...

### 3

פֿון עוזר־העשלען איז אַבראַם אַוועק צו אידאַן, אויף דער שוויענטאָ־קזשיסקע גאַס. אַבראַם האָט נאָך געהאַט אַ דירה אויף דער זלאָטע, אין אַ הויז, וואָס האָט אַמאָל געהערט צו אים און ער האָט שפּעטער פֿאַרקויפֿט. איצט איז ער זעלטן אַהין געקומען. קיין דירה־געלט האָט ער נישט געצאָלט. אַזוי איז געווען דער אָפּמאַך מיט דעם נייעםווירט. קיין רעכט צו פֿאַרדינגען די וואוינונג סובלאָקאַטאָרן האָט ער נישט געהאַט. די שטובן זיינען געשטאַנען אָפּגעלאָזטע, נישט געמאָלטע, נישט באַהייצט.

די צייט ווען אַבראַם איז אַרומגעפֿאָרן אויף דראָשקעס איז געהאַט פֿאַר־

איבער. אַבראַם איז איינגעזעסן אין אַ טראַמוויי. אידאַס אַטעליע האָט זיך געפֿונען אויפֿן פֿינפֿטן שטאָק. די ווינדע איז נישט געגאַנגען און אַבראַם האָט נאָך יעדע פּאָר שטיגן זיך אָוועקגעשטעלט אָפּרוען. ער האָט פֿאַררויכערט אַ ציגאַר און אָנגעשפּיצט די אויערן. ער האָט אין דעם איינגאַנג געקאָנט יעדן לאָקאַטאָר, יעדעס קינד, יעדע שיקסע. אין דער נידער האָט געוואוינט אַ צענזאָר פֿון יידישע און העברעאישע ביכער אין רעגירונגס־קאָמיסאַריאַט. אַבראַם האָט פֿון מאָל צו מאָל געכאַפּט אַ שמועסל מיט דעם משומד. אויפֿן ערשטן שטאָק האָט זיך אויפֿגעהאַלטן אַן אַלטע פּוילישע גרעפֿין, אַ לאָמע. די זקנה איז געגאַנגען אויף קוליעס אונטערגעבעט מיט פּליוש, און אַבראַם פֿלעגט זיך צו איר גריסן, איר עפֿענען די הויז־טיר. דער גרעפֿינס דינסט האָט זיך אַמאָל פֿאַרטרויט פֿאַר אַבראַמען, אַז זי האָט פֿאַרשוואָנגערט פֿון אַ שאַרלאַטאַן, און אַבראַם האָט איר אָנגעשריבן אַ בריוול צו איינעם אַ דאָקטאָר לעווי, וואָס האָט איר פֿאַר דרייסיק זלאָטעס געמאַכט אַן אַבאָרט.

אַבראַם האָט זיך צוגעהערט. דאָס האַרץ איז קראַנק, אָבער די שמיעה איז געבליבן שאַרף. ער האָט פֿאַרנומען יעדן שאָרך. אין אַ פֿאַציאַטע־שטיבל האָט אַ פּיאַניסט געשפּילט אויף אַ פּיאַנאָ. כאָטש אַ הויקער, האָבן געהאַלטן אין איין קומען צו אים מיידלעך. אַן אַסטמאַטיקער האָט געהוסט, געשפּיגן, זיך געקרעקט. ס׳איז געווען דער פּאַן וולאַדיסלאַוו האַלפּערן, דער אַדמיניסטראַטאָר. אַ קינד האָט געוויינט און אַ מאַמע האָט עס איינגעשטילט. פֿון אַ ראַדיאָ האָט זיך גע־טראָגן אַ שלאָגער:

אַז דו זעסט מיין מומע
גיב איר אַ גרוס
פֿון דער וויַיט.
זאָג איר: אין פּוילן
איז זייער ביליק
און כ׳בענק נאָך איר
די גאַנצע צייט.

*

דאָס מיידל
אויפֿן באַל
איז פֿריילעך.
זי טרינקט וויין
פֿון קעליך.
אינדרויסן
איז אויס נאַכט;
דאָס מיידל
טאַנצט און לאַכט...

אַבראַם האָט צוגעשלאָסן די וויעס. ער האָט ליב געהאַט קלאַסישע מוזיק: — בעטהאָווען, מענדעלסאָן, טשייקאָווסקי, מאָניושקאָ; ער איז אָפֿט געגאַנגען אויף קאָנצערטן אין פֿילהאַרמאָניע, — נאָר געוועדט צום האַרץ האָבן אים די היימישע לידלעך, וואָס ס׳האָבן געזונגען שטוב־מיידלעך, דינסט־מוידן, הויף־זינגער. יעדער טאָן דריקט אויס אַ געפֿיל. יעדעס וואָרט האָט אַ מיין. אַבראַם

האָט געריבן דעם שטערן, איינגעזאַפּט אין זיך יעדן קלאַנג. ווי שיין איז די וועלט! ווי באַטעמט זיינען די מיידן! ווי קלוג ס׳זיינען איינגעטיילט די צייטן פֿון יאָר: זומער, הערבסט, ווינטער, פֿרילינג! ווי גוט איז וואָס ס׳איז פֿאַראַן טאָג, נאַכט, מאַנסלייט, ווייבער, אָקסן, פֿייגל! איין זאַך טויג אויף כּפּרות: דער טויט. פֿאַרוואָס מוז ער, אַבראַם, האָבן אַנגינאַ פּעקטאָריס? וואָס ט׳ער טאָן אין די לאַנגע ווינטער־נעכט אויף דער גענשע? לאָמיר אַפֿילו זאָגן, ס׳איז דאָ אַ גן־עדן: וואָס טויג אים ס׳גן־עדן? ער האָט ליבער די וואַרשעווער גאַסן פֿון אַלע סודות־התּורה...

אַבראַם איז אַרויף מיט די טרעפּ, געעפֿנט די טיר מיט אַ שליסל. אידאַ איז שוין, אַפּנים, געשלאָפֿן. אַבראַם האָט אָנגעצונדן די עלעקטרע. דער גלעזערנער דאַך איז געווען באַדעקט מיט שניי. אויפֿן דיל האָבן זיך געוואַלגערט לייוונטן, פּענזלען, פּאַפּירן, פֿאַרבן. ס׳האָט געשמעקט מיט אייל און טערפּענטין. אויפֿן אייזערנעם אייוועלע איז געשטאַנען אַ טאָפּ קאַרטאָפֿל אין די שאָלן. אויף דער רער האָבן זיך געטריקנט אַ פּאָר זאָקן. פֿון דער וואַנט האָט אַראָפּגעקוקט זיין, אַבראַמס, פּאָרטרעט, נאָך מיט אַ שוואַרצער באָרד און גלאַנציקע אויגן. אויף שטולן, לייסטן, רעמען זיינען געווען אָנגעשפּאַרט נישט־פֿאַרענדיקטע אַרבעטן, האַלב־נאַטוראַליסטיש האַלב־עקספּרעסיאָניסטיש. אַבראַם האָט לעצטנס געהאַט פֿון אידאַן קנאַפּן נחת. זי האָט אונטערגעקרענקט, זיך געקריגט איבער יעדן קלייניקייט, אויפֿגעהערט שיקן בילדער אויף די אויסשטעלונגען פֿון דער יידישער קונסט־געזעלשאַפֿט. אידאַ איז שוין געווען אַ פֿרוי אין די יאָרן, אין די טיפֿע פֿופֿציקער, אויב נישט מער. די טאָכטער אין בערלין האָט שוין געהאַט אַ קינד. זי, אידאַ, איז שוין אַ באָבע. אָבער זי האָט נאָך אַלץ אַ טעם. זי מאַכט אים, אַבראַמען, אייפֿערזוכט־סצענעס, ווי מיט פֿינף־און־צוואַנציק יאָר צוריק. זי קאָן אים נישט מוחל זיין די מחזקות, וואָס ער האָט געהאַט מיט דער דינסט אירער, זאָשע... אַבראַם האָט זיך צוגעזעצט אויף אַ בענקל, פֿאַררויכערט אַ ציגאַר. ער האָט אַריינגעשטעקט די האַנט אין וועסטל־קעשענע, אַרויסגענומען דאָס שנירל פּערל, וואָס ער האָט געקראָגן ביי הדסהן. ער האָט זיך איינגעקוקט אין יעדער פּערל באַזונדער. ווי אַלט אַשטייגער זיינען זיי? דאַכע האָט זיי באַקומען צו דער חתונה פֿון דער מוטער, דער רביצין, און יענע האָט זיי געירשנט פֿון איר מאַמען. מענטשן שטאַרבן, נאָר זאַכן לעבן. ס׳מינדסטע שטיינדל אויפֿן שאָסיי איז אַלט מיליאָנען יאָרן...

ווי אַבראַם איז געזעסן און געבלאָזן קייקעלעך רויך, האָט ער דערהערט טריט. אידאַ איז אַריין פֿון שלאָף־שטוב. איבערן נאַכט־העמד האָט זי געטראָגן אַ שלאָפֿראָק פֿון ווייך־קאָליר. די באָרוועסע פֿיס האָבן געשטעקט אין שטעקלאַטשן. די גרויע פֿריזור איז געווען אַרומגעבונדן מיט אַ טיכל, דאָס פּנים — אָנגעשמירט מיט אַ קרעם, אַ סגולה קעגן קנייטשן. אַבראַם האָט זיך צעלאַכט.

— זע נאָר, קריכסט גאָר אַרום?

אידאַ האָט זיך אָנגעצונדן.

— וואָס ווילסטו? כ׳זאָל שוין ליגן בייזאַמען?

— אידאַ־לעבן, כ׳האָב געלט. וועסט האָבן אַ קלייד אויפֿן באַל!

— וואו האָסטו גענומען געלט? כ׳דאַרף ניש׳ קאַ׳ קלייד.

אַבראַם האָט זי אָנגעקוקט האַלב־לוסטיק, האַלב־פאַרוואונדערט.

— וואָס איז געשען? משיח איז געקומען?

— אַבראַם, כ׳דאַרף אַן אָפּעראַציע!

אַבראַם איז גלייך געוואָרן ערנסט.

— וואָס האָט פּאַסירט?

— כ׳האָב אַ געוויקס אין דער מילץ.

— פון וואַנען ווייסטו? ווי אַזוי?

— כ׳האָב דיר נישט געוואָלט דערציילן. מ׳האָט געמאַכט אַ רענטגען־אויפנאַמע. כ׳דאַרף גיין אין שפיטאָל אַריין. איבעראַכטאָג מאָנטיק.

— וואָס טוט זיך דאָ? וואָס האָסטו געשוויגן?

— וואָס איז דער אונטערשיד? ס׳איז היינט געווען אַ קאָנסיליום. מינץ הערץ און באַראַבאַנדער. צוויי שעה צייט.

אַבראַם האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ. אויף אַזאַ צרה האָט ער זיך נישט געריכט. ער האָט געהאַט באַמערקט אַז אידאַס פּנים איז געלבלעך. זי זאָל האָבן געליטן אויף די גאַל־שטיינער. אַ סך האָט מען ביי איר נישט געקאָנט געוואויר־ווערן. זי האָט אַ טבע זיך אַרומצוטראָגן מיט סודות. איצט נאָדיר אַזאַ קלאַפּ! דער רויך אויף אַבראַמס גומען האָט פאַרלוירן דעם אַראַמאַט.

— כ׳האָף, ס׳איז נישט געפערלעך.

— מאַלע וואָס דו האָפסט. כ׳האָב מורא, ס׳איז אַ ראַק...

אַבראַמען זיינען אָפּגענומען געוואָרן די קני. דער ציגאַר איז אים אַרויסגעפאַלן פון די ליפּן.

— ביסט משוגע, צי וואָס? נעמסט מיך אַן ביים האַרץ!

— שאַ, שריי נישט. ס׳איז נישט מיין שולד.

— נישט יעדעס גריזל איז אַ ראַק!

— ניין...

אידאַ האָט געטאָן אַ שמייכל. איר פּנים איז אין איין רגע געוואָרן יונג, ליכטיק, פול מיט דעם חן, וואָס האָט אים, אַבראַמען, צוגעבונדן צו דער דאָזיקער פרוי פינף־און־צוואַנציק יאָר צייט. אין דער רעכטער באַק האָט זיך אָוועקגעשטעלט אַ גריבל. פון הינטער די רונצעלעך אין די אויגן־ווינקלען האָט אַרויסגעקוקט אַ ווייבלעכע לוסטיקייט, יענע פויליש־יידישע האָפערדיקייט, וואָס קיין שום בראָך קאָן נישט אָפּווישן. ס׳איז געווען די אידאַ, וואָס האָט איבערגעלאָזט אין לאָדזש אַ רייכן מאַן, אַ קינד, דינסטן, משרתים, און איז געקומען צו אים, אַבראַמען — אַ קבצן, אַ הולטאַי און אַ באַווייבטער דערצו; די אידאַ, וואָס האָט יאָר־איין, יאָר־אויס זיך מיט אים צעקריגט און זיך איבערגעבעטן; יעדע פּאָר חדשים צעריסן די לייוונטן, אָוועקגעוואָרפן די פּאַלעטע, און יעדעס מאָל פונסניי זיך צוגעכאַפּט צו דער מאַלעריי, מיט באַנייטן גלויבן אין דעם אייגענעם טאַלאַנט און אין דער וויכטיקייט פון קונסט. איצט איז זי געשטאַנען און געקוקט אויף אַבראַמען האַלב־צערטלעך, האַלב־שפּאַטיש.

— נאַרעלע, כ׳בין שוין אַן אַלטע יידענע...

אַבראַם איז געוואָרן רויט.

— ניש׳ פֿאַר מיר... ניש׳ פֿאַר מיר...

— קום שלאָפֿן.

אַבראַם איז איר נאָכגעגאַנגען אַ פֿאַרשוויגענער. אין שלאָף־צימער האָט געלויכטן אַ רויט נאַכט־לעמפּל. אויף אַ שטול איז געשטאַנען אַ פֿלעשל מעדי־צין און ס׳איז געלעגן אַ פּויליש ביכל. אידאַ האָט זיך צוגעלעגט אין בעט. אַב־ראַם האָט זיך גענומען אויסטאָן. אַלץ איז אים איצט געוואָרן קלאָר: אידאַס נערוועזיטעט, די אַריינזאָגענישן, וואָס זי האָט אים אַריינגעזאָגט, די אַנצוהע־רענישן וועגן טויט. ער האָט אויפֿגעשנורוולט די שיך און געזיפֿצט. ער האָט אויסגעטאָן די הויזן און געבליבן שטיין אין אַ פּאָר לאַנגע ווייסע גאַטקעס. פֿון איבערן סטאָן האָט זיך געריסן אַן אויסגעשפּיצטער בויך. אַבראַם האָט פֿאַר־לאָשן דאָס ליכט. אַ ווייל איז ער געזעסן אויף דעם צולייג־בעטל, וואו ער איז געשלאָפֿן. דערנאָך איז ער געקומען צו אידאָן. ער האָט זי אַרומגענומען און זיי זיינען געלעגן שווייגנדיקערהייט. ער האָט צוגעלייגט דעם דוימען און דעם וויַיז־פֿינגער צו איר האַנט־געלענק, זיך צוגעהאָרכט צום פּולס. אַ שמעקעדי־קע וואָרעמקייט האָט געהויכט פֿון אידאַס לייב. ער האָט געזען אין דער פֿינסטער איר גלאַנציקן בליק. ער האָט זי צו־גוט געקאַנט, ער זאָל האָבן אַ טעות. דער קערפּער אירער איז פֿול געווען מיט פֿרייד. מיט אַמאָל האָט זי אַ מורמל גע־טאָן אַן אויסטערליש וואָרט:

— מזל־טוב...

אַבראַם האָט זי געוואָלט פֿרעגן, וואָס זי מיינט, נאָר ער האָט זיך נישט דערוועגט. אידאַ אַליין איז אויך געווען דערשטוינט. זי האָט אויפֿגעהויבן זיין האַנט און געקושט די שפּיצן־פֿינגער. זי האָט אים אָנגענומען ביי דער באָרד, געגלעט, געקאָמט. זי האָט געטראַכט, זיך געקווענקלט.

— אַבראַם, כ׳וויל דיך עפּעס בעטן.

— וואָס ווילסטו, טייערע?

— גיב מיר תּקיעת־כּף, אַז וועסט עס טאָן.

— יאָ, אַלץ.

— אַבראַם, כ׳וויל ליגן נעבן דיר!

אַבראַמען איז אַדורך אַ שוידער איבערן רוקן.

— וועסט נאָך לעבן און זיין געזונט!

— ניין, אברהמל, ס׳איז דער סוף.

ער האָט איר צוגעשוואוירן, אַז ער׳ט קויפֿן אין דער קהילה צוויי קרקעס, איינע נעבן דער אַנדערער. ער האָט געפֿרעגט:

— גלויבסט דען אין יענער־וועלט?

— דו גלויבסט?

— יאָ.

— וואויל איז דיר. מיר שיינט, אַז דער מענטש איז ווי אַ בלאַט פֿון אַ בוים...

אידאַ האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אָן זיין ברוסט, איז איינגעשלאָפֿן. אַב־

ראַם איז געבליבן וואַך. ער האָט געקוקט אין דער שוואַרצקייט און אַלץ איז געוואָרן הויל, פֿינסטער, יאושדיק. ער האָט געהאַט אַ פֿאַרלאַנג צו בעטן גאָט, נאָר די לעפֿצן האָבן זיך נישט געלייגט צו קיין תּפֿילה. ער האָט זיך דער־מאָנט, אַז די אייגענע רייד האָט גערעדט צו אים חמא. אויך זי האָט גענומען ביי אים תּקיעת־כּף, אַז ער'ט איבער הונדערט יאָר ליגן נעבן איר, אין ר' משולם מושקאַטס פֿאַמיליען־קבר, אין דער ערשטער אַלעע. אַפֿילו די מתים מוז ער נאַרן... אַבראַם האָט איצט געזען חמאס געשטאַלט אויף דער מיטה: דאָס פּנים ווייס, ווי קעז, דאָס מויל אָפֿן, מיט אַ קרומער נאָז און אַ שמייכל אין די געשלאָסענע לעדלעך. ס'האָט זיך געדוכט, אַז די בלויע ליפּן זאָגן: קאָנסט מיר מער גאָרנישט טאָן, נישט קיין גוטס, נישט קיין שלעכטס... אַבראַם האָט געפּרוווט פֿאַרטרייבן דאָס זעעניש, נאָר ס'האָט יעדעס מאָל פֿונסניי אויפֿגע־טויכט, לייביק־פֿלעקיק, פֿול מיט חלומדיקער האַפֿט. אַ פּחד האָט אַבראַמען אָנ־געכאַפּט און אָן ענגשאַפֿט אין קעל. ער האָט געשעפּטשעט:

— מת טהור, גיי אין דיין רוהע־אַריין!...

אידאַ האָט זיך איבערגעוועקט.

— וואָס איז דיר? דו שלאָפֿסט נישט? — האָט זי געפֿרעגט מיט חשד.

אַבראַם האָט געפּרוווט ענטפֿערן, נאָר די צונג איז אים געווען ווי געליימט. ער האָט אָנגעלענט זיין פּנים אָן איר קאָפּ. אין די האָר איז איר דערפֿון געוואָרן נאַס און הייס...

## 4

די פּאָר הונדערט זלאָטעס, וואָס אַבראַם האָט באַקומען אין לאָמבאַרד פֿאַר הדסהס פּערל, האָט ער פֿאַרנוצט פֿאַר אידאַן. מ'האָט געמוזט געבן האָנאָראַר די דאָקטוירים, איינצאָלן אין שפּיטאָל. אידאַ איז אויך געווען שולדיק דירה־געלט. מאָנטאָג איז אַבראַם איינגעשטיגן מיט אידאַן אין אַ דראָשקע, זי אָפּ־געפֿירט קיין טשיסטע. מ'האָט אידאַן אַוועקגעלייגט נישט אין דער סאַלע, נאָר אין אַ צימער, וואו ס'איז געלעגן נאָך איין קראַנקע: אַ פֿרוי מיט שטיינער אין דער בלאָז. אָפּערירן האָט מען געזאָלט ערשט אין דריי טעג אַרום. מ'האָט אַבראַמען געגעבן די דערלויבעניש צו באַזוכן אידאַן יעדן צווייטן טאָג. אידאַ איז געלעגן אין בעט, געלייענט אַ ראָמאַן, געצייכנט אויף אַ צייכן־בוך די שכנה, זיך געוויצלט מיט אַבראַמען. אַבראַם האָט אַריינגעשטעקט דער „שוועסטער" אין האַנט פֿינף זלאָטעס, זי זאָל אַכטונג געבן אויף דער פּאַציענטין. פֿיר אַזייגער נאָכמיטאָג האָט אַבראַם געמוזט זיך געזעגענען. אידאַ האָט אים אָנגענומען מיט ביידע הענט ביים נאַקן.

— אויב מיר'ן זיך מער נישט זען, זיי געזונט!...

אַבראַמען זיינען אָנגעלאָפֿן די טרערן.

— בהמה, רעדסט נאַרישקייטן!...

אַבראַם איז אַרויס פֿון שפּיטאָל, איינגעזעסן אין אַ טראַמוויי נומער זעכצן. אין וואַגאָן איז געווען אַן איינציקער פּאַסאַזשיר. אַבראַם האָט אַרויסגעקוקט

צו די וואַליער גאַסן — האַלב־ליידיקע, שלעכט באַלויכטענע, מיט ציגל־רויטע הייזער, פֿאַרמאַכטע פֿאַבריקן. ביי טויערן זיינען געשטאַנען גאַסן־פּרויען. ביי אַ פֿייער האָבן זיך געוואַרעמט אָפּגעשליסענע מאַנסלייט. צייט פּוילן האָט אָנגעוואוירן דעם רוסישן מאַרק, איז אַלץ געגאַנגען באַרג־אַראָפּ. טאָמער האָבן יידן געפּרוּווט געפֿינען אַנדערע מערק, האָט מען אַרויפֿגעלייגט הויכע שטייערן, פֿאַרצוימט אַלע וועגן. די באַאַמטע אין די מיניסטעריומס האָבן אויף אַלץ געהאַט איין ענטפֿער: מ׳טאָר נישט... פֿאַרבאָטן... אַבראַם האָט אויסגעווישט די פֿאַרהויכטע שויב. געוויינלעך האָט ער נישט צוגעלאָזט קיין עגמת־נפֿש; אָבער אידאָס שלאַפֿקייט האָט אים די רעשט דערשלאָגן. אויף דער מאַרשאַלקאָווסקע, עק זלאָטע, איז אַבראַם אָפּגעשטיגן. ביים ווינער וואָקזאַל האָט אַ גריך געהאַט אַ בעקעריי. אַבראַם האָט געקויפֿט אַ ראָזשינקע־בריטל, וואָס מ׳קאָן עסן אָן פּוטער. דערנאָך איז ער אַוועק אַהיים. ביים טויער האָט אַבראַם זיך אָפּגעשטעלט. אַקעגנאיבער, אויפֿן ערשטן שטאָק, איז געשטאַנען אַ חנוכּה־לאָמפּ. ס׳האָבן געברענט צוויי קנייטלעך און אַ רויט ליכטל — אַ שמש. אַבראַם איז געבליבן אַ פֿאַרגאַפֿטער: שוין־זשע זאָל ער האָבן פֿאַרגעסן, אַז ס׳איז חנוכּה?

ביי אַבראַמען אין דער וואוינונג איז אַרומגעלאָפֿן אַ קעלט. קיין טאָפּל־פֿענסטער האָט מען היי־יאָר נישט אַריינגעשטעלט. די שויבן זיינען געוואָרן באַוואַקסן מיט פֿראָסט־ביימער. דעם גאַז און די עלעקטרע האָט מען געהאַט פֿאַרשלאָסן. אַבראַם האָט אָנגעצונדן אין שלאָף־שטוב אַ ליכט אין אַ מעשענעם לייכטער. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפֿן ראַנד בעט און געגעסן דאָס ראָזשינקע־ברייטל. אַ באַק־צאָן האָט זיך געשאָקלט און יעדעס מאָל, וואָס אַבראַם האָט געטאָן אַ ביס, האָט אים אָנגעכאַפּט אַ בויערנדיקע ווייטאָג. ער האָט סיי געקייט, סיי געברומט דעם ניגון פֿון „מעוז צור”.

אַבראַם האָט זיך אויסגעטאָן, איינגעשלאָפֿן. ס׳איז אים פֿאַרגעקומען, אַז ער טראָגט אַ משא, קלעטערט איבער שווינדל־טרעפּ. די קני בויגן זיך אונטער אים, אָבער ער מוז ווייטער שלעפּן. ער טוט אַ קוק אויף דער לאַסט און זעט, ס׳איז אַ מיל־שטיין. נו, יאָ, רחיים על צאוורו, טאַקע ווי ס׳שטייט אין דער גמרא. דאַרף ער דאָס צום מאָלן תּבואה? אָדער איז עס אַ שטראָף? איז ער מגולגל געוואָרן אין אַ מילנער?...

אַבראַם האָט זיך צעלאַכט. ער האָט זיך איבערגעוועקט מיט אַ געלעכטער. ער האָט זיך געפּרוּווט דערמאָנען דעם חלום, נאָר ער האָט אַלץ געהאַט פֿאַרגעסן. דאָ איז אַבראַמען געקומען אויפֿן זין, אַז מאָרגן איז דער פּרעסע־באַל. אין אָנאָנס איז דייטלעך געשטאַנען: די דריטע נאַכט חנוכּה. זאָל היינט זיין מאָנטאָג? יאָ, מאָנטאָג. אָדער אפֿשר איז שוין דינסטאָג? אַלץ איינס. אַז אידאָ איז אַזוי קראַנק, וועט ער נישט לויפֿן אויף קיין בעלער. ער האָט אויך נישט קיין מלבוש. וואו האָבן געקאָנט אַהינקומען די בילעטן?

אַבראַם האָט נישט געוואוסט ווי לאַנג ער איז געשלאָפֿן, אָבער ער איז אויפֿגעקומען אַן אויסגערוטער. ער איז אַראָפּ פֿון בעט, געפֿונען דאָס פּוטער, אַרויסגעקראַצט פֿון בוזעם־קעשענע די בילעטן. ער איז גלאַט־אַזוי צוגעקראָכן צו דער קליידער־שאַנק, זיך געפּאָרעט מיט די מלבושים. ער האָט דאָך געהאַט

אַמאָל אַ סמאָקינג. אַפֿשר איז ער נאָך גוט? אַז ס׳פֿאַרקנעפּלט זיך נישט, איז אויך נישט קיין מילער... יאָ, ס׳האָט נאָך דאָ געהאָנגען אַ סמאָקינג. אַבראַם האָט אָנגעטאַפּט די זיידענע קלאַפּעס, די באַנד אויף די הויזן. ער האָט אין דער פֿינסטער אָנגעמאָסטן דאָס רעקל. כ׳לעבן, ס׳פּאַסט. אין ערגסטן פֿאַל קאָן מען אַרויסלאָזן אַ נאָט. דוכט זיך, ער האָט אויך לאַק־שיך. זיי זיינען מסתּמא פֿאַרדאַרט, נאָר מיט כראָמאַלין קאָן מען זיי ווייך מאַכן. ער האָט געהאַט אַמאָל אַ פּאָר קאַפּיטעס, וואָס מ׳האָט אים געבראַכט פֿון דייטשלאַנד. זיי דאַרפֿן ליגן ערגעץ אין אַ שופֿלאַד. וואו זיינען די שליסעלעך? אַוודאי אין שרייב־טיש.

אַבראַם האָט זיך לאַנג אַרומגעדרייט אין חשכות. ער האָט אַראָפּגעשלעפּט פֿון די אויבערשטע פֿאַכן העמדער, וואָס חמא, עליה השלום, האָט אָוועקגעלייגט, קראַגנס, שניפּסן, פֿאַרלאַגעס, מאַנקעטן. ער איז פֿאַרט אַמאָל געווען אַ נגיד. ס׳האָבן זיך פֿאַרוואַלגערט רעשטלעך פֿון די גוטע צייטן. ס׳איז איצט אַבראַמען געווען אַ חידוש ווי מ׳האָט געקאָנט אָוועקלייגן אַזוינע נייע זאַכן. חמא איז נעבעך געווען גערעכט: ער האָט אַרויסגעוואָרפֿן געלט... אַבראַם האָט באַנומען, אַז דאָס, וואָס ער טוט איצט, איז וואָנזיניק, בזוי־בזיון, אָבער קיינער זעט דאָך נישט. פֿאַר גאָט, ווידער, דאַרף מען זיך נישט שעמען... זיך צו דערוואַרעמען, האָט אַבראַם אַרומגעפּאַטשט דאָס לייב. וויי, האָב איך אַ טרעלבוך! — האָט ער געמורמלט. — אַ פּאָר בריסטן ווי אַ יידענע... ער האָט אָנגערירט די פֿאַרבאַרגענע גלידער. אַ שטאַרקער באַגער האָט אים אָנגעכאַפּט: צו האָבן עסקים מיט נאָך אַ פֿרוי... איידער ער שטאַרבט... די תּאווה האָט, אַפּנים, די גאַנצע צייט אין אים געלויערט, ווייל ווי נאָר דער געדאַנק איז אים איינגעפֿאַלן, איז ער געוואָרן אָנגעצונדן. ער האָט זיך אומגעקערט צום געלעגער און זיך צוגעדעקט. ער האָט געקייט אַ רעפֿטל פֿון אַלט־געבאַקענעם ראַזשינקעברייטל, וואָס איז געבליבן ליגן אויפֿן נאַכט־טישל, גענומען זוכן אַ פֿאַרטל. אין די לאַנגע יאָרן יאָגן זיך נאָך ווייבער, האָט אַבראַם איינגעזען, אַז אין לך דבר העומד בפֿני הרצון. אַז אַ מאַנסביל פֿאַרלייגט זיך, מוז זיך אונטעררוקן אַ נקבה. ס׳איז אַזאַ מאַגנעטיזם. מ׳דאַרף נאָר בלייבן איינגעשפּאַרט. ס׳פֿעלן נישט אויף אַ באַל קאַ׳ ווייבלעך, וואָס זוכן אַן עבֿרה...

פֿאַרטאָג האָט אַבראַם איינגעדרימלט. אינדערפֿרי האָט ער זיך אויפֿגעכאַפּט אַ דערפֿרישטער. ער האָט זיך געוואַשן מיט קאַלט וואַסער ביים קראַן, געזונגען אַ ליד מיט אַ הייזעריק קול. ער האָט זיך אַ נעם געטאָן צו דעם הויפֿן בגדים, וואָס ער האָט אַפּגעקליבן ביינאַכט, זיי איינגעפּאַקט אין אַ וואַליזע, אַוועקגעטראָגן צו אַ היימישן שניידער. דער פֿראָסט אין דרויסן האָט געהאַט געלאָזט. דער שניי איז געלעגן אַ שוואַרצלעכער, אַ נאַסער. גויים האָבן אים אַפּגערייניקט מיט רידלעס און גראַב־אייזנס. באַלד איז אַבראַם אַרויס אויף די יידישע גאַסן. דער דלות האָט זיך נאָך דאָ קיינמאָל נישט אַזוי געוואָרפֿן אין די אויגן ווי יענעם פֿרימאָרגן. יידן האָבן אַרומגעשמאַיעט אין פֿאַרסאַרגעטע קאַפּאָטעס, צעריסענע שטיוול, מיט געבויגענע פּלייצעס, פֿאַרחושכטע פּנימער. ווי וואויל ער, אַבראַם, איז אַליין געווען אַ לופֿט־מענטש, איז אים שווער געווען צו באַנעמען פֿון וואַנען זיי לעבן. אַ שטיקל ברויט מוזן זיי דאָך פֿאַרט עסן...

נישט ווייט פֿון די יידן, אויפֿן טראָטואַר, האָבן געהאָפּסלט פּייגעלעך, געפּיקט מיט די שנעבעלעך אין די שטיינער. אַבראַם האָט זיך דערמאָנט, וואָס ס׳שטייט אין דאַוונען: גאָט שפּייזט פֿון דעם ווילד־טיר ביז די אייעלעך פֿון דער לויז...

אַבראַם איז געגאַנגען אַ שטיקל וועגס, זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט געקויפֿט אַ יידישע צייטונג און דורכגעקוקט די נייעס. די אוקראַינער אין מזרח־גאַליציע האָבן זיך געבונטעוועט. אַ מיניסטער האָט פֿאָרויסגעזאָגט אַ פּאַציפֿיקאַציע. אין די קרעסן האָבן די פּויערן געהונגערט. אַן ענדעקישער דעפּוטאַט האָט אין סיים געדראָט מיט פּאָגראָמען. אין דייטשלאַנד האָט היטלער געהאַלטן אַ רעדע קעגן די יידן און דעם ווערסאַלער אָפּמאַך. אין רוסלאַנד האָט מען אַרעסטירט צענדליקער טויזנטער טראָצקיסטן. אין לאָרדן־הויז איז אַ לאָרד אַרויסגעטראָטן קעגן דעם פּוילישן קאָרידאָר און דער פֿרייער־שטאָט דאַנציג. אין די אינעווייניקסטע זייטן האָט מען געשריבן וועגן יידישע ענינים: פּאַלעסטינע און די אַראַבער; די אַסימילאַטאָרן און די גמינע; דער „בונד“ און זיין שטעלונג צום ציוניזם. אין אַן אַרטיקל אונטערן שטריך האָט אַ פּובליציסט געוואָרנט, אַז גליטשיקע מענטשעלעך, כּבֿוד־זוכער, ביליקע פּאָליטיקער האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אין די יידישע אינסטיטוציעס. אויף דער לעצטער זייט איז געווען געדרוקט די כראָניק: אַ יידישער סוחר איז אַראָפּגעשפּרונגען פֿון פֿערטן שטאָק. אַ מיידל האָט זיך פֿאַרסמט. אַן אַנטיסעמיטישער קאָרפּאָראַציע־סטודענט האָט צעשלאָגן אַ ייד אין זאַקסישן גאָרטן. אין דער טעקסטיל־בראַנזשע האָט געהאַלטן ביי אַ סטרייק. אַ פּאָר פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראיינען האָבן זיך געזאָלט אָנשליסן...

אַבראַם האָט געלייענט און געקראַצט אין דער באָרד. ער האָט געקרעכצט און געשאָקלט מיטן קאָפּ. מ׳האָט אַ תּל געמאַכט פֿון אַ וועלט!... אין מיטן האָט אַבראַם דערבליקט אַ נאָטיץ פֿון דעם באַל. ס׳איז דערמאָנט געווען ער, אַבראַם. דער נאָמען אַבראַם שאַפּיראָ האָט אַרויסגעשיינט פֿון אַלע אַנדערע נעמען. ער האָט צוגעצויגן אַבראַמס בליק ווי אַ מאַגנעס. אַבראַם האָט זיך נישט געקאָנט זאַט אָנקוקן אין די חנעוודיקע אותיות. אַי, איז אַ מענטש אַן עגאָאיסט! — האָט ער דערביי געטראַכט. — אַי, איז גרינג אים אונטערצוקויפֿן!...

דאָס שניידערל, וואָס צו אים איז אַבראַם אַריינגעפֿאַלן מיט זיין רענצל, האָט, ווייזט אויס, געקרענקט. אין די פּאָר יאָר, וואָס אַבראַם האָט אים נישט געזען, האָט ער זיך אויסגעבויגן ווי אַ זקן. אין מויל איז נישט געבליבן קיין איין צאָן. אויפֿן דאַרן העלדזל האָט געהאָנגען אַ מאָס. אויפֿן קרומען מיטל־פֿינגער איז געזעסן אַ פֿינגערהוט. ער האָט מיט אַ גרויסער שער געשוירן אַ שטיק זאַק־לייוונט. די געלע אויגן האָבן אָנגעקוקט אַבראַמען פֿאַרחידושטע.

— כ׳קאָן עס שוין היינט נישט מאַכן.

— גזלן, איר קוילעט מיך אָפּ! — האָט אַבראַם געשריגן. — כ׳האָב ביינאַכט אַ באַל!...

— גאָר אַזוי? נו, נו...

פֿון דעם שניידער איז אַבראַם אַוועק זוכן אַ שוסטער. מ׳האָט געדאַרפֿט לייגן אויף די לאַק־שיך אַ פּאָר האַלבע זוילן מיט אָפּזאַצן. ביי אַ טויער האָט

אַבראַם דערזען אַ שילד מיט · אַ שטיוול. דער שוסטער האָט געוואוינט אין הויף, אין אַ קעלער־שטוב. אַבראַם האָט זיך געלאָזט אַראָפּגיין מיט די בלאָטיקע טרעפּ. אין קאָרידאָר איז געווען חושך־פּינסטער. אַבראַם האָט זיך אָנגעשטויסן אין קעסטלעך, קוישן, פֿאַרטשעפּעט אַ פֿוס אין אַ גרוב. ער האָט אַ שטופּ געטאָן די קלאַנקע, דערזען אַ פּיצעלע שטיבעלע, מיט אַ הויקערדיקן באַלקן און אַ פֿענסטערל מיט פֿאַרשמירטע שייבלעך, האַלב פֿאַרשטעלט מיט טרעפּ. אין אַ בעט, צווישן קויטיק געוואַנט, איז געלעגן אַן איינגעריכט קינד. ביי אַ פֿאַררוסטן איוון האָט אַ צעשויבערט ווייבל געמאַכט פֿייער, געשפּאָלטן קין. ביי אַ טישל, צווישן אַ הויפֿן שקראַבעס, איז געזעסן אַ קליין מענטשל מיט אַ רויט בערדעלע און אַ פּאַרמעט־געלן שטערן פֿון אַ בעל־מח. פֿון צווישן די איינגעפֿאַלענע באַקן האָבן אַרויסגעקוקט אַ פּאָר גרויסע וואַסערדיקע אויגן. ער האָט געריסן אַ שקראַב מיט אַ צוואַנג. די צעשפּאַרטע זויל איז פֿול געווען מיט שטיפֿטן, ווי אַ מויל מיט ציין. נאָך איידער אַבראַם האָט געזאָגט וואָס ער וויל, האָט יענער זיך אָנגערופֿן:

— האַרט־צו!...

אַבראַם האָט זיך צוגעזעצט אויף אַ בענקל. פֿון דעם אַלטוואַרג האָט זיך געטראָגן אַ שטויב. פֿון דער קיך האָט זיך געצויגן אַ רויך. דאָס פּיצעלע האָט זיך צעוויינט. די מוטער האָט עס אַרויסגעהויבן פֿון אומריינקייט, דערלאַנגט אַ לויזע ברוסט. אין אַ ווינקל, אונטער שפּינוועבס, איז געשטאַנען אַ שענקעלע מיט חומשים, סידורים, אַ צאינה וראינה, חקלעך. אַבראַם האָט אַרויסגענומען אַ חומש דברים, מיט אַן אָפּגעריסענעם רוקן און פֿאַרשימלטע טאָוולען. ער האָט אויפֿגעמישט אין מיטן, געלייענט:

וה׳ האמירך היום להיות לו לעם סגולה כאשר דבר ולשמור כל מצוותיו ולתתך עליון על כל הגויים אשר עשה לתהלה ולשם ולתפֿארת, ולהיותך עם קדוש לה׳ אלוהיך...

# קאַפּיטל אַכט און פֿערציק

## 1

די צוויי בילעטן, וואָס אַבראַם האָט געבראַכט עוזר־העשלען און הדסהן, האָבן אַריינגעבראַכט אין שטוב אַ צערודערונג. הדסה האָט געהאַט חשק צו גיין אויף דעם באַל. יאָרן־לאַנג איז זי נישט געקומען אויף קיין פֿאַרוויילונג. זי האָט שוין רעכט נישט געדענקט ווי מ׳טאַנצט. ווי לאַנג הדסה האָט געוואוינט מיט עוזר־העשלען אָן חופּה־וקידושין, האָט מען זי אין ערגעץ נישט פֿאַרבעטן. שפּעטער האָט זיך אָנגעהויבן אַ מעשה מיט טראָגן, האָבן, קינדישע שלאָפֿקייטן. דערצו האָט עוזר־העשל אויסגעמיטן יעדע פֿאַמיליען־שמחה, באַנקעט, ביבע. ער האָט נישט איינגעלאַדן קיין געסט און איז נישט געגאַנגען צו־גאַסט. אַחוץ מאַשע און אַבראַם איז זעלטן דאָ עמעץ אַריינגעפֿאַלן. אָבער וויפֿל איז דער שיעור זיך

אָפּצוזונדערן? זי, הדסה, איז נאָך אַלץ שיין. ס׳איז אַ משוגעת צו בלייבן זיצן ווי אַ באָבע הינטערן פּיעקעליק. עוזר־העשל האָט צוגעגעבן, אַז הדסה איז גערעכט, אָבער ער האָט פֿאָרט געהאַט אַ ווידערווילן צו בעלער, פֿייערונגען, הוליאַנקעס. נישט ער האָט געהאַט די מלבושים, נישט ער האָט געקאָנט טאַנצן, נישט ער איז באַזעסן דאָס געלענק זיך אויסצומישן מיטן פּעבל. ער האָט, פֿונדעסטוועגן, ביי זיך אָפּגעפּאַסט נאָכצוגעבן הדסהן. ער האָט געדונגען אויף דער מעד־גאַס אַ סמאָקינג, איינגעהאַנדלט אַ פּאָר לאַק־שיך, אַ שטייף העמד, אַ בינדע. הדסה האָט זיך אייגנס געקויפֿט אַן אָוונט־קלייד, שיך, אַפֿילו אַ גאַרסעט און אונטערוועש. די צוגרייטונגען האָבן אַרויסגערופֿן צווישן דעם פּאָרל בייזע רייד. די הוצאות זיינען געוואַקסן. אַ פֿריזירערין האָט הדסהן אָנדולירט די האָר. אַ מאַניקיריסטין האָט איר געשליפֿן די נעגל. די גאָלד־געפֿאַרבטע שיכלעך האָבן זיך אַרויסגעוויזן צו־ענג. די טאַשמעס און בלומען, וואָס זיינען געווען באַהאָפֿטן צום קלייד, האָט הדסה אָפּגעטרענט, און אָנגענייט אַנדערע באַפּוצונגען. מאַשע האָט אויך באַקומען אַ בילעט, אוןביידע קוזינעס האָבן זיך געגרייט באַנאַנד. מ׳האָט געוואַשן, געפּרעסט, געפּוצט. דער טעלעפֿאָן האָט געקלונגען. מאַשע האָט אָנגעבראַכט הויפֿנס שמאָכטעס: קרעלן, בראַנזלעטן, אויערינג, קלאַמרעס, אימיטירטע פּערל. עוזר־העשל האָט צוגעזען אַ פֿאַרשעמטער ווי די אייטלקייט, וואָס דרימלט אין יעדער פֿרוי, האָט אויך פֿאַרכאַפּט הדסהן. פֿון צופֿיל מי איז זי געוואָרן אָפּגעצערט און אויסגעבלייכט. כּלים זיינען איר געפֿאַלן פֿון די הענט. זי האָט געשריגן אויף דאַשקען און צומאָל זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַ קללה. ווען עוזר־העשל האָט איר פֿאַרגעהאַלטן, האָט זי זיך צעוויינט.

— וואָס ווילסטו פֿון מיר? כ׳בין אומגליקלעך סיי־ווי־סיי!...

עוזר־העשל איז אַליין אויך אָנגעשטעקט געוואָרן פֿון דעם האַרמידער. ער האָט נישט צוגעגרייט קיין לעקציעס, נישט געענטפֿערט אויף קיין בריוו, נישט געקומען אויף די פּעדאַגאָגישע זיצונגען. ביינאַכט האָט ער זיך געוואָרפֿן אויפֿן געלעגער. אינדערפֿרי, ערב דעם באַל, איז הדסה אויפֿגעשטאַנען מיט היץ. דער טערמאָמעטער האָט געוויזן זיבן־און־דרייסיק מיט צוויי שטרייכעלעך. עוזר־העשל האָט געוואָרנט, אַז אַרויסגיין אין אַזאַ הייט איז געפֿערלעך, אָבער הדסה האָט געשוואוירן, אַז זי׳ט נישט בלייבן זיצן אין דער־היים, זי זאָל אַפֿילו קריגן פֿערציק גראַד. זי האָט גענומען סיי אַן אַספּירין, סיי אַ פּיל צו קאָפּ־ווייטאָג, און דער פֿיבער איז אַראָפּגעפֿאַלן. ניין אַזייגער אין אָוונט איז אַלץ געווען גרייט. ווען הדסה און מאַשע זיינען אַרויסגעקומען פֿון דער שלאָף־שטוב, וואו זיי האָבן זיך אויסגעפּוצט, איז עוזר־העשל געבליבן אַ פֿאַרבליפֿטער. ס׳זיינען געשטאַנען פֿאַר אים צוויי שיינהייטן, איינע אַ בלאָנדע, די אַנדערע אַ ברונעטע, אַ פּאָר ווי מ׳זעט צומאָל אין אַן אָפּערעטע, אָדער אין אַן אילוסטרירטן זשורנאַל. עוזר־העשל האָט זיך אַליין נישט דערקענט אין שפּיגל. ער האָט זיך געהאַט אָפּגעשוירן און אָפּגעגאָלט. די אָוונט־מלבושים האָבן אים געקליידט. דער קאָלנער זאָל נישט אָפּשטיין, האָט ער זיך אויסגעגלייכט, און ער איז דערפֿון געוואָרן העכער. מיט דער ווינדע זיינען אַראָפּגעפֿאָרן עטלעכע קריסטלעכע שכנים

און זיי האָבן געקוקט פֿאַרוואונדערטע אויף די יידן, וואָס כאַטש זיי קלאָגן, אַז מ׳נעמט זיי צו דעם ביסן ברויט, קלעקט זיי נאָך צו לויפֿן אויף בעלער. זיי האָבן סיי געשטאָכן, סיי געחנפֿעט.

— ווי שיין די פּאַני האָט זיך אויסגעסטראָיעט!... זאָל זיך די פּאַני גוט פֿאַרוויילן...

ביים טויער האָט מען לאַנג געוואַרט. קיין פֿוטערן זשאַקעטל אָנצוהענגען אויפֿן קלייד האָט הדסה נישט פֿאַרמאָגט. דער מאַנטל איז געווען צו־דין. זי איז געוואָרן דורכגענומען פֿון דער קעלט. עוזר־העשל איז אַרומגעלאָפֿן אַ פֿערטל שעה ביז ער האָט געפּאַקט אַ דראָשקע. הדסהן האָט געדושעט דער הוסט, אָבער זי האָט זיך איינגעהאַלטן. די לוסט צו קומען צווישן מענטשן און צו ווייזן איר שיינקייט, האָט זי מיטאַמאָל אָפּגעלאָזט. ס׳איז איר אַליין געווען אַ וואונדער, פֿאַרוואָס זי האָט געמאַכט די אַלע אָנשטרענגונגען. הדסה איז געווען שלעפּע־ריק און געהאַט איין באַגער: וואָס גיכער איבערצוקומען דעם טאַראַראַם און זיך לייגן אין בעט. עוזר־העשל האָט גראָד איצט זיך דערמאָנט אָן קליין־טע־רעשפּאָל, דעם זיידן, דעם בית־מדרש. וואָס טוט זיך מיט מיר? — האָט ער געטראַכט. — וואָס מאַך איך מיך נאַריש? וואָס טויג מיר די שמחה של הוללות? אַלע צרות, סיי זיינע אייגענע, סיי פֿון כּלל־ישראל, זיינען אים געקומען אויפֿן זין. ער האָט זיך דערמאָנט אָן די אוקראַינער פּאָגראָמען; אָן חיים־יוסף ברענער, וואָס די אַראַבער האָבן געקוילעט; אָן דעם טעכטערל, דאָשקע, וואָס קרענקט פֿון געבוירן־אָן; אָן דער מאַמען און דינהלען, וואָס זיצן אין אַ האַלב־חרובער דירה אויף דער פֿראַנציסקאַנער און קוקן־אויס אויף זיין שטיצע. כ׳וואָלט אויף זיי ליבער אויסגעגעבן די פֿופֿציק זלאָטעס... דער גייסט פֿון צולהכעיס, אָדער דער „דיבוק״, ווי עוזר־העשל האָט גערופֿן זיין נערוועזיטעט, האָט אים אָפּגעטאָן איינע פֿון זיינע שטיקלעך. ווייל ער דאַרף זיין מונטער, האָט אים אָנ־גענומען די מרה־שחורה. ער האָט אינדערגיך געמאַכט אַ סך הכּל פֿון זיין לעבן, אַ שטייגער, ווי מ׳וואָלט אים געפֿירט צו דער עקזעקוציע... מאַשע, וואָס האָט געהאַט אויסגעטרונקען אַ גלעזל ליקער, זיך אויפֿצוהייטערן, אויפֿן גוישן שטייגער, איז געוואָרן אומגעדולדיק.

— וואָס שווייגט אירביידע? ס׳איז נישט קיין פּאָגזשעב!...

— כ׳קאָן נישט פֿאַרשטיין דעם מאָדערנעם ייד — האָט עוזר־העשל זיך אָנגערופֿן נאָך אַ וויילע. — פֿאַר קיין פֿאַל.

מאַשע האָט זיך צעלאַכט.

— איר מוזט אים פֿאַרשטיין גראָד איצט?

די דראָשקע האָט זיך אָפּגעשטעלט. אינדרויסן, פֿאַרן באַל־זאַל, איז מען געשטאַנען קאָפּ־אויף־קאָפּ. עוזר־העשל האָט שוין לאַנג נישט בייגעוואוינט אַזאַ געדראַנג. זאָל האָבן עפּעס פֿאַרלאָפֿן? אַ שׂרפֿה? אַ געשלעג מיט גוים? ס׳האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן, אַז ס׳איז נישט געווען קיין שום פֿאַרפֿאַל. מ׳האָט פֿאַר־קויפֿט מער בילעטן, וויפֿל ס׳קאָן אַריין מענטשן. פֿרויען האָבן געשריגן. מענער האָבן זיך געקריגט. עמעץ האָט געפּרואווט אויפֿרייסן אַ טיר. ס׳איז אָנגעקומען פּאָליציי. אַ מיידל האָט אַ זאָג געטאָן:

— יידישע פּאַזשאַנדקעס!

אין דער סעקונדע האָט דאָס געזעמל זיך געטאָן אַ פּראַל פאַרויס. מ׳האָט הדסהן געטראָטן אויף די פיס. זי האָט געהערט ווי ס׳רייסט זיך דאָס קלייד. אַ פּחד איז זי באַפאַלן: אַז זי׳ט בלייבן אַ נאַקעטע. אין דער גאַרדעראָבע האָט זיך געטראָגן אַ געשריי ווי אויף אַ מאַרק. די מיידלעך הינטער די טישן האָבן זיך נישט געקאָנט אָפּפּאָרטיקן מיט די אַלע פוטערס, פּאַראַסאָלן, קאַלאָשן, באָטן, קאַפּעליושן. ס׳האָבן אויסגעפּעלט הענגערס, נומערן. הדסה האָט געוואָלט אָנ־נעמען עוזר־העשלען ביים אָרעם, נאָר אין דער רגע איז ווידער געוואָרן אַ שטור־פּעניש און זי האָט פאַרלוירן סיי אים, סיי מאַשען. דער המון האָט זי ווי אַריינ־געטראָגן אין זאַל. מוזיק האָט געשפּילט. פּאָרלעך האָבן געטאַנצט אין אַזאַ ענגשאַפט, אַז מ׳האָט זיך געשאָקלט אויף איין אָרט. טרומייטערס האָבן גע־שאַלט, פּויקן האָבן געקלאַפּט, באַסן האָבן געברומט. די אָנגעהיצטע לופט איז געווען פול מיט געקוויטש, ליאַרם, געלעכטער — אַ מיש־מאַש פון קולות, ריחות, קאָלירן. אַ פּאַרשוין אין אַ שטריימל האָט זיך געהוידעט מיט אַ גראָב ווייבל, וואָס די מאַסקע האָט זיך איר אַראָפּגעגליטשט איבער דער נאָז. אויף דער בינע, צווישן די מוזיקאַנטן, האָט געטורעמט אַ ריז מיט אַ העלם אויפן קאָפּ און אַ פּאַנצער אויף דער ברוסט. ס׳איז געווען דער יידישער גיבור, וואָס מ׳האָט אָנאָנסירט אין די צייטונגען. הדסה האָט געוואָלט צוריק אַרויס פון דער בהלה, נאָר מ׳האָט זי געשטויסן אַלץ ווייטער. פּלוצים האָט זי עמעץ אַרומ־גענומען: אַ שמאָלער יונג מיט אַ שפּיציק פּנים, אַ קרומער נאָז, די האָר פאַרקעמט אין אַ שרונט. ער האָט גערעדט צו איר אויף „דו”.

— מאַסקעלע גיב מיר אַ קוש!

— זאָל מיר דער פּאַן אַנטשולדיקן — — —

הדסה האָט זיך פון אים געריסן, נאָר ער האָט זי געדריקט צו זיך. ס׳האָט געשמעקט פון אים מיט פּאָמאַדע און שוויס. מיט אַמאָל האָט אויפגעטויכט אַבראַם. ער האָט זיך אַ שפּאַר געטאָן פאַרויס, געשריגן:

— הדסה־לעב!...

דער פרעמדער האָט זיך גלייך אָפּגעטשעפּעט. אַבראַם האָט זי אָנגעכאַפּט ביי די אַקסלען.

— וואָס טוסטו דאָ! וואו איז עוזר־העשל? ביסט שיין ווי אַלע זיבן זו־נען!...

הדסה האָט זיך צעוויינט.

— פּעטערל, ראַטעווע מיך!...

— בהמה, וואָס יאָמערסטו? מ׳שטופּט זיך. עלעהיי ביים רבין...

אַבראַם האָט זיך גענומען דורכרייסן מיט איר דורך דעם אָנגעלויף. דער בויך האָט געמאַכט פאַר אים אַ וואָרע. אין דער גאַנצער געדיכטעניש האָט אַבראַם דערקענט מאַנסלייט, פרויען, זיך געגריסט, געקושט ביי דאַמען די הענטלעך, געזאָגט קאָמפּלימענטן, אין אַ שטאָק־הייזעריק קול, אין אַ קוידער־וועלש פון יידיש, פּויליש, רוסיש, דייטש. ער האָט זיך אָנגעשטויסן אַן אַ דיקן ייד מיט אַ באַנד אויפן אָרבל, געדופן:

— עך מעגט ענק שעמען מיט ענקערע בעלער! ערגער ווי אין באַרדיטשעוו!...

— ס'איז נישט מיין שולד.

— וועמענס שולד איז עס? ס'אַ חילול־השם!...

ס'זיינען דאָ געווען נאָך אַנדערע זאַלן. אַרום אַ בופֿעט האָט זיך געקנוילט אַן עולם. מ'האָט שטייענדיקערהייט געגעסן פּוטער־ברויטן, געטרונקען ביר, לעמאָנאַד. איין פֿרוי האָט אַנידערגעקניט און מיט אַ נאָדל־פֿאָדעם צוגענייט ביי דער אַנדערער אַ גוואַלד־ריס. אַ מיידל האָט געהאַלטן אַ שוך מיט אַ האַלב־אָפּגעבראָכענעם קנאַפּל. אַלערליי געשטאַלטן זיינען פֿאַרביי: רוסישע גענעראַלן אין עפּאָלעטן און לאַמפּאַסן; פּוילישע פּריצים אין קאַפּטאַנעס; דייטשן מיט פּיקעלהויבען; רבנים אין ספּאָדקעס, שטריימלען, קאַפּעלאַטשן; ישיבה־בחורים אין סאַמעטענע היטלען, גאַרטלען, פּיאות. ס'האָט געדויערט אַ ווייל ביז הדסה האָט זיך געכאַפּט אין דעם געפּילדער, אַז דאָס האָט מען זיך אַזוי פֿאַרקליידט. אַבראַם אַליין האָט אויסגעזען אַ פֿאַרענדערטער. איבערן סמאָקינג, די קודלעס, דער באָרד, האָבן זיך געוויקלט שניצלעך פּאַפּיר. אויפֿן שפּיץ פּליך האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ באַלאָן. פֿון רויטן פּנים האָבן געטריפֿט טראָפּנס שוויס. ער האָט געברילט:

— ביסט נאָך אַרויס בשלום. אַ ווייבל איז געבליבן אין די מייטקעס!...

און ער האָט זיך צעלאַכט און געטאָן הדסהן אַ קוש. ס'האָט פֿון אים אַ זעץ געטאָן אַ גערוך פֿון בראָנפֿן.

— פֿעטערל, כ'וויל אַהיים!

— זעץ דיך דאָ צו. איכ'ל אויפֿזוכן דיין פּרינץ!...

ביי דער וואַנט האָט הדסה דערבליקט אַ ליידיקע שטול. אַבראַם האָט זי צוגעפֿירט און זי האָט זיך אַוועקגעזעצט. אַבראַם איז אַוועק. פֿון לינקס איז אָנגעקומען מאַשע. זי האָט געפֿירט ביים אָרעם אַ פֿאַרשוינדל מיט רויטע בעקלעך, געקרייזלטע האָר, אַ שפּיציק בייכל. איין אייגל האָט געלאַכט, דאָס צווייטע, אַ שיקלדיקס, האָט געקוקט ערנסט־אָנגעשפּיצט. זי זאָל מיך נאָך נישט באַמערקן! — האָט הדסה געקלערט. אין דער רגע האָט מאַשע זי דערזען.

— מאַמעלעך!... טוט נאָר אַ קוק!...

זי איז צוגעלאָפֿן, מיטגעשלעפּט דאָס מענטשל. מאַשע האָט פֿאָרגעשטעלט אַ דאָקטאָר. דעם נאָמען האָט הדסה נישט דערהערט. מאַשע האָט גערעדט גיך־גיך, געפֿרעגט, געענטפֿערט, זיך אָנגעבויגן איבער הדסהן, עפּעס איינגערוימט אין אויער. דער דאָקטאָר האָט געטאָן אַ קוש איבער דער הענטשקע, אַוועק אין איילעניש.

— העי דו, פֿאַרגעס נישט די באָנבאָניערע! — האָט מאַשע אים נאָכגעשריגן. הדסהן האָט זי געזאָגט:

— אַ סימפּאַטישער מאַנסביל. אַ רעזערוו־קאַפּיטאַן. אַ ייד. דוכט זיך — געטויפֿט. וואָס זיצסטו דאָ? שוין איינמאָל אַ כאַליאַסטרע!... אַ מיאוסע באַנדע. פֿוי!... וואָס איז דיר? האָסט געוויינט? נעם דאָס נישט ערנסט. טו אַ שפּיי! וואו איז עוזר־העשל? כ'האָב דיך געזוכט, די גאַנצע צייט!...

— דער פֿעטער אַבראַם איז דאָ.

— ווירקלעך? וואו? די קאַכאַנקע ליגט אין שפּיטאָל און ער שלעפּט זיך אַרום. קום מיט מיר. טו נאָר אַ קוק אויף מיין קלייד. עוזר־העשל איז גערעכט. דער מאָדערנער ייד איז ווילד. אַ משוגעים־הויז, ווי די באָבע איז מיר ליב... אַ פֿאַרשיווע געזינדל!...

מאַשע האָט אַ וויילע געשוויגן, געקוקט צו דער טיר, געמורמלט:

— מיר ווערן אַלט... האָסט אפשר אַ שפּילקע?...

## 2

אַבראַם איז אַוועק זוכן עוזר־העשלען, נאָר אויפֿן וועג האָט ער פֿאַרגעסן סיי נאָך וואָס ער איז געגאַנגען, סיי אַז ס׳וואַרט אויף אים הדסה. זיך צוצוגעבן קוראַזש, האָט אַבראַם געהאַט אַריינגעגאָסן אין זיך אַ גלאָז קאָניאַק. דער אַלקאָהאָל האָט אים אַלץ מער געשלאָגן צו די געהירן. מ׳האָט אים געהאַט אויסגעקליבן פֿאַר איינעם פֿון די, וואָס וועלן אויסוויילן די שיינהייט־קעניגין, אָבער ער האָט זיך נישט אָריענטירט, וואו ס׳זיצן די ריכטער און וואו מ׳עט צונויפֿברענגען די קאַנדידאַטקעס. אַבראַם האָט זיך געדרייט אין דעם געווירבל ווי אין אַ קאַרוזעל. ער האָט געזען אַ שלל באַקאַנטע פּנימער: ליטעראַטן, כּלל־טוער, דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, אַקטיאָרן, סוחרישע זינדלעך. פֿרויען, וואָס לויט זיין, אַבראַמס, חשבון, האָבן זיי שוין געדאַרפֿט זיין אַלטע יידענעס, האָבן זיך באַוויזן פֿאַר אים יונגע, אויסגאַרסירטע, מיט אָפּגעשוירענע האָר, שלאַנק, ווי כּלה־מיידלעך. מענטשן, וואָס אַבראַם האָט געמיינט, אַז זיי זיינען געשטאָרבן אין די טיפֿוסן, אָדער געוואָרן פֿאַרפֿאַלן אין רוסלאַנד, האָבן אים אָנגערופֿן בײַם נאָמען, אָפּגעגעבן שלום־עליכם. פּרצופֿים, וואָס ער, אַבראַם, האָט שוין לאַנג געהאַט פֿאַרגעסן, האָבן אויפֿגעשיינט, פֿול מיט יענע שטריכן און אויסטערלישקייטן, וואָס בלייבן ווי אַ חתימה פֿון וויגל ביז צום קבר. אַ פֿרוי מיט אַ רויטן מאַשקאַר האָט געצויגן אַבראַמען בײַם לאַץ.

— אַבראַם־קרוין, ווי אַלט דו ביסט געוואָרן! אַן אמתער דזשאַד!...

— ווער ביסטו? גיב מיר אַ קוש!

— אַז וועסט דערקאָנען, וועסטו קריגן!

— זעסט־אויס אַ רובינליכט.

— נישט געטראָפֿן!

און די פֿרעמדע האָט אַבראַמען אַ צופּ געטאָן בײַ דער באָרד.

אַבראַם האָט זי געוואָלט פֿאַרהאַלטן, נאָר זי האָט זיך פֿלינק אַוועקגעגליטשט. ער האָט זיך געיאָגט נאָך איר און די קני זיינען אים געוואָרן משונה־גרינג, ווי אויף אַ צעוויגטער שיף. ער האָט אַליין נישט געוואוסט צי שווימט ער פֿאַרויס, אָדער אויף הינטערווײַלעכץ. וואו איז זי, ס׳זומער־פֿייגעלע? וואו איז זי אַנטלאָפֿן?... פֿאַרן בליק זיינען פֿאַרביי קאָמישע בילדער. אַ דיקע פֿאַרשווינטע מיט אַ מעכטיקן בוזעם און אַ געפֿאַלדטן נאַקן האָט געהאָפּעט מיט אַ פּיצעלע מענטשעלע, אַ סריס. אַ יונגערמאַן אין אַ געהאַקטער קאַפּאָטע און מיט אַ קליין

היטעלע, האַלב־חסיד, האַלב־דייטש, האָט געפֿירט הינטער זיך אַ קורצע שווער־לייביקע פֿריילין מיט רויטע באַקן. אַ יונגאַטש אין אַ רבישן סויבל האָט אַרומגענומען צוויי מיידן ביי די טאַליעס, געלאַכט מיט אַ מויל גאָלדענע ציין. אַבראַם האָט געפּרואווט פֿאַרהאַלטן די פֿאַרביישוועבנדיקע מאַסקעלעך, נאָר קיינע האָט זיך נעבן אים נישט אָפּגעשטעלט. איינע האָט אים אַרויסגעשטעקט אַ צונג, אַן אַנדערע האָט געוויזן אַ פֿייג, אַ דריטע האָט אים נאָכגערופֿן אַ צונאָמען:

— פּריימייער!...

אַבראַם האָט זיך אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ. ער האָט שוין לאַנג נישט געהערט דאָס דאָזיקע וואָרט. די מויד מוז זיין פֿון דער אונטערוועלט. מ׳קומט אַהער פֿון אומעטום: די קראָכמאַלנע, די סמאָטשע, די סטאַווקע!... די מוזיק האָט אויפֿגעהערט און ווידער אָנגעהויבן. דאָ האָט מען געשפּילט אַן אַלט־מאָדישן וואַלץ, אַ פּאָלקע, אַ טאַנגאָ, און דאָ האָט אויפֿגעקנאַלט דער אַמעריקאַנער דזשאַז, אַ קאַקאָפֿאָניע פֿון טאַצן, פּויקן, פֿאַנפֿענישן, אַ גויאַמערניש ווי פֿון קעץ. די פּאָרלעך האָבן זיך געשאָקלט, זיך צוגעקלעפּט, געוויגט רעכטס, לינקס, אַהין, צוריק, זיך געפּלאָנטערט און געריסן, ווי כּלבים, וואָס קאָנען זיך נישט פֿאַרנאַנדערשיידן... אַבראַם איז געוואָרן צעמישט. וואָס איז דאָס? אַ שימי? אַ טשאַרלסטאָן? אַ רומבאָ? מיאוסע שטיק! פֿע, חלשות! ס׳שלאָגט צו דער גאַל. סיי ס׳האָט אים געמיגלט, סיי ער איז פֿול געוואָרן מיט תּאווה. אַ ים מיט נקבות! נפֿקהס איינס־ביי־איינס... ער האָט אַרויסגעקראַצט פֿון טאַש אַ טיכל און אַרומגעווישט דאָס שיידל, די קודלעס, דעם גוידער, דעם נאַקן. דאָס העמד איז געוואָרן אויף אים אויסגעווייקט. די גאַטקעס האָבן געקלעפּט צום לייב. די לאַק־שיך האָבן געברענט די זוילן. אַ מויד האָט אים אַ שטאָרך געטאָן ביים אַקסל, געשריגן אין אויער, ווי אַ טויבן:

— זיידעשי, אַהיים שלאָפֿן!...

— הער אַבראַם, שלום־עליכם! — האָט אַבראַם פֿאַרנומען אַ דין מאַנסבילש קול. ער האָט זיך אומגעקערט און דערקענט פֿינלענדערן דעם הויקער, וואָס ער פֿלעגט טרעפֿן אַמאָל ביי הערץ יאַנאָווער. ס׳איז געווען אין דער צייט, ווען אַבראַם האָט געפּלאַנט אַרויסצוגעבן אַ זשורנאַל. פֿינלענדער, אַ מחבר פֿון אַ פֿרעמד־ווערטערבוך, האָט געזאָלט זיין איינער פֿון די רעדאַקטאָרן. פֿון פּלאַן האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם. פֿינלענדער איז אַוועק פֿון דער גרופּע. ער איז אַבראַמען אַרויס פֿון זין. איצט איז ער דאָ געשטאַנען מיט אַ געל פּנים, אין אַן אָפּגעכוימערטן אָנצוג, אין אַ צעקנייטשט העמד מיט אַ קרומער שניפּס. די האָר אויפֿן קאָפּ האָבן באַקומען אַ גאָלדיק־זילבערנעם קאָליר. אַרום מויל האָבן זיך אַריינגעקריצט צוויי טיפֿע קנייטשן. אַבראַם האָט זיך געטאָן אַ בויג ווי זיך צו צעקושן.

— ווען מיינע אויגן זעען!...

— כ׳האָב געמיינט, איר׳ט מיך נישט דערקאָנען!

— ס׳טייטש, פֿינלענדער! האָסט דיך גאָרניש׳ געענדערט. וואָס מאַכסטו? ווי גייט עס אייך? אַלץ אַ בוכהאַלטער?

— נאָך אַלץ.

— חתונה געהאַט ?

— האַ ? ניין.

— וואו וואוינט איר ? איר טרעפֿט אַמאָל דעמביצערן ?

— דעמביצער איז געשטאָרבן.

אַבראַם האָט זיך אָפּגעשאָקלט.

— ווען ? ווי אַזוי ?

— פֿון אַ האַרץ־אַטאַקע. ס׳איז געווען אין די צייטונגען.

— אָווּאַ !... וואו איז ערגעץ אַהינגעקומען דער טרעפֿער, דער האָקוס־פּאָקוסניק, ווי הייסט ער דאָרט ? דער טעלעפּאַט !

— מעססינגער ? ר׳איז דאָ אויפֿן באַל.

— וואו ? וואָס איז געוואָרן פֿון דער מויד, וואָס האָט אַרויסגערופֿן מתים ?

— די קאַליש ? חתונה געהאַט מיט אַ לאָדזשער פֿאַבריקאַנט.

— אויס גייסטער ?

— אויס.

— הערץ יאַנאָווער איז אויך דאָ ?

— הערץ און גינע...

אַבראַם האָט געניששטערט אין בוזעם־קעשענע. ער האָט געוואָלט געבן פֿינ־לענדערן אַ וויזיט־קאַרט, נאָר ער האָט נישט געפֿונען. ער האָט זיך געלאָזט ווייטער. נו, וואָס איז דער אונטערשיד ? ס׳איז אַלץ מויל־מלאכה... אין דער רגע האָט אַבראַם דערהערט ווי מ׳רופֿן אים : פּאַניע אַבראַם ! פּאַניע אַבראַם ! ער האָט זיך אומגעקוקט און דערזען אַ פֿרוי אין אַ שוואַרצער מאַסקע און אין אַ פֿוטערנעם מאַנטל איבערן באַל־קלייד — אַ מיטלוואוקסיקע, מיט פּעך־שוואַרצע האָר פֿאַרקעמט פֿון בײדע זייטן אין פֿלעכטן, באַשטעקט מיט קאַמען, שפּילקעס, בלימלעך. פֿון די אויערן־לעפּלעך האָבן זיך נאָכגעבאַמבלט אַ פּאָר לאַנגע אַלט־מאָדישע אויערינגג. אַרום טונקעלן האַלדז זיינען געווען אַרומגעוויקלט שנירן קרעלן, קייטלעך. אויף די הענט האָט זי געטראָגן הענטשקעס, וואָס האָבן דער־גרייכט צו די עלנבויגנס. אַבראַם האָט זי אָפּגעמאָסטן מיט געניטשאַפֿט.

— קום מאַסקעלע, לאָמיר טאַנצן !

— די נאַכט איז גרויס — האָט יענע געענטפֿערט אויף יידיש. — ביסט געוואָרן גרוי ווי אַ טויב.

— מ׳ווערט ניש׳ יינגער, נאָר עלטער... ווער ביסטו, מאַסקעלע ?

— דאָס, פֿעטער, איז אַ סוד.

— סודות דאַרף מען אויפֿדעקן.

— ס׳ווענדט זיך.

אַבראַם האָט זי אָנגענומען ביים אָרעם.

— זעסט אויס אַ היימיש ווייבל. קאָנסט מיך שוין לאַנג ?

— אַ שאָק מיט יאָרן.

— ביסט ניש׳ אַמאָל ר׳ בעריש קאַמייקאַס אַ שנור ?

— דערוויל ניש׳ !

— אַ פשעפּיורקאַ ?

— אויך ניש׳.

— ווער־זשע ביסטו ?

— אַ יידישע טאָכטער.

— דאָס איז זיכער.

— כ׳הער נת׳לע איז קראַנק. סאַלטשע האָט אים צופֿיל געשטאָפּט מיט נאַשוואַרג.

אַבראַם האָט זיך דערפֿרייט.

— קאָנסט סאַלטשען אויך ? ביסט דאָך אַ משלנודיקע. מאַך־זשע ניש׳ קאָ׳ קונצן. נעם אַראָפּ די מאַסקע און ווייז אַ צורה־מלוכה !

— כ׳האָב געמיינט, דו׳סט טרעפֿן.

— וואַרט ! ביסט מיר קענטלעך. כ׳געדענק די פֿיגור. קאָנסט אפֿשר מיין עלטערע טאָכטער ?

— ביילע־אי׳זען ? יאָ.

— ביסט אַמאָל געווען אירס אַ חברטע ?

— קיינמאָל ניש׳.

— ע, מאַסקעלע, דו אינטריגירסט דאָך מיך אויף אַן אמת !...

אַבראַם האָט זי האַלב־אַרומגענומען, זיך געמאַכט אַ וועג צווישן די פּאָר־לעך. ער האָט געוואָלט זיך אַוועקזעצן אין בופֿעט־זאַל, פֿונדערוועגן דער מאַסקע אַ שנאַפּס. ער האָט שווער געאָטעמט. דאַנקען גאָט, ר׳איז נישט געבליבן אויפֿן באַל אַליין. ער קאָן נאָך פֿאַראינטערעסירן אַן אשה. זי איז געגאַנגען נאָך אים ווילינק. אין זאַל איז געוואָרן גערוימער. אַבראַם האָט באַגעגנט אַ סך באַקאַנטע. ברוידע, דער באַלשעוויק, האָט זיך אַרומגעפֿירט מיט דער הינקענדיקער נייטאָ־ריך, לילאַ. הערץ יאַנאָווער האָט זיך געסודעט מיט אַ גרויער דאַמע, וואָס האָט זיך צו אים אַראָפּגעבויגן, אָנגעשטעלט אַ לאַרניאָן. גינע האָט זיך אַרומגע־פֿירט מיט אַ קורץ מיידל, אַ געוועזענע סובלאָקאַטאָרין. אַבראַם האָט זי אַמאָל געטראָפֿן אויף אידאָס אַן אָוונט. אַבראַם האָט אַ האָפֿערדיקער זיך געגריסט, זיך געזעגנט, געפֿאָכעט מיט דער האַנט. די ווייבער האָבן אים נאָכגעקוקט האָלב־נייגעריק, האַלב־שפּאָטיש. אַבראַם האָט פֿאַרצויגן די ברעמען. וויפֿל ער האָט זיך נישט געגריבלט, האָט ער זיך נישט געקאָנט דערטראַכטן, ווער ס׳איז זיין באַגלייטערין.

— ווּעמען נאָך קאָנסטו אין דער משפּחה ?

— ווּעמען ניש׳ ? פּיניעלען, ניוניען, קאָפּל משרת.

— קאָפּלען ? אויב אַזוי, ביסטו אַ פֿאַר־מלחמהדיק שטיקל סחורה.

— כ׳בין ניש׳ קאָ׳ נעכטיקע.

— קאָפּל האָט אין אַמעריקע געהאַט אַ פּראָצעס.

— יאָ, פֿאַר אַ טריף ברייזל.

אַבראַם האָט זיך אָפּגעשטעלט.

— כ׳לעבן, זי ווייסט אַלץ. אפֿשר ווייסטו, וואָס ס׳עט זיין מיין תּכלית ?

דורך די אויגן־לעכער האָבן אַ בליץ־געטאָן אויף אַבראַמען אַ פּאָר לוס־

טיקע שוואַרצאַפּלען. אַבראַמען איז געוואָרן אומהיימלעך. אַ משוגענער געדאַנק איז אים איינגעפֿאַלן: אפֿשר איז דאָס דער מלאך־המות?... דער פּחד פֿאַרן טויט, וואָס האָט אַבראַמען די לעצטע יאָרן זעלטן אָפּגעלאָזט, האָט זיך מיט איין מאָל צוריקגעקערט. ער האָט זיך אינגאַנצן אויסגעניכטערט. ער האָט זיך דערמאָנט אָן זיין האַרץ־פֿעלער, אָן אידאָס אָפּעראַציע, אָן הדסהן, וואָס ער האָט געלאָזט זיצן אויף אַ באַנק. וואָס טוט זיך מיט מיר? כ'בין שוין אינגאַנצן אַ נבזה!... אַ ווייל האָט ער געהאַט אַ פֿאַרלאַנג אָפּצולאָזן די נקבה, אַהיימצולויפֿן שלאָפֿן; אָבער ער האָט זיך פֿעסטער אין איר געקלאַמערט. זאָל זיין וואָס ס'וויל! — האָט ער גערעדט צו זיך — כ'על פּגרן סיי־ווי־סיי... אין דער רגע איז אַבראַמען געוואָרן קלאָר מיט וועמען ער פֿירט זיך. ס'איז געווען מאַניע, ר' משולם מושקאַטס דינסט, נעמיס אַרויסהעלפֿערין — די שוואַרצע מאַניע, ווי מ'האָט זי גערופֿן אין שווערס הויז, אָדער מאַניע קאַלמיק...

**3**

עוזר־העשל האָט לאַנג אַרומגעזוכט הדסהן, נאָר ער האָט נישט געפֿונען נישט זי, נישט מאַשען. ער האָט זיך געשטופּט צווישן די פּאָרלעך, געהאַלטן אין איין פֿאַרריכטן די בינדע. ער האָט געקוקט אויף די טענצער, זיך געוואונדערט. ס'זיינען געווען צווישן זיי גרוי־האָריקע, בייכיקע, פּליך־קעפּ, אַפֿילו קריפּלען, נאָר יעדער האָט אויסגעזען פֿאַרטאָן אין דער פֿאַרוויילונג מיט לייב־און־לעבן. די פּאַניענקעס האָבן געכיכעט, זיך געפֿאָכעט, פֿאַרריכט איינע דער אַנדערער דעם טואַלעט. די פֿראַנטן האָבן אַרומגעשמאַיעט, געמאַכט העוויות, וואָס האָבן דערוועקט ביי די מיידלעך געלעכטער. אין דעם גאַנצן באַלאַגאַן האָבן די גרופּן זיך געהאַלטן באַנאַנד: מאַנען, פֿרויען חתנים, כלות, שוועסטער, שוועגערינס, קוזינעס, חברטאָרינס — לויט דעם אור־אַלטן אינסטינקט פֿון דער סטאַדע. ער, עוזר־העשל, האָט זיך אַרומגעדרייט אַליין. ער האָט זיך אומגעקוקט צי הדסה איז דאָ ערגעץ נישט פֿאַראַן, נאָר ער האָט נישט געהאַט קיין פֿאַרלאַנג זי צו געפֿינען. וואָס וועט ער זיך אַרומשלענדערן מיט דעם אייגענעם ווייב? וואָס האָט ער בכלל דאָ צו טאָן? די דזשאַז־מוזיק האָט אים נישט אויפֿגעהייטערט. דאָס גרעלע ליכט האָט געבלענדט אין די אויגן. די אַנטבלויזטע אָרעמס, אַקסלען, האַלב־אָפּגעדעקטע ברוסטן, האָבן נישט דערוועקט קיין באַגער. אַ שפֿלות איז אים באַפֿאַלן און אַ מרה שחורה. וואָס איז די שמחה אַזוי גרויס? וואָס הוליען זיי, די גלות־יידעלעך, אין דער פּוילישער הויפּט־שטאָט? גאָט האָבן זיי פֿאַרלוירן, די וועלט נישט געפֿונען. ער האָט דערקענט פֿונדערווייטן ברוידען. ער איז געשטאַנען מיט לילאַן, נאָך אַ מיידל, זיך געשושקעט. יענער האָט נאָך אַלץ אויף דער סאָציאַלער רעוואָלוציע... דריי יאָר אָפּגעזעסן אין פּאַוויאַק...

עוזר־העשל איז אַוועק אין בופֿעט, גענומען אַ פֿלעשל ביר. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ טישל, געזופּט קליינע שליקעלעך: כ'קאָן אַזוי ווייטער נישט לעבן! כ'וועל דערשטיקט!... ער האָט צוגעשלאָסן די וויעס, געבליבן

אין דער אייגענער פֿינסטערניש. וואָס איז מיר? — האָט ער זיך אַליין גע־פֿרעגט. — וואָס אייגנטלעך טוט מיר וויי? וואָס וואָלט פֿרויד געזאָגט צו אַזאַ איינעם? ער האָט געפּרוּווט זיך אַליין פּסיכאָ־אַנאַליזירן, נאָר ער האָט נישט געקאָנט צונויפֿנעמען דעם געדאַנק. ניין, ס'איז נישט דער עדיפּוס־קאָמפּלעקס. ס'זיינען דורות רבנים, לומדים, צדיקים, חסידים. ווי קאָן מען זיין אַ ייד אָן אמונה? אַז משה איז נישט געשטאַנען אויפֿן באַרג סיני, צעפֿאַלט זיך אַלץ אין חורבות...

ווי עוזר־העשל איז געזעסן און זיך געגריבלט, האָט ער דערהערט אַ היימיש קולכל:

— נון, געצווייפֿעלט איזט גענוג!

ער האָט זיך אויפֿגעריסן און דערזען הערץ יאַנאָווער, אין אַ צעקנייטשטן סמאָקינג, אָפּגעריבענע לאַצן, אַ קינסטלער־שלייף. אין די פּאָר וואָכן, וואָס עוזר־העשל האָט אים נישט באַגעגנט, זיינען די באַקנבערדלעך פֿול געוואָרן מיט גרויע פֿעדים. נעבן אים איז געשטאַנען אַ הויכע פֿרוילין, אַ טונקעלע, אַ שמאָלע, אַ גלייכע, מיט אַ לענגלעך פּנים, גרויסע שוואַרצע אויגן. זי איז גע־ווען אָן אַ מאַסקע. עוזר העשלען איז אויפֿגעפֿאַלן, אַז די האָר אירע זיינען נישט אָפּגעשוירן. דאָס שוואַרץ־זיידן קלייד האָט נישט געהאַט קיין באַפּוצונג. כאָטש אַ ברונעטע, האָט זי אין זיך געהאַט אַ נישט־יידישע שטרענגקייט, ווי ביי די פּראָנצויזינס און איטאַליענערינס, וואָס ער, עוזר־העשל, האָט געטראָפֿן אין דער שווייץ. ער האָט אַליין נישט געוואוסט פֿאַרוואָס, נאָר זי האָט אים דערמאָנט אין אַ נאָנע...

— עוזר־העשל, כ'וויל דיר פֿאָרשטעלן אַ שיינע דאַמע! — האָט הערץ גע־זאָגט אויף פּויליש, אין אַ פֿייערלעכן טאָן. — פּאַננאַ באַרבאַראַ פֿישעלזאָן. עוזר־העשל באַנעט!

עוזר־העשל האָט זיך אויפֿגעריסן.

— זייער אַנגענעם!

— זאָל דער פּאַן זיצן.

— מיין וואוילגעבוירענער פֿריינט איז אַ פֿילאָזאָף — האָט הערץ יאַנאָ־ווער געגערדט איראָניש־קאָקעטיש, אין אַ געבלימלטן פּויליש. — די פּאַננאַ באַרבאַראַ איז אויך אַ דענקערין. ערשט זיך אומגעקערט פֿון פֿראַנקרייך. שטו־דירט ביים הויך־באַרימטן בערגסאָן —

— דער פּאַן הויבט שוין אָן מיט די גוזמאות? — האָט די פּאַננאַ באַרבאַראַ אים איבערגעריסן. — כ'בין אַן איינפֿאַכע סטודענטין.

— באַשיידענהייט איז די קרוין פֿון אַלע טוגענדן — האָט הערץ יאַנאָ־ווער דעקלאַמירט. — כ'האָב געהאַט די ערע צו קאָנען די פּאַננאַ באַרבאַראַ, ווען זי איז נאָך געווען אַ פּיצעלע מיידעלע. איצט איז זי העכער פֿון מיר מיט אַ קאָפּ, פֿיזיש און גייסטיק —

— זאָל דער פּאַן אים נישט נעמען ערנסט. ער'ט גענומען אַ קאָפּעלע.

— די פּאַני וועט זיך אָפּשר צוזעצן אַ ווייל? — האָט עוזר־העשל גע־פֿרעגט. — זעץ דיך אויך צו, הערץ.

— איך מוז זיך אומקערן צו מיין בעסערער העלפֿט. וואו איז דיין מאַדאַם?
— הדסה? מיר האָבן זיך פֿאַרלוירן.
— וואו? אַ פּרווידיאַנישער פֿאַרלוסט. דער אונטערבאַוואוסטזיניקער וואונטש צו בלייבן אַ קאַוואַליער, כאָטש אויף איין נאַכט. איך אויף דיין אָרט וואָלט נישט געזעסן אַזוי רואיק. הדסה איז נאָך אַלץ אַ בילד־שיין פּרויענצי־מער —
עוזר־העשל איז געוואָרן רויט.
— דו האָקסט אַ טשייניק.
— אפֿשר יאָ. אפֿשר ניין. לאָמיר האָפֿן, זי'ט זיך נישט לאַנגווייליקן אין דער וואַקכאַנאַליע. אָרעוואואַר! כ'לאָז דיך איבער אין אַ נאָבעלער געזעל־שאַפֿט —
הערץ יאַנאָווער האָט זיך פֿאַרנויגט, צונויפֿגעקלאַפּט די קנאָפּעלעך, צוגע־וואָרפֿן דעם מיידל אַ לופֿט־קוש. דערנאָך האָט ער זיך אַוועקגעקייקלט אויף די קורצע פּיסלעך. די פֿאַננאַ באַרבאַראַ האָט אים נאָכגעקוקט.
— ער קאָן נישט טרינקען, דער אָרעמער.
— אפֿשר וויל די פּאַני עפּעס? ביר, אָדער ווייַן?
— ניין אַ דאַנק.
— די פּאַני האָט ווירקלעך געהערט לעקציעס ביי בערגסאָנען?
— אַ פּאָר.
— ווי לאַנג האָט די פּאַני פֿאַרבראַכט אין פֿראַנקרייך?
— פֿינף יאָר.
— אויפֿן פֿילאָזאָפֿישן פֿאַקולטעט?
— כ'האָב זיך ספּעציאַליזירט אין פֿראַנצויזישער ליטעראַטור. כ'הער, דער פּאַן איז אַ פּראָפֿעסאָר אין אַ ראַבינער־סעמינאַר.
— אַ לערער. יאָ.
— וואָס לערנט דאָרט דער פּאַן? רעליגיע?
— מאַטעמאַטיק.
— כ'האָב זיך קיינמאָל נישט אָנגעשטויסן אויף קיין יידישע סעמינאַריסטן. זיינען זיי אָנגעטאָן ווי ראַבינס, מיט פּאות?
— ניין. אייראָפּעאיש.
— פֿאַרוואָס? זיינען זיי נישט פֿרום?
— די עכט־פֿרומע שטודירן נישט אין קיין סעמינאַר.
— וואו־דען?
— אין סינאַגאָג.
— אָך, ריכטיק. מיין פּאַפּאַ איז אויך געגאַנגען אין אַ ישיבה.
— דער פֿאָטער איז אַ רב?
די פּאַננאַ באַרבאַראַ האָט געטאָן אַ שמייכל. אין דער לינקער באַק איז אויפֿגעקומען אַ גריבל. זי האָט אויפֿגעדעקט אַ מויל לענגלעכע ציין.
— אַ פּאַסטאָר.
— אַ פּאַסטאָר? וואו?

— דא, אין ווארשע.
— אין וואסער קירך?
— ס׳איז א מיסיע. פון דער עוואנגעלישער קירך. זיי האבן א קאפעל אויף דער קרולעווסקא.
— אהא.
— מיין פאטער האט געקאנט זיין א ראבין. ער האט א העטער הארא.
— די פאני איז ווארשיינלעך א געבוירענע קריסטין.
— מ׳האט מיך געטויפט צו פיר יאר.
א לאנגע ווייל האבן ביידע געשוויגן. עוזר־העשל האט זיך איצט דער־מאנט, אז הערץ האט אים אמאל דערציילט פון א משומד פישעלזאן, א געווע־זענעם רבין פון דער חברה ש״ס, א מחבר פון א ספר. די פאננא בארבארא האט אראפגעלאזט דעם קאפ, זיך איינגעקוקט אין די מאניקירטע נעגל.
— דער פאן יאנאווער פלעגט צו אונדז ארײנקומען. פאפא האט געהאט די אמביציע, כ׳זאל קאנען העברעאיש. ער׳ט מיר געגעבן א לעקציע.
— כ׳האף, די פאני האט זיך עפעס אויסגעלערנט.
— אביסל. דקדוק. אנשטאט צו לערנען, האבן מיר געפלאפלט. כ׳האב גע־הערט וועגן פאן פון קינדווייז אן. ווי דער פאן איז אנטלאפן פון דער פרא־ווינץ, געקומען קיין ווארשע. ס׳גאנצע קלאפערגעצייג.
— א!
— ער׳ט זאגאר דערמאנט דעם פאנס ווערק: די לאבאראטאריע פון גליק —
— ס׳איז נישט קיין ווערק. ס׳האט געזאלט זיין מיין דיסערטאציע. א נישט־פארענדיקטער עטיוד —
— אויף וויפל כ׳געדענק, האט דער פאן פארגעשלאגן א לאבאראטאריע, וואו מ׳זאל עקספערימענטירן מיט ריינעם גליק. די טעמע האט מיך דאמאלט אינטערעסירט —
— כ׳האב שוין באלד אליין פארגעסן —
— די פראגע איז נאר: וואו זאל מען אויפשטעלן אזא לאבאראטאריע? סיידן אין א וואקום.
— פארוואס אין א וואקום?
— ווייל א קאנקרעט ארט איז ענג פארבונדן מיט די סאציאלע אומשטענדן און דעם אידעאלאגישן איבערגעבוי.
— א מארקסיסטין, הא? כ׳האב קיינמאל נישט גערעדט פון דעם ריינעם גליק.
— פילאזאפן האבן ליב ריינקייט. די ריינע פארנונפט. די ריינע מאראל. די ריינע אינטואיציע.
— ס׳איז א לאגישע מאטאד.
— לויט איינשטיינען, קאן מען אפילו אין רוים נישט געפינען קיין אבסאלוטן פונקט.
— די פאני פארנעמט זיך מיט פיזיק?

— כ׳גיב עס פֿאַר אַ בײַשפּיל.

— די מאַטעמאַטיקער באַנוצן זיך נאָך אַלץ מיט פּונקטן, ליניעס און פֿלאַכן. כאָטש זיי האָבן נישט קיין האַפּט —

— אין דער מאַטעמאַטיק קומט אויך פֿאַר אַ רעוואָלוציע — — — דער פּאַן טאַנצט?

— ליידער נײַן.

— אַפֿילו נישט קיין וואַלץ?

— גאָרנישט.

— דער פּאַן האָט אָפֿשר אַ פּאַפּיראָס?

— כ׳רויכער נישט.

— וואָס טוט דער פּאַן יאָ?

— כ׳זאָרג.

— אַ פֿײַנע באַשעפֿטיקונג! אין דער צײַט, וואָס דער פּאַן זאָרגט, ווערט די וועלט באַהערשט פֿון די מוסאָליניס, די היטלערס, די פּילסודסקיס, די מאַק־דאָנאַלדס —

— זאָל די וועלט גיין צום טײַוול!

די פּאַננאַ באַרבאַראַ האָט געטאָן אַ קורצן לאַך.

— אַ דעקאַדענט, האַ? דער פּאַן האָט אַלע סימנים. דער פּאַן ט׳מיך אָפֿשר באַגלייטן? כ׳וויל געבן אַ קוק ווי מ׳טאַנצט —

— יאָ, ביטע.

די פּאַננאַ באַראַבאַראַ איז אויפֿגעשטאַנען. עוזר־העשל האָט זיך אויפֿגע־הויבן. די פֿרוי פֿון בופֿעט איז אים נאָכגעלאָפֿן. ער האָט אין איילעניש פֿאַר־געסן צו באַצאָלן פֿאַר דעם ביר.

## 4

דער זאָל איז געווען פֿול. דאָס פּאָרל איז געבליבן אויף דער שוועל. די מוזיק האָט געהאַט אויפֿגעהערט. אַלעמענס בליקן זײַנען געווען געווענדט צו דער בינע. פֿריער האָט דער ייִדישער גבור באַוויזן גבורות. ער האָט געריסן קייטן, געבויגן אײַזערנע שטאַבן, אַנגעשטעלט די נאַקעטע ברוסט און אַ יונג האָט גע־קלאַפּט אָן איר מיט אַ האַמער. מענער האָבן געזיפֿצט. פֿרויען האָבן געקוויטשעט. ס׳איז יעדעס מאָל געוואָרן אַ פּאַטשעניש און מ׳האָט געשריגן בראַוואָ. אַ פֿרוי איז, אַפּנים, געוואָרן פֿאַרחלשט אין דער ענגשאַפֿט. אַ מאַנסביל האָט זיך גע־שטופּט מיט אַ האַלבן קופּל וואַסער איבער אַלעמענס קעפּ. דערנאָך איז דער ריז אַראָפּ און ס׳איז אַרויף דער קונצן־מאַכער, אַ קליין מענטשל אין אַ פֿראַק און אַ ווײַסן קראַוואַט. ער האָט זיך געפּאָרעט מיט אַ טיכל, אַ גלאָז, מטבעות, אַ ליכט. ס׳איז שווער געווען אין דעם גפּל אונטערצושיידן וואָס ער טוט. ער האָט גערעדט מיט אַ דין קול, נאָר מ׳האָט פֿונדערווײַטנס נישט געהערט וואָס ער זאָגט. שפּעטער איז דער אַמעריקאַנער טריק־מאַכער אַראָפּגעקראָכן און מ׳האָט אויבן גענומען אויסשטעלן שטולן. ס׳האָבן זיך אויסגעזעצט די

ריכטער, וואָס האָבן געזאָלט אויסקלויבן די שיינהייט־קעניגין; אַ ברייטער ייד מיט אַ זילבער־ווייסער פֿראַנץ־יאָזעף באָרד; אַ פֿרוי אין אַ הוט מיט שטרויספֿעדערן; אַ דיק מענטשל מיט אַ רויט פּנים און אַ נאַקעטן שאַרבן. אַ רעפֿלעקטאָר האָט געוואָרפֿן בונטן ליכט. מ׳האָט עפּעס גערופֿן דורך אַ טרובע, סיי אויף יידיש, סיי אויף פּויליש. עוזר־העשל האָט געזוכט צווישן דער זשורי אַבראַמען, נאָר ער איז דאָרט נישט געווען. ער האָט זיך אומגעקוקט אויף אַלע זייטן צי ס׳עט זיך דאָ נישט באַווייזן הדסה, מאַשע, גינע, נאָר ער האָט נישט באַמערקט אין דער געדיכטעניש קיין איין באַקאַנט פּנים. די פּאַננאַ באַרבאַראַ האָט פֿאַרביסן די ליפּן.

— די גאַנצע נאַלעווקיס!...

— די נאַלעווקיס האָט אויך אַ רעכט צו לעבן!

— כ׳זאָג נישט ניין...

זי האָט געעפֿנט דעם טאַש, אַרויסגעגראַבלט אַ שפּיגעלע, אַ פּודער־פּוש־קעלע, אַ נאַטיץ־ביכל. זי האָט געגנישטערט, זיך געקרימט.

— דער פּאַן איז אין אַ שלעכטער לוינע. מאָדנע, נאָר איך בין אויך אַלעמאָל אין אַ שלעכטער שטימונג אויף אַ באַל, ספּעציעל אויף יידישע בעלער.

— פֿאַרוואָס גייט נישט די פּאַני אויף פּוילישע?

אַ שאָטן איז דורכגעלאָפֿן איבער דער פּאַננאַ באַרבאַראַס פּנים.

— כ׳בין געבליבן הענגען נישט־אַהין און נישט־אַהער. פּאַפּאַ האָט אַלע־מאָל געהאַט צו טאָן מיט יידישע יונגעלייט. כ׳האָב אַמאָל שטודירט אין אַן עוואַנגעלישן אינסטיטוט, נאָר ווען כ׳בין אַוועק קיין פֿראַנקרייך, האָב איך פֿאַרלוירן אַלע קאָנטאַקטן. איר אַליין זעט אויך דאָ אויס ווי אַ פֿרעמדער.

— כ׳בין געווען אַ פֿרעמדער אומעטום.

— פֿאַרוואָס עפּעס?

— כ׳ווייס אַליין נישט. ס׳האָט מיר אַלעמאָל געפֿעלט דער סאָרט גלויבן, וואָס פֿאַראייניקט מענטשן.

— ווען זענט איר צוריקגעקומען פֿון רוסלאַנד?

— אין 1919.

— האָט די רעוואָלוציע נישט געהאַט אויף אייך קיין שום ווירקונג?

— כ׳בין קיינמאָל נישט געווען קיין מאַרקסיסט.

— וואָס דען? אַן אַנאַרכיסט?

— איר וועט לאַכן, נאָר כ׳גלויב נאָך אַלץ, אַז דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם איז דער בעסטער. כ׳מיין נישט, אַז ר׳איז גוט. ער איז גרויזאַם. אָבער דאָס איז די מענטשלעכע נאַטור און דאָס עקאָנאָמישע געזעץ.

— אומזין! אַמווייניקסטן זענט איר אויפֿריכטיק. אַנדערע באַהאַלטן זיך הינטער פֿאַלשע טעאָריעס. און וואָס איז מיט ציוניזם? איר זענט נישט קיין ציוניסט?

— ס׳איז מיר שווער צו גלויבן, אַז מ׳עט געבן די יידן אַ לאַנד. אויף דער־וועלט גיט מען קיינעם גאָרנישט.

— דאָס איז אמת. דעו׳יבער דאַרף מען קעמפֿן.

— קעמפֿן פֿאַר וואָס? וואָס איז אַרויסגעקומען פֿון אַלע מלחמות? וואָס האָט געבראַנגט מיט זיך די רעוואָלוציע? הונגער און אַ מבול מיט נאַרישע רעדעס.

— אויב דאָס איז אַלץ, וואָס איר האָט געזען אין סאָוויעט־רוסלאַנד, איז אויף אייך אַ גרויס רחמנות. ווען איך וואָלט געהאַט אַזאַ קוק, וואָלט איך מיך שוין לאַנג אויפֿגעהאָנגען.

— איר האָט אַ טעות. סקעפּטיקער ווילן אויך לעבן. אפֿשר נאָך מער ווי די גלויביקע.

— צו וואָס? כ'הער, אַז איר האָט אַ קינד. ווי קאָן מען ברענגען קינדער אויף דער וועלט מיט אַזאַ קוק אויפֿן לעבן?

— כ'האָב דאָס קיינמאָל נישט געוואָלט.

— מ'האָט אייך, הייסט עס, פֿאַרגוואַלדיקט! איר מעגט זיך שעמען. איר באַהאַלט זיך הינטער אַ נעץ פֿון פּחדנות. מעג איך אייך פֿרעגן אַ פּערזענלעכע פֿראַגע?

— פֿרעגט וואָס איר ווילט.

— כ'האָב וועגן אייך אַזוי פֿיל געהערט, אַז מיר דוכט זיך, מיר זייַנען אַלטע באַקאַנטע. איז אייער פֿרוי אויך אַזוי? כ'מיין אַנטי־סאָציאַל.

— יאָ, אָבער אויף אַן אַנדער שטייגער. זי איז פֿון דער נאַטור אַ גלויביקע. איינע פֿון יענע, וואָס ליבע איז פֿאַר זיי גאָט.

— נו, האָט זי דאָך איר גאָט.

— אַ שלעכטער גאָט, וואָס האַלט אין איין דעזערטירן.

— אָרעמע! איך וואָלט זי געוואָלט קאָנען. הערץ יאַנאָווער לויבט זי אין הימל אַריין. איר האָט, דוכט זיך, געזאָגט, אַז זי איז אויפֿן באַל.

— יאָ. מיר האָבן זיך פֿאַרלוירן אין דער ענגשאַפֿט.

— אַ!... זאָל מיר דער פּאַן אַנטשולדיקן. כ'וויל נישט זיין צודרינגלעך. פֿאַרוואָס האָט דער פּאַן נישט פֿאַרענדיקט דאָס ווערק? איר האָט מער נישט קיין אַמביציע?

— אַ, ס'אַ לאַנגע געשיכטע. כ'בין צוריקגעקומען פֿון רוסלאַנד און ס'איז באַלד אויף מיר געפֿאַלן אַן עול. כ'דאַרף אויסהאַלטן מיין מוטער. כ'האָב אַן אָרעמע שוועסטער. כ'האָב אַ זון פֿון מיין ערשט וויב. כ'האָב אַ טעכטערל מיט מיין איצטיקער פֿרוי. איר קאָנט זיך נישט פֿאָרשטעלן ווי כ'מוז מיך ראַנגלען צונויפֿצוקראַצן דאָס נויטיקסטע.

— כ'קאָן מיר לייכט פֿאָרשטעלן. כ'האָב אין פֿראַנקרייך דורכגעמאַכט קאָלטס און הייס. וואָס איז מיט אייער בוך? איר האָט דערפֿון אינגאַנצן רע־זיגנירט?

— ערשטנס, איז עס געשריבן אויף דייטש, צווייטנס, איז עס אַ שלעכטער דייטש. דריטנס, איז עס נישט פֿאַרענדיקט.

— כ'וואָלט עס געוואָלט לייענען.

— צו וואָס? אַרויסגעוואָרפֿענע צייט.

— דאָס וועל איך באַשליסן.

— ס'איז פֿיל מיט מעקן־און־קלעקן. כ'האָב אַ שלעכטע האַנטשריפֿט.

— כ'האָב אין דער היים אַ שרייב־מאַשין. כ'קאָן דאָס איבערשרייבן.

— פֿאַרוואָס זאָל די פּאַני דאָס טאָן?

— גלאַט אַזוי. די רעוואָלוציע וועט דערפֿון נישט ליידן. ווען איז דער פּאַן פֿריי?

— אין אָוונט.

— זאָל דער פּאַן אַריינקומען. כ'האָב אַ באַזונדער צימער. זאָל דער פּאַן אָנקלינגען. פּאַסטאָר פֿישלזאָן. סיידן דער פּאַן האָט מורא, פּאַפּאַ זאָל אים נישט אָפּטויפֿן.

— אַזוי שלעכט האַלט עס נאָך נישט מיט מיר.

— כ'שפּאַס. פּאַפּאַ האָט פֿיינט יענעם אָנצוּוואָרפֿן זיין איבערצייגונג. ער איז אַליין אויך אַ שטיק סקעפּטיקער. לעצטנס איז ער נישט געזונט. אויף וואָס איז געבויט אייער סיסטעם?

— אויף שפּינאָזאַ און מאַלטוס.

— אַ מאָדנע קאָמבינאַציע. וואָס פּרעדיקט איר?

— סעקס־קאָנטראָל. אין ברייטסטן זין פֿון וואָרט.

— אין וואָס זאָל דאָס באַשטיין?

— מער סעקס און ווייניקער קינדער. דאָס שלאָף־צימער — דער שליסל צו אַלע סאָציאַלע און אינדיווידועלע פּראָבלעמען.

— איר לאַכט אויס אייער אייגענער טעאָריע. פּאַפּאַ איז אויך אַזוי. ער רעדט ערנסט. ער שרייט אַפֿילו. אָבער מיר דוכט זיך אַלעמאָל, אַז ער שפּאַסט. פֿאַרוואָס זוכט איר נישט אויס אייער פֿרוי?

— ווי קאָן איך זי דאָ געפֿונען? אַ נאָדל אין אַ וואָגן היי.

— איר האָט אויף אַלץ אַן ענטפֿער. הערץ יאַנאָווער האָט אויך אַמאָל געהאַט אַ פֿילאָזאָפֿיע. די פֿינסטערניש, אָדער וואָס. ס'האָט דעמאָלט געמאַכט אויף מיר אַן איינדרוק. ווען וועט איר קומען?

— אינגיכן.

— איכ'ל שוין גיין אַהיים. כ'בין בלויז געקומען טון אַ קוק. דער קאָפּ טוט מיר ווי. איר'ט מיך אפֿשר צופֿירן אין דער גאַרדעראָב?

— מיט פֿאַרגעניגן.

אין דער גאַרדעראָב האָט די פּאַננאַ באַרבאַראַ אַרויסגענומען אַ קאַראַ־קולענעם זשאַקעט, אַ פּאָר באָטן אויסגעבעט מיט פֿוטער, אַ שירם מיט אַ בורשטינערן הענטל און אַ זיידענעם טראָלד. אויפֿן וועג האָט זי איינגעהאַנדלט אַ פּעקל עגיפּטישע פּאַפּיראָסן, אַן מונדשטוקן, מיט אַ באַגילדטן זוים. זי האָט פֿאַררויכערט, מיט געניטשאַפֿט געבלאָזן קייקעלעך רויך דורך די נאָז־לעכער. זי האָט אַ קוק געטאָן אין ראַנד שפּיגל, דערלאַנגט דעם גאַרדעראָב־מיידל צוואַנציק גראָשן.

— מ'קאָן קריגן אַ קאָנטראָמאַרקע?

— יאָ, ביי דער טיר.

— דער פּאַן ט'מיר פֿילייכט העלפֿן קריגן אַ דראָשקע?

אין דרויסן איז געפֿאַלן אַ פֿייכטער שניי, זיך געדרייט אין אַ געווירבל. פֿאַרן איינגאַנג איז געשטאַנען אַ דראָשקע מיט אַן אַנגענויגט דעכל. דאָס פֿערד האָט געשאָקלט מיטן נאַסן קאָפּ, אָנגעשפּיצט די אויערן. פֿון פּיסק איז גערונען אַ שוים. דער פֿורמאַן איז געזעסן איינגעשרומפּן אויפֿן באָק, מיט אַ באַשליק איבערן היטל. ס׳איז שווער געווען צו וויסן, צי ער איז וואַך, אָדער ער דרימלט. דאָס פֿלעמל אין לאַמטער האָט געצאַנקט, געוואָרפֿן בלענדיקע שאָטנס. די הייזער האָבן זיך געשאָקלט ווי דעקאָראַציעס אין אַ טעאַטער.

— אַ פֿאַסקודנע וועטער. ווען ט׳דער פֿאַן אָנקלינגגען?

— איינגיכן.

— זאָל דער פֿאַן נישט אָפּליגן — האָט די פּאַננאַ באַרבאַראַ אָפּגערופֿן פֿון הינטערן אָפּדעכל. — אַ גוטע נאַכט.

ער האָט זיך אומגעקערט אין גרויסן זאַל. דער עולם האָט אויף עפּעס אָפּלאָדירט. אויף דער בינע האָט עמעץ געשריגן מיט אַ הייזעריק קול. אַ ברייט מענטשל, שוואַרץ ווי אַ ציגיינער, מיט אַ שויבער פּעכיקע האָר, אויפֿגעשטעלטע ווי דראָטן, האָט זיך געבייזערט, געזידלט. עוזר־העשל האָט געהערט ווי ער טענהט:

— אַלץ איז ביי זיי פּאָליטיק. זיי שפּיען אויפֿן אמת, די מנוולים.

— וואָס איז געשען?

— מ׳האָט געדאַרפֿט ווילן אַ שיינהייט־קעניגין, האָבן זיי אויסגעקליבן אַ מאַלפּע. אַלץ איז ביי זיי פּראָטעקציע!

— וואָס שאַדט עס אייך?

— דין פּרוטה כּדין מאה!...

אין דער רגע האָט עוזר־העשל דערבליקט הדסהן. זי איז געשטאַנען און געגאַפֿט אויף דער בינע. זי האָט געמאַכט מיט דער האַנט אַן אָפּדעכל איבער די אויגן. ס׳איז אים אויפֿגעפֿאַלן, אַז זי איז נאָך אַלץ אַ שיינהייט. ער האָט זיך מיט אַמאָל דערמאָנט אַבראַמס צוזאָג, אַז זי וועט זיין די קעניגין פֿון דעם באַל. ס׳האָט אים אָנגענומען אַ רחמנות אויף דער דאָזיקער פֿרוי, די מאַמע פֿון זיין קינד. ער האָט געקוקט אויף איר אַ נייגעריקער. ט׳איז הדסה, די הדסה, וואָס האָט אים אַמאָל געגעבן אַ לעקציע אויף דער פּאַנסקע גאַס; די הדסה, וואָס האָט אַוועקגעוואָרפֿן אַ פֿאַרמעגן צו קאָנען ווערן זיין ווייב. וויפֿל אַנטוישונגען ער האָט איר פֿאַרשאַפֿט! וויפֿל בייזע ווערטער זי האָט געהערט פֿון אים! אַלץ איז באַנקראָט: זיין לעבן, זיין קאַריערע, זיין ליבע... ער איז צוגעגאַנגען און איר אַרויפֿגעלייגט אַ האַנט אויפֿן אַקסל. זי האָט געטאָן אַ צאַפּל. זי האָט אים אָנגעקוקט אַ דערשראָקענע. מיט אַמאָל האָט איר פּנים אויפֿגעלויכטן.

— דאָס ביסטו דו? וואו ביסטו געווען? כ׳זוך דיך אַרום, דעם גאַנצן אָוונט. כ׳האָב געמיינט, אַז...

און די אויגן זיינען איר געוואָרן פֿייכט.

— וואָס האָסטו געמיינט?

— גאָרנישט. אַזאַ טומל. אַזוינע ביליקע מענטשן. ביסט גערעכט. מיר׳ן נישט געדאַרפֿט קומען אַהער. האָסט אפֿשר געזען מאַשען?

— ניק, טייערע. קום, לאָמיר זיך ערגעץ אָוועקזעצן. דו זעסט אויס פֿרעכטיק.

הדסה איז געוואָרן בלאַס. זי האָט נישט באַנומען זיין פּלוצלינגדיקע צו־געלאַזנקייט. זי האָט זיך געריכט, אַז ער וועט זיך אויף איר בייזערן. זי האָט אים אָנגענומען ביים אָרעם.

— קום, לאָמיר גיין אַהיים...

## קאַפּיטל ניין און פֿערציק

### 1

אין מיטן דער נאַכט האָט אַבראַם זיך אויפֿגעכאַפּט. ס'האָט אים אויפֿגע־וועקט אַ ווייטאָג אין לינקן אָרעם, אַ פּרעסעניש אין האַרץ. אין שטוב איז געווען פֿינסטער. נעבן אים איז געלעגן אַ פֿרוי. ווער איז דאָס? — האָט אַבראַם גע־טראַכט. — זאָל דאָס זיין אידאַ? זי איז דאָך אין שפּיטאָל. חמא איז טויט. ווער־זשע איז די נקבה? ער האָט זיך געפּרואווט דערמאָנען, וואָס ס'איז פֿאַר־לאָפֿן, נאָר ר'האָט גאָרנישט געדענקט. דער קאָפּ האָט געשוועורט אויפֿן קישן. די געהירן אין שיידל זיינען געווען זאַמדיק. אין מויל איז געבליבן אַ בייגעשמאַק פֿון אַלקאָהאָל. אַבראַם האָט זיך דערמאָנט אָן די דיגיטאַליס־פּילן, געפּרואווט זיי אַרויסקריגן, נאָר ער האָט נישט געקאָנט אונטערהויבן דעם רוקן. ער האָט נישט געזען אין חשכות, וואו ס'איז דאָס פֿענסטער, וואו די טיר. רבונו־של־עולם, כ'בין פֿאַרביי!... ער האָט געוואָלט טאָן אַ שטאָרך דער ביישלעפֿערין, זי זאָל אויפֿקומען, נאָר ס'האָט זיך אים נישט געלייגט די האַנט. אַ וויל האָט אַבראַם ווידער איינגעדרימלט. ס'האָט זיך אים אויסגעדוכט, ער איז אין אַ שעכט־הויז, אין דעם גרויס־פּוילישן שטעטל, נעבן פֿאָטערס פּאָסעסיע. בונם שוחט פֿירט דעם חלף איבער דעם באָבע־נאָגל. דער בליץ־לאָמפּ איז צו־שטאַרק אַרויסגערוקט. אַ פֿלאַקער כאַפּט זיך איבערן ברענער, דעם קאַפּסל, דעם גלעזל. קיילערס ציען פֿון בעליק שטריק מיט האָקנס. אַ גוי באַשפּריצט דאָס שעכט־שטיבל מיט אַ קישקע. אַ קצב בינדט אָן אָקס, דאָס שוחטל גאָלט דעם האַלדז. וואָס טוט זיך דאָ? ער, אַבראַם, איז דער אָקס. ווי איז דאָס מעגלעך? ער מוז זיין אַ גלגול. ער שרייט, נאָר מ'האַלט־צו דעם פּיסק. ער וויל געבן אַ צייכן, נאָר ער קען נישט רירן מיט קיין גליד. די שינדערס לויערן, אין פֿאַרבלוטיקטע שטיוול, מיט שפּיזן אויף די לענדן. גזלנים! רוצחים! כ'בין אַ מענטש!... דער קוילער טוט אַ פֿאַר־גלאָץ די אויגן, פֿאָרט אַריין מיטן שאַרף אין גאָרגל. דאָס דם טוט אַ זעץ. די יונגען וואַרפֿן זיך מיט מעסערס, העק. מ'שינדט די פֿעל, מ'האַקט פֿיס, מ'שניידט דעם בויך, מ'רייסט די וואַמפּן, מ'שלעפּט אַרויס די ריאה. גיכער! בלאָז! שפּיי! אַ סירכא! וואו איז דער טרייבעטשער? ס'איז ערב־שבת!... אַבראַם האָט געטאָן אַ ציטער, זיך אויפֿגעריסן, אַ באַגאָסענער מיט אַנגסטן. דאָס בעט אונטער אים האָט זיך געוואָרפֿן. ער האָט פֿאַרנומען אַ כאָרכלעניש, ווי פֿון אַ געקוילעטן. אין

מויל איז געבליבן אַ זיסקייט ווי פֿון בלוט. ער איז געלעגן אַ פֿאַרשוויגענער, פֿול מיט פּחד פֿאַר דעם זעעניש. טאַטע־פֿאָטער, ס׳איז דער סוף!...

דאָס בעט האָט געטאָן אַ צאַפּל, זיך אָפּגעשטעלט מיט אַ קלאַפּ. אַ ערד־ציטערניש?... די מויד איז אויפֿגעקומען.

— אַבראַם, וואָס איז אייך?

— ווער ביסטו? — האָט אַבראַם אַרויסגעבראַכט נאָך אַ קווענקלעניש.

— איך? מאַניע.

— וואו בין איך?

— איר זענט קראַנק, אָדער וואָס? מיר׳ן זיך געטראָפֿן אויפֿן באַל.

— אַהאַ.

— ס׳טוט אייך עפּעס וויי?

אַבראַם האָט אַליין נישט געוואוסט, וואָס ער זאָל ענטפֿערן: יאָ, אָדער ניין. דאָס לשון איז אים געוואָרן שטומפּיק. מיט אַמאָל האָט זיך אָנגעצונדן די עלעקטרע. מאַניע איז געשטאַנען אַ באַרוועסע, אין אַ לאַנג נאַכט־העמד, די האָר אַרומגעבונדן מיט אַ טיכל. דאָס פּנים איז איבערנאַכט געוואָרן אָפּבלאַקירט, צוגעפּלאַטשט, צעקנייטשט. אונטערן קין האָט זיך געבאָמבלט אַ גוידערל. די קאַלמיקיש־קרומע אייגעלעך האָבן געגאַפֿט מיט טעמפּער שרעק.

— וואָס איז אייך? ס׳האַרץ?

— אַביסל... צוגעדריקט...

— וואָס טוט מען? די אַלטע קומען באַלד אינדערפֿרי...

ערשט איצט האָט אַבראַם זיך געכאַפּט, אַז ער איז אין אַ קיך. דער באָדן איז געווען אַ געפֿלאַסטערטער. אויף די ווענט האָבן געהאַנגען בעקנס, פֿאַנען. אויף דעם קאַכל־אויוון זיינען געווען אָנגעשטעלט טעפּ, אַ טיי־קעסל, אַ גאַז־מאַשינקע. פֿון לאַמפּ האָט אַראָפּגעהאַנגען אַ פֿאַריאַריק שניצל פֿליגן־פּאַפּיר. אין דעם גאַנצן באַדרענגעניש איז אַבראַמען אָנגעקומען אַ געלעכטער. זיך אויסגעקליבן אַן אָרט צום שטאַרבן!... ער האָט געמורמלט:

— כ׳האָב פּילן. אין הויזן־קעשענע.

מאַניע האָט זיך געכאַפּט צו די הויזן, וואָס זיינען געהאַנגען אויף אַ שטול, נאָר ס׳זיינען דאָרט נישט געווען קיין פּילן. זי האָט זיך געפּלאָנטערט אין די שלייקעס. פֿון וועסטל־קעשענע איז אַרויסגעפֿאַלן אַ זילבערנער ציבעלע־זייגער. ער איז געבליבן אַבראַמען בירושה פֿון טאַטן עליו־השלום. מאַניע האָט אים אויפֿגעהויבן, צוגעלייגט צום אויער.

— ער שטייט?

— יאָ.

— נו, נו...

ס׳איז געווען פֿאַר אַבראַמען נאָך אַ סימן, אַז ער שטאַרבט. אין פֿינף־און־דרייסיק יאָר האָט דער זייגער קיין איין מאָל זיך נישט אָפּגעשטעלט. אַבראַם האָט אַ פֿאַרשמאַכטער צוגעשלאָסן די וויעס. וואָרשע ט׳האָבן וואָס צו רעדן! — איז אים דורכגעלאָפֿן דורכן רעיון. ער האָט זיך דערמאָנט אַן אידאָן, סטעפֿען,ביילע־איטען. מאַניע האָט זיך אַרומגעדרייט אַהין־און־צוריק, אויף איין אָרט,

מיט פֿאַרבראָכענע פֿינגער. זי איז שוין איינמאָל אין פּעקל! געבראַכט צו שלעפּן אַן אַלטן ייִד, אַ חולה־מסוכּן. וואָס טוט מען איצט? אין הויף ט׳זיך טאָן חושך!... אַ ווייל איז מאַניעס בליק געפֿאַלן אויף אַ האַק. כ׳על מיך אויפֿהענגען און זאָל נעמען אַן עק! — האָט זי געקלערט. זי האָט געגעבן אַ רוף מיט וואָרעניש:

— אַבראַם, איר מוזט גיין אַהיים!

— יאָ, כ׳על מיך אָנטאָן...

מאַניע האָט זיך אַ נעם געטאָן מיט פּלייס. זי האָט אַראָפּגעשליידערט די קאָלדרע און אַבראַם איז געבליבן ליגן מיט נאַקעטע פֿיס, אַ צעכראַסטעטער ברוסט. ס׳איז אים געוואָרן קאַלט. ער האָט געציטערט, זיך געקנווילט. זי האָט גיך־גיך אַרויפֿגעצויגן אויף אים די הויזן, די שקאַרפּעטן, די שיך. זי האָט אים אונטערגעהויבן און אים אָנגעטאָן דאָס וועסטל, דאָס רעקל, דאָס פֿוטער, די פּאַפּאַכע. ערשט איצט האָט מאַניע געפֿונען אַבראַמס גאַטקעס. זי האָט זיי פֿאַרשטעקט אין דעם קאַסטן פֿון קוילן. אַבראַם האָט געליטן יסורים, נאָר ער האָט פֿאַרביסן די ציין. אַ מצווה אויף מיר! כ׳האָב עס כּשר פֿאַרדינט! מאַניע האָט זיך אויך אָנגעטאָן. זי האָט אַראָפּגעוואָרפֿן דאָס געבלימלטע נאַכט־העמד און איז אַ ווייל געשטאַנען מוטער־נאַקעט, מיט לויזע ברוסטן, ברייטע היפּטן, אַ פּלאַטשיקן בויך, האָריקע שענקלען. ביי אַבראַמען איז איין אויג געווען צוגעמאַכט, נאָר דאָס אָפֿענע האָט געזען, אַז די פֿינגער אין מאַניעס פֿיס קלעטערן איינער אויפֿן אַנדערן. זיך געלוינט אומצוברענגען, פֿאַר אַזאַ יפֿה־פֿיה... ס׳איז אים איינגעפֿאַלן, ער זאָל זאָגן ווידוי, נאָר ער האָט געהאַט פֿאַרלוירן דאָס געדעכעניש. אַבראַם איז אויפֿסניי אַנדרימלט געוואָרן. ווען ער האָט זיך אויפֿגעריסן איז שוין מאַניע געהאַט אַריין אין די מלבושים. דאָס שטעכעניש אין אַבראַמס ברוסט האָט אויפֿגעהערט. מאַניע האָט אים געהאָלפֿן אויפֿשטיין און ער איז מיט שטרויכלענדיקע טריט אַריבער די שוועל צום קאָרידאָר. דאָ איז אַבראַם אַוועקגעפֿאַלן אין אוממאַכט. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט, ווי אַ זאַק. מאַניע האָט אים געמינטערט, נאָר ער האָט נישט געענטפֿערט. מאַמע מיינע, האָב רחמנות! — האָט זי גערופֿן. אין דער טונקלקייט האָט זיך געבלייכט אַ שטאַר פּנים פֿון אַ מת. פֿון שרעק איז מאַניע אַרויסגעלאָפֿן פֿון שטוב, פֿאַרהאַקט דעם קלאַפּשלאָס. זי האָט געהאַט פֿאַרגעסן דעם שליסל, נאָר ס׳איז שוין געווען צו־שפּעט. מאַניע האָט געשטאָלפּערט איבער די פֿינסטערע טרעפּ. גאָט אין הימל! מאַמע מיינע! — האָט זי איבערגעחזרט נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל. זי האָט זיך קוים איינגעהאַלטן נישט אויפֿצואוועקן די שכנים. וואָס איז די נאַכט אַזוי לאַנג? ווי ס׳יידישע גלות! אין הויף האָט מאַניע דערבליקט אַ ווייס געשטאַלט. ס׳איז ער! ער יאָגט מיך נאָך... טויטערהייט!... זי איז געשטאַנען אַ פֿאַרגליווערטע, מיט אַן אָפֿן מויל. אַ מאַנסבילש קול האָט געפֿרעגט:

— ווער איז דאָרט, האַ?

— איך. מאַניע.

— מאַניעלע? פֿון פּאַיאַנס־געשעפֿט? וואָס טוען זי דאָ?

מאַניע האָט באַנומען, אַז ס׳איז אַ בעקער פֿון דער בעקעריי.

— עמעץ איז ביי מיר אוועקגעפאלן... א פעטער... פון דער פראווינץ — האט מאניע געזאגט א ליגן נישט־צוגעגרייטערהייט.

— וואו זיינען די אלטע?

— אוועקגעפארן. זיי קומען מארגן צוריק.

— מ׳דארף ארויסרופן די פאגאטאוויע.

— העלפן זי מיר! ווי גאט איז איהן ליב!

— כ׳האב געלאזט ס׳געבעקס אין אויוון. רופן זי א פאליציאנט!

— ס׳טויער איז פארמאכט.

— קלינגען זי אן.

מאניע איז געגאנגען ווייטער. דער בעקער־יונג איז איר נאכגעלאפן, זי אנגעכאפט ביי די אקסלען.

— זי טשאקען! ס׳איז ניש׳ קא׳ פעטער!

— וואס ווילן זי? לאזן זי מיך אפ!

— א הור, א רוח אין דיין מאמען אריין!...

ער האט זי א נעם געטאן ביי דער ברוסט, ביי דער טאליע, זיך געשפארט, געריבן די מארדע אין איר פנים. זיי האבן זיך געראנגלט שטומערהייט.

— כ׳על שרייען געוואלד!...

— זונה!... אין טאטנס טאטן! צי!

דער יונג האט געטאן א שפיי, זי אפגעשטויסן. זי איז שיער נישט געפאלן איבער די שטיינער. פייערדיקע רעדער האבן זיך איר געדרייט פארן בליק. ס׳האט אויף איר געיאגט ס׳חלשות. זי האט געהערט אין דער פינסטער ווי יענער איז משתין. א לאנג־פארגעסענער איבל האט אויף איר געטאן א הויך. זי איז צוגעפאלן צו א וואנט, גענומען ברעכן.

— אוי, גאט! אוי, גאט!...

ווען מאניע איז געקומען צו זיך, איז שוין דער נאכטישער הימל געווען פול מיט באטאגישע פלעקן. שטערן האבן זיך געלאשן. מאניע האט אפגעווישט די טרערן, זיך געלאזט צום טויער. ס׳איז שוין געווען אפן. זי האט געשפאנט איבער דער ליידיקער גאס מיט שטרויכלענדיקע קני. די פארכטיקע נאכט איז געהאט פאריבער. א געלייטערטקייט האט זי אנגענומען און א פרומקייט. זי האט אויפגעהויבן דעם בליק צו די אנגעגליטע זוימען וואלקנס, צוגעזאגט דעם אומגעזעענעם, אז ווי באלד ער׳ט זי באשירמען פון דער קלעם, וועט זי ווערן א כשרע יידישע טאכטער — — —

אבראם איז נישט געווען טויט. נאך א ווייל האט ער זיך ווידער אויפגעריסן פון דעם שלומער. ער האט זיך אויפגעזעצט, אפגעווארט. אין די אויערן האט געקלונגען. דאס בלוט אין די אדערן האט געשוימט. צום גריבל פון הארץ האט געשלאגן. גאלדיקע פונקטן האבן זיך געוויגט אין אוויר. אבראם האט זיך איצט אלץ דערמאנט. וואו איז ערגעץ די מויד? אנטלאפן? שוין איינמאל א מצב! ער האט איצט געהאט צו גאט איין בקשה: ער זאל נישט שטארבן אין דער פרעמדער דירה... ער האט זיך געשטארקט, זיך אויפגעשטעלט. ער האט געעפנט די טיר, זיך געלאזט קריכן איבער די טרעפ. ער האט זיך אנגעקלאמערט

אָן געלענדער, זיך יעדעס מאָל אָפּגעשטעלט, געכאָרכלט. ער האָט זיך קיינמאָל נישט אויסגעמאָלט, אַז ס׳קאָן אָנקומען אַזוי שווער צו שטעלן אַ טריט. ס׳האָט אים געשווינדערט. ער האָט געפּויקט מיט די ציין. אינדרויסן האָט ער זיך געשאַרט ביי דער מויער. ער האָט אויפֿגעמאַכט אַ וויע, דערזען אָן אָנגערויטלטן הימל, אַ פֿייערדיקן בעזים, פּורפּורנע קרייזעלעך, פֿעדימלעך, קנוילעכלעך, אַ געהאָפּט נישט־פֿון־דער־וועלט. אויפֿן פֿערטן שטאָק האָבן זיך געצונדן די אויבערלופֿטן. פֿייגעלעך האָבן געצוויטשערט, זיך אָנגעשלאָגן אָן די שויבן. וואו בין איך ערגעץ? — האָט אַבראַם זיך געפֿרעגט. — כ׳על מיך נישט דערשלעפּן. אַ וואָרט איז אים געהאָנגען אויף די ליפּן, נאָר ער האָט נישט געוואוסט וואָס. ס׳האָט אים געקיצלט די שפּיץ־צונג. ס׳האָט אויפֿגעטויכט אַ ווייסער פּאַרשוין. ס׳איז געווען דער געזעל, וואָס איז באַפֿאַלן מאַניען.

— פֿאַניע, איכ׳ל ברענגען אַ דראָשקע.

אַבראַם האָט זיך אַראָפּגעזעצט, זיך אָוועקגעלייגט נאַזלדיק. פֿון קוימענס האָבן זיך געקרייזלט רויכעס. פֿענסטער האָבן זיך אויפֿגעפּראַלט. איבערגעוועקטע ווייבער האָבן זיך דורכגעשריגן. אַ קינד האָט געוויינט. עמעץ האָט אַרויסגעבראַכט דעם קראַנקן אַ טרונק וואַסער. שוין? דאָס איז עס? — האָט אַבראַמען אַ בלאַנק געטאָן דורכן געדאַנק. — נישט־געפֿערלעך... ער האָט געטאָן אַ שמייכל אין דער באָרד. פֿון יענער זייט דאַך האָט זיך אָפּגעריסן די אויפֿגייענדיקע זון...

## 2

ס׳האָט געדויערט לאַנג ביז דער בעקער־יונג האָט געבראַכט די דראָשקע פֿאַר אַבראַמען. דער שמייסער האָט נישט געוואָלט אויפֿנעמען דעם קראַנקן סיידן עמעץ וועט מיט אים מיטפֿאָרן. דער יונג איז אַרויף צו מאַניעס באַלעבאַטים אַ קוק טאָן צי די מויד איז דאָרט נישטאָ. די טיר איז געשטאַנען אָפֿן. אין דער וואוינונג איז קיינער נישט געווען. דער בעקער האָט זיך געזוימט אַ צען מינוט. דערנאָך איז ער אַראָפּ, געהאָלפֿן אַבראַמען איינזיצן, אַליין אויך איינגעשטיגן. די פֿאַרבייגייער אין גאַס האָבן נאָכגעקוקט פֿאַרוואונדערטע די צוויי אויסטערלישע פּאַסאַזשירן. אַבראַם האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אָן ווענטל, געהאַלטן פֿאַרשלאָסן די וויעס. דאָס פּנים איז געווען אַזוי ווייס, ווי די צעשויבערטע באָרד. דער געזעל האָט אים צוגעהאַלטן ביי אַן אַרבל. אַבראַם האָט פֿאַרשמאַכטערהייט אַלץ געשפּירט: די רויכעס פֿון די קוימענס, די גערוכן פֿון פֿערד־מיסט, געבעקס, רינשטאָק. אַ שייגעץ האָט שוין באַצייטנס אויסגערופֿן די פּוילישע מאָרגן־צייטונגען. וואָס דויערט עפּעס די נסיעה אַזוי לאַנג? — האָט אַבראַם זיך געחידושט. — זאָל דאָס שוין טאַקע זיין דער סוף?... ביי דעם הויז, וואו אידאַ האָט געהאַט די אַטעליע, האָט די דראָשקע זיך אָפּגעשטעלט. דער סטרוזש איז אַרויסגעקומען, דערקאָנט דעם פּאַן אַבראַם. דער הויז־וועכטער און זיין ווייב האָבן געהאָלפֿן אַבראַמען אַרויפֿקריכן אויפֿן פֿינפֿטן שטאָק. די גאַיעס האָבן, אַפּנים, גערעכנט, אַז אַבראַם איז שיכּור. מ׳האָט אים אָוועקגעלייגט אויף אידאַס בעט, נישט גערופֿן קיין דאָקטאָר. דער גוי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ. אַ צייט

אַרויסגעקומען: יידן און באַבעס טרינקן זיך אָן. ס׳איז שוין באַלד אַ חרפּה פֿאַר אַ קריסטלעכן מאַנסביל צו נעמען אַ שנאַפּס...

אַ שטיקל צייט האָט מאַניע זיך אַרומגעדרייט גאַס־איין, גאַס־אויס. זי איז פֿאַרביי די זשימנע, די אָרלע, די לעשנאָ, די קאַרמעליצקע. די געשעפֿטן זיינען געשטאַנען פֿאַרמאַכט אויף די שטאַבן, פֿאַררוקט מיט ריטש־טירן. דאָ און דאָרט האָט זיך געעפֿנט אַ יאַטקע, אַ שפּייז־געוועלב, אַ מילך־קראָם. אַ קאָנדוקטאָר פֿון אַ דאַמף־מיל האָט אַריינגעטראָגן אַ שטויס ברייטלעך, קונציק אָנגעשפּאַרט אָן דער פֿאַרמעליקטער קאַפּאָטע. מ׳האָט אָפּגעלאָדן בלעכן מילך, פּריידיקס. פֿון אַ טויער איז אַרויסגעפֿאָרן אַ וואָגן מיסט. פּלוצים האָט מאַניע זיך געכאַפּט, אַז זי געפֿינט זיך אויף דער ניזקע, ביי דעם הויז, וואו נעמיס מאַן האָט געהאַט אַ בעקעריי. נעמי, ר׳ משולם מושקאַטס דינסט, איז שוין געזעסן מיט פֿולע קוישן געבעקס. אַ פּאָר קונהטעס האָבן געטאַפּט די ברויטן, די זעמל, די בייגל. נעמי האָט געטראָגן אַ גרויען זשאַקעט, אַ ברייטן טאַש אויף די לענדן. אין די יאָרן איז איר דאָס געזעס געוואָרן טאָפּלט ברייט. דער בוזעם האָט אָפּער־געשטאַרצט ווי אַ גאַניק. זי האָט געטאָן אַ קוק אויף מאַניען, פֿאַרבראָכן די פֿינ־גער.

— מאַמעלעך קרוין, וואָס טוסטו דאָ?

מאַניע האָט געמורמלט, געשלוכצט, געווישט די טרערן. נעמי האָט אָנגע־שטעלט אַ פּאָר גרויסע אויגן. פֿריער האָט זי נישט פֿאַרשטאַנען, וואָס יענע רעדט, באַקומען אַ חשד, אַז זי איז אַראָפּ פֿון זינען. באַלד האָט זי זיך פֿאַרקרימט. ס׳האָט איר געביסן אין די הענט צו דערלאַנגען דער קוכטע אַ פּאַטש, זי זאָל זיך איבער־קוילערן. זי האָט גענומען רופֿן די שטיף־טאָכטער, זי זאָל זי פֿאַרבייטן ביים ליי־זעכץ. אַליין האָט נעמי אָפּגעשטעלט אַ דראָשקע, איינגעזעסן צוזאַמען מיט מאַניען, געהייסן פֿאָרן אויף דער פּטאַשע. נעמי האָט זיך געשאָקלט אין דער ברייט, גע־שנייצט די נאָז אין פֿאַרטוך ווי אויף אַ לוויה.

— אַזאַ זאַך זאָל דיר צו האַנט קומען! דיין טאַטע איז געווען אַ טייערער ייד!

— מ׳דאַרף מיך צעשניידן אויף שטיקער! — האָט מאַניע געכליפּעט.

— נו, שאַ, כ׳בין דיך אָסור ניש׳ מקנא...

נעמי איז געוואָרן אָן אויפֿגעהייטערטע. זי האָט ליב געהאַט צו מאַכן אַ גע־וואַלד, זיך אויסצוטענהן מיט פּאָליציי, זיך צו פֿאָרן מיט אַ בר־מינן. מאַניע, ס׳געמיינע שטיק, איז ווערט דעם שטעקן. ס׳עט איר שוין קיין בזיונות נישט פֿעלן. די מושקאַטס וועלן אויך נישט האָבן קיין כּבֿוד. זאָלן זיי וויסן, אַז זי, נעמי, איז אַ באַלעבאַטישע פֿרוי. נעמי האָט זיך קוים געקאָנט דערוואַרטן ביז מ׳עט צופֿאָרן אויף דער פּטאַשע. ס׳האָט זי געהויבן פֿון אָרט. זי האָט צוגעהאַלטן מאַניען ביים עלנבויגן ווי אויס מורא, די מויד זאָל נישט אַנטלויפֿן. זי האָט האַלב געוויינט, האַלב געלאַכט.

— אַ טויט זיך אויסגעקליבן! ווינד און וויי צו זיינע יאָר! אַ בראַנד אין דיינע קישקעס!...

— הלוואי וואָלט איך ניש׳ דערלעבט אויפֿצושטיין!

— ס׳וואָלט דיר געווען ווילער...

נעמי האָט נישט פֿאַרלוירן דעם קאָפּ. זי איז אַריין צום סטרוזש, אַלץ דערציילט. אַ הונט איז זי באַפֿאַלן מיט אַ בילעריי, נאָר זי האָט אים געטאָן אַ שטויס מיט אַ שפּיץ־שוך. פֿון אַ שטייג האָט אַרויסגעקוויטשעט אַ פּאַפּוגיי מיט אַ צעבראָכענעם שנאָבל. די גויע ביי דער קיך האָט שוין געפּרעגלט חזיר־גריוון אין אַ פֿאַן. נעמי האָט גערעדט דאָס פּוילישע לשון מיט אַ שטאַרק קול, געקוקט צום ווינקל וואו ס׳האָט געהאָנגען ס׳יויזל. דער פּויער אין דעם געקעסטלטן שפּענצער האָט געפּינטלט מיט די לעדלעך, נישט באַנומען דעם פּלאָנטער. נעמי האָט אים געהייסן מיטנעמען אַ וויטרע צו עפֿענען דעם קלאַפּ־שלאָס. מ׳איז פֿאַרביי דעם לאַנגן הויף. פֿאָרויס האָט געשפּאַנט נעמי, נאָך איר האָט נאָכגעהונקען דער סטרוזש. פֿון הינטן איז געקראָכן מאַניע. מ׳איז אַרויף אויפֿן צווייטן שטאָק. דער ערל האָט געטאָן אַ שטופּ די קלאַמקע און ס׳האָט זיך אַליין געעפֿנט. דער מת איז נישט געווען נישט אין פֿאָדער־צימער, נישט אין קיך, נישט אין די אַנדערע שטובן. מאַניעס פּנים איז געוואָרן געל. נעמי האָט אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ געלעכטער.

— אַ שד!...

נעמי האָט גענישטערט אין בייטל, אַרויסגעגראַבלט אַ באַנקנאָט פֿון פֿינף זלאָטעס, דערלאַנגט דעם גוי, צוגעלייגט אַ פֿינגער צום מויל, אַ צייכן, ער זאָל מאַכן אַ שווייג. יענער האָט זיך געקראַצט אין געניק, געמרוקעט. מאַניע האָט זיך געדרייט אויף איין אָרט. נעמי האָט געכאַפּט אַ בליק אין קעסטל פֿון קוילן, געפֿונען אַבראַמס גאַטקעס.

— דאָס באַהאַלט!

מאַניע האָט זיך געלאָזט צוגיין צום קויש פֿון די קויטיקע וועש. מיט אַמאָל האָט זי דערזען, אַז אין קאַבינעט זיינען אָפֿן די שופֿלעדער פֿון שרייב־טיש. מ׳האָט אויך געהאַט אויפֿגעריסן די טירלעך אונטן. אויפֿן דיל האָבן זיך געוואַלגערט וועקסלען, פּאַפּירן, אַ זאַמשענער טייסטער. מאַניע האָט זיך געטאָן אַ וואַקל ווי אומצופֿאַלן.

— מאַמע! מ׳האָט אונדז באַגנבעט!...

נעמי האָט נישט געוואַרט קיין רגע. זי האָט אויפֿגעפּראַלט די דרויסן־טיר, גענומען שרייען גוואַלד. זי האָט זיך איצט דערשראָקן פֿאַר דער אייגענער הויט. מ׳קען נאָך מיינען, אַז זי און מאַניע האָבן געמאַכט שותּפֿות. ווער ווייסט? אפֿשר האָט די זונה עקסטרע זי אַהער פֿאַרנאַרט? נעמי האָט זיך אָנגעשטויסן אָן מאַניען, איר דערלאַנגט אַ פּלאַסק. מאַניע איז צוגעפֿאַלן צו דער וואַנט, אַראָפּגעלאָזט די גאַטקעס. די טירן ביי די שכנים האָבן זיך געעפֿנט. מאַנסלייט און ווייבער זיינען אַרויסגעקומען האַלב־אָנגעטוענע. דער סטרוזש, וואָס האָט שוין געהאַט דערגרייכט די אונטערשטע שטיגן, האָט דערהערט דעם האַרמידער, זיך אומגעקערט אויף צוריק.

— זאָל דער פּאַן רופֿן די פּאָליציי! — האָט נעמי געשריגן. — די מינוט!...

און זי האָט געטייטלט מיט אַ פֿינגער אויף מאַניען.

דער סטרוזש האָט אַראָפּגענומען דעם קאַשקעט, אַרויסגעצויגן דאָס פּאַפּירל,

וואָס נעמי האָט אים געשאָנקען, צוריקגעוואָרפֿן. אַ שכנטע, וואָס האָט געהאַט אַ טעלעפֿאָן אין שטוב, איז אַוועק אָנקלינגען אין צירקל. מאַניע איז געשטאַנען אַ באַנומענע. די קאַלמיקישע אייגעלעך האָבן געקוקט אין איין פּינטל. פֿון דעם געמיש האָט זי באַגריפֿט בלויז איין זאַך: אַז די גאַנצע תּוכחה האָט זיך אויף איר אויסגעגאָסן. אַלע עבֿרות, וואָס זי האָט געטאָן שטילערהייט, ווערן איר איצט באַצאָלט. עפּעס אַ זאָגעניש פֿון דער תּחינה אָדער פֿון טייטש־חומש האָט איר געהאַנגען אויף די ליפּן, נאָר זי האָט נישט געדענקט וואָס. ס׳זיינען איר געקומען אויפֿן זין דער געשטאָרבענער מאַמעס וואָרעניש און שטראָף־רייד. נעמי האָט זי אָנגעכאַפּט ביי די אַקסלען, געטרייסלט:

— וואָס האָסטו אָפּגעטאָן? — האָט זי געוואָלדעוועט. — רעד ווערטער! כ׳לאָז דיך אַ טויטע!...

— נו, שלאָג —

— הור! גנבֿ! וואו האָסטו מיך פֿאַרשלעפּט?

מאַניע האָט זיך אָפּגעשאָקלט, נישט געענטפֿערט. נעמי האָט זיך איבערגעקלערט, זיך אַ ווענד געטאָן צו דער טיר.

— וואָס איז די גראַטשקע? לאָזן דאָרכגאָין!

דער עולם האָט געמאַכט אַ וואָרע. נעמי האָט אַרויסגעשטעלט דעם בויך, זיך געלאָזט גיין אַהיים. וואָס האָט זי, נעמי, דאָ צו טאָן? אויב מ׳עט זי חושד זיין, זאָל מען זי קומען אַרעסטירן. זי האָט די שטיף־טאָכטער פֿאַר אַן עדות, אַז די גנבֿטע האָט זי גערופֿן... נעמי האָט געשפּרייזט האַסטיק, געוואָרפֿן בייזע בליקן. אין טויער איז דער כּלבֿ זי ווידער באַפֿאַלן. זי האָט אים פֿונסניי געטאָן אַ שטויס. ער איז אַנטלאָפֿן מיט אַן הינקנדיק פֿיסל. דער פּחד, וואָס ס׳האָט נעמין אָנגענומען די ערשטע מינוט, האָט אויסגעוועפּט. ס׳איז צוריקגעקומען די פֿריערדיקע תּקיפֿות. יענע העצע! — האָט זי געמורמלט. — וואָס ס׳האָט זיך מיר געחלומט די־נאַכט און יענע־נאַכט זאָל אויסגיין צו איר קאָפּ און צו איר לייב־און־לעבן. מיך געוואָלט אַריינשלעפּן אין אַ מילער... פֿאַר דעם גוטס, וואָס כ׳האָב איר געטאָן. אַ פֿייער אין אירע גדערים!... אינדרויסן איז נאָך געשטאַנען די דראָשקע, וואָס מיט איר איז נעמי אַהער צוגעפֿאָרן. דאָס פֿערדל האָט געקייט האָבער פֿון אַ זעקל. אַחוץ דעם, וואָס נעמי האָט נישט געוואָלט צוריקגיין צופֿוס, איז גוט געווען צו האָבן דעם אָנטרייבער פֿאַר אַן עדות.

— כ׳פֿאָר צוריק! — האָט זי באַפֿוילן.

— איין מינוטקעלע!...

דער קוטשער האָט אַראָפּגענומען ביים פֿערד די טאָרבע, אַרויפֿגעקלעטערט אויפֿן באָק, אַ פֿאָכע געטאָן מיט דער בייטש. נעמי האָט זיך ברייט צעזעצט.

— ווי לאַנג איז, אַז דער פּאַן האָט מיך אויפֿגענומען?

— אַ האַלב שעהלע.

— די מויד האָט אַמאָל ביי מיר געאַרבעט. געווען מיין אַרויסהעלפֿערין. געקומען בעטן, כ׳זאָל זי ראַטעווען. ווייזט זיך אַרויס — אַ גנבֿ.

— אַלץ טרעפֿט. וויאָ!

— אַ שטשערווע, ווי גאָט איז מיר ליב!...

ווען דער פּאָליציאַנט איז געקומען צו מאַניען אין שטוב, האָט ער זי געטראָפֿן שטיין אָנגעלענט ביי דער וואַנט, אין קאָרידאָר, אין דעם אייגענעם ווינקל, וואָס נעמי האָט זי איבערגעלאָזט. אויפֿן דיל האָבן זיך נאָך געוואַלגערט אָבראַמס אונטערהויזן. דאָס געזעמל איז זיך שוין געהאַט פֿונאַנדערגעגאַנגען. דער מייליך האָט באַדעכטיק אַרויסגענומען פֿון בוזעם־קעשענע דאָס פּראָטאָקאָל־ביכל.

— נו, וואָס איז דאָ פֿאַרלאָפֿן ?

— מ׳האָט באַגנבעט. מ׳האָט אויפֿגעריסן די שופֿלעדער. די אַלטע זייגען נישטאָ אין דערהיים.

— האָ ? וויפֿל אַזייגער ? וואו איז געווען די פּאַני ?

— כ׳בין געהאַט אַרויסגעגאַנגען פֿון שטוב.

— אַזוי פֿרי ?

— עמעץ האָט געחלשט.

— ווער ? וואו זיינען די הערשאַפֿטן ?

— אויף אַ חתונה.

— ע־ע. די פּאַני וועט אַזוי גוט זיין מיטגיין אין קאָמיסאַריאַט.

מאַניע האָט אַפֿילו זיך נישט געפּרואווט פֿאַרענטפֿערן. איר גורל איז געחתמעט. ס׳איז אַ באַשערטע זאַך. זי האָט שוייגנדיקערהייט אָנגעטאָן דעם מאַנטל, דעם הוט. זי האָט אַריינגעלייגט אין טאַש אַ פּאָמעראַנץ און אַ פּעקל טיי־קיכלעך. ס׳איז איר אַפֿילו איינגעפֿאַלן צונויפֿצופּאַקן אַ רענצל מיט קליידער, שיך, וועש. דער פּאָליציאַנט איז זיך באַגאַנגען איידל, אויפֿן ניי־מאָדישן שטייגער. ער האָט געדולדיק צוגעוואַרט, געשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט באַדויערט. אינדרויסן האָט ער זי נישט געפֿירט ביי דער האַנט, ווי אַן אַרעסטאַנטין, נאָר זי געלאָזט גיין אַ פּאָר טריט פֿאָרויס. די לאָקאַטאָרן האָבן זיך איבערגעקוקט, געגאַפֿט. מ׳האָט קיינמאָל נישט געהערט, די מאַניע זאָל זיין אַן אומערלעכע. די אייגנטימער האָבן נישט איינמאָל איבערגעלאָזט ביי איר די וואוינונג, ס׳געשעפֿט. דער קאָמיסאַריאַט איז געווען באַלד נאָענט, אויף דער זשימנע. אויף די טרעפּ איז געשטאַנען אַ לאַנגע רייע גוים, גוייעס, שקצים. דאָס האָבן הויז־וועכטער געבראַכט די איינמעלדונג־ביכער צום רעווידירן און חתמנען. מ׳האָט מאַניען אַריינגעפֿירט אין אַ קאַנצעלאַריע. אַ הויכער פּאָליציאַנט האָט געטרונקען טיי, צוגעביסן אַ בייגל. אַ דיק מענטשל מיט פּאָמאַדירטע האָר איז געזעסן הינטער אַ ווענטל מיט שטאַכעטן, געבלעטערט צווישן פּאַפּירן. מאַניע האָט דערציילט דעם גאַנצן אמת: די באַגעגעניש מיט אַבראַמען אויפֿן באַל, אַבראַמס האַרץ־אַטאַק, ווי זי, מאַניע, איז אַוועק רופֿן נעמין. דעם בעקער־יונג האָט זי נישט דערמאַנט. דער אויספֿאַרשער האָט אָנגעצויגט אַ ברעג אויער. ער האָט זי אָפּגעמאָסטן פֿון אונטן אַרויף, פֿון אויבן־אַרויף. עפּעס האָט זיך דאָ נישט געקלעפּט. די פֿרוי האָט נישט אויסגעזען קיין גנבטע.

— ווי הייסט ער, דער דאַמען־העלד ?

— אַבראַם שאַפּיראָ.

— די פּאַני זאָגט, ער׳ט געחלשט ?

— כ׳האָב געמיינט, ר׳איז טויט.

— ר׳האָט זיך געמאַכט, דער הינטישער זון. וואָס איז זיין אַדרעס?

מאַניע האָט נישט געוואוסט אַבראַמס אַדרעס, אָבער זי האָט אויסגערעכנט די משפחה: פיניעלע, נת׳לע, ניוניע, הדסה. די פֿאַמיליע מושקאַט איז יענעם פֿרימאָרגן צוויי מאָל דערמאָנט געוואָרן אין דער פּאָליציי, אין צוזאַמענהאַנג מיט קאָמוניזם און אַ גנבה.

## 3

דריי אַזייגער ביינאַכט איז מאַשע אַוועק פֿון באַל אַהיים. זי האָט מיטגעבראַכט אַ צעריסן קלייד, צעטרעטענע שיך, אַ באַנבאַניער און אַ קאָפּ־ווייטאָג. קיין דראָשקע האָט זי אַזוי שפּעט נישט געקראָגן. זי איז געפֿאָרן מיט אַ נאַכט־טראַמוויי. מאַריאַנאַ די דינסט האָט געעפֿנט און מאַשע איז אַוועק צו זיך אין בודואַר. שוין אַ צייט ווי זי און יאַנעק זיינען נישט געשלאָפֿן צוזאַמען אין שלאָף־צימער. פֿאַר מאַשען האָט מען אויסגעבעט אַ געלעגער אויף דער סאָפֿע. מאַשע האָט זיך אַוועקגעלייט אין קלייד, אויסגעלאָשן דעם לאָמפּ. זי איז געווען צו־מיד זיך אויסצוטאָן. זי האָט זיך צוגעדעקט מיט דער קאָלדרע, געדרימלט. מאַשע האָט אָפֿט געבענקט נאָך יידן און יידישקייט, אָבער וויפֿל מאָל זי האָט זיך דערמיט באַגעגנט, איז זי אַוועק מיט אַ קאַצן־יאָמער. די סוחרטעס פֿון דער ביעלאַנסקע, דער לעשנאָ, די נאַלעווקיס, האָבן אויף זיך אָנגעהאָנגען צופֿיל צירונג. מ׳האָט גערעדט דאָס פּוילישע לשון מיט אַ קוויטש. מ׳האָט זיך אָפּן פֿאַר אַלעמען געטאָפּט מיט מאַנסלייט. מיט וואָס זיינען זיי יידן? –– האָט מאַשע זיך געפֿרעגט. זי וואָלט געוואָרן אַ יידן־פֿיינדין, ווי יאַנעק, ווען זי וואָלט נישט געקאָנט דעם טאַטן אירן, ר׳ משה גבריאלן, און דעם ברודער, אהרל׳ען, דעם ביאַלאָדרעוונער רבין. מאַשע האָט געדענקט, וואָס עוזר־העשל האָט היינט געזאָגט אין דער דראָשקע: אַז דער מאָדערנער ייד איז אַ רעטעניש. יאָ, אויב שוין זיין אַ ייד, איז ווי יענע מיט די כאַלאַטן, די פּאות, די שייטלען, די קאָפּקעס. די האָבן אַ גאָט אין האַרץ. די נישט־פֿרומע יידן ווילן נאָכמאַכן דעם גוי און קאָנען נישט...

מאַשע איז איינגעשלאָפֿן. גאַנץ פֿרי האָט זי אויפֿגעוועקט דאָס קלינגען פֿון טעלעפֿאָן. דער אַפּאַראַט איז געשטאַנען אויפֿן טואַלעט־טיש. מאַשע האָט אַ האַלב־פֿאַרשלאָפֿענע צוגענומען דאָס טרייבל צום אויער. ס׳האָט זיך דערהערט אַ הייזעריק פֿרויען־קול.

— פּאַני זאַזשיצקאַ? זאָל מיר די פּאַני פֿיל מאָל אַנטשולדיקן. דאָ רעדט גינע. גינע יאַנאָווער. די פּאַני געדענקט מיך פֿילייכט? די קוזינע, הדסה, האָט אַמאָל ביי אונדז געוואוינט.

— יאָ, גינע, כ׳געדענק.

— פּראָשע פּאַני, ס׳איז מיר געשען אַ גרויס אומגליק. מיר זיינען נעכטן געווען אויפֿן באַל. כ׳האָב באַמערקט די פּאַני. די פּאַני האָט אויסגעזען הערלעך. כ׳מיין דאָס אינגאַנצן ערנסט. מיר קומען אַהיים און די וואוינונג איז פֿול מיט פּאָליציי און שפּיצלעס. כ׳בין געצוואונגען צו האַלטן סובלאָקאַטאָרן. מיין מאַן

טוט, ליידער, גאָרנישט. ס׳וואוינט ביי אונדז איינער אַ ברוידע מיט דער פֿרוי זיינער, לילאַ —

— ברוידע איז, דוכט זיך, אַ קאָמוניסט —

— דאָס איז די טראַגעדיע. ער׳ט מיר צוגעזאָגט צו האַלטן ס׳צימער כשר, נאָר אויף די לייט טאָר מען זיך נישט פֿאַרלאָזן. מ׳האָט געפֿונען גאַנצע פּעק ליטעראַטור. מ׳האָט אַרעסטירט מיין מאַן. ער איז נעבעך גאָט די נשמה שולדיק!...

גינע האָט גענומען שלוכצן. מאַשע האָט צוגעשלאָסן די וויעס.

— וואָס קאָן איך דער פּאַני העלפֿן?

גינע האָט זיך ווי איבערגעוועקט.

— פּראָשע פּאַני, ער׳ט עס נישט אויסהאַלטן! — האָט גינע זיך צעשריגן.

— ס׳איז נישט פֿאַר זיינע כּוחות. כ׳באַשווער די פּאַני ביי אַלדאָס הייליקע צו רעדן מיטן פּאַן פּולקאָווניק. ער קאָן אים. זאָל די פּאַני אַוועקלייגן אַלע האָנאָרן. איין וואָרט פֿון פּאַן פּולקאָווניק קאָן אים ראַטעווען!

גינעס קול האָט זיך געבראָכן פֿון טרערן. פֿון צעטומלונג האָט זי צונויפֿגעמישט יידיש מיט פּויליש. זי האָט עפּעס גערעדט וועגן הערץ יאַנאָווערס מעטאַפּסיכישע ראַפּאָרטן, וואָס די אַגענטן האָבן צונויפֿגעמישט מיט ברוידעס מאַנוסקריפּטן. מאַשע זיינען אָנגעקומען אומבאַטעמטע וואָסערן.

— מיין מאַן שלאָפֿט נאָך. כ׳על שפּעטער רעדן.

— די פּאַני וועט זיך קויפֿן אַ גרויסע מצווה! די פּאַני האָט אַ יידיש האַרץ!...

מאַשע האָט זיך אומגעקערט צום געלעגער. זי האָט ווידער גענומען איינדרעמלען, נאָר דאָ האָט דער טעלעפֿאָן זיך פֿונסניי אָפּגעריסן. מאַשע איז אויפֿגעקומען מיט אַ צאַפּל. וואָס וויל מען פֿון מיר? דאָסמאָל האָט געקלונגען הדסה. זי האָט גערעדט אַזוי שטיל, אַז מאַשע האָט געמוזט אָנשפּיצן דאָס געהער. הדסה האָט איבערגעגעבן, אַז דער פֿעטער אַבראַם האָט באַקומען אַ האַרץ־אַטאַק. מ׳האָט אים געפֿונען אין אַ הויף אויף דער פּטאַשע גאַס. אַ בעקער־יונג האָט אים געבראַכט אין אַ דראָשקע אין אידאַס אַטעליע. ס׳זאָל האָבן געשען אַ גנבה. מ׳האָט איינגעזעצט איינע אַ מאַניע, אַ געוועזענע דינסט ביים זיידעשי מושקאַט... מאַשע האָט צוגעהאַלטן די שלייפֿן, ווי פֿון מורא, אַז דער בויערנדיקער ווייטאָג זאָל איר נישט צעשפּאַרן דאָס שיידל.

— טייערע, כ׳פֿאַרשטיי גאָרנישט. כ׳בין מער טויט ווי לעבעדיק.

— כ׳האָב אַ גאַנצע נאַכט נישט צוגעטאָן קיין אויג — האָט הדסה געענטפֿערט.

מאַשע האָט צוגעזאָגט אָנצוקלינגען שפּעטער. זי איז אַוועקגעפֿאַלן אויפֿן פֿאָטעל אַ פֿאַרשמאַכטע. ווי קומט עפּעס דער פֿעטער אַבראַם אויף דער פּטאַשע? ווער איז דאָס די מאַניע? פֿאַרוואָס האָט מען זי פֿאַרהאַלטן? משוגע מטורף! זי האָט געכאַפּט אַ בליק אין שפּיגל. דאָס פּנים איז געווען ווייס ווי ביי אַ מת. די האָר, וואָס זי האָט נעכטן קאָרבירט, זיינען איבערנאַכט געוואָרן צעשויבערט. אונטער די אויגן זיינען געשטאַנען שוואַרצע רענדער. עפּעס שענערס לייגט מען אין דר׳ערד אַריין, האָט מאַשע זיך דערמאָנט דער מוטערס אַ זאָג. פֿון קאָרידאָר האָט זיך דערהערט אַ זיפֿצעניש, אַ פּייפֿעניש, טריט. יאַנעק איז אַריין אַ באָרוועס־

סער, אין קורצע הייזלעך, אָן אַ העמד. די ריפּן האָבן אַרויסגעשטאַרצט ווי רייפֿן. אויפֿן האַרץ־ברעטל האָט זיך געבאַמבלט אַ צלם, אַנגעהאַנגען אויף אַ קייטעלע. די דאַרע פֿיס זיינען געווען געדיכט באַוואַקסן מיט האָר. די טונקעלע אויגן האָבן געקוקט מיט צאָרן.

— וואָס איז דאָס פֿאַר אַ געפּילדער באַלד אינדערפֿרי? דיינע קאַכאַנקעס קאָנען זיך נישט דערוואַרטן?

— יאַנעק, מאַטער מיך נישט. כ'האָב נישט קיין קאַכאַנקעס.

— ווען ביסטו אַהיימגעקומען? וואָסער טייוול דערוועגט זיך צו שטערן מיין רו? כ'בין אַ פּוילישער פּולקאָווניק!

— טייערער, ס'איז הדסה. דער פֿעטער אַבראַם האָט באַקומען אַ האַרץ־אַטאַק.

— ווען? ר'האָט שוין לאַנג געדאַרפֿט קראַפּירן, דער פּאַראַזיט!

— ווי רעדסטו? גאָט אין הימל! ס'איז מיין פֿעטער! מ'האָט אַרעסטירט הערץ יאַנאָווער. די פֿרוי איז פֿאַרצווייפֿלט —

— פֿאַר קאָמוניזם, האַ?

— דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז הערץ יאַנאָווער איז נישט קיין קאָמוניסט. ס'וואוי־נען דאָרט ברוידע און לילאַ —

— וואָס וויל מען פֿון מיר? איך זאָל מיך אָננעמען פֿאַר די יידישע באָל־שעוויקעס? ווען ס'הענגט־אָפּ פֿון מיר, וואָלט איך זיי אַלע דערשטיקט!

— וואָס היצסטו זיך? הערץ יאַנאָווער איז אומשולדיק.

— ס'איז אַלץ איין באַנדע. דיינע יידעלעך האָבן זיך פֿאַרלייגט אויפֿן נייעם פּוילן. זיי צעפֿרעסן זי ווי טערמיטן. זיי וועלן נישט רוען, די ממזרים, ביז די רויטע פֿאָן וועט נישט פֿלאַטערן אויפֿן בעלוועדער!...

— וואַריאַט!

— ביסט איינע פֿון זיי! שלעפּסט דיך אויף זייערע פֿאַרעיפּושטע בעלער. ביסט אַ קללה אין מיין הויז.

— כ'קאָן אַוועק פֿון דאַנען. שוין היינט.

— אַרויס! מאַרש!

— כאַם!...

יאַנעק האָט געטאָן אַ זעץ מיט דער טיר. די שויבן אין די טאָפּל־פֿענסטער האָבן געציטערט. מאַשע איז געבליבן זיצן אַ פֿאַרשוויגענע. די סקאַנדאַלן האָבן נישט אויפֿגעהערט. מאַשע האָט געוואוסט פֿאַרויס, אַז יאַנעק וועט זי שפּעטער איבערבעטן, זי אָנרופֿן: נשמהלע, הערצעלע, טייבעלע, מאַמעלע. דערנאָך וועט ער אַוועק, זיך אומקערן שפּעט אַ שיכורער, זיך באַרימען, אַז די אָפֿיצירישע ווייבער וואַרפֿן זיך אים אויפֿן האַלדז. מאַשע האָט פֿאַרשטעלט דאָס פּנים מיט ביידע הענט. גאָט אין הימל, כ'בין אַזוי מיד. כ'האָב איין פֿאַרלאַנג: שלאָפֿן! שלאָפֿן!... מאַשע איז אַוועקגעפֿאַלן אויפֿן קישן מיטן פּנים אַראָפּ. זאָל זיין, וואָס ס'וויל. כ'האָב נישט קיין כוח... זי האָט געפּרוּווט איינשלאָפֿן, נאָר די טראַכטעכצער האָבן געזומט אין די געהירן. דוכט זיך, ס'איז אַמאָל געווען ביים זיידן אַ מאַניע. נעמיס אַרויסהעלפֿערין. מאַניע קאַלמיק. ווי קומט זי צו אַבראַמען? ווער איז באַגאַנגען

די גנבֿה? וואו? כ׳על גאָר אַוועק אין אַ קלויסטער, ווערן אַ נאָנע. כ׳על האָבן מנוחה. אפֿשר גאָר איינגעמען סם? ס׳ווערט אַלץ ערגער. קיינער האָט זיך נעכטן אויף מיר נישט אומגעקוקט. די ייִדן האָבן ליב גראָבע נקבֿות... דאָ איז מאַשעס געדאַנק געקומען צו אַ גרעניץ. זי האָט איינגעדרימלט. ווען מאַשע האָט זיך נאָכאַמאָל איבערגעוועקט, זיינען די טאַפּעטן אויף די ווענט געווען פֿאַרפֿליצט מיט פֿלעקן זון, וואָס האָבן אָפּגעשלאָגן אין פֿריש־אָנגעפֿאַלענעם שניי. אויף די ווינקלען שויבן זיינען געהאַט אַרויסגעקומען פֿראָסט־ביימלעך. די אייזצעפּלעך פֿונדרויסן האָבן געשמאָלצן. פֿון קיך האָט זיך דערטראָגן אַ גערוך פֿון פּאָמידאָרן, קאַראָפֿיאָלן, פֿאַרבראָקעכץ. מאַריאַנאַ האָט שוין דאָרט צוגעגרייט מיטאָג. מאַשע איז אַוועק אין וואַנע־שטיבל. זי האָט אָנגעוואָרעמט דעם קעסל אויפֿן גאַז, זיך צוגעגרייט אַ באָד. זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף אַ בענקעלע, צוגעקוקט ווי דאָס וואַסער שוימט, בלעזלט. אַ שטרויעלע איז געשוואומען אין די וועלן, זיך געשליידערט, געווירבלט, געראַנגלט זיך — איידער ס׳ווערט אָפּגעלאָזט אין די טיפֿענישן פֿון דער קאַנאַליזאַציע. די דינסט האָט אָנגעקלאַפּט. זי איז געשטאַנען אויף דער שוועל אַ ברייטע, אַ געפּאַקטע, מיט אַ הויכן בוזעם, רויטע באַקן. איבער די געלבלעכע פֿלעכטלעך איז געזעסן אַ טשעפּיק. איבערן בויך האָט געהאַנגען אַ שירצל. זי האָט געשמייכלט מיט דעם פֿערדישן קאַסטן ציין.

— בריוו פֿאַר דער פּאַני!

די שיקסע האָט דערלאַנגט דריי קאָנווערטן. איינער איז געווען פֿון אַמעריקע. געשריבן האָט נישט די מאַמע, נאָר זלאַטעלע־לאַטע. לאַטע האָט זיך געקלאָגט, אַז זי שיקט געלט קיין ביאַלאָדרעוונע, נאָר זי דערהאַלט נישט קיין קוויטונג. וואָס מאַכט דער טאַטע? וואָס טוט אהר׳לע? פֿאַרוואָס שווייגן זיי?...

דער צווייטער בריוו איז געווען פֿון אַ קאַטוילישער געזעלשאַפֿט צו פֿאַרזאָרגן קינדער פֿון מלחמה־געפֿאַלענע. מ׳האָט פֿאַרבעטן מאַשען אויף אַן אָוונט. די יתומים וועלן שפּילן, רעציטירן, זינגען. אַ גלח וועט האַלטן אַ רעדע. מ׳עט אויספּלעטן אַ זילבערנעם קרוציפֿיקס, אַן אַנטיק פֿון זעכצנטן יאָרהונדערט.

דער דריטער בריוו איז געווען צו־לאַנג מאַשע זאָל אים אינגאַנצן דורכלייענען. ס׳איז געווען אונטערגעשריבן עדעק האַלפּערן, אַ יונגערמאַן, וואָס האָט זיך אַמאָל געשדכנט צו איר, מאַשען, איידער זי האָט זיך באַגעגנט מיט יאַנעקן. עדעק האָט זי איבערגעלאָזט, חתונה געהאַט מיט אַ וולאָצלאַוועקער מיידל. איצט האָט דער אייגענער עדעק געבעטן, מאַשע זאָל אינטערווענירן וועגן עפּעס אַ טאַרטאַק, וואָס די רעגירונג האָט ביי אים צוגענומען אַן אַנטשעדיקונג. מ׳האָט דאָרט געזאָלט דורכפֿירן אַ באַן. מאַשע האָט זיך פֿאַרקרימט. אַ שמוציק געזינדל, די ייִדן. זיי ווייסן איבערהויפּט נישט פֿון קיין ערע. אַלץ איז ביי זיי האַנדל־וואַנדל, טובֿות, פּראָטעקציעס. זי האָט צעריסן דאָס בויגעלע אויף פֿיר שטיק... די וואַנע איז דערווייל געוואָרן אָנגעפֿילט. מאַשע האָט זיך אויסגעטאָן נאַקעט, זיך אָנגעשפּיגלט. ווי קליין זי איז אָן די הויכע קנאָפּלען! ווי דאַר ס׳איז איר קערפּער! הויט און ביין. זי האָט אינגאַנצן נישט קיין בריסטן. זי קאָן אַפֿילו נישט האָבן קיין קינד. צו־שמאָל. קיינער האָט זי נישט ליב, דאָס איז דער אמת. נישט דער טאַטע, נישט די מאַמע, נישט דער מאַן. צו וואָס־זשע לעבן?

מאַשע האָט זיך אומגעקוקט. איבערן וואַש־טיש איז געשטאַנען אַ פֿלעשעלע יאָדינע. מאַשע האָט אַרויסגעצויגן דעם קאָרק, געטאָן אַ שמעק. מיטאַמאָל האָט זי צוגעגענומען דאָס העלדזל צום מויל, געגעבן אַ גאָס. ס'איז געווען ווי די האַנט וואָלט עס געטאָן אויפֿן אייגענעם באַראָט. זי האָט גלייך באַדויערט. ס'האָט זי געטאָן אַ ברען אין דער צונג, אין קעהל, אין גומען. פֿון מויל האָט אַרויסגעקוקט אַ ברוינע פֿאַרשרפֿהטקייט. זי האָט געוואָלט שרייען, נאָר ס'איז נישט אַרויס קיין קול. זי איז אַריינגעלאָפֿן אַן אַנטבלויזטע אין קיך.

— ראַטעוועט! ראַטעוועט! — האָט זי געכאָרכלט.

די דינסט האָט אויף איר געטאָן אַ קוק, זיך צעשריגן:

— יעזוס! מאַריאַ!

שכנים זיינען זיך אָנגעלאָפֿן, מ'האָט אַרויסגערופֿן די גיכע־הילף. אַ פֿרוי האָט געכאַפּט אַ פֿענדל מילך און אַריינגעגאָסן מאַשען אין מויל. מאַשע איז געווען מער דערשטוינט ווי דערשראָקן. זי האָט געהאַלטן פֿאַרמאַכט די אויגן, זי האָט זיי מער קיינמאָל נישט געוואָלט עפֿענען. מ'האָט זי אַריינגעטראָגן אין אַן אַנדער צימער, איר געקוועטשט דעם בויך, זי געצוואונגען צו ברעכן. מ'האָט איר אַריינגעשטופּט אַ רער אין מאָגן. יאַנעק איז געקומען צולויפֿן, געקניט ביי איר בעט.

—פֿאַרוואָס האָסטו דאָס געטאָן? פֿאַרוואָס? פֿאַרוואָס?...

## קאַפּיטל פֿופֿציק

די באַאַמטע פֿון דער „דעפֿענסיווע" אויף דער דאַנילאָוויטשעווסקע גאַס האָבן, אַפּנים, געהאַלטן הערץ יאַנאָווער פֿאַר אַ פֿעטן העכט, ווייל מ'האָט אים אָפּגעגעבן אין אַרעסט אַ באַזונדער קעמערל. אָן קיין שום אויספֿאָרשונג האָט מען אים אויסגעטאָן די שלייקעס, אַרויסגעצויגן די בענדלעך פֿון די שיך, אים איינגעזעצט אויפֿן פֿינפֿטן שטאָק. ס'איז שוין געווען גרויער טאָג. הערץ יאַנאָווער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער ברייטער באַנק, וואָס איז געשטאַנען אין מיטן שטוב, זיך אומגעקוקט. אויפֿן טינק זיינען געווען אויסגעקריצט אַלערליי נעמען, דאַטעס, קאָמוניסטישע לאָזונגען. אויף דעם זוים פֿון געקראַטעטן פֿענסטערל זיינען געלעגן רינדלעך ברויט. הערץ יאַנאָווער האָט געפּרואווט אַרויסקוקן, נאָר ס'איז געווען צו־הויך. ער האָט אַריינגענומען דעם קאָפּ צווישן די האַנט־פֿלאַכן, זיך פֿאַרטראַכט. הערץ האָט וויפֿל מאָל געוואָרנט גינען, אַז די קאָמוניסטישע סובלאָקאַטאָרן וועלן אים רואינירן. נאָר ווער פֿרעגט ביי אים אַ דעה? אַז זי, גינע, איז די פּרנסה־געבערין, טוט זי וואָס איר האַרץ גלוסט. ער, הערץ, האָט געגרייזט אין אַלע ענינים. איצט וועט מען פֿאַר אַ צולאָג קעגן אים פֿאַרפֿירן אַ פּראָצעס, אים איינזעצן אויף יאָרן אין תּפֿיסה. גיי באַווייז דעם פּוילישן גערינכט, אַז ער, יאַנאָווער, איז גאָר אַ מיסטיקער, אַ ספּיריטיסט, אַ מעטאַפּסיכיקער. פֿרעג זיי בחרם.

הערץ יאַנאָווער האָט זיך אויסגעצויגן אויפֿן טאַפּטשאַן, צוגעשלאָסן די וויעס,

געפּרואווט איינדרימלען, נאָר ס׳האָט אים געבראָכן אין דיביינער, געביסן אין דער הויט. זאָל דאָ זיין אומפּלייט? אָדער איז ער נערוועז? ער האָט זיך געשיבערט, געקראַצט, אַריינגעשטעקט אַ האַנט אין בוזעם, געלופֿטערט דאָס העמד. על־פּי פילוסופֿיה איז הערץ יאַנאָווער געווען גרייט אויף אַלע אומגליקן: קראַנקייט, טויט. ער האָט זיך פֿון לאַנג צוגעוואוינט צום געדאַנק, אַז אַלצדינג איז אַ טראַף, סיי דאָס גוטע, סיי דאָס שלעכטע, און אַז אויב ס׳איז דאָ אַ זין אין דאַזיין, קאָן מען אים תּופֿס־זיין אויף יענער זייט לעבן, אין דעם חושך, וואָס ווייסט אָן וויסן, שאַפֿט אָן אַ פּלאַן, איז געטלעך אָן אַ גאָט. די אָרגאַנישע עקזיסטענץ איז נישט מער ווי אַ שוים. דעם שכל האָט הערץ יאַנאָווער אין זיינע כּתבים פֿאַרגליכן צום שטויב פֿון אַ צעשלאָגענעם קאָמעט. אַפֿילו השארת הנפֿש איז נישט מער ווי אַן איבערגאַנג פֿון צייטווייליקן צום אייביקן. הערץ יאַנאָווער האָט נישט איינמאָל געטראַכט, אַז פֿאַר טויזנט־הונדערטערליי, ווען ס׳טרעפֿט אַ צרה, וואָלט ער מיט אַ גרינג געמיט באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.

איצט איז געקומען אַ קאַטאַסטראָפֿע, נאָר הערץ יאַנאָווער האָט זי נישט געקאָנט אויפֿנעמען סטאָאיש. אַריינפֿאַלן צו גאָט אין דער האַנט אין איין זאַך, אָבער — ביד אדם אל אַפּולה. פֿון קינדוווייז אָן האָט ער געהאַט פּחד פֿאַר נאַטשאַלסטוואָ, געריכטן, פּאָליציי, אויספֿאָרשונגען. ער האָט נישט פֿאַרמאָגט קיין פּאַס, קיין מעטריקע, קיין מיליטערישן ביכל, רעכט נישט געוואוסט צי איז ער איינגעמאָלדן אין די ביכער. ער האָט געוואוסט פֿאָרויס, אַז ער׳ט שטאַמלען ביי דער אויספֿאָרשונג, זיך ווידערשפּרעכן, זיך אַליין פֿאַרשיטן. ער האָט אַפֿילו מורא געהאַט, ער זאָל פֿון שרעק נישט עמעצן מסרן, ווערן, וואָס זיי רופֿן — אַ פּראָוואָקאַטאָר. הערץ יאַנאָווער האָט זיך דערמאָנט, אַז ברוידע איז אָפּגעזעסן אין פּאַוויאַק דריי יאָר, לילאַ — צוויי. ער, הערץ, האָט געקאָנט רעוואָלוציאָנערן, וואָס מ׳האָט פֿאַרשיקט אויף קאַטאָרגע. ווי האָבן זיי דאָס אויסגעהאַלטן? מיט וואָסער כּוח? ער, הערץ, איז שוין איצט אַ צעבראָכענער שאַרבן...

הערץ יאַנאָווער האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָלנער פֿון מאַנטל, אונטערגעלייגט אונטערן קאָפּ אַ נאָז־טיכל. פֿון יענער זייט טיר האָט זיך דערטראָגן אַ רויש, אַ טופּעניש, געשרייען. דער שליסל אין שליסל־לאָך האָט זיך איבערגעדרייט. אַ וועכטער האָט אַריינגעשטעקט אַ בלינד אויג.

— צייט פֿאַרן אָפּטריט.

הערץ איז אַרויס אין קאָרידאָר. אַרעסטאַנטן האָבן געשפּאַנט פֿאָרויס, פֿון הינטן, זיך דורכגערעדט אויפֿן וואונק. טייל האָבן זיך אָפּגעשטעלט, געפּרואווט אין דער ווייל זיך איינרוימען אַ סוד. די וועכטער האָבן זיי אונטערגעטריבן. הערץ יאַנאָווער איז אַריין אין אַ גרויסער שטוב, אויסגעפּלאַסטערט מיט קאַכלעס. איין וואַנט איז פֿול געווען מיט וואַסער־קראַנען. מאַנסלייט האָבן זיך געוואַשן, געשוואָנקען די מיילער, געקעמט די האָר מיט די פֿינגער, זיך אָפּגעווישט מיט שטיקער פּאַפּיר. אַקעגנאיבער, אין אָפֿענע קלאָזעטן, האָבן אַנדערע געטאָן זייער באַדערפֿעניש. הערץ האָט זיך גענומען רוקן אויף הינטערוויילעכץ.

— העי, דו, וואו לויפֿסטו? — אָפּערמאַ!...

הערץ יאַנאָווער האָט איינגענעצט די פֿינגער, אָפּגעווישט אין דער פּאָלע.

ער האָט זיך אָוועקגעשטעלט ביים פּיסואַר, נאָר פֿון באַדרענגעניש האָט ער נישט געקאָנט טאָן זיין געברויך. אַ יונג האָט אים געשטויסן ביים אַקסל.

— טאָפּשע, אַהין אָדער אַהער!

צוריקוועגס איז מען פֿאַרביי אַ קיך. יעדער האָט גענומען אַ צינערן שיסעלע, אַ בלעכענעם לעפֿל. ביי קעסלען זיינען געשטאַנען קוכערס, אָנגעגאָסן ברוינע גריץ, דערלאַנגט אַ שטיק לחמא. הערצן איז אָנגעקומען דאָס בלוט אין פּנים.

— דאָס איז דער בן־אדם? די קרוין פֿון דער באַשאַפֿונג?

הערץ יאַנאָווער האָט זיך אומגעקערט אין דער צעל. ער האָט גענומען אַרומשפּאַנען אַהין־און־צוריק, די הענט פֿאַרלייגט אויף הינטן, ווי אַמאָל אין ביאַלאָדרעוונער בית־מדרש. ער האָט געקנייטשט דעם שטערן, ווי פֿון אַ האַרבער קשיא. וואָס טוט זיך דאָ? — האָט ער זיך געפֿרעגט. — מילא, אַז כ'בין חייב, טו מיט מיר, וואָס דו ווילסט. אָבער ווי לאַנג מ'האָט נישט אַרויסגעטראָגן קיין פּסק־דין, פֿאַרוואָס קומט מיך מבזה צו זיין? איז דאָס גערעכטיקייט? ווי קאָנען זיי קעמפֿן פֿאַר דעמאָקראַטיע, אַז זיי אַליין האָבן נישט קיין דרך־ארץ פֿאַרן מענטש? וואָס איז דאָס בכלל פֿאַר אַ פֿרייהייט, אַז יעדער געהיים־אַגענט קען דיך איינזעצן אין תּפֿיסה באשר ר'האָט אַ חשד? קהלת איז גערעכט: מקום המשפּט שם הרשע...

ווי הערץ יאַנאָווער האָט זיך אַזוי אַרומגעדרייט מיט רעיונות, האָט זיך די טיר ווידער אויפֿגעפּראַלט. ס'איז אַריין אַ הויכער פּאָליציאַנט, אַ געשטופּלטער, מיט אַ לאַנגן האַלדז און צוויי בייזע אייגעלעך, גרויע ווי חלב.

— קומט מיט מיר!

הערץ איז אים נאָכגעגאַנגען. די טרעפּ זיינען אין די זוימען געווען געשמידט מיט אייזן. פֿון אַלע זייטן האָבן אָפּגעקוקט שוואַרצע טירן. מ'איז פֿאַרביי אַ לאַנגן הויף. אין מיטן איז געשטאַנען אַ תּפֿיסה־קעטשל, מיט געקראַטעטע פֿענסטערלעך און געזעסן פֿונדרויסן, פֿאַר פּאָליציי. מ'איז אַריין אין אַ קאַנצעלאַריע אין פּאַרטער. דער דיל איז געווען באַשאָטן מיט זעגעכץ. אויף דער וואַנט האָט געהאַנגען אַ פּאָרטרעט פֿון פּילסודסקי, מיט שפּיזלדיקע ברעמען, לאַנגע וואָנסן, אַ ברוסט מיט מעדאַלן. ביי איין טיש איז געזעסן אַ שיקסע מיט אַש־גרויע האָר, האָט געפֿיילט די נעגל מיט אַ פֿיילעכל. ביים אַנדערן טיש האָט זיך אָנגעלענט אַ דיקער פּאַרשוין, מיט וויין־פֿלעקן אויפֿן אָנגעבלאָזענעם פּרצוף, אַ סך ווייַנפּערלעך אויף דער גראָבער נאָז, די האָר פֿאַרשוירן אין אַ בערשטל. אַ קאַרק האָט ער געהאַט אַ רויטן און אַ גלייכן. ס'האָט אויף אים געקלעפּט אַ פּלאַסטערל. די קורצע פֿינגער האָבן געמישט צווישן שטויסן פּאַפּירן.

— אייער נאָמען?

— נפֿתּלי הערץ יאַנאָווער.

— נאַפֿטאַלי כערץ יאַנאָווער — האָט ער נאָכגעשפּעט. — וואָס זענט איר? אַ טעכניקער? אַ סעקרעטאַר? אַ פֿונקציאָנאַר? אַ דעלעגאַט פֿון קאָמינטערן?

— כ'בין נישט קיין קאָמוניסט — האָט הערץ יאַנאָווער זיך אָנגערופֿן מיט אַ ציטער אין קול.

— דאָס זאָגן זיי אַלע, די הינטישע זין.

— פאניע שאנאווני, כ׳בין אומשולדיק. כ׳בין איבערהויפט נישט קיין מארק־סיסט. מיין פרוי האלט סובלאקאטארן. מיר קאנען נישט צאלן קיין דירה־געלט —
דער באאמטער האט אויפגעהויבן דעם בליק פון די דאקומענטן.
— וואס איז אייער פראפעסיע ?
הערץ יאנאווער האט נישט געוואוסט, וואס צו ענטפערן.
— אזוי. כ׳לערן... כ׳שרייב א בוך — —
— א שרייבער, הא ? וואס שרייבט איר ? פראקלאמאציעס ?
— גאט באהיט. כ׳בין דער גרינדער פון א געזעלשאפט צו פארשן מעטא־פסיכישע ערשיינונגען.
— וואו איז די געזעלשאפט ?
— ביי מיר אין שטוב.
— איר האט א דערלויבעניש ?
— כ׳האב נישט געוואוסט, אז מ׳דארף האבן —
— אומלעגאל ?
— ס׳קומען זיך צונויף א פאר מענטשן —
— ווער זיינען די מיטגלידער ? זייערע נעמען און אדרעסן !
הערץ יאנאווער האט אויסגערעכנט א האלבן טוץ באקאנטע. יענער האט פארשריבן מיט א רויטער בליי־פעדער.
— ווי לאנג קענט איר ברוידען ?
— א, שוין א לאנגע צייט. נאך פון פאר דער מלחמה.
— איז אייך באוואוסט, אז ער איז א מיטגליד אין צענטראל־קאמיטעט פון דער קאמוניסטישער פארטיי אין פוילן ?
— כ׳ווייס, אז ר׳איז א לינקער.
— א באלשעוויק ?
הערץ יאנאווער האט געשוויגן.
— ענטפערט, אז מ׳רעדט צו אייך ! — האט דער גוי געטאן א זעץ מיט דער פויסט אין טיש.
— מ׳זאגט אזוי.
— ווי קומט עס, וואס איר האלט אזוינע לייט פאר סובלאקאטארן ?
— ס׳איז נישט איך. מיין פרוי. איך מיש זיך נישט.
— אייער פרויס נאמען ?
— גינע־גנענדל יאנאווער.
— שוין לאנג, אז זי געהערט צו דער קאמוניסטישער פארטיי ?
— מיין ווייב ? זאל גאט אפהיטן, זי איז אומפארטייאיש.
— ווייסט איר, אז אייער וואוינונג איז א נעסט פאר באלשעוויסטישע קא־נאליעס ? איז אייך באקאנט, אז אייער שטוב איז א טרעף־פונקט פאר העצער פון מאסקווע ?
— איך שווער ביי אלדאס הייליקע, אז כ׳ווייס נישט.
— וואו לעבט איר ? אויף דער לבנה ? קאנט איר א פאננא בארבארא פי־שעלזאן ?

— יאָ, פֿון אַמאָל.
— ווען האָט איר זי באַגעגנט צום לעצטן מאָל?
— אויפֿן באַל.
— אַהאַ. מיט וועמען?
— כ'האָב זי באַקענט מיט מײַנס אַ פֿרײַנט.
— זײַן נאָמען און אַדרעס!
— יענער איז אינגאַנצן ווײַט פֿון די זאַכן —
— דאָס וועלן מיר אַנטשיידן. זײַן נאָמען און אַדרעס!
— עוזר־העשל באַנעט. ער איז אַ לערער אין אַ ראַבינער־סעמינאַר. ער וואוינט אויף דער באַגאַטעלאַ נומער —
— איז ער געווען אויפֿן באַל אַליין?
— מיט זײַן פֿרוי.
— ווי הייסט זי?
— הדסה באַנעט.
— האַדאַסאַ באַנעט. ווער נאָך?
— ס'איז מיטגעווען אַ קוזינע, די פּאַני מאַשאַ זאַזשיצקאַ, די פֿרוי פֿון פּול־קאָווניק יאַן זאַזשיצקי.
— וואו וואוינט דער פּולקאָווניק?
— אויף דער אויאַזדאָווער אַלעען. כ'האָב פֿאַרגעסן דעם נומער.
— וואָס פֿאַר אַ ראָל שפּילט דער פּולקאָווניק אין דער גרופּע?
— וואָס פֿאַר אַ גרופּע? דער פּולקאָווניק איז הימל־ווײַט פֿון אַזוינע אידעען.
— קאָנט איר דעם פּולקאָווניק פּערזענלעך?
— מ'האָט אונדז אַמאָל באַקאַנט. ער איז נאָך דאַמאָלט געווען אַן אומבאַקאַנ־טער מאָלער —
דער אויספֿאָרשער האָט געוואָרפֿן אַ זײַטיקן קוק צו דער שיקסע.
— די פּאַננאַ יאַדזשאַ הערט? ס'הייבט זיך אַן אויף דער שוויענטאָ־יערס־קע און ס'דערגייט צום הויז פֿון אַ פּוילישן פּולקאָווניק. ס'ווײַב איז אַ ייִדישע. ווי הייסט זי פֿון דער היים?
— מאַשאַ מרגלית.
— מאַשאַ מאַרגאַליס! האַדאַסאַ באַנעט! אַזער העשעל! גינאַ גענענדעל! ס'איז דאָ איין אויסוועג: צונויפֿטרײַבן די גאַנצע באַנדע, ווי מײַז, און אַרײַנוואַרפֿן אין ווײַסל!

## קאַפּיטל איין און פֿופֿציק

דאָס הויז, וואו פּאַסטאָר פּישעלזאָן האָט געוואוינט, האָט נישט געהאַט קיין טויער, ווי געוויינלעך וואַרשעווער הײַזער, נאָר אַ פֿראָנט־אײַנגאַנג, אויפֿן אײַראַ־פּעאישן שטייגער. פֿונדרויסן האָט געהאַנגען אַ באַלויכטן־קעסטל מיט נעמען: פּאַסטאָר פּישעלזאָן, פּאַסטאָר גרין, פּאַסטאָר גורני, פּאַסטאָר מאַקקאַרמיק. די

שויבן־טיר איז געווען פֿאַרהאַנגען מיט אַ געהאַפּטענעם פֿאַרהאַנג. עוזר־העשל האָט זיך דערמאָנט אָן דער שווייץ. ער האָט געטאָן אַ קוועטש ביי אַ קנעפּל. ס׳האָט זיך דערהערט אַ זומעניש. עוזר־העשל האָט אויפֿגעמאַכט, זיך געלאָזט גיין איבער די שמאָלע טרעפּ, באַדעקט מיט אַ פּערסישן טעפּיך. אַ בראָנזענע פֿיגור האָט געהאַלטן אַן עלעקטרישן לאָמפּ אין דער פֿאָרם פֿון אַ פֿאַקל. עמעץ האָט דאָ געשפּילט אויף אַ פּיאַנאָ. ס׳האָט געשמעקט מיט וואַקס, טערפּענטין און אויסלענדישער מנוחה. די פּאַננאַ באַרבאַראַ האָט באַצייטנס געעפֿנט די טיר אויפֿן צווייטן שטאָק. זי האָט געטראָגן דאָס אייגענע שוואַרצע קלייד ווי אויפֿן באַל. די נישטגעשוירענע האָר זיינען געווען פֿאַרקעמט אין אַ שרונט. די פּאַננאַ באַרבאַראַ האָט געשמייכלט, געוויזן די לענגלעכע ציין.

— דער פּאַן האָט אונדז געפֿונען!

זי האָט דערלאַנגט אַ וואַרעמע האַנט. ס׳האָט זיך דערהערט אַ הוסטן, אַ דעכעניש, טשאַפּנדיקע טריט. ביי דער שוועל איז געשטאַנען אַן אַלטער ייד מיט אַ גרויער צוגערונדיקטער באָרד, געדיכטע ברעמען, אַ רויטער נאָז, אַ נאַקעטן שאַרבן. אונטער די גרינע אויגן, פֿאַרלאָפֿן מיט בלוטיקע אָדערלעך, האָבן נאָכגעהאָנגען ברוין־און־בלויע טאָרבעלעך. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ געלן שלאָפֿראָק, אַרומגעגאַרטלט מיט אַ קרייקע, אין לויזע שטעק־שיך. ער האָט דערמאָנט עוזר־העשלען אָן די בילדער פֿון די אַפּאָסטאָלן אויף דער קליין־טערעשפּאָלער צערקווע.

— דער פּאַן באַנעט, האַ? די טאָכטער האָט מיר דערציילט! — האָט פּאַסטאָר פֿישעלזאָן גערעדט פּויליש מיט אַ יידישן אַקצענט. — זייער אָנגענעם. באַרבאַראַ, נעם־צו ביים פּאַן דעם מאַנטל! — האָט ער באַפֿוילן. — אוי...

דער הוסט האָט אים, אַפּנים, ווידער גענומען שטיקן. ער האָט אַרויסגענומען פֿון קעשענע אַ פֿאַטשיילע, צוגעלייגט צום מויל. ער האָט פֿאַרקנייטשט דעם הויכן שטערן, וואָס ס׳איז געבליבן אויף אים אַ שראַם ווי פֿון אַ יאַרמולקע. איין אויג האָט געטרערט, דאָס אַנדערע האָט געשמייכלט. ס׳איז שווער געווען צו וויסן צי וועט ער הוסטן, אָדער ניסן. די פּאַננאַ באַרבאַראַ האָט זיך אויף אים אָנגעבייזערט.

— פּאַפּאַ, וואָס ביסטו אַרויסגעקומען? ווועסט דיך נאָך מער צוקילן.

— אָווואַ, כ׳האָב אַ שווערן קאַטאַר. כ׳לייד, נישט פֿאַרן פּאַן געדאַכט, אויף אַסטמאַ. שוין פֿיל יאָרן. זאָל דער פּאַן אַ ווייל אַריינקומען צו מיר.

— פּאַפּאַ, ס׳איז צייט פֿאַר דיר צו גיין שלאָפֿן!

— וואָס איז ס׳איילעניש? אַנישט קאָן איך שלאָפֿן? כ׳ליג און ראַנגל זיך מיטן הוסט. דאָס איז אַ קראַנקייט אָן אַ רפֿואה, סיידן כ׳זאָל אָוועקפֿאָרן קיין איטאַליע, אין די וואַרעמע געגנטן. ס׳איז אַלץ דער קלימאַט. דער פּאַן איז נאָך אַפּשר פֿאַר קאָלאַציע?

— אַ דאַנק, כ׳האָב געגעסן.

— אַ גלאָז טיי קאָן קיינמאָל נישט שאַטן. באַרבאַראַ, ברענג אַריין צוויי גלעזער. קומט!

עוזר־העשל איז אַריין אין אַ ביבליאָטעק. דריי ווענט זיינען געווען פֿול מיט

ביכער־פּאַכן, פֿון דיל ביז צום סופֿיט. ביי אַ וואַנט איז געווען אַנגעשפּאַרט אַ לייטערל. צווישן די פֿענסטער האָט געהאַנגען אַ יעזוס־בילד. אונטן האָט געקלעפּט אַ פּאַס פּאַפּיר מיט אַן אויפֿשריפֿט. אין מיטן איז געשטאַנען אַ טיש איבערגעדעקט מיט אַ בלוי טישטוך. ס'איז געלעגן אַן אָפֿן ספֿר, אַ בויגן שרייב־פּאַפּיר, אַ פּען, אַ האַלבע פּאָמעראַנץ.

— נו, זאָל זיך דער פּאַן זעצן. ברוך מיישבין! דער פּאַן זעט, וואָס דאָס איז?

— יאָ, אַ מורה נבוכים.

— דאָס איז מיין באַליבט ווערק, אויסער דער עוואַנגעליע. ס'איז דאָ פֿאַראַן מער געדאַנקען ווי ביי אַלע מאָדערנע פֿילאָזאָפֿן, קאַנט אַריינגערעכנט. די חסידים האַלטן דעם מאַימאַנידעס פֿאַר אַן אַפּיקורס. קיין מער רעליגיעזן דענקער קאָן מען זיך גאָרנישט אויסמאָלן. כ'הער, דער פּאַן איז אַ לערער אין אַ ראַבינער־סעמינאַר.

— געווען.

— ס'מוז זיין אַ נייער. איך געדענק דעם סעמינאַר אויף דער גענשע. כ'האָב גאַנץ גוט געקאַנט דעם גאָטזעליקן דר. פּאָזנאַנסקי. איצט איז ראַבינער דר. שור, אַ גאַליציאַנער. דער פּאַן איז געוויס אַ פֿריידענקער?

— כּמעט.

— ס'איז אַנטשטאַנען אַ ניי יידנטום: יידן אָן אַ גאָט. דער גרעסטער ווידער־שפּרוך, וואָס די געשיכטע האָט געקאַנט אויסטראַכטן.

— וואָס זאָל טאָן אַ ייד, אַז ער פֿאַרלירט דעם גלויבן?

די טיר האָט זיך אויפֿגעמאַכט. די פּאַננאַ באַרבאַראַ האָט אַריינגעטראָגן אויף אַ טאַץ צוויי גלעזער טיי, אַ פּושקע צוקער, פּעניצלעך ציטרין, קיכלעך. זי האָט קונציק געעפֿנט די טיר, מיט אַ שפּיץ שוך. זי האָט געטאָן אַ פֿאַרשנדיקן קוק אויפֿן פֿאָטער, אויף עוזר־העשלען.

— איר דעבאַטירט שוין?

— וואו איז די דינסט? שטעל אוועק. כ'זאָג, אַז אַ ייד אָן גלויבן איז אַ קאָנטראַדיקציאָ אין אַביעקטאָ —

— פּאַפּאַ, דער פּאַן באַנעט איז צו אונדז אַרויסגעקומען מיטן באַדינג. דו זאָלסט אים נישט באַאיינפֿלוסן מיט דיינע מיינונגען.

— ניין. פֿאַרוואָס? ס'איז אינטערעסאַנט — האָט עוזר־העשל זיך אָנגערופֿן.

— כ'פֿרעג: וואָס זאָל טאָן אַ ייד, וואָס האָט אָנגעוואוירן די אמונה?

— אַ ייד אָן גלויבן איז אויס ייד, — האָט פּאַסטאָר פֿישעלזאָן געפּסקנט.

— וואָס־זשע איז ער?

— אַ פֿאַרזעעניש.

— וואָס איז מיט גויים? זיי זיינען אַלע גלויביקע?

— גויים האָבן אַ לאַנד, אַ שפּראַך, אַ קולטור.

— יידישקייט באַשטייט נישט בלויז אין רעליגיע. דערין ליגט דער טעות. יידן זיינען אַ פֿאָלק, דערויף איז געבויט דער ציוניזם.

— אויב יידן זיינען אַ נאַציע, איז דאָך נאָוואַטשינסקי גערעכט: זיינען זיי דאָך טאַקע אַ פֿרעמד־קערפּער.

— אַ מינדערהייט איז נישט קיין פֿרעמד־קערפּער. פּוילן האָט אויך דייטשן, אוקראַינער, ווייס־רוסן.

— יענע וועלן זיך אַסימילירן.

— פֿאַרוואָס, פּאַפּאַ, זאָלן זיי זיך אַסימילירן? — האָט די פֿאַננאַ באַרבאַראַ זיך אַריינגעמישט. — דו, פּאַפּאַ, רעדסט טאָג און נאַכט פֿון גערעכטיקייט, אָבער אַז ס'קומט צו עפּעס, האַלטסטו, אַז דער שטאַרקער דאַרף איינשלינגען דעם שוואַכן.

— כ'זאָג נישט, אַז מ'דאַרף. כ'באַשטעטיק בלויז דעם פֿאַקט.

— די אַלע ווידערשפּרוכן האָבן איין קוועלע: דעם קאַפּיטאַליזם. אין אַ גערעכטער אָרדענונג וועלן אַלע מענטשן הויזן צוזאַמען און איינער וועט נישט אויפֿפֿרעסן דעם צווייטן, נישט פֿיזיש און נישט גייסטיק.

— וואָס ס'עט זיין, טאַטער, ווייסט קיינער נישט אויסער גאָט.

— דאָס, פּאַניע פּישעלזאָן, זענט איר גערעכט.

— טרינקט די טיי, זי ווערט קאַלט. די טאַטער זאָגט, איר זענט אַ פֿילאָזאָף.

— כ'האָב שטודירט פֿילאָזאָפֿיע.

— נו, וואָס האָט איר אויסשטודירט?

— גאָרנישט.

— דער פֿאַן איז אַזוי באַשיידן. דער פֿאַן באַנעט האָט אַן אייגענעם סיסטעם.

— כ'האָב נישט קיין סיסטעם. אין איין זאַך גלויב איך יאָ: אַז גרופּן און מינדערהייטן זיינען נישט קיין אומגליק.

דער פֿאַן באַנעט האַלט, אַז די מענטשהייט קעמפֿט פֿאַר אינדיווידואַליזם. פֿאַר אַ טורעם פֿון בבל.

— וואָס מיינט איר אונטער אינדיווידואַליזם? ס'זיינען דאָ אמתן, וואָס שיינען פֿאַר אַלעמען גלייך, ווי די זון אין הימל.

— וויכטיק פֿאַרן לעבן זיינען די אינדיווידועלע אמתן.

— אַ שטייגער וואָס?

— געוואוינהייטן, שוואַכקייטן, אַפֿילו נאַרישקייטן. זיי שטעלן צונויף די פּערזענלעכקייט.

— צוליב דעם לוינט זיך צו שעכטן?

— וואָס, אייגנטלעך, שיידט אונטער אַ פֿראַנצויז פֿון אַן ענגלענדער? מיט וואָס איז אַ פּאָליאַק אַנדערש פֿון אַ רוס? אַלץ קלייניקייטן.

— די ייִדישע רעליגיע וויל אייניקייט. ויעשו כולם אגודה אחת לעשות רצונך בלבב שלם. דאָס קריסטנטום שטרעבט געוויס צו אַחדות. דאָס איז דער פֿונדאַמענט. פֿאַרשיידנהייט ווילן די פּאַרטיי־פֿירער, די דעמאַגאָגן, די וועלט־צעשטערער. דאָס איז ס'אומגליק פֿון היינטיקן ייִד. ער איז צעשפּליטערט אויף טויזנט שטיקער: ציוניסטן, בונדיסטן, קאָמוניסטן, פּועלי־ציון, רעכטע, לינקע. מ'האַלט זיך אין איין שפּאַלטן. יעדן מאָנטאָג און דאָנערשטאָג פּאַראַדירט מען מיט פֿענער. ס'איז דאָ אַ ווערטל: צוויי ייִדן געהערן צו דריי פּאַרטייען, כע־כע־כע... אַז

דער נוצרי איז געקומען און געוואָלט אַלע פֿעלקער אַרונטערנעמען אונטער די פֿליגל, זיינען אונדזערע יידעלעך געווען די ערשטע, וואָס האָבן ווידערגעשפּעניקט —

— פּאַפּאַ, הויבסט שוין אָן?

— כ׳זאָג דעם אמת!...

פּאַסטאָר פֿישעלזאָן האָט געטאָן אַ זעץ מיט דער פֿויסט אין טיש. ער איז געוואָרן בלוי. דער הוסט האָט אים גענומען דישען. ער האָט זיך געקרעקט, געכאָרכלט, געפּרייכט. ער האָט אַרויסגעכאַפּט די פּאַטשיילע, האַסטיק אָפּגעווישט די פֿלעגמע אויף דער באָרד. די פּאַננאַ באַרבאַראַ האָט אַ ביס געטאָן די ליפּן.

— זאָל דער פּאַן אַריינקומען צו מיר. פּאַפּאַ פֿילט זיך נישט גוט —

— אַנטלויפֿט נישט! מיר זיינען אַן עם קשה־עורף. ביטערע עקשנים. נאָר איינגעשפּאַרטקייט האָט אויך אַ גרענעץ. ס׳איז אַ קריסטלעכע וועלט. מיר ווערן צעריסן. ס׳איז דאָ פֿאַר אונדז איין אויסוועג: צו דערקאָנען די וואָרע לערע —

— פּאַפּאַ, גענוג. קומט, פּאַניע באַנעט. ער טאָר זיך נישט אויפֿרעגן. ער האָט אַ שוואַך האַרץ...

---

## קאַפּיטל צוויי און פֿופֿציק

טעג לאַנג איז הערץ יאַנאָווער געזעסן אַליין אין דעם תּפֿיסה־קעמערל. ער האָט פֿון ווייך ברויט אויסגעקנעטן שאַך־פֿיגורן, מיט אַ שפּיץ לעפֿל אויסגעקריצט אויף דער באַנק אַ שאַך־ברעטל. די כּלים, וואָס האָבן געזאָלט זיין שוואַרץ, האָט ער אויסגעשמירט מיט שטויב פֿון דיל. ער איז געזעסן און געשפּילט מיט זיך אַליין. ער האָט געביסן די ליפּן, געצופּט דאָס שפּראָצנדיקע בערדל, געברומט צו זיך מיט אַ גמרא־ניגון.

— ממה־נפֿשך, גייט דער זקן אַזוי, מאַך איך די שמירה. אלא, ר׳עט אַרויס מיט דער מלכּה, פֿאַרשטעל איך מיטן פֿערד...

אַז די שפּיל איז אים געוואָרן צוגעגעסן, האָט הערץ יאַנאָווער זיך גענומען צו מאַטעמאַטיק. ער האָט מיט אַ נאָגל אָנגעצייכנט אויף דער וואַנט איקסן, איפּסילאָנען, אַלערליי צייכנס. ער האָט זיך גענומען זוכן אַ באַווייז אויף פֿערמאַס לעצטער טאָרעמע, וואָס וועגן איר האָט ער אַמאָל געלייענט אין „הצפֿירה". הערץ יאַנאָווער האָט באַנומען, אַז די מי איז אומזיסט. די גרעסטע מאַטעמאַטיקער האָבן זיך דערויף געמאַטערט. אָבער אַלץ בעסער איידער זיך צו גריבלען אין די פֿינסטערע מחשבות.

הערץ יאַנאָווער האָט אַרויפֿגעקלעטערט אויף דעם טאַפּטשאַן, אַרויסגעקוקט דורכן געקראַטעטן פֿענסטערל. קיין גאַס האָט מען פֿון דאַנען נישט געזען. פֿון דער שטאָט האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ פֿאַרשטיקט געברויז. אונטערן ווינטערדיקן הימל האָבן זיך געהויבן דעכער, קוימענס, רויכעס. וועטער־הענער האָבן זיך געדרייט אין ווינט. אַ קאַץ איז געקראָכן לענגאויס אַ רינע. דאָ האָט געווירבלט דער שניי און דאָ האָט געשימערט די זון. טשאַטעס פֿייגל זיינען געפֿלויגן אַהין

און צוריק. אַ שמאַטיק פֿאַרשווינדל האָט געיאָגט טויבן מיט אַ לאַנגן שטעקן. מ׳האָט אים, הערץ יאַנאָווערן, איינגעשפּאַרט ווי אַ חיה אין שטייג, אָבער עולם כמנהגו נוהג. די קירכן־גלאָקן קלינגען. אין די בתּי־מדרשים דאַוונט מען. מייד־לעך פֿירן ליבעס. ווער ווייסט? אפֿשר האָט שוין גינע אויך שלום געמאַכט מיט דעם מצב? עלעהיי זי וואָלט געוואָרן אַן אלמנה...

ווי הערץ יאַנאָווער איז אַזוי געשטאַנען מיט אַ פֿאַרריסענעם האַלדז, האָט זיך דערהערט אַ גראַבלען אין שליסל־לאָך. ער איז אַראָפּגעשפּרונגען און זיך אָוועקגעזעצט. ס׳האָט אין אים געטאָן אַ צאַפּל די האָפֿענונג. ס׳איז אַריין דער געשטופּלטער פּאָליציאַנט.

— נאַפֿטאַלי כערץ יאַנאָווער? קומט מיט מיר! נעמט מיט די זאַכן.

— וואוהין פֿירט מען מיך?

— צו דער תּליה...

הערץ יאַנאָווער האָט נישט געהאַט וואָס מיטצונעמען. מ׳איז ווידער פֿאַר־ביי די טרעפּ, דעם לאַנגן הויף. דאָס קעטשל איז דאָסמאָל דאָ נישט געשטאַנען. ס׳איז וואַרשיינלעך אַרומגעפֿאָרן אויף „אָבלאַוועס‟. ס׳איז געווען אַ דערפֿרי־שונג אַ ווייל איינצואָטעמען די ווינטערדיק־האַרבע לופֿט, צו טרעטן אויף שטיי־נער, שניי. די פֿיס זיינען הערץ יאַנאָווערן געוואָרן יינגלש גרינג. ס׳האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז ער האָט דערשפּירט דעם דופֿט פֿון וואַלד, פֿעלד, פֿרילינג. אין דעם איינציקן בוים — אַרומגענומען מיט אייזערנע שטאַכעטן — זיינען די צווייגן געווען באַפּוצט מיט ווייסע פֿליטערלעך, ווי צוויט. פֿון דעם בלאַנקן ליכט און שאַרפֿן אוויר איז הערץ יאַנאָווער געוואָרן ווי שיכּור. גרין־גאָלדענע פֿלעקן האָבן אים געטאַנצט פֿאַרן בליק. דער פּאָליציאַנט האָט אים פֿונסניי אַריינגעפֿירט אין דער קאַנצעלאַריע, וואו ס׳איז געזעסן דער דיקער באַאַמטער מיט די וויין־פֿלעקן אויפֿן פּנים. די שיקסע האָט איצט זיך געפּאָרעט מיט אַן אויס־געלאָשן ליכט, אָנגעטריפֿט אויף אַ גלעזערנעם לייכטער. דערנעבן איז געלעגן אַ שפּיזל. אויף דער באַנק, פֿאַרן שרייב־טיש, איז געזעסן אַ צעשויבערט מענטשל מיט גרויע צויטן אין דער טשופּרינע, די איינגעפֿאַלענע באַקן באַוואַקסן מיט אַ שטעכיקער באָרד, אָן אַ קראַגן. ער האָט געקוקט מיט אַ פּאָר גרינע בלוט־פֿאַרלאָפֿענע אויגן פֿון איינעם, וואָס שלאָפֿט נישט נעכט. פֿון הינטער דער אונ־טערשטער ליפּ האָבן אַפּערגעשטאַרצט דריי ציין, שיטערע און שפּיציקע, ווי ביי אַ פֿיש.

— ווי הייסט דאָס מיידל? — האָט אים געפֿאָרשט דער באַאַמטער.

— כ׳ווייס נישט.

— זי איז צו אייך געקומען און איר ווייסט נישט ווי זי הייסט?

— זי האָט זיך גערופֿן קאַראָלאַ.

— דער ביינאָמען?

— כ׳ווייס נישט.

— פּאַננאַ יאַדזשאַ, זאָל די פּאַני אָנצינדן דאָס ליכט! — האָט דער אויס־פֿאָרשער באַפֿוילן.

— כ׳ווייס נישט! כ׳ווייס נישט! כ׳ווייס נישט! — האָט דער באַשולדיקער

זיך צעשריגן מיט אַ הייזעריק קול. די דריי ציין האָבן זיך געטאָן אַ הויב, ווי צו בייסן. די שיקסע האָט אַנגעריבן אַ שוועבעלע, נאָר די קנויט האָט זיך נישט באַלד אָנגעצונדן. דער אויספרעגער האָט געוואָרפן אַ בייזן בליק אויף הערץ יאַנאָווער.

— וואָס טוט ער דאָ?

— צום פאַן קאַטשינסקי.

— ער וואַרט דאָך אויף אים!

דער פּאָליציאַנט האָט באַדעכטיק אַנגענומען הערץ יאַנאָווער ביים עלנבויגן, אים פאַרבייגעפירט צוויי ליידיקע שטובן. מ׳האָט דאָ געהאַלטן אין רעמאָנטירן. ס׳זיינען געווען אָנגעשטעלט לייטערס, קובלס קאַלך. פון אָפּגעריסענעם טינק האָבן אָפּגעקוקט די רויר־שטעקעלעך. מ׳האָט אים אַריינגעפירט אין אַן אויס־געפוצטן קאַבינעט מיט ביכער־שענק, אַ סאָפע, געפלאָכטענע שטולן, אַ שרייב טיש באַדעקט מיט אַ גרין טוך. ס׳איז דערויף געלעגן אַן איינציק בלעטל פּאַפּיר. ס׳איז דאָ געזעסן אַ יונגערמאַן פון אַ יאָר דרייסיק, — אַ שמאָלער, אַ גלאַט־ראַזירטער, מיט אַ קאָפּ גאָלד־בלאָנדע האָר פאַרקעמט אַרויף, מיט אַ הויכן שטערן פון אַן אינטעלעקטועלן — אָנגעטאָן אין אַ גרינער בלוזע, אָן שום באַ־פּוצונגען, דאָס קעלנערל פאַרהעקלט אַרום האַלדז. ס׳איז שווער געווען אונטער־צושיידן צי די טראַכט איז מיליטעריש, אָדער ציוויל. אַ זויבערקייט האָט גע־הויכט פון אים און די רו פון איינעם, וואָס האָט זיך אויסגעטאָן פון אַלע היימי־שע זאָרגן. דער פאַן קאַטשינסקי האָט זיך געטאָן אַ הויב, ווי זיך אויפצושטעלן פאַר דעם גאַסט.

— דער פאַן יאַנאָווער, האַ? ביטע, זאָל זיך דער פאַן זעצן.

— כ׳דאַנק פיל מאָל.

— דער פאַן רויכערט?

— יאָ, אַ דאַנק.

— ביטע. דער פאַן ט׳אפשר טרינקען אַ גלאָז טיי?

הערץ יאַנאָווערן זיינען אַנגעלאָפן די טרערן.

— ניין. יאָ. אַ הערצלעכן דאַנק.

— סטאַך, שיקט אַריין אַ גלאָז טיי!

דער פּאָליציאַנט האָט צוגעפּגעקלאַפּט די קנאַפּלען, איז אַרויס. דער פאַן קאַטשינסקי האָט אָנגעצונדן אַ קינדל, צוגעשטעלט צו הערץ יאַנאָווערס שפּיץ־פּאַפּיראָס. נאָר וויפל הערץ יאַנאָווער האָט נישט געצויגן דעם מונדשטוק, האָט דער טאַבאַק זיך נישט פאַררויכערט. דאָס פייערל האָט שוין דערגרייכט דעם וואָרצל פון פאַן קאַטשינסקיס נאָגל. הערץ יאַנאָווערן איז אַרויסגעטרעטן דער שווייס. ער האָט געגעבן אַ האָסטיקן צי, איינגעזויגן אַ מויל רויך.

— אַנטשולדיקט, כ׳בין נערוועז.

— ס׳מאַכט נישט אויס.

דעם פאַן קאַטשינסקיס העלע אויגן האָבן אָפּגעמאָסטן הערץ יאַנאָווער סיי מילד, סיי דורכדרינגלעך, ס׳האָט זיך געדוכט, אַז ער וועגט יעדעס וואָרט.

— פֿאַניע יאַנאָווער, ס׳טוט אונדז לייד דער גאַנצער אינצידענט. איר זענט אַ קרבן פֿון אַ מיספֿאַרשטענדעניש.

הערץ יאַנאָווער האָט זיך קוים איינגעהאַלטן נישט צו וויינען.

— כ׳בין גליקלעך, וואָס דער אמת איז אַרויס. כ׳האָב שוין געמיינט, אַז — — און ער האָט זיך אָפּגעהאַקט.

— ס׳האָט זיך באַמיט פֿאַר אײַך איינער פֿון די שענסטע פּערזענלעכקייטן אין יונגן פּוילן: פּולקאָוניק יאַן זאַזשיצקי.

— ווירקלעך? ס׳איז נאָבל פֿון זײַן זײַט. כ׳האָב זיך באַקענט מיטן פּולקאָווניק, ווען ער איז נאָך געווען אַן אָנפֿאַנגער — — אין אַן אַטעליע אויף דער שוויענטאָ־קזשיסקע גאַס —

— יאָ, כ׳ווייס. ס׳איז צום באַדויערן, וואָס דער פּאַן מוז האַלטן אין הויז אַזוינע סובלאָקאַטאָרן ווי ברוידע און די אַנדערע —

— כ׳האָב וויפֿל מאָל געוואָרנט מײַן פֿרוי. ס׳איז אַלץ אַ רעזולטאַט פֿון די שלעכטע באַדינגונגען —

— זעלבסטפֿאַרשטענדלעך. אָבער ס׳איז בעסער צו זײַן פֿאָרזיכטיק. דער געוויינלעכער אַגענט אָריענטירט זיך ווייניק. ווען ער געפֿינט אין אַ וואוינונג ליטעראַטור, ליידן אַלע.

— יאָ, כ׳קען דאָס פֿאַרשטיין. איכ׳ל זען, מ׳זאָל די לייט מער נישט אַרײַנלאָזן.

— גאַנץ ריכטיק. דער פּולקאָווניק האָט דאָ נעכטן פֿאַרבראַכט אַ שעה צײַט. אַלץ צוליבן פּאַן. ער האָט דערציילט מערקווירדיקע פֿאַקטן. ער קאָן אויסגעבונדן דעם יידישן שטייגער.

די טיר האָט זיך פּאַמעלעך אויפֿגעמאַכט. די שיקסע, וואָס האָט פֿריער אָנגעצונדן דאָס ליכט, האָט אַרײַנגעטראָגן אַ גלאָז טיי. ס׳האָט דערין געשטעקט אַ ציינערן לעפֿעלע. אויפֿן באָדעם איז געלעגן אַן איינציק שטיקל צוקער. דער פּאַן קאַטשינסקי האָט געטאָן אַ שמייכל.

— פּאַננאַ יאַדזשאַ. די פּאַני קאָן קיינמאָל נישט ברענגען קיין פֿול גלאָז.

די פּאַננאַ יאַדזשאַ האָט געוואָרפֿן אַ דערצאָרנטן בליק אויף הערץ יאַנאָווער.

— ס׳האָט זיך פֿאַרגאָסן.

— ס׳איז אַן אַלטע ווײַבערשע שוואַכקייט.

די פּאַננאַ יאַדזשאַ איז אַרויס. די גראָבע פֿיס האָבן זיך געקלאַמערט אָן דער שוועל. דעם פּאַן קאַטשינסקיס פּנים איז אין איין רגע ווידער געוואָרן ערנסט.

ביטע, טרינקט, פּאַניע יאַנאָווער. וואָס פֿאַראַ פּערזאָן איז איינער אָזער העשעל באַנעט? איר קאָנט אים, האָ?

— אויסגעצייכנט. ער איז מײַנס אַ נאָענטער פֿרײַנט. ער איז אַ לערער אין אַ פּויליש־העברעאישער גימנאַזיע, „חבצלת״. ר׳איז אויך פֿאַרבונדן מיט אַ ראַבינער־סעמינאַר.

— נישט קיין רויטער?

— פֿאַר קיין פֿאַל. ער האָט אַן אייגענע פֿילאָזאָפֿיע. לויט אים קומט אויס, אַז אַלע סאָציאַלע פּראָבלעמען קאָן מען לייזן דורך געבורט־קאָנטראָל. ער לייגט

צופֿיל וואָג אויף סעקס. ער גלויבט, אַז ליבידאָ, אין ברייטסטען זין, איז דער שליסל צו אַלע פֿראַגן: אינדיווידועלע, עקאָנאָמישע, פּאָליטישע.

— ווי אַזוי? דאָס איז אינטערעסאַנט. מ׳האָט מיר געמאָלדן, אַז ער האָט צו טאָן מיט אַ קאָמוניסטין, אַ געוויסע באַרבאַראַ פֿישעלזאָן, אַ געטויפֿטע.

— איך קען די באַרבאַראַ אויך. כ׳וואָלט זי נישט באַצייכנט פֿאַר אַ קאָמוניסטין.

— ווי דען?

— אַ סאַלאָן־ראַדיקאַלין, אַ מיטלויפֿערין. וואָס זי ברויכט איז אַ מאַנסביל.

— טרעפֿלעך. פּאַניע יאַנאָווער, כ׳וויל רעדן מיטן פּאַן גאַנץ פּריוואַט. ווי אַ מאַן צו אַ מאַן. ס׳האָט גאַרנישט צו טאָן מיט מיינע אָפֿיציעלע פֿליכטן.

— מיט פֿאַרגעניגן.

— פּאַניע יאַנאָווער, דער פּראָצענט יידישע קאָמוניסטן איז אומגעהייער גרויס. די פּראָפּאָרציע איז איינפֿאַך פֿאַנטאַסטיש. ווייסן דאָס די יידישע אינטעליגענטן? וואָס טראַכטן זיי דעריבער?

— ס׳איז די יידישע לאַגע. מ׳לאָזט אונדז נישט צו נישט אין קיין אַמטן, נישט אין קיין פֿאַבריקן. דער אַנטיסעמיטיזם שאַפֿט דעם קאָמוניזם.

— אָנגענומען, אַז ס׳איז אַזוי. ווייסן די יידישע פֿירער, אַז דער קאָמוניזם פֿון די יידישע מאַסן רופֿט אַרויס אַ צענפֿאַכן, אַ הונדערטפֿאַכן אַנטיסעמיטיזם?

— מיר ווייסן דאָס אויך. ס׳איז אַ פֿאַרכּישופֿט ראָד.

— פּאַניע יאַנאָווער, כ׳וויל דעם פּאַן נישט שרעקן, אָבער ס׳איז אַן אומדערטרעגלעכער צושטאַנד. די יידן זיינען היינט־צו־טאָג די פֿאַרשפּרייטער פֿון באָלשעוויזם אויף דער גאַנצער וועלט. כ׳טרייב נישט איבער אויף קיין האָר: דאָס שטעלט אין געפֿאַר די יידישע ראַסע.

— אָבער וואָס קאָנען מיר טאָן? מיר האָבן נישט דאָ אין פּוילן קיין שום מאַכט. די יידישע גמינע האָט נישט קיין איינפֿלוס אויף דער יוגנט. די איינציקע רעטונג איז: מ׳זאָל אונדז געבן פּאַלעסטינע. אין אייגענעם לאַנד וועלן מיר קאָנען אָננעמען די געהעריקע מאָסמיטלען.

— דער פּאַן איז, אַלזאָ, אַ ציוניסט?

— כ׳זע נישט קיין אַנדער אויסוועג.

— כ׳וויל דעם פּאַן נישט פֿאַרשאַפֿן קיין פֿאַרדרוס, אָבער דער ציוניזם איז אַ דורכפֿאַל. פּאַלעסטינע קאָן נישט אַריינגעמען דעם צופֿלוס פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג אין פּוילן. כ׳רעד שוין נישט פֿון אַנדערע לענדער.

— אָן אַ היים זיינען מיר פֿאַרלוירן.

— גיט זיך דער פּאַן אָפּ אַ רעכענונג, אַז מ׳קאָן נישט זיין קיין פּוילישער בירגער און גלייכצייטיק שטרעבן אָוועקצוואַרפֿן די זעלבע בירגערשאַפֿט און אָננעמען אַן אַנדערע? שטעלט דאָס אייך נישט אַוועק אין בעסטן פֿאַל פֿאַר צייטווייליקע בירגער?

— מיר יידן זיינען אין אַ לאַגע, אַז מיר האָבן פֿאַרלוירן די איניציאַטיוו. מיר זיינען אוממעכטיק סיי אין באַצוג צו די קריסטן, סיי צו אונדזערע אייגענע ברידער. אויב די פֿעלקער ווילן אונדז לאָזן לעבן, מוזן זיי געפֿינען אַ מיטל.

— וואָס פֿאַר אַ מיטל? פֿון ריין דעמאָקראַטישן שטאַנדפּונקט קאָן מען נישט נעמען אַן אַראַביש לאַנד און דאָרט גרינדן אַ יידישע מלוכה.

— וואָס איז דעם פּאַנס עצה?

— כ׳ווייס נישט, מיין ליבער יאַנאָווער. האָט איר געלייענט דאָס בוך „די דעמערונג פֿון ישראל״?

— ניין. כ׳האָב עס געזען אין אַ שוי־פֿענסטער.

— אַ באַלערנד ווערק, אָבער דורכויס פּעסימיסטיש. כ׳האָב געשמועסט דערוועגן מיטן פּולקאָווניק. אויף ווידערזען, פּאַניע יאַנאָווער. זאָל אונדז דער פּאַן אַנטשולדיקן די אומאַנגענעמלעכקייטן. דער פּאַן איז פֿריי.

— כ׳דאַנק פֿיל מאָל. ס׳איז אַ טרויעריקע סיטואַציע.

— די צייט לעזט אַלע פּראָבלעמען. אַהין אָדער אַהער. אַדיע.

הערץ יאַנאָווער איז אַרויס. פֿון יענער זייט טיר האָט געלויערט דער פּאָליציאַנט. דער אַרעסטאַנט האָט נאָך געמוזט דורכמאַכן אַ פּאָר פֿאָרמאַליטעטן. ער האָט געדאַרפֿט אונטערשרייבן אַ פּאַפּיר, צוריקקריגן דאָס געלט, די שלייקעס, די שיכבענדלעך.

## קאַפּיטל דריי און פֿופֿציק

נעבן דער דייטשער גרענעץ, נישט ווייט פֿון מלאַווע, האָט די אגודה שלומי אמוני ישראל אָפּגעדונגען אַ גוט ביי אַ יידישן פּריץ. פֿרומע בחורים, וואָס ווילן עולה־זיין קיין ארץ־ישראל, האָבן זיך דאָרט געלערנט ערד־אַרבעט. מ׳האָט אַריינגעשטעלט אין אַ שטוב אַן ארון־קודש מיט ספֿרים. מ׳האָט געדונגען קעכינס, וואָס גיבן אַכטונג אויף כשרות. מ׳האָט אַלץ צוגעגרייט על פּי רוח התּורה והמסורה. גאַנץ פֿרי האָבן די יונגעלייט געדאַוונט מיט מנין, צוזאַמען געלערנט אַ דף גמרא. דערנאָך האָט מען זיך געוואַשן צו שאַר־ידיכם, געגעסן איבערבייס. נאָכן בענטשן מזומן איז יעדער אַוועק צו זיין מלאכה: ווער אויפֿן פֿעלד, ווער אין שטאַל, ווער אין שייער. אין אָנהויב האָבן די פּויערים פֿון דער געגנט געלאַכט אויס די אויסגעאיידלטע יונגעלייטלעך אין די קאַפּלען, לייבסערדאַקן, לאַנגע קאַפּאָטעס. די יידישע אינטעליגענטן פֿון די נאָענטע שטעטלעך האָבן פֿאַרפֿאַסט וועגן די באַנק־קוועטשער אַלערליי שפּאָט־לידלעך. אָבער ס׳האָט זיך אינגיכן אַרויסגעוויזן, אַז מ׳קאָן לייגן תּפֿילין, טראָגן ציצית, היטן שבת, און דאָך זיך אויסטויגן אין לאַנדווירטשאַפֿט. אויף די פֿעלדער, וואָס די ישיבה־בחורים האָבן פֿאַרזייט, האָבן נאָך פּסח אַרויסגעשפּראָצט גרינע זאַנגען. אַלץ איז געראָטן: דער קאָרן, דער ווייץ, די קאַרטאָפֿל, דאָס קרויט, די בוראַקעס. נאָכן שניט האָט די אגודה איינגעלאַדן אין דער פּאָסעסיע פֿאָרשטייער פֿון די יידישע צייטונגען אין פּוילן און אַמעריקע. מ׳האָט אויפֿגעשטעלט לכּבוד די גרויסשטאָטישע געסט אַ טויער געפֿלאָכטן פֿון צווייגן, באַהאָנגען מיט עפּל, באַרן, דיניעס, אַנדערע פֿרוכטן פֿון גאָרטן. אויבן האָט מען פֿון גראָזן און בלימלעך צונויפֿגעשטעלט די ווערטער: ברוך הבא. נאָכדעם ווי די קאָרעספּאָנדענטן האָבן אָפּגעגעסן די סעודה —

ציבעלעס מיט שמאַלץ, פֿיש, לאָקשן מיט יויך, פֿלייש, פֿלוימען־צימעס — האָבן די עסקנים געהאַלטן פֿאַר זיי דרשות. אַלע רעדנער האָבן פֿאַרלאַנגט, אַז די יידישע אַגענץ זאָל צוטיילן סערטיפֿיקאַטן קיין ארץ־ישראל אויך פֿאַר די אָר־טאָדאָקסן. יאָ, אויך די אגודה האָט איינגעזען, אַז יידן אין פוילן ווערן דער־שטיקט. אויך זי האָט זיך אויף איר שטייגער אַ נעם געטאָן צו ישוב־הארץ.

ווען ר׳ משה־גבריאל האָט אין ביאַלאָדרעוונע דערהערט די נייעס, האָט ער געשאָקלט מיטן קאָפּ. ס׳איז געווען פֿאַר אים נאָך אַ וואָרצייכן, אַז די אגודה גייט אויפֿן וועג פֿון די אַפּיקורסים. זיי טוען אַלץ נאָך די אויפֿגעקלערטע. אין דער צייטונג זייערע, „דאָס יידישע טאָגבלאַט״, נוצן זיי דאָס לשון פֿון „היינט״ און פֿון „מאָמענט״. זיי דרוקן אַלערליי לידער און ראָמאַנען, וואָס כאָטש ס׳שמועסט זיך וועגן פֿרומע ענינים, האָט עס פֿאָרט אַ ביי־טעם פֿון אַפּיקורסות. אין די חדרים זייערע לערנט מען גויישע לימודים. די מוער פֿאָרן אַרום אויף קאָנ־פֿערענצן, מישן זיך אויס מיט ציוניסטן, גלוחים. ניין, לא זו הדרך. מ׳לייגט אַריין די טומאה אין דער יראה. ר׳ משה־גבריאל האָט געהאַט פֿאַריבל אויפֿן גורער רבין, דעם ראַדיזמינער, דעם סאָקאָלאָווער, די אַנדערע אדמורים, וואָס לאָזן זיך נאַרן פֿון די באַהאַלטענע כופֿרים. ער האָט געגעבן גערעכט דעם מונקאַטשער רבין, וואָס האָט אָנגערופֿן די אגודהניקעס רשעים, זיי אַריינגעוואָרפֿן אין חרם. ר׳ משה־גבריאל האָט געוואוסט, אַז אויב מ׳דערלאַנגט דעם שטן אַ פֿינגער, כאַפּט ער אַריין די גאַנצע האַנט. ווי באַלד מ׳געוויינט־צו בחורים צו ביכער, וועלן זיי שפּעטער, חלילה, לייענען פּרצן, לויפֿן אין די טעאַטערס, אַראָפּוואַרפֿן דעם עול. די רביים אַליין פֿירן נעבעך דאָס יונגוואַרג צו שמד.

ר׳ משה־גבריאל האָט וויפֿל מאָל געוואָרנט די מנהיגים פֿון פוילן. ער האָט געשריבן בריוו, אַפֿילו געלאָזט אָפּדרוקן אַ ספֿרל וועגן דעם ענין, צעשיקט בכל תּפֿוצות ישראל. אָבער קיינער האָט זיך צו אים נישט צוגעהערט. ער האָט אַכטונג געגעבן ווי וויט ר׳האָט געקאָנט, אַז קיין שום ביאַלאָדרעוונער חסיד זאָל נישט געהערן צו דער אגודה. ער האָט ביי יעדער געלעגנהייט דערמאָנט די גמרא: לא תתגודדו, לא תעשו אגודות אגודות...

ר׳ אהר׳לע, דער רבי, ר׳ משה־גבריאלס זון, האָט אויבן־אויף געהאַלטן מיטן פֿאָטער, אָבער מקורבים האָבן געהערט, אַז ר׳ אהר׳לע האָט ספֿקות. דאָס יונגוואַרג אין פוילן איז אָפּגעפֿאַלן פֿון יידישקייט. די בתי־מדרשים און די שטיב־לעך זיינען געשטאַנען ליידיק. ס׳איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אַ בחור מיט אַ בערדל און פּאות איז שווער צו טאָן אַ שידוך, וואָרים ס׳רוב מיידלעך זיינען קאַליע. די אַפּיקורסישע פּאַרטייען האָבן אַ סך וועגן ווי אַריינצוציען אין דער נעץ. אויב מ׳עט זיך נישט קעגנשטעלן מיט אַלע כּוחות, איז עתידה תּורה שתשתכח מישראל. טיף אין האַרץ האָט ר׳ אַהר׳לע געטראַכט, אַז די מעשה, וואָס ארץ־ישראל וועט ווידער באַזעצט נאָך צוויי טויזנט יאָר חורבן, איז נישט קיין קלייניקייט. אמת, דער דאָקטאָר הערצל און די אַנדערע ציוניסטן זיינען גע־ווען גויים גמורים, אָבער די זאַך איז פֿאָרט פֿון הימל. מ׳האָט אויפֿגעבויט אַ יידישע שטאָט. מ׳רעדט לשון־קודש. יידן האָבן אָװעקגעוואָרפֿן דעם האַנדל־וואַנדל און זיינען נהנה מיגיע כּפּים. מ׳קאָן דאָס אַלץ נישט אָוועקמאַכן מיט דער

האָנט. ווער ווייסט? אפֿשר איז דאָס אתחלתא דגאולה? דעריבער, ווען ר׳ אַהר׳לע האָט זיך דערוואוסט, אַז שטיבל־בחורים האָבן זיך גענומען צום אַקערן, זייען, האַקן האָלץ, פּאַשען בהמות, אַלץ אונטער דער השגחה פֿון רבנים און חרדים, האָט דאָס אים גרייליך געטאָן הנאה. ער האָט אָבער געשוויגן, נישט מצער צו זיין דעם פֿאָטער.

אויף די ימים־נוראים איז הײַ־יאָר געקומען קיין ביאַלאָדרעוונע אַ קלײנער עולם. אַפֿילו ראש־השנה איז דאָס בית־מדרש געווען האַלב־ליידיק. אַ סך חסידים האָבן געליטן דחקות, נישט פֿאַרמאָגט אויף הוצאות. אַנדערע — יידן זקנים — האָבן נישט געהאַט קיין כּוח צו פֿאָרן. קיין פּדיונות האָט ר׳ אהר׳לע נישט גענומען. דער הויף וואָלט זיך צעפֿאַלן ווען די מאַמע, לאה, וואָלט נישט צוגעשיקט קיין געלט פֿון אַמעריקע. ישראל־אלי משמש האָט געעפֿנט אַ געוועלבל, וואָרים פֿון שמשות האָט ער נישט געקאָנט ציען פּרנסה. ער איז געקומען אין הויף בלויז אינדערפֿרי און צו מנחה־מעריב. מ׳האָט אים אויך נישט באַדאַרפֿט, ווײַל ר׳ משה־גבריאל און ר׳ אהר׳לע האָבן זיך נישט געלאָזט באַדינען. ר׳ משה־גבריאל איז אַ גאַנצן טאָג געזעסן ביי זיך אין שטיבל, אויפֿן גאָרן. בײַנאַכט האָט געלויכטן דער לאָמפּ ביז שפּעט. ר׳ משה־גבריאלס בערדל איז שוין געווען אינגאַנצן ווייס. יאָרן זײַנען אַריבער און ער האָט נישט באַנייט קיין מלבוש, פֿונדעסטוועגן האָט מען נאָך אַלץ נישט געפֿונען אויף זײַן קאַפּאָטע קיין שפּרענקעלע, ווי ס׳שטייט: תּלמיד חכם שנמצא רבב על בגדו חייב מיתה. דער גאָלדענער זייגער, וואָס ר׳ משה גבריאל האָט באַקומען אַ חתן־מתּנה פֿון ר׳ משולם מושקאַט, איז נאָך אַלץ געגאַנגען צו דער מינוט. ר׳ משה גבריאל האָט אַלץ געטאָן מיט אַ סדר. מיטן טאָג צוגלייך האָט ער זיך איבערגעוועקט, געוואַשן נעגל־וואַסער, איז אַוועק אין דער קאַלטער מקווה. דערנאָך האָט ער זיך אַוועקגעזעצט לערנען אַ שיעור גמרא מיט תּוספֿות, מפֿרשים, פּוסקים. ער האָט געברומט, געטרונקען טיי פֿון סאַמאָוואַר, געוויקלט פּאַפּיראָסן. פֿון מאָל צו מאָל האָט ער אַרויסגענומען פֿון שופֿלאָד אַ שניצל פּאַפּיר, פֿאַרשריבן אַ חידוש, בקיצור נמרץ, נישט אויף צו דרוקן, נאָר פֿאַר זיך אַליין. צוויי אַזייגער בײַטאָג איז ער אַראָפּ אין בית־מדרש, געלייגט טלית־ותפֿילין, געדאַוונט ביחידות, גיך־גיך, אויפֿן קאַצקער שטייגער. דאָ האָט ער זיך געשטעלט שמונה־עשרה, באַלד איז ער אויסגעשטאַנען. ער האָט געמורמלט, געשוויגן, געגאַפּט. ס׳איז שווער געווען צו באַנעמען ווי ער קאָן זאָגן אַזוי גיך אַלע תּפֿילות. ער האָט דערביי אַרומגעשפּאַנט אַהין און צוריק, פֿון מזרח צו מערב, פֿון צפֿון צו דרום.

נאָך שחרית האָט די דינסט געגרייט אַ האַלבן טיש, אַרויפֿגעבראַכט ר׳ משה־גבריאלן אַ טעלער גריץ, אַ שטיקל רינדער־פֿלייש, אַ פּעניצל געבייטלט ברויט. ער האָט געגעסן אַזוי גיך ווי ער האָט געדאַוונט. מ׳האָט רעכט נישט געזען ער זאָל קייען. ער האָט דערביי אַרייַנגעקוקט אין אַ מוסר־ספֿר: אַ ראשית־חכמה, אַ חובת הלבבות. מער האָט ר׳ משה־גבריאל נישט פֿאַרזוכט קיין שפּייז ביז מאָרגן אין דער צייט. נאָכן מאַלצייט האָט ער זיך אַנגעלענט אויפֿן בעט, געדרימלט. דערנאָך פֿלעגט ער אַראָפּקומען, זיך איבערגיין אַהין־און־צוריק איבערן גאָרטן, וואָס זומער איז ער געווען באַוואַקסן מיט אומקרויט און ווינטער איז דאָ געלעגן

הויך דער שני. ווען ס׳איז שוין געווען שטאָק־פֿינסטער. נאָר מעריב, איז ער צוריק אַוועק צו זיך, געלערנט חומש מיט רש״י, תנ״ך, משניות, זוהר, תיקונים, עץ־החיים, תולדות יעקב יוסף, ספֿרא דצניעותא. ס׳איז אים געבליבן די געוואוינהייט זיך צו שפּילן מיט פֿייער. ער האָט אויפֿגעשרויפֿט דאָס דעקל פֿון אויוון, געשאַרט מיט אַ שאַר־אײַזן צווישן די קוילן, דעם אַש, זיך אײַנגעקוקט אין די פֿלאַמען. ער האָט אָנגעצונדן אַ פּאַס פּאַפּיר, דורכגעשטעקט אַ נאָגל דורכן פֿלעמל. ער האָט זיך אויפֿגעזאָטן טיי. ער האָט אַליין אײַנגעהייצט, אָנגעהאַקט קין מיט אַ האַקמעסער, אַרײַנגעטראָגן פֿון פֿירהויז די שײַטלעך האָלץ. ער האָט אַרײַנגעגאָסן פֿון אַ באַנקעלע נאַפֿט אין דער באַניע, אָפּגעשנויצט די קנויט, אָפּגעפּוצט דאָס גלעזל, גערייניקט דעם ברענער, דאָס קאַפּסל. צומאָל פֿלעגט ער זיך אַוועקשטעלן בײַם פֿענסטער און אַרויסקוקן צו דער לבֿנה, די שטערן, די פֿאַרנעפּלטע פֿייערלעך, וואָס האָבן געגלימערט אין די הינטערשטאָטישע הײַזלעך און דערפֿער, אַרומגענומען מיט פּאַמסענע ראָנדן. די תאוות־בשר איז ער שוין לאַנג געהאַט בײַגעקומען. ער האָט קיינמאָל נישט געזען קיין קרי. זעלטן פֿלעגט קעגן נאַכט־צו אַ נאָג טאָן אונטערן לעפֿעלע. ס׳האָט אים אָנגעשמעקט אַ יאַיכל, אָדער אַביסל קאַשע, אָבער ס׳איז געווען אַ תענוג צו האָבן אַ געלייטערטן מאָגן, אַ ריינע צונג. ער האָט יעדן דריטן טאָג אײַנגענומען ביטער־זאַלץ. אַמאָל פֿלעגט אַרויפֿקומען אַ חסיד, אַ מקורבֿ, און ר׳ משה־גבֿריאל איז מיט אים אָפּגעזעסן אַ פּאָר שעה. צומאָל איז אַרײַנגעפֿאַלן דער זון, ר׳ אַהר׳לע, דער רבי. ר׳ משה־גבֿריאל האָט זיך אויפֿגעשטעלט.

— ברוך הבא. עלעהיי וואָלסט נאָך מיר געשיקט!

— זיך, טאַטע. האָלטסט אין מיטן לערנען?

— ניש־קשה...

טאַטע און זון האָבן מער געשוויגן ווי גערעדט. ר׳ משה־גבֿריאל האָט געוואָרפֿן אויף אהר׳לען זײַטיקע בליקן. דאָס פּנים איז געווען אײַנגעפֿאַלן, געלבלעך. די אויגן האָבן אַרויסגעשטאַרצט פֿון די אויסהוילונגען. אין האַלדז איז אַרומגעלאָפֿן דער גאָרגל. די געקרײַזלטע פּאות האָבן פֿון מאָל־צו־מאָל זיך געטאָן אַ וואָרף, ווי לעבעדיק. אהר׳לע האָט אונטערגעברומט, זיך געשאָקלט, ווי בײַ אַ ספֿר.

— טאַטע, כ׳האָב דערהאַלטן פֿופֿציק טאָלער פֿון אַמעריקע.

— האָ? נו, נו.

— זלאַטעלע שרײַבט דיר צו אַ גרוס.

— יישר כּוח.

— וואָלסט אפֿשר געברויכט שרײַבן אַ קאָרטל?

— עט...

ר׳ משה־גבֿריאל האָט זיך אָנגענומען בײַם בערדל. ס׳איז אים געווען אַ חידוש אויפֿן זון. צו וועמען זאָל ער שרײַבן? זיי היטן נישט קיין ייִדישקייט. אַפֿילו די רבנים זײַנען דאָרט פּושעי־ישראל. אהר׳לע האָט פֿאַרשטאַנען דעם פֿאָטערס מחשבֿות, נאָר ער האָט אויך דערין מיט אים נישט מסכּים געווען. אַוודאי זײַנען זיי אויף יענער זײַט ים נישט קיין צדיקים, זשעער אף על פי שחטא ישראל

הוא. דער שורש איז אַ הייליקער. ווער ווייסט? גראָד ס׳נייע דור קאָן אויפֿ־
וואַקסן בעסער. פֿון אָפּפֿרעמדן זיך קומט נישט אַרויס קיין גוטס. אהר׳לע האָט
געהאַט חשק דאָס צו זאָגן, נאָר ער האָט זיך נישט געוואָלט שפּאָרן מיטן טאַטן.
וויבאַלד ער, אַהר׳לע, איז רבי, מוז ער אָן אים נוהג כּבוד זיין מער ווי געוויינלעך.

## קאַפּיטל פֿיר און פֿופֿציק

### 1

עוזר־העשל האָט די לעצטע יאָרן אַלץ אָפֿטער איינגעזען, אַז ער האָט דעם חשבון
פֿון זיין נשמה געבויט אויף אַ פֿאַלשער הנחה, וואָס פֿון איר האָבן אַרויסגע־
שפּראָצט אומצאָליקע גרייזן. נאָר וואו דער טעות ליגט און צי מ׳קאָן אים נאָך
פֿאַרריכטן, האָט ער נישט געוואוסט. ער האָט געצווייפֿלט אין דער עקזיסטענץ
פֿון אַ פּערזענלעכן גאָט; אָבער איז דען נישט דאָס גאַנצע דור באַשטאַנען פֿון
סקעפּטיקער און מאַטעריאַליסטן? ער האָט פֿון מאָל־צו־מאָל אָפּגענאַרט הדסהן;
אָבער האָבן דען דאָס נישט געטאָן ס׳רוב מאַנסלייט פֿון זיין סביבה? ניין, ער
איז מאָראַליש נישט געשטאַנען נידעריקער פֿון די אַנדערע, אפֿשר נאָך העכ־
כער. אין דער קאַריערע האָט ער, וואָס אמת, ווייט נישט דערגרייכט. אָבער ער
איז נאָך אַ יונגערמאַן פֿון עטלעכע־און־דרייסיק. אויב ער האָט וואָרהאַפֿטיק אַן
אייגענעם סיסטעם, איז נאָך דאָ גענוג צייט אים צו אַנטוויקלען. אויב, ווידער, ער
האָט גאָרנישט וואָס צו זאָגן, איז דאָס נישט קיינעמס שולד. פֿון וואַנען־זשע נעמט
זיך דער קאַצעניאָמער? וואָס רופֿט־אַרויס דעם נאָגנדיקן טרויער, דעם פֿאַר־
לאַנג צו זעלבסטמאָרד, די לאַנגווייל, די גלייכגילטיקייט צו דער משפּחה, די
כראָנישע קריגערייען מיט הדסהן, וואָס נעמען־אָן דעם כאַראַקטער פֿון אַ משו־
געת? דערויף האָט עוזר־העשל זיך נישט געקאָנט ענטפֿערן. דער נערוון־דאָק־
טאָר אָרלינסקי האָט אים יעדעס מאָל פֿונסנייַ פֿאַרשריבן פּילן, איינשפּריצונ־
גען, נאָר די נערוועזיטעט איז דערפֿון נישט געוואָרן מינדער. ער האָט געלייענט
די ווערק פֿון פֿרויד, יאָנג, אַדלער, נאָר ער האָט אין דער פּסיכאָ־אַנאַליז נישט
געפֿונען קיין באַשייד צו זיין רעטעניש. מער פֿון אַלץ האָבן אים פֿאַרחידושט די
רייסעניש מיט הדסהן. דאָ האָט ער זי געקושט, געצערטלט, איר געקויפֿט מתּנות,
און מיט אַמאָל, צוליב אַ קלייניקייט, איז אויסגעבראָכן אַ מלחמה. מ׳האָט זיך גע־
זידלט, געשאָלטן, געפּאַטשט. יאַדוויגאַ, די דינסט, האָט געקאָכט, נאָר די גע־
קעכטסער זיינען געוואָרן איבערגעשטאַנען. דאַשקע האָט געוויינט, נאָר די מו־
טער האָט זיך מיט איר נישט אָפּגעגעבן. הדסה איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ פֿאַר־
בונדענעם קאָפּ, געבעטן אויף זיך דעם טויט. זי האָט גענומען שלאָף־פּילן, נאָר
זי האָט נישט צוגעטאָן קיין אויג. דאָ האָט זי אָנגעצונדן דעם נאַכט־לאָמפּ, דאָ
האָט זי אים אויסגעלאָשן. דאָ האָט זי גערעדט פֿון אַ גט און דאָ — פֿון סם.
דאָס ליכט זאָל אים נישט שטערן האָט עוזר־העשל זיך איבערגעדעקט מיט דער
קאָלדרע איבערן קאָפּ, געבליבן ליגן אַן איינגעהילטער ווי אַ מת. ער האָט גע־

האָט ביי זיך אָפּגעפּאַסט, ווי ווייט מעגלעך צו רוען אין די צוויי וואָכן ווינטערדיקע וואַקאַציע. ער האָט געוואָלט לייענען, איבערקוקן זיינע כּתבים, ענטפֿערן אויף פֿאַרלעגענע בריוו. אָבער ס'איז נישט געווען קיין מינוט מנוחה. וואָס טוט זיך דאָ? — האָט ער זיך געפֿרעגט. — ווי האָט זיך דער סקאַנדאַל אָנגעהויבן? יאָ, כ'האָב מיך אַרויסגעכאַפּט, אַז זי האַלט צו־לאַנג ס'ביכל פֿון ביבליאָטעק. וואָס האָט זי געענטפֿערט? אויב כ'האָב געלט פֿאַר דינהלען, פֿאַר אידלען, די אַנדערע נקבות, דאַרף איך איר נישט שפּאָרן די פּאָר גראָשן. יאָ, ס'איז איר שולד. זי האָט נישט קיין רעכט אַריינצופֿאַלן אין אַזאַ היסטעריע, אַז כ'זאָג אַ וואָרט. דינהלע איז נישט קיין נקבה... וואָס רודערט זי? וואָס קאָכט אין איר די יוכע? וואָס, צו אַלדי רוחות, האָב איך פֿון איר? זי איז נישט קיין ווייב, נישט קיין באַלעבאָסטע. אַלץ וואָס זי קאָן איז — לייענען אידיאָטישע שונד־ראָמאַנען. פֿאַרבליבן אַ פּאַניענקע... פֿאַר אַ צולאָג איז זי געוואָרן קאַלט...

עוזר־העשל האָט זיך געטאָן אַ וואָרף. דער מאַטראַץ האָט אַ קלינג געטאָן מיט די שפּרינגפֿעדערס.

ווען איז דאָס געשען? ווי אַזוי? מיר האָבן זיך דאָך ליב געהאַט. גאַנץ וואַרשע האָט דאָך גערעדט פֿון אונדזער ליבע! דאָס וואָס זי האָט פֿריער געזאָגט וועגן פֿישעלען איז פֿע... גאָט אין הימל, הדסה זאָל אַזוי נידעריק פֿאַלן! וויינינגער איז גערעכט: אין יעדער פֿרוי שטעקט אַ זונה... נו, און וואָס איז מיט מיר? צו וואָס האָב איך זיך פֿאַרפּלאָנטערט אין די אַלע ליגנס? וואוהין וועט דאָס אַלץ דערפֿירן? כ'בין דאָך שוואַך און קראַנק. וואו האָט זיך גענומען צו מיר אַזאַ תאווה? אַנשטאָט צו קלערן פֿון דער אַרבייט, טראַכט איך אָן אויפֿהער פֿון דער משומדת... יענע האָט מיך אַפֿילו נישט אין זין...

אין דער רגע האָט זיך צעקלונגען דער טעלעפֿאָן אין קאַבינעט. עוזר־העשל האָט געמיינט, אַז ס'איז דער וועקזייגער. ער האָט אָפּגעהויבן די דעקע, זיך אויפֿגעזעצט, אָנגעשפּיצט דאָס געהער. ווער קאָן דאָס קלינגען אַזוי שפּעט? ער האָט געהערט ווי הדסה הויבט זיך אויף, שטעקט אָן די שטעק־שיך, עפֿנט אַ טיר. זאָל דאָס זיין צו איר? אפֿשר ציט זי זיך טאַקע אַרויס? ס'אַ חרפּה פֿאַר דער שיקסע... הדסה האָט זיך אומגעקערט.

— ס'איז צו דיר!

— ווער איז דאָס?

— אַ מויד...

— אַ מויד? צו מיר? אין מיטן דער נאַכט? ווער איז זי?

— ווייסט זי דער טייוול!...

עוזר־העשל האָט זיך אויפֿגעהויבן מיט אַ זיפֿץ. זאָל אידל האָבן די דרייסט אים אָפּצורופֿן אין דער שעה? אפֿשר האָט, חלילה, עפּעס פּאַסירט מיט דאַווידקען? אויפֿן וועג האָט ער זיך אָנגעשטויסן אָן אַ קאַנט פֿון דאַשקעס בעטל. ער האָט באַקומען אַ קלאַפּ אין דער קני. אין קאָרידאָר האָט געברענט דער עלעקטרישער לאָמפּ. עוזר־העשל האָט זיך דערזען אין וואַנט־שפּיגל אַ צעשויבערט געשטאַלט, אַן איינגעפֿאַלענע ברוסט, אויפֿגעשטעלטע האָר, אַ בלאַס פּנים, פֿאַרשלאָפֿענע וויעס. ער האָט אויפֿגעהויבן דאָס רערל.

— ווער רעדט ?

— כ'האָב איך אויפֿגעוועקט, הע ? אַנטשולדיקט פֿיל מאָל. ס'איז אַן אויסער־געוויינלעכער פֿאַל. דאָ רעדט באַרבאַראַ —

— יאָ, פאַננאַ באַרבאַראַ.

— מ'האָט געמאַכט ביי אונדז אין שטוב אַ רעוויזיע — האָט די פאַננאַ באַר־באַראַ געזאָגט מיט אַ צוגעדושעטער שטים. — מ'האָט מיך געוואָלט אַרעסטירן. ס'איז מיר געלונגען צו אַנטלויפֿן. מ'האָט זיך געפֿרעגט אויף אייך אויך...

— אויף מיר ? וואו געפֿינט זיך די פאַני ?

— אויפֿן הויפּט־וואָקזאַל. כ'ווייס נישט וואָס מ'טוט. כ'האָב נישט ביי מיר נישט קיין פאַס, נישט קיין געלט.

עוזר־העשל האָט געשוויגן. ער האָט דערהערט דאָס סאָפּען פֿון דער איי־גענער נאָז.

— וואָס זאָל איך טאָן ?

— דער פאַן קאָן אפֿשר אַריבערקומען ? איכ'ל דעם פאַן אַלץ דערציילן. זאָל דער פאַן מיטנעמען אַ וואַליזע.

— צו וואָס עפּעס ?

— דער פאַן זאָל אויסזען ווי אַ פּאַסאַזשיר. אַדיע !

די פאַננאַ באַרבאַראַ האָט אויפֿגעהאַנגען דאָס טרייבל. עוזר־העשל איז נאָך לאַנג געשטאַנען און געגאַפֿט. דער לאָמפּ אויפֿן שרייב־טיש האָט געוואָרפֿן אַ צעשויבערטע שיין. ס'זיינען דאָ געלעגן אָנגעוואָרפֿן העפֿטן צום פֿאַרריכטן, ציי־טונגען, פּאַפּירן. הדסה איז אַריינגעקומען מיט אַ טיכל אַרום שטערן, אין אַ נאַכט־העמד ביז די קנעכלען, דאָס פּנים ווייס.

— וואָס טוט זיך דאָ ? דו לאָזסט מיך שוין נישט רוען ביינאַכט אויך ?

— הדסה, מ'וויל מיך אַרעסטירן !

— אַרעסטירן ? פֿאַרוואָס ?

— כ'ווייס נישט. כ'מוז גלייך אַוועק פֿון שטוב. ס'איז אַלץ, אַפּנים, צוליב דעם הערץ יאַנאָווער. ער האָט אָנגעגעבן אַלעמענס אַדרעסן — —

הדסה איז געוואָרן פֿאַרשוויגן. זינט מאַשעס זעלסטמאָרד־פֿאַרזוך און דעם פֿעטער אַבראַמס האַרץ־אַטאַק אין דער קיך פֿון אַ דינסט, אַ גנבטע, איז הדסה קאַפּאַבל געווען צו גלויבן אין די אויסטערלישסטע טראַפֿן. באַלד האָט זי אַ שאָקל געטאָן דעם קאָפּ, ווי אויף ניין.

— ווער איז די פֿרוי ? דו זאָגסט ליגן !

— ס'איז די וואָר. כ'שווער ביי אַלדאָס הייליקע.

— כ'גלויב דיר מער נישט קיין שבועה. ביזט אַ ליגנער און אַ פֿאַררעטער. קאָנסט גיין צו דעם אויסוואורף. קום מער קיינמאָל נישט צוריק ! קיינמאָל ! קיינמאָל !

הדסה האָט פֿאַרבראָכן די פֿינגער. טרערן האָבן זיך איר געגומען קייקלען איבער די באַקן. עוזר־העשל האָט זיך אומגעקערט אין שלאָפֿצימער, זיך אָנגע־טאָן אין איילעניש. ער האָט אין דער פֿינסטער זיך געפֿאָרעט מיט דעם קראַגן, ספּינקעס, פֿאַרבונדן דעם קראַוואַט, געשנורעוועט שיך־בענדלעך. די מידקייט איז

אָפּגעטראָטן. ס'זיינען אין אים אויפגעקומען נייע כּוחות, וואָס וואַרטן ערגעץ פאַרבאָרגענע אין די טיפענישן פון נערוון־סיסטעם. דאַשקע האָט זיך איבערגעוועקט.

— טאַטוש, וואָס טוסטו?

— שלאָף, כ'טו מיך אָן.

— וואו גייסטו?

— כ'על באַלד צוריקקומען.

— האָסט געשלאָגן די מאַמושאַ?

— גאָט באַהיט? וואָס פאַלט דיר איין?

— זי וויינט...

פון מיטל־שטוב האָט זיך דערטראָגן אַ שלוכצן, אַ הוסטן. עוזר־העשל האָט געוואָלט אַריינגיין צו הדסהן, איר אויסרעדן, פונסניי זי פאַרזיכערן, אַז ער איז געצוואונגען אַוועקצוגיין, — נאָר ס'וואָלט זיך פאַרצויגן אין דער לאַנגער באַנק. ס'איז איצט בעסער צו בלייבן ברוגז. ער האָט געעפנט די קליידער־שאַנק, געפונען אין דער געדיכטעניש אַ רענצל. ער האָט בלינדערהייט אַרויסגעקראָגן פון דער קאָמאָדע העמדער, זאָקן, נאָז־טיכלעך. ער איז אַריין אין מאַנטל און אין קאַפּעליוש. הדסה האָט זיך אומגעקערט. דאָס נאַכט־העמד האָט זיך געוויסט אין חשכות.

— כ'על דיך נישט לאָזן גיין!

— דו ביסט נאָך נישט דער הערשער דאָ אין הויז!

— עוזר־העשל, פאָלג מיך, בלייב דאָ! — האָט הדסה גענומען רעדן מיט געבעט. — לאָז מיך נישט איבער אַליין, עוזר־העשל! האָסט מיך שוין גאָרנישט ליב?...

עוזר־העשלען האָט זיך עפּעס ווי אָפּגעריסן אין האַרץ. ער האָט זי געוואָלט איבערבעטן, נאָר ס'איז נישט געווען קיין צייט. ער איז אַרויס מיטן האַרבן לשון.

— וואָס האָסטו דיך אַוועקגעשטעלט ווי אַן אידיאָטקע? כ'גיי נישט צוליב פאַרגעניגן. די פרוי האָט געפונען פאַר נויטיק מיך צו וואָרענען. אַ באַנדע משוגעים, די פאָליאַקן!

— וואו לויפסטו? ס'איז אין מיטן דער נאַכט. די פרוי וויל דיך אומברענגען!...

הדסה האָט אים אָנגעכאַפּט ביי אַ לאַץ, אים פאַרשפּאַרט דעם וועג. ער האָט זיך אַרויסגעריסן, זי אָפּגעשטופּט. דאַשקע האָט זיך צעוויינט.

— טאַטוש, דו שלאָגסט זי!...

עוזר־העשל איז אַרויס, גיך געהיפּערט איבער די טרעפּ. אין הויף איז ער געבליבן שטיין. אין אַלע פענסטער איז שוין געווען פאַרלאָשן דאָס ליכט. ביים סטרוזש איז מען שוין, ווייזט אויס, געשלאָפן. דאָס פענסטער אין פאַרטער איז געווען פאַרהאַנגען. גראַד האָט עמעץ אָנגעקלונגען פון דרויסן. אַ הונט האָט זיך צעבילט. דער סטרוזש איז אַרויסגעקומען אין בלויזן העמד, מיט פאַרשאַרצטע

הויזן. ער האָט אַ קוק געטאָן מיט חשד אויף עוזר־העשלען, אויף דער וואַליזע, געפֿרעגט:

— דער פּאַן פֿאָרט אַוועק?

— יאָ, קיין לאָדזש.

— ס'איז דאָ אַ באַן אַזוי שפּעט?

— דער לעצטער צוג.

ס'האָט עוזר־העשלען באַלד געטאָן באַנג. אין פֿאַל פֿון אַן אויספֿאָרשונג קאָן אַזאַ ליגן ברענגען שאָדן. אָבער ס'איז געווען פֿאַרפֿאַלן. אינדרויסן איז איבערן אַקעגנאיבערדיקן דאַך געהאָנגען אַ מיטן־נאַכטישע לבנה אַרומגערינגלט מיט אַ פּערלמוטערן ראָד. אַ נאַכט־טראַמוויי איז אָנגעלאָפֿן, ליידיק און זיג־זאַגיש. עוזר־העשל איז אַרייַנגעשטיגן אין מיטן פֿאָרן. ער האָט געוואוסט, אַז ער פֿאַרקריכט אין אַ בלאָטע, פֿונדעסטוועגן האָט ער געהאַט אַ פֿאַרלאַנג, וואָס גיכער צו זיין אויפֿן וואָקזאַל. ס'האָט אים אַזש פֿאַרכאַפּט דער אָטעם. ס'האָט אים דערשטוינט דאָס אייגענע יאָגעניש. וואָס טוט זיך מיט מיר? — האָט ער זיך געפֿרעגט. — כ'בין פֿאַרליבט אין איר, אָדער וואָס? ער האָט באַצאָלט דעם קאָנדוקטאָר פֿאַר אַ טאָפּלטן קורס. ער האָט אָפּגעווישט אַ שטיקל פֿאַרהויכטע שויב, אַרויסגעקוקט אין דער גרויס־שטאָטישער צעשוואומענקייט. די געשעפֿט־אייגנטימער האָבן זיך לעצטנס געמאַכט אַ נייַע מאָדע: צו לאָזן די שוי־פֿענסטער באַלויכטן נאָכן פֿאַרשליסן, אויפֿן אויסלענדישן שטייגער. אויף דער מאַרשאַלקאָווסקע האָבן זיך אַרומגעשלענדערט גאַסן־פֿרויען. די אונטערגעהאַקטע אויגן האָבן געגלאַנצט מיט דער אומהיימלעכער לוסטיקייט פֿון יענע, וואָס שרעקן זיך מער נישט אַרייַנצוקוקן אין אָפּגרונט. עוזר־העשל איז אָפּגעשטיגן אַ שטיק פֿאַרן וואָקזאַל. ער האָט גענומען לויפֿן הענדום־פּענדום. דער זאַל איז געווען האַלב־ליידיק, באַלויכטן מיט אַ גרעלער שיין. די קאַסע־פֿענסטערלעך זיינען אַלע געווען אַראָפּגעלאָזט. די ווייזערס אויפֿן גרויסן זייגער האָבן געוויזן האַלב־צוויי. אַלץ איז דאָ געשלאָפֿן מיט אַ וואַכן הינטערוועגישן שלאָף. ס'האָט זיך אים דערמאָנט די נאַכט, ווען ער איז געפֿאָרן צו הדסהן קיין אָטוואָצק, אין דער ווילי־ראָזקאָש. גאָט אין הימל, ווען מען וואָלט אים דעמאָלט געוועזן געזאָגט, אַז ער'ט איבערלאָזן הדסהן אין דער היים און לויפֿן צו אַן אַנדערער! וואָס פֿאַר אַ משוגענער גורל וואַרפֿט מיט אים!... ער האָט זיך געטאָן אַ קער רעכטס, צו די בענק פֿון די פּאַסאַזשירן. די פּאַננאַ באַרבאַראַ איז געזעסן אין אַ קאַראַקולענעם זשאַקעט, אָן אַ הוט, מיט אַ בלוי רענצעלע. זי האָט געשמועסט מיט אַ דאַמע, וואָס האָט געהאַלטן אויף דער שויס אַ פּיצעלע הינטעלע. באַרבאַראַ האָט אים דערזען, זיך אויפֿגעהויבן, אים אַקעגנגעגאַנגען. זי האָט אויסגעשטרעקט אַ האַנט אין אַ זאַמשענער הענטשקע, אים אָנגעקוקט האַלב־פֿאַרזאָרגט, האַלב־פֿריילעך.

— כ'האָב געוואוסט, דער פּאַן וועט קומען.

— ווי אַזוי?

— דער פּאַן איז אַן אַוואַנטוריסט... גלייך ווי איך...

— מיר קאָנען דאָ נישט בלייבן — האָט ער געזאָגט. — מיר מוזן גלייך אַוועק פֿון דאַנען!

— וואוהין? ס'איז אַ ביטערע קעלט.

ער האָט ביי איר אַרויסגענומען דאָס רענצל, זיך געלאָזט שפּאַנען פֿאַרויס, מעשה קאַוואַליער. אַ פּאָליציאַנט איז זיי אַקעגנגעקומען, געוואָרפֿן אַ פֿאַרשנדיקן בליק, געמאַכט אַ מינע ווי אָפּצושטעלן דאָס פּאָרל, געשפּרייזט וויטער. אַ פֿלויט האָט פֿונאַנדערגעשיידט צווישן די באַן־רעלסן און ד'ער גאַס. אַן איינציקער לאָקאָמאָטיוו האָט געשפּיגן פּאַרע. ס'האָט זיך דערטראָגן אַ קלינגען פֿון מילך־בלעכן, רייד פֿון פֿאַרטערס. די פֿאַננאַ באַרבאַראַ האָט אָנגעטאָן דעם סאַמעטענעם בערעט, וואָס זי האָט געטראָגן צוזאַמען מיטן טאַש.

— וואוהין פֿירט מיך דער פֿאַן?

— כ'האָב אַן אידעע. ס'איז ווילד, אָבער מיר זיינען פֿאַררוקט סיי־ווי־סיי. וואָס איז געשען?

— כ'על אייך גלייך דערציילן. גיט מיר אייער אָרעם. אָרים יינגל, כ'האָב אייך אַרויסגענומען פֿון אַ וואַרעם בעט!...

## 2

— וואָס איז פֿאַרלאָפֿן? — האָט עוזר־העשל געזאָגט.

— אַך, ס'איז אַלץ געשען אַזוי מאָדנע. איך האָב דאָ אַ חברטע. מיר האָבן צוזאַמען שטודירט אין דער עוואַנגעלישער שול. דער פֿאָטער איז אַן אַדוואָקאַט. ער איז געבוירן געוואָרן אַ קאַטאָליק, נאָר צוליב אַ גט איז ער אַריבער אויפֿן עוואַנגעלישן גלויבן. איצט איז ער שוין אַן אַלטער מאַן. כ'בין אַוועק צו איר. זיי וואוינען אויפֿן נאַפּאָלעאָן־פּלאַץ. מיטאַמאָל רופֿט מען מיך צום טעלעפֿאָן. איר'ט אפֿשר באַמערקט אויף דער טיר פֿון אונדזער הויז, אַז ס'וואוינט דאָרט אַ פּאַסטאָר גורני? ער האָט אַ יינגל פֿון אַ יאָר זיבצן, וואָס איז פֿאַרליבט אין מיר פֿון קינדווייז אָן, אַן אינפֿאַנטילע ליבע. כ'פֿרעג: ווער ר'עדט? זאָגט ער: פּעטער. וואָס איז פֿאָרגעקומען, פּעטער? פֿון וואַנען ווייסטו וואו כ'בין? כ'האָב מיך דערשראָקן. כ'האָב געמיינט, פּאַפּאַ איז געוואָרן פֿאַרשלאָפֿט. רעד גאָרנישט, הער בלויז — ענטפֿערט ער. — ס'איז געווען ביי אייך אַ רעוויזיע. מ'האָט גענישטערט אין די ביכער צוויי שעה. כ'האָב מיך אונטערגעהערט. מ'האָט דיך געוואָלט אַרעסטירן. אַן אַגענט וואַרט אינדרויסן. ער'ט זיך אויך געפֿרעגט ווער ס'קומט אַהער. דער פֿאָטער האָט אָנגערופֿן איינעם אַ פּאַן באַגעט. איר שטעלט זיך פֿאָר? ווען נישט דער פּעטער, וואָלט איך איצט געזעסן אין דער דעפֿענסיווע.

— וואו האָט די פּאַני געפּאַקט דאָס רענצעלע?

— ביי דער פֿריינדין. כ'האָב געקאָנט דאָרט נעכטיקן, נאָר כ'האָב גערעכנט, די שפּיצלעס קאָנען נאָך קומען אַהין אויך. זיי זיינען קאָנסערוואַטיווע מענטשן. כ'האָב געפֿונען פֿאַר נויטיק צו וואָרענען דעם פּאַן. וואָס טוט מען איצט האַ?

— די פּאַני איז אומלעגאַל?

— כ'האָב גאָרנישט געטאָן. זיי האָבן קעגן מיר נישט קיין שום באַווייזן, אָבער דערווייל האַלט מען דיך אין קאָזע. אפֿשר האָבן זיי געפֿונען אַ פּאָר בראָשורן. ס'האָבן זיך אַריינגעכאַפּט פּראָוואָקאַטאָרן אין די אייגענע רייען. די טראַצ־

קיסטן אַליין זיינען די ערגסטע מוסרים. כ׳באַדויער שוין, וואָס כ׳בין צוריקגעקומען פֿון אויסלאַנד. נאָך פֿראַנקרייך זעט פּוילן אויס ווי איין קאַזאַרמע. איר קאָנט זיך קוים פֿאָרשטעלן ווי פֿריי מ׳איז אין אייראָפּע. דאָ איז פּאַסקודנע. ס׳גייט מיר נישט וועגן דער אייגענער פּערזאָן. פּאַפּאַ מוז זיין אויסער זיך. ער האָט אַ קראַנק האַרץ. כ׳האָב אַפֿילו נישט קיין געלט. וואָס טוט מען, האַ? דער פּאַן איז דאָך עפּעס אַ וואַרשעווער.

— אַ האָטעל איז געפֿערלעך.

— געוויס. ס׳דאַרפֿן דאָ ערגעץ זיין אַזוינע הייזער, וואו מ׳קאָן איבערנעכטיקן אומגעמאָלדן. כ׳על מאָרגן זיין ביי אַן אַדוואָקאַט און אַלץ מאַכן קלאָר. דער פּאַן איז דאָך געוויס כּשר. אַ הונדערט־פּראָצענטיקער רעאַקציאָנער.

— אַז מ׳עט אונדז כאַפּן צוזאַמען, וועט זיין שלעכט.

— אויב דער פּאַן האָט מורא, קאָן דער פּאַן גיין אַהיים.

— כ׳האָב נישט קיין מורא.

—ווירקלעך? כ׳האָב געמיינט, דער פּאַן וועט צוגיין צום אַפּאַראַט, נאָר ס׳איז צוגעקומען די פֿרוי. ווען כ׳האָב געזאָגט, אַז כ׳וויל רעדן מיטן פּאַן, איז זי געוואָרן אַנטשוויגן. כ׳האָב שוין געמיינט, זי׳ט אויפֿגעהאַנגען דאָס טרייבל. זי מוז זיין זייער אַן אייפֿערזיכטיקע.

— יאָ.

— אַרעמע! ס׳טוט מיר לייד, כאָטש, צוריקגעשמועסט, האָט איין מענטש ניש קיין רעכט צו זיין אייפֿערזיכטיק אויפֿן צווייטן. דער קערפּער געהערט דיר, ווי די קאָלאָנטאַי דריקט זיך אויס. וואו גייען מיר?

— די פּאַני האָט אפֿשר געהערט פֿון אַבראַם שאַפּיראָ?

— דוכט זיך, יאָ. הערץ יאַנאָווער האָט אַמאָל דערמאָנט. ווער איז ער?

— ס׳אַ גאַנצע געשיכטע. ער איז מיין פֿרויס אַ פֿעטער. ער איז געוואָרן קראַנק. באַקומען אַ האַרץ־אַטאַק. ער ליגט אין דער וואוינונג פֿון זיינס אַ געליבטער, אַ מאָלערין, אידאַ פּראַגער. זי אַליין איז גאָר אין שפּיטאָל. ס׳איז דאָרט אַן אַטעליע. מיר וואָלטן געקאָנט איבערזיצן די נאַכט.

— זאָל זיין. וואו איז עס?

— ס׳איז באַלד דערנעבן, אויף דער שוויענטאָ־קזשיסקע.

— ס׳איז אַ פֿראַגע צי דער סטרוזש וועט אַריינלאָזן. יעדעס הויז איז דאָ אַ תּפֿיסה פֿאַר זיך.

— כ׳גלויב, ער׳ט אַריינלאָזן. אין דער אַטעליע פֿלעגן קומען אַ סך געסט. איכ׳ל אים געבן אַ זלאָטע.

— נו, זעט איר, האָב איך געטאָן גוט. ס׳האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז דער פּאַן איז דער איינציקער, וואָס קאָן מיר העלפֿן. אַך, אַלץ איז אַזוי צעמישט. דער פּאַן שאַפּיראָ האָט נישט קיין ווייב?

— ער איז אַן אלמן.

— ווער גיט אויף אים אַכטונג? צווייטנס, מיר האָבן נישט קיין אויסוועג. כ׳האָב דעם פּאַן באַליידיקט ס׳לעצטע מאָל. ס׳האָט מיר דערנאָך געטאָן באַנג. כ׳על איך עפּעס זאָגן: דער פּאַן האָט אין זיך עפּעס שיינס, וואָס כ׳האָב ביז איצט ביי

קיינעם נישט באַגעגנט. כ'זאָג עס נישט דערפֿאַר, ווייל כ'וויל דעם פֿאַן חנפֿנען. דער פֿאַן איז אַ קינד. דאָס איז דער אמת. אַן ענפֿאַן טעריבל, וואָס מוז זאָגן פֿאַרקערט פֿון די דערוואַקסענע. די צרה איז, וואָס דעם פֿאַנס פֿרוי איז אויך אַ קינד.

— פֿון וואַנען ווייסט די פֿאַני, וואָס מיין פֿרוי איז?

— כ'האָב דערקאָנט אין דער שטים. זי האָט אַ קינדיש קול. פֿאַרוואָס איז דער פֿאַן מיט איר נישט גליקלעך?

— איך וואָלט מיט קיינעם נישט געווען גליקלעך.

— האַ? פֿאַרוואָס נישט?

— די גאַנצע אינסטיטוציע איז נישט פֿאַר מיר. כ'האָב עס אַלעמאָל געוואוסט. אַזוינע ווי איך, טאָרן נישט חתונה האָבן.

— דער פֿאַן איז איבערהויפּט נישט פֿעאיק אויף קיין ליבע, דאָס איז דער אמת. דער פֿאַן איז אַ קרבן פֿון זיין אייגענער פֿילאָזאָפֿיע. ווי באַלד אַלץ איז פֿאַרגעניגן, דאַרף מען בלויז נעמען, גאָרנישט געבן.

— דאָס איז דער היינטיקער מענטש!

— מיר, קאָמוניסטן, ווילן נעמען און געבן.

— איך האָב זיי בלויז געזען נעמען.

— שלעכט יינגל, כ'על אייך אָנדרייען אַן אויער!... קומט אַהער, כ'מוז אייך טאָן אַ קוש. אַזוי. עמעץ האָט אייך קינדווייז באַליידיקט און איר קאָנט עס נישט פֿאַרגעסן. וואו זאָל מען נעמען לוקסוס, אַז ס'איז נישטאָ קיין ברויט?

— ס'זיינען דאָ צופֿיל מיילער. יעדער סטרוזש האָט צען קינדער.

— וואָס האָט איר צו די סטרוזשעס? אָ, ס'איז שפּעט ביינאַכט. אין דער צייט זיינען אַלע צעדרייט. וויפֿל קינדער האָט איר?

— צוויי. פֿון צוויי ווייבער.

— איר'ט האָבן נאָך. איר דרייט זיך אויף דער וועלט, ווי אַ שלאָפֿלאָזער אויפֿן געלעגער. פּאַפּאַ איז גערעכט: אַ ייד ווי איר מוז האָבן אַ גאָט. פּאַפּאַ איז קלוג און פֿולשטענדיק ווילד. איך, ווידער, האָב אַלץ אויפֿגעגעבן. קינדווייז בין איך געווען שרעקלעך פֿרום. כ'פֿלעג אַראָפּקריכן ביינאַכט פֿון בעטל און שטיין אויף די קני פֿאַרן יעזוס־בילד. כ'האָב געהאַט איין פֿאַרלאַנג: צו ווערן אַ נאָנע. דער וואָנגעלישער גלויבן איז מיר נישט געפֿעלן. ס'פֿלעגן אַריינקומען צו אונדז ישיבה־בחורים און פּאַפּאַ האָט מיט זיי געפֿירט לאַנגע דיסקוסיעס. ס'האָט מיך געעקלט. די יונגעלייט זיינען אייגפֿאַך געווען הונגעריק. כ'האָב מקנא געווען די קאָטאָליקן. כ'האָב געהאַט אַ ריינקייט־קאָמפּלעקס. שפּעטער האָב איך מיך פֿאַרליבט אין אַ יינגל, אַ קריסט, און ער איז געווען גענוג קלוג חתונה צו האָבן מיט אַן אַנדערער. דאָס האָט מיר דערלאַנגט אַ קלאַפּ. כ'בין געוואָרן אַמביציעז און באַשלאָסן מיך צו עמאַנציפּירן. אין פֿראַנקרייך האָב איך גלאָט געלעבט ווי אין חלום. כ'האָב געהאַלטן, אַז כ'קאָן פֿראַנצויזיש, אָבער, אַז כ'בין געקומען אַהין, האָט קיינער מיך נישט פֿאַרשטאַנען. כ'האָב מיך אַריינגעצויגן צו אַ פֿאַמיליע און זיי האָבן מיך געהאַלטן ווי אַ טאָכטער. כ'האָב פֿאַרגעסן צו דערמאָנען: פּאַפּאַ האָט דאָ חתונה געהאַט. דאָס איז די אורזאַך, וואָס מ'האָט מיך אַרויסגעשיקט. די שטיף־מוטער איז אַן ענגלענדערין, אַן אלמנה נאָך אַ מיסיאָנער. יענער שי־

דוך! זי האָט זיך אויפֿגעצויגן ערגעץ אין אינדיע. פּאַפּאַ האָט געזאָגט בוידעם און זי האָט געענטפֿערט קלאָץ. אַזוי ווי ער איז קרום, אַזוי איז זי געווען גלייך. דאַנקען גאָט, זי איז צוריק אין לאָנדאָן. יאָ, מיין ייִנגל, דערווייל האָב איך אַנט־דעקט, אַז מענטשן דאַרפֿן עסן און בין אַריינגעטרעטן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. דאָ איז עס?

עוזר־העשל האָט אַנגעקלונגען. די פּאַננאַ באַרבאַראַ האָט גענומען אונטער־טענצלען און אַנקלאַפּן אַ זויל אין אַ קנעכל.

— וואָס זיינען אייערע פּלענער? ווען גרינדעט איר די לאַבאָראַטאָריע פֿון גליק?

— לאָמיר זי גרינדן צוזאַמען.

— ע, דער פּאַן זוכט אַ נייעם קרבן, האַ? ביי מיר וועט דער פּאַן זיך אָפּ־זענקען די פֿליגל.

— ס׳וועלן אָנוואַקסן נייע.

— די נייע וועל איך אָפּבייסן!...

געוויינלעך שפּעט ביינאַכט דויערט לאַנג ביז דער סטרוזש קומט עפֿענען, אָבער דאַסמאָל האָבן זיך גלייך דערהערט טריט. עוזר־העשל האָט צוגעגרייט אַ זילבערנע זלאָטע. דער גוי האָט אויפֿגעמאַכט אַ שפּעלטל טויער.

— צו וועמען?

— צום פּאַן אַבראַם. אין דער אַטעליע.

— ווער איז דער פּאַן פֿאַר איינער?

— מיר זיינען קרובים.

און עוזר־העשל האָט אים דערלאַנגט די מטבע. די האַנט האָט זיך אַ וויַיל געפּלאָנטערט אין דעם גויס ראַציקער לאַפּע.

— נו.

עוזר־העשל האָט געגעבן דער פּאַננאַ באַרבאַראַ אַ ציַיכן, זי זאָל אַריינגיין פֿאַרויס. דער סטרוזש האָט זיך באַלד אומגעקערט צו זיך אין שטיבל. זיי זיינען געבליבן שטיין אין טויער.

— דער פּאַן איז אַ געניטער ליגנער.

— כ׳האָב ביז איצט גענאַרט נאָר זיך אַליין.

זיי זיינען געגאַנגען איבער די טרעפּ און זיך געקושט. זיי האָבן זיך אָפּ־געשטעלט אויף יעדן שטאַק, דערשטוינט פֿון דער אייגענער תאווה. ווער איז דאָס ייִנגל! — האָט באַרבאַראַ געטראַכט, — גאָר אַ ייד... זי האָט זיך מיט אַמאָל אַרויפֿגעזעצט אויף אַ זוים פֿענסטער, אַראָפּגעהאָנגען די באָטן. עוזר־העשל האָט אָוועקגעשטעלט די וואַליזעס. גאָט אין הימל, וואָס ט׳ווערן פֿון הדסהן? — האָט ער זיך געפֿרעגט. — די שטראָף איז נאָענט. באַרבאַראַס שוואַרצאַפּלען האָבן אים געגעבערט אין דער פֿינסטער.

— וואָס טראַכטסטו, ייִנגל?

— כ׳ווייס נישט. כ׳בין מיד. כ׳טראַכט, אַז מיר האָבן זיך געמוזט טרעפֿן — האָט ער געזאָגט, כאָטש ער האָט דאָס פֿריער נישט געקלערט. — ערגעץ־וואו

איז שוין געווען אָנגעצייכנט, אַז די פֿאַני זאָל דאָ זיצן אויפֿן פֿענסטער, און אַז איך זאָל שטיין דערנעבן.

— ווער ווייסט, וואָס ס׳איז נאָך אָנגעצייכנט!

— עפּעס גרויליקס. נישט ספּעציעל פֿאַר אונדז, נאָר פֿאַר אַלעמען.

— איר מיינט, די סאָציאַלע רעוואָלוציע?

— כ׳וויס נישט. כ׳האָב אַן אָנונג, אַז די גאַנצע מענטשהייט איז אַריין אין אַ קלעם. נישט מ׳קאָן גיין ווייטער, נישט צוריק. מיר ייִדן וועלן זיין דאָס ערשטע כּפּרה־הינדל.

— ע, איר זענט דאָך אַ מיסטיקער אויך. פּאַפּאַ מיט די ביינער. אַז מ׳רעדט שוין דערפֿון, — אין וואָס באַשטייט אייער ייִדישקייט? וואָס איז דאָס איבערהויפּט אַ ייִד?

— אַ פֿאָלק, וואָס קאָן נישט שלאָפֿן און לאָזט אַנדערע נישט שלאָפֿן.

— מסתמא האָט עס אַ שלעכט געוויסן.

— די אַנדערע האָבן איבערהויפּט נישט קיין געוויסן.

— איר האָט איין מעלה: איר זענט אַ קאָנסעקווענטער רעאַקציאָנער. דערפֿאַר האָב איך אייך ליב. דער סאָציאַליזם וועט אַלץ אָפּווישן: דעם שאָוויניזם, די אָרעמקייט, די בירגערלעכע פֿילאָזאָפֿיעס. ס׳עט קומען אַ נייער מענטש אָן די פֿאַרשימלטע לאַסטן, וואָס איר אַלע טראָגט אויף זיך. אין אַ געוויסן זין זיינען אַזוינע ווי איר נוצלעך: איר העלפֿט גראָבן דאָס קבר פֿאַרן קאַפּיטאַליזם.

די פֿאַננאַ באַרבאַראַ איז צוריק אַראָפּ פֿון פֿענסטער־זוים. זיי האָבן זיך געלאָזט אַרויפֿגיין אויפֿן לעצטן שטאָק.

## 3

ווען עוזר־העשל איז געבליבן שטיין פֿאַר דער טיר פֿון דער אַטעליע, איז אים מיט אַמאָל געוואָרן קלאָר, אַז ער האָט אָפּגעטאָן אַ ווילד נאַרישקייט. מ׳פֿאַלט נישט אַריין צו יענעם אין מיטן דער נאַכט, ווער שמועסט צו אַ קראַנקן, און נאָך מיט אַ באַגלייטערין דערצו. די גאַנצע צייט, וואָס אַבראַם איז געלעגן שלאָף, איז עוזר־העשל קיין איין מאָל נישט געקומען אים מבקר־חולה זיין. ער האָט אָפּגעלייגט פֿון טאָג־צו־טאָג. ער האָט אַליין נישט געוואוסט פֿאַרוואָס, נאָר ער האָט געהאַט אַ פּחד צו זען אַבראַמען, די פֿאַרענדערונג, וואָס די האַרץ־קראַנקייט האָט אויף אים אַרויפֿגעלייגט, צו הערן זיינע יאושדיקע רייד. עוזר־העשל האָט געהאַט אַ ווידערווילן צו דאָקטוירים, מעדיצינען, צו פֿאַרשוינען, וואָס מ׳טרעפֿט אין שפּיטאָלן, אויף בית־עולמס, הייטערע, באַריידעוודיקע, פֿול מיט פֿאַרבאָרגענער הנאה פֿון יענעמס אומגליק. ער האָט די לעצטע צייט זיך אַרומגעדרייט ווי אין אַ נעפּל. ער האָט נישט געענטפֿערט אויף קיין בריוו, פֿאַרגעסן צו באַצאָלן פֿאַר עלעקטרע, טעלעפֿאָן, זיך אַרומגעטראָגן מיט פֿולע קעשענעס פּאַפּירלעך. ער האָט געמאַכט אַ הלוואה אין דער ליי־קאַסע ביים לערער־פֿאַראיין. ס׳איז געקומען די צייט איינצוצאָלן די ערשטע ראַטע, נאָר ער האָט נישט געהאַט די פֿופֿציק זלאָטעס. ס׳זיינען שוין געווען די לעצטע טעג פֿון דער ווינטערדיקער

וואַקאַציע. עוזר־העשל האָט געדאַרפֿט צוגרייטן לעקציעס. מ׳האָט אים גערופֿן אויף אַ זיצונג פֿון פּעדאַגאָגישן ראַט, נאָר ער האָט זיך אַרויסגעדרייט. ער איז געבליבן שולדיק אײדלען פֿאַר פֿינף וואָכן. צוליב דעם האָט ער נישט אָנגעקלונגען, זיך נישט געזען מיט דאַווידעקן. ער האָט אַפֿילו אויסגעמיטן די מאַמען און דינהלען. כ׳בין באַנקראָט, אויף אַלע געביטן! — האָט ער צו זיך געזאָגט יעדעס מאָל פֿונדאַסניי. — אַלץ איז קאַפּוט... דער פּאַננאַ באַרבאַראַס אָנזאָג, אַז ס׳זוכט אים די פּאָליציי, איז געווען פֿאַר אים ווי אַ צייכן אַראָפּצוואַרפֿן פֿון זיך יעדן עול. איצט, אויף די לעצטע שטיגן, האָט עוזר־העשל באַנומען, אַז דער באַזוך ביי אַבראַמען וועט אים פֿונסניי פֿאַרוויקלען אין אַ קנויל. הדסה וועט זיך דערוויסן מיט וועמען ער דרייט זיך אַרום. ס׳וועט ווערן דערפֿון אַ גערייד צווישן דער משפּחה. מ׳עט געוואָר ווערן אין „חבצלת״. די גאַנצע זאַך איז משוגע־מטורף. אַ רגע איז עוזר־העשל גרייט געווען צו זאָגן באַרבאַראַן, אַז מ׳מוז זיך אומקערן. אָבער ער איז געווען צו־מיד. נו, ס׳איז אַלץ איינס. זאָל זיין, וואָס ס׳וויל! ער האָט געטאָן אַ קוועטש דאָס קנעפּל. די פּאַננאַ באַרבאַראַ האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אָן זיין אַקסל, ווי גרייט אַ דרימל צו טאָן שטייענדיקערהייט. אַ לאַנגע ווייל איז אינעווייניק געבליבן טויב־שטיל. באַלד האָבן זיך דערהערט טריט. די טיר האָט זיך געעפֿנט. ביי דער שוועל איז געשטאַנען אביגדור, אַבראַמס עלטערער איידעם, ביילע־איטעס מאַן. ער האָט זיך, אַפּנים, נאָך נישט געהאַט געלייגט. ער האָט געטראָגן אַ געהאַקטע קאַפּאָטע, אַ קליין היטעלע, אַ שמוציקן קראַגן. דאָס ברייטלעכע פּנים איז געווען מילך־ווייס. די געלע אויגן האָבן אַפּערגעקוקט פֿון היגטער די גראָבע ברילן־שייבלעך קורצזיכטיקע און פֿאַרחידושטע.

— גוטן אָוונט, איר דערקאָנט מיך אַוודאי נישט — האָט עוזר־העשל געזאָגט.

— כ׳דערקאָן אייך יאָ. עוזר־העשל. נו, וואָס שטייט איר ביי דער טיר? קומט אַריין. שלום עליכם.

— אַ דאַנק. אַ שפּעטער וויזיט, האַ? ס׳איז אַן אויסערגעוויינלעכער פֿאַל. די פֿריילין איז פּאַננאַ פּישעלזאָן.

— דאָברי וויעטשור. דער שווער האָט זיך פֿיל מאָל אויף אייך געפֿרעגט. היתּכן, וואו איז עוזר־העשל? אייער פֿרוי קומט אַהער יעדן טאָג. דער שווער לאָזט נישט פֿאַלן אויף אייך קיין שטויבעלע. אַז ער האַלט פֿון עמעצן, איז ביזן סוף.

— וואָס מאַכט ער?

— ע, נישט פֿויגלדיק. אָבער איר קאָנט דאָך דעם שווער: ער לאָזט זיך נישט צו. איצט שלאָפֿט ער. אַביסל איז בעסער, נאָר פֿון דער געפֿאַר איז ער נישט אַרויס. מ׳מוז ביי אים וואָכן. היינט איז מיין אשמורה. נעכטן איז דאָ געווען סטעפּעס מאַן, דער דאָקטאָר. וואָס איז געשען? וואָס טראָגט איר זיך עפּעס מיט וואַליזעס?

— איר האָט אפֿשר געהערט, אַז מ׳האָט אַרעסטירט הערץ יאַנאָווער.

— מ׳האָט אים שוין אַרויסגעלאָזט.

— יאָ, אָבער ר׳האָט אָנגעגעבן אַלעמענס אַדרעסן. כ׳האָב מיך דערוואוסט, אַז מ׳וויל מיך אַרעסטירן.

— אייך? פֿאַרוואָס? ׳הער נאָר אַ מעשה! די צרה איז, וואָס ס׳איז דאָ נישטאָ וואו צו שלאָפֿן. דער שווער ליגט אין גרויסן בעט און איך שפּאַר מיך צו אויף דער סאָפֿע. דעם אמת געזאָגט, קאָן איך נישט צוטאָן קיין אויג. מ׳טראַכט הוריות. מילא, מיר מאַנסלייט וועלן זיך שוין געבן אַן עצה. אָבער די פּאַניענקע וועט מוזן איבערזיצן אויף אַ שטול.

— כ׳דאַנק פֿיל מאָל. כ׳בין נישט שלעפֿעריק — האָט די פּאַננאַ באַרבאַראַ געזאָגט אויף פּויליש. — די גאַנצע זאַך איז אַ מיספֿאַרשטענדעניש. מ׳האָט נישט אויף מיר קיין שום זינד.

— טאַק, פּראָשע פּאַני, אָבער אַז זיי טשעפּען זיך צו, איז ניע דאָבזשע. אַמ־בעסטן איז, מ׳האָט מיט זיי נישט קיין עסקים. כ׳על מאַכן אַ גלאָז טיי.

— פֿאַר מיר זאָל דער פּאַן זיך נישט פֿאַטיגירן.

— ס׳אַ קלייניקייט, מ׳שטעלט אַרויף דעם קעסל אויף דער גאַז־מאַשינקע. נו, קומט אַריין. יאַך האָב נישט קיין מורא. זאָל מען מיך אַרעסטירן. זאָלן זיי געבן מיין פֿאַמיליע פּרנסה, קאָן יאַך באַשטיין צו זיצן אין פּאַוויאַק...

אין דער אַטעליע איז געווען אַ באַשטאַנד. אומעטום זיינען געווען אָנגע־שטעלט לייוונטן, אָנגעקלאַפּט אויף ברעטלעך. ס׳האָבן זיך געוואַלגערט ביכער, זשורנאַלן, צייטונגען. דורכן גלעזערנעם דאַך מיט די פֿאַרשטויבטע און געשפּאָל־טענע שויבן האָבן אַריינגעקוקט פּלאַכטעס שניי, שטיקער נאַכטישער הימל. אין מיטן שטוב איז געשטאַנען אַן אייזערנער אויוון. ס׳האָבן זיך פֿון אים געצויגן קרומע רערן. ס׳האָבן זיך אויף זיי געטריקנט האַנטוכער. אַביגדור איז אַ וויילאָוועק אין קיך. באַלד האָט ער זיך אומגעקערט.

— כ׳האָב צוגעשטעלט טיי. אויב איר ווילט עפּעס עסן, איז אויך דאָ. אַ שטיקל ברויט מיט פּוטער. כ׳האָב אַ טבע, אין אַ פֿרעמדער שטוב קאָן איך נישט שלאָפֿן. דער שווער כראָפּעט און איך דריי מיך ווי אַ וואָרם. זיץ איך דאָ און קוק אַריין אין אַ צייטונג. וואָס הערט זיך, האַ? אין דער סוחרישער וועלט איז נישט גוט. כ׳קאָן אַ ייד אויף די נאַלעווקיס, זאָגט ער: מיר שטייען אַלע שמונה־עשרה. איינער גייט־אויס פֿריער, דער אַנדערער שפּעטער, נאָר אויסגיין מוזן אַלע.

— איר האָט אַ געוועלב? — האָט עוזר־העשל געפֿרעגט.

— וואָסער געוועלב? מ׳לעבט פֿון שהי־פּהי. פֿון דער האַנט אין מויל אַריין. און אַז מ׳האָט אַ געשעפֿט, איז וואָס? דאַרף מען גאַנצע טעג אָפּליגן אין שטייער־אַמט. איר קאָנט פֿירן די בעסטע ביכער, ווי באַלד איר זענט אַ ייד, זענט איר בחזקת שווינדלער. מ׳האָט געגעבן אַ באַפֿעל פֿון אויבן, מ׳זאָל רואינירן ס׳ביסל יידן. מ׳שטעלט אַזוינע שטייערן, אַז מ׳מוז אַרויס נקי. ווי יידן לעבן, איז ממש מיט נסים. אויף דער פּראָווינץ הונגערט מען גאָר נישקשה. ס׳פֿעלט בוכשטעבלעך ס׳שטיקל ברויט. די פּויערן איז אויך ניש׳ בעסער. אויף די קרעסן שפּאַלט מען אַ זאַפּאַלקע אויף פֿיר חלקים. ס׳איז ניש׳ קאַ׳ וויץ. די יוונים ווערן געשוואָלן פֿון הונגער. נאַדיר אַ מלוכה: פּוילן.

— פֿראָשע פֿאַנאַ, וואָס איז דער אויסוועג? — האָט די פֿאַננאַ באַרבאַראַ זיך אָנגערופֿן.

— האַ? ס׳איז ביטער און באַסטאַ. אַמאָל האָט מען געקאָנט פֿאָרן קיין אַמע־ריקע אָדער וויסעך־וואו. היינט איז אַלץ אָפּגעשלאָסן. אין רוסלאַנד איז נאָך ערגער. דאָרט שטאַרבן אויס גאַנצע דערפֿער.

— פֿון וואַנען ווייסט דער פּאַן? פֿון די היגע בלעטער?

— עט. מ׳ווייסט. מ׳ווייסט אַלץ. כ׳האָב געוואָלט פֿאָרן קיין פּאַלעסטינע, גיט מען ניש׳ קאַ׳ סערטיפֿיקאַט. איר מוזט געהערן צו אַ פּאַרטיי, אַז נישט, זענט איר ניש׳ קאַ׳ מענטש. כ׳האָב אויסגעפֿילט אין פּאַלעסטינע־אַמט אַ פֿראַגע־בויגן, ליגט ער. ער׳ט אַזוי אָפּליגן עד שיבוא אליהו. ס׳איז מיר אַ וואונדער, אַז איר, ר׳ עוזר־העשל, פֿאָרט נישט. איר קאָנט זיך דאָך מיט די אַלע גדולים.

— ערשטנס קאָן איך זיי נישט; צווייטנס, וואָס וועל איך דאָרט טאָן? אין ארץ־ישראל דאַרף מען פֿיזישע אַרבייטער.

— דאָך!

— מ׳עט מיר נישט געבן קיין סערטיפֿיקאַט אויך.

— די אָרטאָדאָקסן האָבן שוין אויך אָנגעהויבן פֿאַרלאַנגען סערטיפֿיקאַטן. מ׳זאָגט, דער גורער רבי ט׳זיך באַזעצן אין ארץ־ישראל. דער ביאַלאָדרעוונער איז קעגן דער אַגודה. נישט אַזוי דער רבי, ר׳ אַהר׳לע, ווי דער פֿאָטער, ר׳ משה־גבריאל. די אַלטע יידן ווייסן איין זאַך: משיח וועט קומען. אלא, ער זוימט זיך, איז חכה לו. איר קוקט נאָך אַמאָל אַריין אין אַ ספֿר, האַ?

— כ׳האָב אַ שאַנק מיט ספֿרים.

— ע, זענט איר דאָך נאָך אַ משלנודיקער. דער שווער האָט אויך ליב אַ ספֿר, ביי אַלע זיינע חסרונות. מ׳מוז ניש׳ גלויבן אין יעדן קוצו של יוד. ווי איר קוקט מיך אָן, בין איך אַליין אויך ניש׳ קאַ׳ פֿאַנאַטיקער. כ׳ווייס אַלע טענות. ביבל־קריטיק, שמיבל־קריטיק. כ׳פֿלעג אַמאָל לייענען די „הצפֿירה“. כ׳פֿלעג בחורוויז אַריינקומען אין „הזמיר“. כ׳האָב געהערט רעדן פּרצן, פֿרישמאַנען, נאָמבערגן. ס׳גאַנצע געזינדל. נח פּרילוצקי קאָן מיך גאַנץ גוט. מיינס אַ ברודער האָט גע־האָט אַ ספּראַווע און ער איז אַרויסגעטראָטן. ער איז ניש׳ קאַ׳ פּאָלנער אַדוואָ־קאַט, נאָר אַן אַפּליקאַנט. אַ געלערנטער מענטש, האַ? אַזוי ווי כ׳האָב צו אים אַרויסגערעדט ס׳ערשטע וואָרט, זאָגט ער: איר שטאַמט אַוודאי פֿון ראַדאָמער קאַנט. קעגן וואָס זאָג איך עס? יאָ, כ׳האָב אַריינגעקוקט אין די קליינע פּינטע־לעך. אָבער פֿאָרט, אינגאַנצן זיך אָפּרייסן איז אויך ניש׳ קאַ׳ קונץ. וואָס בלייבט? פֿאַר די גוים איז מען סיי־ווי אַ זשידלאַק, מעגט איר זיין אַן אַסימילאַטאָר.

— איר קומט אַריין אין ביאַלאָדרעוונער שטיבל?

— יעדן טאָג. אַמאָל אינדערפֿרי און אַמאָל צו מנחה. איר רויכערט? אייער שווער, ניוניע, האָט אינגאַנצן אויפֿגעהערט קומען דאַווענען. אַפֿילו שבת. ס׳איז אַלץ ס׳ווייבל זיינס, אייער שטיף־שוויגער, איר זאָלט עס מיר מוחל זיין. יענע יידענע. אָבער פּיניעלע איז געבליבן אַ חסיד. זיצט טאָג און נאַכט און לערנט. נת׳לע, הער איך, איז אַ גוסס. ווער נאָך איז פֿאַרבליבן פֿון די בני־מושקאַט? קיינער נישט. איר קאָנט ר׳ אהר׳לען?

— ניין.

— מ׳דאַרף נישט זיין פֿרום. איר קאָנט זיין דער גרעסטער אַפּיקורס, נאָר אַז איר פֿאָרט אַריין קאַ׳ ביאַלאָדרעווונע און איר זעט דאָס פּירעכץ — דאָס פּשטות, אהבת ישראל, די צוגעלאָזנקייט צו יעדן איינעם — ווערט איר נתפּעל. ר׳ אהר׳לע האָט ניש׳ פֿון דער גאַנצער רביסטוואָ כהוא זה. וואָס לאה שיקט נישט, איז נישטאָ. כ׳פֿאָר איין מאָל אין יאָר, אויף שבועות. נישט צוליב חסידות, נאָר גלאָט אַזוי. עלעהיי אַ גוטער פֿריינט. כ׳קום אַריין צום רבין, הייסט ער מיך זיצן און נעמט מיך אויספֿרעגן וועגן יעדן איינעם: וואָס מאַכט משולמל? ר׳האָט דאָך געליטן אויפֿן העלדזל; וואָס טוט פֿייגעלע? זי האָט זיך געהאַט אויסגעלענקט אַ פֿיסל. כ׳זיץ און גלויב נישט די אייגענע אויערן. איך, דער טאַטע, האָב שוין פֿאַרגעסן, און דער רבי געדענקט יעדעס פּיצל. ער פֿאַרפֿעלט קיינמאָל נישט צו דערמאָנען דעם שווער. אַזוי דער רבי און אַזוי ר׳ משה־גבריאל. ביידע גיבן זיי אַוועק פֿון זיך דעם לעצטן גראָשן. נישט עפּעס גלאָט גערעדט, נאָר בפּועל ממש. אַנומלט איז איינער אַ ייד געקומען צו פֿאָרן אַ צוגעלייגטער. מ׳וואַרפֿט אים אַרויס פֿון דער דירה! בקיצור, מ׳האָט אים אַנגעוואָונטשן. וואָס קאָן טאָן אַ רבי? היינ־טיקע צייטן קריכט מען נישט אין הימל. דער ייד זיצט־איין אין באָן און שטעקט אַריין די האַנט אין קעשענע, געפֿינט ער הונדערט זלאָטעס. זאָ׳מיר אַזוי ביידע זיין געזונט. וואָס זאָגט איר דערצו?

— ס׳איז זייער אײדל.

— יאָכ׳ל אייך עפּעס זאָגן: אַנומלט האָב איך געהאַט אַ טועכץ און כ׳האָב געמוזט אַריינגיין אין „מאָמענט". כ׳ליין ס׳בלאַט פֿון ערשטן טאָג אָן. אָסור, צי כ׳האָב פֿאַרפֿעלט איין נומער. כ׳האָב ליב דעם יאָושזאָנס פֿעליעטאָנדלעך. כ׳קום אַריין, לאָזט מען מיך שטיין צוויי שעה. מ׳זיצט מיט די פֿעדערס און מ׳שרייבט. מ׳פֿאַרזאָרגט קהל. דערנאָך נעמט מען מיך שיקן פֿון שטוב צו שטוב. כ׳האָב שיער נישט פֿאַרלוירן די פֿיס. רעדסט צו דער וואַנט. אַ פּשוטער ייד איז ביי זיי ווייניקער ווי גאָרניש׳. כ׳האָב דאַמאָלס געקלערט: וראו מה בין בני לבן חמי... די טיי האָט שוין אַוודאי אויסגעקאָכט!...

אַביגדור האָט גענומען לויפֿן. די פּאַננאַ באַרבאַראַ האָט געטאָן אַ שמייכל.

— אַ טשיקאַווע יידל.

— ער איז נישט קיין יידל. אַזוינע ווי ער זיינען דער רוקנביין פֿון יידנטום.

— דער פּאַן מיט זיינע איבערטרייבונגען! וואָס איז ער? אַ קרעמערל, אַ מעקלערל, אַ וואָרם.

— אין דער פּאַניס אויגן, נישט אין מיינע. אָט־די מעקלערלעך האָבן צוויי טויזנט יאָר געטראָגן אויף זיך סיי דאָס יידישקייט, סיי די קריסטלעכקייט. אויב ס׳זיינען דאָ אַזוינע, וואָס דערלאַנגען די צווייטע באַק, זיינען עס זיי.

— ווער דאַרף, מ׳זאָל געבן די צווייטע באַק? מוסאָליני.

— כ׳זאָג נישט, אַז מ׳דאַרף. כ׳בין נישט קיין קריסט.

— איר זענט קיין ייד אויך נישט...

אין דער רגע האָט זיך דערהערט אַ כראָפּעניש, אַ דעכעניש, שווערע טריט.

דער דיל האָט זיך צעסקריפּעט. עוזר־העשל און באַרבאַראַ האָבן אויפֿגעהויבן דעם בליק. די טיר, וואָס האָט אַריינגעפֿירט אין שלאָף־שטוב, האָט זיך ברייט פֿונאַנדערגעעפֿנט. ביי דער שוועל איז געשטאַנען אַבראַם.

## 4

עוזר־העשל האָט זיך פֿאַרגעשטעלט, אַז אַבראַם איז אין דער שלאָפֿקייט געוואָרן אויסגעוואַרט, אויסגעאיידלט, אָבער ער איז געוואָרן נאָך דיקער ווי פֿריער. פֿון צעקנעפּלטן שלאָף־ראָק האָט זיך אַפּערגעריסן אַ שפּיציקער בויך, אַ ברייטער בוזעם געדיכט באַוואַקסן מיט האָר. דאָס פּנים איז געווען רויט, די באָרד צעשויבערט. די קודלעס אַרום פּליך זיינען נאָכגעהאַנגען. ער איז געשטאַנען און געקוקט אויף עוזר־העשלען און באַרבאַראַן מיט אַ פּאָר גרויסע שוואַרצע אויגן, וואָס האָבן נאָך אַלץ נישט פֿאַרלוירן זייער גלאַנץ. דער פֿעטער שטערן איבער די צעוואַקסענע ברעמען־באַרשטן איז געווען דורכגעשניטן מיט אַ קרומען קנייטש. די פּאַננאַ באַרבאַראַ האָט אַ קוק געטאָן אַ דערשטוינטע. ער האָט זי דערמאָנט אָן די סאַטירן, וואָס מען שטעלט־אויס אין אַנטיק־געשעפֿטן. ס׳האָט געדויערט אַ ווייל ביז עוזר־העשל האָט באַקומען לשון.

— איר זענט אַראָפּ פֿון בעט? — האָט ער געפֿרעגט אַ פֿאַרווירטער. — איר שלאָפֿט נישט?

— יאָ, דאָס בין איך, דער מת־טהור! — האָט אַבראַם געענטפֿערט מיט אַ פֿאַרענדערט קול — זאָג וידוי. כ׳בין דיך געקומען וואַרגן!

אַביגדור איז אַריינגעקומען פֿון קיך מיט צוויי גלעזער טיי. דערזען אַבראַמען, האָט ער זיך געטאָן אַ רוק אויף הינטערוויילעכץ. די גלעזער האָבן זיך געטאָן אַ שאָקל אין די טעצלעך.

— שווער, וואָס טוט זיך מיט אייך? איר זענט אויפֿגעשטאַנען? איר טאָרט נישט אַראָפּ פֿון בעט!

— כ׳האָב געטאָן אַ סך זאַכן, וואָס מ׳טאָר ניש׳ — האָט אַבראַם געענטפֿערט שטרענג. — איין עבֿרה מער!

— שווער, איר קוילעט אייך אָפּ! ווען מינץ זאָל וויסן, וואָלט ער איינגעלייגט וועלטן.

— זאָל ער איינלייגן. העלפֿן קאָנען די זנאַכערס סיי־ווי ניש׳...

עוזר־העשל איז אויפֿגעשטאַנען, צוגערוקט אַבראַמען אַ שטול. אַבראַם האָט געמאַכט אַ טריט אין די צעטרעטענע שטעק־שיך. ער האָט זיך געוואָלט אַוועקזעצן פּאַמעלעך, נאָר ער איז אַריינגעפֿאַלן אין פֿאָטעל. ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן ביי דער ברוסט.

— אַלץ איז צום דערליידן, נאָר די פֿיס ווילן ניש׳ טראָגן. אַ צו שווערע משא.

— ס׳טוט מיר לייד, וואָס מיר האָבן אייך אויפֿגעוועקט. ס׳האָט געטראָפֿן עפּעס אויסערגעוויינלעכס —

— האָסט מיך נישט אויפֿגעוועקט, כ׳שלאָף געגוג. איך כאַמער ווי אַ בער

אין דער נאָרע. כ'האָב דערהערט דיין פה־קדוש, בין איך געקומען. פאָרט אַריינ־געפאַלן. סקאָצל קומט אַ גאַסט!

— דאָס איז דער פאַן אַבראַם. דאָס איז די פאַננאַ פישעלזאָן. אַ מאָדנער באַזוך, האַ?

— זייער אַנגענעם. קיין זאַך איז נישט מאָדנע. וואָס אַזוינס האָט געמוזט געשען, דו זאָלסט מיך קומען מבקר־חולה זיין? שעמען מעגסטו דיך ביזן ווייטן האַלדז!

— כ'שעם מיך טאַקע. איר ווייסט דאָך די געשיכטע מיט הערץ יאַנאָווער. ער האָט אָנגעגעבן אַלעמענס אַדרעסן. די פּאָליציי זוכט מיך.

— מ'זוכט מיך אויך. פרעג מיין אײדעם. ס'איז דאָ געווען אַ פּאָליציאַנט. מ'איז מיך חושד אין אַ גנבה. נאָך גוט, וואָס כ'בין קראַנק. וואָס האָסטו מורא? דו ביסט אַזוי אַ קאָמוניסט, ווי איך בין אַ גנב.

— דערווייל האַלט מען אָפּ צוויי וואָכן אין אַרעסט.

— אַז דו אַנטלויפסט, קאָן מען דיך האַלטן צוויי יאָר. גיי צום אַדוואָקאַט ברייטמאַן. ער איז מיינס אַ ידיד. איך, ברודערל, שטיי שוין מיט איין פוס דאָרט. כ'האָב דיר אַמאָל אין זינען געהאַט איבערצולאָזן אַ ירושה, נאָר כ'האָב מורא, וועסט דאַרפן צאָלן קבורה־געלט. אַזוי ווי כ'ליג דאָ אין געהאַקטע צרות, האָט מען מיך אַרויסגעוואָרפן פון דער דירה. די בעבעכעס ליגן אין קעלער. נאָך אַ נס, וואָס אידאַ ליגט אין שפּיטאָל. האַ? נו, אַז ביסט דאָ, ביסטו דאָ. די פאַני איז אַ וואַרשעווערין? — האָט ער זיך געווענדט צו באַרבאַראַן אויף פּויליש.

— יאָ, אָבער כ'קום איצט פון אויסלאַנד.

— ס'זיינען דאָ צוויי מינים פישעלזאָנס, שניט־סוחרים און לעדער־הענד־לער. צו וואָס פאַר אַ קאַטעגאָריע געהערט די פאַני?

די פאַננאַ באַרבאַראַ האָט אַ ביס געטאָן די אונטערשטע ליפּ.

— צוביידע נישט.

— נישט, חלילה, אַ ליטוואַק?

— גאָט באַהיט.

— אַמאָל האָב איך געקאָנט די גענעאַלאָגיע פון גאַנץ וואַרשע. היינט האָב איך פאַרלוירן דעם חשבון. פאַראַן אַ יידיש ווערטל: יחוס איז אויפן קברות.

— שווער, אַז דער שווער איז שוין אויף, אפשר ט'דער שווער נעמען די רעצעפּט? — האָט אַביגדור זיך אָנגערופן.

— וואָס איז דער אונטערשיד? ס'העלפט ווי אַ טויטן באַנקעס. איר זענט אַוודאי מיד, האַ? וואו לייגט מען איך דאָ אַוועק? ס'איז אַפילו נישטאָ קיין בעט־געוואַנט.

— כ'דאַנק דעם פאַן פיל מאָל. אויב דער פאַן האָט גאָרנישט דאַגעגן, וועל איך איבערזיצן די נאַכט.

— פאַרוואָס זאָל איך האָבן קעגן? אַמאָל בין איך געווען אַ ריטער. איך וואָלט געשלאָפן אויף דר'ערד און אַ דאַמע אָפּגעגעבן דאָס בעט. איצט איז דערויף אויך צו־שפּעט. נישטאָ מער די כוחות. וואו האָט די פאַני גענומען אַזוינע ברע־נענדיקע אויגן? ס'קאָן נאָך ווערן אַ שרפה!

— ס׳קאָן זיין, כ׳האָב ברענענדיקע אויגן; נאָר כ׳האָב אַזוינע אויגן פֿיינט.

— הע? פֿאַרוואָס עפּעס? איך וויל איר מאַכן אַ קאָמפּלימענט און ס׳קומט גאָר אַרויס קאַפּויער. די אויגן זיינען דאָך עפּעס דער שפּיגל פֿון דער נשמה. די יידישע אויגן האָבן אַ נאָמען מיט זייער פֿייער. די גויים האָבן מורא, מיר זאָלן זיי נישט פֿאַרברענען. זיי מיר מוחל, עוזר־העשל, נאָר בלויע אויגן זיינען אַזוי קיל און וואַסערדיק ווי די גויאישע קעפּ. אפֿשר דערפֿאַר ביסטו אַזאַ גזלן.

— שווער, אַט איז די מעדיצין. צו אַ רפֿואה שלמה!...

אַבראַם האָט אויסגעטרונקען דעם לעפֿל, זיך פֿאַרקרימט. אַ פּאָר טראָפּנס האָבן זיך פֿאַרגאָסן אויף דער באָרד.

— פֿע! יישר־כּוח. וואו איז די פּאַני געווען אין אויסלאַנד?

— אין פֿראַנקרייך.

— אין פּאַריז, האַ? כ׳בין דאָרט געווען אַמאָל. שוין היפּש לאַנג. אַ פֿריילעך שטעטל. הו־האַ. קיין שיינהייטן זיינען זיי נישט, די פּאַריזער ווייבלעך, נאָר זיי האָבן אַ שיק. קאָמסי קאָמסאַ, אָלאַ־לאַ. די פּאַריזער גנבים קאָנען די מלאכה. מ׳האָט מיר אויסגעשניטן אַ קעשענע. כ׳בין אַרויף אויפֿן אייפֿל־טורם און געזען גאַנץ פּאַריז ווי אויף דער האַנט. ווי הייסן זיי דאָרט? נאָטר דאַם, פּלאַס דע לאַ קאָנקאָרד. שמינגע־דעגינגע. מ׳קריגט דאָרט הייסע קישקעלעך מיט מושטאַרדע. נו, וואָס? מ׳לאָזט יידן לעבן?

— די רעאַקציאָנערן העצן קעגן אַלע מינדערהייטן.

— דאָרט אויך? דאַ איז ביטער ווי גאַל. די גאַנצע וועלט האָט זיך פֿאַרלייגט און מ׳וויל אונדז דערשטיקן. כ׳האָב איצט צייט צו לייענען צייטונגען. זיי האָבן איין טעמע: יידן. מיר זיינען אַלץ: באָלשעוויקעס, באַנקירן, מאַסאָנען, וואָל־סטריט. אַלע חטאים ופשעים לייגט מען אַרויף אויף אונדזער קאָפּ. די אַנדערע זיינען כּשרע לעמעלעך. טראָצקי, ראָטשילד און דער גורער רבי עסן צוזאַמען קוגל. די זקני ציון זיצן טאָג און נאַכט אין אַ הייל און טראַכטן ווי אומצוברענגען די פֿעלקער. דער היטלער איז גאָר אַ חיה־רעה. אַז ער זאָל, חלילה, קומען צו דער ממשלה, וועט זיין ביטער.

— פּראָשע פּאַנאַ, די קאַפּיטאַליסטן טוען אַלדאָס מעגלעכע, ער זאָל איבערנעמען די מאַכט אין דייטשלאַנד. יידישע קאַפּיטאַליסטן אַריינגערעכנט.

— אַך, פּונקט ווי די אַנטיסעמיטן הענגען־אָן אַלע שלעק אויפֿן ייד, אַזוי וואַרפֿט איר, לינקע, אַרויף אַלע זינד אויף די קאַפּיטאַליסטן. מ׳מוז האָבן אַ שעירלעזאזל. איך בין נישט קיין בורזשוי. אויב כ׳על קרענקען אַביסל לענגער, וועט מען מיר מוזן צונויפֿנעמען אויף תּכריכים. פֿונדעסטוועגן האָב איך פֿיינט נאַרישקייטן. וואָס טוט דער קאַפּיטאַליסט פֿאַר אַ שלעכטס? ער קויפֿט און פֿאַרקויפֿט.

— ווער, לויטן פּאַנס מיינונג, איז שולדיק אין איצטיקן קריזיס?

— דער מין מענטש. איר קאָנט אים רופֿן קאַפּיטאַליסט, באָלשעוויק, ייד, גוי, טאָטער, טערק. דער מענטש איז אַ פּאַרך, דאָס אַלץ. אַז אים טוט וויי, מאַכט ער גוואַלדן. אַז מ׳שלאָגט יענעם, האָט ער אַ טעאָריע. אפֿשר איז בעסער אויף יענער־וועלט. עוזר־העשל, קום אַריין צו מיר אויף אַ ווייל. די פּאַננאַ פֿישעלזאָן וועט אונדז אַנטשולדיקן —

אַבראַם האָט אָנגעשפּאַרט בײדע הענט אָן די אַגלענען, זיך פֿאַרקרימט װי פֿון אַ װײטאָג אין אינגעװײד. עוזר־העשל האָט אים געמוזט אַרױסהעלפֿן. אַבראַם האָט געמאַכט עטלעכע טריט און זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט אַרױסגענומען אַ פֿאַטשײלע, אָפּגעװישט דאָס פּנים. אין אידאָס שלאָפֿצימער איז געשטאַנען אַ מושב. אױף אַ שטול זײנען געװען אָנגעשטעלט פֿלעשלעך, שאַכטלעך, סלאָיען. ס'זײנען געשטאַנען נישט־געװאַשענע טעלער און גלעזער. אומעטום האָבן זיך געװאַלגערט ביכער, ספֿרים, צײטונגען, זשורנאַלן. אַבראַם האָט זיך באַדעכטיק אַװעקגעלײגט אױפֿן בעט, אָנגעשפּאַרט דעם רוקן אָן די דרײ קישנס. פֿון די ציכלעך האָבן אַרױסגעקוקט די אײנשיטן.

— אײ־אײ־אײ, כ'בין שױן אַ צעבראָכענער שאַרבן. אַז כ'ליג, איז נאָך װי צו דערלײדן, אָבער אַז כ'טו אַ טריט, טױג אױף אַ כּפּרה. אַ האַרץ, ברודער, איז אַ פּאַסקודנע כּלי. אַז ס'װערט קאַליע, מוז עס גײן אױף שמעלץ. נו, מאַ, כ'האָב מיך נישט געריכט, אַז כ'על אַזױ לאַנג יאָ אָנטרײבן. כ'שפּײ אױפֿן גאַנצן עסק. כ'האָב געטראַכט מ'זאָל מיך פֿאַרברענען, נאָר װאָס איז די נפֿקא מינה? די װערים דאַרפֿן אױך עסן. זײ האָבן אױך װײבער מיט קינדער. לאָמיר גלײכער רעדן װעגן פֿרײלעכערע זאַכן. װאָס טוט זיך מיט דיר? װאָסערע אַװאַנטורעס מאַכסטו? װער איז די מױד? כ'װיל דיר נישט זאָגן קאַ' מוסר, נאָר ס'איז ניש' קאַ' פּירונג.

— כ'האָב אײך געזאָגט, אַז מ'װיל מיך אַרעסטירן.

— אַז װעסט אַרומלױפֿן מיט אַזױנע לײט, װעט מען דיך צען מאָל אַרעסטירן. מ'עט דיך גאַנץ שײן אײנזעצן אין פּאַװיאַק. איכ'ל דיך ניש' אױסקױפֿן. הדסה װײנט מיט ביטערע טרערן. זי איז נישט פֿון די קלאַג־מוטערס, נאָר כ'האָב געזען, אַז זי װערט דערדריקט. װאָס איז די חכמה, האַ? האָסט אַ בעסערן פֿרײנט? יאָרן־לאַנג האָט זי אױף דיר געװאַרט. זי האָט זיך צוליב דיר אומגעבראַכט. איצט צאַלסטו איר אָפּ. װאָס איז? האָסט זי שױן נישט ליב?

— כ'האָב זי יאָ ליב.

— װאָס פּײניקט דיך? רעד אָפֿענע װערטער!

— כ'בין נישט קײן פֿאַמיליע־מאַן.

— האָסטו דיך איצט אַרומגעקוקט? װילסט דיך גטן, האַ?

— כ'װיל, מ'זאָל מיך לאָזן צורו. כ'קאָן מער נישט טראָגן די לאַסט.

— װאָס װילסטו װערן, אַ בראָדיאַגע?

— כ'קאָן מער קײנעם נישט שלעפּן. כ'בין שטערבלעך מיד.

— מיד פֿון װאָס?

— פֿון אַלץ.

— זעסט טאַקע אױס מיד. װילסט אפֿשר אַביסל קאָניאַק? דער דאָקטאָר האָט מיר פֿאַרשריבן אױף אַ רפֿואה.

— נײן. אַ דאַנק.

— זעץ זיך צו. אַזױנע װי דו װערן מיד פֿון די אײגענע מחשבות. װער איז די נקבה?

— אַ טאָכטער פֿון אַ מיסיאָנער.

— אַ קאָמוניסטין פאַר אַ יצולאָג?

— אַזוי זאָגט זי.

— אַהאַ! נו, אַזוי ווי מ'בעט זיך, אַזוי שלאָפט מען. מיר איז גוט. איכ'ל דאָ באַלד נישט זיין. אויף אייך, קינדער, גייען ביטערע צייטן.

— מ'עט אונדז דאָ אַלע אומברענגען.

אַבראַם האָט אויפגעהויבן איין וויע.

— ווער? וואָס רעדסטו?

— מ'האָט אונדז אַריינגעטריבן אין אַ קלעם. עקאָנאָמיש. גייסטיק. אין יעדער הינזיכט.

— דאַרף מען זיך אַמווייניקסטן האַלטן צוזאַמען.

— מיר האָבן זיך גאָרנישט אַזוי ליב...

— אַ שיינע מעשה. איך ליג אויפן טויטן־בעט, און כ'דאַרף אים טרייסטן. די וועלט גייט נאָך נישט אונטער.

— אונדזער וועלט גייט אונטער.

— משוגע מטורף, ס'עט נאָך זיין אַ פאָלק. ס'עלן נאָך זיין יידן. מיר'ן בויען אַ לאַנד.

— אַז מיר'ן בויען, וועט מען עס חרוב מאַכן.

— פרא אדם! ביסט אַריינגעפאַלן אין אַ מרה־שחורה. וואָס זאָלן מיר אַלע טאָן? זיך אַוועקזעצן זאָגן קינות?

— איך פערזענלעך קאָן דאָס מער נישט מיטמאַכן. דאָשקע קרענקט. הדסה האָט אין זין איין זאַך: דאָקטוירים. דער לעצטער גראָשן גייט אַוועק דערויף. די דינסט גנבעט. כ'באַדאַרף אויסהאַלטן דאָווידעקן, די מאַמען, די שוועסטער. די שטעלע אין „חבצלת" איז אומזיכער. דאָס מיניסטעריום פאַרלאַנגט אַ דיפּלאָם.

— פאַרוואָס ביסטו אַוועק פון סעמינאַר?

— די רבנים זיינען גאַסן־יונגען.

— שווייג! דו לאָזט מיך נישט שטאַרבן. וואָס ווילסטו טאָן קאָנקרעט? זיך שמדן?

— כ'על אַוועק און אַלץ איבערלאָזן.

— וואו וועסטו אַוועק? וואו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט?

— וואו ס'עט זיך לאָזן.

— כ'האָב געלייגט אויף דיר האָפענונגען. האָסט מיך ביטער אַנטוישט.

— כ'בין אַנטוישט אין מיר אַליין.

— ביסט אַ פּחדן, ברודער. ווילסט אַלץ איבערלאָזן און מאַכן פליטה. וועסט דיך אַרומשלעפן אַ צייט מיט דער משומדת און דערנאָך בלייבן אויפן וואַסער. סיידן דו ווילסט באַגיין זעלבסטמאָרד.

עוזר־העשל האָט נישט געענטפערט. אַבראַמס גרויסע שוואַרצע אויגן האָבן געקוקט פון הינטער די ברעמען קרום, באַצערט, ווייט אַוועק. דער קנייטש אין שטערן איז געוואָרן טיף ווי אַ וואונד. נאָך אַ ווייל האָט ער אַנגעלענט דעם קאָפּ אָן קישן, צוגעשלאָסן די וויעס. ער איז געלעגן אַ פאַרגליווערטער ווי אַ מת. ער האָט געעפנט איין אויג.

— גיב מיר אַ קוש.

עוזר־העשל האָט זיך אָנגעבויגן, געטאָן אַבראַמען אַ קוש אין שטערן. אַב־ראַם האָט אַרומגענומען זיין האַלדז.

— כ׳גלויב אין גאָט. כ׳שטאַרב אַ ייד!...

## 5

גאַנץ פֿרי זיינען עוזר־העשל און באַרבאַראַ אַוועק פֿון דער אַטעליע. אַבראַם און אַביגדור זיינען נאָך געשלאָפֿן. די אויפֿגייענדיקע זון האָט געוואָרפֿן אַ רויטלעכע שיין אויף די בילדער. די ליניעס און פֿאַרבן, וואָס זיינען ביינאַכט פֿאַרגעקומען אָנגעוואָרפֿן אָן אַ זין, האָבן קעגן פֿרימאָרגן באַקומען אַ סודותדיק ליכט. באַרבאַראַ איז איבערגעזעסן די פּאָר שעה אויף אַ ווייכער שטול. זי האָט אָנגעשפּאַרט די פּיס אָן אַ בענקל, זיך צוגעדעקט מיטן קראַקולענעם מאַנטל, געשלאָפֿן. זי האָט זיך אויפֿגעכאַפּט אָן אויסגערוטע. עוזר־העשל האָט נישט צוגעטאָן קיין אויג. אַב־ראַם האָט געשנאָרכט אין צווייטן צימער, נאָר יעדע פּאָר מינוט האָט ער זיך איבערגעוועקט מיט אַ זיפֿץ. עוזר־העשל און באַרבאַראַ זיינען אַראָפּ פֿון די טרעפּ, זיך געהאַלטן ביי די הענט. די פֿאַרוואָגלטע נאַכט אין שטוב פֿון אַ חולה־מסוכן האָט זיי דערנענטערט. זיי האָבן צוזאַמען איבערגעביסן אין אַ קאַפֿע־הייזל אויף דער מאַרשאַלקאָווסקע. דערנאָך האָבן זיי זיך צעשיידט. באַרבאַראַ איז אַוועק צו אַן אַדוואָקאַט, וואָס האָט זיך ספּעציאַליזירט אין פּאָליטישע פּראָצעסן. עוזר־העשל האָט געהאַט זיינע עסקים. מ׳האָט זיך אָפּגעשמועסט צו טרעפֿן זיך אין דעם אייגענעם קאַפֿע זעקס אַזייגער אין אָונט. נאָכדעם ווי באַרבאַראַ איז אַוועק, האָט עוזר־העשל אָנגעקלונגען אַהיים. ער האָט געוואָלט וויסן, צי ס׳איז נישט געווען אין שטוב קיין רעוויזיע. נאָר ווען הדסה האָט דערהערט זיין שטים, האָט זי גלייך אָוועקגעלייגט דאָס טרייבל. עוזר־העשל איז שוין לאַנג נישט געהאַט געווען ביי דער מאַמען און ער האָט גענומען אַ טראַמוויי, וואָס האָט געפֿירט צו דער פֿראַנציסקאַנער גאַס. די מאַמע און דינהלע זיינען קיינמאָל נישט געקו־מען צו עוזר־העשלען אויף דער באַגאַטעלע. ביידע האָבן נאָך אַלץ געהאַלטן מיט אײדלען. אײדל פֿלעגט יעדן צווייטן שבת קומען מיט דאַווידעקן צו דער באָבען אויף שבת־אויבסט. זי האָט נאָך אַלץ גערופֿן פֿינקלען — שוויגער. פֿינקל האָט ביז היינט גערופֿן הדסהן — „יענע". דאָס אייניקל, דאַשקע, האָט פֿינקל גע־זען בלויז צוויי מאָל, איין מאָל ווען זי איז נאָך געווען אַ פּיצלס, און דאָס צוויי־טע מאָל מיט אַ פּאָר חדשים צוריק. דאַווידעק האָט געקאָנט אַביסל יידיש. דאַש־קע האָט נאָר פֿאַרשטאַנען פּויליש, און די באָבע האָט זיך נישט געקאָנט מיט איר צונויפֿרעדן. זי האָט געפֿרעגט:

— ליוביש טאַטע?

און צוגעגעבן:

— אַ שיקסעלע...

אַלץ איז עוזר־העשלען פֿאַרגעקומען אויסטערליש: דאָס נישט נעכטיקן אין דערהיים, דאָס האָבן אַ פֿרייען טאָג, דאָס קומען צו גאַסט צו דער מאַמען

באַלד אינדערפֿרי. ס׳איז געווען ווי ער וואָלט ווידער געוואָרן אַ בחור. אין פֿרימאָרגן האָט דער דלות זיך מער געוואָרפֿן אין די אויגן. די טרעפּ, וואָס האָבן אַרויפֿגעפֿירט צו דער מאַמעס דירה, זיינען געווען אָנגעמיסטיקט. אויף די שטיגן זיינען געזעסן קינדער איינגעהילט אין דערעלעך, לייבעלעך, שמאַטעס. מ׳האָט זיך געשפּילט מיט שערבעלעך, שטיינדלעך. ביי אַ ייִנגעלע זיינען וויעס געווען רויט און אָנגעשוואָלן, ווי פֿון טראַכאָמע. אַ מיידעלע האָט געהאַט אַן אויסשיט אויפֿן שטערן. אַ פּיצעלע ייִנגעלע אין אַ קאַפּעלע, מיט צוויי צעשויבערטע פּאות פֿון אַ דערוואַקסענעם, איז אַרויסגעלאָפֿן פֿון אַ שטוב מיט אַ סידורל, אַ רוף געטאָן אַ צונאָמען, צוריק אַריינגעלאָפֿן. די טיר האָט געעפֿנט דינהלעס מיידל, טעמערל, וואָס איז געווען איין איין עלטער מיט דאַווידעקן. טעמערל איז געווען אַ קליין־וואוקסיקע, געראָטן אין פֿאָטער, מנשה־דודלען. זי האָט געהאַט אַ קאָפּ געלבלעכע האָר, אַ הויכן בוזעם, ברוינע אויגן, אַ ברייטלעך פּנים מיט קלאַיען. טעמערל האָט געהאַט געלערנט אין די בית־יעקב שולן, געקאָנט סיי לשון־קודש, סיי פּויליש. פֿון צען יאָר אָן האָט זי נישט פֿאַרפֿעלט קיין מנחה. פֿאַר מיטאָג האָט זי צוגעהאָלפֿן אין שטוב. נאָך מיטאָג האָט זי געפֿירט די בוכהאַלטעריע אין אַ שניט־געשעפֿט אויף דער גענשע. ווען עוזר־העשל איז אַריין, האָט דינהלע געהאַלטן אין שניידן אַ ציבעלע. זי האָט אָפּגעווישט די הענט אין פֿאַרטוך, זיך צעקושט מיטן פֿעטער.

— סקאָצל קומט, פֿעטער עוזר־העשל! ס׳אַראַ גאַסט! אוי, ווי די באָבעשי ט׳זיך דערפֿרייען!

— וואו איז די באָבע? וואו איז דיין מאַמע?

— די מאַמעשי איז געגאַנגען איינקויפֿן. די באָבעשי דאַוונט. דער טאַטעשי איז אין שטיבל. רחמיאל איז אין דער ישיבה. דנ׳דל איז אין חדר.

— וואָס הערט זיך? כ׳בין שוין דאָ נישט געווען אַ שאָק מיט יאָרן.

— דער פֿעטער מעג זיך שעמען. מ׳קומט ניש׳ אַראַן אַזוי לאַנג. אַנימלט האָט די באָבעשי געזאָגט: ער שטאַט אונדז אָפּ דאָקטאָרשע וויזיטן. וואָס מאַכט דאַווידעק? וואָס טוט דאָשקע?

— דאַווידעק האָט געזאָלט פֿאָרן אויף אַ קאָנפֿערענץ פֿון די שומרים. דאָשקע האָט געהאַט צוטאָן מיטן האַלדז. וואָס טוסט דו, טעמערל טייערע?

טעמערל איז געוואָרן רויט.

— וואָס זאָל יאַך טאָן? אינדערפֿרי העלף יאַך אין שטוב. נאָך מיטאָג גיי יאַך צו דער אַרבעט און אַזוי אַנטלויפֿט די צייט. מיר האָבן געגרינדעט אַ מיידלשע גרופּע פֿון „הפּועל הדתי”. איך בין די סעקרעטאַרין. מ׳סטאַרעט זיך צו קריגן סערטיפֿיקאַטן. מ׳האָט אויך געשאַפֿן אַ פֿרויען־אָפּטיילונג ביי דער הכשרה אַרום מלאַווע.

— וואָלסט געוואָלט פֿאָרן קיין ארץ־ישראל?

— פֿאַרוואָס ניש׳? דאָ איז נישטאָ וואָס צו טאָן. די געשעפֿטן זיינען שלעכט. מ׳נעמט אַלץ אויף קרעדיט. דערנאָך קומען־אָן פּעק פּראָטעסטן. דער אַלטער איז אַזאַ וויצלער. אַ סוחר קומט צאָלן אַ וועקסל, זאָגט ער: איר זענט אַן אַלט־

מאַדישער. היינט צאָלט מע׳ ניש׳. מ׳קאָן פלאַצן פֿון געלעכטער. אַ מיידל קאָן ניש׳ פֿאָרן אַליין. סערטיפֿיקאַטן קריגן נאָר פֿאַמיליעס.

— אַהאַ. נו, וועסטו חתונה האָבן. כ׳הער, מ׳מאַכט פֿיקטיווע חתונות.

— ניש׳ ביי אונדז. וואָס שטייט דער פֿעטער אין פֿאַלטן? דער פֿעטער ט׳זיך נאָך פֿאַרקילן.

די טיר פֿון מיטל־שטוב האָט זיך אויפֿגעמאַכט און ס׳איז אַריינגעקומען די מאַמע. יעדעס מאָל, וואָס עוזר־העשל האָט זי דערזען, איז ער פֿונסניי געוואָרן אַ דערציטערטער. זי איז געוואָרן אַלץ געעלטערטער, איינגעשרומפּענער. זי איז נאָך נישט אַלט געווען קיין זעכציק יאָר, נאָר זי האָט אויסגעזען ווי אַ זקנה פֿון אַכציק. אויפֿן אָפּגעגאָלטן קאָפּ האָט זי געטראָגן אַ טיכל. אויף דער הויקער־דיקער נאָז זיינען געזעסן אַ פּאָר שפּאַקולן. די באַקן זיינען געווען פֿול מיט קנייטשלעך. זי איז געבליבן אָן אַ צאָן. דער אונטערשטער קיהן איז דערפֿון גע־וואָרן אויסגעשפּיצט און פֿאַרריסן. אין איין האַנט האָט זי געהאַלטן אַ נאָז־טיכל, אין דער אַנדערער — אַ קרבן־מנחה סידור. עוזר־העשל האָט זיך מיט איר צע־קושט. זי האָט אים אָנגעקוקט האַלב־שמייכלדיק, האַלב־פֿאַרוואונדערט.

— מ׳זעט דיך נישט פֿאַר די אויגן. כ׳האָב שוין געהייסן דינהלען טעלע־פֿאָנירן. זעסט מיר נישט אויס גוט! — האָט די מאַמע געפּסקנט.

— ס׳איז מיר גאָרנישט. כ׳בין שלעכט געשלאָפֿן.

— פֿאַרוואָס זאָלסטו עפּעס שלאָפֿן שלעכט? אין דיינע יאָרן דאַרף מען שלאָפֿן גוט. וואָס מאַכט די משפּחה?

— אַ דאַנק.

— ווערסט אַלץ מער אַ גאַסט. האָסט נעבעך נישט קיין צייט. אַ יונגערמאַן טראָגט אויף זיך, קיין עין־הרע, אַזאַ עול. האָסט שוין געגעסן אָנבייסן? ווערסטו טרינקען אַ גלאָז טיי. ס׳איז מיר נאָך געבליבן פֿון שבת אַ קיכל. דינהלע קומט באַלד צו גיין. זי האָט אויף דיר גרויסע תּרעומות. טעמערל, גיס־אָן דעם פֿעטער אַ גלאָז טיי. וואָס שטייסטו אין קיך? קום אַריין אין שטוב. כאַטש, דאָ איז וואַ־רעמער.

— יאָ, מאַמע, כ׳על זיצן דאָ.

— טעמערל, וויש־אָפּ די שטול. רייניק־אָפּ דעם טיש. איכ׳ל דערווייל אָפּ־דאַווענען.

די מאַמע האָט זיך אומגעקערט אין מיטל־שטוב. טעמערל האָט זיך געפּאָרעט, פֿאַרבריט עסענץ, אויסגעוואַשן אַ גלאָז, אָפּגעשניטן אַ פּענעצל ציטרין. זי איז אַוועק און זיך אומגעקערט מיט דעם קיכל, וואָס די באָבע האָט באַהאַלטן אין אַלמער.

— וואָס מאַכט דער טאַטע? — האָט עוזר־העשל געפֿרעגט. — ער פֿאַרדינט עפּעס?

טעמערל האָט געטאָן אַ הויב מיט די אַקסלען.

— ע, גראָשנס. ער לערנט מיט צוויי יינגלעך, נאָר זיי בלייבן שולדיק. רח־מיאל קריגט אין קיבוץ מיטאָג. מ׳שיקט פֿון אַמעריקע. דנ׳דל העלפֿט־צו פֿרייטיק דעם שמש. ער צאָלט אַ זלאָטע . . .

און טעמערל האָט געשמייכלט און געוויזן אַ מויל ברייטלעכע ציין.

— וואָס איז מיט דיינע פֿאַרדינסטן? האָסט דאָך געזאָלט קריגן אַן הוספה.

— כ'דאַנק גאָט, אַז מ'נעמט ניש' אַראָפּ.

עוזר־העשל האָט געטרונקען די טיי, צוגעביסן דאָס מירביקע קיכל. אַ העלפּט האָט ער איבערגעלאָזט. ער האָט געוואוסט, אַז די קינדער רייסן זיך איבער אַזאַ נאַש. עוזר־העשל איז שולדיק געווען דער מאַמען איבער הונדערט זלאָטעס וואָכנ־געלט, אָבער וואו זאָל ער נעמען? דאָס גאַנצע פֿאַרמעגן זיינס איז איצט באַשטאַנען פֿון צוויי זלאָטעס. פֿון „חבצלת" האָט ער ערשט געקאָנט קריגן געלט אין אַנדערהאַלבן וואָכן אַרום. ס'זיינען נאָך געבליבן אַ פּאָר טעג פֿון דער ווינטער־דיקער וואַקאַציע. ער האָט גאָרנישט געהאַט איבערגעלאָזט הדסהן. פֿון אידלען איז שוין אָפּגערעדט. אויב ער'ט היינט נישט קריגן געבאָרגט הונדערט זלאָטעס, וועט אים אויסקומען צו הונגערן. ער האָט געטאָן אַ שלוק פֿון דער טיי און זיך פֿאַרטראַכט. ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, דערשטוינט פֿון דעם אייגענעם מצב. אַבראָם איז גערעכט: כ'באַגיי זעלבסטמאָרד, ביסלעכווייז. ס'איז אים איינגעפֿאַלן, אַז דער וועג צוריק איז נאָך נישט פֿאַרשלאָסן. ער קאָן נאָך אפֿשר צוריקקריגן די לעקציע אין סעמינאַר. ער קאָן זיך נאָך אָפּמוטשען אַ פּאָר יאָר. אָבער וואָס איז די פּעולה? ס'ווערט ערגער אין פּוילן פֿון טאָג־צו־טאָג. זיינע נערוון ווערן אַלץ צעשרויפֿטער. ער האָט מיטן שפּיץ פֿינגער אויפֿגעהויבן קרישקעס פֿון טישטוך, אַריינגעלייגט צווישן די ליפּן. ער האָט געטאָן אַ זייטיקן בליק אויף טעמערלען. די קינדער, וואָס מ'האָט דאָ געבוירן, אָן אַ באָדן, זיינען פֿאַרמשפּט צום טויט.

בעת עוזר־העשל איז דאָ געזעסן און געזופּט די טיי, האָט ער זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז די אַוואַנטורע מיט באַרבאַראַן איז אַ משוגעת. דאָס וועט אים די רעשט רויִנירן. אָבער דאָס לעבן איז געווען צו־גרוי. ער האָט זיך געמוזט קלאָמערן אָן עפּעס אַ שפּיל. צווישן די פֿאַרלאָשענע נשמות, וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט, איז געווען אוממעגלעך צו אָטעמען.

נאָכדעם ווי עוזר־העשל האָט געכאַפּט אַ שמועס מיט דער מאַמען און מיט דינהלען, וואָס האָט זיך שפּעטער אומגעקערט פֿון מאַרק, איז ער אַוועק אין שלאָף־שטוב, זיך צוגעלייגט אויפֿן בעט. די ווענט זיינען דאָ געווען אָפּגעריסן. אויף שטריק האָבן זיך געטריקנט העמדער, ליילעכער, ציכן, גאַטקעס, פֿול מיט צערוועס און לאַטעס. דינהלע האָט דערציילט, אַז מ'קאָן מער נישט אַרויסהענגען וועש אויפֿן בוידעם, ווייל מ'גנבעט צו. פֿון הויף האָבן זיך געהערט די רופֿענישן פֿון שאַכערס, די זינגענישן און שפּילענישן פֿון הויף־זינגער. דורך די פֿאַרמאַכטע פֿענסטער האָבן זיך דורכגעריסן די רעדעס, וואָס די געפֿאַלענע האָבן געהאַלטן: גוטהאַרציקע מענטשן, איך בין שוין איבער אַ יאָר אָן אַרבייט. איך האָב אַ פֿרוי מיט פֿינף קינדער. העלפֿט מיט וואָס איר קאָנט. מיר גייען אויס פֿון נויט. איך שטאַם פֿון אַ בכבודיקער משפּחה... דאָס שפּילן איז נישט געווען עפּעס אַ גרימפּלען אויף אַ קאַטערינקע, נאָר מוזיק, וואָס מ'קאָן הערן אויף אַ קאָנצערט. אין דער קעלט האָבן זיך געעפֿנט לופֿטן און מ'האָט אַראָפּגעוואָרפֿן מטבעות איינגעוויקלט אין שטיקלעך פּאַפּיר. ווי־נאָר איין קאַפּעליע איז אַרויס,

איז אַן אַנדערע אַריין. עוזר־העשל האָט געהאַט אַ פֿאַרלאַנג צו פֿאַרשטאָפּן די אויערן. דער דאָזיקער הויף איז נישט איינער. דאָס אייגענע האָט זיך אָפּגעטאָן אין אַלע הויפֿן. וויפֿל פֿעלט, אַז ער, עוזר־העשל, זאָל זיין אין אַזאַ לאַגע?...

ער איז איינגעשלאָפֿן. מ׳האָט אים אויפֿגעוועקט. ביי דער שוועל איז געשטאַנען מנשה־דודל, דינהלעס מאַן, דער אומאַנער חסיד, אין אַ צעפּליקטן איבערציער, וואָס ס׳האָט פֿון אים אַרויסגעקוקט די וואַטע; אין אויסגעדרייטע שטיוול, פֿול מיט לאַטעס; אין אַ פֿאַרפֿעדערט היטל קרום פֿאַרזעצט איבער אַ יאַרמולקע. פֿון דער צעשויבערטער באָרד, וואָס איז געוואַקסן ביז די באַקן־קישעלעך, האָבן אָפּגעקוקט אַ פּאָר לאַכעדיקע אויגן. אונטערן אָרעם האָט ער געהאַלטן אַ טלית־זאַק.

— שלאָפֿסט גאָר, האַ? מה לך נרדם, קום קרא. נישטאָ קאַ׳ יאוש, דו הערסט צי ניש׳? אַלע מרה־שחורות קומען פֿון דער סטרא אחרא. פֿון איין פֿונק קאָן ווערן אַ פֿלאַם פֿייער. איין טראָפּן שמחה איז שקול קעגן אַ ים מיט עצבות!...

## 6

עוזר־העשל איז ווידער איינגעשלאָפֿן. ווען ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט, איז שוין געווען האַלב־דריי נאָך מיטאָג, די מאַמע און דינהלע האָבן אים געפּרואווט פֿאַרהאַלטן, נאָר ער האָט געמוזט גיין. ער האָט צוגעזאָגט, אַז ער׳ט דאָ זיין מאָרגן. ער איז אויפֿגעקומען מיט אַ געפֿיל, ווי ער וואָלט אַלץ פֿאַרשפּעטיקט. וואו קריגט מען איצט געלט? ער האָט אויסגערעכנט אין דער מחשבה אַלע מעגלעכקייטן צו באַקומען אַ גמילת־חסד. ער האָט זיך געשעמט, וואָס ער איז געקומען צו דער מאַמען און קאָן איר גאָרנישט איבערלאָזן. ער איז גיך אַרויס פֿון שטוב. אינדרויסן איז געפֿאַלן אַ געדיכטער שניי. ער האָט זיך געלאָזט גיין לענגאויס דער פֿראַנציסקאַנער. אַ ווייל איז ער געבליבן שטיין ביי אַ געוועלב פֿון ספֿרים. מחברים האָבן נאָך אַלץ געדרוקט חיבורים. אין פֿענסטער איז געלעגן אַ ניי ספֿר אויף בבא מציעא. אויפֿן שער־בלאַט איז געווען אויסגערעכנט דעם מחברס יחוס ביז דעם של״ה. אינעווייניק, אין דער קראָם, האָט דער סוחר געשמועסט מיט אַ בחור אין לאַנגע פּאות ביז די אַקסלען. אויף עק נאַלעווקיס און נאָוואָליפּקי איז עוזר־העשל געבליבן שטיין ביי אַ ביכער־געשעפֿט. ס׳זיינען געווען אויסגעשטעלט סיי העברעאישע ביכער, סיי יידישע. די שרייבער האָבן נאָך אַלץ געשריבן ראָמאַנען, לידער, דראַמען. די פּאַרטיי־לייט האָבן אַרויסגעלאָזט אַלערליי בראָשורן. די רעוויזיאָניסטן, זשאַבאָטינסקיס אָנהענגער, האָבן אַרויסגעגעבן אַ וואָכנזשורנאַל, וואָס האָט גערופֿן צום קאַמף קעגן דער ציוניסטישער פּאָליטיק און איר מילדער באַציאונג צו ענגלאַנד.

בעת עוזר־העשל האָט געניסטערט מיטן בליק דורך דער פֿאַרהויכטער שויב, איז אים געוואָרן קלאָר, אַז ער קאָן היינט אין ערגעץ נישט קריגן קיין הלוואה. ער האָט גענאַרפֿט בלייבן זיצן ביי דער מאַמען ביז זעקס אַזייגער און דערנאָך צופֿאָרן אויף דעם ראַנדעוואו מיט באַרבאַראַן. אפֿשר איז שוין געקומען די צייט צו באַגיין זעלבסטמאָרד? — איז אים איינגעפֿאַלן. — אויף וואָס נאָך וואָרט

איך ?... ער איז געשטאנען און דער שניי האט אויף אים געשאטן. דער קא־פעליוש איז געווארן אויף אים שווער. שטיקער שניי זיינען געלעגן אויף די שולטערן, געהאנגען אויף די פאלעס. די ברעמען זיינען אים געווארן אנגעדראלן. מיט אמאל איז ער געווארן אויפגעהייטערט. וואס עפעס זעלבסטמארד ? ס׳איז א ליכטיקע וועלט. אמונדסעןביים נארדפאל איז געוועזן אין אן ערגערן מצב. ער האט געמוזט עסן שטיוול... כ׳בין נישט אליין אין ווארשע. כ׳האב דא א מאמען, א שוועסטער, קינדער. דריי פרויען זיינען אין מיר פארליבט. איכ׳ל מיך נאך אביסל ראנגלען...

ער האט זיך געלאזט גיין צו אײדלען. זי׳ט אים אנזידלען, אבער ס׳איז נישט געפערלעך. גרעסערע בריות פון אים האבן באנקראטירט. ער האט געהאט ביי זיך א שליסל צו אײדלס טיר, נאר ער האט אנגעקלונגען. אײדל א ! געקומען עפע־נען. זי איז געשטאנען און געקוקט אויף אים מיט א מינע, ווי זי וואלט זיך געקווענקלט: יא־ארײנלאזן, אדער נישט־ארײנלאזן.

— דערקענג׳ט מיך נישט ? — האט ער געפרעגט.

— יא, כ׳דערקאן דיך. ווישׂ אפ די פיס.

— דאווידעק איז אין דערהיים ?

— דאווידעק איז אויף דער קאנפערענץ.

עוזר־העשל האט אפגעווישט די זוילן אין שטרוי־טעפיך. ער האט דער־שפירט א גערוך פון קאטלעטן, קארטאפל, ריישעכץ. ס׳האט זיך אים מיט אמאל דערמאנט די שווייץ. ער פלעגט קומען צו א שוחט אין בערן לערנען די קינ־דער, און אין קיך האט מען דארט אלעמאל געפרעגלט, געבראטן, געזאטן פליישן. אוי, בין איך בשפל המצב ! — האט ער געטראכט. געזאגט האט ער:

— וואס שרייבט דאווידעק ?

— דאס קינד איז באגייסטערט. מאל דיר אויס: מ׳האט עים דארט אויס־געקליבן אין דער קאמיסיע. איינעם צווישן הונדערטער דעלעגאטן. ער האט צוגעשיקט א פאטאגראפיע. ער האט אן אידעאל. נו, טו־אויס דעם מאנטל. קום ארײן. ווערסט אפשר עסן מיטאג ?

— כ׳האב ערשט אפגעגעסן.

— א שאד. דו קומסט צו מיר אלעמאל אן אפגעגעסענער. עך האב שוין געמיינט, דו האסט פארגעסן מיין אדרעס...

אין מיטל־שטוב איז אויפן טיש געשטאנען א האלבער טעלער זופ. אײדל האט זיך אוועקגעזעצט ביים טיש. עוזר־העשל האט זיך אנגעשפארט אויף דער סאפע. אײדל האט אינדערגיך זיך אפגעפארטיקט מיט די פאר לעפל געקעכטס, אפגע־רוקט דעם טעלער.

— נו, וואס ברענגט דיך אהער ? — האט זי געפרעגט. — האסט אוודאי געוואלט זען צי מיר לעבן נאך, אדער מיר זיינען שוין אויסגעגאנגען פון הונ־גער.

— זאל זיין אזוי.

— ווי לאנג דאווידעק האט א מאמען, וועט ער נישט הונגערן ! עך האב עים מיטגעגעבן די שפּייזן און א פאר זלאטעס אין טאש פאר א צולאג. די מערס־

טע דעלעגאַטן זיינען פֿאַרמעגלעכע קינדער. עך וויל נישׁ׳ מיין קינד זאָל ווערן פֿאַרשעמט. זעסט נישט אויס גוט. וואָס איז דיר?

— כ׳בין נישט געשלאָפֿן צוויי נעכט.

— וואָס האָט פּאַסירט? דיין ווייב גייט צו־קינד?

עוזר־העשל האָט איר דערציילט, אַז מ׳וויל אים אַרעסטירן. ער האָט דער־מאָנט די פּאַננאַ באַרבאַראַ. ער האָט צוגעגעבן, אַז ער איז איבערגעזעסן מיט איר די נאַכט ביי אַבראַמען. ער האָט אַליין נישט געוואוסט פֿאַרוואָס ער פֿאַרטרויט איר דאָס אַלץ: צו דערהויבן זיין מאַנסבילשן פּרעסטיזש, אַרויסצורופֿן אין איר אייפֿערזוכט, אָדער איר קלאָר צו מאַכן איינמאָל־פֿאַר־אַלעמאָל, אַז זי קאָן זיך נישט פֿאַרלאָזן אויף זיין ביישטייער. אײדל האָט זיך צוגעהערט אַ שווייגנדיקע. זי האָט אים אָנגעקוקט קרומלעך. די נאָז־פֿליגל האָבן זיך אויפֿגעבלאָזן. זי האָט גלייך באַנומען, אַז ער פֿירט מיט דער באַרבאַראַן אַ ליבע. ס׳האָט זי פֿאַרדראָסן, וואָס עוזר־העשל לאָזט זיך אַריין אין אַזאַ זומפּ, נאָר זי האָט דערלעבט נקמה אָן הדסהן. אײדל האָט, איבעריקנס, פֿאָרויסגעזען, אַז ס׳עט זיך אַזוי אויסלאָזן. ווען אַ מאַנסביל איז פֿאַלש צו איין פֿרוי, וועט ער אָפּנאַרן אַלע אַנדערע. פֿאַר איר, אײדלען, איז ער שוין לאַנג אַ פֿאַרפֿאַלענער. בלויז פֿון איין זאַך האָט זי זיך נישט געקאָנט באַפֿרייען: זי קאָן אים נאָך אַלץ נישט האַסן ווי ער האָט פֿאַר־דינט. די פֿיינטשאַפֿט צו אים איז אַלעמאָל געמישט מיט מיטלייד. זי האָט געקוקט אויף אים ווי ער זיצט אַ קרענקלעך־בלאַסער, אין אַ צעקנייטשטן אָנצוג, אין אַ שלעכט־פֿאַרבונדענעם קראַוואַט, און זי האָט געהאַט אַ פֿאַרלאַנג אים צו וואַרע־נען, העלפֿן. פֿאַרוואָס זאָל אַ מענטש וועלן זיך אַליין אומברענגען? — האָט זי זיך געוואונדערט. — דאָס איז זאָנדערלעך. ס׳האָט זיך איר מיט אַמאָל דערמאָנט אַ רייזע, וואָס זי האָט מיט אים געמאַכט, פֿון געגנף קיין לוזאַן און פֿון דאָרט קיין בריג. זיי האָבן געגעסן צוזאַמען אויפֿן וואָקזאַל און געקוקט צו דעם באַרג, וואָס האָט געהויערט איבער דעם שטעטל ווי אַ מויער, באַוואַקסן ביז אַרויף מיט וויינ־גערטנער. זי האָט אַ זאָג געטאָן:

— עוזר־העשל, איך באַשווער דיך זאָלסט עסן אַ שטיקל פֿלייש. כ׳האָב צו־פּיל. ווּעסט דיך נישט איבערעסן...

— ניין, ס׳איז אויסגעשלאָסן.

— טרינק אַמווייניקסטן אַ גלאָז טיי.

זי איז גיך אַרויס. זי איז צוריקגעקומען מיט אַ קלאָפּס פֿאַר זיך און טיי פֿאַר עוזר־העשלען. אויפֿן טעצל זיינען געלעגן אַ פּאָר צייניקע קיכלעך. זי האָט געקייט און זיך אין אים איינגעקוקט. ווי קאָן אַזאַ ערנסטער מענטש זיך אויפֿ־פֿירן ווי אַ הפֿקר־יונג? — האָט זי געטראַכט. — וואָס טוט זיך אָפּ אין זיין מח? ווי אַזוי קאָן מען עפּעס נישט זיין איבערגעגעבן דעם אייגענעם זון? ווי אויס־טערליש, נאָר זיין קרום פֿירעכץ האָט זי נישט געלאָזט חתונה האָבן. ס׳איז איר אָפּט אויסגעקומען, אַז ווי לאַנג זי וועט נישט באַשיידן דאָס דאָזיקע רעטעניש, בלייבט זי אָן אים הענגען. זי האָט ערגעץ געהאַט די איינרעדעניש, אַז ער וועט זיך אָנטוישן אָן אַלץ און אין אַלעמען, און קומען צו איר זוכן שוץ, ווי אַמאָל אין דער שווייץ. זי האָט געפֿרעגט:

— וואָס זאָגסטו צו דאַווידעקן? ער וויל אַוועק קאַ׳ פּאַלעסטינע. וואָס וועט דאָרט פון עים ווערן? ווען ער זאָל שטודירן, קאָן ער אויסוואַקסן אַ גאון.

— די וועלט שפּייט אויף אונדזערע גאונים!

— ער׳ט געזאָגט, ער׳ט דיר שיקן אַ סערטיפיקאַט. נישטאָ, כ׳לעבן, ווער ס׳זאָל לאַכן. ער גערעט אַריין אין דיר, אָבער ער האָט נישט דיינע חסרונות. ווי איז דאָס מעגלעך, האַ? דו האָסט גערעדט און ער טוט. ער ווייסט אַלע דיינע שטיק, נאָר ער פאַרטיידיקט דעך. ער איז נישט איינער. ס׳קומט אַריין צו עים יינגלעך. עך זאָג דיר: פּערזענלעכקייטן. מ׳איז איבערגעגעבן דעם פאָלק. מ׳איז גרייט זיך צו אָפּערן. עך קאָן נישט פאַרשטיין פון וואַנען קומט עס צו זיי. ס׳וואַקסט אַ נייער ייד.

— יאָ, אײדל. מיר האָבן שוין דערגרייכט די לעצטע שטופע. כ׳מיין נישט דיך, נאָר מיך. נאָכן טיפּסטן טאָל מוז זיך אָנהויבן אַ באַרג־אַרויף. ריין לאָגיש.

— נאָך גוט, וואָס דו ביסט אויף דיר אַ מבין. דאַרפסט פונדעסטוועגן נישט זיין אַזוי דערשלאָגן. האָסט אויך דיינע מעלות. אָך, עוזר־העשל, פאַרוואָס איז אַזוי געשען? עך האָב דעך אַזוי ליב געהאַט! עך בין גרייט געווען פאַר דיר צו שטאַרבן!

אײדל האָט זיך דערשראָקן פאַר די אייגענע רייד, נאָר ס׳איז שוין געווען פאַרפאַלן. עוזר־העשל האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

— מ׳קאָן אויף מיר נישט בויען.

— פאַרוואָס, עוזר־העשל? פאַרוואָס?

— כ׳קאָן, אַפנים, נישט לעבן אָן אַ גאָט. דער צווייפל האָט מיך קראַנק געמאַכט. גייסטיק און פיזיש.

— יאָ, עוזר־העשל, דו ביסט קראַנק! — האָט אײדל ווי זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם ענטפער. — דעריבער קאָן עך אויף דיר נישט זיין בייז. עך אויף דיין אָרט וואָלט אַוועק צו אַ פּסיכאָ־אַנאַליטיקער.

— דער עלטער־זיידע מיינער וואָלט געדאַרפט אַהין גיין.

— דאַרפסט אפשר עפּעס געלט? עך קאָן דיר באָרגן. זאָג וויפל דו ווילסט.

— ניין, אײדל, כ׳על נישט האָבן אָפּצוגעבן.

— וואָס האָסטו בדעה צו טאָן?

— איכ׳ל מיך נאָך אַביסל שפּילן.

— מיט וואָס? מיט מענטשלעכע לעבנס?

— מיט וואָס דען?

ער איז אויפגעשטאַנען. זי האָט זיך אויך אויפגעשטעלט.

— עוזר־העשל, ביסט באַגאַנגען קעגן מיר אַ גרויסע זינד. נאָר טו דאָס נישט הדסהן. עך האָב ברייטע פּלייצעס. זי איז אַ קראַנקע. זי׳ט דאָס נישט איבערלעבן!...

ווען אײדל האָט אַרויסגעזאָגט די דאָזיקע ווערטער, איז זי באַפאַלן אַ טונקעלע אַנונג: גלייך ווי עמעץ וואָלט פון איר אַרויסגערעדט. דאָס האָט גערעדט דורך איר מויל די מאַמע, עליה השלום. ס׳איז געווען איר קול, איר ניגון. עוזר־העשל האָט געהאַט די אייגענע אויסדוכטעניש. ער האָט ווי דערהערט די גע־

שטאַרבענע שוויגער. הינטער די אַלע קאָנפֿליקטן, פֿאַרליבענישן, קריגערייען, זינד האָט געווירקט דער סוד פֿון ירושה. פֿאַרבאָרגענע כּוחות האָבן אַכטונג געגעבן, ס׳זאָל נישט אויפֿהערן דאָס משקולת צווישן גוטס און שלעכטס.

*

יענע נאַכט האָט עוזר־העשל איבערגענעכטיקט מיט באַרבאַראַן ביי אַ קריסטלעכע קאָמוניסטין, אויף דער לעשנאָ גאַס, נעבן פּלאַץ קערצעלאַק. ס׳זאָל נישט אויפֿפֿאַלן דעם סטרוזש, אַז פֿרעמדע מענטשן בלייבן אין דער וואוינונג, האָט מען געמוזט קומען אַהין אַ שטיק איידער מ׳האָט פֿאַרמאַכט דאָס טויער און אַוועקגיין שפּעטלעך. זיי זיינען איבערגעשלאָפֿן אין אַ פֿינסטער שטיבל מיט אַ ברייט בעט און אַ הינקעדיקן וואַש־טיש. עלף אַזייגער פֿאַרמיטאָג זיינען די געליבטע איינגעזעסן אין דעם טראַמוויי נומער ניין, וואָס האָט געפֿירט פֿון וואָליע קיין מאָקאָטאָוו. דער אַדוואָקאַט, וואָס ביי אים איז באַרבאַראַ נעכטן געווען, האָט געראָטן, זי זאָל וואָס גיכער זיך אומקערן אַהיים, וואָרים דאָס אויסבאַהאַלטן זיך קאָן נאָך פֿאַרערגערן די לאַגע. די אייגענע עצה האָט געגאָלטן פֿאַר עוזר־העשלען. דאָס פּאָרל האָט פֿאַרבראַכט צוזאַמען אַ לאַנגע ווינטער־נאַכט. זיי האָבן זיך נאָכגעגעבן אַלע תּאוות. אָבער נישט זיי זיינען געווען אָנגעזעטיקט, נישט גליקלעך. באַרבאַראַ האָט זיך גערעכנט, אַז ווי נאָר זי וועט אַריין אין פֿאָטערס הויז, וועט מען זי אַרעסטירן. אַ שפּיצל האָט זיכער געוואָרט פֿאַר דער דרויסן־טיר, אָדער אָקעגנאיבער, ביים זאַקסישן גאָרטן. באַרבאַראַ האָט זיך געהאַט באַ־וואָרנט, אַז אין פֿאַל פֿון אַן אַרעסט, זאָל מען זי אַרויסנעמען אויף קויציע; אָבער מ׳האָט קיינמאָל נישט געקאָנט וויסן אין וואָס מ׳עט זי באַשולדיקן און צי דער אויספֿאָרשונגס־ריכטער וועט באַשטיין. איצט איז זי געזעסן אַ שוויגנדיקע, אַן אָנגעבויגענע. זי האָט אַן אָנגעשטרענגטע אַרויסגעקוקט דורך דער פֿאַרהויכטער שויב, וואָס זי האָט געהאַלטן אין איין ווישן מיט דער הענטשקע. ווי מאָדנע דער שיקזאַל האָט מיט איר געפֿירט! ווי לאַנג זי איז געווען אַליין, האָט מען זי נישט געטשעפּעט; איצט, אַז זי האָט באַקומען אַ געליבטן, האָט זי געמוזט גוטוויליק זיך איבערגעבן אין די הענט פֿון דער פּאָליציי... די פּאַננאַ באַר־באַראַ האָט געפּרוווט באַרעכטיקן אין געדאַנק דעם קרבן, וואָס זי ברענגט פֿאַרן פּראָלעטאַריאַט, נאָר עפּעס איז יענעם פּרימאָרגן פֿון איר געוואָרן אויסגעוועפּט דער גאַנצער סאָציאַלער אייפֿער. די פֿורמאַנעס, די סטרוזשעס, די גויעס, וואָס זיינען געשטאַנען מיש שטעלעכלעך און קוישן, האָבן נישט אָנגעהויבן צו וויסן, אַז זי ליידט פֿאַר זייער וואוילזיין. ווען זיי וואָלטן געוואוסט, וואָלט עס זיי אויך נישט אָנגעגאַנגען. אַשטייגער די גראָבע גויע מיט די רויטע באַקן, וואָס זיצט ביי אַ שענקל מיט שטיוול און שלינגט גריץ פֿון אַ טעפּל. דער מאַן אירער איז אַ שוסטער, אָבער וואָס אַרט איר דער אַרבעטער־קלאַס? זי לויפֿט אין קירך, קושט דעם גלח די האַנט און האָט פֿיינט יידן און באָלשעוויקעס. נאָך דער רע־וואָלוציע וועט זי זיין אַ יחסנטע, בעת איר, באַרבאַראַן, וועט מען פֿאַרוואָרפֿן דעם קלעריקאַלן אַפּשטאַם. וואָס־זשע, צו אַלדי טייוול, איז זי זיך מקריב? זי האָט געפּרוווט פֿאַרטרייבן די דאָזיקע בורזשואַזע געדאַנקען. זי האָט זיך איצט גע־

נויטיקט אין טרייסט, אויפמונטערונג. אָבער ווער זאָל דאָס איר געבן? ס'האָט איר איצט געטאָן באַנג, וואָס זי האָט זיך אומגעקערט פון אויסלאַנד; וואָס זי האָט דאָ אין פוילן זיך אַריינגעלאָזט אין פּאָליטישער טעטיקייט, און אַפילו דאָס, וואָס זי האָט זיך איבערגעגעבן דעם פּעסימיסטישן יונגערמאַן, וואָס האָט אַ ווייב, קינדער, און ס'פעלט אים דער מינדסטער גלויבן אין מענטשלעכן פּראָגרעס. גאָט אין הימל, ווען פּאַפּאַ וואָלט געוואוסט ווי זיין באַרבאַראַ פירט זיך אויף! ער איז זיכער, אַז זי איז אַ בתולה... די פּאַננאַ באַרבאַראַ האָט אַ ווייל צוגע־שלאָסן די וויעס. באַלד נאָך דער לוסטיקער נאַכט קומט די שטראָף. געננוי ווי ס'שטייט אין די הייליקע ביכער...

ביים עק קראָקעווער פאָרשטאָט און קרולעווסקע איז באַרבאַראַ אָפּגעשטיגן. זי האָט געמאַכט אַ באַוועגונג זיך צו צעקושן מיט עוזר־העשלען, נאָר די ראַנדן פון די הוטן האָבן פאַרשטעלט. זי האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער ס'איז שוין נישט געווען קיין צייט. זי האָט אים געטאָן אַ דריק ביים האַנט־געלענק. בעת זי איז אַראָפּ פון טרעפּל, האָט שוין דער טראַמווײַ געריירט. עוזר־העשל האָט זיך דורכגעשטופּט צו דער פּלאַטפאָרם. ער האָט דערבליקט דורכן נעפּל איר קאַראַקולענעם זשאַקעט, דעם בלעק פּנים. זי האָט געפאָכעט צו אים מיט אַ האַנט. זי האָט זיך געטאָן אַ קער ווי נאָכצולויפן דעם טראַמווײַ; אַשטייגער ווי זי וואָלט די לעצטע רגע באַקומען חרטה אויף דער שיידונג און געפּרוּווט צוריק איינ־שטייגן... דער טראַמווײַ האָט געיאָגט איבער דער נייער וועלט, דעם פּלאַץ פון די דריי קרייצן, די אויאַזדאָווער אַלעען. עוזר־העשלען האָט זיך גענומען דער־מאָנען דעם געניוס, וואָס די נאַכט האָט אים געבראַכט, די קושעניש, האַלדז־נישן, רייצונגען, די אומזיניקע רייד און צערטלעכקייטן; נאָר צוזאַמען דערמיט איז געבליבן אַ ביטערניש אין גומען, אַ האַרבקייט אין דער נאָז, אַ ווייטאָג אין די שלייפן, אַ שווערקייט אין מאָגן, און נאָך עפּעס ביטערס, וואָס ס'איז שווער געווען צו דערגיין, וואו עס שטעקט: אין דער צונג, אין דער שלונג, אָדער אין מח... ער האָט געדענקט ווי באַרבאַראַ האָט צו אים געזאָגט אַרויסגייענדיק פון הויף:

— נו, דאָ האָסטו דיין לאַבאָראַטאָריע פון גליק...

ביי דער באַגאַטעלע איז עוזר־העשל אָפּגעשטיגן, אָבער אַנשטאָט גלייך צו גיין אַהיים, ווי ער האָט געהאַט ביי זיך אָפּגעפּאַסט, איז ער אַריבער אויף דער צווייטער זייט טראָטואַר, צו זען, צי עמעץ וואַרט נישט ביים טויער. מ'האָט קיינעם נישט געזען. ער איז אַריין אין אַ רעסטאָראַן און אָנגעקלונגען באַרבאַראַן. ער האָט געהאָפט, אַז באַרבאַראַ וועט צוגיין צום טעלעפאָן, אָבער ער האָט דער־הערט די כאָרכלדיקע שטים פון פּאַסטאָר פישעלזאָן. ער האָט צוריק אַוועקגע־לייגט דאָס טרייבל. נאָך אַ ווייל האָט ער אָנגעקלונגען צו זיך אַהיים. עס איז צוגעקומען די דינסט.

— פּאַננאַ יאַדוויגאַ, דאָס רעד איך.

— אָ, דער פּאַן! יעזוס מאַריאַ!

— איז דאָ נישט פאָרגעקומען קיין רעוויזיע? — האָט ער זי געפרעגט, דער־שראָקן פון די אייגענע ווערטער. — האָט מיך נישט געזוכט די פּאָליציי?

— וואָס פֿאַר אַ רעוויזיע? וואָסער פּאָליציי? וואו לויפֿט דער פּאַן אַרום?

— איז די פּאַני דאָ?

— יאָ, כ׳על זי צורופֿן.

די שיקסע האָט זיך לאַנג געזוימט, בעת עוזר־העשל איז געשטאַנען און געוואַרט, האָט ער באַנומען, אַז ער טוט אַלץ שלעכט. ער האָט נישט געטאָרט פֿרעגן וועגן דער פּאָליציי. ס׳איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז מ׳הערט זיך צו. אין דער קורצער ווייל קאָן מען אַרומרינגלען דעם רעסטאָראַן און אים פֿאַרהאַלטן. אָבער ס׳איז שוין געווען פֿאַרפֿאַלן. יאַדוויגאַ האָט זיך אומגעקערט.

— די פּאַני וויל נישט צוגיין. זאָל דער פּאַן קומען אַהיים.

ער איז צוריק אַרויס אינדרויסן, נאָר אַנשטאָט צו גיין אַהיים, האָט ער זיך געלאָזט שפּאַנען אין דער ריכטונג פֿון דער מאַרשאַלקאָווסקע. דאָס וואָס ס׳איז נישט פֿאָרגעקומען קיין רעוויזיע, איז נישט קיין באַוויז, אַז מ׳זוכט אים נישט. פֿאַרקערט, מ׳וויל אים אַרייננאַרן אין דער נעץ. אַן אַגענט לאָקערט אַוודאי אין אַ באַהעלטעניש. מ׳עט אים כאַפּן ווי נאָר ער וועט אַריבער די שוועל. ער האָט געמאַכט ברייטע שפּרייזן. פֿון מאָל־צו־מאָל האָט ער זיך אומגעקוקט אויף הינטערווייליעכץ, ווי ער וואָלט חושד געווען, אַז מ׳גייט אים נאָך. דער אַלטער האָט אַ גרילציק קול, האָט ער געטראַכט וועגן פּאַסטאָר פּישעלזאָן. מ׳האָט געוויס אַרעסטירט די טאָכטער. מיטאַמאָל האָט עוזר־העשל זיך פֿאַרהאַלטן. וואוהין אַנטלויף איך? וואָס אַזוינס האָבן איך געטאָן? כ׳באַד מיך אַריין אין אַ צרה. ער האָט זיך אויסגעדרייט אויף צוריק און גענומען גיין מיט קליינע טריטעלעך. זאָל זיך מיר דוכטן, אַז כ׳בין אַ פֿראַנצויזישער אַריסטאָקראַט און מ׳פֿירט מיך צו דער גילאָטינע — האָט ער געקלערט. — כ׳האָב נאָך צו לעבן פּופֿצן מינוט. אַמווייניקסטן האָב איך געהאַט אַ גוטע נאַכט...

ער האָט זיך יעדעס מאָל אָפּגעשטעלט, איינגעאָטעמט טיף. ער האָט געכאַפּט אַ בליק אין דער הויך. דער הימל איז פֿאַרוואָלקנט, נאָר אין די פֿענסטער אויפֿן פֿערטן שטאָק שפּיגלט זיך די זון. וואָס שמעקט אַזוי די לופֿט? וואָס שרייען די פֿייגל? ס׳עט מסתמא באַלד זיין אַ געוויטער. אין דער בלאָטע, אויפֿן טראָטואַר, האָט עפּעס געבליצט. אַ בריליאַנט? ניין, אַ שטיקל גלאָז. וואָס וואָלט געווען, ווען ער געפֿינט איצט צען מיליאָן זלאָטעס? אַ מיליאָן וואָלט ער איבערגעלאָזט הדסהן, אַ מיליאָן איידלען, אַ מיליאָן דער מאַמען, אַ מיליאָן דינהלען, אַ מיליאָן דאַווידעקן, — צוזאַמען איז דאָס פֿינף. דאַשקע וואָלט אויך באַקומען אַ מיליאָן, איז זעקס. בלייבט פֿיר מיליאָן. ער וואָלט אַרויסגעקראָגן באַרבאַראַן און אַוועק. נישט אויף לאַנג. אויף צוויי יאָר. וואוהין? קיין קאַפּרי. ניין, קיין מאַדעראַ. אפֿשר גאָר ערגעץ אויפֿן פּאַציפֿיק? וואו האָב איך געלייענט, אַז די פֿידזשי־אינדזלען זיינען אַ גן־עדן אויף דער וועלט? מ׳קאָן קריגן צו קויפֿן אַן אינדזל. כ׳וואָלט נישט געלייענט קיין צייטונגען, נישט דערהאַלטן קיין בריוו. כ׳וואָלט איבערגעריסן מיטן מענטשלעכן מין...

ער איז צוגעקומען צום טויער. ער האָט געהאַט אַ שליסל צו דער ווינדע, נאָר ער האָט געקלעטערט איבער די טרעפּ. ווי מוטיק אַבראַם איז! ער האָט

געקאָנט לעבן און קאָן שטאַרבן. עס זיינען נאָך געבליבן אין אים יענע זאַפֿטן, וואָס האָבן געשפּייזט דאָס פֿאָלק אין אַלע פֿינסטערע עפּאָכן. ער איז אַ ייִד ריין ביאָלאָגיש...

עוזר־העשל האָט געטאָן אַ קוועטש דאָס עלעקטרישע קנעפּל. יאַדוויגאַ האָט געעפֿנט. זי האָט אים אָפּגעמאָסטן האַלב מיט אַ שמייכל, האַלב מיט פֿאַר־וואורף. זי האָט, גלייך ווי נעכטן אײדל, זיך געוואָקלט אַ ווייל ביז זי האָט אים אַריינגעלאָזט. ער האָט געטאָן אַ בליק אַריין אין מיטל־שטוב. ס'איז דאָרט קיינער נישט געווען. ער איז אַריין אין קאַבינעט. מ'האָט דאָ געהאַט אויפֿ־געררוימט, געוואַשן דאָס פֿענסטער, פּרוטירירט די פּאָדלאָגע. מ'האָט געהאַט אָפּגערייניקט פֿון שרייב־טיש די ביכער און העפֿטן, אַשטייגער ווי ער וואָלט זיך געהאַט אַרויסגעצויגן. ס'איז דאָ געלעגן אַ פּאַפּיר פֿון שטייער־אַמט. די טיר האָט זיך אויפֿגעלעגנט און הדסה האָט אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ. זי איז גע־וואָרן מאָגערער, אָבער זי האָט זיך געהאַט אויסגעפּוצט. זי האָט, אַפּנים, אָנ־געהויבן צו נוצן פּודער. זי האָט אים אָנגעקוקט שטום.

— נו, קום אַריין — האָט ער געזאָגט. — נעם אַ רעוואָלווער און שיס מיך!...

— כ'וויל דיר בלויז מעלדן, אַז כ'פֿאַרקויף די וואוינונג.

ער האָט אויף איר געטאָן אַ קוק אַ פֿאַרוווירטער.

— וואָס איז דאָס אַזוינס?

— מ'האָט מיר אָנגעבאָטן פֿופֿצן הונדערט דאָלער. כ'וועל נעמען אַ דירה אין אָטוואָצק. דאָשקע קאָן נישט פֿאַרטראָגן די היגע לופֿט. איך האָב דאָ אויך נישט וואָס צו טאָן.

— ביסט געווען מיט איר ביי אַ דאָקטאָר?

— כ'האָב געהאַט אַ קאָנסיליום.

— ווער וויל דיר געבן פֿופֿצן הונדערט דאָלער?

— פּאַפּאַ. בראָניע. מיר'ן אַלץ אָפּגערעדט. כ'האָף, וועסט נישט מאַכן קיין שטערונגען. דאָ אין וואַרשע קאָן איך מער נישט בלייבן. כ'על מיך באַגראָבן אין אָטוואָצק און וואַרטן ביז גאָט וועט מיך צונעמען.

— ווילסט דיך פֿונאַנדערגיין?

— צו וואָס? אַז וועסט קומען קיין אָטוואָצק, וועסטו זיין ביי אונדז...

ער האָט נישט פֿאַרשטאַנען, ווי אַזוי דאָס אַלץ איז צו שטאַנד־געקומען: ווען איז הדסה אַרויף אויף אַזאַ פּלאַן און ווי האָט זי זיך אַזוי גיך צונויפֿ־גערעדט מיט דער שטיף־מוטער, בראָניע? (פֿון איר פּנים האָט אַרויסגעקוקט אַן אומהיימלעכע אַנטשלאָסנקייט). אָבער ער האָט באַנומען, אַז ס'איז דער איינ־ציקער אויסוועג. די לאָגיק דער טאַט, ווי די דייטשע פּראָפֿעסאָרן דריקן זיך אויס.

# קאַפּיטל פֿינף און פֿופֿציק

פֿון די צוויי קברים, וואָס ר׳ משולם מושקאַט האָט מיט יאָרן צוריק אָפּגעקויפֿט ביי דער גמינע פֿאַר זיין צווייט ווייב און זיך, איז אויסגעוואָקסן אַ גאַנצע אַלעע. זיי זיינען דאָרט אַלע געלעגן אין שכנות: ר׳ משולם און זיין צווייט ווייב, יואל און אסתּר־מלכּה, נת׳לע און סאַלטשע, אַבראַם, חמא, דאַכע, פּערל. ס׳האָט זיך דאָ אויך געפֿונען דאָס קבר פֿון ר׳ משה־גבריאל און אַ פּאָר אייניקלעך. ר׳ משולמס מאַרמאָרנע מצבה האָט געטורעמט איבער די איבעריקע. ס׳זיינען דאָ געווען אויסגערעכנט ר׳ משולמס מעלות: זיין קענטשאַפֿט אין תּורה, זיין גוטהאַרציקייט און ערלעכקייט אין משא־ומתּן. אויף אַבראַמס שטיין האָט סטעפּע, די יונגערע טאָכטער, געלאָזט אויסקריצן דעם נאָמען און צונאָמען אויך אין לאַטייניש שריפֿט, ווי ס׳פֿירט זיך ביי די מאָדערנע לייט. אויף דער קרקע, וואו מ׳האָט באַהאַלטן ר׳ משה־גבריאל, האָבן ביאַלאָדרעוונער חסידים געוואָלט אויפֿשטעלן אַן אוהל מיט אַ נר־תּמיד, ווי ס׳פּאַסט פֿאַר אַ צדיק, נאָר נישט ס׳איז געווען געלט, נישט ווער ס׳זאָל זיך דערמיט אָפּגעבן, וואָרים זינט ר׳ אַהר׳לע איז אַוועקגעפֿאָרן קיין ארץ־ישׂראל, איז דאָס ביאַלאָדרעוונער חסידות זיך צעפֿאַלן. דער הויף אין ביאַלאָדרעוונע איז געשטאַנען אַ חרובער. די שטאָט־לייט האָבן געריסן באַלקנס און ברעטער פֿון רבּינס געביי און דערמיט געהייצט די אויוונס.

פֿון ר׳ משולמס קינדער האָבן נאָך געלעבט דריי: פּיניעלע, ניוניע און לאה, די טאָכטער, וואָס האָט געוואוינט אין אַמעריקע. פּיניעלע האָט נאָך געהאַט זיין אייגנס אַ ירושה־מויער פֿון ר׳ משולם מושקאַטס הייזער און דערפֿון האָט ער געצויגן די פּרנסה. דאָס ביאַלאָדרעוונער שטיבל אויף דער גזשיבאָוסקע איז געבליבן, און פּיניעלע איז דאָרט געזעסן און געלערנט, אָדער געשמועסט מיט די יונגעלייט חסידות, צי גאָר פּאָליטיק. פּיניעלע האָט געהאַלטן, אַז היטלער, דער ימח־שמוניק, סטראַשעט. נישט ער האָט האַרמאַטן, נישט שיפֿן. ער קאָן אַזוי האַלטן מלחמה מיט ענגלאַנד, ווי אַ פֿליג קאָן זיך קעגנשטעלן אַ לייב.

— ר׳איז נאָר אַ בריה קעגן יידן — האָט פּיניעלע געזאָגט. — די ענגלענדער וועלן אים געבן צו עסן קרעפּלעך...

פֿישעלע, הדסהס ערשטער מאַן, האָט אויך געלייענט די צייטונגען. פֿישעלע האָט געוואָרנט, אַז דער דייטש האָט אַן אייזערנע גבורה, און אַז אויב ס׳זאָלן נישט געשען קיין נסים, קאָן ער, חלילה, ווערן אַ מלך בכּיפּה. פֿישעלע האָט געהאַט אַן אַנדער ווייב און אַ פּאָר קינדערלעך. פֿישעלע איז פֿריער געפֿאָרן צו ר׳ אהר׳לען. ער, פּיניעלע און נאָך עטלעכע מנינים האָבן זיך געהאַלטן ביים ביאַלאָדרעוונער. אמת, דער רבי איז אין ארץ־ישׂראל. מ׳קאָן זיך נישט צו אים אַריבערכאַפּן אויף ראש־השנה. נו, איז וואָס? אַ צדיק בלייבט אַ צדיק. ס׳זיינען אַנגעקומען בריוו אין ביאַלאָדרעוונער שטיבל, אַז אין דער קאָלאָניע נחלת יחיאל (אויפֿן נאָמען פֿון ביאַלאָדרעוונער רבין זצ״ל), וואָס ר׳ אהר׳לע האָט אויסגעבויט צוזאַמען מיט אַ פּאָר צענדליק חסידים, איז מען עוסק אין

תּורה ותּפֿילה. שבת און יום־טוב פֿירט מען אַ טיש. ר׳ אהר׳לע זאָגט תּורה. ער האָט אַפֿילו אָפּגעדרוקט אין ירושלים אַ חיבור, וואָס איז געבליבן פֿונעם פֿאָטער, ר׳ משה־גבריאלן. הייסט עס, ס׳איז דאָ אַ רבי. די חסידים, וואָס זיינען זיך צעלאָפֿן צו אַנדערע רביים, האָט מען דאָ געהאַלטן פֿאַר נאַראָנים און קטני־אמונה. שבת, צו שלש־סעודות, האָבן די לעצטע ביאַלאָדרעוונער חסידים זיך צונויפֿגענומען אין שטיבל. מ׳האָט געגעסן חלה מיט הערינג, געזונגען די ביאַלאָדרעוונער ניגונים. פּיניעלען האָט מען מכבד געווען מיט בני היכלא. פֿישעלע האָט געהאַט אַ חזקה אויף „יצווה״. דער עולם האָט אונטערגעהאָלפֿן. מ׳האָט אַפֿילו געהערט די קוויטשעדיקע קולות פֿון ייִנגלעך. שפּעטער האָבן אַלטע חסידים נאָכגעזאָגט ביאַלאָדרעוונער תּורהס. אַוודאי איז אין פּוילן ביטער. די אַנטיסעמיטן גיבן אַרויס גזירות. ס׳האַלט שוין אַזוי ווייט, אַז מ׳פֿאַרביט די שחיטה. דערצו איז דאָס יונגוואַרג קאַליע. אָבער די נביאים, די חכמי התּלמוד, מקובלים און צדיקים האָבן דאָך פֿאָרויסגעזאָגט די חבלי־משיח. ס׳איז זה לעומת זה. אַז די קדושה שטאַרקט זיך, איז זיך אויך מתגבר די קליפּה. די חסידים האָבן געברומט און געזיפֿצט. אין הימל זיינען שוין געשטאַנען שטערן, נאָר מ׳האָט זיך נישט געאיילט אָנצוצינדן אַ ליכט, מוסיף צו זיין מן החול אל הקודש. ווינטער האָבן די חסידים זיך צונויפֿגעזאַמלט שבת־צו־נאַכטס ביי פֿישעלען, אויף דער גנאַינע גאַס, און געגעסן מלווה־מלכּה. פֿישעלעס ווייבל, אַ גבירישע טאָכטער, האָט צוזאַמען מיט דער דינסט אַריינגעטראָגן הייסע גריץ. די חסידים האָבן זיך דערציילט מעשיות פֿון ביאַלאָדרעוונע, קאָצק, פּשיסכע. כאָטש פּיניעלע איז הדסהס פֿעטער, איז ער אויך געקומען צו פֿישעלען. אויף דער עלטער האָט פּיניעלע זיך אינגאַנצן אָפּגעזונדערט פֿון דער משפּחה. ער איז אַפֿילו מער נישט געגאַנגען צו דעם איינציקן ברודער זיינעם, ניוניען. וואָרים פּיניעלע איז פֿאַרבליבן אַ חסיד און ניוניע איז אינגאַנצן אַראָפּ פֿון דרך־הישר. ס׳האָט אים אָבער ווייניק געהאָלפֿן. מ׳האָט דערציילט, אַז נעבן ניוניעס אַנטיקן־געשעפֿט, אויף דער שוויענטאָ־קזשיסקע, וואַכן יעדן טאָג פּוילישע סטודענטן און וואָרענען די קונים, אַז דער אייגנטימער איז אַ ייִד. ניוניע האָט שוין אַפֿילו געלייזט פֿון די פֿאַשיסטן קלעפּ.

וואָס־זשע העלפֿט דאָס קריכן אין גוייִשע דרכים? מ׳האָט געזען בחוש, אַז וואָס מער ייִדן ווערן קאַליע, אַלץ ערגער איז. ר׳ משולם מושקאַט איז נאָך געווען אַ מלך־ישׂראל. די זין האָבן נאָך ווי ס׳איז זיך געהאַלטן צוזאַמען. די אייניקלעך זיינען אינגאַנצן געוואָרן אָפּגעפֿרעמדט. יואלס איידעמס זיינען געווען אביונים. די קינדער זייערע זיינען בעל־מלאָכהס. דער זון, מאַנעס, איז אַוועק קיין אַרגענטינע. אַבראַמס יונגערע טאָכטער, סטעפֿע, איז געוואָרן אַ שוועסטער אין ייִדישן שפּיטאָל. מיט דעם מאַן, דעם דאָקטאָר, איז זי זיך געהאַט צעגאַנגען. לאהס קינדער זיינען אויסגעוואַקסן גויים אין אַמעריקע. פּיניעלע אַליין האָט אויך נישט געהאַט קיין נחת. איין טאָכטער איז געשטאָרבן אין אַ קינפּעט. אַ צווייטע איז אַוועק מיטן מאַן קיין פֿראַנקרייך. פֿון די צוויי אין וואַרשע האָט איינע גענומען אַן אַדוואָקאַט און די יונגסטע, דאָשע, איז געווען אַ שרייבערין אין אַ באַנק. ויעגן מאַשען, דער משומדת, האָט מען געשמועסט,

אַז דער גוי האָט זי אַוועקגעוואָרפֿן. הדסה האָט זיך ערגעץ פֿאַרגראָבן אין אַטוואָצק. די אייניציקע פֿון ר׳ משולמס אייניקלעך, וואָס האָבן זיך געהאַלטן ביי יידישקייט, זיינען געווען פּערלס קינדער, אָבער מ׳האָט וועגן זיי ווייניק געהערט, וויל זיי האָבן געוואוינט אין יענע־גאַסן און זיינען געפֿאָרן קיין גער. עטלעכע־און־צוואַנציק יאָר זיינען געהאַט אַריבער זינט ר׳ משולם מושקאַט איז געשטאָרבן, און דאָס מלכות ישראל, וואָס ער האָט געפֿירט אויפֿן גזשיבאָוו, איז שוין געווען חרוב ומוחרב.

די חסידים האָבן גערעדט, געוויקלט פּאַפּיראָסן, געטרונקען לחיים. פֿישעלע און איטשעלע אַנשעלס, זיין לייב־מענטש, האָבן אין מיטן דעם מאָלצייט געמוזט זיך אויפֿהויבן און אַריינגיין אין אַן אַנדערער שטוב. ווי נאָר די וואָך האָט זיך געשטעלט, האָט מען פֿישעלען גענומען רופֿן צום טעלעפֿאָן. ער האָט געפֿירט גרויסע געשעפֿטן. ער האָט געהאַט הצלחה. וואָלט ער פֿאַרבליבן ניוניעס איידעם, וואָלט געהייסן, אַז ער האָט איבערגענומען ר׳ משולמס שטול. אָבער די הדסה האָט אים פֿאַרביטן אויף אַן אַפּיקורס. די ווייבער און די טעכטער פֿון די חסידים האָבן נאָך דערמאָנט אָן דעם פֿאַרליבעניש, וואָס אַמאָל האָט דערמיט געקאָכט אויפֿן גזשיבאָוו. מ׳האָט דערציילט, אַז הדסה האָט זיך געטאָן אַ שבועה, נישט אַריינצושמעקן קיין וואַרשע. וואוינען וואוינט זי נישט אין אַטוואָצק גופֿא, נאָר ערגעץ אין שרודבאָרואָוו, אין וואַלד. דער מאַן אירער האָט געלעבט מיט אַן אַנדער נקבה. די ווייבלעך האָבן זיך געסודעט, אַז פֿישעלע האָט נישט פֿאַרגעסן הדסהן ביז היינט־צו־טאָג. נאָר ווי קאָן מען וויסן אַזעלכע זאַכן? ולמאי נפֿקא מינה?...

נאָך דער מלווה־מלכּה איז פּיניעלע אַוועק אַהיים, אויף דער טוואַרדע, נישט ווייט פֿון דער קאַלישער באַן. אַחוץ דעם, וואָס פּיניעלע האָט נישט געקאָנט סובל־זיין ניוניעס השכּלה, האָט ניוניע אַנגעשפּאַרט ערגעץ אין יענעם עק וואַרשע, אויף דער באַגאַטעלע. ווער קאָן קריכן אין יענע מקומות? ווער ווייסט צי דער סטרוזש וואָלט אַריינגעלאָזט אַ ייד מיט אַ לאַנגער קאַפּאָטע? דערצו איז בראָניע, ניוניעס ווייב, אַ מרשעת. פּיניעלע איז געבליבן איינער אַליין. ער האָט געשפּאַנט איבערן גזשיבאָוו, דער טוואַרדע, זיך איינגעקוקט אין יעדן הויז. אין טאַטנס דירה האָבן זיך אַריינגעצויגן פֿרעמדע. די הייזער זיינען ביסלעכווייז געוואָרן אויספֿאַרקויפֿט. נאָך דער שליסקע האָט פּיניעלע גענומען גיין געשווינדער. דאָ האָבן זיך שוין אָנגעהויבן די גויישע גאַסן און מ׳האָט געקאָנט כאַפּן אַ זעץ. די „נאַראָווצעס״, די פּוילישע נאַציס, האָבן זיך אַרומגעטראָגן מיט גומענע שטעקנס, געשלאָגן יידן אויף רעכטס און אויף לינקס. ס׳איז געווען אַ סכּנה דורכצושניידן דעם זאַקסישן גאָרטן. פּיניעלעס אַן אייניקל פֿון דער עלטסטער טאָכטער, אַ סטודענט, איז יעדן טאָג געשטאַנען אין אוניווערזיטעט ביי די לעקציעס, ווייל די פּוילישע סטודענטן האָבן נישט געוואָלט זיצן צוזאַמען מיט די יידן, פֿאַרלאַנגט יענע זאָלן זיך אַוועקזעצן לינקס, אויף די געטאָ־בענק. די שוטים האָבן דווקא געוואָלט זיך אויסמישן מיט די שונאי־ישראל...

פּיניעלע האָט געקראַצט דאָס גרויע בערדל, איי, וואָס איז געוואָרן פֿון

פּוילן? וואָס איז געוואָרן פֿון דער וועלט? אַ מערת פּריצים. וואָס האָבן זיך אַלע פֿאַרלייגט אויף דעם ייד? מעכטיקע מדינות מיט צענדליקער מיליאָנען איינוואוינער פֿירן מלחמה מיט אַ פּאָר שוואַכע יידן, צעזייטע און צעשפּרייטע אין אַלע עקן. וואו איז דאָ דער שכל? וואו איז דער יושר?

אַז פּיניעלע האָט דערלעבט, דער סטרוזש זאָל עפֿענען דאָס טויער, האָט ער אָפּגעאָטעמט. דאָ, אין הויף, איז ער, פּיניעלע, בעל־הבית. דאָ וועט מען אים נישט טשעפּען. די פּאָר עלטערע גויים טראָגן אים נאָך אַלץ אָקעגן דעם „דזשען דאָברי״. דאָס ווייב, חנה, האָט אים געעפֿנט די טיר. אין די יונגע יאָרן האָבן זיי זיך אַרומגעריסן אָן אויפֿהער. אָבער איצט, אויף דער עלטער, האָט חנה געוואָרט אויף אים ביינאַכט, נישט געגאַנגען שלאָפֿן אָן אים. זי האָט איבערגעקלערט, אַז ער איז אַוועק פֿון שטוב. זי האָט נאָר מורא געהאַט, מ׳זאָל אים, חלילה, נישט צעשלאָגן. זי האָט געוואוסט, אַז ווען פּיניעלע קריגט איין קלאַפּ, איז ער אַ פֿאַרטיקער. אַ חוץ דעם האָט זי געהאַט די באַדערפֿעניש צו ריידן מיט אים וועגן די טעכטער, די אייניקלעך. פּיניעלע האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש. חנה האָט אויפֿגעזאָטן טיי. זי האָט געפֿרעגט:

— נו, וואָס הערט זיך ביי פֿישעלען?

— הלוואי אויף אַלע יידן געזאָגט.

— וואָס האָט מען געגעסן?

— פֿרעג מיך בחרם.

— מאַך דיך נישט תּמעוואַטע! — האָט חנה זיך אויף אים אָנגעבייזערט.

— ביזט גאָרנישט אַזאַ בטלן.

— וואָס איז די נפֿקא מינה? גריץ, אַ שטיקל פֿלייש.

— וואָסער גריץ?

— כ׳ווייס? פּערל־גרויפּן מיט באָבעלעך.

— ווייסטו דאָך יאָ. דאָשע איז דאָ געווען.

— נו, וואָס מאַכט זי?

— מ׳זאָגט, מ׳עט פֿאַרמאַכן די באַנק. דער זשאָנד וועט אַלץ איבערנעמען.

— מזל־טוב, זי׳ט בלייבן אָן אַ שטעלע. שיין אויסגעפֿירט. געבליבן אַ מויד. אוי לאותה בושה וואוי לאותה כלימה!

— ס׳איז אַלץ דיין שולד.

פּיניעלע האָט זיך אָנגעצונדן.

— אַהאַ, זי הויבט מיך שוין אָן יאָדען! הער מיך אויס, כ׳בין שוין אַן אַלטער ייד, כ׳האָב נישט קיין כּוח מיך צו וואַלגערן, נאָר אַז וועסט אָנהויבן מיט דיין מענה־לשון, זאָג איך דיר בנאמנות, אַז כ׳על אַוועק פֿון שטוב. כ׳על פֿאַרקויפֿן ס׳הויז פֿאַר אַ שיבוש. איכ׳ל פֿון דיר נישט ליידן!...

— זע נאָר, מ׳האָט אים אָנגערירט דעם האָנאָר! וואָס האָב איך דאָ געזאָגט? באַלייטן אַ טאַטע לאָזט נישט זיין מוזינקע זאָל פֿאַרזיצן ביזן גרויען צאָפּ.

— באַלייטן אַ מאַמע האָדעוועט אויס יידישע טעכטער, נישט קיין חצופות!
— האָט פּיניעלע זיך צעפּייערט. — דאָס האָסט דו זי געטריבן אין די

שקאָלעס! דו, מיט די אייגענע הענט! שיקסעס האַסטו אויפֿגעהאָדעוועט, גויעס! דו מיט דיינע מאַדישע גענגעלעך! ליטוואַק חזיר!...

חנה האָט געשאָקלט מיטן באַשייטלטן קאָפּ.

— גיי שוין בעסער שלאָפֿן, כּעסן!...

פֿיניעלע האָט גענומען לייענען קריאת־שמע. ער האָט אַרומגעשפּרייזט אַהין און צוריק, סיי געמורמלט, סיי געטראַכט צאַרנדיקע מחשבות. וואָס ווילן זיי, די ווייבער? אַליין טוען זיי אָפּ אַלדאָס בייז און שולדיק איז אַלעמאָל דער מאַנסביל. דער מאַן דאַרף האַנדלען, לויפֿן, שמאַיען, און זיי זיצן אין שטוב און האָבן נאָר פּרעטענסיעס. וואָס איז דער סך־הכּל? מאַנסלייט שטאַרבן פֿאַר דער צייט און זיי בלייבן לעבן ביזן טיפֿן עלטער. וואַרשע איז פֿול מיט אַלמנות. פֿיניעלע האָט געצופּט דאָס בערדל, די רעשטלעך פּאות. דאָס קורלענדישע ווייב האָט אים נישט געלאָזט געמאַך אין די יונגע יאָרן און זי פּייניקט אים אויף דער עלטער. זי עסט זיך איין אין די עצמות. זי קוקט נאָר אויס אויף אַ מחלוקת. ווען ער וואָלט געווען אַן עם־הארץ, נעמט ער אַ שטעקן און קלאַפּט זי אויס. אָבער ס'איז נישט זיין טבע. ער איז שוין גרייז און גרוי. ער מוז ליידן און שווייגן. אפֿשר איז עס אַן אָפּקומעניש פֿאַר די זינד? פֿיניעלע האָט פֿאַרצויגן די ברעמען, געזאָגט וואָרט ביי וואָרט:

— מימיני מיכאל ומשמאלי גבריאל ומלפֿני אוריאל ומאחורי רפֿאל ועל ראשי שכינת אל...

## קאַפּיטל זעקס און פֿופֿציק

ווען הדסה האָט אויפֿגעגעבן די דירה אין וואַרשע און זיך אַוועקגעצויגן קיין שרודבאָרואָוו, צווישן די וועלדער, האָט מען גערעדט אין דער משפּחה, אַז דאָס ווייבל האָט זיך אַליין פֿאַרשיקט קיין סיביר. מ'האָט פֿאַרויסגעזאָגט, אַז הדסה וועט דאָרט אויסגיין פֿון אומעט. דאָס מיידעלע, דאַשקע, וועט אויסוואַקסן אַ ווילדע. מ'האָט דערציילט, אַז ווינטער ווערט די געגנט פֿאַרשנייט און מ'קאָן נישט צוקומען צו קיין געוועלב. אַחוץ דעם האָט זיך דאָ נישט געפֿונען קיין איין ייד. אָבער יאָרן זיינען אַריבער און הדסה האָט געלעבט. דאַשקע האָט אויפֿגעהערט קרענקען. די וואוינונג, וואָס הדסה האָט געדונגען, איז געווען שפּאָט ביליק. זומער האָט מען אָנגעקליבן אין וואַלד האָלץ צום ברענען, שוואָמען, יאַגדעס, בערעלעך. פֿויערטעס פֿון די נאָענטע דערפֿער האָבן פֿאַרקויפֿט מילכיקס בזיל־הזול. אַרום הויז איז געווען אַ גאָרטן און הדסה האָט פֿאַרזעצט גרינסן און געהאָדעוועט הינער. די שקאָלע, וואו דאַשקע האָט געלערנט, האָט זיך געפֿונען צוויי קילאָמעטער וויט, נאָר דאָס מיידל איז נישט געגאַנגען אַהין אַליין. דער אייגנטימער פֿון דער ווילע, אַ רוס, האָט געהאַט דריי שיקסלעך און אַלע זיינען אַוועק און געקומען צוזאַמען. הדסה האָט אַריבערגעפֿירט אַהער דאָס מעבל, די ביכער, אַריינגעשטעלט אַ ראַדיאָ, אַ פּאַטעפֿאָן. פֿופֿצן זלאָטעס

אַ וואָך האָט געצאָלט עוזר־העשל, צען האָט בייגעשטייערט ניוניע. אַ פּאָר זלאָטעס האָט הדסה פֿאַרדינט פֿון שטריקן. ווען די זון האָט געשיינט, איז זי געזעסן אויף דער וואַרענדע, אויף אַן אויפֿשטעל־בעטל, וואָס מ׳נוצט אין די סאַנאַטאָריעס, די אויגן פֿאַרשטעלט מיט שוואַרצע ברילן, און אָדער זי האָט געלייענט, אָדער געשטריקט. אין די גאָר קאַלטע טעג פֿלעגט זי בלייבן אין בעט. ווען דאָשקע איז צוריקגעקומען פֿון שקאָלע, האָט זי געהאָלפֿן אין דערווירטשאַפֿט. די רוסישע פֿאַמיליע האָט גענומען הדסהן אונטער איר שוץ. די עלטערע שיקסע האָט אָנגעטראָגן וואַסער, געהייצט דעם אויוון, געשייערט דעם דיל. הדסה האָט איר דערפֿאַר אויסגעהאָפֿטן קליידער און שאַלעכלעך. די גויע פֿלעגט אַריינקומען אַ סך מאָל אין טאָג, נאָר געזוכט אַ געלעגנהייט אַרויסצוהעלפֿן. זי איז געווען אין דער אייגענער לאַגע וואָס הדסה. דער מאַן אירער פֿלעגט אַוועקפֿאָרן קיין וואַרשע אויף גאַנצע וואָכן. מ׳האָט געזאָגט, אַז ער האָט דאָרט אַ ליובאָווניצע, אַ ווייב פֿון אַ געוועזענעם פּולקאָווניק. די ווילע, וואָס איז פֿאַרבליבן פֿון פֿאַר־מלחמהדיקן עשירות, האָט געהאַט זעכציק מאָרג לאַנד, נאָר דער באָדן איז געווען זאַמדיק, די געביידעס האַלב חרוב, דער ברונעם — וויט. די רוסן, וואָס זיינען אַרויסגעקומען זומער אויף דאַטשע, האָבן געצאָלט אַ דריטל ווי אין אָטוואָצק אָדער אין די אַנדערע דערפֿער: שווידער, יוזעפֿאָוו, מיכאַלין, מיעדזעשין. די גויע האָט נישט אויפֿגעהערט צו דערציילן פֿון דעם פֿעטער אירן דעם אָקציזניק, וואָס די באָלשעוויקעס האָבן דערשאָסן; פֿון די אָפֿיצירן, וואָס מיט זיי האָט זי געטאַנצט מיידלוויַיז, און פֿון דעם מאַן אירן, וואַניאַ, דעם שאַרלאַטאַן, וואָס האָט געטויגט בלויז צום פֿרעסן, שיכּורן, פּאַפּן און אַרומפֿירן זיך מיט נקבות. וויפֿל מאָל וואַניאַ איז געקומען צו פֿאָרן, האָט ער זי אָנגעשלאָגן און זי איז אַרומגעגאַנגען מיט אונטערגעהאַקטע אויגן. ער פֿלעגט זיך אַוועקלייגן אין אַלקאָווע אויפֿן געלעגער, אָפּכאַמערן גאַנצע מעת־לעתן. דערנאָך פֿלעגט ער נעמען אַ ביקס און אַוועק אויף יאַגד צוזאַמען מיט די הינט. אַמאָל, אַז ער האָט געכאַפּט אַ האָז, האָט די משפּחה געגעסן פֿלייש.

די גויע האָט מקנא געווען הדסהן. דער פּאַן באַנעט איז אויך נישט געווען קיין איבערגעגעבענער מאַן, נאָר אין פֿאַרגלייך מיט איר וואַניאַן, האָט ער זיך אויפֿגעפֿירט לייטיש. ווען ער איז אַרויסגעקומען אין אַ שבת אינדערפֿרי, האָט ער מיטגעבראַכט דאָשקען אַ מתּנה. ער האָט נישט געשלאָגן הדסהן, זי נישט געזידלט, זי נישט געמאַכט צו שאַנד און צו שפּאָט. ער איז געזעסן אונטער אַ בוים און געלייענט אַ בוך. ער האָט זיך געשפּילט מיט די קינדער אין פֿערדלעך, יאָגעלעך, באַהעלטעניש. די מלבושים זיינע זיינען געווען ציכטיק, די וועש — ריין, דאָס פּנים — גלאַט ראַזירט. ער האָט קיינמאָל נישט פֿאַרגעסן צו גריסן זי, די באַלעבאָסטע, מיט איר אויסצורעדן אַ פּאָר העפֿלעכע ווערטער. ער האָט געשמועסט מיט דער דערוואַקסענער טאָכטער אירער, געבראַכט איר פֿון שטאָט זשורנאַלן. ער האָט זיך געמאַכט נאַריש ווי אַ ייִנגל. ער האָט געקלעטערט אויף ביימער, זיך געשפּילט מיט דער ציג, זיך געהוידעט אויף דער הוידעלקע. ער האָט אַרויסגענומען פֿון קעמערל די האַק און אויף זיין שטאָטישן אופֿן אָנגעהאַקט שייטן האָלץ פֿאַר ביידע פֿאַמיליעס. דערנאָך האָט

ער זיך אַריינגעלייגט אין האַמאַק, וואָס האָט געהאָנגען צווישן צוויי סאָסנעס, געלייענט, געצייכנט מיט אַ בליישטיפֿט.

צומאָל זיינען אַרויסגעקומען אויף שבת נישט בלויז עוזר־העשל, נאָר דער פּאַני הדסהס קרובות און פֿריינדינס: די פּאַני קלאַניאַ, די פּאַני מאַשאַ, די פּאַני סטעפֿאַ, די פּאַננאַ דאַשאַ מושקאַטואָווּנאַ. דאַמאָלט איז אין דער ווילִיע געוואָרן פֿריילעך. די דאַמען האָבן געבראַכט מתנות פֿאַר אַלע קינדער אָן אויסנאַם: שאָקאָלאַד, קיכעלעך, היטעלעך, פֿאַרטוכלעך, אַלערליי עסנוואַרג און שפּילצייג, אַלץ פֿאַרפּאַקט אין פּאַפּירלעך און שאַכטלען. פֿאַר די געסט האָט מען געמוזט צוגרייטן צימערן, און זיי האָבן זיך נישט געדונגען איבערן פּרייז. די פֿרויען זיינען שוין אַלע געווען איבער פֿערציק, נאָר זיי האָבן זיך געהאַלטן יונג, אויפֿן ניי־מאָדישן שטייגער. די פּאַני קלאַניאַ און די פּאַני סטעפֿאַ זיינען געווען צו־דיק, אָבער הדסה, מאַשאַ און דאַשאַ זיינען געבליבן מיידלשדיג. ווען זיי האָבן געשפּילט אין באַלעם, האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דאָס לויפֿט אַרום אַ טשאַטע לוסטיקע מיידלעך. ערשט, אַז מ׳האָט זיך צוגעקוקט נעענטער, האָט מען געמערקט, אַז יעדע פֿון זיי האָט שוין גרויע פֿעדים אין די געשוירענע האָר, קנייטשעלעך אין די אויגן־ווינקלען. דער פּאַן באַנעט האָט געהאַט אַ פּליך און די הויכע געשטאַלט האָט זיך אַביסל געבויגן, נאָר הדסה האָט געשוואוירן, אַז ער האָט געהאַט די אייגענע פֿיגור צו נײַנצן יאָר.

די פּאַניס פֿון וואַרשע האָבן יעדע געהאַט אירע געוואוינהייטן. די פּאַננאַ דאַשאַ מושקאַטואָוונאַ האָט באַלד נאָכן אָנבייסן אָנגעזאָטלט אַ פּאָר ברילן אויף דער קרומער נאָז, און זיך אַוועקגעזעצט לייענען. זי האָט אַזוי געמישט די בלעטער און געשלונגען די שורות, ביז זי איז צוריק אַוועקגעפֿאָרן. די פּאַני מאַשאַ האָט זיך אָפּגעגעבן מיט דעם יונגוואַרג. זי האָט זיי דערציילט מעשהלעך, געפֿרעגט רעטענישן, געלערנט ווי זיך צו באַגיין מיט נאָדל־פֿאָדים. די פּוילישע אויסשפּראַך אירע איז געווען מאָדנע אויסדריקלעך און שאַרף, ווי מ׳הערט דאָס צומאָל אין טעאַטער. די פּאַני סטעפֿאַ האָט אַ סך געגעסן און ווי נאָר זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויפֿן צולייג־בעטל, איז זי איינגעשלאָפֿן. הדסה און קלאַניע האָבן זיך אָנגענומען אונטערן אָרעם, ווי שילערינס, און זיך אַוועקגעלאָזט אויף אַ וויטן שפּאַציר. די אייגנטימערין פֿון דער ווילִיע האָט געוואוסט יעדער איינערס געשיכטע. די פּאַננאַ דאַשאַ מושקאַטואָוונאַ איז פֿאַרבליבן אַן אַלטע מויד, האָט געאַרבייט אין אַ באַנק. די פּאַני סטעפֿאַ איז זיך געהאַט פֿונאַנדערגעגאַנגען מיטן מאַן, געהאַט אַ פּאָסטן אין יידישן שפּיטאָל. די פּאַני מאַשאַ, אַ געטויפֿטע, האָט נישט געלעבט מיטן מאַן, דעם פּולקאָווניק, אָבער ער האָט געצאָלט פֿאַר איר אויסהאַלטעניש. אַלע זיינען זיי געווען אייניקלעך פֿון אײַן זיידן, אַ פּאַן משולם מושקאַט, אַ מיליאָנער. אַלץ האָט אויסגעזען קלאָר. דאָך איז שווער געווען צו באַנעמען די יידישקעס און זייער אויפֿפֿירונג. זיי האָבן געראויכערט פּאַפּיראָסן, געפֿירט געלערנטע דיסקוסיעס, געלאַכט אָן קיין שום פֿאַרשטענדלעכער אורזאַך, זיך געקריגט איבער זאַכן, וואָס דאַרפֿן דעם ווייבערשן מין נישט אָנגיין. זיי האָבן געפּלוידערט פֿון דער יידישער לאַגע, פּאַלעסטינע, רעליגיע, ליבע; אַרויסגעזאָגט מיינונגען וועגן די ביכער, וואָס זיי

האָבן געלייענט, אַריינגעמישט אין דעם פּויליש יידישע ווערטער. די שוואַרצע אויגן האָבן געברענט. די באַקן האָבן זיי געפּודערט און געראָזשט, די נעגל — געפֿאַרבט אויף רויט. די שכנים פֿלעגן ווערן אומרואיק, ווען דאָס געזינדל איז זיך צונויפֿגעקומען. אומזיסט האָבן די קריסטן זיך אָפּגערוקט פֿון אַטוואַצק. די יידן זיינען זיי נאָכגעלאָפֿן, מיטגעבראַכט די שטאָטישע באַרעדעוודיקייט, דעם לוקסוס, די געלערזאַמקייט, די ריחות פֿון פּאַרפֿום און קאָסמעטיק. הדסהס קוזינעס האָבן יעדעס מאָל איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ היפּשע פּאָר זלאָטעס, פֿונ־דעסטוועגן פֿלעגט וואַניאַ נעמען ברומען און מרוקען, ווען ער האָט זיי דערזען. ער פֿלעגט זיך אויסבאַהאַלטן פֿאַר די אָנגעקומענע, אַפּוואַרטן ביז זיי וועלן צוריק אַוועק. ער איז געלעגן אויפֿן בעט אין די שטיוול מיט די הויכע כאָלעוועס, גע־רויכערט, געגעניצט, געשפּיגן.

— פֿאַרוואָס קומט נישט היטלער? — פֿלעגט ער אַ פֿרעג טאָן דעם ווייב.

— ער׳ט זיי שוין אויסרויכערן. ווי גאָט איז מיר ליב!...

— העי, דו אומזיסטער פֿרעסער, וואָס טויג דיר היטלער? ער׳ט דיר צו־נעמען די איינציקע ציג, וואָס איז דיר געבליבן — האָט דאָס ווייב אים געענט־פֿערט. — די גערמאַנצעס וועלן טאָן דאָס זעלבע, וואָס דאָס פֿריערדיקע מאָל: אַלעמען אויסרויבן...

— עך, נישט געפֿערלעך. וועט זיין מיט איין ציג ווינציקער. זיי וועלן קאָנפֿיסקירן די פּענסיאָנאַטן אויף דער ליניע און אַלץ ט׳אַריבער אין קריסט־לעכע הענט. ס׳קאָן אַזוי נישט בלייבן!...

— דו, צעלייגער, בעסער זע, דיין פֿאַמיליע זאָל נישט קראַפּירן פֿון הונ־גער. די יידן טיילן די פֿאַרדינסטן מיט די ווייבער, און דו זויפֿסט אויס יעדן גראָשן מיט דיינע זונות!

— פֿאַרמאַך דעם פּיסק, ווען נישט וועל איך דיר אים צושליסן — האָט וואַניאַ געענטפֿערט געלאָסן. — דו יידישע פּאַכאָלקע! וועלט האָבן זייער סוף!

## קאַפּיטל זיבן און פֿופֿציק

### 1

עוזר־העשל האָט גלייך ווי אַלע אַנדערע אַלץ פֿאַרויסגעזען: אַ מלחמה מיט היטלערן, די נאַצישע שחיטות. מ׳האָט נישט געדאַרפֿט זיין קיין פּאָליטיקער צו באַנעמען צו וואָס ס׳גייט. דער נאַצישער וואָלף האָט געהויערט ביי דער שוועל פֿון פּוילן. מיט פֿראַנקרייך האָט די פּוילישע רעגירונג געהאַט אַי־בערגעריסן. מיט רוסלאַנד איז זי געווען אויף מעסער־שטעך. מיט טשעכאָ־סלאָוואַקיע האָט מען געפֿירט דיפּלאָמאַטישע מחלוקותן. אַנשטאָט דעם, האָט מען געהאַלטן אין איין איינלאַדן גערינגן, געבעלסן, אַלערליי נאַצישע שפּיאָנען. פֿראַנקרייך איז געווען אַרומגערינגלט מיט דריי פֿאַשיסטישע מלוכות, ענגלאַנד איז נישט געווען גרייט, אַמעריקע האָט זיך איזאָלירט. די יידן אין פּוילן זיינען

געבליבן הפקר. עוזר־העשל האָט יעדן טאָג געטראַכט פֿון אַוועקפֿאָרן. ער האָט נאָך אפֿשר געקאָנט זיך דורכרייסן קיין פּאַלעסטינע. ס׳איז נאָך געווען אַ שטיקל מעגלעכקייט זיך צו ראַטעווען קיין דרום־אַמעריקע אָדער אויסטראַליע. אָבער די צייט איז אַריבער און ער האָט גאָרנישט אויפֿגעטאָן. וואָס איז דער זין פֿון אַנטלויפֿן? — האָט ער זיך געפֿרעגט. — היטלער וועט נאָכלויפֿן. מיט וואָס בין איך בעסער פֿון אַנדערע יידן?... אַלץ האָט דערווייל זיך געהאַט איינגעשטעלט ווי ער, עוזר־העשל, האָט געשטרעבט. ער האָט ווידער, ווי אין די בחורישע יאָרן, געוואוינט אַליין. ער איז פּטור געוואָרן פֿון הדסהס טענות, דאַשקעס שלאַפֿקייטן, פֿון דינסטן, געסט, חובות, שטייערן. דאַווידעק איז אַוועקגעפֿאָרן קיין ארץ־ישראל און ער, עוזר־העשל, האָט אים מער נישט געדאַרפֿט אויסהאַלטן. (די מאַמע איז שוין געלעגן אויפֿן בית־עולם אויף דער גענשע גאַס. ער האָט אַפֿילו נישט געשטעלט אויף איר קבר קיין מצבה). ער האָט גענאָסן פֿון דער שטילקייט פֿאַרן שטורם. פֿאַר דעם פּיצעלע צימערל, וואָס ער האָט פֿאַרנומען ביי אַ פֿאַמיליע אויף דער נאַוואָליפּקי גאַס, האָט ער געצאָלט פּופֿציק זלאָטעס אַ חודש. די מאָלצייטן האָט ער געגעסן אין אַ רעסטאָראַן. די שטעלע אין „חבצלת״ האָט זיך געהאַט אַביסל פֿאַרבעסערט. ער האָט זיך אָנגעטאָן לייטיש, געקאָנט קויפֿן ביכער. ס׳איז פֿון אים נישט אויסגעוואַקסן קיין גאון, ער האָט נישט איבערגעשאַצט אַלע ווערטן, נישט געשאַפֿן קיין סיסטעם, ווי ער האָט זיך פֿאַרמאָסטן. אָבער די באַדערפֿעניש צו טראַכטן פֿון די אייביקע פֿראַגן האָט נישט אויפֿגעהערט.

ער האָט געוואוסט פֿאָרויס אַלע ענטפֿערס: דער שכל איז צוגעפּאַסט בלויז צום עמפּירישן דענקען. אין טראַנסצענדענטע ענינים זיינען די קאַטעגאָריעס פֿון פֿאַרנונפֿט לײדיקע פֿאָרמען. ווי מ׳זאָל נישט דרייען, קאָן דאָס גריבלעניש צו גאָרנישט דערפֿירן. אָבער ער איז, זעט אויס, אַ געבוירענער מעטאַפֿיזיקער. ביינאַכט איז ער אָפּגעלעגן ביז צוויי אַ זייגער און דער מח האָט זיך געשפּילט מיט אַלערליי קאָמבינאַציעס. אָנגענומען, אַז שפּינאָזאַ איז גערעכט: נישט־אַדעקוואַטע און צעמישטע אידעען דרינגען אַרויס פֿון דערזעלבער נויטווענדיקייט ווי די אַדעקוואַטע און קלאָרע אידעען, און ס׳איז נישטאָ אין די אידעען עפּעס פּאָזיטיווס, וואָס קאָן אָנגערופֿן ווערן פֿאַלש. דאַמאָלט לוינט זיך שוין יאָ אַריינצוטראַכטן. אין גאָט איז יעדער רעיון סיי־ווי אמת. דורכן פֿענסטער האָט אַריינגעקוקט אַ הימל, פּלאַנעטן, פֿיקס־שטערן, דער מילכוועג. די ווייסלעכע שיין, וואָס ער, עוזר־העשל, זעט איצט, האָט עמאַנירט פֿון יענע הימלישע קערפּערס מיט טויזנטער יאָרן צוריק, אין די צייטן פֿון יעקב אבינו, אָדער ווען מען האָט געבויט די פּיראַמידן. די שטראַלן, וואָס ווערן אַרויסגעשיקט איצט, וועלן געזען ווערן אין דריי אָדער פֿיר טויזנט יאָר שפּעטער. ווייטער ציען זיך גאַלאַקסן, וואָס ס׳דויערט מיליאָנען און מיליאַרדן יאָרן ביז זייער ליכט דערגרייכט די ערד. ס׳איז געווען מאָדנע דאָ צו ליגן אויף דער נאַוואָליפּקי גאַס, אויפֿן פֿינפֿטן שטאָק, צו זיין פֿאַרבונדן מיט דעם אומענדלעכן קאָסמאָס, לייב פֿון זיין לייב, גייסט פֿון זיין גייסט. ס׳איז געווען אויסטערליש צו קלערן, אַז די אייגענע געזעצן, וואָס טרייבן די זון, די

לבנה, די קאָמעטן, די נעבולאַס, האָבן געשאַפֿן דאָס לעבן, דעם טויט, מוסאָליניִן, היטלערן, יעדן נאַצי־יונג, וואָס זינגט דאָס האָרסט־וועסעל ליד און גאָרט ייִדן־בלוט זאָל שפּריצן פֿונעם מעסער. ווי קאָן מען נישט פֿילאָזאָפֿירן אַז מ׳איז אַרומגערינגלט פֿון אַזוינע רעטענישן?

פֿון די טראַכטעכצער וועגן אוניווערס איז עוזר־העשל אַריבער צו די אייגענע עסקים. הדסה האָט זיך אַוועקגעזעצט אין אַ מדבר און וואַרט אויפֿן טויט. יעדעס מאָל, וואָס ער, עוזר־העשל, קומט אַהין, רעדט זי דערפֿון פֿונסניי. דאָשקע וואַקסט ווילד צווישן די שיקסעס. זי איז שוין אַוודאי דערגאַנגען אַלע סודות. זי חברט זיך מיט שקצים. ווער ווייסט, וואָס אַזאַ קינד קאָן אָפּטאָן?... עוזר־העשל האָט וויפֿל מאָל געפּרואווט זיך אַליין באַווייזן, אַז ס׳איז אַלץ איינס צי אַ מיידל האָט חתונה, צי זי פֿירט פֿרייע ליבע; צי זי פּאָרט זיך מיט אַ ייִד אָדער אַ גוי. אויב ער, דער טאַטע, מעג, פֿאַרוואָס זאָל נישט טאָרן די טאָכטער? פֿונדעסטוועגן האָט ער געזאָרגט וועגן דאָשקען, געזוכט פֿאַר איר תּכליתים. דאַווידעק האָט זיך געפֿונען אין אַ קבוצה אין גליל העליון, אַרומגענומען פֿון אַלע זייטן מיט אַראַבער. מ׳קאָן זיך נישט אַרויסרירן אָן אַ ביקס. איידל ווערט קראַנק, אַז ס׳פֿאַרשפּעטיקט זיך אַ בריוו. דינהלעס מאַן, מנשה־דודל, האָט די רעשט אַראָפּגעוואָרפֿן דעם יאָך פֿון פּרנסה. דאָס וואָס ער, עוזר־העשל, גיט נישט, איז נישטאָ. נאָך אַ נס, וואָס באַרבאַראַ נויטיקט זיך נישט אין קיין הילף.

ווען ער, עוזר־העשל, האָט יענע נאַכט, מיט יאָרן צוריק, איבערגענעכטיקט מיט באַרבאַראַ פּישעלזאָן ביי אַ פּוילישער קאָמוניסטין, אויפֿן פּלאַץ קערצעלאַק, האָט ער געמיינט, ס׳איז דאָס ערשטע און לעצטע מאָל. באַרבאַראַ האָט דאַמאָלט געהאַט אויף זיך אַ פּראָצעס. זי האָט גערעדט וועגן אומקערן זיך קיין פֿראַנקרייך, אָדער גאָר זיך איבערפּעקלען קיין סאָוועט־רוסלאַנד. אָבער באַרבאַראַ איז נאָך אַלץ געווען אין וואַרשע און ער, עוזר־העשל, איז פֿאַרבליבן איר געליבטער. פּאַסטאָר פּישעלזאָן איז געהאַט געשטאָרבן. אין דעם הויז אויף קרולעווסקע, וואָס האָט געהערט צו דער עוואַנגעלישער מיסיע, האָט זיך אַריינגעצויגן אַן אַנדער מיסיאָנער. דער קאָמינטערן האָט אין דער צייט פֿונאַנדערגעלאָזט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אין פּוילן. ווער ס׳איז געזעסן אין תּפֿיסה און ווער ס׳איז געזעסן אין קאַרטוז־בערעזע, אין קאָנצענטראַציע־לאַגער; ווער ס׳איז אַריבער צו די רעכטע סאָציאַליסטן און ווער ס׳האָט זיך אינגאַנצן אַנטוישט. ברוידע איז געהאַט אַוועק קיין רוסלאַנד. ס׳זיינען אומגעגאַנגען קלאַנגען, מ׳האָט אים דערשאָסן. דאָס ווייב, לילאַ, די הינקנדיקע, האָט געעפֿנט אַ געשעפֿט פֿון פֿאַרטיקע קליידער. אָבער באַרבאַראַ איז, ווייזט אויס, געבליבן אַ פֿונקציאָנערין. זי האָט געמאַכט נסיעות און עוזר־העשל האָט נישט געוואוסט וואוהין. זי האָט זיך אויפֿגעפֿירט לויט אַלע כּללים פֿון קאָנספּיראַציע. אָפֿיציעל איז זי געווען אַ בוכהאַלטערין אין אַ געשעפֿט פֿון קנעפּ, אויף דער אָרלע גאַס. זי האָט זיך געקליידט עלעגאַנט, זיך געפּודערט, געשמינקט, אויסגעמיטן ראַדיקאַלע מיטינגען, אַבאָנירט דעם „קוריִער וואַרשאַווסקי״. זי איז אַפֿילו געגאַנגען יעדן זונטיק אין דער עוואַנגעלישער קירך. אין דער ביי־כער־שאַנק האָט זיך נישט געפֿונען קיין איינציק ווערק וועגן סאָציאָלאָגיע אָדער

פּאָליטיק. אויף אַ טישעלע, צווישן בײדע פֿענסטער, איז געלעגן פּאַסטאָר פּישעלזאָנס ביבל מיטן גאָלד־געלײשטן צלם אין טאָוול. אויף דער וואַנט האָט געהאַנגען אַ קרוציפֿיקס.

אַלץ איז געטאָן געוואָרן אויפֿן זײגער. ווען באַרבאַראַ איז געווען אין שטאָט, האָט זי אָנגעקלונגען עוזר־העשלען פּינקטלעך פֿופֿצן מינוט נאָך אַכט אינדערפֿרי. געטראָפֿן האָט מען זיך זיבן אין אָוונט, אין אַ רעסטאָראַן. פֿאַר דעם מאָלצײט האָט יעדער געצאָלט באַזונדער. אַזוי איז געווען דער אָפּמאַך. אַז מ׳איז אַמאָל געגאַנגען אין קינאָ אָדער אין טעאַטער, האָט באַרבאַראַ נישט געלאָזט עוזר־העשל זאָל קויפֿן פֿאַר איר אַ בילעט. ס׳רוב איז דאָס פּאָר נאָך קאַלאַציע אַוועק צו איר אַהײם. דאָס צימער האָט געהאַט אַ באַזונדערן אײנגאַנג. באַרבאַראַ האָט אָנגעצונדן די עלעקטרע, פֿאַרריכערט אַ פּאַפּיראָס, אָנגעשטעלט דעם ראַדיאָ. נאָך אַ ווײל האָט זי דעם ראַדיאָ צוריק פֿאַרדרײט. בײדע זײנען געזעסן אײנער אַקעגן אַנדערן אויף צוויי געבעטע שטולן (איבערבלײבענישן פֿון פּאַסטאָר פּישעלזאָנס מעבל), זיך אָנגעקוקט האַלב־הײמיש, האַלב־פֿרעמד. זי האָט געהאַט אַ געוואוינהײט אָנצוהײבן דעם שמועס מיט די ווערטער:

— נו, וואָס האָט דער באַשולדיקטער צו זאָגן?

אָדער זי פֿלעגט פֿרעגן:

— נו, וואָס האָסטו הײנט אויפֿגעטאָן פֿאַר דער קאָנטער־רעוואָלוציע?

— כ׳האָב מײן חלק בײגעשטײערט.

— קײן פֿראַגע! קײן פֿראַגע!...

די פּאַנאַ באַרבאַראַ האָט געשמײכלט, געוויזן די לענגלעכע צײן. דאָס פּאָרל האָט געהאַט פֿיל מאָל אָפּגעשמועסט נישט צו פֿירן קײן דיסקוסיעס, נאָר אײדער מ׳האָט זיך געכאַפּט, האָט מען געהאַלטן אינמיטן אַ דעבאַטע. געדרײט האָט זיך דער ויכּוח אַלעמאָל אַרום דעם אײגענעם: קאָן מען געניג די מענטשלעכע געשיכטע, פֿאַרויסצוזאָגן איר גאַנג? עוזר־העשל האָט באַוויזן, אַז נישט מ׳קאָן אַלע פֿאַקטאָרן, נישט מ׳קאָן וויסן די פֿאָלגן. די מלוכה פֿון פֿרײהײט שטײט אין ווידערשפּרוך צו דער אַלגעמײנער קויזאַליטעט. די פֿראַגן פֿון גערעכטיקײט האָבן נישט קײן פּלאַץ אין אַ סיסטעם, וואו יעדער קערפּער קאָן נאָר באַוועגט ווערן פֿון אַן אַנדער קערפּער. דער באַגריף גלײכהײט איז קעגן אַלע ביאָלאָגישע פֿאַקטן. כאָטש עוזר־העשל האָט וויפֿל מאָל צוגעזאָגט וואַניאַן, אַז היטלער וועט נישט מנצח זײן, האָט ער נישט געהאַט קײן לאָגישן באַווײז, אַז ס׳איז אַזוי. ס׳קאָן גרײלעך געמאָלט זײן, דער נאַציזם זאָל דויערן טויזנט יאָר. פֿאַר דער נאַטור איז, אַפּנים, אַלץ אײנס משה אָדער היטלער, יעזוס אָדער ניטשע, מוסאָליני אָדער גאַנדי, מענטשן אָדער אינזעקטן. ווער ווײסט? די ערד קאָן גאָר זיך אָנשטויסן אין אַ קאָמעט, זיך אומקערן צום תּוהו־ובֿוהו. די אײביקע געזעצן האָבן שוין אַלץ באַשטימט. ווער ס׳זוכט טרײסט אין דער אינטעלעקטועלער ליבע צו גאָט, מוז אים ליב האָבן אונטער אַלע אומשטענדן... באַרבאַראַ האָט זיך צוגעהערט, געבלאָזן קײקעלעך רויך. די רײד זײנען האָבן זי געשטאָכן, אָפּערגענומען דעם פֿונדאַמענט. נאָר ס׳איז אַלץ אָנגענעמער ווי די פּלוידערײען

פֿון די קאַמעראַדן, וואָס מיט זיי האָט זי זיך באַגעגנט אין קאָנספּיראַטיוויע דירות. זי פֿלעגט אַ פֿרעג טאָן:

— וואָס־זשע בלייבט איבער? זיך אַוועקצולייגן און קראַפּירן.

— דער טויט איז נישט פֿון די ערגסטע זאַכן.

— זייער אַ פּאָזיטיווער צוגאַנג. נישטאָ וואָס צו רעדן!

באַרבאַראַ איז צוגעגאַנגען צום פֿענסטער, אויפֿגעהויבן דעם ראָלעט, צוריק אַראָפּגעלאָזט. זי האָט גענומען אַרומשפּאַנען אַהין און אַהער, געוואָרפֿן אויף עוזר־העשלען זייטיקע בליקן, אַ שטייגער ווי זי וואָלט זיך נאָך אַלץ נישט צוגעגלויבט, אַז אַ ייִד, אַן אַנטי־מאַרקסיסט, אַ געוועזענער ישיבה־בחור, איז איר, באַרבאַראַס, געליבטער. ווי נאָענט זיי זיינען זיך געווען אין דער פֿינסטער, אַזוי פֿרעמד זיינען זיי זיך פֿאַרגעקומען קעגן דער שיין. ער האָט גערעדט ווי אַ פֿאַשיסט, נאָר געזופּט די טיי האָט ער ווי איינער פֿון יענע חסידישע בחורים, וואָס פֿלעגן קומען צום גאָטזעליקן פּאַפּאַ אָפּעסן אַ מאָלצייט און זיך חקרנען איבער דער עוואַנגעליע. ער האָט געבויגן די פּלייצע, געביסן די ליפּן, געמאַכט ניקן. אַ ווייל האָט ער אויסגעזען יונג ווי אַן אַכצן־יעריק ייִנגל. באַלד האָט ער באַקומען אַ צורה פֿון אַן עלטערן ייִד, אַן אָפּגעפּאַרענעם. ער האָט נישט געלייקנט פֿאַר באַרבאַראַן, אַז ער קומט אַרויס צו הדסהן. ער האָט זיך באַגעגנט מיט דעם ערשטן ווייב, איידלען. ער האָט געהאַט אַ דערוואַקסענעם זון, אַ דרייצן־יעריקע טאָכטער. ערגעץ דאָ אין וואַרשע האָט זיך אויפֿגעהאַלטן אַ שוועסטער, אַ שוואָגער, שוועסטער־קינדער. ווי אומגלויבלעך, נאָר ווען באַרבאַראַ האָט פֿון אים געקלערט אין אַן אַנדער שטאָט, האָט ער געהאַט פֿאַר איר מער האַפּט ווי ווען זיי האָבן פֿאַרבראַכט צוזאַמען. ווען זי האָט זיך אים אָפּגעגעבן יענעם אָוונט אויפֿן קערצעלאַק, האָט איר די גאַנצע זאַך אויסגעדוכט ווי אַן אַוואַנטורע, איינע פֿון יענע אומזיניקייטן, וואָס מ׳טוט אָפּ אין אַ פֿרעמד לאַנד, פֿאַר אַ נסיעה, אין צערודערטע טעג, צווישן איין ליבע און דער אַנדערער. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז דער דאָזיקער יונגערמאַן האָט צעשטערט איר קאַריערע. זי איז אַ שטיק צוליב אים געבליבן שטעקן אין פּוילן, האָט נישט חתונה געהאַט, געוואָרן אַ פּראָפֿעסיאָנעלע טוערין, כסדר אויסגעזעצט אויף געפֿאַרן. איצט האַלט דערביי, ס׳זאָל אויסברעכן אַ צווייטער וועלט־קריג. וואָס וועט דאַמאָלט פֿון איר ווערן?

## 2

עוזר־העשל האָט פֿאַרזיכערט סיי זיך אַליין, סיי באַרבאַראַן, הדסהן, איידלען, אַז ער האָט נישט קיין מורא פֿאַר דעם קריג, וואָס דערנעענטערט זיך, פֿאַר די גזירות אויף ייִדן, וואָס רוקן זיך אָן, און אַז ער האָט שוין לאַנג געמאַכט שלום מיטן טויט. אין אמתן איז ער פֿול געווען מיט אַ פּחד, וואָס ער האָט זיך נישט געקאָנט אויסרעדן. ווען ער איז שפּעט ביינאַכט אַוועק אַהיים פֿון באַרבאַראַן, האָט ער זיך געשאַרט ביי די מויערן. ס׳האָט נישט איינמאָל געטראָפֿן, אַז „נאַ־

ראַוּוצעס", קאָרפּאָראַציע־סטודענטן, גלאַט כוליגאַנעס, זײַנען אין דער געגנט באַפֿאַלן אַ ייד, אים צעממיתט. נאָך אומהיימלעכער איז געווען, ווען ס'איז אים אויסגעקומען אין אָוונט צו שפּאַצירן פֿון אַטוואָצקער וואָקזאַל קיין שרודבאָ־רואוו. היגטערוועגנס האָט מען לייכט געקאָנט קריגן מיט אַ מעסער אין רוקן. ער האָט געשפּאַנט איבערן זאַמד, געפּאָכעט מיטן שטעקן, ווי ער וואָלט אָפּ־געטריבן אַן אומגעזעענעם. הינט הינטער די דראָט־צוימען האָבן געבילט. די סאָסנעס האָבן גערוישט. ערגעץ ווייט האָט געפּייפֿט אַ באַן. עוזר־העשל האָט יעדעס מאָל אויפֿגעהויבן דעם בליק אין דער הויך, צום הימל. די שטערן האָבן געבליצט, געוואונקען פֿון אומענדלעכן חלל. וואָס איז זיי אָנגעגאַנגען אַ מענטשל אויף אַ פֿאַרוואָרפֿן פּלאַנעטל? וואָס קאָן זיי שאַדן, אַז אַן אַנדער מענטשל וועט אים מיט אַ שטיקל אײַזן דורכלעכערן די לונג? וויפֿל עוזר־העשל האָט נישט געפּרוּווט באַהעפֿטן זײַן קלײנקייט מיט זייער הימלישער גרויסקייט, אַלץ באַטראַכטן סוב ספּעציאַ עטערניטאַטיס, איז דאָס אים נישט געראָטן. וואָס זיץ איך דאָ, אין דעם פּוילן? — האָט ער זיך געפֿרעגט. — פֿאַרוואָס אַנטלויף איך נישט ווי לאַנג ס'איז צײַט? ער האָט יעדעס מאָל פֿונסניי בײַ זיך אָפּגעמאַכט צו אַנטלויפֿן. אָבער, אַז ס'איז געקומען צו די איינצלהייטן, איז אַלץ געוואָרן פֿאַרוויקלט. ער האָט געדאַרפֿט איבערלאָזן הדסהן, דאַשקען, דינהלען, די קינדער, זיך שיידן מיט באַרבאַראַן. קיין סערטיפֿיקאַט קיין פּאַ־לעסטינע האָט ער נישט געקאָנט קריגן. (די חלוצים זײַנען בילכער). ער וואָלט געקאָנט זיך אַריבערשמוגלען קיין פֿראַנקרייך, אָבער וואָס וועט ער טאָן אין פּאַריז איינער אַליין? ער קאָן נישט די שפּראַך. ער האָט נישט קיין פֿאַך. אויסער דעם, וועלן די נאַציס דערלאַנגען אויך אַהין. די צײַטונגען האָבן גע־מאָלדן, אַז די פֿראַנצויזישע פּאָליציי האָט זיך גענומען צו די אויסלענדער. מ'אַרעסטירט זיי, מ'שיקט זיי אַרויס, מ'מאַכט רעוויזיעס אין די אָרעמע קוואַר־טאַלן. אַחוץ אַלע חשבונות האָט עוזר־העשל געהאַלטן, אַז ער האָט נישט קיין רעכט זיך צו ראַטעווען, בעת די משפּחה און אַלע אַנדערע יידן בלײַבן אויף היטלערס באַראַט. דאָס דאָזיקע געפֿיל האָט אים אַליין געחידושט. ס'האָט זיך נישט אַרײַנגעפּאַסט אין זײַן געדאַנקען־גאַנג...

ווען ער איז צוגעקומען צו וואַניאַס ווילע, האָבן די כּלבים אין דער בודע זיך צעהוילט. די גויע האָט פֿון דער וואַרענדע אַרויסגעלויכטן מיט אַ נאַפֿט־לאָמפּ. ס'איז זעלטן אַרײַנגעפֿאַלן אַ גאַסט אין דער העק. דאַשקע איז שוין געשלאָפֿן, נאָר ווען פּאַפּאַ איז אָנגעקומען, האָט זי זיך אויפֿגעוועקט. זי איז אַריין פֿון שלאָף־שטיבל אין אַ שלאָפֿראָק און שטעקשיך. עוזר־העשל האָט זי יעדעס מאָל אָפּגעמאָסטן אַ דערשטוינטער. זי איז געוואַקסן פֿון טאָג־צו־טאָג. זי איז געשטאַנען פֿאַר אים האַלב־קינד, האַלב־פֿרוי, געראָטן נישט אין דער מוטער, נישט אין אים, דעם פֿאָטער, נאָר גיכער אין בײדע משפּחות, אַ געמיש פֿון די קאַצענעלענבויגנס און די מושקאַטס. האָר האָט זי געהאַט ברוינלעכע, אויגן — גרינלעכע. עוזר־העשל און הדסה האָבן בײדע געהאַט דינע ליפּן, נאָר דאַשקעס מויל איז געווען פֿול, געהאַט אַ שניט, וואָס איז עוזר־העשלען פֿאַרגעקומען תּאַוּוהדיק. זי האָט אים אָנגעקוקט אַן איבערגעוועקטע, אַ נײַגע־

ריקע, מיט יענער ברוגזער מינע, וואָס ס׳האָבן קינדער ווען מ׳רייסט זיי אויף אין מיטן שלאָף. די באַגעגעניש מיט דער טאָכטער איז אַלעמאָל געווען פֿאַר עוזר־העשלען אַ שווערע איבערלעבונג. דאָשקע האָט געוואוסט פֿון אַלע זיינע מאַנסבילשע זינד. צוליב דעם, וואָס ער, עוזר־העשל, האָט זי זעלטן געזען, האָט ער זיך יעדעס מאָל געמוזט דערמאָנען, אַז זי איז נישט קיין פֿרעמד מיידל, נאָר זיין בלוט־און־פֿלייש. נאָך אַ קווענקלעניש, האָט זי זיך אָן אים אָנגעהאָנגען, אים געקושט. הדסה האָט אַ זאָג געטאָן:

— דאָשקע, גיי שלאָפֿן. ווֹעסט האָבן צייט מאָרגן אַ גאַנצן טאָג!

— אָך, מאַ, ווער וויל שלאָפֿן? — האָט דאָשקע זיך אויף איר אָנגעבייזערט.

— איכ׳ל אויפֿזיין אַ גאַנצע נאַכט!...

צוליב פּאַפּאַס אָנקומען האָט דאָשקע געגעסן אַ צווייט נאַכטמאָל, זי האָט געקושט דאָ דעם פֿאָטער, דאָ די מוטער, געפּראַוועט בת־יחידישע שטיק. די גויע, די אייגנטימערין, האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן, אַריין זאָגן גוטן־אָוונט. די עלטערע שיקסע האָט שעמעוודיק אויפֿגעשפּאַרט די טיר, צוריקגעבראַכט אַן אייערנעכטיקע צייטונג, וואָס זי האָט געבאָרגט ביי הדסהן. דאָשקע האָט געפּלאַפּלט פֿון די לערערס, די שול־מיידלעך, די שקצים, די ביכער, וואָס זי לייענט, די בילדער, וואָס מ׳ווייזט אין קינאָ. זי האָט געקאָנט אַלע האָליוואָדער אַקטריסעס. זי האָט אָנגערופֿן נעמען פֿון שריפֿטשטעלער, וואָס ער, עוזר־העשל, האָט פֿון זיי קיינמאָל נישט געהערט. זי האָט געפּלוידערט פֿון ספּאָרט, אויטאָמאָבילן, לופֿט־פֿליערײַ. ווי אַנדערש זי איז געווען פֿון די מיידלעך, וואָס ער, עוזר־העשל, האָט געקאָנט! ווי אַנדערש הדסה האָט געמוזט זיין אין איר עלטער!...

אַרום איינס אַזייגער איז דאָשקע אַוועק שלאָפֿן. מאַן־און־ווייב זיינען זיך געגאַנגען לייגן. זיי האָבן געהאַט איין טאָפּל־בעט. דער ערשטער האָט זיך אויסגעטאָן עוזר־העשל. הדסה האָט זיך נאָך געפּאָרעט: געוואַשן דאָס געפּעס, זיך געקעמט, געפּוצט די ציין. זי איז אַריינגעקומען אין דעם פֿינסטערן שלאָפֿצימער אין אַ לאַנג נאַכט־העמד, זיך צוגעלייגט ביים ראַנד. אַ לאַנגע וויל זיינען זיי געלעגן שווייגנדיקערהייט. די גאַנצע שאַנד־און־שמאַך פֿון זייער צוזאַמענזיין האָט אויפֿגעטויכט אין די דאָזיקע מינוטן. נעבן אים איז געלעגן דאָס ווייב, וואָס ער האָט אָפּגענאַרט, די ליבע, וואָס ער האָט פֿאַרשוועכט. ס׳איז געווען די אייגענע הדסה, וואָס איז אַמאָל אַריינגעפֿאַלן צו אים אויף דער שוויענטאָ־יערסקע גאַס אין אַ סאַמעטענעם בערעט, אין וואָלענע אויבער־זאָקן, מיט אַ ביכל אונטערן אָרעם, אים געגעבן דעם ערשטן קוש. איצט קומט ער צו איר פֿון אַן אַנדערער.

זיי זיינען געלעגן איינער אַקעגן אַנדערן, אָפּגעוואָרט. זיי האָבן יעדעס מאָל געמוזט ווערן היימיש פֿונסניי. די וועלדער, וואָס צווישן זיי האָט הדסה געוואוינט, האָבן זי ווי איינגעשטילט. זי האָט זיך אַליין פֿאַרגליכן צו די ביימער, וואָס האָבן אַריינגעקוקט אין די פֿענסטער. זי האָט נישט שטודירט קיין פֿילאָ־

זאָפֿיע־ביכער ווי עוזר־העשל, נאָר זי האָט אויף איר אייגענעם שטייגער אַלץ אויפֿגעפּאַסט פֿילאָזאָפֿיש. זי האָט געהאַט צוגעזען ווי די נאָענטסטע זײַנען אַוועק; זי האָט בײַגעוואוינט דעם אונטערגאַנג פֿון דער משפּחה. זי האָט זעלטן געלייענט אַ צײַטונג, אָבער זי האָט געוואוסט, אַז דער יידישער ישוב אין פּוילן איז אײַנגעשטעלט. אין קאַרטשעוו, אַ שטעטל נעבן אָטוואָצק, האָבן שוין די פּוילישע נאַציס געשלאָגן יידן. ס׳זײַנען דערגאַנגען צו איר די ביַיעסן וועגן פּזשיטעק, בריסק, נאָוואָמינסק. זי האָט באַגעגנט אין אָטוואָצק די דײַטשע פֿליכטלינגען, וואָס האָבן אַרומגעטראָגן איבער די ווילִיעס זאָקן, קראַוואַטן, קנעפּלעך, נאָזטיכלעך. וואָס פֿאַר אַ ווערט האָט איר אײַפֿערזוכט אַקעגן די אַלע לײַדן? אין געדאַנק האָט זי עוזר־העשלען פֿאַרענטפֿערט. איז דאָס זײַן שולד, וואָס ער איז נישט קיין פֿאַמיליען־מאַן? קאָן זי פֿאַרלאַנגען, ער זאָל זיך אומדרייען אין וואַרשע איינער אַליין? אמת, ער איז פֿאַרבליבן אַן אומבאַקאַנטער לערער, פֿונדעסטוועגן האָט הדסה געהאַלטן, אַז ער איז פֿון געבוירן אַ העכערער מענטש, איינער פֿון יענע, וואָס מ׳טאָר נישט מעסטן מיט דער געוויינלעכער מאָס. איינמאָל, ווען די שטיף־מוטער, בראָניע, האָט באַרעדט עוזר־העשלען, אים געשאָלטן, האָט הדסה זיך אָנגערופֿן:

— זאָל מיר די פּאַני אַנטשולדיקן. ער איז מײַן מאַן. כ׳האָב אים ליב...

בראָניע איז פֿון דאַמאָלט אָן מער נישט אַראָפּגעקומען קיין שרודבאָראוו.

*

דער פֿרילינג האָט זיך היי־יאָר געשטעלט פֿרי. אין מיטן פֿעברואַר איז געוואָרן לינד. דער שניי האָט געשמאָלצן. דער וואַלד איז פֿול געוואָרן מיט פֿליוסקעניש, רינעניש. פֿון די ביימער האָט געקאַפּעט. וואַסעלעך האָבן געפּלעטשערט צווישן די שטראָמען, זיך געטראָגן צום טײַכל שווידערעק און דער ווייסל. ווינטער־פֿייגל האָבן געשריגן מיט מענטשלעכע קולות. פֿון דער דורכגענעצטער ערד זײַנען אויפֿגעגאַנגען וואַרעמע נעפּלען. אין סאָד זײַנען די אויבסט־ביימער געוואָרן זאַפֿטיק־שוואַרץ און נאַקעט, ווי אַלעמאָל, איידער זיי הייבן אָן אַרויסברענגען קנאָספּן. די פּויערים אין די דערפֿער האָבן געמורמלט, אַז דער פֿריער פֿרילינג איז אַ סימן פֿון מלחמות און בלוט־פֿאַרגיסונג. די באַשעפֿענישן זײַנען געוואָרן ווי דול פֿון דער פֿאַרענדערונג. וואַניאַס ציג האָט געמעקעט. די הענער האָבן נישט אויפֿגעהערט קרייען. אַ פֿאַריאָריקע פֿליג איז אויפֿגעשטאַנען תּחית־המתים, געזשומעט אויף די שויבן. די פֿייגעלעך האָבן זיך איבערגעוועקט, געצוויטשערט. הדסה האָט אָנגעשפּיצט דאָס געהער. אפֿשר וועט היטלער אינגיכן קומען? די בלעטער האָבן נישט פֿאַרויסגעזאָגט קיין גוטס. הדסה האָט זיך צוגעטוליעט צו עוזר־העשלען. ס׳איז נאָך אַלץ געווען גוט צו ליגן אין זײַנע אָרעמס...

אינדערפֿרי איז עוזר־העשל געשלאָפֿן שפּעט. דאַשקע איז נישט געגאַנגען אין שקאָלע. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפֿן פֿאָטערס בעט, אים געקושט, מיט אים גערעדט. הדסה האָט צוגעגרייט פֿרישטיק. אין קיך האָט געשמעקט מיט

פֿריש־געמאָלקענער מילך, פֿאַרבריטער קאַווע. וואַניאַס שיקסעס זיינען נישט איינגעזעסן אַ מינוט אינדערהיים. זיי האָבן יעדעס מאָל געפֿונען אַן אַנדער אויסרייד אַריינצוקומען. אַפֿילו פֿון די ווייטערע שכנים זיינען געקומען געסט. הדסה האָט קיינמאָל נישט פֿאַרשטאַנען ווי אַזוי עוזר־העשל ציט־צו מענטשן. ער האָט זיך רעכט אויף קיינעם נישט אומגעקוקט.

נאָכן אָנבייסן איז הדסה אַוועק מיט אים שפּאַצירן אויפֿן וועג, וואָס האָט געפֿירט קיין גאַרוואָלין. די באַן־ליניע איז דאָ נישט געווען קיין טאָפּלטע, נאָר אַן איינצלנע. ביים ברעג וואַלד האָט זיך נישט זעלטן באַוויזן אַ האָז. דאָשקע איז נאָכגעגאַנגען פֿון הינטן מיט אַ חברטע. די זון אין הימל האָט זיך גע־שפּילט אין באַהעלטערלעך: דאָ איז זי אַרונטער הינטער אַ וואָלקן: באַלד איז זי צוריק אַפּערגעקומען, אַ ווינטערדיק־רויטלעכע, פֿול מיט ערב־פּרי־לינגדיקן גאָלד. פֿון די שפּאַלטן אין די וואָלקנס האָבן זיך דורכגעריסן נעפּל־דיקע זיילן, שאַרפֿע ווי העק. ס'איז שווער געווען צו וויסן, צי קומט די שאַר־כעניש פֿון די סאָסנע־צווייגן, פֿון אַ ווייטער באַן, אָדער גאָר פֿון אַ וואָגן אויפֿן שאָסיי. הדסהס האָר האָבן געפֿלאַטערט אין ווינט. אויפֿן בלייכן פּנים איז אַרויסגעטרעטן אַ רויטקייט. דערפֿון, אייגנטלעך, האָט זי דאָך געחלומט אַלע יאָרן: אַ שטיבל אין אַ וואַלד, אַ קינד, און אים, עוזר־העשלען, ביי דער זייט...

צומאָרגנס פֿאַרנאַכט האָט עוזר־העשל זיך אומגעקערט קיין וואַרשע. וויפֿל מאָל הדסה האָט אים באַגלייט קיין אָטוואָצק, האָט זי געהאַט אַן אָנונג, אַז זי זעט אים צום לעצטן מאָל. זי האָט אים מיטגעגעבן אַ פּעקעלע מיט קיכעלעך, וואָס זי האָט אַליין געבאַקן. זי האָט מיט אים אַרומשפּאַצירט איבערן וואָקזאַל און לענגאויס די וואַגאָנען. מאַנסלייט האָבן נאָך אַלץ אויף איר געקוקט, נאָר זי האָט נישט געליטן זייערע בליקן. די ליבע האָט איר נישט געבראַכט קיין גוטס.

ס'איז געקומען די צייט איינצושטייגן. עוזר־העשל האָט זי אַרומגענומען. זי האָט זיך אַ ווייל אין אים ווי אַנגעהאַנגען. ער'ט קיינמאָל נישט וויסן ווי ליב זי האָט אים. ער'ט קיינמאָל נישט באַנעמען וויפֿל זי האָט זיך צוליב אים אַנגעליטן פֿון דעם טאָג אָן, וואָס אַבראַם האָט אים געבראַכט צו פּאַפּאַ אויף מיטאָג, ביז היינט. עוזר־העשל איז איינגעשטיגן, צו איר אַרויסגעקוקט דורכן פֿענסטער. זי האָט צוריקגעקוקט, געשאָקלט מיטן קאָפּ. זי האָט זיך געשעמט, וואָס זי איז שוין נאָך די פֿערציק, אַ מיטל־יאָריקע פֿרוי. ווער ווייסט? אפֿשר איז איר אויך באַשערט צו ווערן אַלט? זי האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף ניין...

די באַן איז אַוועק. הדסה האָט זיך געלאָזט גיין אַהיים. עוזר־העשל האָט צוגעזאָגט צו קומען איבער־אַכטאָג, נאָר מ'האָט אויף זיינע ווערטער זיך נישט געקאָנט פֿאַרלאָזן. הדסה איז געווען זיכער, אַז ער'ט היינט ביינאַכט נעכטיקן ביי יענער...

# קאַפּיטל אַכט און פֿופֿציק

## 1

פֿאַר פּסח זיינען געקומען צו דער פֿאַמיליע מושקאַט געסט פֿון אַמעריקע און פֿון ארץ־ישראל. קאָפּל, ר׳ משולם מושקאַטס משרת, איז שוין געווען אין די זיבעציקער; לאה, זיין ווייב, אין די טיפֿע זעכציקער. קאָפּל האָט געהאַט אין אַמעריקע אַ פּראָצעס פֿאַר האַלטן אַ טריף ברייזל. ער האָט געמאַכט אַ פֿאַרמעגן. איצט איז דאָס אַלטע פּאָר פֿאָלק געפֿאָרן קיין אייראָפּע זיך זען מיט די קינדער. קאָפּל האָט געשיקט געלט שאָשען, דער טאָכטער אין פּאַלעסטינע, זי זאָל קומען זיך באַגעגענען מיט אים אין וואַרשע. לאה האָט זיך דאָ געזאָלט טרעפֿן מיטן זון, ר׳ אהר׳לען, דעם ביאַלאָדרעוונער רבין, וואָס סיי ער איז געקומען זיך זען מיט דער מוטער, סיי זאַמלען געלט פֿאַר דער אָרטאָדאָקסישער קאָלאָניע, וואָס ער האָט געגרינדעט. לאה האָט אויך געזאָלט אַריבערנעמען מאַשען קיין אַמעריקע. מאַשע האָט נישט געוואוינט מיטן מאַן. זי האָט אין די בריוו צוגעשוואוירן דער מוטער, אַז ווי נאָר זי וועט אַריבערקומען קיין אַמעריקע, וועט זי זיך מגייר זיין. לאהן האָט באַגלייט די יונגערע טאָכטער, לאָטע, וואָס איז געוואָרן אין אַמעריקע אַ לערערין אין אַ קאָלעדזש. די בשורה, אַז לאה קומט, האָט אַריינגעבראַכט אַ ניי לעבן אין דער משפּחה. פּיניעלע און ניוניע, די ברידער, האָבן זיך גלייך איבערגעבעטן. די שוועגערינס, חנה און בראָניע, וואָס זיינען זיך געווען דם־שונאים, האָבן ווידער אָנגעהויבן רעדן. ר׳ משולם מושקאַטס אייניקלעך האָבן גענומען קלינגען אויפֿן טעלעפֿאָן צו די פֿעטערס און די מומעס. אַלע האָבן געהאַט איין פֿאַרלאַנג: מ׳זאָל זיי אַרויסנעמען פֿון פּוילן, ווי לאַנג ס׳איז צייט.

דעם טאָג, ווען לאה און קאָפּל האָבן געזאָלט אָנקומען מיטן עקספּרעס־צוג פֿון פּאַריז, האָט זיך צונויפֿגענומען ביי פּיניעלען די גאַנצע משפּחה. ס׳האָבן בלויז געפֿעלט מאַשע, הדסה און עוזר־העשל. די שטוב איז געוואָרן פֿול מיט ר׳ משולמס אייניקלעך און אור־אייניקלעך. פּיניעלע האָט געקוקט, געהויבן די אַקסלען. קיין עין־הרע, ער האָט אַליין נישט געוואוסט, אַז דער טאַטע האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך אַזאַ געזעמל. ס׳איז אָבער נישט געווען דאָס, וואָס אַמאָל. אַמאָל, אַז מ׳האָט זיך צונויפֿגעזאַמלט ביי ר׳ משולמען אין אַ חנוכּה, אַ פּורים, זיינען אַלע געווען איין בלוט און פֿלייש. איצט איז געווען אַן אַנגעלויף. פּיניעלע האָט זיי פֿאַרגליכן אין דער מחשבה צו די בהמות, חיות און עופֿות אין נחס תּיבה. ס׳האָבן זיך דאָ אַרומגעדרייט אַלע מינים: בני־תּורה און גלוחים, שטיבל־בחורים און סטודענטלעך, ווייבער אין די שייטלעך און אין די בלויזע האָר. די מיידלעך האָבן ס׳רוב גערעדט פּויליש. יואלס טעכטער האָט פּיניעלע רעכט נישט געקאָנט. ער האָט קיינמאָל נישט געקאָנט דערגיין ווער ס׳איז מינע, ווער גוטשע און ווער נעשע. זיי זיינען אַלע געוואָרן צעגאָסענע יידענעס, „מאַשינען", געראָטן אין יואלן און אסתּר־מלכּהן, רוען זאָלן זיי אין גן־עדן. די קינדער זייערע זיינען פּיניעלען געווען לגמרי פֿרעמד. פּערל׳ס זון, שמחה, איז געווען

אַ למדן, אַ טיש־זיצער אין גור. די בחורים זײַנען געווען טוערס אין דער אגודה. פיניעלעס אײדעם, דער אַדוואָקאַט, האָט איצט גערעדט פּויליש מיט אַבראַמס טאָכטער, סטעפֿע. אַביגדור, אַבראַמס אײדעם, און ביילע־איטע, דאָס ווײַב, האָבן מיטגעבראַכט אַ גאַנץ געזינדל. דער עלטסטער זון, משולם, אַדער מאַקס, האָט געהאַט געענדיקט פּאָליטעכניקום, אַנגעפֿירט מיט אַ פֿאַבריק פֿון עלעקטרישע מכשירים. ער האָט געשמועסט מיט פּיניעלעס מוזינקע, דאַשע, די פֿאַרזעסענע מויד. פּיניעלע האָט זיך אַרומגעפֿירט אַהין און צוריק מיט ניו־ניען, דעם דײַטש. פּיניעלע איז געווען בלויז אַ פּאָר יאָר עלטער פֿון ניוניען, אָבער ער האָט אויסגעזען ווי זײַן טאַטע. פּיניעלע איז געוואָרן אײַנגאַנצן ווײַס; די נידריקע געשטאַלט האָט זיך אויסגעבויגן. אין מויל איז נישט פֿאַרבליבן קיין איין צאָן. דאָס לשון איז דערפֿון אַרויס שטומפּיק. ניוניעס קמץ־בערדל איז געווען גרוי, אָבער דאָס פּנים איז געבליבן פֿול, דער קאַרק — נגידיש גלייך. צווישן די ליפּן האָט געשטעקט אַ ציגאַר, אויפֿן בויך האָט זיך געבאָמבלט די גאָלדענע דיוויסקע. פּיניעלע האָט געהאַלטן אין איין אָנווײַזן ניוניען מיט אַ פֿינגער.

— ווער איז דער בחור מיט די ברילן?

— דאָס איז נעשעס אַ זון.

— וואָס טוט ער?

— פֿרעג מיך עפּעס גרינגערס. ר׳איז ערשט צוריקגעקומען פֿון מיליטער.

— נעבעך געדינט? איי־איי־איי!... ווער איז די בתולה?

— אַביגדורס טאָכטער. פֿון וואַנען ווייסטו, אַז זי איז אַ בתולה? — האָט ניוניע צוריקגעפֿרעגט וואָוילעריש.

— פֿע, ניוניע, עט!...

די באַן האָט לויט דער טאַבעלע געזאָלט אָנקומען האַלב ניין. אַכט אַזייגער האָבן שוין אַלע געוואַרט אויפֿן ווינער וואָקזאַל. ניוניע האָט זיך געשטעלט ברייט, אַלעמען געפֿונדעוועט פּעראָן־בילעטן. בראַניע האָט צוגעקוקט מיט פֿאַר־דרוס ווי דער מאַן אירער מאַכט אַ תל פֿון די פּאָר זלאָטעס, וואָס זי גיט אים וואָכעס. די באַן פֿון פּאַריז האָט זיך געהאַט פֿאַרשפּעטיקט אויף אַ שעה. די באַן פֿון גדיניע האָט געזאָלט דאָ זײַן צען אַזייגער. ר׳ אַהר׳לע איז געהאַט אָנגעקומען פֿון ארץ־ישראל מיט אַ פּוילישער שיף. אויף דער אייגענער שיף האָבן זיך געפֿונען שאַשע און דער מאַן אירער, שמעון בענדל, וואָס האָט זיך גערופֿן אויף העברעאיש: שרוך. ס׳האָט אויסגעזען, אַז ביידע באַנען וועלן אָנ־פֿאַרן צוזאַמען. ביאַלאַדרעווונער חסידים זײַנען אַרויס מקבל־פּנים זײַן דעם רבין. ס׳וואָלט זיך צונויפֿגעזאַמלט אַ גרויסער עולם, וואָרים ר׳ אַהר׳לע האָט אין די יאָרן געקראָגן אַ שם אין וואַרשע. די צײַטונגען האָבן אים דערמאָנט. אַלע האָבן געלויבט אין הימל אַרײַן זײַן מסירת־נפֿש ביים בויען ארץ־ישראל. אָבער פֿישעלע קוטנער, פּיניעלע מושקאַט און נאָך עטלעכע עלטערע חסידים האָבן געהאַלטן, אַז היינטיקע צײַטן דאַרפֿן זיך יידן נישט צופֿיל וואַרפֿן אין די אויגן. מ׳האָט נישט אַרײַנגעשיקט קיין מעלדונגען אין די בלעטער. מ׳האָט אָפּגערעדט די יונגעלייט פֿון אַרויסקומען אויפֿן וואָקזאַל. פֿישעלע האָט זיך

אויך נישט געוויזן, ווייל ער האָט זיך נישט געוואָלט צוזאַמענטרעפֿן מיט די מושקאַטס. ווער ווייסט? אפֿשר וועט דאָרט זיין הדסה?... ר׳ אַהר׳לע האָט געזאָלט איינשטיין ביי פֿישעלעס לייב־מענטש, איטשעלע אַנשלס, וואָס האָט דערווייל חתונה געהאַט מיט אַן אַלמנה און געהאַט אַ היפּשע דירה אויף .דער באַגנע גאַס.

אפֿשר זיינען די בני־מושקאַט און די ביאַלאָדרעוונער חסידים וויניק, זיינען אַרויס אַפּוואַרטן קאַפּלען און שאַשען — קאַפּלס קינדער: מאַניעק און איפּע מיט זייערע פֿאַמיליעס. (טייבעלע, די יינגסטע, איז געהאַט געשטאָרבן אין אַ קינפּעט). אַלע האָבן גענומען פּעראָן־בילעטן. מ׳האָט זיך געשטופּט, געשטויסן, געסודעט. די גויים אויפֿן וואָקזאַל האָבן געקוקט מיט כּעס אויף דעם געזעמל. היטלער שטייט שוין מיט איין פֿוס אין פּוילן און די יידן מאַכן נאָך אַלץ אַ טומל, ווי אין די אַמאָליקע צייטן. די חסידים מיט די לאַנגע קאַפּאָטעס און די פּאות האָבן זיך אַמווייניקסטן פֿאַרשטעקט אין אַ ווינקל. די היינטיק־מאָדישע שפּאַנען אַרום פֿריי, מיט בוקעטן בלומען. די פֿאָליאַקן האָבן געהויבן די אַקסלען. זיינען די יידן בלינד? זעען זיי נישט וואָס ס׳רוקט זיך אָן אויף זיי? אָדער האָבן זיי שוין שטילערהייט צוגעגרייט היטלערס מפּלה?...

צען מינוט צו צען איז אָנגעפֿאָרן דער עקספּרעס פֿון פּאַריז. קאָפּל און לאה זיינען אויסגעשטיגן פֿון וואַגאָן ערשטע קלאַס. קאָפּל האָט שוין אויסגעזען ווי אַ זקן, נאָר ער האָט געטראָגן אַ געלן מאַנטל, אַ העלן קאַפּעליוש, רויט־לעכע שיך. אין איין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ שטעקן, אין דער אַנדערער — אַ רענצעלע. לאה איז צו קנאַפּע זיבעציק געבליבן אַ געזונט שטיק. די האָר אונטערן הוט זיינען געווען ווייס, אָבער דאָס פּנים איז געווען אָן קנייטשן, געפּודערט און געשמינקט, האַלב־פֿאַרשטעלט מיט אַ נעץ. מ׳האָט גלייך דער־הערט איר שטאַרקע שטים, וואָס האָט אַ ווייל דערמאַנט אָן ר׳ משולמס קול. לאָטע איז געווען אָנגעטאָן אין אַ מאַנסבילשן הוט און אַ מאַנטל, וואָס האָט אויך אויסגעזען ווי אַ מאַנסבילשער. דער האַלדז איז געווען אַרומגעוויקלט מיט אַ פֿאַ־טשיילע. זי האָט געטראָגן ברילן מיט גראָבע גלעזער. מ׳האָט געהערט ווי לאה פֿרעגט:

— וואו איז אַהר׳לע? ר׳איז שוין דאָ?

— די באַן ט׳באַלד אָנקומען.

— ניוניע! פּיניעלע!

לאה האָט זיך געקושט מיט ניוניען, נאָר מיט פּיניעלען האָט זי זיך נישט געקאָנט צעקושן. דאָס איז נישט געווען איר פּיניעלע, נאָר אַן אַלטער ייד, אַ שברי־כּלי, מיט אַ קאָמיש איינגעפֿאַלן מויל. לאהן זיינען אָנגעלאָפֿן די טרערן. זי האָט זיך איצט געקושט און נישט געוואוסט מיט וועמען. מ׳האָט צו איר גערעדט, נאָר זי האָט נישט פֿאַרשטאַנען וואָס. אַלטע יידענעס האָבן זי, לאהן, גערופֿן מומע. פֿון די מיילער האָט געשטונקען מיט ציבעלעס. מיידלעך האָבן גערעדט צו איר פּויליש, נאָר לאה האָט זיי נישט געקאָנט ענטפֿערן. אַלץ האָט זיך איר אויסגעמישט צוזאַמען: יידיש, פּויליש, ענגליש. פּיניעלע האָט אַ פֿרעג געטאָן וואָס ס׳מאַכט מאירל, נאָר לאה האָט נישט געוואוסט וועמען ער מיינט.

באַלד האָט זי זיך דערמאָנט, אַז מ׳מיינט דעם זון אירן, מענדין, דעם לאַיער. זי האָט געענטפֿערט:

— מאירל? ער איז אַל־ראַיט! ר׳האָט צוויי וואוילע קינדער.

— זלאַטעלע, וואָס שטייסטו אָן אַ זייט? — האָט פּיניעלע זיך געמאַכט קו־ראַזש.

— אָנקל פּיניעלע!

לאָטע איז צו אים צוגעפֿאַלן, געקושט אין ביידע באַקן. פּיניעלע האָט זיך אינגאַנצן פֿאַרלוירן.

— חנה, וואו ביסטו?

מיט אַמאָל האָט אויפֿגעטויכט מאַשע. מאַשע איז פֿריער נישט געווען ביי פּיניעלען. פּיניעלע וואָלט די משומדת נישט אַריינגעלאָזט. מ׳האָט געשמועסט, אַז מאַשע וועט זיך אויך נישט ווייזן אויפֿן באַן־הויף. אָבער זי האָט, אַפּנים, נישט געקאָנט איינזיצן אין שטוב. זי האָט געטראָגן אַ זשאַקעטל מיט אַ גאַר־נאָסטאַיענעם קאָלנער, אַ קלייד געזוימט מיט פֿוטער, אַ הוט מיט בלומען. אַלע האָבן זיך פֿונאַנדערגערוקט. מוטער און טאָכטער האָבן זיך אַרומגענומען שטומער־הייט. ביים ערשטן באַזוך אין וואַרשע האָט לאָה זיך נישט געהאַט געטראָפֿן מיט מאַשען. קאָפּל האָט דערווייל זיך אָפּגעגעבן מיט דער אייגענער משפּחה. מאַניעק, דער זון, איז שוין איצט געווען אַ מאַנסביל פֿון אַ יאָר פֿערציק. ער איז גע־וואָרן ענלעך צום פֿאָטער. ניוניע מושקאַט האָט געקוקט אַ דערשטוינטער. ס׳איז אים פֿאָרגעקומען ווי ער וואָלט געהאַט פֿאַר זיך צוויי קאָפּלס: איינעם אַן אַלטן און איינעם אַ יונגן. מאַניעקס ווייב איז געוואָרן דיק. איפּע, די הינקעדיקע, האָט חתונה געהאַט מיט אַ קאָמאַשן־שטעפּער, אַ קליין מענטשל מיט אַ שטיקל וואָנסע אונטער דער נאָז. אַנשטאָט אַ מאַשין אויפֿן פֿוס, ווי איפּע האָט געטראָגן קינדווייז, האָט זי זיך איצט אָנגעשפּאַרט אויף אַ קוליע. באַשעלע האָט שוין נישט געלעבט. דער צווייטער מאַן אירער, חיים־לייב דער קוילן־הענדלער, האָט שוין אויך אָנגעשפּאַרט אויפֿן עולם־האמת. ביידע, מאַניעק און איפּע, האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך די קינדער. קאָפּל האָט געהאַט אין בוזעם־קעשענע אַלעמענס פֿאָטאָגראַפֿיעס, אָבער ער האָט איצט קיינעם נישט דערקענט. די איפּע איז פּשוט אַ לאָמע יידענע. זי האָט זיך אַפֿילו נישט אָנגעטאָן לייטיש לכּבוד דעם טאָטן. זי האָט גערעדט מיט אַ שטאָמלדיקער אויסשפּראַך, וואָס קאָפּל האָט רעכט נישט פֿאַרשטאַנען. מאַניעק האָט זיך געהאַט פֿאַרלאָזט אַ בייכל. ער האָט אַ זאָג געטאָן צום פֿאָטער:

— לאָמיר דאָ צוואַרטן. דער צוג פֿון גדיניע קומט באַלד אָן.

— העי, פֿאַניע, וואוהין זאָל איך פֿירן דאָס געפּעק? — האָט געשריגן אַ פּאָרטער, וואָס האָט אויפֿגעלאָדן אויף אַ האַנט־וועגעלע קאָפּלס און לאהס וואַ־ליזעס.

— אפּשר עס אַריינגעבן אין באַגאַזש־קאַמער? — האָט מאַניעק געפֿרעגט אויף פּויליש.

— יאָ, נעם אַרויס אַ רעסיט — האָט קאָפּל געענטפֿערט אויף זיין אַמע־ריקאַנער יידיש.

— קינדער, דאָס איז דער זיידע קאָפּל — האָט מאַניעקס ווייב גערעדט סיי צו אירע, סיי צו איפּעס קינדער אויף פּויליש.

— כ׳האָב שוין פֿאַרגעסן פּויליש — האָט קאָפּל זיך אָנגערופֿן — יאָ, איך בין דער דזשאַדעק. אַ שיין מיידל. ווי הייסטו? ווערעמנס ביסטו?

— איך בין מאַניעקס טאָכטער. אַנדזשאַ.

— אַהאָ, אַנדזשאַ. גייסט אין גימנאַזיע, הע?

— אין זעקסטן קלאַס.

— ביי אונדז גימנאַזיע איז היי־סקול. מ׳שלאָגט יידן, האַ?

— קיינער שלאָגט נישט.

— מ׳עט נאָך שלאָגן. אין פּאַריז שרייט מען, ס׳ווערט אַ מלחמה. ענגליש קאָנסטו גאָרנישט?

— אונדז לערנען פֿראַנצויזיש.

— פֿראַנצויזיש קאָן איך נישט. מ׳רעדט נישט, נאָר מ׳גאָדערט. איך אין דיינע יאָרן האָב שוין געמוזט מאַכן אַ לעבן. כ׳בין געוואָרן אַ משרתל אויף דער פּזשעכאָדניע גאַס. כ׳האָב אויסגעקערט ס׳געוועלב. געצאָלט האָט מען אַ האַלבן רובל אַ וואָך. וואָס כ׳האָב נישט געגנבעט, האָב איך נישט געהאָט.

לאה איז צוגעקומען.

— וואָס רעדסטו? וואָס עפּעס גנבענען? שטעל מיך פֿאָר פֿאַר דיין פֿאַמיליע!

— דאָס איז די טאָנטע — האָט קאָפּל אַ זאָג געטאָן נאָך אַ קווענקלעניש.

— איר פֿאָטער איז געווען מיין באַלעבאָס. כ׳האָב באַגנבעט זיין קאָסע און צוגענומען די טאָכטער.

לאה איז אָפּגעטרעטן אויף הינטערווילעכץ.

— ביסט משוגע געוואָרן, אָדער וואָס?

— ס׳איז דער אמת. איין מאָל זאָגט צו מיר דיין טאַטע עליו השלום: זאָג מיר, קאָפּל, אין יענער־וועלט גלייבסטו? זאָג איך: אַז כ׳על דאָרט זיין, וועל איך דעם באַלעבאָס צו וויסן טאָן. ר׳איז געווען אַ קלוגער מאַן. ר׳האָט געוואוסט, אַז כ׳נעם, נאָר ווער האָט דעמאָלט נישט געלקחנט? אַז ס׳איז דאָ, איז דאָ פֿאַר אַלעמען.

—כ׳לעבן, קאָפּל, יו שוד בי אַשעימד אָוו יורסעלף! — האָט לאה גענומען רעדן צו אים אויף ענגליש. — באַלד ביים ערשטן אַריינפֿאָר!...

— נעווער מאַינד, ס׳איז דער אמת!

## 2

די באַן פֿון גדיניע האָט זיך אויך געהאַט פֿאַרשפּעטיקט. די ביאַלאָדרעוונער חסידים מיט איטשעלע אַנשלס בראָש האָבן זיך אויסגעמישט מיט די מושקאַטס און קאָפּלס משפּחה. אַלע זיינען אַריבער פֿון איין טראַקט צו אַן אַנדערן, וואו דער עקספּרעס האָט זיך געזאָלט אָפּשטעלן. פֿון וואָקזאַל איז אַרויסגעקומען אַ גרופּע פּוילישע מאַטראָזן אין קיילעכיקע היטעלעך, קורצע רעקלעך, ברייטע הויזן. די חסידים האָבן זיך גענומען פֿונאַנדערדרוקן. מ׳האָט געקענט כאַפּן פֿון

דער באַנדע אַ זעץ. פֿיניעלע און ניוניע האָבן זיך איבערגעקוקט צעמישטע. ס׳זאָל נאָר נישט ווערן קיין בהלה. אַז דאָס דערזעט אַ ייד, ווערט דאָס מלא־רציחה. די שקצים האָבן געשלעפּט אויף די פּלייצעס שווערע פּעק. אויב ס׳זאָל ווערן אַ מלחמה, וועט זי זיך אָנהויבן אין יענע מקומות: גדיניע, דאַנציג. די פּוילישע פֿאַר שיפֿן וועלן זיין אויפֿן ערשטן פֿייער. די יידן זיינען געוואָרן אַנטשוויגן. אַפֿילו דאָס יונגוואַרג, וואָס רעדט פּויליש, האָט אָפּגעוואָרט ביז זיי זיינען פֿאַרביי. לאה האָט זיי נאָכגעקוקט אַ פֿאַרוואונדערטע. זי האָט נישט געוואוסט, אַז פּוילן האָט אויך „סיילאָרס". די הלבשה איז ענלעך צו דער אַמעריקאַנער, נאָר יענע אין אַמעריקע זיינען הויך און די זיינען קאַרליקעס. קאָפּל האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ. אויך אַ מדינה, פּוילן. איין אַמעריקאַנער שיף מאַכט פֿון זיי אַש. קאָפּל האָט געהאַט אין אַמעריקע אַ פּראָצעס, פֿונדעסטוועגן איז ער געווען אַן אַמעריקאַנער פּאַטריאָט. אין פֿראַנקרייך האָט ער געפֿירט מיט לאהן מחלוקתן. ער האָט געטענהט, אַז איין גאַס אין ברוקלין איז ביי אים מער ווערט ווי גאַנץ פּאַריז. ער האָט גערעדט, אַז די פֿראַנצויזן קאָנען נישט קאָכן; די האָטעלן שטינקען; די פֿרויען זיינען פֿאַרזעעניש. לאה האָט אים געהאַלטן אין איין דערמאָנען, אַז ער איז אַן אַלטער ייד, נאָר קאָפּל האָט געענטפֿערט:

— נו, און דו ביסט אַ יונג ווייבעלע?...

דערזען די פּוילישע מאַטראָזן, האָט קאָפּל אַ זאָג געטאָן:

— קוק זיי אָן! פּורים־שפּילער!...

— קאָפּל, פּליז! — האָט לאה אים געוואָרנט. — האַלט די צונג!

— כ׳האָב זיי אין דר׳ערד!...

אין דער רגע איז אָנגעלאָפֿן דער צוג פֿון גדיניע. מ׳האָט זיך גערעכט, אַז ר׳ אַהר׳לע וועט פֿאָרן מיט צווייטער קלאַס, נאָר ער איז אויסגעזעסן פֿון דער דריטער. לאה האָט דערזען אַ דאַר מענטשל מיט אַ ברייטער צעשויבערטער באָרד, געמישט מיט גרויע פּאַסמעס, אין אַן אָפּגעכוימלט פֿוטער, אין אַ ברייטן ספּאָדיק. לאה האָט געהערט, אַז דער זון אַרבעט דאָרט אַליין אויפֿן פֿעלד, גיט אַכטונג אויף די בהמות, נאָר ס׳האָט זיך אויף אים נישט אָנגעזען. ער איז אַפֿילו נישט געווען אָפּגעברענט ווי אַנדערע, וואָס קערן זיך אום פֿון פּאַלעסטינע. די חסידים האָבן אים גלייך אַרומגערינגלט. לאה האָט נישט געוואוסט צי זי זאָל אים אַרומנעמען, אָדער נישט. זי האָט זיך אַ לאָז געטאָן צווישן די חסידים. זיי האָבן פֿאַר איר געמאַכט אַ וואַרע. זי האָט געהערט ווי ר׳ אַהר׳לע פֿרעגט:

— מאַמע! דאָס ביסט דו?...

— יאָ, אַהר׳לע, דאָס בין איך... דיין מאַמע...

און מער האָט לאה נישט געקאָנט זאָגן.

— אַהר׳לע, דאָס בין איך, זלאַטע.

— אַזוי. געלויבט השם־יתברך מ׳זעט זיך.

— ער איז טאַקע אייער זון, נאָר ר׳איז אונדזער רבי, — האָט זיך אָנגערופֿן איטשעלע אַנשלס. — דער רבי שטייט איין ביי מיר, אויף דער באַגנע נומער... ס׳איז שפּעט!...

— אַזוי גיך? נו, איכ'ל דאָרט אַריבערקומען.

די חסידים האָבן אַרויסגעפֿירט דעם רבין אין גאַס. לאה האָט נאָכגעקוקט דאָס בינטל יידן ווי זיי טרעטן אומגעלומפּערט, שאַרן די פֿיס, שטויסן זיך אָן איינער אין אַנדערן. זי האָט דאָ אין וואַרשע געהאַט אָפּגעלעבט צוויי־דריטל פֿון אירע יאָרן; זי איז דאָ געהאַט געוועזן אויף אַ וויזיט. זי האָט געדענקט פּוילן. פֿונדעסטוועגן, ווען לאה האָט געקוקט אויף די חסידים ווי זיי פֿירן אַוועק איר זון, מאַכן האַוואַיעס, שאָקלען זיך, האָט זי באַנומען, אַז זי האָט שוין אַ סך פֿאַרגעסן. לאה האָט גענומען זוכן מאַשען. וואָס פֿאַר אַן אויסטערליש דור זי האָט אויפֿגעשטעלט: אַ רבין, אַ משומדת, אַ לערערין אין אַ קאָלעדזש, אַ לאָיער אויף וואָל־סטריט. ס'האָט זיך איר דערמאָנט, אַז אויף ר' משה־גבריאלס קבר איז נאָך אַלץ נישטאָ קיין מצבה. מ'האָט געזאָלט אויפֿשטעלן אַן אוהל, נאָר מ'האָט אַפֿילו נישט אַוועקגעשטעלט קיין שטיין. ווי לאה איז דאָ אַזוי געשטאַנען צווישן די וואַגאָנען, לאָקאָמאָטיוון, רעלסן, קעגן דער שיין פֿון די עלעקטרישע לאָמפּן, צווישן די פּאַסאַזשירן, קאָנדוקטאָרן, טרעגערס, איז איר געוואָרן קלאָר דאָס וואָס זי האָט געוואוסט סיי־ווי־סיי: אַז דער טויט איז נאָענט. זי איז קנאַפּע זיבעציק. אין בעסטן פֿאַל וועט זי אַנטרייבן נאָך אַ פּאָר יאָר. זי'ט אַוועק אַהין וואו ס'זיינען אַוועק דער טאַטע, די מאַמע, יואל, נת'לע, פּערל, אַבראַם, חמא, סאַלטשע, אסתּר־מלכּה, משה־גבריאל... אין ברוקלין, אויף דער סעמעטערי, וואַרט שוין אַ קבר, וואָס קאָפּל האָט אָפּגעקליבן ביי דער פּראַגער סאָסייעטי. וואָס־זשע נעמט זי זיך צום האַרץ? וואָס רייסט זי זיך אַרום מיט קאָפּלען? פֿאַרוואָס פּייניקט זי לאָטען? וואָס טויגן איר די אַלע פֿאַרענישן? לאה האָט זיך אַזוי פֿאַרטראַכט, אַז זי האָט נישט געזען ווי קאָפּל האָט זיך אַרומגעכאַפּט מיט דער טאָכטער און דעם איידעם. ס'איז געוואָרן אַ קושעניש, אַ קוויטשעניש, אַ גערייד. פּיניעלע איז אַריבער צו לאהן:

— וואָס וואַרטן מיר? ס'ווערט שפּעט! מ'עט נ'יש' קריגן קאַ' דראָשקע.

— אַ סעקונדע. כ'מוז צוגיין צו זיי.

שאַשע איז געוואָרן אין דעם ארץ־ישראל אַ שיינהייט. לאה האָט אויף איר געגאַפֿט. זי איז געוואָרן לייביקער, נאָר זי איז געבליבן שלאַנק. זי איז געוועזן ברוין פֿון דער זון. די אויגן זיינען דערפֿון געוואָרן העלער. זי האָט נישט געטראָגן קיין הוט. זי האָט זיך ווידער אַמאָל און אָבער אַמאָל געקושט מיטן פֿאָטער, מיט מאַניעקן, מיט דער שוועגערין, מיט איפּען. זי האָט אַרויס־גענומען פֿון טאַש אַ טיכעלע און אָפּגעווישט די וויעס. דאָס האָט די משפּחה פֿאַרגאָסן אַ טרער אויף דער יינגסטער, טייבעלען, וואָס איז אַוועק פֿאַר דער צייט. אַ פּאָר טריט אָפּגערוקט איז געשטאַנען שאַשעס מאַן, אַ הויכער, אָפּגע־ברענט ווי אַ ציגיינער, מיט אַ שויבער האָר, משונה־גרויס און משונה שוואַרץ. די שטאָטישע מלבושים זיינען געוועזן אויף אים צו ענג. פֿון די צו קורצע אַרבל האָבן אַרויסגעשטאַרצט אַ פּאָר צעוואָקסענע ידים. דער שמעון האָט דאָרט געהאַט זיין אייגנס אַ פּרדס. ער האָט געגלאָצט פֿאַר זיך פּויעריש־פֿרעמד, מיט אַ קנייטש אין שטערן. די גאַנצע רייזע איז אים, זעט אויס, געוועזן אַ לאַסט. פּיניעלע האָט אים נישט געקאַנט, פֿונדעסטוועגן איז ער צו אים צוגעגאַנגען, אָפּגעגעבן

שלום־עליכם. יענער האָט אַ כאַפּ געטאָן אין דער ריזיקער לאַפּע פּיניעלעס הענטל, זיך צו אים געטאָן אַ בויג, ווי צו אַ קינד.

— מה נשמע בארץ־ישראל? — האָט פּיניעלע זיך געפֿלייסט צו רעדן העברעאיש.

— הא? טוב מאוד! — האָט יענער געענטפֿערט און געשמייכלט. דער שמייכל איז באַלד געוואָרן פֿאַרגליווערט.

— איר געדענקט נאָך יידיש? — האָט פּיניעלע געפֿרעגט.

— וואָדען?

— כ'זע, מ'פֿאַסט ניש', גאָט צו דאַנקען, קאַ' תעניתים אין ארץ־ישראל — האָט פּיניעלע זיך געחכמעט.

— פֿאַרוואָס זאָל מען פֿאַסטן? — האָט יענער צוריקגעפֿרעגט אַ פֿאַרוואונ־דערטער.

אַ מגושם -- האָט פּיניעלע געטראַכט. ער האָט אַ רוף געטאָן:

— נו, עולם, מ'מוז גיין!...

און אַלע האָבן זיך געלאָזט צוריק צום וואָקזאַל. דער קאָנדוקטאָר האָט צוריקגענומען ביי אַלעמען די פּעראָן־בילעטן. ער האָט דערביי יעדן איינעם געטאָן אַ שאַרפֿן קוק אין פּנים, ווי איינצוקריצן אין געדעכעניש דעם אויסזען. מאַניעק האָט איצט צוריק אַרויסגענומען די וואַליזעס פֿון באַגאַזש־קאַמער. קאָפּל האָט געהאַט טעלעגראַפֿיש באַשטעלט דריי צימערן אין האָטעל בריסטאָל: פֿאַר זיך מיט לאהן, פֿאַר שאַשען מיטן איידעם, און פֿאַר לאָטען. מ'האָט גע־קראָגן פֿאַר זיי אין דרויסן אַ טאַקסי. מאַניעק, איפּע מיט די משפּחות האָבן גענומען דראָשקעס. די בני־מושקאַט זיינען אַוועק צופֿוס, אָדער איינגעשטיגן אין טראַמווייען. מאַשע איז מיטגעפֿאָרן מיט דער מוטער. די מושקאַטס האָבן געשפּאַנט אין פּאַרלעך, צו דריי, צו פֿיר. אַזוי איז אַלעמאָל מיט די אַמעריקאַנער: זיי ווערן באַפֿאַלן פֿון כאַפּטעס קרובים, באַקאַנטע, צוטשעפּענישן, און מ'קאָן רעכט צו זיי נישט צוקומען. קיין גרויסע האָפֿענונגען קאָן מען אויף זיי נישט לייגן. אַפֿילו ווען אַזאַ לאה וויל, קאָן זי אויך נישט אַלעמען אַראָפּנעמען קיין אַמעריקע. יואלס טעכטער, מינע, גוטשע, נעשע, זיינען גלייך געוואָרן אַנגע־דראָדלט. די מומע האָט זיך רעכט אויף זיי נישט אומגעקוקט. בראָניע, ניוניעס ווייב, איז נאָך אַלץ געווען אַ פֿרעמדע צווישן די מושקאַטס. סטעפֿע איז אַהיימ־געגאַנגען צוזאַמען מיט דאַשען, פּיניעלעס יינגסטער טאָכטער. מ'האָט גערעדט פֿון הדסהן.

— זי'ט גאַנץ גוט געטאָן וואָס זי איז נישט געקומען — האָט סטעפֿע גע־זאָגט. — ס'איז אַרויסגעקומען אַ באַלאַגאַן.

— וואָס ווילסטו? מ'קאָן נישט אין צען מינוט זיך אַרומכאַפּן מיט אַלעמען.

— דער קאָפּל זעט אויס אַ כיטרער פֿוקס.

— מ'זאָגט גאָר, ר'איז צעדרייט.

— וואָס פֿאַלט דיר איין?

— די מומע לאה האָט געשריבן.

— ס'אָ וואונדער זיי האָבן זיך דערוועגט צו קומען. מ'שמועסט פֿון מלחמה.

— אַמעריקאַנער בירגער האָבן זיך נישט וואָס צו שרעקן.

— ווערסט מיינען כ׳בין פֿאַררוקט, נאָר כ׳וואָלט שוין געוואָלט ס׳זאָל זיך אָנהויבן — האָט סטעפֿע זיך אָנגערופֿן נאָך אַ וואַקלעניש. דאָשע איז געבליבן שטיין.

— סטעפֿוש, האָסט געמוזט פֿון זינען אַראָפּ!

— דאָס וואַרטן איז ערגער. אַז מ׳דערהרגעט דיך, ליגסטו אַ רואיקע און פּייפֿסט אויף אַלעמען.

—אַך, סטעפֿע, רעדסט נאַרישקייטן. איך האָב נישט וואָס מורא צו האָבן. כ׳בין איינע אַליין. אָבער דו האָסט אַ קינד.

— ער׳ט יענע וואָך געקראָגן אַ זעץ אין קאָפּ. האָב איך געמיינט מ׳האָט אים דעם שאַרבן צעשפּאָלטן.

— מאַמעלעך, ווי אַזוי? פֿאַרוואָס האָסטו געשוויגן?

— מ׳איז אים באַפֿאַלן ווי די בינען. זעקס אויף איינעם. מאַרש קיין פּאַלעסטינע! ער איז געגאַנגען אויף אַ פֿאַרזאַמלונג. אין אַ מונדיר. ער געהער צו די טרומפּעלדאָרטשיקעס. די כוליגאַנעס האָבן אים אָפּגעריסן אַן אַרבל.

— יאָ, די אונטערוועלט איז געקומען צו דער מאַכט! — האָט דאָשע אַ זאָג געטאָן מיט אַ זיפֿץ. — אײן גאָט ווייסט וואָס ס׳עט זיין!...

ביי איטשעלע אַנשלס האָט מען דעווייל זיך אָפּגעגעבן מיטן רבין. פֿישעלע איז געקומען צופֿאָרן מיט אַ דראָשקע. ס׳זיינען זיך צונויפֿגעקומען אַ פּאָר מנינים חסידים. מ׳האָט געהאָט אָפּגעגעבן דעם רבין אַ באַזונדערע שטוב מיט ספֿרים. ישראל־אלי, וואָס איז געווען שמש פֿריער ביי ר׳ יחיאל־מנחמען און דערנאָך ביי ר׳ אהר׳לען, האָט נאָך געלעבט און ער האָט איבערגענומען דאָס גבאות. ר׳ אהר׳לע האָט געדאַוונט מעריב, זיך געוואַשן צו שאו ידיכם. ער איז געזעסן ביים טיש מיט די מקורבים, געשמועסט פֿון ארץ־ישראל, פֿון דער קאָלאָניע נחלת יחיאל, וואָס ביאַלאַדרעוונער חסידים האָבן אויסגעבויט, פֿון דעם בית־מדרש און דער מקווה, וואָס מ׳האָט אויפֿגעשטעלט, פֿון דער תּלמוד־תּורה, וואו די קינדער רעדן לשון־קודש, סיי ייִנגלעך, סיי מיידלעך. מ׳נוצט ווערטער פֿון תּנ״ך, דער משנה, דער גמרא, מדרש, ספֿרי, ספֿרא, תּוספֿתּא, מכילתּא. די קי און די ציגן האָבן לשון־קודשדיקע נעמען: פּרה אדומה, זקן ממרא, נגחן, שור המועד. מ׳קאָן טרעפֿן אַ כּלה־מיידל זיצן ביי אַ מדרש. אַפֿילו די אַפּיקורסים אין די שכנותדיקע קבוצות היטן שבת. וואָס שייך קענטשאַפֿט, איז באַשיימפּערלעך מקויים געוואָרן דער פּסוק: ומלאה כל הארץ דעה. דער רבי האָט דערציילט פֿון די נטורי קרתא אין ירושלים, וואָס גיבן אַכטונג אויף ייִדישקייט; פֿון די מקובלים, וואָס זיינען מיחד יחודים און מצרף צירופֿים אויף די הייליקע קברים; פֿון די אַראַבער, די בני־ישמעאל, וואָס זיינען ממש ווי ס׳שטייט וועגן זיי אין חומש: פּרא אדם, ידו בכל ויד כל בו. די שטערן אין ירושלים זיינען גרעסער ווי אין די היגע מדינות, דער הימל איז לויטערער, די זון איז ליכטיקער. דער ייִד איז נאָך אַלץ נישט דער מושל, אָבער ס׳איז נישט די נידערגעשלאָגנקייט וואָס אין גלות. מ׳איז ביי זיך אין דער היים. ס׳איז גאָר נישטאָ קיין גרעסערער תּענוג ווי אַרויסצוגיין זומער־צייט אויפֿן פֿעלד און זען די תּבֿואות, וואָס וואַקסן

אין דער יידישער ערד. אַ קדושה רוט אויף יעדער בייט, יעדער זאַנג, יעדן גרעזל. אַפֿילו די פֿייגל צוויטשערן גאָר אויף אַן אַנדער שטייגער. די חסידים זיינען געזעסן שווייגנדיקערהייט. מ׳האָט ממש געשלונגען דעם רבינס ווערטער. אַ בענקשאַפֿט האָט אַלעמען אַנגענומען צו דעם הייליקן לאַנד. פֿישעלען האָט איצט באַנג געטאָן וואָס ער האָט נישט ליקווידירט די מסחרים און אַוועק צוזאַמען מיטן רבין. וואָס קומט אַרויס פֿון דעם עשירות, אַז מ׳איז דאָ נישט זיכער מיטן לעבן.

— רבי, איך פֿאָר מיט אייך מיט! — האָט פֿישעלע אַ זאָג געטאָן — געגנוג זיך געוואַלגערט צווישן די גויים!

— אַדרבא, דו וועסט מיט השם־יתברכס הילף נישט האָבן קאָ׳ חרטה —

— נעם מיך מיט — האָט איטשעלע אַנשלס זיך אַנגערופֿן.

— שוטה, אויף וועמען וועל יאַך איבערלאָזן די געשעפֿטן?

ר׳ אַהר׳לע זהאָט געשמייכלט אין דער באָרד. גאָט צו דאַנקען, ס׳זיינען נאָך דאָ אין פּוילן נג׳דים, מ׳פֿירט נאָך מסחרים. לויט ווי די צייטונגען האָבן געשריבן, איז אויסגעקומען, אַז גאַנץ פּוילן גייט, חלילה, אין די הייזער...

## 3

די ביאַלאָדרעוונער חסידים האָבן אָפּגעדונגען אויף דער קראָכמאַלנע גאָס אַ בעקעריי צו באַקן שמורה ערב־פּסח. ר׳ אַהר׳לע און די מקורבים האָבן אַלץ געטאָן אַליין. מ׳האָט אָנגעצאָפּט וואַסער אין אַ ניי פֿעסל און עס געלאָזט שטיין אַ גאַנצע נאַכט ס׳זאָל זיין מים שלנו. די חסידים האָבן אַליין געריבן די טישן, געקראַצט די וואַלגער־העלצער, די לאָפּאַטע, דאָס ברעט, וואָס מ׳האָט דערויף געשניטן די מיירעס. מ׳האָט נישט געראַדלט די מצות, נאָר זיי געשטאָכן מיט הילצערנע שטעכערס, אויפֿן פֿאָרצייטיקן שטייגער. איטשעלע אַנשלס, וואָס ביי אים איז דער רבי איינגעשטאַנען, איז געווען דער שיבער. פֿישעלע האָט געשניטן די מיירעס. פּיניעלע און אַנדערע חסידים האָבן געקנעטן, געוואַלגערט, געגאָסן וואַסער. דער עולם האָט דערביי געזאָגט הלל. די אָפּגעבאַקענע מצות האָט מען אַריינגעלייגט אין אַ פֿריש־געוואַשן ליילעך. פֿריער נאָך איז דער רבי אַוועק צו אַ מורה־הוראה און פֿאַרקויפֿט דאָס חמץ, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אין ארץ־ישראל: כל המינים מעל, קאַשע, וויין, שפּירט, אַראַק, אַ לאָקשן־ברעט, אַ קנעט־שעפֿל, זעק און אַלע סאָרטן כלים חמוצים, ווי אויך חמץ נוקשה.

אַלץ איז געטאָן געוואָרן למהדרין מן המהדרין. דער רבי אַליין האָט אַכטונג געגעבן ווי איטשעלע אַנשלס ווייב האָט געגליט די קיך. די בלעכן זאָלן ווערן רויט, האָט מען אויף זיי אָנגעלייגט געברענטע קוילן און אָנגעשאָטן זאַמד. די ראַנדן, וואָס קאָנען זיך נישט דערהיצן, האָט דער רבי געהייסן פֿאַרקלעפּן מיט ליים. דער רבי און איטשעלע אַנשלס האָבן נישט געגעסן קיין געבראָקטע מצות, די באַלעבאָסטע מיט די קינדער האָבן ליב געהאַט קניידלעך, באָבעלעך, כרעמזלעך און מ׳האָט דעריבער געמוזט האָבן טאָפּלט געפֿעס, פֿאַר די מאַנסלייט און פֿאַרן הויזגעזינד. אין אָנהויב האָט פּיניעלע פֿאַרלאַנגט דער רבי זאָל

איינשטיין יום־טוב ביי אים. אָבער דער רבי האָט זיך געקרימט. פּיניעלעס טעכטער זיינען נישט געווען פֿרום. די מומע חנה איז נישט פֿון די היגע מקומות, אַ קורלענדישע. דער רבי האָט מורא געהאַט זיי אָנצוּטרויען כּשרות. ס׳איז געבליבן, אַז דעם ערשטן סדר זאָל דער רבי אָפּריכטן מיט איטשעלע אַנשלס און זיין משפּחה, די אַנדערע נאַכט זאָלן קומען צום רבין די מאַמע און די חסידים. פּיניעלע פֿון זיין זייט האָט די ערשטע נאַכט געמאַכט אַ סדר פֿאַר דער גאַנצער פֿאַמיליע, סיי די מושקאַטס, סיי פֿאַר קאָפּלען און זיינע קינדער. לאה האָט גענומען אויף זיך אַלע הוצאות. לאה האָט געשיקט הדסהן אַ לאַנגע טעלעגראַמע קיין שרודבאָרואוו און אויפֿגעזוכט עוזר־העשלען אין וואַרשע. זי האָט געפּועלט, אַז הדסה און עוזר־העשל זאָלן זיין אויף דעם סדר.

צוגרייטן אַ סדר פֿאַר עטלעכע צענדליק פּאַרשוין איז נישט קיין קלייניקייט. חנה און די טעכטער האָבן זיך נישט געקאָנט אויספּאָרען. אַביגדורס ווייב, ביילעאיטע, איז געקומען צוהעלפֿן. לאה אַליין האָט אַרומגעוויקלט די האָר מיט אַ טיכל, אָנגעטאָן אַ פֿאַרטוך, פֿאַרשאַרצט די אַרבל, זיך אַ נעם געטאָן צום באַלעבאַטישקייט. מ׳האָט זיך געבעטן ביי דער מומע לאה זי זאָל זיך נישט מטריח זיין. זי איז אַ גאַסט, אַן אַמעריקאַנערין. אָבער לאה האָט נישט געוואָלט הערן. אין דעם אַמעריקע האָט זי קיינמאָל נישט געהאַט קיין געלעגנהייט צוצוגרייטן יום־טוב. דאָרט האָט מען ערב־פּסח געקויפֿט אַ פּאַר פֿונט מאַשין־מצות און דערמיט איז מען געווען פֿאַרטיק. דאָ, אין וואַרשע, האָט נאָך יידישקייט דעם אַמאָליקן חן. לאה האָט געוואַשן, געשייערט, געוויזן בריהשאַפֿט. מ׳האָט געכּשרט, געגליט, געטובלט כּלים אין מקווה. פֿון אַ האָק אין סופּיט האָט אַראָפּגעהאַנגען פּיניעלעס שמורה. אין אַ קויש איבערגעדעקט מיט אַ פּלאַכטע זיינען געשטאַנען די פּראָסטע מצות. חנה האָט נאָך מיט וואָכן צוריק געהאַט איינגעזייערט באָרשט. די נאַכט פֿאַר ערב־פּסח האָט פּיניעלע אָנגעצונדן אַ ליכט און בודק געווען דאָס חמץ. די ברעקלעך ברויט, וואָס חנה האָט אונטערגעלייגט אין לעכער און שפּאַלטן, האָט מען פֿאַרבונדן מיט אַ שמאַטקע אין אַ קאָך־לעפֿל און צומאָרגנס פֿאַרברענט. אין פּיניעלעס הויז אויף דער טוואַרדע האָבן געוואוינט ס׳רוב יידן און מ׳האָט זיך דאָ געפֿירט היימישלעך. די באַלעבאָסטעס האָבן אַרויסגעוואָרפֿן אויפֿן הויף דאָס שטרוי. קינדער זיינען אַרומגעשפּרונגען. מ׳האָט דאָ גלאָזירט, געכּשרט, פֿאַרריכט, פֿאַרלייט. דאָס קליינוואַרג האָט זיך שוין באַצייטנס אַרומגעטראָגן מיט קעשענעס טערקישע און האָזענע ניס. היטלער, דער ימח־שמוניק, האָט געשליפֿן די ציין אויף די יידן, אָבער יידן האָבן צוגעגרייט דעם פּסח כּדת וכדין.

חנה האָט מורא געהאַט, אַז זי׳ט נישט פֿאַרטיק ווערן. נאָר אַז ס׳איז געקומען ערב־פּסח פֿאַרנאַכט איז, גאָט־צו־דאַנקען, אַלץ געווען צוגעגרייט. ס׳האָט נישט געפֿעלט פֿון פּל־טוב. אין דער מיטל־שטוב האָט מען געהאַט צונויפֿגעשטעלט דריי טישן און איבערגעדעקט מיט טישטוכער. מ׳האָט אָנגעבאָרגט ביי שכנים שטולן און בענקלעך. מ׳האָט צוגעגרייט פֿאַר פּיניעלען אַ היסב־בעט. אין קיך האָט זיך דאָס פֿלייש געקאָכט אין ריזיקע טעפּ, די פֿיש — אין ברייטע קופּערנע פֿאַנען, וואָס חנה האָט שוין נישט גענוצט זינט יאָרן. אין דער זילבערנער קערה,

וואָס פּיניעלע האָט געקראָגן דרשה־געשאַנק פֿון ר׳ משולמען, איז געלעגן די זרוע, דאָס איי, געריבענער כריין, חרוסת, כּרפּס, אַ וואָרצל כריין. דער ווײַן און מעד זײַנען געשטאַנען אין פֿאַרבלאָטיקטע פֿלעשער און אין קאַראַפֿינקעס. לאה האָט געהאַט אָנגעקויפֿט כּוסות, סערוועטן, מצה־טישטוכלעך, הגדות מיט גאָלד־געליישטע טעוועלעך. חנה האָט צוגעדעקט די מצות מיט אַ מצה־טאַש, וואָס זי האָט אויסגענייט פֿאַר פּיניעלען כּלהוויז. ס׳זײַנען דערויף געווען אויסגעהאַפֿטן די געשטאַלטן פֿון די אַרבעה בנים: דער חכם, דער רשע, דער תּם און דער שאינו יודע לשאול. חנה האָט געבענטשט ליכט אין די זילבערנע לייכטער, לאה האָט געקויפֿט פֿאַר זיך — גלעזערנע. די עלעקטרע האָט געלויכטן. די פֿלעמלעך פֿון די ליכט האָבן פֿאַרשפּרייט אַ וואַרעמקייט. חנה האָט פֿאַר־האַנגען די פֿענסטער פֿאַר אַ בייז אויג. אין דער צײַט ווען פּיניעלע איז געווען ביים דאַווענען (דאָס ביאַלאַדרעוונער שטיבל איז היי־יאָר געווען פֿול), האָט זיך דאָ צונויפֿגעזאַמלט די פֿאַמיליע. ס׳איז געוואָרן די לעצטע יאָרן אַ מאָדע צו ברענגען בלומען אויפֿן סדר. מ׳האָט אָנגעבראַכט אַזויפֿיל בלומען, אַז חנה איז געוואָרן צעמישט. מ׳האָט זיי אַרײַנגעשטעלט אין טעפּלעך, קרוגן, וואו ס׳האָט זיך געלאָזט. יעדע מינוט האָט זיך געעפֿנט די טיר. קאָפּל האָט געבראַכט די משפּחה זײַנע אין צוויי טאַקסיס: שאַשע, שמעון בענדל, מאַניעק, די שנור, איפּע, דער איידעם, די קינדער. שאַשע און דער מאַן האָבן גערעדט צווישן זיך העברעאיש און ס׳איז געווען פֿאַר אַלעמען אַ חידוש. קאָפּל האָט אָנגעקוואָלן.

— וואָס זאָגט עץ צו מײַן שאַשען? אַ גאַנצע רביצין!...

הדסה איז צום ערשטן מאָל נאָך יאָרן געהאַט געקומען קיין וואַרשע, מיט־גענומען דאַשקען. הדסה האָט געטראָגן אַ ניי קלייד. זי האָט געהאַט פֿאַרקעמט די האָר ביי אַ פֿריזירערין. הדסה איז נאָך אַלץ געווען שיין. דאָס יונגע דור האָט זי רעכט נישט געקאַנט. ר׳ משולמס אוראייניקלעך האָבן זי גערופֿן מומע, זיך געדרייט אַרום איר, געזאָגט קאָמפּלימענטן. סטעפֿעס יינגל, יעזשעק, האָט דערציילט דאַשקען ווי אַזוי ער בויט עראָפּלאַנען פֿון שטיקלעך האָלץ און דראָט. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ ברוינער בלוזע מיט אַ מנורה אויפֿן אַרבל. ער האָט זיך באַרימט, אַז מ׳לערנט אים שיסן פֿון אַן אמתער ביקס. עוזר־העשל האָט אין אָנהויב פֿאַר קיין פֿאַל זיך נישט געוואָלט טרעפֿן מיט די בני־מושקאַט. ער האָט שוין נישט געהאַט באַגעגנט דעם שווער זינט יאָרן. אָבער הדסה האָט אים געוואָרנט, אַז אויב ער׳ט זי דאָס מאָל לאָזן אַליין, וועט זי מיט אים איבעררייסן אויף שטענדיק. נאָך לאַנגע רייד איז ער באַשטאַנען. דער צוזאַמענ־טרעף מיט די מושקאַטס איז געווען פֿאַר אים אַזוי פּײַנלעך, אַז ער האָט די לעצטע פּאָר נעכט געמוזט נעמען פּילן אײַנצושלאָפֿן. איידער ער איז אַוועק צו פּיניעלען, איז ער אַרײַן אין אַ באַר און אויסגעטרונקען דריי גלעזלעך קאָניאַק. ער איז נישט געוואוינט געווען צו טרינקען און ער איז דערפֿון גלייך געוואָרן אויפֿגעהייטערט.

פּיניעלע איז אַהיימגעקומען פֿון שטיבל אין אַ שטריימל, געזאָגט אַ האָפֿער־דיקן גוט יום־טוב. לאה האָט זיך צעווייינט ווען זי האָט אים דערזען. ער איז געווען אַן איבערבלײַבעניש פֿון אַ שטאָם. אַזוינע שטריימלעך פֿלעגן טראָגן

אמאָל יואל, נת׳לע, ר׳ משה־גבריאל, אַפילו אַבראַם. מיט דעם אייגענעם ניגון האָבן זיי געזאָגט גוט־יום־טוב. פיניעלע האָט זיך גלייך גענומען פאַרען מיט דער קערה. די זרוע האָט געדאַרפט ליגן רעכטס, דאָס איי, — לינקס, דער מרור — אין מיטן, נאָר וויפל פיניעלע האָט נישט געדרייט די שיסל, איז נישט אַרויסגעקומען ווי ס׳באַדאַרף צו זיין. ווי יעדעס יאָר, האָט חנה אים געמוזט צוהעלפן. ניוניע האָט זיך אויך אַריינגעמישט. ביידע ברידער האָבן זיך גלייך גענומען שפּאַרן וועגן דין. ניוניע האָט געהאַט אַ בייז האַרץ אויף עוזר־העשלען. פונדעסטוועגן האָט ער זיך געוואָלט אויספיינען מיט דעם אײדעמס לומדות. ער האָט זיך אָנגערופן:

— וואָס זאָגסטו, עוזר־העשל, ביסט דאָך עפּעס אַ בעל־הוראה.

— מ׳דאַרף אַריינקוקן אין דער הגדה.

— דאָס איז ניש׳ קאַ׳ קונץ...

פיניעלע האָט אָנגעטאָן אַ קיטל, געמאַכט קידוש. חנה האָט אים אַריינגעבראַכט אַ קוואָרט וואַסער און אַ בעקן. פיניעלע האָט געוואַשן די הענט, געטיילט כרפּס. די מאַנסלייט האָבן אַלע געטראָגן די היטלען אָדער די קאַפּעלירשן. די ווייבער האָבן צוגעדעקט די קעפּ מיט טולענע אָדער זשאָרזשעטענע שאַלן. אויף לאהס פינגער האָט געלויכטן אַ גרויסער ברילּיאַנט. חנה האָט אָנגעטאָן די גאָלדענע קייט, וואָס די שוויגער עליה השלום האָט איר געגעבן חתימה־געלט. פון שאָשעס האַלדז האָט זיך נאָכגעבאָמבלט אַ זילבערנער מגן־דוד, אַן אויסאַרבייטונג פון בצלאל. פיניעלע האָט אַ זאָג געטאָן מיט אַ ניגון:

— הא לחמא עניא די אכלו אבהתנא בארעא דמצרים. כל דכפין ייתי וייכול, כל דצריך ייתי ויפסח. השתא הכא, לשנה הבאה בארעא דישראל...

מחמת פיניעלע האָט נישט געהאַט קיין זון, פלעגט יעדעס יאָר די יינגסטע טאָכטער, דאָשע, פרעגן די קשיות. דאָס יאָר זיינען דאָ געווען יינגלעך און ס׳איז געבליבן, זיי זאָלן פרעגן מה נשתנה. ס׳האָבן זיך דערהערט אַ פּאָר קולות מיט אַמאָל. איפעס אַ יינגל האָט געזאָגט מיט געניטשאַפט די לשון־קודשדיקע ווערטער. ער איז געגאַנגען אין אַ חדר. סטעפעס בחורל, יעזשעק, האָט געזאָגט מה־נשתנה מיט דער ספרדישער הברה. פיניעלע האָט זיך פאַרקרימט. ער האָט נישט געליטן ווי די היינטיק־וועלטישע האָבן פאַרגוּיִשט די הייליקע ווערטער. נאָך די קשיות האָט פיניעלע געענטפערט דעם תירוץ:

— עבדים היינו לפרעה במצרים...

אַלע האָבן מיטגעזאָגט, ווער אויף לשון־קודש און ווער אויף פויליש. לאה האָט געזאָגט און געוויינט. זי האָט געוואָלט מיטברענגען מאַשען אויף דעם סדר, נאָר פיניעלע האָט זי נישט געוואָלט אַריינלאָזן. ער האָט געטענהט, אַז זי מוז פריער גיין אין מקווה און זיך מגייר זיין לויט אַלע דינים. קאָפל האָט זיך אויפגעפירט אויסטערליש. דאָ האָט ער גערעדט יידיש, דאָ ענגליש. ער האָט פאַרביטן די נעמען פון די אייניקלעך. פון מאָל צו מאָל האָט ער גענומען לאַכן, מאַכן האַוואַיעס. פיניעלע האָט געוואָרפן אויף לאהן אַ פרעגנדיקן בליק. לאה האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ. קאָפל איז אויף דער עלטער געוואָרן האַלב־צערודערט. וואָס ווייטער, אַלץ מער איז פיניעלע אַריינגעפאַלן אין התלהבות.

ער האָט זיך געשאָקלט, געשריגן, געפּאַכעט מיט אַ פֿויסט. ער האָט מיט אַ ציטערנדיקער האַנט אויפֿגעהויבן דעם כּוס און דאָס קול האָט זיך געבראָכן פֿון טרערן.

— והיא שעמדה לאבותינו ולנו.

הדסה האָט געמורמלט די פּסוקים אויף פּויליש, לאָטע — אין ענגליש. סטעפֿע האָט צוגעטייטלט יעזשעקן מיט אַ פֿינגער. חנה האָט גענומען שנייצן די נאָז. אַ זיפֿץ האָט זיך אַרויסגעריסן פֿון אַלעמען. יאָ, יעדעס דור האָט זיין פּרעה, המן, כמעלניצקי, גאָנטע. איצט איז אויפֿגעשטאַנען אַ היטלער. וועט דאָס מאָל אויך געשען אַ נס? וועלן יידן איבער־אַ־יאָר אין דער צייט אויך זיצן ביים סדר? אָדער וועט מען, חלילה, טאָן מיט זיי דאָס, וואָס המן־שטרייכער האָט צוגעברייט?

עוזר־העשל איז געזעסן אַ פֿאַרשטומטער. ער האָט געטראַכט פֿון זיין אייגענער משפּחה. ער האָט זיך דערמאָנט דעם זיידנס סדרים. ער האָט געדענקט אין די פֿעטערס, דער מאַמען. אין קליין־טערעשפּאָל און אין די שטעטלעך אַרום האָבן זיך נאָך געפֿונען זיינע שוועסטער־קינדער. אויף דער פֿראַנצישקאַנער גאַס האָט מנשה־דודל, דער שוואָגער, געפּראַוועט דעם סדר אויף זיין שטייגער: ער האָט געזאָגט די הגדה און געטאַנצט. אין ארץ־ישראל האָט דאַווידעק, דער זון, געפּייערט דעם חג־המצות מיט חלוצים. איידל האָט געזאָלט ערגעץ גיין אויף אַ סדר, אָבער עוזר־העשל איז נישט געווען זיכער צי זי איז אַוועק אַהין. זי איז אפֿשר געזעסן איינע אַליין צווישן די ניי־מאַשינען. באַרבאַראַ האָט זיך געהאַט געקויפֿט אַ בילעט אין דער אָפּערע. עוזר־העשל האָט אַריינגעקוקט אין דער הגדה, געשאָקלט מיטן קאָפּ. דאָשקע איז געזעסן נעבן אים, זיך אָנגעהאַלטן אָן זיין אָרעם. וואָס רעדן זיי אַזויפֿיל וועגן נסים, די יידן? — האָט ער געטראַכט. — מ׳הרגעט זיי אין יעדן דור. ווען נישט די שחיטות און פּאָגראָמען, וואָלטן מיר געווען הונדערטער מיליאָנען. ער האָט געקוקט אויף יעזשעקן, אויף דאָשקען, די אַנדערע קינדער. זיי זיינען אַלע פֿאַראורטיילט. אין בעסטן פֿאַל וועלן זיי בלייבן גייסטיקע קריפּלען. דער קאָניאַק, וואָס ער האָט געטרונקען פֿריער, האָט זיך גענומען אויסוועפּן. ס׳האָט זיך אומגעקערט די ניכטערקייט און דער קאַצניאָמער. פּיניעלע האָט אויפֿגעהויבן די מצות און נצחונדיק אָנגעוויזן מיטן שפּיץ־פֿינגער.

— מצה זו שאנו אוכלים על שום מה?

# 4

די צווייטע נאַכט יום־טוב איז אין ביאַלאָדרעוונער שטיבל געווען פֿול. דעם רבינס קומען האָט אויפֿגעלעבט דאָס ביאַלאָדרעוונער חסידות. דער רבי האָט געזאָלט זיין צו מעריב אין שטיבל. דעוויל האָבן די חסידים זיך אַרומגעדרייט אין אַטלאַסענע קאַפּאָטעס, מיט שטריימלען אויף די קעפּ, מיט גאַרטלען אויף די לענדן. די צווייטע נאַכט פּסח הויבט מען אָן ציילן ספֿירה און ס׳איז אַ מינהג אָנצוהויבן אַ מסכתא און לערנען יעדן טאָג איין דף, אַזוי אַז די צאָל דפֿין זאָלן

זיך אויסגלייכן מיט דער ספירה. ווער ס׳האָט געלערנט שבועות און ווער —
סוטה. ווער ס׳האָט אַריינגעקוקט אין אַ חסידיש ספר און ווער ס׳האָט זיך אַרומ־
געדרייט אַהין און צוריק און זיך געדבקהט. אין די ווינקלען, ביים שולחן, ביי
די פענסטער — אומעטום זיינען געשטאַנען רעדלעך. פיניעלע מושקאַט האָט
געשמועסט חסידות. ער האָט דערציילט וועגן קאָצקער, וואָס צו אים איז גע־
פאָרן דער אַלטער ביאַלאָדרעוונער. דער קאָצקער, כּידוע, איז יאָרן לאַנג גע־
זעסן אָפּגעשלאָסן. די מילבן־קעפּעלעך זיינען זיך צעפאָרן צו אַנדערע רביים.
געבליבן זיינען — די פּקחים. אין קאָצק האָט מען נישט גערעדט אַ סך: אַ
קוק איז גענוג. ודי לחכּימא ברמיזא. דאָס דאַווענען האָט מען אָפּגעפּטרט גיך.
השם־יתברך פאַרשטייט אויפן וואונק. אין קאָצק האָט מען געוואוסט, אַז מ׳קאָן
דינען דעם אויבערשטן מיט אַלץ: מיט אַ גלייכווערטל, מיט פאַררויכערן ליולקע־
ציבוק, מיט אַ גלעזל יי״ש. קאָצקער חסידים האָבן זיך געפּלייסט צו טאָן צו־
להכעיס. פּורים האָט מען געזאָגט תּהילים. יום־כּיפּור צו כּל־נדרי האָט מען
געלערנט חושן־משפּט. תּשעה־באָב האָבן חסידים אָנגעשמירט די וואָנסן מיט
קעז, די מתנגדים זאָלן מיינען, אַז די „כּת״ עסט אין תּענית. אַ סברא, אַז מ׳האָט
טאַקע פאַרנאַכט־צו גענומען אַ גלעזל משקה. פּיני׳עלע האָט אויך דערמאָנט
די מרידה, יענעם שמחת־תּורה, ווען ר׳ מרדכי־יוסף איזשביצער איז אַוועק מיט
זיינע לייט צום טייך וויעפּזש און גענומען פירן פאַר זיך. וואָס מ׳האָט דאָרט
אָפּגעשמועסט איז, פאַרשטייט זיך, געבליבן אַ סוד, נאָר ר׳ מרדכי־יוסף זאָל
האָבן געשריגן: ר׳ מענדעלע וויל אַפילו איבערקליגן דעם רבונו של עולם...
פּיניעלע האָט זיך צעשמייכלט:

— דער כּוח פון אַ גרויסן!...

פישעלע האָט געשמועסט וועגן ארץ־ישראל. ער האָט איבערגעגעבן דעם
רבינס ווערטער. אין יום־טוב איז נישט גלייך זיך צו באַנוצן מיט דברי־חול,
פונדעסטוועגן האָט פישעלע גערעדט פון אַ קאָלאָניע, בהמות, הייזער. די ענגלענ־
דער לאָזן יידן נישט קויפן קיין באָדן, אָבער מ׳טוט זיך פונדעסטוועגן אַן עצה.
„נחלת יחיאל״ איז אין די פּאָר יאָרן געוואָרן אַ גאַנץ שטעטל. ר׳ אַהר׳לע איז
געוואָרן אַ שם־דבר. פישעלע האָט צו וויסן געטאָן, אַז בלי־נדר באַלד חול־המועד
וועט ער אָנגעבן אויף אַ פּאַס און אַ וויזע. ער׳ט זיך אַרומקוקן. ער׳ט עפענען
אַ געשעפט. ווי אַלעמאָל ווען פישעלע האָט עפּעס געזאָגט, האָט איטשעלע
אַנשלס, דער לייב־מענטש, צוגעשאָקלט. אַן עולם איז געשטאַנען אַרום, אָנגע־
שטעלט מויל און אויערן. די אַלטע מחלוקתן צווישן חסידים און ציוניסטן האָבן
געהאַט אויפגעהערט. ווי באַלד מ׳קומט און מ׳באַזעצט זיך, איז אַ סימן, אַז
אַזוי דאַרף זיין. דערצו זיינען יידן אין פּוילן איינגעשטעלט. מ׳דאַרף זיך פּשוט
ראַטעווען מיטן לעבן. אַלע האָבן מקנא געווען פישעלען דעם מצליח, וואָס
אויב ער וויל, הויבט ער זיך אויף און פאָרט אַוועק. אַזוינע ווי ער דאַרפן נישט
קיין סערטיפיקאַט. אַז מ׳וויזט די ענגלענדער טויזנט פונט, איז מען כּשר
וישר...

לינקס פון אָרון־קודש האָט אַ יונגערמאַן נאָכגעזאָגט אַ תּורה, וואָס דער
רבי האָט געזאָגט שבת־הגדול. דער רבי האָט זיך געשטעלט דערויף וואָס אין

סיפור פֿון יציאת מצרים ווערן דערמאָנט פֿיר־ערליי מינים געשריי: ויאנחו בני ישראל מן העבודה, ויזעקו, ותעל שוועתם אל אלוקים מן העבודה וישמע אלוקים את נאקתם. די פֿיר־ערליי געשרייען זיינען קעגן פֿיר־ערליי יסורים, וואָס יידן זיינען אויסגעשטאַנען ביי פרעהן. ערשטנס האָבן זיי פשוט געליטן יסורי־הגוף: מ׳האָט נישט געהאַט קיין כוח צו דער עבודת פרך; צווייטנס האָבן זי געהאַט בזיונות; די בני אַברהם יצחק ויעקב, די בני מלכים, האָבן געמוזט זיין קנעכט ביי טמאים; דריטנס האָבן יידן געוואָלט דינען השם יתברך בקדושה וטהרה, נאָר דורכן שיעבוד האָבן זיי נישט געקאָנט אָפּהיטן יידישקייט און זיי האָבן דערפֿון געהאַט אַ סך צער; פֿערטנס האָט יידן געפּייניקט דער חילול־השם, וואָרים אַז די מצריים האָבן געזען, אַז גאָט ברוך־הוא שווייגט, האָבן זיי גע־טענהט לית דין ולית דיין. די יידן האָבן נאָר געהאָפֿט אויף אַ קידוש־השם, השם יתברך זאָל לאָזן וויסן זיין גבורה, אַז ער באַשיצט די וואָס גלויבן אין אים און האָבן אין אים בטחון.

אַקעגן די פֿיר־ערליי יסורים זיינען פֿאַראַן פֿיר לשונות פֿון גאולה: והוצאתי אתכם, והצלתי אתכם, וגאלתי אתכם, ולקחתי אתכם. וואָרים ס׳איז נישט גענוג פֿאַר אַ ייד, אַז דער גוף גייט אַרויס פֿון מצרים. מ׳מוז אויך אויס־לייזן די נשמה. דער גוף קען זיין אין ארץ־ישראל און די נשמה בלייבט, חלילה, שטעקן אין מצרים. דאָס מיינט דער פסוק: ויהי בשלח פרעה את העם ולא נחם אלוקים דרך ארץ פלשתים כי קרוב הוא כי אמר אלוקים פן ינחם העם בראותם מלחמה ושבו מצרימה. כביכול האָט געוואוסט, אַז נישט אַלע יידן האָבן שוין זוכה געווען צו די פֿיר גאולות, דאַדורך האָט ער זיי נישט געוואָלט פֿירן צווישן די פלשתים, כי קרוב הוא, דער פלשתי איז נאָך אַלץ זיין קרוב ברוח. כי אמר אלוקים פן ינחם העם בראותם מלחמה, אַז דאָס פֿאָלק וועט דערזען די מלחמת־היצר, וועט עס חס־ושלום חרטה האָבן און זיך אומקערן צו די מ״ט שערי־טומאה...

יונגעלייט האָבן געלויבט די תורה: הפלא ופלא. עלטערע יידן האָבן גע־שוויגן. ס׳איז נישט דער ביאַלאָדרעוונער קוועטש. פֿון ר׳ אַהר׳לען איז דער שמועס אַוועק וועגן ר׳ משה־גבריאלן און דעם רבין זכרונו לברכה. אַן אַלטער חסיד האָט אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט. וואָס וויסן יונגעלייט וואָס חסידות איז? ווער קאָן משיג זיין דעם טעם פֿון אַ צווייטער נאַכט יום־טוב אין ביאַלאָ־דרעוונער בית־מדרש? מ׳האָט ממש געקאָנט אָנטאַפּן די קדושה. דאָס קול־תורה האָט מען געהערט איבערן מאַרק. די ליכטיקייט, די שמחה, די אַהבת־ישראל איז נישט משער צו זיין. דער רבי פֿלעגט זיך זעצן צום סדר שפּעט. די באַלעבאָסטעס אין די סטאַנציעס האָבן געהאַט פּרעטענסיעס, אַז זיי מוזן זיין אויף אַ גאַנצע נאַכט, נאָר ווער׳ט זיי געהערט? קיין קולות, ווי אַנדערע רביים, האָט דער ביאַלאָדרעוונער נישט געמאַכט. דער סדר איז אַדורך גיך. קיין מנגן איז דער רבי אויך נישט געווען. פֿונדעסטוועגן, אַז דער רבי האָט געטאָן אַ זאָג: בכל דור ודור חיב אדם לראות את עצמו כאילו הו יצא ממצרים, האָט מען באַשיימפּערלעך געזען, ס׳רוט אויף אים די שכינה. די רביצין האָט נאָך דעמאָלט געלעבט. גינע־נענדל איז נאָך געווען אַ מיידל. זי פֿלעגט פֿרעגן

די פֿיר קשיות. ווי לאַנג איז דאָ? ס׳דוכט זיך, נעכטן. אויף דער חתונה זיינען זיך צונויפֿגעפֿאָרן אַכצן ווייסע זשופּיצעס. סענצימין און ביאַלאָדרעווע זיינען פֿייער און וואַסער. דער סענצימינער האָט אַלץ געטאָן מיט געשריי. אַז ער האָט געזאָגט אשר יצר, האָט מען געהערט ווי־ווייט. דער עקיבא איז דעם רבין נישט געווען צום האַרץ. ס׳איז באַלד נישט געווען קאַ פּאָר. מ׳האָט גאָר גע־רעדט גינע־גנענדלען מיט דעם הערצן, ר׳ ישראל יאַנאָווערס זון. נאָר די רביצין עליה השלום האָט זיך אַריינגעמישט. וואָס־זשע איז דער סוף? אַז זי׳ט אים נישט געקאָנט קריגן בהיתר, האָט זי אים געקראָגן באיסור. עפּעס אַ קלייניקייט, אַלץ איז דאָך בבחינת זכר ונקבה. וואָס דאַרף מען מער? לשם יחוד קודשא בריך הוא ושכינתיה... דאָרט מוז אויך זיין יחוד!...

דער אַלטער האָט אָוועקגעשפּאַנט. די יונגעלייט האָבן אים נאָכגעקוקט. ער איז שוין אַוודאי אַן אַכציקער, און אפֿשר מיט אַ שמיצל אַריבער. מיט אַמאָל איז געוואָרן אַ שטופּעניש. ר׳ אַהר׳לע איז אָנגעקומען. פֿון איין זייט האָט אים געפֿירט ישראל־אלי, דער גבאי, פֿון דער אַנדערער — שמחה, ר׳ משולם מושקאַטס אַן אייניקל, פּערלס זון. שמחה איז אַ גור׳ער חסיד, נאָר ער האָט פֿונדעסטוועגן זיך אָפּגעגעבן מיט ר׳ אַהר׳לען, אים געוואָלט אַריינציען אין דער אגודה. אַלע האָבן אַרומגערינגלט דעם רבין. ער איז געשטאַנען אין אַ האַלב־אויסגעקראָכן שטריימל, אין אַ צעטעפּעטער זשופּיצע, געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. אַ יונגערמאַן האָט זיך אָנגערופֿן:

— זאָל אונדז דער רבי עפּעס זאָגן.

— מ׳האָט שוין גענוג געזאָגט — האָט ר׳ אַהר׳לע געענטפֿערט. — מ׳דאַרף מקיים זיין. דאָס איז דער עיקר.

— וואָס איז מיט שכר דרישה?

— ס׳איז אויך דאָ שכר פּרישה...

— ווי מיינט דער רבי, ס׳עט זיין אַ מלחמה? — האָט געפֿרעגט אַן אַנדער יונגערמאַן.

ר׳ אַהר׳לע האָט זיך איינגעבויגן.

— די רוצחים ווילן אַוודאי. צי מ׳וויל אין הימל, ווייסעך ניש׳.

— וואָס ט׳זיין מיט יידן, האַ?

— מ׳דאַרף גרויס רחמים.

— רבי, ס׳איז אמת, אַז מ׳עסט אין ארץ־ישראל אַחרון־של־פּסח חמץ?

— די ספֿרדים, נישט אונדזערע יידן.

— ווייַ געוואַלד, ווי עסט מען דאָס עפּעס חמץ אַחרון־של־פּסח?

— מ׳עסט חמץ דעם ערשטן טאָג פּסח אויך...

ס׳איז געוואָרן אַ געלעכטער. דער רבי האָט געמיינט די אַפּיקורסים. פֿון מאָל צו מאָל האָט דער רבי געזאָגט אַ שאַרף ווערטל, וואָס האָט דערמאָנט אָן ר׳ משה־גבריאלן זכרונו לברכה. נאָך מעריב איז דער רבי צוריק אַוועק צו איטשעלע אַנשלס אויף דער באַגנע גאַס. אַ בינטל חסידים איז מיטגעגאַנגען. לאה איז שוין דאָרט געווען. אויך לאָטע איז געקומען צום ברודערס סדר. אַלץ איז שוין געלעגן גרייט אויפֿן טיש, נאָר ר׳ אַהר׳לע האָט זיך נישט געאײַלט.

ער איז אַוועק צו זיך אין שטיבל, זיך פֿאַרקייטלט. די חסידים האָבן געשמועסט. די ווייבער זיינען אַריין אין קיך, געמאַטלט וועגן הינער, שמאַלץ, אייער, קוואַס, כרעמזלעך. איטשעלע אַנשלס ווייב האָט געוויזן לאָהן ווי אַזוי מ׳פּרישט אָפּ אַ מצה: מ׳באַגיסט זי מיט וואַסער, מ׳באַשיט זי מיט זאַלץ און מ׳לייגט אַריין אויף אַ פּאָר מינוט אין אַ האַנטוך, זי זאָל זיך אָפּטריקענען. לאָה האָט דערציילט, אַז אין ניו־יאָרק גרייטן צו די גרעסטע געשעפֿטן סחורות כשר לפּסח. אַפֿילו קריסטן פֿאַרקויפֿן פּסחדיקן וויין. אויף יעדער שפּייז איז אָפּגעדרוקט דער הכשר. ס׳רוב יידן עסן סיי חמץ סיי מצה. פֿאַראַן אַזוינע, וואָס מאַכן אַ סענדוויטש: פֿוןביידע זייטן מצה און אין מיטן אַ שטיקל בשר קוויטש... די ווייבער האָבן נישט געגלויבט די אייגענע אויערן. וואָס איז דער שכל? אי מצה אי חזיר? משוגע מטורף.

— הלמאַי דינגט מען דאָרט עמעצן ער זאָל זיצן שבעה.

— ס׳איז טאַקע אמת?

— יאָ, אמת — האָט לאָה צוגעגעבן.

לאָטע האָט זיך געדרייט אַהין און צוריק. די ווייבערישע רייד האָט זי נישט געליטן. זי האָט געהאַט חשק זיך דורכצורעדן מיטן ברודער, נאָר זי האָט ביז איצט נישט געקאָנט צו אים צוקומען. ס׳האָבן זיך אַלעמאָל געדרייט אַרום אים יידן. ווי אַנדערש דאָ איז! אַלץ איז נאָך אויפֿן אַלטן שטייגער. די ווייבער גייען אַרום מיט שייטלען. די מאַנסלייט — מיט בערד און פּאות. אין שויבנשאַנק שטייען גרויסע ספֿרים מיט לעדערנע איינבאַנדן און גאָלד־געליישטע רוקנס. וויפֿל וואָלט זי, לאָטע, געגעבן, זי זאָל קאָנען אַריינקוקן אין די בענדער! די דייטשע ליטעראַטור, וואָס אויף איר האָט זי, לאָטע, זיך ספּעציאַליזירט, איז זי אַלץ ווייניקער אַנגעגאַנגען. וואָס פֿאַר אַ ווערט האָבן די קלאַפּשטאַקס, די געטעס, די שילערס, די מעריקעס, אַז די לייענער זייערע בויען קאָנצענטראַציע לאַגערן, פּייניקן קינדער, צאַפּן פֿון יידן בלוט, וואָס שפּריצט פֿון מעסער. וואָס פֿאַר אַ זין האָט די גאַנצע מאָדערנע קולטור? דער פֿונדאַמענט איז לעגאַלער מאָרד. לאָטע האָט שוין לאַנג זיך פֿאַרנומען מיט יודאַאיק. זי האָט געלייענט אויף ענגליש דעם תּנ״ך, די משנה, פֿראַגמענטן פֿונעם תּלמוד, ביכער איבער חסידיזם, אָבער זי האָט נישט געקאָנט אַנכאַפּן דעם זין. זי האָט באַנומען, אַז אין יידישקייט איז נישט דאָס וואָרט די הויפּט־זאַך, נאָר די אַטמאָספֿערע, די טאַט, דער לעבעדיקער מענטש. זי האָט געדענקט דעם פֿאָטער אירן, ר׳ משה־גבריאלן, זיין פּנים, זיין קוק, זיין הילוך, זיין קול. זי האָט קיינמאָל נישט פֿאַרגעסן די רייד, וואָס ער האָט צו איר גערעדט אין דעם גאָרן־שטיבל אין רבינס הויף. ס׳זיינען איר געלעגן אין זין די שבתים, די ימים־טובים, די פֿרומע רייד פֿון די תּחינה־יידענעס, דאָס גאַנצע ביסל היימישע יידישקייט וואָס זי, לאָטע, האָט נאָך פֿאַרכאַפּט אין דער אַלטער היים. איצט איז לאָטע ווידער געקומען קיין פּוילן. זי האָט בדעה געהאַט דאָ צו בלייבן אַ פּאָר חדשים אויב ס׳עט זיין שטיל. זי האָט געפּלאַנט מיטצופֿאָרן מיטן ברודער קיין פּאַלעסטינע און זיך צוקוקן צו דעם יידישקייט, וואָס ווערט דאָרט געשאַפֿן. אויף דער שיף האָט לאָטע זיך געשראָקן, אַז זי וואָלט איבערשעצט צופֿיל די פּוילישע יידן און אַז אויפֿן

אָרט וועט זי זיך אַנטוישן. זי האָט געוואוסט, אַז צווישן די אַלע אָרטאָדאָקסן און רבנים שווימלט־און־גריבלט מיט שנאָרער, שווינדלער, קאַריעריסטן, היפּאָקריטן. אָבער דאַנקען גאָט, ס'איז נאָך געבליבן דער אַמאָליקער טעם. דער פֿעטער פּיניעלע איז אַ טייערער ייִד, אַ חסיד. דער ברודער, אַהרלע, האָט אין זיך אַלע זיטן פֿון אַ צדיק, ווי ער ווערט געשילדערט אין די חסידיסטישע ווערק. די פּסחדיקע מאַכלים האָבן גאָר עפּעס אַ גייסטיקן געשמאַק. לאָטע איז געהאַט מיטגעגאַנגען אין מקווה טובלען דעם פֿעטער פּיניעלעס כּלים. ווי שמוציק ס'איז געווען דער הויף, די טרעפּ, אַפֿילו דאָס וואַסער, וואָס דערין האָט מען אונטער־געטיקט דאָס געפֿעס, האָט דאָך פֿון דעם אַלעמען געהויכט מיט אַן ערנסט, וואָס מ'געפֿינט נישט אין קיין פּאָעזיע, אין קיין טעאַטער, אין קיין מאַלעריי, אין קיין סאָציאָלאָגיע, פֿילאָזאָפֿיע, פּסיכאָלאָגיע, אין דעם גאַנצן ביסל רעק־וויזיט, וואָס ווערט באַצייכנט ווי אייראָפּעאישע קולטור.

## קאַפּיטל ניין און פֿופֿציק

**א**ין מיטן מאַי איז אײַדל אַרויסגעפֿאָרן קיין ארץ־ישראל. זי האָט ליקווידירט די וואוינונג אויף דער נאַוואָליפּקי, פֿאַרקויפֿט דאָס מעבל, די נײַ־מאַשינען און אײַנגעצאָלט זעקס הונדערט זלאָטעס פֿאַר אַ שיף־קאַרט אויף אַ שמוגל־שיף. אַלץ איז געטאָן געוואָרן דורך אַ מאַכער. די שיף האָט געזאָלט אָפּשווימען נישט פֿון גדיניע, דעם פּוילישן פּאָרט, נאָר פֿון אַ פֿישער־דערפֿל. די פּאַסאַ־זשירן האָבן געהאַט די רעכט מיטצונעמען אַן אײַנציקע וואַליזע. אײַדל האָט האַלב־אומזיסט אָוועקגעגעבן דאָס בעטגעוואַנט, וואָס איז איר געבליבן בירושה פֿון דער מאַמען. זי האָט צעטיילט צווישן אָרעמע לײַט וועש, שיך, מלבושים. די נסיעה מיט אַ קליין שיפֿל איבערן באַלטיק, דעם דײַטשן ים, דעם אַטלאַנטיק און דעם מיטללענדישן ים האָט געזאָלט דויערן פֿיר וואָכן, אויב נישט מער. מ'האָט זיך געזאָלט אָפּשטעלן אין מאַראָקאָ, איטאַליע, עגיפּטן. מ'האָט אַרויס־געגעבן די פּאַסאַזשירן אַ צעטל וואָסערע שפּײַזן זיי זאָלן מיטברענגען. אײַדל האָט געפֿרעגט דעם מאַכער קשיות: וועלן זיי דאַרפֿן פֿאָרן דורכן קאַטעגאַט און סקאַגעראַק, אָדער מ'וועט זיי דורכלאָזן דורכן קיל־קאַנאַל? וועט מען פֿאַרבײַ דעם ענגלישן קאַנאַל, אָדער מ'עט מוזן זיך אויסקערן קיין צפֿון און אַרומפֿאָרן סקאָטלאַנד און אירלאַנד? די הויפּט־זאַך: וועט מען זיי נישט מאַכן קיין שוועריקייטן ביים גיבראַלטאַר? דער מאַכער האָט געענטפֿערט, אַז אַלץ איז באַזאָרגט; דער קאַפּיטאַן האָט אַלע פּאַפּירן. וואָס שייך פּאַלעסטינע, וועלן זיי אַרײַנקומען אין מיטן דער נאַכט. מ'עט נישט פֿאַרלאַנגען קיין שום דאָקו־מענטן. אײַדל האָט זיך לאַנג געקווענקלט, אָבער זי האָט נישט געהאַט קיין ברירה. זי איז אויסגעגאַנגען פֿון בענקשאַפֿט נאָך דאַווידעקן. דאָ, אין פּוילן, האָט געשמעקט מיט מלחמה. זי האָט זיך געוואָלט אַרויסראַטעווען ווי לאַנג ס'איז נאָך נישט צו־שפּעט.

עוזר־העשל האָט אײַדלען באַלייט צו דער שיף. ער האָט מיטגעגעבן אַ

מתּנה פֿאַרן זון: אַ פֿאָטאָגראַפֿישן אַפּאַראַט. מ׳איז אַרויסגעפֿאָרן פֿון ווינער וואָקזאַל אין אָוונט. עוזר־העשל האָט געקויפֿט בילעטן צווייטע קלאַס. אין קופּע זיינען געזעסן צוויי פּוילישע אָפֿיצירן, אַ גלח, אַ פּריצל, אַ שיקסע. די אָפֿיצירן האָבן געפֿלירטעט מיט דער שיקסע. דער גלח האָט אַזוי לאַנג געזיפֿצט, ביז ער האָט אַרויסגעקראָגן פֿון ערגעץ אַ קישעלע, אונטערגעלייגט אונטערן געזעס. דאָס פּריצל האָט אָנגעלענט דעם קאָפּ אָן אויסגעבעטן ווענטל, זיך צעכראָפּעט. איידל האָט אָנגעשפּאַרט דעם שטערן אָן עוזר־העשלס אַקסל, געפּרוּווט איינדרימלען. זי איז געווען מיד פֿון די זאָרגן און גריבלענישן. ווען איידל איז דאָ געזעסן, אַקעגן דער פֿאַרטונקלטער שיין פֿון נאַכט־לאָמפּ, האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז זי איז נאָך יונג, זי איז עוזר־העשלס ווייב, און אַז זי פֿאָרט מיט אים אויפֿן האָניק־חודש איבער דער שווייץ. איידל האָט ביז היינט נישט באַנומען פֿאַרוואָס עוזר־העשל האָט זי אָפּגעגט. זי האָט זיך נישט געקאָנט צוגעוואוינען, אַז ער איז אַ פֿרעמדער. ער איז דאָך דער פֿאָטער פֿון איר זון. זי האָט קיינמאָל נישט ליב געהאַט קיין אַנדערן. עוזר־העשל האָט איר געהאַט צוגעזאָגט, אַז ער׳ט קומען קיין פּאַלעסטינע. איידל האָט אַלץ נישט פֿאַרלוירן די האָפֿענונג, אַז נאָך אַלע אַוואַנטורעס און שיף־ברוכן וועט ער זיך אומקערן צו איר, דער ערשטער...

עוזר־העשל האָט געלייענט אַ צייטונג: קאָנצענטראַציע־לאַגערן, טאָרטורן־קאַמערן, תּפֿיסות, עקזעקוציעס. יעדן טאָג זיינען אָנגעקומען פֿון נאַצי־דייטשלאַנד קיין זבאָנשין טראַנספּאָרטן אַרויסגעטריבענע יידן. אין שפּאַניע האָט מען נאָך אַלץ געשאָסן לאָיאַליסטן. אין עטיאָפּיע האָבן די פֿאַשיסטן געמאָרדעט די איינגעבוירענע. אין מאַנדזשוריע האָבן די יאַפּאַנעזער געקוילעט כינעזער. אין סאָוועט־רוסלאַנד האָבן נישט אויפֿגעהערט די רייניקונגען. אין ענגלאַנד האָט מען נאָך אַלץ געפּרוּווט זיך צונויפֿרעדן מיט היטלערן. דערביי האָט מען אַרויסגעלאָזט אַ ווייס פּאַפּיר, וואָס האָט פֿאַרבאָטן יידן צו קויפֿן באָדן אין ארץ־ישראל. די פּאָליאַקן האָבן שוין איינגעזען, אַז היטלער איז אַ שונא. די דייטשע פּרעסע האָט געפֿירט אַן אָפֿענע פּראָפּאַגאַנדע קעגן פּוילן. נאָר אין פּוילישן סיים האָט מען נאָך אַלץ זיך געפּשטלט וועגן דער יידישער שחיטה. די אָפּאָזיציאָנעלע צייטונגען האָבן געגעבן אָנצוהערן, אַז די פּוילישע אַרמיי, וואָס האָט אָפּגעקאָסט אַזויפֿיל מיליאָנען, איז נישט צוגעגרייט צום קריג. אין פֿאַל פֿון אַ מאָביליזאַציע וועלן אויספֿעלן שטיוול, מונדירן, ביקסן, קוילן, שוין נישט רעדנדיק פֿון עראָפּלאַנען, האַרמאַטן, טאַנקען, טראַנספּאָרטאַציע...

דער עקספּרעס־צוג איז געלאָפֿן, געפֿייפֿט, פֿול מיט מיטן־נאַכטישער וואָרעניש. דורכן פֿענסטער האָבן זיך פֿאַרבייגעגליטשט פֿינסטערע וועלדער, בלינדע הייזער, קוימענס פֿון פֿאַבריקן. דער לאָקאָמאָטיוו האָט געשליידערט קנוילן רויך, מחנות פֿונקען, וואָס זיינען אַראָפּגעפֿאַלן אויף דער תּבֿואה אין די פֿעלדער. גאָטס וועלט איז נישט געשלאָפֿן. יעדעס ביימל, יעדעס בלימל, יעדע זאַנג, האָט געצויגן יניקה פֿון דער ערד. דאָס אויבסט אויף די ביימער איז געוואָרן רייף. פֿייגל האָבן געבויט נעסטן. די פֿליגל פֿון ווינט־מילן האָבן זיך געדרייט.

די וואַסערן זיינען געפּלאָסן. די שטערן אין הימל זיינען געגאַנגען זייער וועג. איז דער מענטש אַן אויסנאַם? ניין, ער טוט זיין שליחות...

אין דער פרי איז מען אָנגעקומען קיין גדיניע. עוזר־העשל האָט צום ערשטן מאָל דערבליקט דעם ים. ער האָט אויפגעבלאָנקט פונדערווייטנס ווי אַ שפיגל. אין פּאָרט זיינען געשטאַנען עטלעכע פּוילישע קריגס־שיפלעך. זיי האָבן זיך געוויגט אויף די כוואַליעס, ווי קאַטשקעס. אַן אויטאָבוס האָט געוואַרט אויף די פּאַסאַזשירן. ס׳האָט געהייסן, אַז מ׳איז געקומען אַהער אויף זומער־וואַקאַנץ. דער טאָג איז געווען פרילינגדיק־נעפּלדיק. פון ריסן און שפּאַלטן אין די וואָלקנס האָבן זיך דורכגעשניטן בלענדיקע שטיקער ליכט. ס׳רוב עולים זיינען געווען יונגעלייט און מיידלעך. קיין קינדער האָט מען נישט אויפגענומען. די פרויען האָבן אָנגעטאָן שוואַרצע ברילן, צו באַשיצן די אויגן. די בחורים האָבן גע־רויכערט פּאַפּיראָסן, איבערגעטראָגן דאָס געפּעק. עטלעכע האָבן גערעדט העב־רעאיש. מ׳האָט דאָ נישט געקאָנט זינגען און טאַנצן הורהס. אַלץ האָט געמוזט צוגיין שטיל. פונדעסטוועגן, ווען דער אויטאָבוס האָט זיך אַ לאָז געטאָן מיטן וועג קיין פּוצק, האָט אַ גרופּע גענומען זינגען אַ חלוציש ליד. דער שאָפער האָט אויף זיי אָנגעשריגן.

— איר האָט ניש׳ קאַ׳ געדולד? עצ׳ט זינגען אויפן ים!...

— עם ישראל חי! — האָט אַ מיידל געטאָן אַ לעצטן זינג און איז געוואָרן אַנטשוויגן.

— חי עד בלי די — האָט איר געענטפערט שוין אַן געזאַנג אַ יונג אין אַ שוואַרצער בלוזע און מיט אַ קאָפּ צעשויבערטע האָר.

מ׳איז אויסגעשטיגן אין אַ דערפל, וואָס די לעצטע יאָרן האָט מען דאָרט געהאַט אויפגעבויט אַ פּאָר פּענסיאָנאַטן. די קולטור־ליגע און די יידישע גע־זעלשאַפט פאַר לאַנד־קענטשאַפט האָבן דאָ געהאַט זומער־קאָלאָניעס. דער אויטאָ־בוס האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ באַראַק מיט נישט־געטינקטע ווענט. אינע־ווייניק האָבן אָראָפּגעקוקט די קראַקוועס פון דאַך. ס׳האָט געשמעקט מיט פריש האָלץ, לאַם. מ׳האָט אויסגעזעצט די געסט ביי נישט־געדעקטע טישן. מ׳האָט זיי געגעבן אויף מיטאָג ברויט מיט פלאָנדרעס. פון די פלאַטשיקע פיש מיט די ברוינע רוקנס און ווייסע בייכער האָט געשמעקט מיט ווייטע מקומות. דורך די פענסטער האָט מען דאָ געזען דאָס ווייסע זאַמד פון דער פּלאַזשע, די שווי־מיקע צונגען, וואָס האָבן געהאַלטן אין איין אַנלויפן און אין איין אָפּטרעטן. דער רויש פון די כוואַליעס האָט זיך צונויפגעמישט מיט דער שטילקייט. דער ים — מיטן הימל. אַ שבתדיקע מנוחה האָט געשוועבט איבער די אָפענע שטחים, וואָס זיינען געבליבן די אייגענע זינט ששת־ימי־בראשית. מעוועס האָבן געמאַכט הקפות איבערן וואַסער, געקראַקעט. ווייט אַוועק, ביים עק האָריזאָנט, האָט זיך געשאָקלט אַ זעגל פון אַ שיפל, לאַנג און ווייס — אַ מת אין תכריכים...

די זכרים און די נקבות זיינען גיך געוואָרן היימיש. מ׳האָט גערעדט אַלע לשונות: יידיש, העברעאיש, פּויליש, דייטש. דער אויפזעער, אַ קליין מענטשל מיט אַ מגן־דוד אויפן לאַץ, האָט יעדעס מאָל געטאָן אַ פייף מיט אַ פייפל, אַ צייכן ס׳זאָל זיין רואיק. אַ מיידל אַ לאַכערין האָט נישט אויפגעהערט כיכען.

אַ יונג האָט אויסגעטאָן איין שוך און געבליבן זיצן מיט אַ באָרוועסן פֿוס. טייל האָבן איבערגעפּאַקט די רענצלעך. אַנדערע האָבן זיך אָוועקגעלייגט אויף די בענק, געשנאָרכט. נאָך אַנדערע זיינען אַרויס אין דרויסן, זיך געשפּילט אין יאָגעלעך, אין פֿאַנדן. עוזר־העשל און איידל האָבן זיך געלאָזט שפּאַצירן לענגאויס דעם בערגיקן ברעג, אויבן באַוואָקסן מיט סאָסנע־ביימער. ווייט האָט אויפֿגעטויכט אַ דאַמפּער. פֿון קוימען האָט זיך געשלענגלט אַ רויך. ס׳איז שווער געווען צו וויסן צי שטייט ער, אָדער ער גייט; קומט ער נעענטער, אָדער ער דערווייטערט זיך. די כוואַליעס זיינען געוואָרן דאָ גרין ווי גאַל, דאָ שוואַרץ, ווי טינט. די רוקנס, קאַנטיק ווי פּעלז, זיינען פֿול געווען מיט רינצלעך. אויף די קעפּ זיינען געזעסן היטלען שוים. נישט ס׳איז געווען אַ שטורעם, נישט ס׳איז געווען שטיל. דער ים האָט זיך געהויבן ווי אַ געקעכטס, געבלעזלט, געשוימט. אינדן האָבן זיך געשפּאַרט. וואַסערדיקע חיילות, קאַמיק און קאַציק, געשלאָסענע ווי בערג־קייטן, זיינען אַנגעלאָפֿן פֿון אַלע זייטן, ווי עמעצן אַרומצורינגלען, אָן אומגעזעענעם. באַלד זיינען זיי אָפּגעטראָטן אויף הינטערווייַלעכץ, ווי אָפּגעטריבן פֿון אַ שם־המפֿורש. עוזר־העשל האָט זיך אָפּגעשטעלט, געגאַפֿט. די גאָטהייט האָט דאָ אָנגענומען דאָס געשטאַלט פֿון וואַסער. איידלס פּנים איז געוואָרן געלבלעך, ווי זי וואָלט שוין באַצייטנס געקראָגן די ים־קראַנקהייט.

זיי האָבן אַרויפֿגעקלעטערט צום וועלדל, זיך אַוועקגעזעצט צווישן מאָך, נאָדלען, שלאָף־עפּעלעך. פֿון אַ פֿוילער צווייג זיינען אַרויסגעוואַקסן הינטשוואָמען. אַרום אַ מוראַשניק האָט געווימלט מיט מוראַשקעס. די באַשעפֿענישן האָבן מיט זיך געטראָגן אייעלעך, שטענגעלעך, ווערימלעך. זיי זיינען געקראָכן זיג־זאַגיש, געטאַפּט מיט די קערפּערלעך, מיט אַמאָל זיך אומגעקערט אויף צוריק. קאַמאַרעס האָבן געזשומעט. אַ קוקו האָט געקוקעט. אַ פּיקהאָלץ האָט געפּיקט. די קאַלטע ווינטלעך, וואָס האָבן אָנגעבלאָזן פֿון באַלטיק, האָבן זיך צונויפֿגעמישט מיט די הויכן פֿון דער אָנגעוואָרעמטער ערד. איידל האָט אָנגענומען עוזר־העשלס האַנט.

— עוזר־העשל, פֿאַרוואָס האָסטו אַזוי געהאַנדלט?

עוזר־העשל האָט געשוויגן.

— איך אויף דיין אָרט וואָלט חתונה געהאַט מיט דער באַרבאַראַן — האָט זי זיך אָנגערופֿן, אַליין נישט וויסנדיק צו וואָס זי זאָגט דאָס און וואוהין זי צילט. זי האָט נאָך אַלץ געהאַט אַ באַדערפֿעניש אַרויסצוברענגען דאָס נישט־דערזאָגטע, וואָס איז געבליבן הענגען צווישן זיי, קיינמאָל נישט געקראָגן קיין תּיקון. אָדער אפֿשר האָט זי געוואָלט עפּעס אַרויסקריגן ביי אים? זי האָט זיך איינגעקוקט אין זיינע נעגל. ס׳איז איר אויפֿגעפֿאַלן, אַז זיי זיינען נישט־געוויינלעך בלאַס. זי האָט באַטראַכט זיין נאָז, דאָס מויל, די אויגן, די אויערן. איז ער שיין? איז ער מיאוס? זי האָט נישט געקאָנט ביי זיך אָפּפּאַסן. עפּעס איז דאָ אין זיין צורה, וואָס לאָזט זיך נישט אָנכאַפּן, אַ שטייגער ווי די כוואַליעס אונטן, וואָס האַלטן אין איין בייטן די פֿאָרמען. איצט, ווען ער איז אַזוי געזעסן אָנגעשפּאַרט אויף אַ סאָסנע, האָט דאָס פּנים זיינס באַקומען אַן אויסטערלישע איידלקייט. איבערן הויכן שטערן האָבן געציטערט גאָלדיקע קייקעלעך. פֿון די

העל־בלויע ברייט־צעעפֿנטע אויגן האָט אַרויסגעקוקט אַ קינדישע תּמימות. אויף די דינע ליפּן בלויז איז געהאָנגען אַ שאַרפֿקייט, אַ ביטערניש. איידל האָט ביז היינט נישט געקאָנט דערגיין וואָס אייגנטלעך ס׳פּייניקט אים. ליידט ער דער־פֿאַר וואָס ער האָט נישט געמאַכט קיין קאַריערע? בענקט ער נאָך עמעצן? איז ער פֿייזש קראַנק? זי האָט אים געוואָלט פֿרעגן, נאָר זי האָט געוואוסט, אַז די רייד זיינען אומזיסט. ער׳ט זאָגן דאָס, וואָס וועט אים גראָד איינפֿאַלן. אָדער אפֿשר ווייסט ער אַליין אויך נישט?...

פֿאַרנאַכט־צו זיינען די עולים פֿונסניי איינגעזעסן אין אויטאָבוס. עוזר־העשלען האָט מען נישט אַריינגעלאָזט. קרובים האָבן נישט געהאַט קיין רעכט מיטצופֿאָרן. איידל האָט זיך מיט אים צעקושט, אַ ווייל געבליבן אויף אים הענגען. דאָס פּנים זיינס איז געוואָרן פֿייכט און געזאַלצן. דערנאָך האָט זי אים דערלאַנגט די האַנט. די וואַליזע איז געהאַט געבליבן אין אויטאָבוס. ער איז געשטאַנען און אָנגעקוקט ווי אַלע שטייגן איין. איידל האָט נישט געהאַט קיין זיץ־אָרט ביים פֿענסטער. זי האָט צו אים געפֿאָכעט מיט אַ זשורנאַל. ער האָט צוריקגעפֿאָכעט. די לעצטע רגע, איידער דער אויטאָבוס האָט גערירט, האָט זי געטאָן אַ רוף: עוזר־העשל! ס׳איז געווען ווי זי וואָלט זיך דערמאָנט אָן עפּעס, וואָס זי האָט פֿאַרגעסן. ער האָט געטאָן אַ לויף אינדערקרום, נאָר דער אויטאָבוס איז אַוועק, איבערגעלאָזט אַ געשטאַנק. עוזר־העשל איז געשטאַנען, געקוקט אַ באַנומענער אויף דעם שאָסיי. וואָס האָט זי געטאָן אַזאַ געשריי? — האָט ער זיך געפֿרעגט — וואָס האָט זי געוואָלט זאָגן אין דער איינער סעקונדע?

בלייבן דאָ איבער־נאַכט האָט נישט געהאַט קיין זין. ער האָט מאָרגן אין דער פֿרי געדאַרפֿט געבן אַ לעקציע אין „חבצלת“. ער האָט אָפּגעשטעלט אַ פֿאַרבייגייער, געפֿרעגט אויף אַ באַן. ער האָט זיך אומגעקערט קיין גדיניע, איינגעשטיגן אין אַ שנעל־צוג קיין וואַרשע. אַלץ איז געווען ווי אַ חלום: דער ים, וואָס ער האָט צום ערשטן מאָל דערזען צו עטלעכע און פֿערציק יאָר; איידלס נסיעה קיין ארץ־ישראל. ס׳האָבן אויפֿגעטויכט די פּנימער פֿון די אַנדערע עולים. פֿאַרוואָס זיינען זיי עפּעס יידן? פֿאַרוואָס קערן זיי זיך אום קיין ארץ־ישראל נאָך צוויי טויזנט יאָר גלות?...

## קאַפּיטל זעכציק

די צייטונגען האָבן געשריבן פֿון מלחמה. היטלער האָט פֿאַרלאַנגט דעם קאָרידאָר און אויבער־שלעזיען פֿאַר אַ צולאָג. ענגלאַנד און פֿראַנקרייך האָבן גאַראַנטירט די פּוילישע גרענעצן. נאָר די פֿאַמיליע מושקאַט איז היינטיקן זומער, גלייך ווי אַלע יאָר, אַרויסגעפֿאָרן אויף דאַטשע אויף דער אָטוואָצקער ליניע. ניוניע האָט געהאַט זיין אייגנס אַ ווילּיע אין שווידער. פּיניעלע האָט אָפּגענומען אין פֿאַלעניץ אַ הויז פֿאַר זיך און ר׳ אַהר׳לען. לאָטע האָט דאָרט אויך געוואוינט. קאָפּל און לאה זיינען געזעסן אין אַ פּענסיאָנאַט אין אָטוואָצק. הדסה און דאַשקע זיינען געבליבן אין שרודבאָרוואוביי וואַניאַ דעם קאַצאַפּ. מאַשאַ האָט שוין

געהאַט אַ וויזע קיין אַמעריקע און זי האָט גענומען אַ צימער נעבן הדסהן. סטעפֿע און דאָשע זיינען אַרויסגעקומען צו איר און הדסהן יעדן שבת. אַביגדור, אַבראַמס איידעם, האָט געוואָרנט, אַז ס׳איז אַ נאַרישקייט איצט צו בלייבן אין פּוילן. יעדע מינוט קען ווערן אַ בהלה. ער האָט איינגעטענהט סיי מיט ר׳ אַהר׳לען, סיי מיט לאהן, זיי זאָלן אַוועק ווי לאַנג ס׳איז צייט. ער האָט געשוואוירן, אַז ווען ער, אַביגדור, האָט אַ וויזע, וואָלט ער דאָ נישט באַלעמוטשעט קיין איין טאָג. אָבער די אויסלענדישע געסט האָבן זיך נישט געאיילט. ר׳ אַהר׳לע האָט דאָ אין וואַרשע צונויפֿגענומען כּתבים, וואָס זיינען געבליבן פֿון פֿאָטער, ר׳ משה־גבריאלן, פֿון ר׳ יחיאל ביאַלאָדרעוונער און אַפֿילו פֿון אַלטן בילאַדרעוונער, דעם קאָצקערס תּלמיד. חסידים האָבן גענומען פּרענומעראַנטן, נגידים האָבן געגעבן צושטייער. ר׳ אַהר׳לע האָט אויספֿאַרריכט די כּתבי־יד, זיי אַוועקגעשיקט צו אַ דרוקער. ר׳ אַהר׳לע איז אַליין געווען דער מגיה. אַ חוץ דעם האָט ר׳ אַהר׳לע צונויפֿגענומען אַ נייע חברה עולים פֿאַר דער קאָלאָניע „נחלת יחיאל״. דער רבי האָט אויסגעפּועלט ביים פּאַלעסטינע־אַמט מ׳זאָל זיי צוטיילן סערטיפֿיקאַטן. די אַגודה האָט צוגעהאָלפֿן. מ׳האָט געדאַרפֿט אָנקומען צו מלכות. מ׳האָט כּסדר געמוזט בעטן טובות, שיקן שתּדלנים. ס׳זיינען געווען אַלערליי פּלאָנטערנישן מיט געלט, דאָקומענטן, בירגערשאַפֿט, מיליטער־דינסט. דער רבי איז געווען פֿאַרטאָן פֿון גאַנץ פֿרי ביז שפּעט ביינאַכט. עטלעכע מאָל אַ וואָך איז ער צוגעפֿאָרן קיין וואַרשע. ר׳ אַהר׳לע האָט געוואוסט, אַז ס׳איז שעת חירום, נאָר וואָס איז דער אויפֿטו פֿון אַנטלויפֿן? וואָס ס׳עט זיין מיט כּל־ישראל, וועט אויך זיין מיט ר׳ ישראל. אַ פּאַסטוך לאָזט נישט איבער די שאָף. דער רבי האָט גערעכנט, אַז היטלער, דער ימח־שמוניק, וועט זיך נישט איינשטעלן צו האַלטן מלחמה מיט ענגלאַנד און פֿראַנקרייך, מלכים אַדירים. טיף ביי זיך האָט דער רבי געהאַט אַ הרגשה, אַז די לעצטע מינוט וועט געשען אַ נס. שוין־זשע זאָל מען אין הימל וועלן חלילה אומברענגען די יידן אין פּוילן? ר׳ אַהר׳לע האָט זיך אָנגעגורט מיט בטחון.

— ס׳איז דאָ אַ בורא־עולם... די וועלט איז ניש׳ הפקר!...

קאָפּל האָט זיך פֿאַרלאָזט אויפֿן אַמעריקאַנער פּאַס. קאָפּל האָט גערעדט, אַז די מלוכהלעך אין יוראָפּ ציטערן פֿאַר אַמעריקע. זיי קאָנען זיך רייסן ביי די נעז, נאָר קיין אַמעריקאַנער בירגער וועלן זיי נישט אָנרירן. ווי לאַנג ס׳איז דאָ אין וואַרשע דער אַמעריקאַנער קאָנסול האָט ער, קאָפּל, זיי אַלע אין דר׳ערד. דערצו איז ער אַן אַלטער מאַן, אין די זיבעציקער. וואָס קאָן מען אים טאָן? שיטן זאַלץ אויפֿן ווידל. ניו־יאָרק וועט אים נישט אַנטלויפֿן. ער איז דאָרט איינער אַליין, אָן קרובים, אָן פֿריינט. ער זיצט אין דעם אַפּאַרטמענט זיינעם און הערט די ראַדיאָ, אָדער ער גייט אַראָפּ אין פּאַרק לייענען אַ צייטונג. אין סאַראַטאָגאַ ספּרינגס שפּילט ער צומאָל אויף די פֿערדלעך, דאָס אַלץ. אין וואַרשע האָט קאָפּל געהאַט אַ זון, אַ שנור, טעכטער, איידעמס, אייניקלעך. ער האָט דאָ אויסגעפֿונען אַלטע גוטע־ברידער. לעאָן אָקסענבערג און זיין ווייב, רייצעלע, זיינען שוין לאַנג געלעגן אויף דער גענשע. אָבער די טעכטער האָבן אויפֿגענומען קאָפּלען מיט אָפֿענע אָרעמס. איטשעלע פּעלצעוויזנער איז

געוועזן טויט. אַ פֿערד האָט אים דערלאַנגט אַ שטויס, אַרויסגעזעצט די קיש־קעס. דאַוויד קרופּניק איז געשטאָרבן פֿון אַ לונגען־אָנצינדונג. אָבער דאָס ווייב זיינס, די געוועזענע פֿרוי גאָלדסאָבער, איז נאָך אַרומגעקראָכן און גע־רויכערט די ציגאַרעטלעך, וואָס זיינען אַ רפֿואה צו אַסטמאַ. לעאָן דער גייער און דער געלער מאָטיע פֿלעגן נאָך קומען צו איר מאַכן אַ קערטל. קאַפּל האָט געבראַכט אַ פֿלאַש בראָנפֿן, אַ פֿונט ברוסט, אַ שאַכטל סאַרדינען. די אַלטע לייט זיינען אָפּגעזעסן ביז שפּעט, דערציילט מעשיות פֿון אַמאָל. לעאָן דער גייער איז געוואָרן אויף דער עלטער הויט־און־ביין. ער האָט גערעדט און גע־ציטערט. ער האָט געזאָגט יאָ, נאָר דער קאָפּ האָט זיך געטרייסלט אויף ניין. ער האָט זיך אויפֿגעהאַלטן ביי אַ טאָכטער, נאָר אין דער פֿרייער צייט האָט ער נאָך אַלץ אונטערגעהאַנדלט מיט מציאות. ער פֿלעגט יעדעס מאָל זאָגן דאָס אייגענע:

— נו, קאַפּל, וואָס מאַכסטו? ביסט אָל־ראַיט, האַ?

קאַפּל האָט זיך צעלאַכט.

— פֿאַרוואָס זאָל איך נישט זיין אָל־ראַיט? כ'האָב פּלענטי אָנגעגנבעט...

די באַרימערייען וועגן די גנבות זיינען געוואָרן ביי קאַפּלען אַ משוגעת. ער האָט יעדעס מאָל פֿונסניי דערציילט די געשיכטע ווי ער האָט באַגנבעט ר' משולם מושקאַטס קאַסע. די סומע איז מיט יעדן מאָל געוואַקסן. ער האָט אָפֿן גערעדט פֿון דעם טרעפֿהנעם ברייזל, וואָס ער האָט געטריבן אין ניו־יאָרק. לאה האָט זיך געבעטן, ער זאָל זי נישט פֿאַרשעמען. די טעכטער זיינען געוואָרן רויט. די איידעמס האָבן זיך געקרימט. מאַניעק האָט געוואָרנט דעם פֿאָטער, אַז אויב ער'ט נישט אויפֿהערן פּלאַפּלען, וועט ער מיט אים איבעררייסן. מאַניעק איז געוועזן אַ הויפּט־בוכהאַלטער אין אַ ברויט־מיל, געקראָגן הונדערט און צען זלאָטעס אַ וואָך. נאָר קאַפּל האָט זיך אויסגעלאַכט.

— נאַר, וואָס שעמסטו דיך? אַ גנב בלייבט אַ גנב...

און ער האָט געגעבן דעם זון אַ קיצל מיטן שפּיץ־פֿינגער צווישן די ריפּן.

— ר'איז נעבעך עובר־בטל — האָט געזאָגט דער איידעם, דער קאַמאַשנ־מאַכער, איפּעס מאַן.

ביי דער פֿרוי קרופּניק האָט מען קאַפּלען געלאָזט זיך אויסרעדן. ער האָט אַרויסגענומען די טרעוולערס טשעקס און געוויזן: הונדערטערס, פֿופֿציקערס, צוואַנציקערס, צענערלעך. ער האָט געלאָזט אָנקוקן די באַנק־ביכלעך. ער האָט געגעבן צו פֿאַרשטיין די „גרינע” אַלערליי מאַכינאַציעס מיט ריעל־עסטייט, סטאָקס, באָנדס, און ווי ס'אַרבעטן די גענגסטערס, די ראַקעטירער, די באַנק־רויבער, די האָלד־אַפּניקעס. ער האָט אויסגעלאַכט די וואַרשעווער אונטערוועלט. אַלץ וואָס זיי קאָנען, די וואוילע יונגען, איז עפּענען אַ שלאָס מיט אַ וויטרע, אָדער פֿאַרפֿעצן אַ מעסער. אַמעריקאַנער חברה־לייט פֿאָרן־אַרום אין אויטאָמאָ־בילן, שיסן מיט מאַשין־געווער. זיי עפֿענען סייפֿן פֿינף אינטשעס די גרעב. מ'באַפֿאַלט אין וואָל־סטריט טראָקס מיט באַנקנאָטן. דער געלער מאָטיע, וואָס איז שוין איצט געוועזן אינגאַנצן ווייס, האָט דערמאָנט, אַז מיט אַ צייט צוריק

האָבן וואַרשעווער גנבים אויסגעגראָבן אַ טונעל צו דער באַנק פּאָלסקי, נאָר קאָפּל האָט אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט.

— אויך מיר אַ באַנק!...

לאה האָט אים אויסגעמיטן. לאָטע, די שטיף־טאָכטער, האָט מיט אים נישט גערעדט. שמעון בענדל, דער איידעם פון פּאַלעסטינע, האָט אים נישט געוואָלט אָנקוקן. אין פּענסיאָנאַט אין אָטוואָצק איז קאָפּל אַריין אין קיך, גענומען ווייזן די קעכינס ווי מ׳קאָכט אין אַמעריקע. הייס וואַסער צאַפּט מען פון דער וואַנט. אין יעדער שטוב איז דאָ אַן אייז־באָקס אָדער אַ פרידזשידער. געפעס וואַשט מען אין סינק מיט אַ כשרן זייף. פרוכט און גרינסן זיינען צוגעגרייט אין פּאַר־טיקע קענדלעך. די געסט האָבן זיך אַרומגעשטעלט, געשמייכלט. קאָפּל האָט אַריינגעשלאָגן צוויי אייער אין אַ פּאַן, אַרויפגעשטעלט אויפן פייער. אַנשטאָט איבערצודרייען דעם פאַנקוכן מיט אַ לעפל, האָט ער אים איבערגעדרייט אין דער לופט. די קעכינס האָבן געשמוצערט מיט די ליפּן.

— אַמעריקאַנער קונצן!...

אַז לאה האָט דאָס בייגעוואוינט, פלעגט זי גלייך אַוועק צו זיך אין צימער. ווען קאָפּל איז אַריינגעקומען, האָט זי זיך אָנגערופן:

— כ׳האָב עס כשר פאַרדינט... אַז כ׳האָב פאַרביטן משה־גבריאלן אויף קאָפּל משרת, בין איך ווערט דעם שטעקן...

כ׳קאָן דיך איצט אויך אָפּגטן — האָט קאָפּל געענטפערט. — כ׳על דיר צאָלן אַלימאָני...

לאה האָט אָנגעטאָן אַ זומער־שאַלעכל, גענומען דעם טאַש, אַ שטעקעלע, אַוועקגעשפּאַנט קיין שרודבאָרואוו. זי איז געגאַנגען איבער די זאַמדן, יעדעס מאָל אויסגעטאָן אַ שוך, אויסגעשאָקלט דעם שטויב. ביינאַכט פלעגט צומאָל לאהן באַפאַלן אַ פחד, אַז זי׳ט דאָ בלייבן שטעקן אין פּוילן. בייטאָג האָט די אימה זיך אויסגעוועפּט. דער הימל האָט געהויערט אַן אויסגעלייטערטער, אַ טיף־בלויער. אַ גאָלדענע זון האָט געהאַנגען איבער די סאָסנעס, די ווילעס, די טעלעגראַף־שטאַנגען. פייגעלעך האָבן געצוויטשערט. באַנען זיינען געפאָרן אַהין און צוריק. בחורים האָבן אָנגעטאָן די מיידלשע שאַלעכלעך. מיידלעך האָבן גענומען ביי די יונגעלייט די שטעקעלעך. גראַמאָפאָנען האָבן געגאָרגלט חזנישע שטיקלעך. הענדלערס אין לאַנגע קאַפּאָטעס האָבן זיך אַרומגעטראָגן מיט קויבערס אויבסט, מיט אַלערליי ווייבערשע שמאָכטעס. לאהן האָבן זיך דער־מאָנט די מיידלשע יאָרן. דאָ, אויף די אייגענע זאַמדן, איז זי אַרומגעגאַנגען און פאַנטאַזירט פון קאָפּלען. אַזאַ משוגעת!... אין שרודבאָרואוו איז לאה געווען ביי זיך אין דער היים. הדסה האָט איר אָנגעצאַפּט קאַלט וואַסער פון ברונעם. דאַשקע האָט זי געקושט. לאה האָט יעדעס מאָל מיטגעבראַכט אַ מתנה. וואַניאַס שיקסעס האָבן אַרום איר אַרומגעטאַנצט, נאָר געפלייסט זיך זי צו באַדינען. מאַשע איז אַרויסגעקומען פון איר שטיבל. לאה האָט געוואָרפן אויף דער טאָכטער זייטיקע בליקן. אין די לאַנגע יאָרן וואָס לאה האָט זי נישט גע־זען, האָט זי זיך געהאַט פאַרענדערט נישט צום דערקאַנען. פון געשווירענעם קאָפּ האָבן אַרויסגעקוקט אַ סך גרויע האָר. זי האָט באַקומען אַ פאַרגוישטע

צורה. וויפֿל לאה האָט זיך נישט באַמיט זיך צו דערנעענטערן צו איר, האָט זי נישט געקאָנט דורכברעכן די וואַנט. דאָס ערגסטע איז וואָס מאַשע האָט גע־האָט פֿאַרגעסן יידיש. זי האָט גערעדט אַ קוידערוועלש פֿון פּויליש מיט יידיש. לאה האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— וואָס לייענסטו, מאַשע, האַ?

— אַ בוך.

— וואָס פֿאַר אַ בוך?

— אַווי. אַ פּאָוויעשטש...

— כאָטש אינטערעסאַנט, האַ?

— טאַק סאָביע...

— פֿרייסט זיך גאַרנישט וואָס דו פֿאָרסט קיין אַמעריקע? — האָט לאה זי געפֿאָרשט.

— יאָ, כ׳פֿריי מיך...

מאַשע איז אַרויס אויף דער ווערענדע, זיך אָוועקגעזעצט אויף הדסהס צולייג־בעטל, וויטער געלייענט. דער הונט האָט צוגעשלייכט, זיך אָוועקגעלייגט ביי די פֿיס. וואַניאַס שיקסלעך האָבן זיך צוגעשאַרט, געבעטן די פּאַני מאַשאַ זאָל זיי דערציילן אַ מעשהלע. אין די יאָרן וואָס מאַשע האָט געוואוינט מיט יאַן זאַזשיצקין אויף דער אויאַזדאָווער אַלייען האָט זי זיך געהאָט אָפּגעוואוינט פֿון אַלץ און אַלעמען: פֿון דער מוטער, די ברידער, דער שוועסטער, דער משפּחה. מאַשע האָט זיך קיינמאָל נישט געקאָנט צוגעוואוינען צו דעם געדאַנק, אַז די מאַמע האָט אָפּגעגעט דעם גאָטזעליקן פֿאָטער, חתונה געהאָט מיט דעם זיידנס משרת. די אַמעריקאַנערין מיט די זילבער־ווייסע האָר און מיט דעם וואולגאַר־רויטן פּנים איז איר געווען פֿרעמד. זי האָט נישט געאָנט צו וואָס מ׳נעמט זיך אין דעם וויטן אַמעריקע. די רייד וועגן זיך מגייר זיין זיינען איר פֿאַרגעקומען אומזיניק. נישט זי איז געווען אַן איבערגעגעבענע קריסטין, נישט זי קאָן נעמען ערנסט יידישקייט. אין וואָס זאָל עס באַשטיין? זי האָט נישט קיין באַדערפֿעניש צו גיין אין ווייבער־שול, אָדער אין מקווה. ס׳איז איר איבערהויפּט אַלץ איבער־דריסיק.

פֿון דעם פֿרימאָרגן אָן וואָס מאַשע האָט אַ זופּ געטאָן פֿון פֿלעשל יאָדינע האָט דער געדאַנק וועגן זעלבסטמאָרד זי מער קיינמאָל נישט אָפּגעלאָזט. קיין סם וועט זי מער נישט איינגעמען. אָבער ס׳זיינען דאָ אַנדערע מיטלען. זינט מאַשע האָט אָנגעהויבן זיך באַמיען וועגן אַ פּאַס קיין אַמעריקע, האָט זי יעדן טאָג געקלערט וועגן אַרויסשפּרינגען פֿון דער שיף. וואָס קאָן זיין אַ שענערער טויט ווי זיך אַריינשליידערן צווישן די כוואַליעס, פֿאַרזונקען ווערן אין אָפּגרונט? זי איז צו־אַלט אָנצוהויבן פֿונסניי. זי האָט שוין באַצייטנס פֿאַרלוירן דעם ווייבערשן שטייגער...

# קאַפּיטל איין און זעכציק

שמעון בענדל (שרוך) און שאָשע זיינען אַרויסגעפֿאָרן קיין גראָכאָוו אויף דער הכשרה־פֿאַרם. שמעון האָט אַליין באַקומען זיין הכשרה אין גראָכאָוו. ער איז געווען פֿון די גרינדער. אין עס־זאַל איז געהאָנגען אַ פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון אַ גרופּע עולים. שמעון איז געווען צווישן זיי. די גרויסע טשופּרינע זיינע האָט אַפּערגעקוקט איבער אַלעמענס קעפּ. איידער שמעון איז אַוועק קיין ארץ־ישראל האָט ער געשאָנקען זיין ביבליאָטעק דער פֿאַרם. אויף די טאָוולען האָט זיך געפֿונען זיין חתימה. אין אַן ארץ־ישראל־אַלבום, וואָס די גראָכאָווער האָבן געהאַט, זיינען געווען בילדער פֿון שמעונס פּרדס. אַ חוץ זיין טויגעוודיקייט אין גערטנעריי, האָט שמעון אַרויסגעוויזן קענטשאַפֿט אין בויען צריפֿים פֿאַר ערשט־אָנגעקומענע חלוצים. פֿאַרמעל אַ קאַפּיטאַליסט, איז ער פֿונדעסטוועגן געבליבן אַ חבר פֿון „החלוץ״. איצט איז שמעון געפֿאָרן אָנקוקן זיין גראָכאָוו. ער איז איינגעשטיגן אין דער קליין־באַן נעבן דער פּראַגער בריק. אין וואַגאָן זיינען געזעסן: אַ גויע מיט צוויי מילך־בלעכן, אַ סאָלדאַט, אַ קליין גויעצל מיט אַ פּאָר גרויסע וואָנסן, צוויי מיידלעך, וואָס האָבן געשמועסט צווישן זיך פֿראַנצויזיש. שמעון און שאָשע האָבן זיך אַוועקגעזעצט איינער אַקעגן אַנדערן. דער טאָג איז געווען אַ וואַרעמער, אַ זוניקער. שאָשע האָט געטראָגן אַ געבלימלט קלייד, ווייסע שיך, אַ שטרוי־הוט, וואָס האָט איר נאָכגעהאָנגען אויף די אַקסלען. שמעון האָט גערויכערט אַ פּאַפּיראָס, מיט געניטשאַפֿט אַרויסגעקוקט אינדרויסן. דאָ אין פּוילן מוז מען נישט ציטערן איבערן יעדן דונאַם ערד. אויף גאַנצע קילאָמעטערס האָבן זיך געצויגן פּלאַנעס, וואָס מ׳האָט גרינג געקאָנט פֿאַרוואַנדלען אין פֿעלדער אָדער סעדער. אויף די פֿעלדער האָט מען ס׳רוב געהאַט פֿאַרזעצט קאַרטאָפֿל. אויף די צעאַקערטע בייטן האָט נאָר וואָס אָנגעהויבן אַרויסשפּראָצן דער כמיעל. שמעון האָט געבלאָזן קייקעלעך רויך פֿון די נאָז־לעכער, געקנייטשט דעם שטערן. דאָ איז פֿאַראַן אַלץ: רעגן, מיסט פֿון בהמות, ריינע ערד. דאָרט מוז מען האַלטן אין איין באַוואָסערן, און איין רייניקן פֿון שטיינער. דערצו איז דער אַראַבער יעדע רגע גרייט דיר אַריינצושטעכן אַ מעסער אין רוקן. פֿאַר אַ צולאָג האָט ענגלאַנד אָפּן פֿאַרראַטן דעם ישוב, אַרויסגעגעבן גזרות קעגן אימיגראַציע, פֿאַרבאָטן דעם ייד צו קויפֿן באָדן. ס׳ווערט אַלץ שווערער פֿון טאָג צו טאָג. נו, איז וואָס? נישטאָ פֿאַרן ייד קיין אַנדער אָרט. מ׳עט דורכקומען אַלע שטרויכלונגען. אַז מ׳האָט איינגעהאַלטן צוויי טויזנט יאָר, וועט מען דאָס אויך איבערקומען. שמעון האָט גענומען אונטערברומען ביאַליקס אַ שיר.

לא נחלת אחוזה, לא גג וצל קורה —
ומה כל החרדה ומה כל המורא?
לא דין ולא רחמים, לא נקם ושלם —
ולמה תחרישו? פה שימו לאלם!...

שמעון האָט אַרויסגענומען פֿון קעשענע אַ יידישע צייטונג, אַריינגעקוקט. יאָ, ס׳עט באַלד זיין אַ מלחמה. היטלער וועט זיך אַ לאָז טאָן איבער פּוילן

מיט מיליאָנען נאַצים. די איטאַליענער וועלן אַטאַקירן מצרים. דער טערק וועט אַוודאי אויך צושטיין צו די פֿאַשיסטלעך. אָן אַלטע ליבע. די אַראַבער וועלן מיטגיין. דער מופֿטי איז אַ גאַנצער בן־בית ביי היטלערן. איי, ט׳דאַ זיין אַ חתונה!... אַ שיין פּנים וועט האָבן דער ישוב! ער האָט געוואָרפֿן אויף שאָשען אַ בייזן בליק.

— שאָשע, אנו נוסעים אחרי השבת!

— מי לא נותן לך? — האָט שאָשע געענטפֿערט אויף איר גרייזיקן העברעאיש, און אויף יידיש האָט זי צוגעגעבן: מיינסטאַלבן...

— אקח אווירון!

— נו, מילא. אתה לא יכול לחיות אם יש לי מעט תענוג...

— בר־אווז!...

— סטאַציאַ גראַכאָוו! — האָט דער קאָנדוקטאָר אויסגערופֿן.

שמעון האָט אָנגענומען שאָשען ביים אָרעם, אויסגעשטיגן. די צוויי מיידלעך, וואָס האָבן גערעדט פֿראַנצויזיש, זיינען אויך אויסגעזעסן. דאָס לאָקאָמאָטיוול, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ סאַמאָוואַר, האָט זיך צעקוויטשעט, צעציִשעט, אַ זעץ געטאָן מיט רויך, מיט פּאַרע, מעשה־לאָקאָמאָטיוו, זיך אָוועקגעלאָזט איבער די שמאָלע רעלסן מיט די קורצע וואַגאָנדלעך, ווי שפּילצייג. די פֿראַנצויזינס האָבן גלייך גענומען רעדן צו שמעונען, פֿרעגן אויף עפּעס. ער האָט נישט געקאָנט קיין פֿראַנצויזיש, נאָר ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז זיי פֿרעגן זיך אויף דער פֿאַרם. ער האָט זיי געגעבן אַ צייכן זיי זאָלן אים נאָכגיין. ער האָט געדענקט דעם וועג, ווי ער וואָלט דאָ געווען ערשט נעכטן. ער האָט אויסגעשפּיצט די ליפּן, געפּייפֿט. די לופֿט איז געווען פֿול מיט צוויטשערניש פֿון פֿייגל, מיט גרילצעניש פֿון פֿעלד־גרילן. אַ הונט איז געלאָפֿן איבערן וועג, מיט אַמאָל זיך אָפּגעשטעלט, אָנגעשטעלט די אויערן, גענומען איילן אויף צוריק, ווי פֿון אַ הינטישן טעות. ביידע פֿאַרלעך האָבן איצט געטרעטן אויף אַ שמאָלן שטעג, איבער אַ לאָנקע, וואָס האָט, דוכט זיך, שוין געהערט צו דער פֿאַרם. מיט אַמאָל זיינען אויסגעוואַקסן די אַלטע־באַקאַנטע געבייען: די שטאַלן, דער עס־זאַל, דער באַראַק. ס׳האָט געטאָן אַ שמעק פֿון צעאַקערטער ערד, קי־מיסט און נאָך עפּעס טיף־איינגעבאַקנס. די מיידלעך הינטן האָבן גענומען פּלאַפּלען גערדיכטער, וויזן מיט די פֿינגער. ס׳איז אַנטקעגנגעקומען אַ נידעריק מיידל מיט געשווירענע האָר, אין אַ סיצן קלייד, אין צעטרעטענע שיך אויף די באָרוועסע פֿיס, דאָס פּנים ברוין ווי ביי אַ ציגיינערין. די שוואַרצע אויגן האָבן געשמייכלט. עס האָט געוויעט פֿון איר מיט אַן ארץ־ישראלדיקער היימישקייט. שמעון האָט געפֿרעגט אויף דעם מנהל. דאָס מיידל האָט געוויזן אַ מויל ווייסע ציין. זי האָט געהאַט געהערט פֿון שמעון שרוך. זי האָט גערעדט העברעאיש, געזאָגט, אַז די חברים זיינען אַלע אויפֿן פֿעלד. זי האָט פֿאַרבעטן די אורחים אין עס־זאַל. זי האָט אויך געקאָנט אַביסל פֿראַנצויזיש. זי האָט זיך צערעדט מיט די מיידלעך. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי זיינען זשורנאַליסטינס, מיטאַרבעטערינס פֿון אַ פּאַריזער צייטונג. זיי האָבן געוויזן לעגיטימאַציעס. באַלד האָבן אויפֿגעטויכט נאָך אַ פּאָר חלוצים און חלוצות. ס׳איז געוואָרן אַ רעדל. אפֿשר וויל עמעצער

זיך אָפּוואַשן? אָט איז אַ פלומפּ. אפשר איז מען הונגעריק? מיטאָג וועט זיין אין אַ צוויי שעה אַרום, אָבער מ'קאָן דערווייל קריגן אַ שטיקל ברויט און אַ גלאָז פֿריש־געמאָלקענע מילך. מ'האָט אַריינגעפֿירט די געסט אין אַ געביידע, וואו ס'האָט זיך געפֿונען די ביבליאָטעק. ס'איז דאָ אויך געווען אַ זאַל מיט בענק און אַ בינע, וואָס איז איצט געווען האַלב פֿאַרהאַנגען מיט אַ פֿאָרהאַנג. אויף די בישט־געטינקטע ווענט האָבן געהאָנגען פּאָרטרעטן פֿון פּינסקער, הערצל, נאָרדוי, טשלענאָוו, אוסישקין, באָראָכאָוו, גרינבוים. ס'זיינען דאָ געווען אָנגעשריבן אַלערליי לאָזונגען. אויף אַ שטול, וואָס האָט אָפּגעקוקט פֿון הינטערן פֿאָרהאַנג, איז געלעגן אַ פעלערינע. מ'האָט דאָ, אַפּנים, געשפּילט טעאַטער, אָדער מ'האָט געמאַכט פּראָבן. פֿון דאָרט איז שמעון אַריין אין ביבליאָטעק. אין זיין צייט זיינען דאָ געווען בלויז אַ פּאָר הונדערט ביכער. איצט זיינען דריי שטובן פֿול מיט פֿאַכן פֿון אונטן ביז אַרויף. אויף טישן זיינען געלעגן די לעצטע ארץ־ישראלדיקע אויסגאַבן. דאָ איז דער חלוצישער זשורנאַל וואו ער, שמעון, שרייבט אַמאָל אַן אַרטיקל וועגן פּראַקטישע ענינים. ער האָט געעפֿנט, געטאָן אַ מיש, געפֿונען זיין נאָמען שוואַרץ אויף ווייס. עמעץ האָט מיט אים געפֿירט אַ פּאָלעמיק. שמעונען איז געוואָרן פֿייכט אין די אויגן. אָט דאָס איז אַ מולדת! זי פֿאַרשפּרייט וואַרעמקייט אויף הונדערטער מיילן אַרום.

— שאָשע, ראי!...

און שמעון האָט איר געוויזן דעם מאמר, וואו מ'מאַכט צוניש זיין פֿאָרשלאָג...

די בחורים האָבן אים גענומען אויספֿרעגן. ער האָט זיי דערציילט פֿון זיין פּרדס; ווי ער, שמעון, האָט אים אַליין געפֿלאַנצט; ווי די ערד האָט יאָרן־לאַנג נישט אַריינגעבראַכט קיין הכנסה; ווי אַראַבער האָבן זיך אַריינגעגנבעט אין מיטן דער נאַכט, אונטערגעהאַקט צענדליקער יונגע ביימלעך. שאָשע האָט זיך אויך אַריינגעמישט. מ'האָט אים געשטעלט אַ סך פֿראַגן: וואָס איז מיט די קבוצות? איז טאַקע דאָרט נישטאָ קיין שום פּריוואַט־אייגנטום? ווי באַציִען זיך די אַלטע קאָלאָניסטן צו די חלוצים? איז פּתח תקוה אַ שטעטל? איז דאָס אמת, אַז אין תּל־אָביב רעדן שמענדריקעס פּויליש? וואָס פֿאַר אַ טיפּ איז דער צבראָ, דער געבוירענער אין ארץ־ישראל? אַ מיידל האָט געוואָלט וויסן צי מ'נוצט אין פּאַלעסטינע קאָסמעטיק. אַ יונגערמאַן האָט געפֿאָרשט ווי זיינען די באַציִאונגען צווישן די געשלעכטער. האָט זיך איינגעשטעלט אַ סדר? שמעון האָט יעדן איינעם געענטפֿערט. ער האָט אַרויסגענומען אַ פּעקל אַמעריקאַנער פּאַפּיראָסן, וואָס קאָפּל האָט אים געגעבן, געטיילט. דערנאָך האָט מען אַרויסגעפֿירט אויף די פֿעלדער. ער האָט געוואָלט זען די חברים ביי דער אַרבעט. אויף אַ לאָנקע האָבן זיך געפּאַשעט קי. צו אַ שטאַנג אַריינגעזעצט אין דער ערד איז געווען צוגעבונדן אַן אָקס. ער איז, אַפּנים, געווען דער טאַטע פֿון גאַנצן יונגן דור: די קעלבלעך האָבן אַלע געהאַט די אייגענע געלע און ווייסע לאַטעס אויף דער פֿעל. ער האָט געגעסן גראָז, געמרוקעט. אַ בהמה האָט אים אָפּגעענטפֿערט מיט אַ שאַלעניש. אויף די פֿעלדער זיינען נאָך די זאַנגען געווען גרין, אָבער היפּש הויך. ביי די ברעגן זיינען געוואַקסן קאָרן־בלימלעך. צווישן די בייטן האָבן

זיך געבויגן חלוצים, חלוצות, אויסגעפֿליקט אומקרויט. ווען שמעון איז דאָ געשטאַנען, האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער איז אין ארץ־ישראל. דער הימל איז געלעגן הויך, אַ תּכלת־בלויער. ס׳האָט זיך אין אים געצויגן אַ שיפֿל מיט אַ זילבערנעם זעגל. אויף ׳אַ שפּיץ־זאַנג האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ ווייס פֿלאַטערל מיט שוואַרצע פֿאַסיקלעך. ס׳האָט זיך איינגעהילט מיט די פֿליגל ווי מיט אַ טלית. אַ פֿוטער־בין איז געבליבן הענגען אַ ווייל אין דער לופֿט מיט אַ זשומעניש. אויף אַ הענטל פֿון אַ רידל איז געקראָכן משה רבינוס אַ קיעלע.

אַ גלעקל האָט געקלונגען. מ׳האָט גערופֿן צו מיטאָג. ווי גיך די צייט איז אַריבער! שמעונען און שאָשען, די געסט, האָט מען אַוועקגעזעצט אויבן־אָן ביי אַ טיש. ביי אַן אַנדער טיש זיינען געזעסן די פֿראַנצויזישע שרייבערינס. מ׳האָט געגעסן און גערעדט. אַ יונג האָט סיי געקייט, סיי געכאַפּט אַ בליק אין אַ זשורנאַל. די צוקונפֿטיקע פֿאַרמערס האָבן געשמועסט פֿון וועלט־פּראָבלעמען: סאָציאַליזם, נאַציאָנאַליזם, פֿרייהייט, יושר, דעמאָקראַטיע. נאָך מיטאָג איז שמעון אַריין אין ביבליאָטעק. שאָשע איז אַוועק מיט אַ חברטע. יענע האָט איר אָפּגעטרעטן איר בעטל, זי זאָל זיך צולייגן. נאָך אַ לאַנגער הפּסקה איז שאָשע ווידער געוואָרן מעוברת. זי איז שוין אין זעקסטן חודש. זי איז געלעגן, האַלב־געדרימלט, האַלב־געטראַכט. פֿון דרויסן האָבן זיך דערטראָגן געזאַנגען, שאָרכן, פֿייפֿענישן. אין שאָשעס אינגעווייד האָט עפּעס זיך געשאָקלט, גערירט. אַ פֿאַרהוילענע האַנט האָט אין אירע געדערעם געפֿאָרעמט אַ מענטשעלע. אַ זיסע מידקייט איז געהאָנגען אויף שאָשעס גלידער. ס׳איז איר איינגעפֿאַלן, אַז אויב זי׳ט האָבן אַ מיידל, וועט זי זי רופֿן בתיה, נאָך דער מוטער עליה השלום, באָשעלע...

## קאַפּיטל צוויי און זעכציק

עוזר־העשל און באַרבאַראַ האָבן שוין עטלעכע יאָר געפּלאַנט צו פֿאַרברענגען צוזאַמען די זומערדיקע וואַקאַציע, נאָר ביז איצט זיינען געווען אַלערליי שטערונגען. עוזר־העשל האָט נישט געהאַט קיין געלט און נעמען אָדער לייען ביי באַרבאַראַן, האָט ער נישט געוואָלט. ס׳האָט געטראָפֿן, אַז באַרבאַראַ האָט די לעצטע מינוט געמוזט ערגעץ אַוועקפֿאָרן. היי־יאָר האָבן זיך ביידע צעגעגרייט צו דער נסיעה. עוזר־העשל האָט געבאָרגט אין דער לייַ־קאַסע פֿון לערער־פֿאַראיין פֿיר הונדערט גילדן. באַרבאַראַ האָט מער נישט געהאַט קיין שום פּאַרטיי־פֿליכטן, ווייל יעדע טעטיקייט איז געוואָרן אָפּגעשטעלט. ס׳האָט אויסגעזען, אַז מ׳האָט דאָרט, אין קאָמינטערן, אינגאַנצן אָן איר פֿאַרגעסן. באַרבאַראַ האָט זיך קיינמאָל נישט געקאָנט שענקען וואָס מען האָט מיר־נישט־דיר־נישט פֿונאַנדערגעלאָזט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אין פּוילן. די פּאַרטיי־מיטגלידער און די מיטלויפֿער זיינען געבליבן ווי שאָף אָן אַ פּאַסטוך. די רעאַקציאָנערן און זייערע נאָכשלעפּער האָבן טריאומפֿירט. ביינאַכט, אַז באַרבאַראַ איז געלעגן אַ וואַכע אין בעט, האָט זי געעגבערט דער צווייפֿל. מ׳האָט דאָרט

אָפּגעטאָן, אין מאָסקווע, קרומע זאַכן. מ׳האָט פֿאַראורטיילט צום טויט די זיילן
פֿון קאָמוניזם; מ׳האָט אומגעבראַכט באַליבטע גענעראַלן; מ׳האָט צענדליקער
טויזנטער כאַוויירים און כאַווערטעס איינגעזעצט אין תּפֿיסה, געשאָסן, פֿאַרשיקט
קיין סיביר. ווער ווייסט? אפֿשר איז טראָצקי גערעכט? אפֿשר איז סטאַלין
דער קאָנטער־רעוואָלוציאָנער? אפֿשר איז ווירקלעך דער קרעמל געוואָרן פֿאַר־
כאַפּט פֿון אַ טערמידאָרישער קליקע? באַרבאַראַ האָט געפּרוּווט פֿאַרטרייבן
די דאָזיקע געדאַנקען. האָט דען נישט סטאַלין די פּאַרטיי הינטער זיך? זיינען
אַ פּאָר טעאָרעטיקער קליגער פֿון די מאַסן אַרבעטער און פּויערים? באַרבאַראַ
האָט זיך אַליין באַוויזן, אַז טראָצקיס טעאָריע וועגן דער פּערמאַנענטער רע־
וואָלוציע און דער אוממעגלעכקייט צו בויען סאָציאַליזם אין איין לאַנד, איז
פֿאַלש און געפֿערלעך. זי האָט אָנגעצונדן די עלעקטרע און צום ווייפֿלטן מאָל
געלייענט די פּאָר העקטאָגראַפֿירטע באַריכטן, וואָס זי האָט געהאַט באַקומען
דורך אונטערערדישע קאַנאַלן. נאָר די ספֿקות האָבן זיך אומגעקערט אָבער־
אַמאָל און ווידער־אַמאָל. אָט האָט זי געהערט, אַז מ׳האָט געשאָסן ברוידען.
פֿאַרוואָס איז עס אים געקומען? האָט ער דען נישט אַוועקגעגעבן די בעסטע
יאָרן פֿאַר דער רעוואָלוציע? אַפֿילו ווען אַ טוער מאַכט אַ טעות, קומט אים
אומצוברענגען? און וואָס איז מיט די אַנדערע, וואָס זיינען פֿאַרשוואונדן ווי
אַ שטיין אין וואַסער? באַרבאַראַ האָט זיך אַליין געזען אין זייער ראָל. זי קומט
קיין סאָוועט־רוסלאַנד אַ באַגייסטערטע, אַן איבערגעגעבענע, גרייט צו דינען
דער אַרבעטער־זאַך מיט לייב־און־לעבן. נאָר גלייך ביי דער גרענעץ ווערט זי
אַרעסטירט. מ׳פֿאַרשפּאַרט זי אין אַ קאַמער אין דער גע־פּע־או. מ׳פֿאַרשט זי,
מ׳שלאָגט זי, מ׳רופֿט זי פֿאַשיסטישע קאַנאַליע. מ׳האַלט זי אין איין אויספֿרעגן
וואָסערע עסקים זי האָט געהאַט מיט עוזר־העשל באַנעט. זי שווערט מיט
הייליקע שבֿועות, אַז די פֿאַרהעלטענישן זיינען געווען ריין פּערזענלעכע; זי
האָט אים קיינמאָל נישט דערציילט קיין סודות. נאָר דער אויספֿאַרשער שפּילט
זיך מיטן רעוואָלווער, רויכערט אַ פּאַפּיראָסל, טענהט:

— נו, דאָ, מיר קאָנען שוין די קונצן!... זיי דיך מודה!... אַז נישט,
וועסטו נישט אַרויס פֿון דאַנען קיין לעבעדיקע...

באַרבאַראַן האָט אָנגענומען אַ שוידער. ניין, זי׳ט מער נישט טראַכטן!
ס׳זיינען דאָ ציטן ווען מען דאַרף אָפּוואַרטן, צוקוקן דאָס גרייטע. האָט מען
נישט געהאַט די זעלבע פֿאַרדאַכטן ווען לענין האָט צעטריבן די גרינדונגס־
פֿאַרזאַמלונג? האָט מען דען נישט געמאַכט די אייגענע באַשולדיקונגען ווען
לענין האָט איינגעפֿירט דעם נעפּ? מ׳מוז האָבן צוטרוי צו די פֿירער, אַז נישט,
איז אוממעגלעך עפּעס אויפֿצוטאָן. באַרבאַראַ האָט אָפּגעפּאַסט אַוועקצופֿאָרן
אין אַ ווייט דאָרף ערגעץ אין די טאַטרען, פֿאַרגעסן אויף אַ פּאָר וואָכן אין אַלע
גריבלעניש. זי איז אַ פֿרוי, זי האָט אויך די רעכט צו האָבן איר אייגן לעבן.
זי האָט אַמאָל פֿאַנטאַזירט וועגן האָבן אַ קינד מיט איר געליבטן. זי איז אויך
נישט קיין שטיין. יעדעס מאָל ווען זי גייט פֿאַרביי אַ מוטער מיט אַ קינדער־
וועגעלע טוט איר אַ צוויק אין האַרץ. גאָט אין הימל, פּאַפּאַ האָט אַלעמאָל גע־
לעכצט נאָך אַן אייניקל. פֿאַרוואָס זאָל זי, באַרבאַראַ, עפּעס זיין די לעצטע פֿון

**אַ דור? פֿאַרוואָס זאָל די משפּחה פֿישעלזאָן ווערן פֿאַרשניטן? פֿאַרוואָס איז זי, באַרבאַראַ, געבוירן געוואָרן אין אַזאַ שרעקלעכער צייט?**

עוזר־העשלען איז נישט אָנגעקומען גרינג דאָס אָוועקפֿאָרן. יעדן טאָג האָט געקאָנט אויסברעכן אַ קריג. ער האָט מורא געהאַט איבערצולאָזן הדסהן און דאַשקען אין שרודבאָרוואו. ער האָט זיך געשעמט פֿאַר די אַמעריקאַנער געסט. ער האָט אַלעמאָל זיך געשראָקן, מ׳זאָל אים נישט אַרעסטירן צוזאַמען מיט באַרבאַראַן. אָבער ער קאָן מער נישט פֿאַרטראָגן די וואַרשעווער היצן. ער ווערט אַלץ נערוועזער. ער שלאָפֿט נישט נעכט. ער האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט נישט אָנצוזאָגן הדסהן פֿאָראויס וועגן דער רייזע, נאָר איר צו שרייבן פֿון דעם אָרט וואו ער וועט קומען. ער׳ט איר שפּעטער־צו שיקן אַן איבערווייזונג אויף געלט.

אַלץ איז אַרויסגעקומען גלאַטיק. שבת און זונטאָג האָט עוזר־העשל פֿאַרבראַכט אין שרודבאָרוואו. ער האָט איבערגעלאָזט הדסהן זעכציק זלאָטעס. מאָנטאָג אינדערפֿרי האָט ער איינגעפּאַקט אַ וואַליזע, זיך געטראָפֿן מיט באַרבאַראַן אויפֿן ווינער וואָקזאַל. ער האָט געהאַט באַצאָלט די באַלעבאַטים פֿון זיין צימער פֿאַר אַ חודש פֿאָראויס. מ׳איז איינגעזעסן צוזאַמען אין שנעלצוג קיין קראָקע. באַרבאַראַ האָט זיך געהאַט אויסגעפּוצט. זי האָט געטראָגן אַ ווייס קלייד, ווייסע שיך, שוואַרצע הענטשקעס הויך איבער די געלענקען, אַ ברייט־ראַנדיקן שטרוי־הוט. דאָס רענצל איז געווען פֿון קראָקאָדיל־לעדער. די לענדן האָט זי אַרומגעגאַרטלט מיט אַ שוואַרצן זאַמשענעם פּאַס. זי האָט געהאַלטן אַ פֿראַנצויזיש ביכל און אַ פּוילישן מאָדע־מאַגאַזין. באַרבאַראַ האָט אויסגעזען רייך און פֿאָרנעם.

דער עקספּרעס האָט זיך אָפּגעשטעלט אין סקערניעוויץ, אין פּיעטרקאָוו, אין ראַדאָמסק. אויף די סטאַציעס האָט מען אויסגעשריגן קיכלעך, לעמאָנאַד, שאָקאָלאַד, אילוסטרירטע זשורנאַלן. יידן האָבן זיך אויסגעמישט מיט סאָלדאַטן. צייט היטלער איז אָפֿן אַרויסגעטראָטן קעגן פּוילן, איז די פּרעסע געוואָרן ליבעראַלער. אין די קליין־קונסט טעאַטערן האָט מען אויפֿגעהערט נאָכשפּעטן יידן און מ׳האָט זיך גענומען נאָכקרימען די נאַציס. די נאַראָווצעס, די פּוילישע פֿאַשיסטן, האָבן אויף אַ וויילע איינגענומען שטומעניש. דאָ און דאָרט איז מען באַפֿאַלן פּוילישע דייטשן, היטלערס פֿינפֿטע קאָלאָנע. אין וואַגאָן האָט אַ גויע דערציילט שטילערהייט, אַז אין גרויס־פּוילן גראָבט מען שוין שוץ־גרובנס. רייכע לייט באַזאָרגן זיך מיט פּריוואַטע „סכראָנעס”, באַהעלטענישן קעגן באָמבאַרדירונגען. אַן עלטערער גוי מיט אַ רויט פּנים און גראָבע ווייסע וואָנסן האָט זיך אַריינגעמישט. היטלער סטראַשעט. ער׳ט געמיינט, אַז מ׳עט זיך דערשרעקן און אים צוריקגעבן דעם קאָרידאָר. איצט, אַז ענגלאַנד און פֿראַנקרייך האָבן גאַראַנטירט די פּוילישע גרענעצן, בלייבט אים נישט מער ווי צו קריצן מיט די ציין און בילן. אַזוינע שוואַבישע בעסטיעס!...

— פֿאַרוואָס־זשע מאָביליזירן מיר די אַרמיי?

— מ׳דאַרף זיין גרייט אין יעדן פֿאַל...

דער צוג איז אָנגעקומען קיין קראָקע פֿאַרנאַכט. די אַמאָליקע פּוילישע

הויפּט־שטאָט איז געווען פֿול מיט סקווערן, גערטנדלעך, קירכן, קאַפֿע־הייזער. אַ קיל ווינטל האָט געבלאָזן פֿון די בערג. די אונטערגייענדיקע זון האָט זיך געשפּיגלט אין די גאָלדענע צלמים, אין די האַלב־קיילעכדיקע פֿענסטער מיט די קאָלירטע שייבלעך, אין די באַגילדטע ציפֿערבלאַטן פֿון די פֿאַרצייטישע זייגערס. די פֿאַרבייגייער זיינען נישט געלאָפֿן, ווי אין וואַרשע, נאָר געגאַנגען פּאַמעלעך. די טראַמווייען האָבן זיך פֿאַרבייגעגליטשט אָן אַ רעש. די פֿערד פֿון די דראָשקעס האָבן אונטערגעטענצלט. די גלאָקן פֿון די תּפֿלות האָבן געקלונגען, גערופֿן צו חשבון־הנפֿש. אַ סטודענט און אַ סטודענטין, ביידע אין די זעלבע ווייס־רויטע היטלען, זיינען געזעסן אויף אַ באַנק, אונטער אַ בוים, אַריינגעקוקט אין אַ ביכל. אַ נאָנע האָט געפֿירט אַ גרופּע שילערינס אין ריפּסענע שירצן. סעמינאַריסטן אין לאַנגע זשופּיצעס, ברייטע קאַפּעלאַטשן, האָבן געטראָגן גרויסע בענדער, ענלעך צו גמרות. טויבן האָבן געפּיקט קערנדלעך. אַ הונט האָט געפֿירט אַ בלינדן. אויף דעם כּלבֿס האַלדז איז געהאַנגען אַ פּושקעלע. גוטהאַרציקע פֿרויען האָבן אַריינגעוואָרפֿן מטבעות. אַ שלווה האָט געהויערט איבער די שלעסער פֿון די פּוילישע מלכים, די מאָנומענטן, די טורעמס, די קאַטעדרעס. אין אויסגעלייטערטן הימל האָבן זיך אָנגעצונדן שטערן. ערגעץ דאָ נישט ווייט האָט זיך געפֿונען קאַזימיר, דער יידישער קוואַרטאַל, מיטן רמ״אס שול, מיטן הויז, וואו ס׳האָט געוואוינט דער מגלה עמוקות, מיט די אַלטע בית־עולמס, וואו ס׳ליגן דורות רבנים, צדיקים, שתּדלנים, כּשרע יידענעס, יונג־פֿאַרשניטענע ישיבֿה־בחורים און בתולות. עוזר־העשל האָט טיף איינגעאָטעמט. ער האָט אַליין נישט געוואוסט ווי נויטיק ער דאַרף אַ ביסל מנוחה. דער האָטעל האָט זיך געפֿונען נישט ווייט פֿון וואָקזאַל, אין אַ זייטיקער גאַס, באַפֿלאַנצט מיט בוימער אויף ביידע זייטן טראָטואַר. מ׳האָט אָפּגעגעבן דעם פּאָרל אַ גערוים צימער מיט צוויי בעטן, מיט בלומען־טעפּ אויף די פֿענסטער, מיט קילימס אויף די ווענט. אויף די האַנטוכער זיינען געווען אויסגענייט פּוילישע שפּריכווערטער: ווער ס׳שטייט אויף פֿרימאָרגן, פֿאַר דעם טוט גאָט זאָרגן; גאָט, גיב אונדז דאָס אַלטעגלעכע ברויט; אַ גאַסט אין הויז, גאָט אין הויז. ס׳האָבן געהאָנגען פּאָרטרעטן פֿון קעניג באַטאָרי, פֿון דער הייליקער קינגע, קאָפּיעס פֿון אַלטן פּוילישן מאָלער מאַטעיקאָ. אין אַ ווינקל איז געשטאַנען אַ וואַש־טיש מיט אַ קופּערנעם בעקן און אַן ערדערנער קרוג, אויפֿן אַלטמאָדישן שטייגער. אַלץ האָט דאָ אויסגעוויזן משונה־ווייט: היטלער, די מלחמה, דער „חבצלת״, די פֿאַמיליע מושקאַט. באַרבאַראַ האָט אויסגעטאָן דאָס קלייד, זיך געוואַשן קעגן דער שיין פֿון בין־השמשות. עוזר־העשל האָט זיך צוגעלייגט אין די מלבושים אויפֿן בעט מיט דעם הויכן געזימס און די געשניצטע גאַלקעס. ער האָט זיך איינגעהערט אין דער שטילקייט, וואָס האָט אַריינגעהויכט דורך דעם אָפֿענעם איבערלופֿט. ער האָט איצט געהאַט איין פֿאַרלאַנג: רוען! פֿאַרגעסן אויף אַ ווייל אַלע חשבונות, זאָרגן, זינד, פֿליכטן...

אויף נאָכטמאָל איז דאָס פּאָרל געגאַנגען אין אַ קאַפֿע־הייזל, וואו דער פּוילישער שריפֿטשטעלער וויספּיאַנסקי פֿלעגט אַמאָל זיין אַ שטאַם־גאַסט. ביז היינט האָבן דאָ געהאָנגען וויספּיאַנסקיס צייכענונגען. ס׳זיינען דאָ אַריינגעקומען פּראָ־

פֿעסאָרן, שרייבער, מאָלער, סטודענטן. עוזר־העשל האָט פֿון אָנהויב נישט געוואָלט גיין אַהין. ער האָט געהאַט אַ ווידערווילן צו די מקומות, וואו עס קומען טוריסטן. באַרבאַראַ האָט זיך קוים ביי אים איינגעבעטן. די שטוב, וואו זיי זיינען געזעסן, איז געווען האַלב־ליידיק. די כינעזישע לאָמטערן האָבן געוואָרפֿן אַ פֿאַרטונקלט ליכט. די צוויי אַנדערע פּאָרלעך, וואָס האָבן דאָ געגעסן, האָבן נישט גערעדט, נאָר זיך געסודעט. די קעלנערין מיטן ווייסן הייבל האָט געטרעטן אויף די שפּיץ־פֿינגער. נאָך קאָלאַציע זיינען עוזר־העשל און באַרבאַראַ אַוועק אין יידישן קוואַרטאַל. די געסלעך זיינען דאָ געווען שמאָלע, געדרייטע, ברוקירט מיט גראָבע שטיינער. אין דער שאָטנדיקער שיין האָט מען דערזען אַ ייד אין אַ קאַפּעלאַטש מיט פּאות. אין אַ שפּייז־קרעמל איז געזעסן אַ קליין ווייבעלע אין אַ גרויס שייטל. רעכטס ייִנען געלעגן בינטלעך האָלץ, טוטלען קוילן. לינקס זיינען געשטאַנען זעקלעך מעל, אַרבעס, באָבעלעך, הירזש, קאַשע. אין אַ ווינקל זיינען געהאָנגען בונטן געטריקנטע שוואָמען. אַ קליין מיידעלע מיט אַ שאָל אויף די אַקסלען האָט עפּעס געקויפֿט. מ׳האָט אָפּגעוואויגן די סחורה אויף אַ וואָג־שאָל מיט אַ לאַנג צינגל. אין אַן אַנדער געסל האָבן זיי זיך אָנגעשטויסן אויף אַ בינטל יידן און יינגלעך, וואָס האָבן מחדש געווען די לבנה. מ׳האָט אונטערגעטענצלט, גערופֿן איינער צום אַנדערן:

— שלום עליכם, עליכם שלום...

די יינגלעך האָבן געטראָגן לאַנגע פּאות און ברייטע סאַמעטענע קאַפּעלאַטשן, ווי קינדישע רבנים...

באַרבאַראַ איז געשטאַנען, געגאַפֿט. די שיין פֿון דער לבנה איז געפֿאַלן אויף די בלאַסע פּנימער, די שוואַרצע בערד, זיך געשפּיגלט אין די חושכדיקע בליקן. די יינגלעך זיינען אונטערגעשפּרונגען ווי ציגן, סיי געזאָגט פֿון סידורל, סיי שטיפֿריש זיך געשטויסן, זיך געצויגן ביי די פּאָלעס. דורך די אָפֿענע פֿענסטער פֿון אַ שולעכל האָבן אַרויסגעקוקט פּאָליצעס ספֿרים, אַן אָרון־קודש, אַ פּרוכת, געגילדטע לייבן, אַן עמוד מיט אַ שויתי, יאָרצייט־ליכט. באַרבאַראַ האָט זיך דערמאָנט אָן דעם פֿאָטער אירן, פּאַוועל פֿישלזאָן, וואָס האָט אויפֿן טויטן־בעט געשריגן, אַז ער וויל צוריק ווערן אַ ייד און מ׳זאָל אים לייגן אויפֿן יידישן בית־עלמין... זי האָט אַ צי געטאָן עוזר־העשלען ביים אַרבל.

— קום!...

אין האָטעל האָבן זיי נישט אָנגעצונדן דעם לאָמפּ. זיי האָבן זיך גלייך גענומען אויסטאָן. דאַנקען גאָט, זיי זיינען שוין אַליין. מאָרגן פֿאָרן זיי אין די בערג. זאָל מען אונטערצינדן איייראָפּע. זאָל מען אַלץ חרוב־מאַכן. די היינטיקע נאַכט קען קיינער ביי זיי נישט צוריבן. באַרבאַראַ האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַ מוטערנאַקעטע ביים פֿענסטער. זי האָט אַרויסגעקוקט צום אויסגעלייטערטן הימל, צו די שורות קרומע דעכער, צו די באַלויכטענע פֿענסטערלעך, וואָס ס׳איז שווער צו וויסן פֿונדערווייטנס צי לייכט דאָרט עלעקטרע אָדער ס׳גלימערן נאָפֿט־פֿלעמלעך. שאָטנס האָבן פֿאַרבייגעשוועבט. ס׳האָבן זיך דערטראָגן צוגעדושעטע קולות און ווידער־קולות. די קרוינען פֿון די ביימער זיינען אין דער נאַכט געוואָרן שוואַרץ. פֿון אַ קוימען האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ ווייסלעכער רויך, וואָס האָט זיך

גלייך אַריינגעקרייזלט אין הימל. עוזר־העשל האָט געטרונקען קאַלט וואַסער פֿון דער קרוג. ער האָט זיך מיט אַמאָל דערמאָנט דעם אָפּשייד מיט הדסהן נעכטן ביינאַכט, ווען זי האָט אים צוגעפֿירט פֿון שרודבאָרואוו צום אָטוואָצקער וואָקזאַל. זי איז געגאַנגען פּאַמעלעך, זיך יעדעס מאָל אָפּגעשטעלט. זי האָט גערעדט אויס־טערלישע רייד. זי האָט זיך געקושט מיט אים ביים געזעגענען דריי מאָל, געזאָגט:

— אויב כ׳על שטאַרבן, וויל איך ליגן ביי דער מאַמעשי!...

— ביסט משוגע געוואָרן, אָדער וואָס? — האָט ער זי געפֿרעגט.

— זיי מיר מוחל... כ׳האָב דיך ליב געהאַט. אַלע יאָרן... דו׳סט קיינמאָל נישט פֿאַרשטיין...

עוזר־העשלען איז ערשט איצט געוואָרן אויפֿפֿאַלנדיק איר פֿירונג. וואָס איז געשען? האָט זי געוואוסט, אַז ער פֿאָרט אַוועק? וויל זי באַגיין זעלבסטמאָרד? איז זי ווידער געוואָרן קראַנק? שרעקט זי זיך פֿאַר דער מלחמה? אַ גרויליקער געדאַנק איז עוזר־העשלען דורכגעלאָפֿן: ער׳ט זי שוין מער נישט זען קיין לע־בעדיקע.

―◆―

## קאַפּיטל דריי און זעכציק

אין די בתּי־מדרשים און שטיבלעך האָט מען היי־יאָר, ווי יעדעס יאָר, אין חודש אלול געבלאָזן שופֿר, אָפּצושרעקן דעם שטן דעם מקטרג. יידן האָבן גע־דאַרפֿט רחמים. ווער ווייסט? אפֿשר קאָן מען נאָך מיט תּשובֿה, תּפֿילה וצדקה אָפּשרייען די ביטערע גזרות? די פּוילישע רעגירונג האָט אָנגענומען מיטלען אויף איר שטייגער. אין די גערטנער און אויף די פּלעצער האָט מען געגראָבן באַשיצונגען פֿאַר דער באַפֿעלקערונג קעגן באָמבאַרדירונגען. גלחים און, להבדיל, רבנים האָבן איבערגעקערט די ערשטע לאָפּאַטעס ערד. בכּבֿודיקע בעלי־הבתּים, חסידים, שטיבל־בחורים האָבן זיך פֿרייוויליק געמאָלדן צו דער אַרבעט. מחמת מ׳האָט זיך געשראָקן דאָס די דייטשע עראָפּלאַנען זאָלן נישט באַפֿאַלן פּוילן פּלוצ־לינג, האָט מען ביינאַכט נישט אָנגעצונדן די לאַמטערן. די פֿענסטער האָט מען פֿאַרהאָנגען מיט שוואַרץ פּאַפּיר און געוואַנט, ס׳זאָל נישט דורכדרינגען אין דער נאַכט קיין שיין. די פּוילישע אַרמיי איז געוואָרן טיילווייז מאָביליזירט. ס׳זיינען געווען מער זעלנער וויפֿל מ׳האָט דערווייל געדאַרפֿט. מ׳האָט אַ סך צוריקגעשיקט אַהיים. ס׳איז געווען אַ סוד פֿאַר גאַנץ בראָד, אַז די גענעראַלן און פּולקאָווניקעס, וואָס האָבן באַהערשט דאָס לאַנד זינט פּילסודסקיס אויפֿשטאַנד, האָבן זיך נישט צוגעגרייט צו אַ מאָדערנער מלחמה. ווי וואויל מאַרשאַל רידז שמיגלי האָט צו־געזאָגט, אַז מ׳עט פֿאַרטיידיקן יעדן שפּאַן ערד, האָט מען געשמועסט, אַז די פּוילישע אַרמיי וועט אָפּטרעטן צום טייך בוג.

אַזוי ווי מ׳האָט נישט געוואוסט צי היטלער וועט באמת אַטאַקירן, אָדער ער פֿירט אַ נערוון־קריג, האָבן די צייטונגען סיי געוואָרנט דאָס פּובליקום, סיי באַ־רואיקט. ס׳איז נאָך אַלץ געווען שווער צוצוגלייבן, אַז דער דייטש זאָל זיך שלאָגן מיט פּוילן, ענגלאַנד, פֿראַנקרייך, און נאָך האָבן אַמעריקע מיט רוסלאַנד פֿאַר

פּאָטענציעלע שונאים. פּיניעלע מושקאַט האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ מאַפּע. ער האָט יעדן טאָג אויפֿגעוויזן אין ביאַלאָדרעוונער שטיבל, אַז היטלער איז מטורף. ניוניע האָט געשריבן הדסהן אַ קאַרטל, זי זאָל זיך אומקערן קיין וואַרשע. ער איז גרייט געווען זי אַריינצונעמען אין זיין דירה צוזאַמען מיט דאַשקען. נאָר הדסה האָט נישט געוואָלט קומען קיין וואַרשע. וואָס איז דאָס איילעניש? די שלאַכטן וועלן זיך אָנהויבן ביי דאַנציג, נישט ביי שרודבאָרואוו. אַ סך וואַר־שעווער זיינען געבליבן זיצן אויף דאַטשע. ס׳זאָל האַלטן ביי באָמבאַרדירונגען, איז מען זיכערער אין וואַלד ווי אין שטאָט. ר׳ אַהר׳לע, דער ביאַלאָדרעוונער רבי, האָט געזאָלט בלייבן ימים־נוראים אין וואַרשע. לאה האָט זיך געריסן צוריקצופֿאָרן קיין אַמעריקע, נאָר קאָפּל האָט נישט געוואָלט הערן. ער איז גאַנצע טעג און האַלבע נעכט אָפּגעזעסן ביי דער אלמנה פֿון דאַוויד קרופּניק, די געוועזענע פֿרוי גאָלדסאָבער. ער האָט איר געקויפֿט מתנות, מיט איר געשפּילט זעקס־און־זעכציק. זי האָט געקאָכט פֿאַר אים היימישע יאַיכלעך און גריצן. ס׳זיינען אויך געקומען אַהער לעאָן דער גייער און דער געלער מאָטיע. מ׳האָט געמאַכט אַ שנאַפּס, צוגע־ביסן מיט געגליווערטן פֿוס, געררויכערט אַמעריקאַנער פּאַפּיראָסן. קאָפּל האָט מכבד געווען די געסט מיט אַנאַנאַס, סאַרדינען, קאַוויאַר. מ׳האָט געשמועסט פֿון דער חברה אנשי צדק, וואו לעאָן אָקסענבערג עליו השלום איז געווען גבאי; פֿון די געשלעגן צווישן די ווואוילע יונגען פֿון וואַרשע און פּראַגע; פֿון דער רע־וואָלוציע אין 1905 און די ראַנגלענישן צווישן די סטרייקערס מיט דער אונטער־וועלט. וואו זיינען אַהינגעקומען די אַמאָליקע ציטן? נישטאָ מער דער בלינדער איטשע, שמואל סמעטענע, כאַצקעלע שפּיגלגלאַס. ס׳זיינען אַוועק די פּרעטענסיע־גייערס, די אַלפאָנסן, די קיילערס פֿון די טרפֿהנע יאַטקעס, די שמייסערס פֿון די פּלאַטפֿאָרמעס. די קעשענע־גנבים פֿון דער קראָכמאַלנע און דער סמאָטשע זיינען געוואָרן פּאַרטיי־לייט, געבראָטענע יאָלדן. די יאַטן פֿון יאַנאַשעס הויף מאַכן קאָמוניסטישע דעמאָנסטראַציעס. אַלע זיינען געוואָרן „שמענטילעגענטן״. דער געלער מאָטיע האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— נישטאָ ס׳אַמאָליקע וואַרשע! געשטאָרבן באַגראָבן! קאָנסט זאָגן רבנן־קדיש!...

— געדענקסט ווי ברוך פּאַלאַנט האָט זיך געוועט, אַז ר׳עט אַריינרוקן אַ האַלב שאָק אייער? — האָט לעאָן דער גייער געפֿרעגט.

— ס׳האָט עים גאַנץ שיין געפּלאַצט דער פּעמפּיק.

— הויבט זיך אָן אַ מעשה!...

קאָפּל האָט דערציילט, אַז די אַמעריקאַנער קאָנען נישט עסן. מ׳פּטרט אַלץ אָפּ מיט אַ סענדוויטשל. קיפֿן קיפּט מען זיך יאָ, אָבער אַלץ מוז זיין געזעצלעך. אַז מ׳וויל זיך „פֿאַיטן״, הייסט מען יענעם אויסטאָן די ברילן. מ׳טאָר נישט אַ זעץ טאָן אין בויך. צוויי טאָרן זיך נישט פֿאַרנעמען קעגן איינעם. קאָפּל האָט געשמועסט פֿון די פֿערד־געיעגן אין סאַראַטאָגאַ־ספּרינגס, אין אַטלאַנטיק סיטי, אין בעלמאָנט. מענטשן פֿאַרלירן טויזנטער דאָלאַר און מ׳מאַכט אַ שוויג. פֿאַר־איבעריגן זאָל ער עס. קאָפּל, יעדע וואָך וויפֿל ר׳האָט אַליין פֿאַרשפּילט. ער האָט

דערמאָנט אַ פֿערד, וואָס האָט אַריינגעבראַכט דעם אייגנטימער אַ מיליאָן דאָלאַר. לעאָן דער גייער האָט געצמאָקעט מיט די ליפּן.

— יענער פֿאַרדינער!

— זאָג עס נאָך אַמאָל! — האָט דער געלער מאָטיע אונטערגעבאָמקעט.

— מיינסט, מ׳מוז זיין דערבײַ? — האָט קאָפּל גערעדט. — דו זיצסט דיר אין אַ טערקיש באָד און דו ווייסט וואָס ס׳טוט זיך אויף די רעיסעס. די נומערן קומען אַרויס מיט עלעקטרע. הערסט אויפֿן ראַדיאָ יעדעס פּיצל. אַ נקבה מאַכט דיר דערווייל אַ מאַסאַזש...

— הע־הע, קאָפּעלע, זי זענען נאָך אַלץ אַ שוויצער? — האָט די פֿרוי קרופּניק זיך אָנגערופֿן.

— וואָס מיינען זי? אַז מ׳איז אַלט, איז מען נישט קאַ׳ מאַנסביל? די אויגן זען און ס׳האַרץ גלוסט. נישט מער, מ׳איז אויסגעשפּילט...

— זאָג עס נאָך אַמאָל!...

— זי וועלן אַזוי לאַנג באַלעמוטשען, קאָפּעלע, ביז היטלער ט׳אַריין און זי וועלן ניש׳ קאָנען צוריקפֿאָרן קאַ׳ן אַמעריקע.

— וואָס קאָן היטלער מיר טאָן? שיטן זאַלץ אויפֿן וויידל?

— ער באַרימט זיך ר׳עט אויסהרגענען אַלע יידן.

לעאָן דער גייער האָט זיך אָנגעצונדן.

— עלעהיי המן. אַז ר׳האָט געזען ווי מרדכי וויל זיך נישט בוקן פֿאַרן יויזל, האָט ער געוואָלט דערשטיקן אַלע יידן. איז געקומען אסתּר המלכּה און ר׳איז געגאַנגען אויפֿן שטריקל.

— היטלער דאַרף נישט קאַ׳ן אסתּר.

— וועט ער אַזוי איינגעמען די פּגירה...

— זי האָבן שוין געקויפּט אַ שטאָט אויף ראָש־השנה און יום־כּיפּור? — האָט פֿרוי קרופּניק געפֿאָרשט.

— איכ׳ל דאַווענען אין פֿאַלעניץ ביים רבין... כ׳בין דאָך עפּעס זיין שטיף־טאַטע... ווען דער אַלטער זאָל ויסן, אַז זיין אייניקל איז אַ רבי, וואָלט ער זיך איבערגעקוילערט אין קבר.

— די משומדת האָסטו שוין געזען?

— וואָס איז דאָ פֿאַראַן צו זען? ס׳שטייט איר אָנגעשריבן אויפֿן שטערן?

דער טאָג איז אַריבער און קאָפּל האָט נישט געוואוסט וואו ר׳איז אַהינגע־קומען. נאָך נאַכטמאָל האָט מען זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ קערטל. איידער מ׳האָט זיך אומגעקוקט איז געווען נאָך צוועלף. אַ טאַקסי איז שווער געווען צו קריגן אין פּראַגע און קאָפּל איז דאָ געבליבן נעכטיקן. די פֿאַני קרופּניק האָט אים גע־געבן דאַוויד קרופּניקס שלאָפֿראָק און זיינע שטעק־שיך. זי האָט אים אויסגעבעט אַ ווייך געלעגער אויפֿן וואַרשעווער שטייגער. קאָפּל איז געלעגן אין דער פֿינסטער, אָנגעשפּיצט די אויערן. קען דאָס געמאָלט זיין, אַז ער איז אין וואַרשע? איז ער דער אייגענער קאָפּל וואָס איז אַמאָל געווען ר׳ משולם מושקאַטס משרת? איז ער אַמאָל געווען באַשעלעס מאַן? איז לאה איצט זיין ווייב? אַלץ האָט אויסגעוויזן ווי אַ חלום, ס׳גאַצע לעבן. ער האָט גענומען טראַכטן וועגן טויט. ווי לאַנג קאָן

ער נאָך אַנטרייבן? אַ צוויי־דריי יאָר. מ׳עט אים באַגראָבן אין ברוקלין. צוריק־צואוועגס פֿון דער סעמעטערי וועלן די לאַנדסלייט אָפּטרעטן אויף דילענסי סטריט אָדער אויף סעקאַנד עווענױ, מאַכן אַ קנאַק־יעקב. לאה וועט קריגן די אינשורנס. צוואַנציק טויזנט דאָלאַר. וואָס טויג איר אַזויפֿיל געלט? זי איז אַליין אויך אַן אַלטע כּלבתא. נײַן, ער׳ט אַלץ איבערשרײַבן אויף זײַנע קינדער. ווי נאָר ר׳עט קומען קיין אַמעריקע. נו, וואָס ווײַטער? מ׳עט אים איבערלאָזן אין אַ פֿינסטער קבר, ס׳וועלן אים פֿרעסן די ווערים. אַ שטיקל צײַט וועט אַריבער און מ׳עט פֿאַר־געסן, אַז ס׳איז געווען אַמאָל אַ קאַפּל. איז דאָס מעגלעך, אַז ס׳איז דאָ אַ נשמה? וואָס איז דאָס אַזוינס אַ נשמה? וואָס טוט זי, אַז זי בלײַבט אָן אַ קערפּער? נאַ, ס׳אַ בבא־מעשה!...

קאַפּל איז אײַנגעשלאָפֿן. אין מיטן דער נאַכט האָט ער זיך אויפֿגעכאַפּט. ער האָט אויסגעשטרעקט אַ האַנט, אָנגעטאַפּט די טרעוולערס טשעקס אין די הויזן, דעם פּאַס אין בוזעם־קעשענע. לאה איז גערעכט. מ׳מוז אַוועק פֿון דאַנען וואָס גיכער. מלחמות און טראָבלס זײַנען נישט פֿאַר זײַנע כּוחות.

אַלערלײ געדאַנקען האָבן אים געמאַטערט. די מצבה אויף באַשעלעס קבר איז שוין באַצײַטנס אײַנגעפֿאַלן. ער, קאַפּל, האָט געזאָלט שטעלן אַ נײַעם שטיין, נאָר ער האָט פֿאַרגעסן. חיים־לייב, דער מאַן אירער, ליגט אינגאַנצן אָן אַ מצבה. ר׳האָט דאָ, אין דער פּראָווינץ, קרובים, קאַפּל. זיי גייען אַוודאי אויס פֿון הונגער. ער׳ט וויפֿל מאָל אָפּגעפּאַסט זיי אויפֿצוזוכן, נאָר וואָכן גייען פֿאַרבײַ און ער טוט גאָרנישט. ער האָט גענומען קלערן וועגן לאהן. אין אַמעריקע איז זי נאָך ווי־ס׳איז אַ ווײַב, נאָר דאָ אין פּוילן ווערט זי אַ פֿרעמדע. זי שפּײַט אים אין פּנים פֿאַר אַלעמען אין די אויגן. די לאַטע רעדט נישט אויס צו אים קיין וואָרט. דער אייגענער זון, מאָניעק, איז אויך משה־גרויס. באַשר ר׳איז אַ בוכהאַלטער. אין אַמעריקע אַ בוקקיפּער איז אַ גאָרנישט מיט נישט, נאָר דאָ איז יעדער איינער אַ גאַנצער יאַטעביעדאַם... גראָד איצט, אויף די אַלטע יאָרן, ווען מען דאַרף הערן אַ גוט וואָרט, לאָזן אים אַלע לויפֿן... קאַפּל האָט גענומען אונטערהוסטן. די פֿרוי קרופּניק האָט זיך איבערגעוועקט.

— קאַפּל, זי שלאָפֿן נישׂ׳?

— ביי איהן אין בעט וואָלט איך געשלאָפֿן.

ס׳איז געוואָרן שטיל. די פֿרוי קרופּניק האָט געטאָן האַלב־אַ־כיכע, האַלב־אַ־קרעכץ.

— משוגע מײַנע שונאים? יאָך בין אַן אַלטע ייִדענע.

— איך בין אַן אַלטער ייִד.

— מאַכן זי זיך נישט צום נאַר...

קאַפּל איז געלעגן וואָך ביז ס׳האָט אָנגעהויבן צו טאָגן. אין דער פֿרי איז ער אײַנגעשלאָפֿן, נאָר ער האָט געהאַט אַ שלעכטן חלום. ער האָט דערנאָך נישט געדענקט וואָס, נאָר ס׳איז אים געבליבן אַ ביי־טעם. ער האָט אַליין נישט געוואוסט פֿאַרוואָס, נאָר ער האָט זיך געאײַלט וואָס גיכער אַוועקצוגיין. די פֿרוי קרופּניק האָט אים צוגעטראָגן טיי מיט מילך, נאָר ער האָט אויסגעטרונקען בלויז אַ האַלב גלאָז. ער האָט זיך גיך אָנגעטאָן, אַרויס אין דרויסן. ער האָט געזאָגט,

אַז ער'ט קומען שפּעטער. די פֿרוי גאָלדסאָבער האָט נאָך אַלץ געוואוינט אויף דער מאַלע גאַס. אונטן, אַ שטאָק נידעריקער, האָט געוואוינט רעגינע, לעאָן אָקסענבערגס יינגערע טאָכטער. קאָפּל האָט איצט נישט געוואָלט זי זאָל אים זען אַראָפּגיין. ער האָט אַראָפּגערוקט דעם קאַפּעלוש, פֿאַרשטעלט די אויגן מיט שוואַרצע ברילן. ער האָט זיך געאיילט, נאָר די פֿיס האָבן נישט געדינט. ער איז אַרויס אויף דער סטאַלאָווע גאַס, געפּאָכעט מיטן שטעקן צו די טאַקסיס, נאָר קיין איינע האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט. צום סוף איז ער איינגעזעסן אין אַ טראַמווײַ. ס'האָט אים מיט אַמאָל אָנגענומען אַ בענקשאַפֿט צו לאהן. ער האָט געוואָלט מיט איר רעדן, אַז זיי זיינען ביידע אַלטע לייט. ס'איז נאַריש זיך אַרומצוקריגן. דער קאָנדוקטאָר האָט קאָפּלען דערלאַנגט אַ בילעט. קאָפּל האָט געזוכט קליינגעלט, נאָר ער האָט בלויז געהאַט אַ באַנקנאָט פֿון צוואַנציק זלאָטעס. דער קאָנדוקטאָר האָט זיך געקרימט, געמרוקעט. נאָך אַ ווייל האָט ער אַריינגעשטעקט די האַנט אין לעדע'רנעם טאַש, אויסגעציילט די רעשט אין קאָפּלס אָפֿענער האַנטפֿלאַך — פּופֿציקע'ר גראָשנס, צוואַנציקערס, צענערלעך... פּלוצים איז קאָפּלס האַנט אַראָפּגעזונקען. די מטבעות זיינען אַרויסגעפֿאַלן מיט אַ קלינגעניש. אַ בויערנדיקע ווייטאָג האָט קאָפּלען אָנגעכאַפּט אין דער לינקער זייט ברוסט, אין אָרעם. ער איז געטאָן אַ פֿאַל אויף היינטערווייל'עכץ. אין טראַמווײַ איז געוואָרן אַ טומל. דער קאָנדוקטאָר האָט גענומען קלינגען צום מאַשיניסט, ער זאָל זיך אָפּשטעלן. — כ'שטאַרב! האָט קאָפּל געטאָן אַ טראַכט. — דער סוף!...

אַן איינציק ברעקל געדאַנק איז אים געבליבן הענגען אין מוח: אַז דאָס וואָס ס'געשעט איצט האָט צו טאָן מיט דעם חלום, וואָס ער האָט געהאַט פֿאַרטאָג...

קאָפּל האָט זיך מער נישט אויפֿגעכאַפּט. ער האָט נישט געשפּירט ווי דער קאָנדוקטאָר און דער מאַשיניסט האָבן אים אַראָפּגעטראָגן, אַוועקגעלייגט אויפֿן טראָטואַר. ער האָט נישט געהערט ווי ס'איז אָנגעקומען די גיכע־הילף און צוויי סאַניטאָרן האָבן אים אַרויפֿגעלייגט אויף אַ טראָג־ברעט און אַריינגערוקט אין קעטשל. ער האָט נישט געוואוסט, אַז מ'האָט אים אַוועקגעפֿירט אין אַ קאַטוילישע שפּיטאָל און אים אַוועקגעלייגט אין אַ סאַלע מיט נאָך זיבעצן שלאָפֿע. אַ יונגער דאָקטאָר האָט צוגעלייגט אַ רערל צו קאָפּלס ברוסט, געהייסן אים מאַכן אַן איינשפּריצונג, אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט. צוויי טעג זיינען אַריבער און קיינער פֿון דער משפּחה איז נישט געוואָר געוואָרן וואָס מיט קאָפּלען איז פֿאַרלאָפֿן. לאה איז געזעסן אין אָטוואָצק אין פּענסיאָנאַט. ערשט אויפֿן דריטן טאָג האָט די פּאָליציי אויסגעפֿונען, אַז דער אַמעריקאַנער האָט דאָ אַ זון, מאָניעק בערמאַן. מ'האָט געלאָזט וויסן דער פֿאַמיליע. מאָניעק, שאָשע און איפּע זיינען גלייך אָנגעקומען. קאָפּל איז שוין געלעגן אין מתים־שטיבל. שמעון האָט שאָשען נישט געלאָזט אַראָפּגיין אין קעלער. זי איז אַ שוואַנגערדיקע פֿרוי. מאָניעק און איפּע זיינען אַראָפּ אונטן. ס'האָט זיך געטראָגן אַ געשטאַנק פֿון פֿאָרמאַלין. אויף טישן באַשלאָגן מיט בלעך זיינען געלעגן מתים צוגעדעקט מיט פּלאַכטעס. דער וועכטער, אַ הינקעדיקער גוי מיט אַ גולע אויפֿן שאַרבן, האָט אויפֿגעהויבן די צודעק. ס'איז געווען קאָפּל, דער טאַטע, אָבער ס'איז יאָ געווען ער און נישט ער. דאָס פּנים איז געוואָרן משונה איינגעשרומפּן, באַקומען אַ ביינערנע געלקייט. די אויערן זיינען

געווען ווייס ווי קעז. די נאָז האָט זיך אויסגעשפּיצט, ווי אַ שנאָבל. די אַריינגעזונקענע ציין זײַנען געהאַט אַרויסגעפאַלן. פון אָפּענעם מויל האָט אַרויסגעקוקט אַ פינסטערניש. אַ מאָרמעדיקער שמייכל האָט געהאָנגען אויף די אויגן־ווינקלען. ס'האָט זיך געדוכט, אַז דער בר־מינן זאָגט שטומערהייט: נו, דאָס איז עס. אַזוי איז די מעשה... איפּע האָט זיך צעכליפּעט, אָנגעכאַפּט דעם ברודער ביים אָרעם. מאָניעק האָט אויפגעהויבן ביים טויטן אַ וויע, געטאָן אַ בליק אין אויג. דער שוואַרצאַפּל האָט געקוקט אין ערגעץ־נישט. נאָך אַ ווייל האָט מאָניעק צוריק אַראָפּגעלאָזט דאָס לעדל...

אַ פּאָר שעה שפּעטער איז לאה געקומען צולויפן קיין וואַרשע. ביידע משפּחות, די מושקאַטס און די בערמאַנס, האָבן זיך געפּאָרעט ביי דער לוויה. פּיניעלע איז אַוועק אין דער קהילה דינגען אַ קרקע אויף דער גענשע גאַס. לאה איז געזעסן ביי פּיניעלען אין קיך. זי האָט נישט געוויינט, נאָר געהאַלטן אין איין ברעכן די פינגער. אַלץ איז געווען אַ טעות: סיי וואָס זי האָט זיך געגט מיט ר׳ משה־גבריאלן, סיי וואָס זי האָט חתונה געהאַט מיט קאָפּלען, סיי וואָס זי האָט אים געפּייניקט און פאַרשעמט, אַנשטאָט זי זאָל אים אויפהויבן און באַשיינען. איצט איז צו־שפּעט... צו־שפּעט...

אַ יידישע לוויה איז צוגעפאָרן צו דעם קריסטלעכן שפּיטאָל אין פּראַגע. גויים האָבן זיך אָפּגעשטעלט, געגאַפט. ס'האָט זיך צונויפגעזאַמלט אַ קרענצל באַלייטער. די פרוי קרופּניק האָט געוויינט, געשלוקערצט, געשנייצט די נאָז. רעגינע, רייצעלע אָקסענבערגס טאָכטער, האָט געפירט מיט זיך צוויי טעכטער, ביידע שיינהייטן. זי האָט מיט אַ ברעג טיכל אָפּגעווישט אַ טרער. ניוניע האָט געהאַלטן לאהן ביים אָרעם, אויפן היינטיק־מאָדישן שטייגער. דער געלער מאָטיע און לעאָן דער גייער האָבן זיך אָנגעקוקט שטום. לאָטע האָט נישט אויפגעהערט ווישן די ברילן. דער רבי, ר׳ אַהר׳לע, איז נישט געקומען קיין פּראַגע. ער האָט געזאָלט זיין אויפן בית־עולם. צווישן די מלווים האָט זיך געפונען אַ גרוי־האָריקע פרוי מיט אַ טונקל פלאַטשיק פּנים און קאַלמיקישע אייגעלעך. לאה האָט זי דערקאָנט. ס'איז געווען די שוואַרצע מאַניע, ר׳ משולמס געוועזענע דינסט. ווי אַזוי זי האָט זיך דערוואוסט פון קאָפּלס טויט איז געבליבן פאַר לאהן אַ רעטעניש.

—◆—

## קאַפּיטל פיר און זעכציק

### 1

די נייעס, אַז סטאַלין און היטלער האָבן געשלאָסן אַן אָפּמאַך, איז געווען פאַר עוזר־העשלען אַ סיגנאַל, אַז די מלחמה הויבט זיך אָן. ער האָט פונדעסטוועגן זיך נישט געריכט, אַז די בהלה וועט קומען אין אַ פּאָר טעג אַרום. ער האָט זיך געפונען מיט באַרבאַראַן אין אַ דערפל נעבן ד׳ער באַביאַ־גוראַ, ווייט אָפּגערוקט סיי פון זאַקאָפּאַנע, סיי פון קראָקע. קיין צייטונגען זײַנען אַהער נישט אָנגעקומען. קיין ראַדיאָ האָט זיך אין דער שכנות נישט געפונען. עוזר־העשל

האָט אויסגערעכנט די לאַגע אויף זיין אייגענעם שטייגער: ערשטנס, איז מעגלעך, אַז פּוילן וועט אָפּטרעטן דעם קאָרידאָר מיטן גוטן ווילן; צווייטנס, קאָן זיין, אַז היטלער וועט בלויז צונעמען יענע שטחים, וואָס האָבן אַמאָל געהערט צו דייטשלאַנד, ווייל ווי באַלד ער האָט אַן אָפּמאַך מיטן ראַטן־פֿאַרבאַנד, איז פּוילן מער נישט דער וועג קיין רוסלאַנד; דריטנס, קאָן געמאָלט זיין, אַז היטלער וועט זיך אַ וואָרף טאָן אויף פֿראַנקרייך און ענגלאַנד און לאָזן צורו מזרח־אייראָפּע. סיי עוזר־העשל און סיי באַרבאַראַ האָבן געהאַלטן, אַז די געגנט אַרום קראָקע איז די זיכערסטע. עוזר־העשל האָט געשיקט הדסהן געלט און פֿון איר דערהאַלטן אַ בריוול. הדסה האָט געשריבן, אַז אין וואַרשע גראָבט מען שוץ־גרובנס און מען פֿאַרטונקלט ביינאַכט די פֿענסטער, נאָר אין שרודבאָראָוו האָט זיך גאָרנישט געענדערט. קאָפּל משרת איז געשטאָרבן. די מומע לאה און מאַשע וועלן נאָך ראָש־השנה אַוועקפֿאָרן קיין אַמעריקע. לאָטע פֿאָרט מיט ר׳ אַהר׳לען קיין פּאַלעסטינע. דאָשע האָט פֿאַרלוירן דעם פּאָסטן אין דער באַנק. סטעפֿעס זינדל, יעזשעק, איז קראַנק אויף די מאָזלען. אַלע גריסן גאָר פֿריינטלעך.

מיטוואָך אין דער פֿרי זיינען עוזר־העשל און באַרבאַראַ צוגעפֿאָרן קיין זאַקאָפּאַנע. זיי זיינען אַרויף מיט אַן אויטאָבוס קיין „מאָרסקע אָקאָ". זיי זיינען צוגעגאַנגען צופֿוס צו „טשאַרני סטאַוו". זיי האָבן איבערגענעכטיקט די נאַכט אין דער האַרבעריק. אויף יענער זייט, אין טשעכאָסלאָוואַקיי, האָבן געלויערט די דייטשן, נאָר ס׳איז נישט געווען קיין שום געפֿאַר די אינוואַזיע זאָל זיך אָנהויבן דורך די בערג. דאָנערשטאָג נאָכמיטאָג האָבן עוזר־העשל און באַרבאַראַ זיך אומגעקערט אין דעם דערפֿל ביי דער באַביאַ־גוראַ. דער אלול־טאָג איז געווען אַ וואַרעמער. די פּויערים האָבן געדרעשט די אָפּגעשניטענע תּבואה. די פּויערטעס אין די קאָמערן האָבן געמאָלט די קערנער מיט פֿאַרצייטיקע האַנט־מילעכלעך. דריי שיקסעס — אַ כּלה מיט צוויי אונטערפֿירערינס — אין אויסגעהאָפֿטענע קליידער און מיט קרענצלעך אויף די קעפּ, זיינען געגאַנגען פֿון כאַטע צו כאַטע, זיך געבויגן ביז צום גאַרטל, פֿאַרבעטן אויף אַ חתונה. ביי דער קירך האָט מען געפּראַוועט אַן אַנדערע חתונה. ס׳זיינען דאָ געשטאַנען בריטשקעס באַצירט מיט בלומען. די פֿערד האָבן געטראָגן צווייגלעך אין כאָמוט. שקצים אין אויסגענייטע העמדער און אין קאַפּעליושן מיט גרינע און רויטע פֿעדערן האָבן געשפּילט אויף פֿידעלעך, געפּויקט אויף צימבלען, געיאָדלט באַרג־מעלאָדיעס. אויף די פֿעלדער האָבן באַבעס געגראָבן קאַרטאָפֿל. מחנות פֿייגל, וואָס פֿליען־אָן אין די מקומות שניט־צייט, האָבן געפּיקט קערנדלעך, געקראַקעט. די באַביאַ־גוראַ האָט אויסגעזען משונה־נאָענט. מ׳האָט אין דער קלאָרער לופֿט אונטערגעשיידט וועגלעך און שטעגלעך צווישן די נאַקעטע פֿעלזן און די בוימערדיקע בערד. פֿון די וועלדער האָט מען געפֿירט קלעצער, וואָס האָבן זיך נאָכגעשלעפּט נאָך צוויי־רעדערדיקע וועגעלעך. שקצימלעך און שיקסלעך האָבן זיך געבאָדן אין בערג־טייכל, וואָס איז רוישיק געפֿאַלן צווישן די שטיינער.

די פּויערטע, וואָס ביי איר האָט דאָס פּאָרל געוואוינט, האָט געהאָט צוגעגרייט אַ נאַכטמאָל: רויטע בערעלעך מיט סמעטענע, הירזש מיט מילך.

באַרבאַראַ האָט אױפֿגעקאָכט הײס װאַסער אין דעם קעסל, װאָס איז געװען אײַנגעמויערט אין דער קיך, געװאַשן די האָר. עוזר־העשל איז אַרױס אױפֿן הויף. צו צװײ שטאַמען איז געװען צוגעבונדן אַ האַמאַק. עוזר־העשל האָט זיך אַרײַנגעלײגט, צום װיפֿלטן מאָל געלײענט שאָפּענהויערס „די װעלט אַלס װיללע אונד פֿאָרשטעלונג״. אַקעגן הויפֿל האָט זיך אױפֿגעהױבן אַ פֿעלזיקע מויער. די סאָסנעס זײַנען אױף איר געשטיגן װי גרינע חיילות. די פֿאַרנאַכטיקע זון איז געהאָנגען נידעריק, אַ רויטע, װי אַ לאָמפּ. דער נעפּל, װאָס האָט זיך געקײַקלט צװישן די באַרג־ריסן, האָט באַקומען אַ פֿײַערדיקן קאָליר. ס׳האָט דערמאָנט עוזר־העשלען אָן לאַװע פֿון אַ װולקאַן. עוזר־העשל האָט סײַ געלײענט, סײַ געקוקט פֿאַר זיך. שאָטנס זײַנען געלאָפֿן איבער די פֿעלזן. אַ שפּאַרבער אָדער אַ גײער איז געפֿלױגן איבער דעם אָפּהאַנג. מ׳האָט געהערט אין דער שטילקײט דאָס פּאַטשעניש פֿון פֿליגל. אין משך פֿון די װאָכן, װאָס עוזר־העשל האָט זיך דאָ געפֿונען, האָט ער זיך געהאַט פֿאַרריכט. ער האָט צוגעקראָגן אַכט פֿונט. ער האָט באַקומען אַן אַפּעטיט צום עסן. ער איז דורכגעשלאָפֿן די גאַנצע נאַכט. ער האָט נאָך אַלץ געטראַכט װעגן דער „לאַבאָראַטאָריע פֿון גליק״. ער האָט זיך געשפּילט מיטן געדאַנק צו שאַפֿן אַ געשיכטע פֿון מענטשלעכע פֿאַרגעניגנס, געשריבן נישט פֿון אײן מענטש, נאָר פֿון פֿאַרשטײער פֿון פֿאַרשידענע פֿעלקער. ס׳האָבן אים נישט אָפּגעלאָזט די ייִנגלשע פֿאַנטאַזיעס, אַ געמיש פֿון מאַכט־לוסט און סעקסועלע פֿאַרלאַנגען. אין דער צײַט פֿון דער װאַקאַציע איז ער געװאָרן הײמישער מיט באַרבאַראַן װי אין די אַלע פֿריערדיקע יאָרן. זי האָט אים אַרױסגעװיזן געטרײַשאַפֿט, װי אַ װײַב. זי האָט אַלץ אָפֿטער גערעדט דערפֿון, אַז זי װיל מיט אים האָבן אַ קינד. זײ האָבן זיך געקריגט און זיך איבערגעבעטן. זײ האָבן אין דער צײַט באַקומען אײן קאַסע. ער האָט זי אױסגעלערנט קאָכן דער מאַמעס מאַכאָלים: אָנגעבריענטע גריץ, לאָקשן מיט באָבעלעך, אײַנגעלײגטע קליסקעלעך מיט מילך. אַפֿילו די גויע און די טעכטער האָבן פֿאַרזוכט די ייִדישע געקעכטסער. נאָכמיטאָג זײַנען די געליבטע געלעגן אין סאָד אױפֿן גראָז, אונטערן שאָטן פֿון אַ פֿונאַנדערגעצװײַגטן עפּלבוים, געפּלױדערט פֿון אַלץ װאָס איז זײ געקומען אין מויל אַרײַן. זײ האָבן שפּילעװדיק קאָמבינירט װערטער פֿון ייִדיש און פּויליש. ער האָט איר אַנטװיקלט זײַנע טעאָריעס. זײ האָבן האַלב־שלעפֿעריק זיך געשפּאַרט. באַרבאַראַס רײד האָבן אַלע געפֿירט צום אײגענעם: ס׳קאָן נישט זײַן קײן װאָוילזײַן אָן געפּלאַנטער װירטשאַפֿט. ס׳קאָן נישט זײַן קײן פּלאַן־װירטשאַפֿט אָן דער דיקטאַטור פֿון פּראָלעטאַריאַט. דער היטלער־סטאַלין אָפּמאַך האָט אין אָנהײב באַרבאַראַן צעטומלט, נאָר זי האָט באַלד געפֿונען אַ פֿאַרענטפֿערונג: ענגלאַנד און פֿראַנקרײַך האָבן אַלײן דערצו דערפֿירט. פֿריער האָבן זײ אױפֿגעשטעלט היטלערן. דערנאָך האָבן זײ אים אָנגערײצט אױף רוסלאַנד. עוזר־העשלס טענות האָבן אַלע געהאַט דעם אײגענעם זין: ס׳קאָן נישט זײַן קײן סאָציאַליזם אָן אינטערנאַציאָנאַלן געבורט־קאָנטראָל. װי לאַנג די כינעזער און הינדוסן קינדלען אָן אָפּהאַלט, װעט מען זיך קוילען. אַלע פּראָבלעמען מוזן געלײזט װערן אין שלאָף־צימער...

דאָנערשטאָג בײַנאַכט האָט דאָס פּאָרל זיך געלײגט פֿרי. באַרבאַראַ איז

באַלד איינגעשלאָפֿן. עוזר־העשל איז געבליבן וואַך ביז שפּעט. ער האָט נישט פֿאַרמאַכט דעם לאָדן. ער איז געלעגן און אַרויסגעקוקט צום נאַכטישן הימל, געדיכט באַזייעט מיט שטערן. ווי געוויינלעך אין אויגוסט, איז דער חלל פֿול געווען מיט מעטעאָרן. זיי האָבן איבערגעלאָזט נאָך זיך פֿייערדיקע ריטער. אין אַ ווינקל האָריזאָנט האָט געבליצט, אַ צייכן אויף היצן. גליוורעמס האָבן זיך אָנגעצונדן, אויסגעלאָשן. פֿרעש האָבן געקוואַקעט. דורך אַן אָפֿענער שויב זיינען אַריין אַלערליי פֿליגן, באַבעלעך, מולן. זיי האָבן זיך אָנגעשלאָגן אָן די ווענט, אָן פֿענסטער, אָן אָנלען פֿון בעט. עוזר־העשל האָט געטראַכט פֿון היטלערן. לויט שפּינאָזאָן איז ער אַ טייל פֿון דער גאָטהייט, אַ מאָדוס פֿון דער אייביקער סובסטאַנץ. יעדע טאַט זיינע איז באַשטימט לויט די אייביקע געזעצן. אַפֿילו ווען מען קערט זיך אָפּ פֿון שפּינאָזאָן, מוז מען נאָך אַלץ צוגעבן, אַז היטלערס קערפּער איז אַ טייל פֿון דער זון, וואָס פֿון איר האָט די ערד זיך אָפּגעריסן. יעדע מערדעריי זיינע איז אַ פֿונקציע פֿון דער נאַטור, דעם קאָסמאָס. אַלע שפּעקולאַציעס ברענגען צום לאָגישן אויספֿיר, אַז אָדער גאָט איז שלעכט, אָדער ליידן און דער טויט זיינען גוט...

באַרבאַראַ האָט זיך געדרייט, אויפֿגעהערט סאָפּען, ווי זי וואָלט זיך אַ וויילע איינגעהערט אין די טראַכטעכצער. מיט אַמאָל האָט זי שלאָפֿנדיקערהייט אַרונטערגעלייגט די האַנט אונטער עוזר־העשלס נאַקן. ער האָט אַ נייגעריקער אָנגעטאַפּט איר לייב: דעם האַלדז, די ברוסטן, די אַקסלען, דעם בויך. נעבן אים איז געלעגן אַ מענטש גלייך ווי ער, אַ פּראָדוקט פֿון אומצאָליקע זכרים און נקבות, פֿון אַן אַ שיעור פֿאַרענישן, אַ יורשטע פֿון מאַלפּעס, פֿיש, באַשעפֿענישן, וואָס ס׳איז נישט געבליבן פֿון זיי קיין זכר. זי אַליין האָט אויך נאָר אויפֿגעטויכט אויף אַ ווייל. באַלד וועט זי זיך אומקערן אין דעם שמעלץ־קעסל, וואָס פֿון אים געשטאַלטיקן זיך אַלץ נייע פֿאָרמען...

ס׳האָט שוין אָנגעהויבן טאָגן ווען עוזר־העשל איז איינגעשלאָפֿן. עמעץ האָט אים געוועקט. ס׳איז געווען באַרבאַראַ. דאָס פּויערישע שטיבל מיט די פֿריש־געקאַלכטע ווענט און די גראָבע באַלקנס איז געווען פֿאַרפֿלייצט פֿון זון. ס׳האָט געשמעקט מיט פֿריש־געמאָלקענער מילך און צעמאָלענער קאַווע. עוזר־העשל האָט זיך אָנגעבייזערט.

— וואָס וועקסטו מיך? לאָז מיך שלאָפֿן!

— טייערער, ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די מלחמה! — האָט באַרבאַראַס קול זיך געבראָכן ווי פֿון טרערן.

עוזר־העשל איז געוואָרן אַנטשוויגן. ער האָט זי אָנגעקוקט אַ וואַכער.

— ווען? פֿון וואַנען ווייסטו?

— מ׳האָט געהערט אויפֿן ראַדיאָ. מ׳וואַרפֿט שוין באָמבעס...

עוזר־העשל האָט זיך אויפֿגעזעצט.

— נו, אַזוי.

— מיר מוזן גלייך פֿאָרן!

אין דרויסן איז געשטאַנען אַ רעדל פּויערים, שקצים, פּויערטעס. מ׳האָט

אויפֿגעהויבן די קעפּ, געגלאָצט אין דער הויך. ס׳זיינען שוין געהאַט פֿאַרביי־געפֿלויגן עראָפּלאַנען. מ׳האָט נישט געוואוסט צי פּוילישע, אָדער נאַציישע. פֿון מאָל צו מאָל האָבן די גאַיעס געכאַפּט אַ בליק אין דעם פֿענסטער וואו ס׳האָבן געוואוינט די שטאָטישע געסט. עוזר־העשל איז אַרויס אין דרויסן. קיין באַן האָט אין דעם דאָרף זיך נישט אָפּגעשטעלט. מ׳האָט געדאַרפֿט צופֿאָרן מיט אַ פֿורל קיין יאַרדאַנאָוו, און פֿון דאָרט מיט דער באַן קיין קראָקע. עוזר־העשל האָט געפֿרעגט אַ פּויער צי ער וועט אים צופֿירן, נאָר יענער האָט געהויבן די אַקסלען. ווער׳ט אין אַזאַ צייט איינשטעלן פֿערד־און־וואָגן? עוזר־העשל האָט זיך געלאָזט שפּאַנען צו דער פּאָסט. דאָרט האָט מען אַמאָל געקראָגן אַ געלעגנהייט. דאָס דאָרף האָט אויסגעזען אויפֿגערודערט. טירן זיינען געשטאַנען אָפֿן. פּויערים און באָבעס האָבן געמאָטלט. הינט האָבן געבילט. שקצים האָבן ליידיק־גייעריש געשטיפֿט מיט די שיקסעס. ביי דער פּאָסט האָט עוזר־העשל באַגעגנט אַ פּוילישן לערער פֿון זאַקאָפּאַנע. עוזר־העשל און באַרבאַראַ האָבן זיך געהאַט מיט אים באַקאַנט קלעטערנדיק אויף דער באַביאַ־גוראַ. ער איז דאַ אַלעמאָל אַרומגעגאַנגען אין גראָבע בערג־שיך באַשלאָגן מיט נעגל און אין וואָלענע שקאַרפּעטן. ער האָט זיך נישט אַרויסגעריירט אָן אַ רוק־זאַק און אַ שטעקן מיט אַ האַק. עוזר־העשל האָט זיך געגריסט. יענער האָט אים אָנגעקוקט אַ דערשטוינטער.

— דער פּאַן איז נאָך דאַ? יעדע מינוט קאָנען אָנקומען די נאַציס.

— יעדע מינוט?

— יאָ, יעדע מינוט!

עוזר־העשל האָט דערשפּירט ווי דאָס העמד ווערט אים פֿייכט.

— כ׳קאָן נישט קריגן קיין פֿערד־און־וועגעלע.

— איך אויפֿן פּאַנס אָרט וואָלט אַנטלאָפֿן צופֿוס...

דער לערער האָט אַרויסגענומען פֿון בוזעם־קעשענע אַ מאַפּע, אָנגעוויזן מיטן שפּיץ בלייפֿעדער די טשעכישע שטעטלעך אויף יענער זייט גרענעץ: גאַדצאַ, נאַמעסטאָווע, יאַבלונקאַ. ס׳איז דאַ אַ דורכגאַנג דורך די בעסקידן. יעדע רגע קאָנען אָנקומען טאַנקן. עוזר־העשלען איז געוואָרן טרוקן אין גומען.

— אפֿשר קאָן דער פּאַן מיר נאַראַיען אַ פֿור? כ׳על צאָלן דאָס צענפֿאַכע געלט!...

דער לערער האָט געדונגען אַ פֿור. ער האָט שוין פֿאַר איינוועגס אויפֿגעע־לאָדן זיין געפּעק. די נסיעה קיין יאַרדאַנאָוו האָט געדאַרפֿט דויערן מינדסטנס דריי שעה. גויים האָבן נאָכגעקוקט ווי די שטאָט־לייט טראָגן זיך אָפּ. באַרבאַראַ האָט זיך געוואַקלט אויף אַ בינטל שטרוי. דער לערער האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבן דעם אָנטרייבער. דאָס פֿערדל איז געקראָכן טריט ביי טריט, אויפֿגעהויבן אַ שטויב. עוזר־העשל האָט אומגעקערט דאָס פּנים צו דער באַביאַ־גוראַ און צו דעם אויסגעלייטערטן הימל איבער זיין שפּוע. אויף די ליפּן איז אים גע־קומען דער פּסוק: אל ההרים אשא עיני מאין יבא עזרי...

## 2

עוזר־העשל און באַרבאַראַ זיינען אָנגעקומען קיין וואַרשע אָן די וואַליזעס, אין צעקנייטשטע מלבושים, אין צעריסענע שיך. עוזר־העשלען איז געהאַט אָנגעוואַקסן אַ באָרד. באַרבאַראַס ווייס קלייד איז געווען פֿול מיט פֿלעקן. אין די זעקס טעג וואָגלענישן האָט דאָס פּאָרל געהאַט דורכגעמאַכט אַלע פּלאָגן: באָמבאַרדירונגען, הונגער, דורשט. מ׳האָט זיך געוואַלגערט אויף וואָקזאַלן און אין מיטן פֿעלד; מ׳איז געגאַנגען צופֿוס און מ׳האָט זיך באַהאַלטן אין גריבער. עוזר־העשל האָט גלייך דעם ערשטן טאָג געמאַכט שלום מיטן טויט. ער האָט געהאַט ליגן אין וועסטל־קעשענע אַ ראַזיר־מעסערל, גרייט איינצושניידן זיך די אָדערן ווי נאָר ער וועט דערזען דעם ערשטן דייטש. באַרבאַראַ האָט נאָך אין קראָקע געטענהט, אַז שלעפּן זיך קיין וואַרשע איז אַן אומזין. זי האָט זיך געוואָלט פֿאַרנעמען אויפֿן וועג קיין ריישע און פֿון דאָרט קיין וואָלין, אָדער גאָר צו דער רומענישער גרענעץ. אָבער עוזר־העשל איז דערויף נישט באַשטאַנען. ווי אויסטערליש, נאָר ער, עוזר־העשל, דער אומטרייער מאַן, דער פֿאָטער וואָס האָט געלאָזט זיינע קינדער אויף גאָטס באַראָט, איז מיט אַמאָל געוואָרן צוגעבונדן צו דער משפּחה. ער האָט נישט קיין רעכט איבערצולאָזן הדסהן און דאַשקען אַליין... ער האָט אין וואַרשע אַ שוועסטער מיט קינדער... ס׳איז דערגאַנגען צו אים, אַז מענער לאָזן איבער די משפּחות אין וואַרשע און לויפֿן מיט דער פּוילישער אַרמיי, נאָר ער, דער שטענדיקער דעזערטיר, האָט זיך געריסן צו דער האַלב־באַלאַגערטער שטאָט. ס׳האָט געהאַלטן דערביי, באַרבאַראַ זאָל זיך געזעגענען און גיין איר וועג. נאָר זי איז געבליבן. די לעצטע טעג האָט דאָס פּאָרל ווייניק גערעדט. מ׳האָט געשפּאַנט שווייגנדיקערהייט. מ׳האָט זיך אַוועקגעלייגט אויף אַ לאָנקע, ביי אַ סטויג היי, נעבן אַ וואָקזאַל, און מ׳איז געלעגן שטום. עוזר־העשל האָט זיך אויפֿגעפֿירט מאָדנע. ער האָט געהאַט אַלץ אַוועקגעוואָרפֿן, נאָר אין קעשענע פֿון רעקל האָט געשטעקט אַן אַלגעבראַ אַן טאַוולען. צווישן איין באָמבאַרדירונג און דער אַנדערער האָט ער מיט אַ בליישטיפֿט געשריבן חשבונות אויף אַ נאָטיץ־ביכל. ער האָט זיך נישט געשראָקן פֿאַר די געפֿאַרן, נאָר ס׳איז אים געווען לאַנגווייליק. וואו־דען קאָן מען זוכן טרייסט אין דעם תהו־ובוהו אויב נישט אין אַדעקוואַטע אידייען? אַ דריי־עק האָט נאָך אַלץ צוויי גלייכע ווינקלען. אַפֿילו היטלער קאָן דאָס נישט איבעראַנדערשן. אין פּיעטרקאָוו, בעת באָמבעס זיינען געפֿלויגן, איז ער אַוועק זוכן אַ בוך. ער איז געזעסן אויפֿן בריק צווישן אַ המון מענער, ווייבער, קינדער, און ער האָט געלייענט. די פּאַסאַזשירן האָבן אים אָנגעקוקט האַלב־מיט־קנאה, האַלב־מיט־שפּאָט. ער איז אין דעם פּאַניק געוואָרן געלאַסן. ער איז געגאַנגען מיט געמאָסטענע טריט. ער האָט זיך יעדעס מאָל אָפּגעשטעלט, איינגעאָטעמט טיף. באַרבאַראַ איז אין דער בהלה געוואָרן צוגעלאָזענער. זי האָט זיך פֿונאַנדערגערעדט מיט אַלטמאָדישע יידענעס, האַלב־אויף־פּויליש, האַלב־אויף־יידיש. זי האָט געפֿרעגט עצות, געבעטן טובהס, באַקומען אַלערליי אינפֿאָרמאַציעס. עוזר־העשל האָט אַלעמען אויסגעמיטן. ער האָט באַקומען ערגעץ אַ פּוילישע

מאַפּע, געניטשעטערט. דאָס פּנים, וואָס איז די לעצטע וואָכן געוואָרן פֿול, איז ווידער געוואָרן אויסגעמאָגערט. די אויגן האָבן געקוקט איבער אַלעמענס קעפּ. דאָס שפּראָצנדיקע בערדל האָט אים צוגעגעבן אַ חסידישן אָנבליק. איינמאָל, ווען ער איז געזעסן מיט באַרבאַראַן אין אַ ריוו, נישט ווייט פֿון אַ באָמבאַר־דירטער באַן, האָט ער זיך אָנגערופֿן:

— וואָס זאָגסטו צו גאָט, האַ?

— וואָס האָב איך צו זאָגן? דו פֿירסט דאָך מיט אים חשבונות.

— ער בויט גרינג און צעשטערט גרינג... ער מאַכט מיט אונדז עקס־פּערימענטן...

די עלעקטרישע באַן פֿון גראָדזשיסק קיין וואַרשע האָט שוין נישט קורסירט. עוזר־העשל און באַרבאַראַ האָבן דורכגעמאַכט דאָס שטיקל וועג אויף אַ לאַסט־אויטאָמאָביל. עוזר־העשל האָט דערלאַנגט דעם שאָפֿער די לעצטע צען זלאָטעס. זיי זיינען אַריינגעפֿאָרן אין אַ פֿינסטערער שטאָט. דאָ און דאָרט האָבן גע־וואַכט מאַנסלייט מיט בענדער אויף די אָרעמס. אין מיטן גאַס האָט זיך געצויגן אַ גרוב, קופּעס ערד. קיין טראַמוויי איז איצט מער נישט געגאַנגען. קיין דראָשקע איז נישט פֿאַרביי. די פֿענסטער זיינען אַלע געווען אויסגעלאָשן. דער שמאָלער פּאַס הימל איבער די דעכער האָט געהויערט אונטערוועגיש־פֿינסטער, געדיכט באַזייעט מיט שטערן. אַ טויבע שטילקייט האָט געשוועבט איבער וואַרשע, אַ פֿרעמדע, אַ נישט־דאָאיקע. עוזר־העשל און באַרבאַראַ זיינען אָפּגעשטיגן אויף דער יערוזאַלימער אַלייען. זיי האָבן זיך געלאָזט גיין לענגאויס דער מאַרשאַל־קאָווסקע. ביי דער זלאָטע האָבן זיי זיך פֿאַרדרייט צו דער אייזן־גאַס. זיי האָבן געהאַט אָפּגעשמועסט צו נעכטיקן די ערשטע נאַכט ביי איר אין צימער...

אויף דער זלאָטע האָבן זיי זיך אָנגעשטויסן אָן דעם ערשטן באָמבאַרדירטן הויז. ס'האָט זיך געטראָגן דערפֿון אַ ריח פֿון קאַלך, קויל, גאַז, נאָך עפּעס רויכיקס און אָנגעברענטס. די פֿאָדערשטע מויער איז געהאַט איינגעפֿאַלן. פֿון אַ קופּע ציגל, טינק, גלאָז, האָט אַפּערגעשטאַרצט אַ באַלקאָן. ס'האָבן זיך אויס־געשיילט איבערגעשניטענע דירות, בעטן, טישן, בילדער. ס'האָט דערמאָנט אין מאָדערניסטישע טעאַטער־דעקאָראַציעס. דער דורכגאַנג איז געווען פֿאַר־שטעלט. מ'האָט געמוזט קלעטערן איבער די הויפֿנס. אויף דער אייזן־גאַס האָט גע־ברענט אין אַ פֿאַבריק. אין די געקראַטעטע פֿענסטער זיינען אומגעלאָפֿן פֿלאַמען. אָן עסנדיקער רויך האָט געזעצט פֿון דעם געביי. פֿייערלעשער האָבן אין דער האַלבער־פֿינסטער געשפּריצט וואַסער פֿון קישקעס. אַ קליין מענטשל איז צו־געקומען, עפּעס פֿאַרלאַנגט, זיך אָנגעבייזערט. נישט עוזר־העשל און נישט באַרבאַראַ האָבן פֿאַרשטאַנען וואָס ער וויל... באַרבאַראַ האָט קוים דערקאָנט דאָס הויז, וואו זי האָט געוואוינט. זי האָט אָנגעקלונגען, נאָר קיינער האָט נישט געענטפֿערט. זי האָט געצויגן דעם גלאָק מיט אימפּעט, נאָר די דראָט האָט גע־מוזט זיין איבערגעריסן. מ'האָט נישט געהערט קיין קלינגען. זי האָט גענומען קלאַפּן מיט די פֿויסטן אין האַלץ. נאָך אַ ווייל האָבן זיך דערהערט טריט. דורכן שייבל האָבן דורכגעקוקט אַ פּאָר שטעכיקע אויגן. ס'איז נישט געווען דער אַלטער סטרוזש, וואָס האָט געקאָנט באַרבאַראַן, נאָר אַ נייער. די שוואַרצאַפּלען

זיינע האָבן זיך איינגעשטאָכן אין אירע. דער שליסל האָט זיך איבערגעדרייט. די טיר האָט זיך אויפֿגעשפּאַרט אויף אַ שפּעלטל.

— די פּאַני צו וועמען?

— מיר וואוינען דאָ.

— וואו?

באַרבאַראַ האָט געזאָגט דעם נומער.

— ס'איז פֿאַרבאָטן זיך אַרומצושלענדערן אין די נעכט!...

— מיר קומען איצט פֿון זאַקאָפּאַנע.

— ווי אַזוי?... נו...

דער הויז־וועכטער האָט געקראַצט אין קאָפּ. עוזר־העשל און באַרבאַראַ האָבן זיך געלאָזט אַרויפֿגיין דורך דעם פֿראָנט־אַריינגאַנג. באַרבאַראַ האָט אַריינגעשטעקט דעם שליסל אין שליסל־לאָך, נאָר די טיר איז געשטאַנען אָפֿן. מ'האָט באַגנבעט אָדער וואָס? באַרבאַראַ האָט געוואָלט אָנצינדן די עלעקטרע, נאָר זי האָט זיך דערמאָנט, אַז מען טאָר נישט מאַכן ליכטיק. זי האָט געטאַפּט ווי אַ בלינדע. זי האָט אויפֿגעשלאָסן די קליידער־שאַנק. ס'האָבן געהאַנגען די קליידער און דער ווינטער־מאַנטל. זי איז צוגעגאַנגען צום שרייב־טיש, געפּרוווט אויפֿרוקן די שופֿלעדער. זיי זיינען געבליבן פֿאַרמאַכט. זאָל זי האָבן פֿאַרגעסן אין איילעניש צו פֿאַרשליסן די טיר פֿאַרן אָוועקפֿאָרן? באַרבאַראַ האָט זיך דערנעענטערט צום בעט. זי האָט געדענקט קלאָר, אַז זי האָט פֿאַרבעט פֿאַר דער רייזע, נאָר די קאָלדרע האָט זיך נאָכגעשלעפּט. די קישנס זיינען געווען צעוואָרפֿן. עמעץ האָט זיך דאָ געפּאָרעט אין איר אָפּוועזנהייט. מ'איז דאָ געשלאָפֿן. זי איז צוגעגאַנגען צום טעלעפֿאָן און אויפֿגעהויבן דאָס טרייבל. ס'האָט זיך דערהערט אַ רויש. ס'איז נאָך פֿאַראַן אַ קאָנטאַקט. די וועלט איז נאָך אַ וועלט. באַרבאַראַ האָט אַרויסגענומען פֿון טאַש די שליסעלעך, געעפֿנט די קאָמאָדע. זי האָט אין דער פֿינסטערניש אַרויסגעצויגן אַ ליילעך, אַ צוך, ציכלעך, אַ האַנטוך. די לייט, וואָס האָבן זיך אַהער אַריינגעבראָכן, האָבן גאָרנישט צוגעגנבעט. עוזר־העשל האָט זיך אָוועקגעשטעלט ביים פֿענסטער. דער הויף אונטן איז געלעגן אַ פֿאַרשטומטער. די שוואַרצע שויבן האָבן געקוקט חורבהדיק בלינד. אַן אָנגעלאָדענע שטילשוויגעניש האָט זיך געטראָגן אין חשכות. ס'האָט זיך אויסגעדוכט: פֿאַרלאָשן געוואָרן איז די ציוויליזאַציע, די קולטור, אַלע מענטשלעכע אויפֿטועכצער. אויסגעשטאָרבן זיינען די באַוואוינער פֿון דער ערד. די באַשאַפֿונג האָט זיך אומגעקערט צום תּוהו ובוהו. שקעלעטן בלויז פֿון מענטשלעכע ישובים שטאַרצן אַרויס ווי מצבֿות אויף קבֿרים. עוזר־העשל האָט זיך דערמאָנט דעם זאָג פֿון דייוויד יום: ס'איז נישטאָ קיין שום לאָגישער באַווייז, אַז מאָרגן וועט אויפֿשיינען די זון. ס'איז בלויז אַ וואַרשיינלעכקייט...

— טייערער, מיר'ן היינט שלאָפֿן אין אַ בעט! — האָט באַרבאַראַ זיך אָנגערופֿן.

עוזר־העשל האָט אויפֿגעדרייט דעם קראַן. אַ ווייל האָט זיך דערהערט אַ קרעקעניש. באַלד האָט גענומען רינען אַ לעבלעכע פֿליסיקייט. עוזר־העשל האָט אונטערגעשטעלט פֿריער די הענט, דערנאָך דעם קאָפּ. ער האָט סיי זיך געוואַשן,

סיי געטרונקען. ער האָט אַראָפּגענומען דאָס אַנטועכץ. פֿון די מאַנקעטן אין די הויזן זיינען אַרויסגעפֿאַלן שטיינדלעך. די שקאַרפּעטן זיינען געווען צעריסן, פֿול מיט זאַמד. דאָס העמד האָט געקלעפּט אויפֿן לייב. ער האָט עס אויסגעטאָן, אַוועקגעלייגט דאָס אַנטועכץ אויף אַ שטול. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער קאָזעטקע, אָנגעטאַפּט די פֿיס. גאָט אין הימל, וואָסערע שטחים זיי זיינען אָפּגעגאַנגען פֿון פֿרייטאָג־אָן! ער האָט זיך קיינמאָל נישט אויסגעמאָלט, אַז ער קאָן אַזויפֿיל שפּאַנען. ער האָט אָנגערירט די ריפּן, דעם בויך, דעם ברוסט־קאַסטן. דאָס איז ער, עוזר־העשל. די אידייען זיינע דריקן אויס דעם דאָזיקן גוף. באַלד קאָנען ביידע זיך אויסלאָזן. ער האָט זיך אויסגעצויגן, צוגעשלאָסן די וויעס. ערשט איצט איז אים אויפֿגעפֿאַלן, אַז ער האָט גאָרנישט פֿאַרזוכט פֿון גאַנץ־פֿרי־אָן. די געדערים האָבן געראוישט. ער האָט צוגעלייגט צוויי פֿינגער צום האַנט־געלענק. דער דופּק האָט געקלאַפּט פּאַמעלעך. פֿון מאָל צו מאָל האָט דער פּולס זיך אין גאַנצן ווי אָפּגעשטעלט.

— האָסט אפֿשר עפּעס צו עסן? — האָט ער געפֿרעגט באַרבאַראַן.

— וואַרט אַ מינוט!

באַרבאַראַ האָט זיך אַראָפּגעבויגן איבער אַ שענקעלע. די אויגן זיינען צוגעוואוינט געוואָרן צו דעם חושך. זי האָט זיך געהאַט אויסגעטאָן. ס'האָט זיך געוויסט דער רוקן, די אָרעמס, די היפּטן.

— אַ פֿלעשל מאַלינעס!

— דאָס אַלץ?

— וואַרט, ס'איז דאָ נאָך.

זי האָט געפֿונען אַ סך שפּייז: אַ טיטל מעל, אַ שקאָרמיץ רייז, אַ שאַכטל סאַרדינען, אַ פֿאַרדאַרטן זעמל. עוזר־העשל האָט אָנגעריבן אַ שוועבעלע. באַרבאַראַ האָט אָנגעצונדן די מאַשינקע, צוגעשטעלט די רייז. זי האָט צעבראָכן דעם זעמל אויף צוויי, דערלאַנגט עוזר־העשלען אַ העלפֿט. עוזר־העשל האָט געקייט, צוגעזופּט וואַסער מיט מאַלינע־זאַפֿט. ער האָט האַלב־געגעסן, האַלב־געדרימלט. ווער ווייסט? אפֿשר איז דאָס שוין די לעצטע נאַכט? הדסה איז אַוודאי אין וואַרשע, איז אים דורכגעלאָפֿן דורך די געהירן. ביים פֿאָטער. דאַשקע איז מסתמא אויך דאָ. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט אַ זון, דאָווידעקן. אין ארץ־ישראל. ס'זיינען נאָך פֿאַראַן מדינות וואו מ'האָט מנוחה. אין ניו־יאָרק גייט מען אין טעאַטער, מ'עסט אין רעסטאָראַנען, מ'טאַנצט, מ'שפּילט מוזיק. די דאָרטיקע מוחות מוזן טראַכטן אַנדערש... ער האָט דערהערט אַ מיאַוקעניש פֿון קעץ. די באַשעפֿענישן ווייסן נישט, אַז ס'איז דאָ אַ היטלער. גלייך אַזוי פֿאַרזעען מיר אַנדערע רעאַליטעטן...

עוזר־העשל איז איינגעשלאָפֿן. באַרבאַראַ האָט אים געוועקט. ער האָט אויפֿגעמאַכט אַן אויג, נאָר ער האָט גאָרנישט געדענקט. ער האָט נישט געוואוסט ווער ער איז, וואו ער געפֿינט זיך, וואָס ס'איז מיט אים געשען. ער האָט געהערט ווי באַרבאַראַ זאָגט:

— עוזר־העשל, די רייז איז פֿאַרטיק.

— די רייז? ווער עסט רייז אין מיטן דער נאַכט? — האָט ער זיך געוואונ־

דערט. — וועמענס קול איז דאָס? — האָט ער זיך געפֿרעגט. — איז דאָס הדסה? ניין, ס׳איז נישט הדסה. איז דאָס אידל? ס׳איז נישט אידל. ווער־זשע איז זי? ער האָט זיך נישט געקאָנט דערמאָנען. זי האָט אים דערלאַנגט אַ לעפֿל. ער האָט מיט אַן אוממעכטיקער האַנט אָנגענומען דאָס נישט־באַשמאַלצענע געקעכטס, צוגעלייגט צום מויל. גאָט אין הימל, ער האָט פֿאַרלוירן דעם זכּרון!... זי האָט זיך צוגעזעצט נעבן אים, געגעסן פֿון דעם אייגענעם טעפּל. זי האָט צוגעלייגט איר באַק צו זיינער.

— ביסט נישט הונגעריק, אָדער וואָס?

— כ׳בין שלעפֿעריק.

— גיי לייג דיך.

ער האָט זיך אויפֿגעהויבן, נאָר ער האָט נישט געזען דאָס בעט. ער האָט זיך אָנגעשטויסן אָן אַ טישל, אַ שטול, אַ קאַנט אויוון. ער איז געשטאַנען און אָפּגע־וואַרט. ער האָט געטאָן אַ דרימל שטייענדיקערהייט, ווי אַ בעל־חי. ס׳האָט זיך אים אָנגעהויבן עפּעס חלומען. ער איז אַ קליין יינגעלע. ער קומט אַרויס ביינאַכט פֿאַר דער שוועל. אויף אַ נידעריק דעכל זיצט אַ פֿאַרשטעלטער, אַ ציגיינער, אַ קוי־מענקערער. פֿון קוימען פֿליען פֿונקען. מ׳לאָזט אַראָפּ אַ בעזים, אַ שטריק, אַ שמאַטע — עפּעס אומריינס און פֿאַרכטיקס... ער האָט זיך איבערגעוועקט מיט אַ צאַפּל.

— וואָס טוסטו? וואָס קריכסטו אַרום?

ער האָט געוואָלט ענטפֿערן, נאָר די ווערטער האָבן זיך אים נישט געלייגט אויף די ליפּן. אויף דער צונג איז געבליבן קלעפּן אַ קערנדל רייז. ער האָט זיך געקלאָמערט אין דער וואַנט, ווי אַ קינד וואָס לערנט זיך גיין... באַרבאַראַ איז צוגעקומען, אים אָנגענומען ביים אָרעם.

— וואָס טוט זיך מיט דיר? וואָרפֿסט אויף מיר אָן אַ שרעק!...

זי האָט אים צוגעפֿירט צו געלעגער. דאָס בעטציייג איז געווען קיל. דער קאָפּ איז איינגעזונקען אין אַ ווייך קישן. אַ לאַנג פֿאַרגעסענע זעליקייט האָט אויף אים אַראָפּגענידערט. די מאַמע איז געקומען, אים צוגעטוליעט צו דער שויס...

## 3

אינדערפֿרי האָט עוזר־העשל געעפֿנט די אויגן. ס׳האָט אים אויפֿגעוועקט אַ רויש פֿון עראָפּלאַנען, אַ קנאַקעניש פֿון מאַשין־געווער. די שטוב איז געווען פֿאַרפֿלייצט מיט זון. באַרבאַראַ האָט זיך שוין אָרומגעדרייט אין אַ שלאָפֿראָק און שטעק־שיך. אַ קינדישע פֿרייד האָט עוזר־העשלען אַרומגעכאַפּט. די זון שיינט! מענטשן לעבן! ער איז אין דער היים! ער איז אַראָפּ, אויף זיך עפּעס געכאַפּט. די עראָפּלאַנען זיינען געוואָרן שטיל. דאָס שיסן האָט אויפֿגעהערט. די פֿענסטער זיינען ווידער געשטאַנען אָפֿן. ראַדיאָס האָבן געהילכט. קינדער האָבן געשריגן. דער הויף איז געווען פֿול מיט שכנים. דאָס געזעמל האָט גערעדט, גע־מאַכט מיט די הענט, געטייטלט אין דער הויך. אַן ערב־יום־טובדיקע הייטערקייט איז געלעגן איבער אַלץ און אַלעמען. עוזר־העשל איז צוגעלאָפֿן צו באַרבאַראַן,

זי ארומגענומען, געקושט. ער איז אויפגעקומען מיט א הונגער, א דורשט, א ברעכעניש אין די קני, א פארלאנג צו גיין, לויפן, זיך באגעגענען מיט נאענטע. דער פחד פאר די נאציס, וואס האט די לעצטע טעג אן אויפהער געקלעמט אין דער ברוסט, איז מיט אמאל געווארן אויסגעוועפט. בארבארא האט אנגעשטעלט דעם ראדיא. דער ספיקער האט דערציילט פון נצחונות. אונדזערע בראווע סאלדאטן שלײדערן צוריק דעם שונא אויף אלע פראנטן: ביי שעראדז, פיעטרקאוו, טשעכאנאוו, מאדלין... אויפן האלב־אינדזל העל שטעלט אונדזער ארמיי א מעכטיקן ווידערשטאנד. פון אינדזל וועסטערפלאטע ביי דאנציג ווערט דער פיינט צוריקגעשטויסן. ענגלישע און פראנצויזישע עראפלאנען באמבארדירן דייטשע פאבריקן אין רור־געביט. אין אמעריקע קומען פאר ריזיקע פראטעסט־דעמאנסטראציעס. פרעזידענט רוזוועלט האט צונויפגערופן א ספעציעלע זיצונג פון מיניסטארן־קאבינעט!...

מ'האט איבערגעגעבן נייעס און געזונגען לידלעך; מ'האט געשפילט און געצימבלט; געלערנט די באפעלקערונג ווי זיך אויפצופירן ביי די לופט־אטאקעס און ווי צו באהאנדלען די פארוואונדעטע. יעדע מינוט זיינען געקומען באריכטן, באפעלן, ווארענישן, האפערדיקע צוזאגן, אז מ'עט די הויפט־שטאט דעם דייטש נישט איבערענטפערן. עוזר־העשל האט טעלעפאנירט ניוניען, דעם שווער, נאר קיינער האט נישט געענטפערט. ער האט אויסגעזוכט אין טעלעפאן־בוך פיניעלעס נומער. ער האט דערהערט פיניעלעס קול, כארכלענדיק ווי ביי א זקן.

— ווער איז דארט, הא? ווא ?

— מיין נאמען איז עוזר־העשל. איך בין הדסהס מאן. כ'בין געווען ביי אייך היינטיקן פסח ביים סדר...

פיניעלע האט געשוויגן.

— כ'האב אנגעקלונגען צום שווער, נאר קיינער האט זיך נישט אנגערופן.

— אייער שווער האט זיך אריבערגעצויגן צו מיר.

— ער קאן אפשר צוקומען צום טעלעפאן?

— ר'איז ארויפגעגאנגען...

— איר ווייסט פיליכט וואו הדסה געפינט זיך?

פיניעלע האט גענומען מורמלען, שטאמלען, אונטערהוסטן.

— מ'האט געמיינט, איר זענט געבליבן דארט — האט ער געזאגט מיט א פארוואורף.

— ניין, כ'בין נעכטן ביינאכט צוריקגעקומען.

— ווו ארום? אלץ איינס... הדסה לעבט שוין נישט...

עור־העשל האט געשוויגן. פיניעלע האט זיך נישט אנגערופן.

— ווען? ווי אזוי?

— ס'האט זי געטראפן די ערשטע באמבע... אין אטוואצק...

ווידער האבן ביידע זיך איינגעהערט אין דער אייגענער שטילקייט.

— וואו איז דאשקע?

— דא ביי מיר. איר ווילט מיט איר רעדן?

— ניין, כ'על צוקומען. א דאנק.

און עוזר־העשל האָט אָוועקגעלייגט דאָס טרייבל.

בעת עוזר־העשל האָט גערעדט, האָט באַרבאַראַ זיך געפּאַרעט אין דער קליי־דער־שאַנק. די בעסטע מלבושים האָט זי געהאַט פאַרלוירן אויפן וועג. זי האָט אַרויסגענומען קליידער, שיך, וועש. זי האָט, אַפּנים, נישט געהערט דאָס געשפּרעך, ווייל זי האָט געפרעגט:

— נו, וואָס מאַכן דיינע?

— באַרבאַראַ, כ׳מוז גיין! — האָט ער געענטפערט מיט אַ הייזעריק קול. זי האָט אויף אים געטאָן אַ בליק און איז געוואָרן בלייך.

— נו, גיי.

— איכ׳ל צוריקקומען אין אָוונט.

— אויב ס׳הויז וועט נאָך שטיין...

אַ ווייל האָבןביידע זיך איבערגעקוקט. באַרבאַראַ האָט זיך אָפּגעשאָקלט.

— וואַרט־צו, איכ׳ל גיין מיט דיר. מיר׳ן זיך נאָך פאַרלירן...

ער האָט זיך צוגעזעצט אויף דער סאָפע, געוואַרט. זי האָט זיך אָנגעטאָן און מיט אים אַרויס. די גאַס איז געווען פול. אַזאַ געדיכטעניש האָט נאָך עוזר־העשל אויף דער אייזן־גאַס נישט בייגעוואוינט. אויף די טראָטואַרן האָט מען זיך גע־שטופּט. מ׳האָט זיך געפּלאָנטערט אין מיטן ברוק. מ׳האָט געטראָגן וואַליזעס, פּעק־לעך, רוקזעק. אַ לאַנגער גוי האָט געהאַלטן אין איין האַנט אַ שטיי־לאָמפּ און אין דער אַנדערער — אַ קויבער. גוּיִם, שקצים, יידן אין לאַנגע קאַפּאָטעס, האָבן גע־גראָבן אַ ברייטן גרוב אויף אַ פּלאַץ מיט געהילץ. די חסידים האָבן אייפעריק־גיך געוואָרפן די רידלעס ערד, געזיפצט, געווישט די אַנגסטן פון שטערן. די צוים וואָס האָט אָפּגעטיילט דעם ברעטער־מאַגאַזין, האָט מען אומגעלייגט. ס׳האָבן גע־קלעפּט אויף די צעגומענע ווענטלעך אַפישן, באַקאַנטמאַכונגען. ס׳איז דאָ, וויזט אויס, געווען נאָענט אַ בעקעריי. גויעס האָבן זיך אומגעקערט מיט פריש־גע־באַקענע לאַבנס ברויט. אַ סך פאַרבייגייער זיינען געווען אָנגעטאָן אין האַלב־מיליטערישער טראַכט: שיקסעס אין זעלנערישע היטלען און אין געבלימלטע קליידער, מאַנסלייט אין העלמען; ס׳זיינען פאַרביי סאַניטאַרן, סקויטן. טייל צי־וויליסטן האָבן אָנגעהאַנגען אויף די אַקסלען טאָרבעס מיט גאַז־מאַסקעס. אין מיטן דעם האַרמידער האָבן זיך געשפּאַרט צוויי הויכע נאָנעס. באַרבאַראַ האָט זיך אָנ־געהאַלטן אָן עוזר־העשלס אָרעם, נישט פונאַנדערגעשיידט צו ווערן אין דעם אַנגע־לויף. זי, באַרבאַראַ, האָט זיך געהאַט איבערגעטאָן, נאָר ער האָט נאָך געטראָגן אויף זיך דעם אָפּגעכוימעלטן אַנצוג, דאָס צעקנוידערטע העמד, די צעפּאַרענע שיך. עוזר־העשל איז פאַרביי אַ שוי־פענסטער מיט אַ שפּיגל. ער האָט זיך אַליין נישט דערקענט. ניין, ער קאָן אין אַזאַ הולך זיך נישט ווייזן ביי פּיניעלען. ער האָט זיך געלאָזט אויפן וועג צו דער סמאָטשע, צו דעם צימער, וואָס ער האָט געהאַט אויף דער נאַוואָליפּקי.

די יידישע גאַסן זיינען געווען שוואַרץ פון המון. פאַר בעקערייען האָבן זיך געצויגן לאַנגע רייען. טייל געוועלבן זיינען געווען פאַרמאַכט אויף די שטאַבן, אַנדערע — אויף האַלבע טירן. די קרעמערינס האָבן געהיט אין דרויסן. יינגלעך האָבן געשריגן. מיידלעך זיינען געלאָפן. מ׳האָט דאָ, זעט אויס, שוין באַצייטנס

געבויט באַריקאַדן. מ׳האָט אָנגעוואָרפֿן ברעטער, טירן, טישן, קאַסטנס. אַ וואָגן איז געלעגן קאַפּויר, מיט די רעדער אַרויף. קינדער האָבן געקלעטערט אויף בערג־לעך זאַמד, שטיינער, ציגל. ס׳האָט דאָ ערגעץ געקראַכט אַ באָמבע, נאָר קיינער האָט נישט געוואוסט וואו. מ׳איז געלאָפֿן אַהין און צוריק. מ׳האָט אָנגעוויזן מיט די וויַיז־פֿינגער. רעדלעך האָבן געלייענט אַ יידישע צייטונג, געדרוקט אויף איין זייט, מיט קידוש־לבנה־אותיות. די סמאָטשע האָט געשמעקט מיט פּורים, שרפֿה, ליקוי־חמה, ביאת־המשיח... אין דעם גאַנצן באַדרענגעניש האָט עוזר־העשל זיך פֿונדעסטוועגן געשעמט אַריינצופֿאַלן צו די בעלעבאַטים אַן אָפּגעריסענער, מיט אַ באָרד. ער איז פֿאַרביי אַן אָפֿענע ראַזורע. ער האָט געבעטן באַרבאַראַן זי זאָל אים געבן אַ פּאָר זלאָטעס. באַרבאַראַ איז אַריין צוזאַמען מיט אים. דער פֿריי־זירער האָט גלייך גענומען אים איינזייפֿן. ער האָט אַפֿילו נישט אַרומגעוויקלט דעם האַלדז מיט קיין האַנטוכל. ער האָט אים שוין פֿאַר איינוועגס אָפּגעשוירן. באַרבאַראַ איז געשטאַנען, געגאַפֿט אין די שפּיגלען. זי האָט געהאַט איר אייגנס אַ פּאָר הונדערט זלאָטעס אין דער פּוילישער שפּאָר־קאַסע, נאָר מ׳האָט איר נאָך נעכטן אָנגעזאָגט, אַז די בענק זיינען געשלאָסן. דאָס גאַנצע פֿאַרמעגן איז באַ־שטאַנען פֿון אַכט־און־דרייסיק זלאָטעס און אַ ברילִיאַנטן פֿינגערל, אַ ירושה פֿון דער מוטער...

עוזר־העשלס צימער אויף דער נאָוואָליפּקי האָט מען געהאַט פֿאַרנומען. ס׳האָט זיך אַהער אַריבערגעקליבן דער אייגנטימערס אַ שוועסטער פֿון דער פּראָווינץ. דעם סובלאָקאַטאָרס מלבושים און די וועש האָט קיינער נישט געטשעפּעט. עוזר־העשל האָט זיך איבערגעטאָן אין קיך. דאָס קויטיקע העמד האָט ער אַרויסגעוואָרפֿן דורכן פֿענסטער. אין שופֿלאָד פֿון טישל איז געלעגן אַ דייטשער מאַנוסקריפּט: די לאַבאָראַטאָריע פֿון גליק... עוזר־העשל האָט אויפֿגעשרויפֿט דאָס טירל פֿון אויוון, אַריינגעשטופּט אַלע פּאַפּירן. דערנאָך איז ער צוריק אַראָפּ. באַרבאַראַ האָט געשמועסט מיט אַ יידיש זעלנערל. דערזען עוזר־העשלען, האָט זי געמאַכט אַ מינע ווי אים פֿאַרצושטעלן. באַלד האָט זי זיך מיט יענעם געזעגנט. זי האָט אָנגענומען עוזר־העשלען ביים אַרבל.

— מיר מוזן אַנטלויפֿן. ווי לאַנג ס׳שטייט נאָך די בריק!...

— וואוהין אַנטלויפֿן?

— אויפֿן וועג קיין רוסלאַנד.

— מיין טאָכטער איז דאָ...

— מיר קאָנען נישט פֿאַרלירן קיין מינוט!...

— איך בלייב דאָ!...

זי האָט געקוקט אויף אים האַלב־דערשטוינט, האַלב־דערשראָקן. זי איז מיט אים אַוועק אויף דער טראָטואַר, צו זיין פֿעטער פֿיניעלע. דאָס מאָל האָט זי געוואַרט אין דרויסן אַנדערטהאַלבן שעה. דייטשע עראָפּלאַנען זיינען פֿאַרביי־געפֿלויגן נידעריק. באַרבאַראַ האָט געהערט דאָס געפּילדער פֿון די קוילן־וואַרפֿער, דאָס אויפֿרייסן פֿון באָמבעס. זי האָט געזען די געלבלעכע רויכעס וואָס האָבן זיך אויפֿגעהויבן ערגעץ איבער דעכער און קוימענס. מחנות פֿייגל זיינען געפֿלויגן מיט אַ קראָקעניש. מענטשן זיינען געלאָפֿן אין דעם געקאָך הענדום־פּענדום. מ׳האָט

זי, באַרבאַראַן, געוואָרנט זי זאָל זיך באַהאַלטן, נאָר זי האָט נישט געהאַט קיין מורא. זי האָט געקוקט אויפֿן הימל, וואָס איז פֿול געווען מיט שוועבלדיקע קנוילן, געגעניצט. אַלץ איז פֿאַרלוירן: דאָס לאַנד, די היים, די רעוואָלוציע, אַלע האָפֿענונגען. זי האָט איצט באַנומען עוזר־העשלס ווערטער, אַז דער קריג לאַנגווײַליקט אים... באַרבאַראַ האָט אין דער מינוט געהאַט איין פֿאַרלאַנג: אַ באָמבע זאָל אויף איר אַראָפּפֿאַלן, מאַכן אַן עק צו דער קאָמעדיע...

עוזר־העשל איז צוריק אַראָפּגעקומען. ער האָט געהאַט אויבן באַגעגנט די גאַנצע משפּחה: דעם שווער, זײַן ווײַב, דאָשקען, ר׳ אַהר׳לען, לאהן, דאָשען, לאָטען. ס׳האָבן זיך אַרומגעדרייט נאָך אַנדערע, וואָס ער, עוזר־העשל, האָט נישט געקאָנט. ס׳איז געווען אַן ענגשאַפֿט, אַ מהומה. בעטגעוואַנט איז געלעגן אײַנגעפּאַקט. ס׳האָבן זיך געוואַלגערט קופֿערטן, רענצלעך, פּעקלעך. לאה איז געשטאַנען אין אַ הוט מיט קרעפּ, געבלעטערט דעם אַמעריקאַנער פּאַס. דער רבי האָט זיך געסודעט מיט אַ יונגענמאַן אין אַ ווינקל. פֿיניעלע האָט אַרומגעשמאַיעט, געוואָרפֿן אָפּגעהאַקטע ווערטער. עס האָט דאָ, זעט אויס, אין שכנות געטראָפֿן אַ באָמבע, ווײַל פֿון די ווענט און סופֿיט זײַנען געהאַט אַראָפּגעפֿאַלן שטיקער טינק. ס׳האָבן אַרויסגעקוקט די רויר־שטעקעלעך. אַ קאַלכיקער שטויב איז געלעגן אויף אַלץ. אין קיך, אויף אַ פֿיסנבענקעלע, האָט זיך אָנגעשפּאַרט לאָטע. זי האָט דורך די געשליפֿענע שפּאַקולן געלייענט אַן ענגליש ביכל... קיינער האָט זיך דאָ מיט עוזר־העשלען נישט אָפּגעגעבן. דאָשקע האָט געגעסן אַ פּעניץ ברויט מיט וואורשט. זי איז געוואָרן אין דער צײַט אויפֿגעשאָסן, שטאָטיש־אויסגעבלאָסט. זי האָט געקײַט דעם ביסן מיט דער ערנסט פֿון אַ יתומה, וואָס איז געבליבן אויפֿן באַראָט פֿון קרובים. זי האָט איבערגעגעבן דעם פֿאָטער ווי ס׳אומגליק איז פֿאַרלאָפֿן. די מוטער איז אַוועק קיין אָטוואָצק זיך נאָכצופֿרעגן אויף אַ באַן. ס׳האָט זי באַגלייט וואַניאַס עלטערע טאָכטער, טאַניאַ. מיט אַמאָל איז געוואָרן אַן אַלאַרם. זיי זײַנען אַרײַנגעלאָפֿן אין עפּעס אַ שקאָלע אָדער אַן אַנשטאַלט. די באָמבע איז גראָד אַהין אַרײַנגעפֿאַלן. מאַמאַ איז געשטאָרבן דעם אייגענעם טאָג, אין דאָקטאָר באַראַבאַנדערס סאַנאַטאָריע. טאַניאַ האָט פֿאַרלוירן אַ האַנט. מ׳האָט באַגראָבן די מאַמושאַ אין קאַרטשעוו.

דאָשקע האָט זיך גענומען שטיקן. זי האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אָן פֿאָטערס אַקסל און זיך צעיאָמערט מיט אַ גרילציק קול פֿון אַ דערוואַקסענער...

## 4

פֿון פֿיניעלען האָט עוזר־העשל זיך געלאָזט שפּאַנען צו דער פֿראַנציסקאַנער, צו דער שוועסטער. באַרבאַראַ איז מיט אים מיטגעגאַנגען. ווי זיי זײַנען געגאַנגען, אַזוי האָבן עראָפּלאַנען געזשומעט איבער די דעכער. מאָטאָרס האָבן גערוישט. מאַשין־ביקסן האָבן געקנאַקט. באָמבעס האָבן ערגעץ אויפֿגעריסן. עוזר־העשל און באַרבאַראַ זײַנען אַרײַן אין אַ טויער, אָפּגעוואַרט. דערנאָך האָבן זיי זיך געלאָזט ווייטער. זיי האָבן זיך אָנגעשטויסן אָן ברענענדיקע הײַזער, חורבות. סירענעס האָבן געקוויטשעט, אַ צייכן, אַז די באָמבאַרדירונג איז אַריבער. די גאַסן זײַנען

ווידער געוואָרן פֿול. אויפֿן ראַדיאָ האָט מען געהאַט אַרויסגעגעבן אַ באַפֿעל, אַז מאַנסלייט וואָס טויגן צו מיליטער־דינסט זאָלן אַוועק פֿון דער הויפּט־שטאָט. ווער ס׳איז געפֿאָרן און ווער ס׳איז געגאַנגען צופֿוס. ווער ס׳איז געריטן אויף אַ רייט־וועגעלע און ווער אויף מאָטאָרציקל. בענזין איז געוואָרן בראַנד־טייער. ס׳האָט באַלד אין גאַנצן אויסגעפֿעלט. מ׳איז אַנטלאָפֿן פֿון שטאָט אין דראָשקעס, פּלאַט־פֿאָרמעס, טאַקסיס, אַלט־פֿרענקישע אָמניבוסן. אַלע וועגן האָבן געפֿירט צו די פּראַגער בריקן. אין געקנויל האָט זיך אַריינגעדרייט אַ לימוזין. ס׳האָבן פֿון הינטער די גלאַנציקע שויבן אַפּערגעקוקט אויסגעפּוצטע דאַמעלעך מיט אויסגעכאָליעטע הינטלעך. קאַלט־אויגיקע שאָפֿערס האָט גערדרייט ביים רעדל.

די האַלב־צעשטערטע קירך אויפֿן גזשיבאָוו, אַקעגן ר׳ משולם מושקאַטס הויז, איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ לאַזאַרעט. נאָנעס האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט די פֿאַרוואונדעטע. די ברייטע טרעפּ, וואָס האָבן אַריינגעפֿירט אין דער תּפֿילה, זיינען געווען באַשפּריצט מיט בלוט. אַזויפֿיל געשטאָרבענע האָבן זיך אָנגעזאַמלט אין שטאָט, אַז ס׳זיינען נישט געווען גענוג עגלות. דערצו האָבן אויסגעפֿעלט פֿערד. מ׳האָט געטראָגן די טויטע אויף טראָג־ברעטער אָדער זיי גאָר באַגראָבן אין די הויפֿן. גרובנס, וואָס האָבן געזאָלט דינען פֿאַר אַ באַשיצונג פֿאַר די לעבעדיקע, זיינען געוואָרן די קברים פֿאַר די אומגעקומענע. דער זאַקסישער גאָרטן איז גע־וואָרן צעגראָבן. לאַנגע גריבער האָבן זיך געצויגן צווישן די אַלייען. ס׳האָבן נאָכ־געהאָנגען די וואָרצלען פֿון די ביימער. ס׳האָט לאַנג געדויערט ביז דאָס פּאָרל איז אָנגעקומען אויף דער פֿראַנצישקאַנער. מ׳האָט זיך געשלעפּט און געשוויגן, יעדער פֿאַרטאָן אין די אייגענע מחשבות. דאָס איז דעם פֿאַשיזם, אין קאָנקרעטע פֿאָרמען, האָט באַרבאַראַ געטראַכט. כ׳האָב געקעמפֿט און אַליין נישט געוואוסט קעגן וואָס. איצט זע איך... זי האָט גענומען קלערן וועגן דעם סאָוועטיש־נאַצישן אָפּמאַך, נאָר דאָ האָט דער געדאַנק זיך אָפּגעשטעלט. דאָס איז אַ פּאַטש אין פּנים, אַ מיאוסער שפּיי... ניין, ס׳קאָן אַזוי נישט בלייבן. זיי זיינען פֿאָרט נישט געוואָרן איבערנאַכט קיין פֿאַשיסטן... אומזין!... וואָס־זשע טו איך דאָ? וואָס שלעפּ איך מיך דאָ אַרום? כ׳מוז גלייך אַנטלויפֿן. נאָך היינט... אַ מיאוסער געדאַנק איז באַרבאַראַן איינגעפֿאַלן: איצט, אַז הדסה איז טויט, וועט עוזר־העשל מיט איר חתונה האָבן. זי׳ט גלייך פֿאַרשוואַנגערן. ס׳איז אויך בעסער אין פֿאַל פֿון אַ מסירה... עוזר־העשל האָט איינגעבויגן דעם קאָפּ. ער איז איצט גרייט געווען אויף אַלע אומגליקן. ווער ווייסט? אפֿשר איז דינהלע אויך שוין נישטאָ? ער האָט זיך דערמאָנט דעם פּסוק אין תּהילים: כי אני לצלע נכון... דאָס האַרץ אין דער ברוסט איז געווען צונויפֿגעקוועטשט ווי מיט אַ פֿויסט. ווי אויסטערליש! ער האָט דעמאָלט געהאָט אַ פֿאָרגעפֿיל, אַז ער׳ט הדסהן געזען צום לעצטן מאָל. זי האָט אויף אים אַזוי מאָדנע געקוקט, מיט אַזאַ פֿלאַטערנדיקן בליק. זי האָט גערעדט וועגן טויט. אויב זי׳ט שטאַרבן, וויל זי ליגן נעבן דער מאַמעשי... אַז מ׳עט זי באַגראָבן אין קאַרטשעוו, דאָס איז איר נישט איינגעפֿאַלן...

מ׳האָט ווידער דערהערט אַ זשומעניש פֿון עראָפּלאַנען. עוזר־העשל און באַר־באַראַ זיינען פֿונסנײַ אַריין אין אַ טויער. ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן אַ ווינקל, צוגעשלאָסן די וויעס. הדסה, וואו ביסטו איצט? — האָט ער צו איר גערעדט. —

ווייסטו? פֿאַרשטייסטו? עקזיסטירסט דו? אויב יאָ, גיב מיר אַ צייכן! קאָן דאָס זיין, אַז די צייט וואָס איז אַוועק, איז נישטאָ? איז די גאַנצע געשיכטע פֿאַרלוירן? איז גאָרנישט דאָ אַחוץ דער קעגנווערטיקער רגע? אויב אַזוי, איז איבערהויפּט גאָרנישט דאָ. דעמאָלט איז אַלץ אומזין, גאָרנישט... אין האַלדז האָט זיך אים אַוועקגעשטעלט אַ קנויל. ווען ער וואָלט אַמווייניקסטן געקאָנט וויינען! ער קען אַפֿילו נישט פֿאַרגיסן קיין טרער. וואָס לעבט ער נאָך? אויף וואָס וואַרט ער? וואָס שטייט זי דאָ נעבן אים? ער האָט זיך קיינמאָל נישט געריכט, אַז הדסהס טויט קאָן אים אַזוי צעשמעטערן. ער האָט וויפֿל מאָל געטראַכט פֿון דער מעגלעכקייט. וואָס איז אים? אַלץ איז געוואָרן ליידיק, וואַקלדיק. ס'שטרויכלען אים די פֿיס. ער איז פֿול מיט אימה פֿאַרן טויט... עפּעס האָט זיך פֿון אים אָפּגעריסן און ס'איז געבליבן אַ בלויז סיי אינעווייניק, סיי אויסנווייניק; אַ הוילעניש, וואָס אויב ער'ט זי נישט באַלד אויספֿילן, וועט זי אים אין גאַנצן איינשלינגען...

זיי זיינען אַריין אין דער פֿראַנציסקאַנער. ווידער האָט עוזר־העשל זיך געלאָזט אַרויף אויבן און באַרבאַראַ איז געבליבן אונטן. עוזר־העשל האָט אָנגעקלאַפּט, נאָר קיינער האָט נישט געענטפֿערט. ער האָט געטאָן אַ שטופּ די טיר און איז אַריין. ער האָט דערזען דינהלען. זי איז אים אַקעגנגעלאָפֿן אין אַ צעשויבערט שייטל, מיט אַ געל פּנים, ווי פֿון דער געלזוכט. אַ געמיש פֿון פֿרייד און שרעק האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אויף איר פּנים, ווי ביי אַ צערודערטער. זי האָט אים אָנגעכאַפּט און עפּעס זיך ווי מיט אים געראַנגלט. זי האָט סיי געלאַכט, סיי געוויינט.

— ביסט דאָ? און איך האָב געמיינט, אַז ביסט געבליבן שטעקן... הינטערוועגנס... קינדער!...

אַלע זיינען געווען אין דער היים: מנשה־דודל, טעמערל, גבריאל, דנ'דל. מנשה־דודל איז אַריינגעקומען אָן אַ זשופּיצע, אין הוילן טלית־קטן, די הויזן אַרומגעבונדן מיט אַ שטריקל, אין אַ פּאָר צעפֿליקטע שטיוול. אין איין האַנט האָט ער געהאַלטן דעם ליקוטי מהר"ן, אין דער אַנדערער — אַ רעשטל פּאַפּיראָס. אַ האַפֿערדיקייט האָט אַראָפּגעקוקט פֿון דעם באַבערדיקטן און באַפּאהטן פּנים, האַלב־מגושם, האַלב־אויסגעאיידלט. ער האָט זיך געטאָן אַ יאָג ווי אַרויפֿצופֿאַלן אויף דעם שוואָגער און אים האַלדזן. אַנשטאָט דעם האָט ער גענומען זיך אונטערשאָקלען אויף דער שוועל און מאַכן ניקן, ווי ער וואָלט אונטערגעטענצלט. טעמערל, די טאָכטער, האָט אים לייכט אָפּגעשטופּט. זי האָט אויסגעזען מיד, נישט אויסגעשלאָפֿן. זי האָט אָנגעקוקט דעם פֿעטער דערשטוינט און עפּעס ווי מבוייש פֿאַר דעם באַשטאַנד וואָס ער האָט געטראָפֿן. נאָך איר זיינען אַריין ביידע בחורים; דער עלטערער — מיט אַ בערדל, אַ געבויגענער פּלייצע, מיט אַ קאַפּל אויפֿן קאָפּ, דער יינגערער — אין אַ געהאַקטער קאַפּאָטע און אין אַ קליין היטעלע. דינהלע האָט זיך געשאָקלט אין דער ברייט, געטאָן אַ פּאַטש מיט די הענט, ווי בעת מ'יאָגט אָפּ הינער.

— וואָס זאָגסטו צו אונדזער בראָך? — האָט זי געזונגען מיט אַ מענה־לשון. — נאָך דאָס האָט אונדז געפֿעלט! אפֿשר איז געווען צו־גוט!...

— פֿעטער עוזר־העשל! — איז טעמערל אויף אים אַרויפֿגעפֿאַלן. — ווען ביסטו געקומען? ווי אַזוי? כ'האָב שוין געמיינט מי יודע! אַזאַ פֿייער!...

— שאַ, שריי נישט! — האָט דינהלע זי אָנגעכאַפּט ביים אויער ווי אַ טויבע. — די באָמבעס פֿאַלן איבערן קאָפּ. אַ גאַנצן טאָג, טררר... טררר... כ׳בין ניש־פֿאַר־דיר־געדאַכט ווי דול... וואָס שטייסטו ביי דער טיר? מנשה־דודל, הער דיך אויף שאָקלען! ער איז שוין אין גאַנצן חסר־דעה!...

— חייב אדם לברך על הרע כשם שמברך על הטובה! — האָט מנשה־דודל געריבן די צעוואַקסענע הענט און געשמייכלט. — ס׳איז חבלי־לידה... מלחמת גוג ומגוג!... ס׳הויבט זיך שוין אָן. ווי ס׳שטייט אין דניאל... שוטים!...

— טאַטעשי, לאָז רעדן אַ וואָרט! — האָט דנ׳דל זיך אויף אים אָנגעבייזערט.

— ווער לאָ׳ט ניש׳? אשרי המחכה... אַז מ׳האָט אויסגעהאַלטן ביז איצט, דאַרף מען ניש׳ פֿאַרלירן דעם בטחון פֿאַר דער ישועה... איצט איז דער יצר גאַר שטאַרק... דאַרף מען עים דערלאַנגען אַ פֿייג!...

און מנשה־דול האָט אויפֿגעהויבן אַ פֿייג צום בעליק.

— שאַ, מאַכטץ ניש׳ אַזאַ רעש! — האָט דינהלע גערעדט. — מ׳פֿאַרט מיר איבערן קאָפּ. מענטשן באַ לייטן אַנטלויפֿן. וואו זאָלן מיר לויפֿן? כ׳קאָן קוים טאָן אַ טריט... זאָלן די מאַנסלייט אַוועק. איך און טעמערל וועלן שוין דורכקומען. וואָס ט׳מען מיר טאָן, האַ?... וואָס זאָגסטו, עוזר־העשל? רעד אַביסל העכער. ווי איז מיר! אײדל איז דאָ!... מ׳האָט זי צוריקגעשיקט...

— אײדל?

— יאָ, אײדל. די שיף איז אַרומגעגאַנגען איבער אַלע וואַסערן, און צום סוף האָט מען זי צוריקגעשיקט. מ׳וואַרפֿט זיך מיטן ייד ווי מיט אַ פֿאַרפֿוילט עפּעלע. זי קומט אַהער יעדן טאָג. זי וויינט זיך נעבעך אויס די אויגן. זי וויל אויך אַוועק... וואָס מאַכן די אַנדערע, האַ?

— הדסה איז טויט.

— האַ? פֿינסטער איז מיר!

— אַ באָמבע האָט זי געטראָפֿן.

— ווען? אַ גרויסע בראָך! אַזאַ יונג קינד. אַזאַ שיינהייט! מ׳האָט דאָך איר ניש׳ געקאָנט קוקן גלייך אין פּנים...

— אוי, פֿעטער עוזר־העשל — האָט טעמערל אָנגעהויבן און איבערגעריסן אין מיטן. טרערן זיינען איר אַרויסגעקומען אין די אויגן־ווינקלען.

— רעדטץ ניש׳ אַלע מיט אַמאָל! שרייטץ ניש׳ אַלע! — האָט דינהלע געדופֿן. — כ׳בין פֿון די צרות געוואָרן נערוועאיש... ס׳זינגט מיר אין אויער. קיינער זינגט ניש׳, נאָר אין אויער שפּילט מיר כל־נדרי... ווי ביי טיטוס הרשע, אַ כּפּרה זאָל ער זיין פֿאַר כּל־ישראל... זעץ דיך צו. זיץ. פֿאַרן אייגע־נעם געלט נעם אַ בענקל. וואָס טוט מען, האַ? וואו אַנטלויפֿט מען פֿון דעם גיהנום? מיר זיינען געבליבן אָן אַ גראָשן געלט. כאָטש לייג דיך אַוועק און שטאַרב. איך יאָק איך. מיין כּפּרה בין איך. אָבער וואָס טוט מען מיט זיי? וואָס טוט מען זיך פֿאַר אַן עצה און אַ ראָט?

עוזר־העשל האָט געטאָן אַ טאָפּ ביי דער קעשענע. ער האָט אין גאַנצן

פֿאַרמאַגט עטלעכע גראָשן, וואָס דער פּריזירער האָט אים געגעבן אַ רעשט. מנשה־דודל האָט געמאַכט אַ טריט נעענטער.

— זאָלסט שוין מער ניש׳ וויסן פֿון קאַ׳ צער. אין אַזאַ צייט קאָן מען אַפֿילו ניש׳ זיצן קאַ׳ שבעה. נו, וואָס? ס׳עט זיין תּחית־המתים. מיר׳ן ברוך־השם אַלץ זעען. מיט די אייגענע אויגן!... מיטן רבין האָב איך פֿאַר גאָרניש׳ קאַ׳ מורא. ער׳ט אַלץ באַוואָרנט...

און מנשה־דודל האָט אָנגעוויזן מיטן שפּיץ פּאַפּיראָס אויפֿן ספֿר

— מנשה־דודל, הער־אויף. מ׳ווייסט ביסט אַ שוטה... זיי וואַרפֿן באָמ־בעס און ער טאַנצט. ער׳ט אַזוי טאַנצן ביז מיר׳ן חלילה אַלע פֿאַרגראָבן ווערן, די שעה זאָל ניש׳ זיין. ס׳איז מיר געבליבן אַ פּאָר פֿונט פּערל־קאַשע, עסן מיר. אַז דאָס ט׳זיך אויסלאָזן, איז גיי שטרעק דיך אויס. מ׳האָט זיי שוין בײדע גערופֿן צו די זעלנער. נאָר אַז זיי זיינען געקומען אַהין, האָט מען זיי אַהיים־געשיקט. ס׳איז נישטאָ קאַ׳ן אָנטועכץ. מ׳זאָגט, אַז היטלער איז אין וואָליע. אַ וויטאָג צו אונדזערע יאָרן, וואָס מיר יידן האָבן אויף זיך דערלעבט!...

דינהלע האָט גענומען שלוכצן. בײדע בחורים האָבן זיך אומגעקערט אין דער מיטל־שטוב. טעמערל האָט אָפּגעווישט די אויגן מיט אַ טיכל.

— פֿעטער עוזר־העשל, זאָל זיך דער פֿעטער זעצן. אפֿשר וויל דער פֿעטער אַ גלאָז טיי?

— כ׳מוז אַראָפּגיין. כ׳קום באַלד צוריק.

— וואו גייסטו? — האָט דינהלע זיך צעשריגן. — ער קומט אַריין און לויפֿט אַוועק. ס׳אַ סכּנה אַרויסצושטעלן אַ פֿוס. אין אַזאַ צייט לאָמיר זיך האַלטן באַנאַנד!

— איכ׳ל באַלד צוריקקומען. כ׳האָב אַפֿילו מער נישט קיין צימער.

— בלייב דאָ. אַנישט, וועלן אַנדערע פֿאַרנעמען דיין אָרט. פֿרעמדע מענטשן קומען און באַזעצן זיך. פֿון די חרובֿע הייזער. מ׳קאָן היינט קיינעם נישט אַרויס־טרייבן. אַזאַ אומגליק! וואָס טוט מען? וואו גייט מען? אַ צאָרן האָט זיך אויף אונדז אויסגעגאָסן, אַ תּוכחה!...

טעמערל האָט זיך געשעמט פֿון דער מאַמעס תּחינה־שפּראַך. רויטע פֿלעקן זיינען איר אַרויסגעטרעטן אויף די באַקן. מנשה־דודל איז נאָך אַ קווענקלעניש צוריק אַריין אין דער גרויסער שטוב. עוזר־העשל האָט געטאָן טעמערלען אַ קוש אין שטערן.

— כ׳קום באַלד צוריק.

באַרבאַראַ איז געשטאַנען אין מיטן הויף, געקוקט מיט בייזע אויגן, אַ בלאַסע פֿון צאָרן.

— כ׳האָב געמיינט דו׳סט שוין דאָרט בלייבן זיצן! — האָט זי גערופֿן.

— ס׳איז מיין שוועסטער.

— הער מיך אויס, איכ׳ל נאָך היינט אַוועק. זאָג מיר קלאָר און שאַרף: דו גייסט מיט מיר, אָדער דו בלייבסט דאָ?

— כ׳בלייב דאָ.

— איז דאָס דיין לעצט וואָרט?

— יאָ.

— נו, אויב אַזוי, איז אויף ווידערזען. זאָל דיר גאָט העלפֿן!...

— אויף ווידערזען, באַרבאַראַ. זיי מוחל.

— כ׳פֿאַרשטיי נישט דעם זין פֿון בלייבן ביי די נאַציס.

— די גאַנצע משפּחה בלייבט. ס׳איז מיר אַלץ איינס. כ׳וויל שוין שטאַרבן. זי האָט אים אָנגעקוקט און געשוויגן. זי האָט אים אָפּגעמאָסטן קרומלעך.

— אפֿשר ביסטו גערעכט. איכ׳ל מיך נאָך ראַנגלען אַ ווייל... וואו גייסטו איצט?

— כ׳וויל מיך זען מיט הערץ יאַנאָווער.

— צו וואָס? נו, איכ׳ל מיטגיין. ס׳איז אויפֿן וועג.

די שוויענטאָ־יערסקע איז געווען האַלב־חרוב. וואו דאָס אויג האָט דער־גרייכט האָט מען געזען אויפֿגעריסענע דעכער, אומגעשליידערטע קוימענס, האַלב־אומגעלייגטע ווענט מיט נאַכהענגענדיקע פֿענסטער און באַלקאָנען. ביי דער צוים פֿון קראַשינסקיס גאָרטן איז געשטאַנען הערץ יאַנאָווער, מיט ווייסע האָר, גרויע באַקנבערדלעך, דאָס העמד צעכראַסטעט, אין אַ סאַמעטן רעקל און אַ סאָרט סאַנדאַלן, וואָס מ׳האָט גערופֿן אין וואַרשע באָסאַקעס. ס׳האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט דאָ געוואַרט אויף עמעצן. די שוואַרצע בוימלדיקע אויגן האָבן געגאַפֿט ערגעץ אין איין פּינטל. עוזר־העשל האָט גערופֿן זיין נאָמען. ער האָט זיך אומגעקוקט אַ פֿאַרווירטער. ער איז אַקעגנגעלאָפֿן מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס. ער האָט זיך געקושט סיי מיט עוזר־העשלען, סיי מיט באַרבאַראַן.

— ראות פּניך לא פּללתי! — האָט ער געזאָגט אַ פּסוק פֿון חומש.

— וואָס שטייסטו אין גאַס? וואו איז גינע?

— גינע האָט זיך אָוועקגעלייגט אויף אַ לונגן־אָנצינדונג. אין דער גאַנצער התונה. כ׳קוק־אויס אַ דאָקטאָר. ר׳האָט מיר צוגעזאָגט אַריבערצוקומען... שוין צוויי שעה... אָבי כ׳האָב געמיינט, עץ האָט ענק געראַטעוועט!..

און הערץ יאַנאָווער האָט זיך צעוויינט. טרערן האָבן זיך אים אַ גאָס געטאָן פֿון די אויגן און ער האָט זיך צעהעשעט. ער האָט אַרויסגעכאַפּט אַ בלויע פֿאַטשיילע און געשנייצט די נאָז. ער איז געבליבן שטיין אַ פֿאַרשעמטער, אַ מבולבלער.

— כ׳האָב שוין ניש׳ קאַ׳ כוח — האָט ער זיך ווי פֿאַרענטפֿערט. ער האָט זיך געוואַקלט אַ ווייל און געזאָגט אויף פּויליש:

— משיח וועט באַלד קומען.

עוזר־העשל האָט אים אָנגעקוקט אַ פֿאַרוואונדערטער.

— וואָס מיינסטו?

— דער טויט איז משיח. דאָס איז דער ריינער אמת!...

# קאַפּיטל פֿינף און זעכציק

## 1

הדסה איז טויט. דיביינער אירע ליגן אויפֿן בית־עלמין אין קאַרטשעוו. באַר־באַראַ איז אַוועק קיין מזרח. זי האָט איבערגעלאָזט עוזר־העשלען אַ קוש און אַ צוזאָג, אַז זי'ט אים נישט פֿאַרגעסן ביזן לעצטן אָטעם. עוזר־העשל איז אַוועק אויף דער נאַוואָליפּקי, וואו ער האָט נאָך געהאַט אַ ביסל זאַכן. ער האָט איינגעפּאַקט אין אַ וואַליזע אַ פּאָר העמדער, אונטערוועש, אַ סוועטער, שקאַרפּעטן, און עטלעכע ביכער. שפּינאָזאַס „עטיק" האָט ער אַריינגעשטעקט אין קעשענע. ער האָט געמאַכט עטלעכע טריט און זיך אָפּגעשטעלט. ער איז געווען צו־שוואַך צו טראָגן דאָס רענצל אַן אַפּרו פֿון דער נאַוואָליפּקי ביז דער פֿראַנציסקאַנער. דייטשע עראָפּלאַנען האָבן נישט אויפֿגעהערט צו באָמבאַרדירן די שטאָט, נאָר ער האָט זיך נישט באַהאַלטן. וואָס איז די נפֿקא מינה, איצט אָדער שפּעטער? ער איז געשטאַנען ביי די פֿאַרהעמערטע טירן פֿון אַ געוועלב, קעגן דער גרעלער שיין פֿון אַ שרפֿהדיקן בין־השמשות, און געמאַכט אַ חשבון־הנפֿש. איז דאָ אַ גאָט? יאָ, ס'איז דאָ. ער איז אַלץ: די ערד, דער הימל, דער מילכוועג, דאָס געוויין פֿון אַ קינד, די נאַצישע באָמבע, איינשטיינס טעאָריע, היטלערס „מיין קאַמף". דער רויך, וואָס הויבט זיך דאָרט, איז אויך ער. ער איז איינער, ער איז אייביק. מיין גוף איז אַן אומענדלעך קליינע טייל פֿון זיין גוף. מיין גייסט איז אַ טראָפּן אין ים פֿון זיין גייסט. ווער הרגעט וועמען? ווער האָסט וועמען? אַלע ענטפֿערס ליגן אין גאָט. מיר דאָ האָבן איין ציל: אויפֿהאַלטן די עקזיסטענץ, ווי לאַנג ס'איז מעגלעך; זיין גליקלעך, וויפֿל ס'לאָזט זיך. קאָן מען נישט, זאָל געשען זיין רצון. איז דאָס שפּינאָזאַ? יאָ, דאָס איז ער אין גאַנצן. קאָן מען שטאַרבן מיט אַזאַ פֿילאָזאָפֿיע? נישטאָ קיין ברירה. וואָס זאָגן דען די אַנדערע? גאָטס וועגן זיינען פֿאַרהוילן.

אָבער ניין, ניין! ס'איז נישט אַזוי! ס'איז דאָ נאָך אַן אמונה: גאָט איז אַ קעמפֿער, אַן איש־מלחמה. גאָט איז אויף דער זייט פֿון צדיק. ער האָט געגעבן אַ פֿרייען ווילן אויסצוקלייבן צווישן גוטס און שלעכטס. יעדע שעה. יעדע רגע. וואָס איז דאָס פֿאַר אַ גאָט? דער יידישער גאָט, דער שופֿט כל הארץ, דער אל קנא ונוקם. ער פֿירט אַ מלחמה מיט עמלקן. ער איז נישט היטלערס „מיין קאַמף" און נישט די נאַצישע באָמבע. די נאַטור איז זיין ווערק, נישט ער אַליין. ער האָט באַשאַפֿן דאָס שלעכטס ס'זאָל געמאָלט זיין אַ בחירה. ער האָט געשיקט היטלערן פֿאַר אַ נסיון און אַ שטראָף. איז דאָס גאָטס שולד, אַז מיר זיינען געזעסן מיט פֿאַרלייגטע הענט און געלאָזט דעם רשע אויפֿקומען? אויב מיר זיינען אַלע פֿויל, פֿאַרוואָס זאָל ער זיין פֿלייסיק? ווי זאָל דער רשע נישט זיגן, אַז דער צדיק פֿאַרלאָזט זיך אויף נסים? ווי האָב איך געקאָנט פֿאַרגעסן אַן דער דאָזיקער לערע? כ'האָב זי דאָך געלערנט אין חדר. אין חומש דברים. כ'האָב זי פֿאַרזען דערפֿאַר, ווייל כ'האָב געוואָלט אָפּטאָן פֿון מיר יעדן יאָך; ווייל כ'האָב געוואָלט מיר נאָכגעבן די תאוות און פֿאַרקוקן ווי די תקיפֿים

רויבן, מאָרדן, פֿאַרגוואַלדיקן, העצן. וואָס קאָן זיין אַ בעסערער תּירוץ צו דולדן דאָס רשעות ווי אַרויפֿצולייגן אויף גאָט אַלע שולדן?...

עוזר־העשל האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שוועל. גיין ווייטער האָבן די כּוחות נישט געטראָגן. באַהאַלטן זיך איז נישט געווען וואו. די נאַכט איז צו־געפֿאַלן, נאָר ס'איז געוואָרן אַלץ ליכטיקער. דער הימל איז געוואָרן דאָ שאַרלאַך־רויט און דאָ געל ווי שוועבל, דאָ פֿאַרטאָגיש־בלוי און דאָ בליציק־וויאָלעט. זיילן רויך זיינען געשטיגן איבער די מויערן. דאָס נאָכאַנאַנדיקע געקראַך פֿון די באָמבעס האָט געהוילט ווי אַ שטורעמווינט. אַן איינציקער פֿויגל איז געפֿלויגן און געפֿאַלן. די שטערן זיינען געוואָרן פֿאַרבלענדט, די פֿלאַמען — פֿאַרבלאָסט. וועטער־הענער איבער די דעכער האָבן געקוקט און געשטוינט.

אַ באָמבע האָט געטאָן אַ קנאַל ווי אַ דונער. שטויב איז געפֿאַלן. קאַלך האָט זיך געשאָטן. די גאַס איז געלעגן אַ קרומע, אַ ליידיקע. אַ שטיקל פּאַפּיר האָט זיך געקייקלט איבער די שטיינער. פֿון ערגעץ איז אָנגעקומען אַ הינקנדיק פֿערד. ס'האָט געטרעטן פּאַמעלעך, מיט אַ געבויגענעם קאָפּ, דאָס נישט־באַ־ברעמטע אויג פֿול מיט שיין. נאָך יעדן טריט איז געבליבן אַ פֿלעק בלוט אויפֿן ברוק. וואָס האָט די שטומע חיה געזינדיקט? וואָס איז דער ענטפֿער אויף אירע פּיין?...

עוזר־העשל האָט זיך אויפֿגעשטעלט, אויפֿגעהויבן דאָס פּעקל. וואָס קומט אַרויס פֿון די אַלע טראַכטענישן? ס'איז צו־שפּעט סיי־ווי־סיי. דער כּוס פֿון פּורעניות האָט זיך שוין אויסגעגאָסן. ער האָט זיך געלאָזט אויפֿן וועג צו דער פֿראַנציסקאַנער. די באָמבאַרדירונג האָט פֿאַרענדערט די גאַסן. ער האָט מער רעכט נישט דערקענט וואו ער איז. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אוןביים ליכט פֿון די שׂרפֿות געלייענט די נעמען. ער איז געקראָכן באַרג־אַרויף און באַרג־אַראָפּ. ער האָט אַריבערגעשפּאַנט איבער טישן, בענק, אַ וואַנע, אַ קופֿערט. מיט אַמאָל האָט ער דערזען מתים. צווישן ציגל און ברעטער איז געלעגן אַ משפּחה: אַ מאַנסביל, אַ פֿרוי, אַ קינד. ביים מאַן איז דאָס פּנים געווען אָפּגע־זענקט. די געבליבענע האָר אויפֿן קאָפּ זיינען געשטאַנען קאַפּויר ווי דראָטן. ער האָט געגלאָצט מיט איין אויג, פֿול ווייסאַפּל. ביי דער פֿרוי איז דער קאָפּ געווען פֿאַרשאָטן. ס'האָבן אַרויסגעשטאַרצט די פֿיס. דאָס קלייד האָט זיך פֿאַר־הויבן. ס'האָט אַרויסגעקוקט אַ קני, אַ שענקל, קאָלירטע טריקאָטן, אַ זיידענער זאָק. ביים קינד האָבן זיך די געהירן אויסגעגאָסן פֿון שיידל, ווי פֿון אַ טעפּל. עוזר־העשל האָט אָפּגעקערט דעם בליק פֿון דעם דאָזיקן גרויל. אַ שטיל געשריי האָט געהילכט פֿון די טויטע: זעט, הימלען, וואָס מ'האָט אונדז געטאָן! אומ־באַטעמטע וואַסערן זיינען עוזר־העשלען אָנגעקומען אין מויל. פֿייערדיקע פֿינט־לען האָבן זיך געוויגט פֿאַרן בליק. ס'האָט אויף אים אַ יאָג געטאָן דאָס חלשות. ער איז געשטאַנען איבער דער חורבה און געבראָכן. ס'האָט אים געשפּאַרט אין אינגעווייד. אַ גאַליקע ביטערניש האָט אָנגעפֿילט דעם האַלדז, דעם גומען, די נאָז־לעכער, דעם מוח. ער האָט געקרעכצט:

— אוי וויי, מאַמע!

ער איז פֿאַרביי דעם אַרסענאַל. די פֿיר־עקיקע תּפֿיסה האָט געהויערט

אַ געלע ווי וואַקס. אין די געקראַטעטע פֿענסטער האָט געגליווערט אַ ליכטיקייט נישט־פֿון־דער־וועלט. זיצן נאָך דאָרטן אַרעסטאַנטן? האָט איין געפֿאַנגענער פֿאַרשפּאַרט דעם אַנדערן? אויף די נאַלעווקיס האָט עוזר־העשל בייגעוואוינט אַן אויסטערליש בילד. אין אַ געוועלב האָט געברענט אַ פֿייער. דער פֿלאַם האָט זיך פּאַמעלעך געקייקלט צווישן די פּאַליצעס, קליין און קנויליק, ווי אַ שרעטל...

עוזר־העשל האָט זיך דערשלעפּט צו דער פֿראַנצישקאַנער. דאָס הויז וואו דינהלע האָט געוואוינט איז נאָך געשטאַנען. דאָס טויער איז געווען פֿאַרמאַכט, נאָר ער האָט אַזוי לאַנג געקלאַפּט ביז מ׳איז געקומען עפֿענען. די הויז־וועכטערין האָט אים געקאַנט. ער האָט געעפֿנט די טיר און דערבליקט אײדלען. זי איז געזעסן אויף אַ בענקעלע און פֿאַרריכט אַ העמד. דערזען עוזר־העשלען, האָט זי אַ צי געטאָן די נאָדל־פֿאָדעם, געבליבן אַ פֿאַרגליווערטע. די האָר אויפֿן קאָפּ זיינען איר אין די פּאָר וואָכן געוואָרן אַזוי ווייס ווי די לייוונט אויף דער שויס.

## 2

דאָס ביאַלאָדרעוונער שטיבל אויף דער גזשיבאָווסקע איז נישט חרוב געוואָרן אין דער באָמבאַרדירונג. פּליטים האָבן אַהער אַריינגעטראָגן בעטגעוואַנט, בינט־לעך שטרוי און מ׳האָט דאָ געוואוינט מיט די ווייבער און קינדער. אויף ראָש־השנה האָט מען געפֿונען פֿאַר די היימלאָזע אַנדערע נאַכטלעגערס. דער שמש און אַ פּאָר בחורים האָבן אויסגערייניקט דאָס מקום־קדוש. מ׳האָט געעפֿנט די פֿענסטער ס׳זאָל זיך אויסלופֿטערן. מ׳האָט אָנגעטריפֿט ליכט אין ששה־נרות. מ׳האָט זיך געריכט, אַז אַ קנאַפּער עולם וועט קומען דאַווענען, וואָרים ס׳איז אַ סכּנה אַרויסצוגיין פֿון שטוב. דערצו האָט מען געכאַפּט מאַנסלייט אויף אַרבעט. אָבער די נאַכט פֿון ראָש־השנה איז דאָס שטיבל געווען פֿול. די שויבן האָט מען געהאַט פֿאַרקלעפּט מיט שוואַרץ פּאַפּיר און פֿאַרשטעלט מיט ראָלעטן. מ׳האָט אָנגעצונדן אַ נאַפֿט־לאָמפּ. חסידים זיינען געקומען אין אַטלעסענע קאַ־פּאָטעס און אין שטריימלען. דער רבי, ר׳ אַהר׳לע, איז געשטאַנען ביי דער מזרח־וואַנט. פּיניעלע האָט געדאַוונט דעם יום־טובדיקן מעריב. די ווערטער: כי הם חיינו ואורך ימינו ובהם נהגה יומם ולילה האָט ער געזונגען מיט אַ הייזעריק קול. ייִנגלעך האָבן צוגעהאָלפֿן מיט טריליקע קולכלעך. וואַרשע איז געווען באַלאַגערט פֿון די נאַציס. הייזער האָבן געברענט. מ׳האָט געהערט דאָס שיסן פֿון האַרמאַטן. נאָר דאָ, אין ביאַלאָדרעוונער שטיבל, האָט אַלץ אויסגעוויזן ווי אַמאָל. אויפֿן אָרון־קודש האָט מען אָנגעהאַנגען אַ ווייס־אַטלעסן פּרוכת, ווי ס׳פֿירט זיך אין ימים־נוראים. די שיין פֿון בליץ־לאָמפּ האָט זיך געשפּיגלט אין די געגילדטע לייבן, וואָס האָבן אונטערגעהאַלטן די עשׂרת־הדברות, אין דעם געלייש פֿון טישטוך אויפֿן שולחן, אין די רוקנס פֿון די ספֿרים, אין „שוויתי״ מיט דעם רויטן שם הויה. ווי וואָויל ביאַלאָדרעוונער חסידים מאַכן נישט קיין תּנועות ביים דאַווענען, האָבן זיך היי־יאָר אַרויסגעריסן אַ סך זיפֿצענישן. מ׳האָט זיך געשאָקלט, געפּאַטשט מיט די הענט, געקרעכצט. איטשעלע אַנשלס, פֿישעלעס

לייב־מענטש, איז אויפֿסניי געוואָרן אַן אַלמן. דאָס ווייב איז אומגעקומען פֿון אַ באָמבע. ער איז געשטאַנען אין אַ ווינקל און געוויינט בדמעות שליש. ביי פֿישעלען איז אויך געשען אַן אומגליק. פֿישעלע אַליין איז געווען אין ארץ־ישראל, נאָר ביים יינגסטן יינגל, יחיאל (אַ נאָמען נאָכן רבין), האָט אַ שפּליטער אָפּגעריסען אַ פֿיסל. ניוניע, הדסהס פֿאָטער, איז דאָסמאָל אויך געקומען דאַווענען. ער איז געזעסן אויף דער באַנק אַן איינגעבויגענער, גרוי ווי אַ טויב, און אַריינגעקוקט אין אַ מחזור. וואָס איז אַרויסגעקומען פֿון דער השכלה זיינער, פֿון די אַלטע ביכער, וואָס ער האָט געלייענט, פֿון די אַלע נייע אידייען? נישט דאַרווין האָט איצט געקאָנט העלפֿן און נישט ספּענסער. דאָס געוועלב אויף דער שוויענטאָקזשיסקע איז פֿאַרברענט. אין דער דירה אויף דער באַגאַטעלע האָבן זיך באַזעצט גויים. ער האָט זיך געוואָלגערט מיטן ווייב און מיטן אייניקל — דאַשקען — ביי פֿיניעלען אויף דער טוואַרדע. יונגעלייט זיינען געלאָפֿן קיין רוסלאַנד, אָבער ער, ניוניע, איז אַן אַלטער ייד, ער קען נישט לויפֿן. ער׳ט אויך נישט איבערלאָזן אַליין בראָניען און דאַשקען. ניוניע האָט געמישט די פֿאַרגעלטע בלעטער, וואָס ס׳זיינען אויף זיי געבליבן פֿלעקן פֿון דאַכעס טרערן. ער האָט געכאַפּט אַ בליק אין עברי־טייטש:

גאָט, דער גאָט פֿון אונדזערע עלטערן, קעניג אויף דער גאַנצער וועלט מיט דיין כבוד און ווער דערהויבן איבער דער גאַנצער ערד מיט דיין טייערקייט, און טו שיינען מיט גאָר דער פּראַכט פֿון דיין מעכטיקער שטאַרקייט אויף אַלע זיצער פֿון דיין ערד, די וועלט. און זאָל וויסן יעדעס ווערק, אַז דו האָסט עס באַווירקט, און זאָל פֿאַרשטיין יעדעס באַשעפֿעניש, אַז דו האָסט עס באַשאַפֿן, און זאָל זאָגן אַלץ, וואָס האָט אַ נשמה אין די נאָז־לעכער, גאָט, דער גאָט פֿון ישראל, איז דער מלך און זיין קעניגרייך טוט געוועלטיקן איבער אַלץ.

ניוניע האָט געלייענט, געשאָקלט מיטן קאָפּ. שיין האָט ער אונדז אָפּגעטאָן, דער גאָט פֿון ישראל!... ער האָט אונדז דערלאַנגט יענע גאָב!... אַלץ האָט אָפּגענאַרט: די רעליגיע, די עוואָלוציע, דער פּראָגרעס, דער מין מענטש. נאָך מעריב, ווען פֿיניעלע האָט אים געוואונטשן: לשנה טובה תכתב ותחתם לאלתר לחיים טובים, האָט ניוניע אַ מאַך געטאָן מיט דער לינקער האַנט: עט... מחמת אין אַ סך הייזער איז נישט געווען קיין ווין אויף קידוש און דער רבי האָט געהאַט ווין, האָט דער שמש געמאַכט קידוש, ווי דאָס פֿירט זיך ביי די אַשכנזים. אין דער גאַנצער בהלה פֿון קריג האָט לאה, דעם רבינס מוטער, געהאַט אויסגעביטן דאָלאַרן און אַנגעקויפֿט פֿאַר די קרובים און היימישע וואָס ס׳האָט זיך געלאָזט. דער אַמעריקאַנער קאָנסול האָט געהאַט פֿאַרזיכערט לאהן, אַז ווי נאָר די באָמבאַרדירונגען וועלן אויפֿהערן, וועט ער איר העלפֿן זיך אומקערן קיין אַמעריקע צוזאַמען מיט לאָטען און מאַשען. ער האָט אַפֿילו צוגעזאָגט צו פּועלן מ׳זאָל אַהר׳לען לאָזן צוריקפֿאָרן קיין ארץ־ישראל. אויף איר, לאהס, חשבון האָט מען באַזאָרגט אָרעמע חסידים מיט ברויט, מעל, קאַרטאָפֿל, פֿרוכטן, האָניק, און וואָס מ׳האָט געקראָגן. געפּאַרעט האָט זיך ביי דער איינקויפֿונג און דער פֿונאַנדערטיילונג אַביגדור, אַבראַמס איידעם. ער האָט זיך ממש איינגעשטעלט צו ברענגען די שפּייז צו די חסידים. ער איז געלאָפֿן מיט די פּעק בעת

די באַמבעס זיינען געפֿאַלן. ביילע־איטע, דאָס ווייב, האָט זיך געבעטן, ער זאָל זיך היטן; ער איז אַ טאַטע פֿון קינדער; נאָר אַביגדור איז געבליבן ביים זייניקן.

— ווער׳ט מורא פֿאַר זייערע באַמבעס? ס׳איז נישט ווערט קאָ׳ן אויסגעבלאָזן איי... שלוחי מצווה אינן נזוקין!...

ביים דאַווענען האָט אַביגדור צוגעהאָלפֿן פּיניעלען מיט די ניגונים. געשטאַנען איז ער אויף דער שוועל, מיט איין פֿוס אין פֿאָדער־הייזל, וואו ס׳איז געווען צוגעגרייט אַ זאַק מיט פּראָדוקטן. ביים אַהיימגיין האָבן די נויטבאַדערפֿטיקע חסידים געקראָגן יעדער זיין חלק. צומאָרגנס האָבן די נאַצישע עראָפּלאַנען נישט אויפֿגעהערט באַמבאַרדירן די יידישע קוואַרטאַלן. פֿונדעסטוועגן איז דאָס שטיבל ווידער געווען פֿול. מחמת ס׳איז שווער געווען פֿאַר ווייבער צו קריגן אַ שטאָט אין אַ שול אָדער חברה, האָבן אין פֿאָדער־שטיבל געדאַוונט די ביאַלאָדרעוונער חסידיסטעס. לאה איז געשטאַנען אין אַ הוט אויפֿן קאָפּ, אין אַ שוואַרץ־זיידן קלייד, און געזאָגט אין איין מחזור מיט דער שוועגערין, חנה. לאָטע האָט אַריינגעקוקט אין אַ מחזור, וואו דער פּיוט איז געווען איבערגעזעצט אויף ענגליש. ביי דער טיר האָט זיך באַוויזן מאַשע, לאהס טאָכטער, די געוועזענע משומדת, איינגעהילט אין שוואַרצן, ווי אַן אַבלטע. די ווייבער האָבן זי אָפּגעמאָסטן קרום, נאָר מ׳האָט זי נישט געוואָלט מבייש זיין. מ׳האָט אויך נישט געקאָנט פֿאַרטשעפּן זיך מיט לאהן. ווער ווייסט? אפֿשר טוט זי תשובה אויף אַן אמת? פֿון דער שטוב וואו די מאַנסלייט האָבן געדאַוונט האָט זיך געטראָגן אַ יום־טובדיקע וואַרעמקייט. מ׳האָט געהאַט פֿונאַנדערגעטיילט די תּפֿילות צווישן די שלוחי־ציבור. אַדון עולם האָט געזונגען אַן אַלטער חסיד. ער האָט געכאָרכלט די פּסוקים מיט אַן אָנצייניק מויל און געהויבן די פֿויסטלעך צום הימל. ער האָט אַריינגעמישט יידישע ווערטער: אוי, ווי, טאַטע־זיסער! אוי־ווי און ווייווי!... מיט שחרית האָט מען מכבד געווען פּיניעלען. דער בעל־קורא האָט געלייענט וה׳ פּקד את שרה. פֿאַר די תּקיעות האָט ר׳ אַהר׳לע געזאָגט אַ דרשה. ס׳איז געוואָרן אַ גרויסע ענגשאַפֿט, ווייל מ׳איז זיך אָנגעקומען פֿון אַלע הויפֿן אַרום. ר׳ אַהר׳לע האָט אונטערגעהויבן די צעטעפּעטע עטרה. מ׳האָט דערזען אַ בלייך פּנים, אַ פֿייכטע באָרד, אַ פּאָר פֿאַרווייִנטע אויגן. דער רבי האָט געשנייצט די נאָז, גערייניקט דעם האַלדז. דאָס קול האָט זיך געבראָכן. ער האָט אָנגעהויבן אַזוי שטיל, אַז מ׳האָט קוים געהערט.

תקעו בחודש שופר בכסה ליום חגנו, זאָגט די גמרא: איזהו חג שהחודש מתכסה בו? הוי אומר זהו ראש השנה. ווען איז דאָס דער חודש ווען די לבנה איז צוגעדעקט? דאָס איז ראָש־השנה. די זון, כּידוע, איז מידת הרחמים. די לבנה איז מידת הדין. אין ראָש־השנה איז דער מידת הדין פֿאַרבאָרגן. ראָש־השנה איז בלויז רחמים. ווי־זשע קומט עס וואָס מ׳רופֿט ראָש־השנה יום־הדין, נישט יום־הרחמים? דער אמת איז, אַז היינו הך, רחמים איז דין און דין איז רחמים. ביידע שטאַמען פֿון איין שורש. וואָס איז דין? בחירה. דער בעל־בחירה קלייבט אויס צווישן טוב ורע. ער איז אַ שופֿט איבער זיך אַליין. הכּל נתון בערבון, אַלץ איז געגעבן פֿאַר אַ משכּון, ומצודה פּרוסה על כל החיים, און אַ

נעץ איז אויסגעשפּרייט אויפֿן גאַנצן לעבן. החנות פּתוחה, די קראָם איז אָפֿן, והחנווני מקיף, און דער קרעמער באָרגט, והפּנקס פּתוח, און ס׳בוך איז געעפֿנט, וכל הרוצה ללוות יבא וילווה, און ווער ס׳וויל באָרגן, קאָן קומען באָרגן. דאָס איז מידת־הדין. אמת, דער וואָס באָרגט, זעט נישט אַלעמאָל ווי דער חוב וואַקסט, אָבער וואָס איז די נפֿקא־מינה? דער חוב איז אַ חוב. אַ חוב מוז מען אָפּגעבן, על־פּי הדין. וואָס־זשע טוט השם יתברך אַז אַ שולד ווערט צו־גרויס און ס׳איז, חלילה, נישטאָ צו צאָלן? ס׳הערט־אויף דער קרעדיט און ס׳לאָזט זיך אויס די בחירה. די נשמה קערט זיך אום צום פֿאָטער אין הימל, און ביי אַ טאַטן דאַרף מען נישט לייען. אַ טאַטע גיט אומזיסט. נאָר וואָס איז די קונץ פֿון עסן לחם־חסד? דער מענטש ווערט אָראָפּגעשיקט אויפֿן עולם־העשייה ער זאָל פֿאַרדינען. כימי שכיר ימיו, דער מענטש אויפֿן עולם השפֿל איז אַ געדונגענער. וואָרים וואָס איז דער תּכלית הבריאה? בחירה. צוליב דער בחירה האָט אין־סוף זיך מצמצם געווען. ס׳זאָל זיין אַ בחירה, האָט מען באַשאַפֿן די קליפּות. דאָס איז דער טייטש: הקב״ה יושב בכל יום על כסא המשפּט לדון את העולם וכשרואה שנתחייב העולם כלייה, עומד מכסא הדין ויושב על כסא הרחמים. וואָרים סיי דין און סיי רחמים נעמען ביידע צו ביים מענטש די בחירה. ביידע פֿירן צוריק צום אין־סוף...

דער רבי האָט געזאָגט לאַנג. ער איז געוואָרן אַנטשוויגן און ווידער אָנגעהויבן. טראָפּנס האָבן זיך אים געקייקלט אויף די באַקן, געבליבן הענגען אויף דער באָרד. ווען דער בעל־תּוקע האָט אַ זאָג געטאָן: מן המצר קראתי יה ענני במרחב יה, האָט זיך אַ געשריי אַרויסגעריסן פֿון אַלעמענס העלדזער. די ווייבער האָבן געגומען יאָמערן. פּיניעלע האָט זיך צעוויינט. דער מקריא האָט גערופֿן מיט אַ ציטעריק קול: תּקיעה, שברים, תּרועה... דער עולם האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם. דאָס שאַלעניש פֿון שופֿר האָט זיך דורכגעריסן דורכן געהויל פֿון די נשים. ס׳האָט זיך דערמאָנט אין שופֿר של משיח. ווער ווייסט? אפֿשר וועט פֿאַרט נעמען אַן עק צו יידישע צרות? אפֿשר איז דאָס מעסטל שוין פֿול? דער בעל־מוסף איז געווען ישראל־אלי גבאי. ער האָט זיך אָוועקגעשטעלט ביים עמוד אין טלית און אין קיטל, אַ רוף־געטאָן: הנני העני ממעש, און איז געוואָרן אַנטשוויגן. נאָך אַ הפסקה האָט ער פֿונסניי אויפֿגעשריגן: ותגער בשטן לבל ישטיננו!... נאָכן דוכנען האָט מען זיך געוואונטשן גוט־יום־טוב און יעדער איז אָוועק אין זיין היים אָדער אין זיין חורבה. די מתפּללים האָבן געמוזט אָפּוואָרטן אין די טויערן צווישן איין אַלאַרם און דעם אַנדערן. די סירענעס האָבן געבלאָזן שופֿר אויף זייער שטייגער: די אַטאַקע איז פֿאַרביי! דער נאַצי איז אָוועק אָנלאָדן נייע כּלי־משחית... פֿאַרויס האָט געשפּאַנט דער רבי, פּיניעלע, ניוניע. פֿון הינטן זיינען נאָכגעקומען די ווייבער: לאה, לאַטע, מאַשע. מ׳האָט געהיפּערט איבער קופּעס ציגל, אייזנס, קאַלך. דאָס שיסן פֿון מאַשין־געווער האָט אויפֿגעהערט, נאָר אין הימל, צווישן די וואָלקנס, זיינען געבליבן הענגען רויכיקע קנוילן. זיי האָבן געשוועבט אין חלל אין אַ סטאַדע, וואָליק און קרייזלדיק, ווי אַ מחנה נישט־פֿון־דער־וועלט. דאָס גערטנדל אויפֿן גזשיבאָוו האָט מען געהאַט פֿאַרוואַנדלט אין אַ צמענטער. צוויי גריים האָבן

געגראָבן אַ גרוב. אַ גלח האָט געבלעקעכצט. ליכט־פּלעמלעך האָבן געגליווערט אין דער טאָגישער שיין. די גאַסן זײַנען געוואָרן פֿאַרענדערט פֿון שעה צו שעה. אַ פֿרי־האַרבסטיקע בלענדיקייט איז געפֿאַלן איבער די צעריסענע דעכער, די האַלב־אומגעוואָרפֿענע קוימענס, די אויסגעריסענע פֿענסטער, די נאָכהענגענדיקע גאַניקעס. אין אַ שטוב, וואָס איז צעשפּאָלטן געוואָרן אויף אַ העלפֿט, איז געשטאַנען אַ צעוואָרפֿן בעט. ס'האָט דעריבער געהאָנגען אַ בילד פֿון אַ ייִד מיט אַ ווייסער באָרד און אַ פֿיר־עקיקער יאַרמולקע. ביי ר' משולם מושקאַטס טויער האָבן די פֿיס זיך אָפּגעשטעלט ווי פֿון זיך אַליין. לאה האָט זיך אָנגעכאַפּט ביי די באַקן, אַרויסגעלאָזט אַ שלוכץ. אַ באַרג שטיינער און קאַלך איז געבליבן פֿון דער אַמאָליקער גדולה. אַ רויך האָט אַרויסגעזעצט פֿון אַ שפּאַלט. די רויִנע האָט געברענט אין די טיפֿענישן...

פּיניעלעס הויז איז נאָך געשטאַנען. מ'האָט געמאַכט דעם יום־טובדיקן קידוש: אשר בחר בנו מכל עם ורוממנו מכל לשון. מ'האָט געגעסן אַ סעודה: ברויט מיט האָניק, רייז מיט וואַסער, עפּל־קאָמפּאָט. דער פֿאַרנאַכט איז צוגעפֿאַלן. דער הימל אין מערב איז געוואָרן איינגעהילט אין פֿלאַמען. שויבן האָבן געבליצט, געלאָפֿן הינטערווייַלעכץ. די זון איז אַראָפּגעזונקען קיין וואָליע, צו די נאַציס, אַ גרויסע, אַ בלוט־רויטע, איבערגעשניטן אין מיטן מיט אַ פּעניצל וואָלקן. אַלץ האָט זיך אויסגעמישט צוזאַמען: דער פּורפּור פֿון דער שקיעה, דער אָפּשיין פֿון די שרפֿות. ס'האָט אַ הויך געטאָן סיי מיט מעשי־בראשית, סיי מיט וועלט־אונטערגאַנג. זיילן רויך זײַנען אויפֿגעגאַנגען איבער וואַרשע, ווי איבער סדום און עמורה.

ס'איז געוואָרן בין־השמשות, נאָר מ'האָט נישט אָנגעצונדן קיין ליכט. דער רבי איז איינגעשלאָפֿן ביי אַ ספֿר. פּיניעלע האָט געדרימלט אויף דער קאַנאַפּע, לאה — אויפֿן בעט. לאָטע איז געזעסן אין קיך אויף אַ קליין בענקעלע, געבראָטן קאַרטאָפֿל אין אַש. דאָשקע איז אַוועק צו אַ שכן. מאַשע האָט זיך אַרײַנגעזעצט אין אַ פֿאָטעל, צוגעשלאָסן די וויעס. אין דער חלומדיקער דעמערונג האָט זיך אויסגעשיילט הדסהס פּנים, האַלב־זוניק, האַלב־שאָטנדיק, מיט גאָלדיק־פֿייערדיקע האָר. ווי מאַשע האָט זי איצט מקנא געווען! הדסה איז שוין פֿריי. אַלץ האָט אויפֿגעהערט: די ווייטאָג, די האָפֿענונג, די מורא, די אײַפֿערזוכט, די זאָרגן. קיינער קאָן זי מער נישט פּייניקן. מען קאָן איר שוין נישט טאָן קיין טובות. זי ליגט אין אַ גרוב און רוט די אייביקע רו. נו, און זי, מאַשע? ווי לאַנג וועט זי וואַרטן אויף דער דערלייזונג? וועט זי אַזוי גוססן אָן אויפֿהער?

מאַשע האָט זיך דערמאָנט יענע נאַכט, דעם פֿינפֿטן אָדער דעם זעקסטן, ווען יאַנעק האָט אָנגעקלונגען ביי איר אין דער טיר. ער איז געווען אָנגעטאָן אין ציווּיל, אין אַ געקראַטעט רעקל, ניקערבאָקערס, דיק־זוילִיקע שיך. ער האָט געטראָגן אַ רוק־זאַק אויף דער פּלייצע. דער רעזערוו־פּולקאָווניק יאַן זאַזשיצקי, דער געוועזענער רעפֿערענט אין אויסערן מיניסטעריום, וואָס איז געפֿאָרן מיט גערינגגן אויף יאַגד אין די ביאַלאָוויעזשער וועלדער, האָט אַפֿילו נישט באַקומען קיין זיץ־אָרט אין דער באַן, וואָס מיט איר איז אַנטלאָפֿן די רעגירונג. ער איז געשטאַנען אויף דער שוועל אָן איינגעבויגענער אַ באַוואַקסענער, דאָס

פּנים — אויסגעלענגערט, דער שטערן — פֿייכט, די טונקעלע אויגן — ברייט צעעפֿנט. אַ יידישער פּחד האָט אַרויסגעקוקט פֿון די שוואַרצאַפּלען. ער האָט זיך געוואָרגן מיט דער אייגענער שטים.

— מאַשע, זיי מיר מוחל... מיר'ן זיך מער קיינמאָל נישט זען... כ'בין באַגאַנגען אַ טעות... אַ ביטערן טעות!...

## 3

אין דעם הויף אויף דער פֿראַנציסקאַנער גאַס, וואו דינהלע האָט געוואוינט, איז געווען אַ שול. דינהלע האָט באַצייטנס געהאַט געקויפֿט אַ שטאָט אויף ימים־נוראים. לכּבוד יום־טוב האָט זי אָנגעטאָן דאָס גאָלדענע קלייד, אַ ירושה פֿון דער מאַמען עליה השלום, אַ פּאָר אַלט־פֿרענקישע שיך מיט קלאַמרעס, און אַ זיידענעם שאַל איבערן שייטל. זי האָט גענומען דעם קרבן־מנחה־סידור מיט דעם קופּערנעם שלאָס, די גאָלד־געליישטע תּחינה, דאָס מחזור מיט די ניין־און־דרייסיק מעלות, און איז אַוועק דאַווענען. זי האָט מיטגענומען איידלען און טעמערלען. ביידע זין, גבריאל און דנ'דל, האָבן געדאַוונט אַ פּאָר הייזער ווייטער, אין ר' איטשעס ישיבה. מנשה־דודל האָט פֿאַרקוקט אַלע סכּנות און איז אַוועק אין אומאַנער שטיבל, אויף דער דזשעלנע. די טויטע חסידים, ווי מ'האָט זיי גערופֿן, האָבן זיך געפֿירט ווי אַלע יאָר. מ'האָט געטאַנצט פֿאַרן דאַווענען און געלערנט צוזאַמען ליקוטי מהר"ן. אַן אַלטער ייד, ר' מנחם, האָט געזאָגט פֿאַרן עולם אַ תּורה. די חסידים האָבן געפּאַטשט מיט די הענט, קונציק געקנאַקט מיטן ווייז־פֿינגער און דעם דוימען, אונטערגעהאָפּסלט און געמאַכט העוויות. איין חסיד האָט דערמאָנט דעם אַנדערן ר' נחמן בראַסלאַווערס וואָרענישן: קיין יאוש איז גאָרנישט פֿאַראַן! ווי לאַנג ס'פֿייערל טליעט, איז נאָך גאָרנישט פֿאַרפֿאַלן!... אַוודאי איז ביטער, יידן זיינען נעבעך איינגעשטעלט. ס'וואָסער גרייכט ביזן האַלדז. נו, איז וואָס? דאַרף מען ערשט זיין בשמחה! וואָרים וואָס איז עצבות? נאָפּט אויפֿן פֿייער פֿון יצר־הרע! וואָס וויל ער דען, דער בעל־דבר? מ'זאָל זיך חלילה אונטערגעבן ערב דער גאולה. אַ מכּה אים! גירא בעינא דשטן. ווייל דער ס"ם וויל טרויער, וועט מען אים אויף צעפּיקעניש זיין האָפֿערדיק!...

אין שטיבל איז געווען אַ רויש. ווער ס'האָט געלערנט די גמרא ראש השנה און ווער ס'האָט געברומט ביים ליקוטי תּפֿילות; ווער ס'האָט געזונגען דעם רבינס ניגון און ווער ס'האָט געזאָגט תּהילים. ווי וואויל ס'איז אַ סכּנה פֿאַרבייצוגיין די גאָס, זיינען יונגעלייט אַוועק אין מקווה, אין אַ שכנותדיקן הויף. דער קעסל איז נישט געווען געהייצט. ס'וואָסער איז אייז־קאַלט. נאָר וועמען אַרן אַזוינע שטותים? מ'האָט געציטערט און זיך געטובלט. מנשה־דודל איז דער ערשטער אַריין אין קאַלטן וואָסער. ער האָט זיך אונטערגעטיקט און איז ווי נעלם געוואָרן. ער האָט מכוון געווען יחודים. נאָך אַ לאַנגער ווייל האָט דער קאָפּ ווידער אויפֿגעטויכט. פֿון דער באָרד איז גערונען, פֿון די פּאות איז געפֿלאָסן, די אויגן האָבן געשטראַלט. ווער היטלער? וואָס היטלער? ס'איז די

אַלטע סטרא־אחרא. איינמאָל איז זי אַ מחשבה זרה, אַן אַנדער מאָל קומט זי אין געשטאַלט פֿון אַ שלאָפֿקייט, אַ דריט מאָל שיסט זי מיט האַרמאַטן. אין תּוך וויל זי אַלעמאָל ס'אייגענע: צונעמען די אמונה, מבלבל זיין די מוחות. וואָס זיינען דען אַלע טועכצער אויף דער וועלט אַ חוץ תּורה און מצוות? פֿאַרבלענ־דענישן, נסיונות, נעצן. קאָן די קליפּה נישט פֿאַנגען די נשמה אַזוי, פּרוּווט זי אַנדערש. זי קליגלט זיך. זי גייט מיט פֿאַרטלען. וואָס־זשע דאַרף מען טאָן? איר אַרויסשטעלן אַ צונג, זאָגן: פֿעטער מ'קאָן אייך! וויבאַלד די חיצונים האָבן נישט קיין אחיזה, ווערן זיי ממילא בטל... אַזוי שטייענדיק אין מקווה האָט מנשה־דודל נישט אויפֿגעהערט אונטערטענצלען און מאַכן סיגעס. ער האָט גע־רופֿן די אַנדערע יונגעלייט.

— נו, וואָס שטייט עך? קומטץ אַריין! ס'וואַסער איז קאַלט, מחיה נפֿשות!...

אַלע זיינען אַוועק דאַווענען, נאָר עוזר־העשל איז געבליבן אין שטוב. ערשטנס, האָט מען אין זוזאַ צייט נישט געקאָנט איבערלאָזן די דירה אויף הפֿקר; צווייטנס, האָט עוזר־העשל נישט געוואָלט גיין אין קיין מקום־קדוש. אויב מ'לעבט ווי אַן אַפּיקורס, מוז מען שטאַרבן אַן אַפּיקורס. מ'בעט זיך נישט איבער מיטן רבונו של עולם ביי דער טיר פֿון גיהנום... ער האָט זיך אַנגעלענט אויפֿן בעט, געבלעטערט שפּינאָזאָס „עטיק". וואָס האָט ער געוואָלט, דער אַמסטערדאַמער פֿילאָזאָף? האָט ער געוואוסט וואָס ער רעדט, אָדער ער האָט זיך גלאַט געפּשטלט? וואָס איז דאָס אַזוינס די סובסטאַנץ מיט די אומענדלעכע אַטריבוטן? וועמען רופֿט ער גאָט? וואָס איז געדאַנק? וואָס איז גייסט? וואָס זיינען אידייען? וואָס פֿאַר אַ שפּינוועבס האָט ער דאָ צוזאַמענגעפֿלאָכטן? עוזר־העשל האָט געפּרוּווט דורכגיין אויף דער גיך אַלע טעאָרעמעס, נאָר וואָס מער ער האָט אַריינגעקוקט, אַלץ פֿאַרווירטער איז ער געוואָרן. טייל זאַצן זיינען געווען זעלבסטפֿאַרשטענדלעך; אַנדערע האָבן אים איצט אויסגעוויזן אומקלאָר, פֿיל־דייטיק, אַ שפּיל פֿון ווערטער. די הויפּט־זאַך: מ'קאָן גאַנץ גוט זיין סיי אַ נאַצי, סיי אַ שפּינאָזיסט. אמת, די פֿאַשיסטן זיינען קעגן שפּינאָזאַן, אָבער בלויז דערפֿאַר ווייל ער איז אַ ייד. די פּראָפֿעסאָרן פֿון פֿילאָזאָפֿיע אין בערלין, לייפּציק, באָן, גריבלען זיך אַוודאי איצט אויך אין שפּינאָזאַן, פּונקט ווי די פּאָעטן שרייבן דאָרט ווייטער לידער און די עסייאיסטן פּלוידערן וועגן קולטור, עסטעטיק, עטיק, פּערזענלעכקייט. מען האָט פֿונאַנדערגעטיילט די ראָלן: דו שלאָג און דו זינג, דו פֿילאָזאָפֿיר און דו רויב, דו קוילע קינדער און דו שרייב געשיכטע. צוזאַמען איז דאָס ציוויליזאַציע. וואָס־זשע טוט מען, האַ? ווי אַנטלויפֿט מען פֿון דעם געשפּענסט? נישטאָ וואוהין. דער וואַלד איז אויך אַזוי: מ'פֿרעסט זיך און מ'זינגט שירה. דער תּנ"ך? יאָ, לאָמיר נאָר טאָן אַ קוק. וואָס זאָגט ער דאָרט, משה? גנבע נישט. הרגע נישט. שלאָף נישט מיט פֿישעלעס וויב. גלוסט נישט זיין וויב, זיין אָקס, זיין אייזל. ס'איז גרינג צו זאָגן. די גאַנצע באַשאַפֿונג איז איין גרויסער מאָרד. ס'איז געווען און געבליבן כל דאלים גבר...

עוזר־העשל האָט זיך אויפֿגעריסן. ער איז אַרויס אין מיטל־שטוב, אַרויס־געצויגן פֿון ספֿרים־שענקל אַ תּנ"כל. ער האָט גענומען בלעטערן, אַהין און צוריק. נו, וואָס זאָגט איר איצט? נביאימלעך? צוויי טויזנט יאָר ווי מיר וואַרטן

אויף איירע צוזאגענישן, און וואס האבן מיר אויסגעוואַרט? נישט קיין חסד, נישט קיין משפט, נישט קיין צדק! היטלערן ביי וואַרשע און נירענבערגער געזעצן אין ארץ־ישראל! יעהאָווא איז נאָך אַלץ דערצאָרנט. ס'גרימט אים נאָך אַלץ אין די נאָזלעכער...

עוזר־העשל האָט געוואָלט טאָן אַ וואָרף דאָס תנ״כל אויף דער ערד, אָבער די האַנט האָט זיך נישט געלייגט. ער האָט עס צוגענומען צו די ליפּן און געטאָן אַ קוש. וואָס זיינען זיי שולדיק? זיי האָבן געמיינט גוט. זיי האָבן נעבעך געוואָלט צדק ומשפט. זיי זיינען געווען די איינציקע, וואָס האָבן דאָס געגאַרט אויף אַן אמת. קעגן וועמען האָלט דען היטלער מלחמה אויב נישט קעגן זיי און זייערע קינדער? אַלע רשעים ווייסן שוין דעם סוד: איין שונא האָבן זיי: דעם ייד און זיין תנ״ך. היטלער טוט דאָס, וואָס די אַנדערע באַגערן...

עוזר־העשל האָט זיך אָוועקגעזעצט אין קיך, פונסניי געמישט. זאָל זיין, ס'איז נישטאָ קיין גאָט! זאָל זיין, אַז גערעכט זיינען די רוצחים! זאָל זיין, אַז גאָט אַליין איז אויף היטלערס צד! זאָל זיין, אַז משה איז אַ ליגנער! די רייד זיינע ווערן צוליב דעם נישט ווינציקער, נאָר העכער. איין ייד, משה בן עמרם, האָט זיך אָוועקגעשטעלט קעגן דער נאַטור, דעם מענטש, דער געשיכטע, און געלאָזט הערן זיין קול: אנכי ה' אלוהיך, אשר הוצאתיך מארץ מצרים מבית עבדים... לא תרצח. לא תנאף. לא תגנוב. לא תענה ברעך עד שקר... קדושים תהיו כי קדוש אני ה' אלוהיכם... לא תגנבו ולא תכחשו ולא תשקרו איש בעמיתו... לא תעשוק את רעך ולא תגזל... לא תעשו עוול במשפט, לא תשא פני דל ולא תהדר פני גדול... לא תלך רכיל בעמך... לא תשנא את אחיך בלבבך. הוכח תוכיח את עמיתך ולא תשא עליו חטא. לא תקם ולא תטר את בני עמך, ואהבת לרעך כמוך... ולא תלכו בחוקת הגוי אשר אני משלח מפניכם כי את כל אלה עשו ואקוץ בהם. ואמר לכם: אתם תירשו את אדמתם ואני אתננה לכם לרשת אותה, ארץ זבת חלב ודבש... ואבדיל אתכם מן העמים להיות לי... ולתתך עליון על כל הגויים אשר עשה, לתהלה ולשם ולתפארת ולהיותך עם קדוש לה' אלהיך...

אין דרויסן האָבן געקראַכט באָמבעס. פייערן האָבן געפלאַקערט. האַרמאַטן האָבן געשאָסן. נאָר עוזר־העשל האָט נישט איבערגעריסן דאָס לייענען. די דאָזיקע רייד זיינען נישט אומקלאָר און פּילדייטיק. דער נאַצי האָט זיי נישט געקאָנט צוּאייגענען. דאָס זיינען נישט קיין ווערטער, נאָר פלאַמען, וואָס דער אייביקער ייד האָט געשליידערט קעגן דעם אייביקן רשעות.

*

יענעם טאָג האָבן צענדליקער מייל פון וואַרשע, אין אַ סאָסנע־וואַלד, געפייערט ראָש־השנה דריי מאָנסלייט און צוויי פרויען. די דייטשן האָבן געהאַט אַרומגערינגלט די געגנט, נאָר ס'איז געבליבן אַ האָפענונג זיך דורכצורייסן דורך דעם פראָנט און אַנצוקומען קיין רוסלאַנד אָדער קיין רומעניע. געגאַנגען איז די גרופּע מיט איין תכלית: צו דערגרייכן ארץ־ישראל. דער עלטסטער אין דעם בינטל איז געווען שמעון בענדל. די אַנדערע צוויי זיינען געווען חלוצים

פֿון גראַכאָוו. פֿון די נקבות איז איינע געווען אַ חלוצה און די אַנדערע — אַ חברטע פֿון השומר הצעיר. אין וואַלד איז מען געבליבן דערפֿאַר, ווייל ס׳איז געווען אַ סכּנה זיך צו געפֿינען אין וועג. דערצו האָט מען געמוזט רוען. די שיך זיינען געוואָרן צעריסן. די פֿיס זיינען פֿול געווען מיט ביילן און בלאָזן. מ׳האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ פֿלאַך טייכל, צווישן קוסטעס. פֿייגל האָבן געשריגן. אַ פּיקהאָלץ האָט געפּיקט. אַ קוקולקע האָט געקוקעט. דאָס מרוקעניש פֿון קי האָט אָפּגעהילכט צווישן די שטאַמען. אומגעזעענע האָבן געבלאָזן שופֿר... אַ טשערעפּאַכע האָט זיך געקייקלט איבערן מאָך, ווי אַ גייענדיקער שטיין. די מיידלעך האָבן אויפֿגעבונדן די בינטלעך, די יונגען — די רוק־זעק. ווער ס׳האָט געקעמט די האָר און ווער ס׳האָט געוואַשן די פֿיס; ווער ס׳האָט צוגעלייגט זאַלב צו אַ וואונד און ווער ס׳האָט געביסן אַ פּעניץ פֿאַרדאַרט ברויט. שמעון בענדל האָט געטראָגן אויף די פּלייצעס די שווערסטע לאַסט. אין רוק־זאַק זיינעם האָט זיך געפֿונען אַ טעפּל און אַ לעפֿל, ברויט און קאַשע, וואורשט און געטריקנטע באַרנדלעך, אַ לייבל און הויזן, ביאַליקס שירים און אַ מאַפּע פֿון ארץ־ישראל. אין הויזן־קעשענע האָט געשטעקט אַ רעוואָלווער, אין פֿאָדערשטן טאַש — אַ קאָמפּאַס. ער האָט געהאַט מיט זיך אַ מעסער מיט אַ קופּערנעם שטיל. שאַשען האָט שמעון געמוזט איבערלאָזן אין וואַרשע. אַ טראַגעדיקע, האָט זי נישט געהאַט קיין כּוח צו די וואָגלענישן. אָבער ער אַליין, שמעון, האָט נישט געהאַט בדעה זיך צו לאָזן שעכטן ווי אַ שאָף, נישט פֿון קיין אַראַבער און נישט פֿון קיין דייטש. ער איז דעם גאַנצן וועג געגאַנגען פֿאָרויס, מיט אַ משא אויפֿן רוקן, אַ באַוואַקסענער, מיט אַ געבויגענעם קאָפּ, שוואַרץ פֿון דער זון, און אונטערגעברומט זיין באַליבטן שיר:

שם בארץ חמדת אבות
תתקיימנה כל התקוות.
שם נחיה וגם ניצור
חיי חופש, חיי דרור.
שם תהא השכינה שורה,
שמה תפרח שפת התורה — — — —

* *

שמעון בענדל און זיינע חברים זיינען נישט געווען די איינציקע. פֿון יעדן שטעטל האָבן זיי זיך געלאָזט, חלוצים, שומרים, סתּם יונגוואַרג, יעדער מיט דעם אייגענעם באַגער: צו דערגיין אַהין, אין צוגעזאָגטן לאַנד, קיין ירושלים און תּל־אָביב, יפֿו און חיפֿה, די קאָלאָניעס און די קבוצות. זיי האָבן זיך געוואַלגערט אין אַלע פּאָרט־שטעט. זיי זיינען אַרומגעשוואומען אויף די וואָגלשיפֿן. זיי האָבן געשוואַרצט אַלע גרענעצן. געפֿאַנגענע ביי די קראַטן פֿון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן זיינען זיי געשטאַנען, מיט געלע פּנימער, צעשמיסענע לייבער, און געחלומט איין חלום: סערטיפֿיקאַטן. די שוועלן פֿון יעדן קאָנסול האָבן זיי אָפּגעשלאָגן און געבעטן אַ וויזע. ווי אין דער צייט פֿון סיחון האָבן זיי צוגעשוואוירן: מיר וועלן זיך נישט אָפּנויגן אין קיין פֿעלד און אַ וויינגאָרטן. מיר וועלן נישט טרינקען וואַסער פֿון אַ ברונעם. אויפֿן דרך־המלך וועלן מיר

גיך, ביז מיר וועלן אַדורך דיין געמאַרק... אָבער זיינען דען נישט די היינטיקע סיחונס די אייגענע וואָס פֿאַרצייטן?

ווייט איז געוועזן די יידישע ערד. פֿאַרשלאָסן איז געוואָרן די מדבר. קיין וואָלקן־זייל האָט נישט געוויזן דעם שטעג בייטאָג. קיין פֿייער־זייל האָט נישט געלויכטן ביינאַכט. פֿאַרבאָרגן האָט גאָט זיין פּנים. געשלאָגן איז געוואָרן יעקב. געשפּעט האָבן זיינע פֿיינט: וואו איז דיין גאָט, ישראל? וואָס שווייגט ער, דיין באַשיצער? וואו איז זיין רעכט? וואו איז זיין בונד? באַטריגט האָבן דיך דיינע נביאים. גאָט אַליין איז אַ נאַצי...

יעקב איז פֿאַרברענט, דינה — געשענדט, שמעון ולוי — גורט־אָן די לענדן. האָפּט נישט אויף קיין דערבאַרעמונג. עמלק לויערט אויף אייך. פּרעה שפּאַנט זיינע רייטוועגן. אַלץ איז נאָך געבליבן: ישראל און דער כּנעני, גאָט און געץ, מצרים און דער טאָפּ פֿלייש. משה איז טויט, אָבער זיין וואָרט רופֿט אייך: גייט אויף, רעשטלעך פֿון ישראל, און ברייט־צו די לעצטע שלאַכט. ווייל אַ פֿלאַקער איז דאָס הויז פֿון יעקב און דאָס הויז פֿון עשיו איז שטרוי. גייט־אויף און פֿאַרכט נישט. אויף אייער זייט איז דער לעצטער זיג. צו אייך וועט קומען משיח.

**תם ונשלם**